STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11708

DER MALEKHAMOVES

Kazimierz Przerwa-Tetmajer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאַזימיעזש טעטמאַיער

דער מלאך המות

ראָמאַן

יידיש יונה שפּער

PUBLIC LIBRARY
FALL RIVER, MASS.

1924
ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין

MADE in POLAND

Kazimierz Tetmajer. „Anioł śmierci". Romans.
Tłum. J. Szper.

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie" B. Kleckina, Wilna,
M.-Stefańska 23.

קאזימיעזש טעטמאיער

קאַזימיעזש טעטמאַיער.

קאַזימיעזש פּזשערוואַ טעטמאַיער איז געבאָרן געוואָרן אין 1865 יאָר אין לודזימיעזש, נאָוואָטאַרגער קרייז אין גאַליציע, וואו ער האָט אויך פאַרבראַכט די גרעסטע טייל פון זיינע קינדער-און יוגנט-יאָרן. שוין אינם פאָטערס הויז, וואָס איז געווען אַ מקום-מקלט פאַר פאַרשיידענע אָנגעזעענע פאָליאַקן, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין קאָנספּיראַטיווער אַרבעט לטובת פוילן, האָט דער יונגער טעטמאַיער זיך דורכגעדרונגען מיט דעמאָקראַטישע און פּאַטריאָטישע אידעאַלן; אין די שפּעטערדיקע יאָרן אָבער איז ביי אים די תשוקה צו באַהעפטן זיך מיטן פאָלק געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער, ביז עס האָט געפונען אַן אויסדרוק אין זיינע שענסטע שאַפונגען, וואָס זיינען געוואָרן דער עפּאָס פון טאַטרישן פויערטום.

די גרעסטע השפעה אָבער האָט אויפן דיכטער געהאַט די צויבערפולע טאַטרישע נאַטור, וואָס האָט אים אָנגעזעטיקט מיט איר מילך און האָניק און איינגעוויגט זיין יוגנט מיט כלערליי מעשיות, לעגענדן, פאָלקס-גלויבנס, פאָראורטיילן און גוראַלישע לידער. מיט די בערג און באַרג-לייט איז ער געווען באַקענט פון זיין פריסטער קינדהייט אָן; ער איז איינמאָל אַפילו שיר ניט געפאַלן אַ קרבן פון די אַרומיקע הויכקייטן: בעת ער איז נאָך אַלט געווען אַ יאָר ניין, איז ער אַראָפּגעפאַלן אין אַן אויסגעטריקנטן בעקן פון אַ געוועזענער באַרג-אָזערע און עס וואָלט פון אים קיין זכר ניט געבליבן, ווען עס וואָלט אים על-פּי מקרה ניט מציל געווען דער דיכטער סעווערין גאָסטשינסקי, וואָס האָט אַלס אינסורגענט געמוזט אַנטלויפן פון קאָנגרעס-פוילן און זיין

אַלס עמיגראַנט ביי די טעטמאַיערס. פונם דאָזיקן דיכטער האָט אגב דער יונגער טעטמאַיער אַ סך גענאַשט. ראשית, האָט ער זיך אָנגעהערט פאַרשיידענע מעשיות וועגן די העלדישע קאַמפן פון די פּאָליאַקן, וואָס האָבן מיט מסירת נפש זיך איבערגעגעבן דער אידעע פון באַפרייען דאָס פאָטערלאַנד; ווייטער האָט גאָסטשינסקי אויף אים געווירקט מיט זיין פערזענלעכקייט,—דער עיקר אָבער האָט ער איינגעפלאַנצט אין טעטמאַיערן ממש איבערמענטשלעכע ליבע צו דער אַרומיקער נאַטור, וואָס ער אַליין האָט שוין אין זיינע שירים געהאַט באַזונגען און איז געווען אַ מין פּאָעטישער קוואַטער פונם קליינעם קאַזימיעזש: אונטער גאָסטשינסקיס השפעה האָט ער אגב אויך אָנגעהויבן צו שרייבן לידער.

טעטמאַיער געהערט אָבער ניט צו די דיכטער פון אַן ענגער וועלט. אמת, זיין מוזע איז אָן שום ספק אַ קינד פון די טאַטרישע בערג, אַ נימפע פון די הערלעכע אָזיערעס, אַ מעלאַנכאָליש, אייביק באַצערט וועזן פון די אַרומיקע דערפער, — ער רייסט זיך אָבער אָפטמאָל אָפּ פון דער דאָזיקער אָפּגעשלאָסענער וועלט, כדי צו כאַפּן אַ בליק אויך אין די טיפענישן פון מענטש און נשמה, דרינגט דווקא דורך די גרעבסטע פלאַכן און דערטאַפּט אָפטמאָל, ווי מיט רענטגענשטראַלן, דעם שרעקלעכן קרעבס פון מענטשלעכע פּיין.

פון די קינדעריאָרן האָט קאַזימיעזש טעטמאַיער געברענגט צוטראָגן אין דער שרייב-קונסט אַריין כמעט די הערלעכסטע און גליקלעכסטע אויפשוואונגען פון שאַפונג, וואָס ער האָט שפּעטער אָפּגעלאָזט אינגאַנצן פון צוים, אויסגעלייטערט דורך זיין מעלאַנכאָלישער זעל און פאַראייביקט אין דער פּוילישער ליטעראַטור. ער האָט מיט דער גרעסטער התמדה שטודירט דעם טאַטרישן דיאַלעקט, דעם לעבנס-שטייגער פון די פּויערים, מיט לייב און לעבן זיך אָפּגעבן דער זאַך און ממש ווי אַ שיכור געטרונקען פון דער לעבעדיקער קרעניצע פון קוועלעדיקן לעבן.

זיין בילדונג האָט דער דיכטער באַקומען אַפריער אין גימנאַזיע, דערנאָך אין יאַגעלאָנער אוניווערסיטעט אין קראָקע.

די ווערק פון די גרעסטע פּוילישע דיכטער און וואָרט=

מייסטערס, אַדאַם מיצקעוויטש און יוליוש סלאָוואַצקי, האָבן אי־בערגעלאָזן אין טעטמאַיערן זוימען פון ראָמאַנטיזם, וואָס זיינען זייער שנעל אויפגעגאַנגען, אָבער מיט נאָך גאָר גרינע פירות, וואָס האָבן ערשט באַדאַרפט איבערגעטראָגן ווערן אין ספעקט פון זיין אייגענער נשמה, כדי צו ווערן איגאַנצן צייטיק. איך מיין דאָ די ערשטע יוגנטלעכע פּאָעמע זיינע „איללאַ", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1886, וואו דער מחבר רופט דאָס פוילישע פאָלק צו לעבן אין אחדות, אין ליבע, מיט גלויבן און עקשנותדיק שטרעבן צום פאַרווירקלעכן זיינע אידעאַלן.

ס'איז דאָ צו באַמערקן טיף איינגעשטעמפּלט געוואָרן דער זיגל פון ראָמאַנטיזם, וואָס איז אָבער ניט געווען נאָך באַהויכט מיט פאַרב פון אייגן בלוט, נאָר געווען בלויז אַמין אַרבעט, וואָס עס האָט אים פאַרגעבן צו מאַכן, אַלס אייגענעם פרוב, די פּאָעזיע פון די פריערדיקע דורות. אָבער שוין אין די ערשטע אוניווער־סיטעט־יאָרן פרובט דער דיכטער זיך אַרויסרייסן פון די פרעמדע קלאַמערן און שטרעבט וואָס אַמאָל מער צו זאָגן עפּעס אַן אייגן וואָרט, צו ווערן זעלבשטענדיק און דיקטאַטאָר איבער זיין שאַפונג.

אומזיסט אָבער.

אמת, ער הייבט אָן זיך באַפרייען פון די שאָלן פון פרעמ־דע געדאַנקען, דער קערן בלייבט אָבער דערזעלבער; ער זאָגט זיך אָפּ פון אויסגעבאָרגטע און געשעפּטע אין ביכער מיינונגען, גייט אַוועק צום מקור פון זיין אייגענעם איך,—אָבער תיכף ווערט ער אַריינגעצויגן אין די סטודענטישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, וואו ער ווערט אַן אָנהענגער פון גרייטן קאַטעכיזיס, אמת דע־מאָקראַטישן, אָבער פאָרט געזעלשאַפטלעכן קאַטעכיזיס, וואָס טריקנט אויס אויף אַ קורצער צייט די פייכטקייט פון זיין פער־זענלעכן הויך, און הייסט אים זיין אַ גראָער מיטקעמפער אין דער ריי דינער פון שאַבלאָן. אַזוי איז געווען בעת ער גרינדעט צוזאַמען מיט אַנדערע דעם ראַדיקאַלן אָרגאַן פון דער פראָ־גרעסיווער יוגנט Ognisko. אין 1887 יאָר פאַרעפנטלעכט ער אַן אַרטיקל א. נ. „אַן אַרבעס אָן דער וואַנט". וואו ער שיט פעך

און שוועבל אויפן שמן־זיתדיקן סענטימענטאַליזם פון דער נאָכ־ראָמאַנטישער תקופה, רופנדיק צו פּראָגרעס, צו פאַרערן אַר־בעט, צום באַקענען זיך מיט די געזעצן פון נאַטור און מענטש. דידאַזיקע שטים האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט און דער עולם שרייבער הייבט זיך אָן צו אינטערעסירן מיטן יונגן מחבר, וועלכער איז דאָ ניט לאַנג נאָך געווען אַזוי ראָמאַנ־טיש געשטימט אין זיין „אילאַ", און שרייבט פּלוצלונג אָן אַ פּאָעמע „אַלעגאָריע", וואָס איז לויטן טאָן כמעט דער היפוך פון יענער. דאָס דאָזיקע ווערקל, דעמאָקראַטיש באַפּאַרבט, איז אָבער דורך און דורך טענדענציעז און דערצו אַזוי בולט, אַז בעת מען לייענט עס היינט, זעט מען תיכף, אַז דער דיכטער וועט לאַנג קיין סאָציאַלע פראַגן ניט באַהאַנדלען,—ער וועט מוזן אַוועק גאָר אין אַנדער ריכטונג.

און כך הווה.

טעטמאַיער, דער מחבר פון די אייבנדערמאָנטע פּאָעמעס און טעטמאַיער דער מחבר פון בענדל לידער, וואָס איז אַרויס אין 1891 יאָר, — דאָס זיינען צוויי באַזונדערע וועלטן.

פון וואַנען־זשע נעמט זיך דערדאָזיקער איבערלעכער אי־בערבראָך אינם דיכטער?

ס'איז ניט געווען בלויז דער איבערבראָך פון אַ יחיד. ער איז געקומען דורכן גאַנצן כלל. אומעטום איז אין יענער צייט פאָרגעקומען אַ שאַפערישע רעוואָלוציע; מען האָט אין אַלע לענ־דער געשטרעבט אַראָפּצוואַרפן פון זיך דעם פּאַנצער פון סאָ־ציאַלע פּראָבלעמען אין דער שאַפונג, פון די מאָראַליזאַטאָרישע עלעמענטן און פון די באַנקראָטירטע גלייכהייט, ברידערלעכקייט און פרייהייט־פּרינציפּן פון זינט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אָן. מען האָט זיך אַוועקגעשטעלט על פרשת דרכים, ס'איז ניט געווען קיין איין זאַך, וואָס זאָל קענען די פריערדיקע אידעאַלן פאַרבייטן, איז אַלס נאַטירלעכער פּועל־יוצא געקומען דער פּע־סימיזם. ער האָט זיך אויך אַריינגעכאַפּט אין טעטמאַיערס נשמה, זיך געמאַכט דאָרט אַ נעסט און אונטער דער השפּעה פון די פראַנצויזישע מייסטערס, ווי לעקאָנט־דע־ליל, וואָס האָט געאָטעמט

מיט יאוש און אומגלויבן, אונטער דער השפעה פון באָדעלער און ווערלען, וואָס האָבן געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף דער וועלט און מענטשן,—לסוף אונטער דער השפעה פון אייגענע איבער־לעבונגען, שאַפט דער דיכטער טיף־מענטשלעכע, יסורימפולע און קריסטאָל־ריינע אויסדרוקן פון זיין וועזן, וואָס זיינען די ערשטע אין אייגענעם פילטער געלייטערטע, אמתע שאַפונגען פונם זעקס־און־צוואַנציקיעריקן דיכטער.

כמעט אין משך פון צען יאָר ווערט טעטמאַיער דער קיניג פון דער פוילישער פּאָעזיע, ער גיט אַרויס זיינע סעריעס לירישע לידער אין יאָר 1891, אין 1894 און 1898 און יעדערע באַזונדער לאָזט איבער אַ טיפן רושם, רופט אַרויס גרויסן אינטערעס און גלייכצייטיק גרויסע חלוקי־דעות צווישן די אָפיציעלע קריטיקער פון יענער צייט. דידאָזיקע פּאָעזיע זיינע איז געווען אַ אמתע אָפּשפּיגלונג פון זיין נשמה, דער טיפסטער אויסדרוק פון יאוש, די משוגעת פון שמערצלעכן פיבער, — זי גיט אַן אויסדרוק פון אַ וועזן, וואָס זוכט און קען ניט געפינען, געפינט און מוז ווייטער זוכן, ווייל זי איז ווי אַ שיף אָן אַ רודער, געבליבן אויף חסד און אומחסד פון די כוואַליעס פון לעבן.

כמעט אַלע לידער זיינע זיינען פול מיטן דאָזיקן יאוש. אומעטום איז ער זיך מודה, אַז ער האָט פאַרלאָרן די האָפענונג, ער האָט ניט קיין ליבע, ס'איז פוסט און וויסט אין היכל פון זיין נשמה, ס'איז מיטן וואָרצל אויסגעריסן געוואָרן דאָס גלויבן און ווי ווילדע גראָזן זיינען אָנגעוואַקסן פּיַין און אַפּאַטיע, וואָס זיינען פאַר אים די שווערסטע קללה געוואָרן:

אז דו שטארבסט אָפּ, גייט אויס אין מיר מיין זעל,
און א נאכט, אן אייביק שווארצע קומט צו גיין,
פאר מיינע טרוימען בלייבט פון טיפע תהומות שטיין—
דער ראנד און שוועל...
און שטארבט מיין הארץ אין מיר און ס'צאנקט מיין זעל.

ס'איז ניטאָ אינם דיכטער קיין איין שטראַל פון האָפענונג, וואו זיין מוח און האַרץ וואָלטן געוועזן אַ camera obscura, וואָס

לאָזט ניט צו זיך קיין שיין. ער רייסט פון זיך שטיקער, ווי אַ זעלבסטפּייניקער, ער לעסטערט גאָט, זאָגט זיך אָפּ פון אַלע הייליקייטן און אַנטפּלעקט אומעטום „דעם טויטן חלל פון דער נשמה".

פּעסימיזם און יאוש זיינען אָבער בלויז אַ נעגאַטיווע פאָר־מולירונג פון אַזאַ נשמה־צושטאַנד; ס'איז פאַראַן אַ ריין־רע־ליגיעזע אויפפאַסונג, וואָס אַנטהאַלט אין זיך דעם פּאָזיטיוון תּכן פון דערדאָזיקער חורבה אינם מענטשן, און צו איר ווענדט זיך טאַקע דער דיכטער, הגם זייער זעלטן, אין זיינע לידער:

פון תהומות פיין דאָס קול מיינס האָסט געהערט
נירוואַנאַ!
פון הימל שיק דיין קיניגרייך מיר אויף דער ערד
נירוואַנאַ!
פאַרטרייב פון מיר די אַלע שלעכטע, בייזע לייט
נירוואַנאַ!
מזבחות מענטשלעכע צעטרעט פון נאָענט און פון ווייט
נירוואַנאַ!

צייטנווייז אָבער איז ער אויף דערדאָזיקער אויסלייזונג אויך מוותּר און ער אַליין ווערט דער שופט איבער זיך און מאַכט אַ תּל פון אַלעם, לאָזט איבער בלויז אַ חורבה פון האַרץ און נשמה אין זיין לעבן און זיין.

דער תּכן פון זיין פּאָעזיע איז מרה־שחורה, בענקשאַפט, אומעט, יאוש, פּיין; דאָס איז אויך דער אויסדרוק פון זיין נשמה, ווייל ניט קיין ריכטונג און פּסיכאָז גיט ער זיך אונטער, נאָר דעם אינערלעכן מצב זיינעם, וואָס האָט גראָד געפונען אַ תּיקון אין די שטימונגען, וועלכע האָבן אַגב געהערשט אין יענער צייט. „מיין נשמה — זאָגט ער — שלעפּט זיך אום איבער דער ערד, ווי אַ בושל מיט צעבראָכענע פליגל, און לאָזט איבער בלוטיקע שפּורן אויפן ערדישן שליאַך". ס'איז אים שווער און ביטער. ער האָט פאַרלאָזן מענטשן, דאָס לעבן האָט אויסגעזויגט אַלץ פון זיין

נשמה, ער פילט, אַז זיין איינציק שליחות איז חרוב מאַכן אָן שיעור און אָן ערך.

ס׳איז ממש וואונדערלעך, ווי ווייט ס׳איז אין אים דער־באַנגען דער משוגעת פון צעברעכן און אָפּזאָגן זיך פון אַלעם, אַפילו קעגן דער נאַטור טרעט ער, אַ קינד אירס, אַ האָרעוואַניק פון די טאַטרען, אַרויס שאַרף, און בלוטיקט זיין הארץ אויף איר אייטלקייט, נישטיקייט און טויט. אָבער דאָס געשעט ביי אים זעלטן. דאָס איז בלויז אַ רעפלעקס פון אַלע זיינע ווייגעשרייען, ס׳איז אַ ווידערוויי פון זיינע האָפנונגסלאָזע פיין. דעמאָלט, ווען ער קומט אין באַרירונג מיט דער נאַטור, ווערט אים לייכטער אויפן הארץ, דאָ געפינט ער דעם באַלזאַם, וואָס היילט זיינע וואונדן, וואָס עס האָט אים איבערגעלאָזן די פאַראַכטונג צו מענטשן און שנאה צום המון.

ניט קוקנדיק אָבער דערויף, וואָס ער פאַרמאָגט אַזוי פיל באַוואָרענישן, איראָניע, פאַראַכטונג, כעס, חוזק פאַרן המון, לאָזט ער אָבער אַמאָל פאַלן ווערטער, וואָס זיינען אַ פולקומע סתירה צו זיין אני מאמין.

„קונסט — זאָגט ער למשל — איז ווי אַ בוים, וואָס איז באַ־דעקט מיט זיסע פירות, אונטער וועלכע עס שטייט דער המון. ס׳איז שלעכט, אויב עמיץ כאַפּט זיך אַרויף און וואַרפט ניט אַראָפּ דעם עולם פון אונטן קיין זיסע פרות, ווייל די קונסט, וואָס געפינט ניט קיין אָפּקלאַנג אין הערצער, איז ענלעך צו קאַלטע שטראַלן פון שטערן און לבנה, אונטער וועלכע קיין זאַנ־גען קענען ניט וואַקסן און ווערן צייטיק".

די חלוקי דעות צווישן דער קריטיק בנוגע אים זיינען אין לשער. דער אַמביציעזער און פילנדיקער פּאָעט ווערט אָבער גוואַלטיק נתפעל פון שלעכטע רעצענזיעס איבער זיינע ווערק און טרעט אַרויס קעגן די פאַרשוועכער פון שאַפערישער אַרבעט, וועלכע ער באַהאַנדלט אָפטמאָל אויף גאָר־ניט קיין איידעלן אופן.

דערהויפּט מוז ער אַרויסטרעטן קעגן די קריטיקער, וואָס באַציען זיך נעגאַטיוו צו די עראָטישע מאָטיוון אין זיין פּאָעזיע.

טעטמאַיער איז אַוועק פון אָנגענומענעם אופן פון באַהאַנדלען פּרויען אין דער פוילישער פּאָעזיע ביז זיין תקופה. ער האָט קודם־כל זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פרוי אַלס מין, אויף דער פרוי אַלס אַ זי.

ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך פאַרוואָס אויך. קוים האָט ער געהאַט אַלץ פאַרלאָרן, קוים איז ער געווען דורכגעדרונגען מיט אַזאַ טיפן פעסימיזם, — איז אים אַלס נאַרקאָז געבליבן די תאווה, דאָס שטילן די פאַרלאַנגען, וואָס האָבן אים טיילווייז געלינדערט זיינע ליידן אין טשאַד פון שיכּרות. ניט אַלעמאָל אָבער איז עס ביי אים אַזוי. עס מאַכט זיך זייער אָפט, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון דער תאווה לשם דער פאַרהערלעכטער ליבע, וואָס איז ריין, ווי דער פרימאָרגן, און פריש, ווי טוי. בכלל איז דער דיכטער פול מיט סתירות, וואָס לאָזן זיך גאָרניט פאַרטייטשן, אַחוץ מיט דעם אייגאַונאַיינציק פירוש פון יעדער פילנדיקער און איינדרוק־פולער נשמה, — שטימונג: אַזוי קען לעבן די הייסע, גליענדיקע תאווה־לידער, געפינען אַן אָרט אין זיין פּאָעזיע דער קולט פאַר דער ריינער קלאַסישער ליניע אין קונסט; לעבן דעם „ליד פון ווייסן קערפער", סאָנעטן אַ לאַ ערעדיאַ, *) וואָס פאַרמאָגן אין זיך „פולע, ברייטע, בראָנזענע" קלאַנגען און זיינען אַ געשניטע־נער דענקמאָל פאַר דער אַנטיקער וועלט.

אין אַזאַ מין ווירוואַר פון אייגענער שאַפונג געפינט זיך קאַזימיעזש טעטמאַיער כמעט אַ גאַנצן צענדליק יאָרן. גראָד צו יענער צייט אָבער האָבן אין פוילן, פונקט ווי אין דייטשלאַנד, בעלגיע, שוועדן וכדומה, אָנגעהויבן זיך גרופּירן דיכטער און קינסטלער אַרום דער אידעע פון אויסגעשפּראָכענעם אינדיווי־דואַליזם, און זיי האָבן געשאַפן אַ ריכטונג, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען יונג פוילן. תיכף פון די ערשטע טריט אָן, וואָס די אָנהענגער פון דערדאָזיקער ריכטונג האָבן געמאַכט, איז צו זיי צוגעשטאַנען אויך טעטמאַיער. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף פון צעשטערן דאָס אַלטע און בויען נייס און דאָס האָט אויפגע־

*) באַרימטער פראַנצויזישער דיכטער.

מונטערט אַלעמען. בראש פון יונגן פוילן איז געגאַנגען סטאַניס־לאַוו פשיבישעווסקי, ער האָט נאָך מער פאַר אַלע און נאָך שטאַר־קער אָפּגעוואָרפן יעדער אוטיליטאַרן, נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן מאָמענט אין דער קונסט און קודם־כל און דער עיקר געהאַלטן פאַר דעם אויסדרוק פון קונסט די נשמה פון אַ מענטש. ער איז גע־וואָרן דער העראָלד פון עקסטרעמסטן אינדיווידואַליזם. טעטמאַיערן איז בטבע אַזאַ אויפפאַסונג געווען נאָענט; איצט, ווען די אידעע איז געוואָרן פּאָפּולער און געהאַט אַן אייגענע פעסטונג אין יונג־פוילן, האָט ער זיך געלאָזט אינגאַנצן באַהערשן פון דאָזיקן שטראָם.

די ערשטע פרוכטן פון זיין נייעם שאַפונגס־אידעאַל זיי־נען געווען נאָך גאַנץ שוואַך, אָבער אינגיכן כאַפּט ער זיך ווי־דער אַרויף אויף די העכסטע שטאַפּלען און ברענגט אַריין לעבן, פרישן צאַפּל פון האַרץ, נייעם אויסדרוק און בילד. די פאָעמע „בשעת אַ ווינט פון די טאַטרען", איז איינע פון די שענסטע אין דעם פעריאָד; דאָ האָט ער איבערגעשטיגן אַלע, וואָס האָבן ביז אַהער די טאַטרישע נאַטור באַזונגען. זיינע טאַטרישע פאָ־עמען און געזאַנגען, פול פּלאַסטיק און שפע, גיבן אַן אומגע־הייער גרויסע צאָל שיינע לייוונטן, וואָס זעלטן וועלכער פּייזאַ־זשיסט וואָלט בכוח געווען צו שאַפן.

זיין: בילד פון שוויניצע אין ווערכטשיכער טאָל, אין ביאַלע, אין וואַלד, בין השמשות, ביי מאָרסקע אָקאָ, דער פּלאַטער, ביי־נאַכט אין קאָסציעלסק — זיינען מייסטערווערק פון ריטמיק און האַרמאָניע. צו די שענסטע פון זיינע לידער געהערן אויך „מע־לאָדיע פון נאַכטישע נעפּלען", וואָס זיינען אַן איבעריקע ראיה, אַז טעטמאַיערס נשמה איז פול ליריזם, און דווקא דאָס צייכנט זיין וועג פון דער ערשטער רגע אָן מיט האַרמאָנישע טענער אַפילו דעמאָלט, ווען דער דיכטער וואַרפט זיך און שרייט און קען זיך קיין אָרט ניט געפינען.

טעטמאַיער איז אָבער ניט בלויז דיכטער. דער שווערפּונקט פון זיין שאַפונג איז אפשר טאַקע די פּאָעזיע און זיין טאַטרישער עפּאָס, — איינס פון די שענסטע ערטער פאַרנעמט ער אָבער אויך אַלס ראָמאַניסט און נאָוועליסט.

בעת טעטמאַיער איז אַרויס מיט זיינע ראָמאַנען, האָט די פּוילישע פּראָזע שוין דורכגעמאַכט זייער אַ לאַנגן וועג און געהאַט הינטער זיך אַ רייכן און רומפולן עבר. אין די ראָמאַנען און דערציילונגען פלעגן באַהאַנדלט ווערן ניט נאָר משפחה־פּראָבלעמען, נאַציאָנאַלע פראַגן און געזעלשאַפטלעכע ענינים — מען האָט אין איין שורה מיט די אַלע ליטעראַרישע טעמעס אַנטוויקלט הומאַניסטישע און אָפּטמאַל פילאָסאָפישע געדאַנקען, וואָס זיינען אַריינגעפלאָכטן געוואָרן אין דער קאַנווע פון ברייטע היסטאָרישע ווערק און שילדערונגען פון לעבנס־שטייגער.

צווישן דער אומגעהייער שאַפערישער שפע האָבן זיך געפונען אַ גרויסע טייל טענדענציעזע ראָמאַנען, וואָס זיינען קינסטלעריש לחלוטין ניט געווען באַרעכטיקט און זיינען אַריין אין דער ליטעראַטור בלויז מחמת דעם מוסר השכל, וואָס דער שרייבער האָט געוואָלט אַנטפּלעקן פאַרן לעזער, וועלכער האָט געקוקט אויפן מחבר, ווי אויף אַ מורה־דרך אין לעבן.

דעמאָלט האָט טעטמאַיער אָנגעשריבן זיין קסיאָנדז פּיאָטער און באַקומען פאַר אים אַ פּרעמיע אויפן נאָוועליסטישן קאָנקורס פון „טשאַס״. דאָס דאָזיקע ווערק געהערט צו די פּערל פון דער פּוילישער נאָוועלע, — אָבער ניט דערמיט האָט זיך דער דיכטער קונה שם געווען אויך אַלס מייסטער פון פּראָזע. כדי צו ווערן באַרימט און צו האָבן אַ מעגלעכקייט צו שאַפן אַ באמת גרויסן ראָמאַן, האָט ער געמוזט צוריקקומען צו זיך, צו זיין אינערלעכן צושטאַנד. דער שרייבער, וואָס האָט מיט אַזאַ סובטיליטעט באַהאַנדלט און באַזונגען די פאַרשיידנסטע עראָטישע עמאָציעס, האָט דווקא דורך זיי און מיט זיי געקענט לייגן אַ יסוד פאַר דער הנחה, אַז ליבע איז דער מקור פון קונסט, אַז דורך דער אינערלעכער חורבה, וואָס עס מאַכט אָן די ליבע, קומט די שאַפערישע התגלות.

אין יאָר 1897 דרוקט ער אָפּ זיין ראָמאַן „דער מלאך המות״ און טאַקע דאָ אַנטוויקלט ער בהדרגה דאָס גראַנדיעזע בילד פון שאַפערישן וואוקס ביים גרעניאַלן סקולפּטאָר רדזאַוויטש, וואָס ווערט באַנייט און פאַרטיפט דורך זיינע יסורים.

רדזאַוויטש איז דורך אַ עמאָציאָנעלע, איינדרוק-לעכע, פּילנדיקע נאַטור, אַן אַרטיסט, וואָס נעמט זיך אַלץ צום האַרץ און לעבט טיף איבער יעדע קלענסטע וויבראַציע פון אויסערלעכע ערשיינונגען, וואָס מוזן תמיד דורכגיין דורך זיין בלוט און מאַרך, מוזן שטענדיק איבערלאָזן דאָרט אַ שפור, גראָבן אייביק אויס דאָרט אַ צייכן אָדער וואונד.

דער ראָמאַן — זאָגט זיין ביאָגראַף אַ. מאַזאַנאָוועסקי, נאָך וועלכן מיר האָבן צונויפגעשטעלט דידאָזיקע באַשרייבונג, — איז דורכגעטראַכט און קאָמפּאָנירט אויסערגעוויינלעך זאָרגפעליג, אָנגעשריבן ממש גלענצנד. די פאַרשיידנאַרטיקייט פון סטיל ביים מאָלן די פּאָרטרעטן פון פאַרשיידענע פיגורן, די געאיבטקייט און קראַפט בעתן מאָלן די עראָטישע בילדער און די פּייניק-לעכע יסורים פון דער ניט געשטילטער ליבע, די גרויסע סוב-טילע דינקייט אין דיאַלאָג, — הייסן פאַררעכענען דאָס ווערק צו די בעסטע ערשיינונגען אין דער פּוילישער בעלעטריסטיק. אַ ניי-ער מין דיאַלאָג איז דער אַזוי גערופענער פלירט, דער שמועס צווישן צוויי יונגע מענטשן דורך רמזים; ס'פאַלן ווערטער, דאַכט זיך, פּשוטע, וואָס פלעכטן אָבער אַרום ווי מיט שפּינוועבס אַ ניט געניט האַרץ. אין דאָזיקן ראָמאַן האָט טעטמאַיער געגעבן מוסטערן און פאַרבן פון אַ נייעם ליבע-סטיל, וואָס האָט אַנט-שפּראָכן די געזעלשאַפטלעכע שטימונגען פון דער צייט און דעם אופן פון אויסדריקן ליבע-אויפשוואונגען.

אין די וויטערדיקע ראָמאַנען האָט טעטמאַיער שוין ניט דערגרייכט די קראַפט פון אויסדרוק, וואָס אין „מלאך המות". אין זיין פּסיכאָלאָגישער פאַנטאַזיע „אָפּגרונט" געפינט ער זיך אונטער דער השפעה פון סטאַניסלאַוו פּשיבישעווסקי, הגם אויך דאָ איז אָפּטמאָל צו באַמערקן אמת טעטמאַיערישע עמקות אין איבערשאַפן פּסיכאָלאָגישע צושטאַנדן. קיין אַקציע איז דאָ שוין להלוטין ניט פאַראַן, עס זיינען בלויז רעפלעקסן פון אַ ראַפינירט אַרטיסטיש וועזן.

„פאַננאַ מערי" און אַפילו „אומקום", — ווערק, וואָס זיינען געקניפּט און געבונדן הן אינערלעך, הן דורך די פּערסאָנאַזשן

מיטן „מלאך המות", זיינען אָבער מער אַן אָפּקלאַנג פון דעם דאָזיקן ווערק און אפשר מער דורך זיין גרויסן ערפאָלג געשאַפן, ווי נייע אייגנאַרטיקע און שאַפערישע באַהאַנדלטע אַנאַליזן פון מענטשלעכע נשמות.

טעטמאַיער האָט נאָך אָנגעשריבן אַ גאַנצע ריי אַנדערע גרעסערע און קלענערע ווערק אין פּראָזע, — דעם אַפּאָגיי אָבער פון זיין קינסטלערישער עמאָציע האָט ער דערגרייכט ביי זיין אַהיימקער, אין שאַפן דעם אומגעווייטלעכן עפּאָס פון די טאַטרען.

ער האָט אין זיינע נאָוועלן און דערציילונגען ניט בלויז אַנטפּלעקט דעם אוצר פון פאַרבן און פייזאַזשן, ער האָט אונז אַריינגעפירט אין אַ נייע אמת לעגענדאַרע וועלט, אין פּאָדהאַליאַנער געזעלשאַפט, איבערגעטראָגן דעם הווה אין עבר אַריין און די פאַרגאַנגענהייט אין דער געגנוואַרט לויט זיין אייגענעם רצון און קינסטלערישן אימפּעראַטיוו — און איז געוואָרן דער האָמער פון דער דאָזיקער פּראַכטפולער געגנט.

די בענדער «Na skalnem podhalu» אַנטהאַלטן אין זיך וואונדערשיינע לעגענדן און מסורות, די נאַטור איז צעשפּילט דאָרט ווי אין אַ צויבערלאַנד, די טיפן זיינען ווי פון שטיין אויסגעהאַקט, — הייגט־זשע די שפּראַך! דער מחבר אַליין איז זיך מודה אין דער הקדמה צו זיי, אַז ס'איז אים אָנגעקומען גאַנץ שווער איינצושאַפן זיך דעם אייגנאַרטיקן וואָקאַבולאַרישן אוצר פון טאַטרישן פּויערטום. ער האָט אָבער אַזוי זיך דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון דעמדאָזיקן דיאַלעקט, מיט אַלע ווערטלעך און אויסדרוק־אופנים, אַז עס קען זיך גאָר קיינעם ניט חלומען אַפילו, אַז ניט אַ גוראַל מלידה ומבטן האָט דידאָזיקע מעשיות געשריבן.

ניט מיט דעם ענדיקט זיך אָבער קאַזימיעזש טעטמאַיערס ליטעראַרישע טעטיקייט. ער האָט אויך געפּרובט שרייבן דראַמעס „זאַווישאַ דער שוואַרצער", „די רעוואָלוציע", „יהודה איש קריות" — די בעסטע אָבער איז הן לויט דער קאָנסטרוקציע, הן לויט דער באַהאַנדלונג פון סיוזשעט די ערשטע, הגם זי

טראָגט אויך אין זיך אַלע סימנים פון פאַרשיידענע השפעות און פאַרמאָגט ניט קיין דראַמאַטישע קאָנצענטראַציע. אַפילו דאָ איז טעטמאַיער געבליבן מער ליריקער, ווי דראַמאַטיקער, מער פּאָעט, ווי מייסטער פון דער בינע.

קאַזימיעזש טעטמאַיער אַרבעט אָבער אָן אויפהער. ער שאַפט וואָס אַמאָל נייע און פרישע ווערק, אַנטפלעקט אַלעמאָל נייע פאַרבאָרגענע קוואַלן פון זיין טאַלאַנט. זיין טעטיקייט איז ווי מיר זעען אַ פאַרשיידנאַרטיקע. אויב מיר זאָלן נאָך צוגעבן, אַז דער דיכטער האָט געשריבן אַחוץ פּובליציסטישע אַרטיקלען, ליטעראַרישע עסקיזן, אויך אַ קינסטלערישע מאָנאָגראַפיע „אַרנאָלד בעקלין״, וואו ס׳איז צו באַמערקן, אַז טעטמאַיער האָט אַ טיף געפיל און פיינעם חוש אויף פּאַר פלאַסטיק און קאָלאָריסטישע ניואַנסן, — אויב מיר זאָלן נעמען אין באַטראַכט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געשאַפן אין משך פון העכער דרייסיק יאָר אַרבעט, וועלן מיר זעען, אַז אויך אין כמות איז דער צייטוויליקער באַלאַנס זיינער אַ גענוג גרויסער; וואָס שייך דעם איכות,— איז גענוג צו דערמאָנען, אַז ער איז דער זינגער פון יאוש און ספקות אין שענסטן זין פון וואָרט, אַז ער איז דער אומפאַרגלייכלעכער קאָלאָריסט פון דער טאַטרישער נאַטור און דער מושל איבער דער טאַטרישער לעגענדע, אַז ער איז דער גלענצנדער ריטמיקער און פלאַסטיקער פון וואָרט,—כדי אים אַוועקצושטעלן אין איין ריי מיט די קאָריפעען פון דעם פּוילישן ליד און פּראָזע.

ערשטער טייל

ערשטער קאַפּיטל.

און אויף זשאַרנאָווצער אויף דער ערד,
און אויף זשאַרנאָווצער אויף דער ערד —
רייט יאַסיענקאָ אויפן פערד,
רייט יאַסיענקאָ אויפן פערד...

— ניין ס'איז, אויף מיין וואָרט, אַ שיינהייט פון אַ פרוי —
האָט אַ זאָג געטאָן טענזשעל, אויפהערנדיק צו ציען דעם ניגון און מאַכנדיק עטלעכע טריט צוריק פון דער וואַנט, אויף וועלכער ס'איז געהאַנגען אַ פּאָרטרעט פון אַ יונג מיידל אין אַ טונקל קלייד. — אויף מיין וואָרט, אַ שיינהייט פון אַ פרוי — האָט ער איבערגעחזרט און געמאַכט נאָך אַ טריט צוריק. — און ס'איז אַ גענעאַלער יונג דער ראָמעק איז, צו מאָלן אַזאַ פּאָרטרעט! טיציאַן אליין וואָלט זיך דאָך ניט געמעגט שעמען, זאָל אָבער עמיץ הייסן טיציאַנען קלעפּן אַזוי ווי ראָמעק!... ניין, אויף מיין וואָרט, אַן אולטראַ־רענעסאַנסענער קאָפּ...

ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער זינגענדיק די צווייטע סטראָפע פונם ליד, זיך אויסגעדרייט צום פּאָרטרעט, און אַ זאָג געטאָן גאַנץ ערנסט:

— הער דו, דו ווייסט גאָרניט, ווער ראָמעק איז, און טאָמער ווייסטו יאָ, איז אויך ניט אינגאַנצן. ביסט שיין, ווייל ביסט שיין, מיינסטו אָבער, אַז אין אַ פערציק אָדער פופציק יאָר אַרום וואָלט עמיץ געוואוסט פון דיר? קיין הונט וואָלט אַפילו ניט געוואוסט. אַז ווערסט אָבער זיין ראָמעקס ווייב, וואָלט מען אין הונ־

דערט, אין צוויי הונדערט, אין טויזנט יאָר אַרום אויך וויסן, אַז פריילין מאַריאַ טיזשוויעצקאַ איז געווען ראָמאַן רדזאַוויטשעס ווייב. אַן אולטראַ־רענעסאַנסענער קאָפּ, זאָג איך דיר. פון דער אַנדער זייט אָבער... ע, אַפילו אויפן פּאָרטרעט דאַרפסטו אויך דערפון ניט וויסן. טענזשעל איז זיך טענזשעל און פּטור...

פייפנדיק די דריטע סטראָפע, האָט ער גענומען מיט גרויסע טריט שפּאַנען אַהין און צוריק איבערן אַטעליע, און דער פּאָר־טרעט האָט אים פאַרעקשנט נאָכגעקוקט, טענזשעל האָט עס גע־פילט און האָט נאָכאַמאָל זיך אויסגעדרייט צו אים.

— ממש אַ לעבעדיקע, ממש אַ לעבעדיקע — האָט ער געמורמלט — ס׳אַר אַ געניאַלער קאָפּ! און ס׳אַר אַ שיינהייט פון אַ פרוי...

און ווי דאָס ערשטע מאָל דערזען דאָס דאָזיקע פּנים, האָט ער גענומען אַריינקוקן אין די פּראַכטפולע, לאַנגע, טונקל־בלאָנדע האָר, וואָס זיינען אַראָפּגעפאַלן ווי לאָקן ביז די אַקסל; אין דעם לענגלעכן, בלייכן געזיכט מיט בלאַסע קניפּן און גרויסע שמאָלע טונקל־סאַפּירענע מיט גאָלד־באַגלאַנצטע אויגן, מיט דער גלייכער, דינער און איידעלער, קוים־קוים פלאַכלעכער נאָז, ווי ביי די גריכישע סטאַטוען; מיטן שמאָלן, עפּעס מאָדנע גלייך געשניטענעם מויל, ביי וועלכן די אויבערשטע ליפּ איז געווען אַ ביסל העכער און די גאָמבע אַ גאַנץ קורצע און קלאַסיש קיי־לעכדיקע. דער דאָזיקער קאָפּ אויף דעם וואונדערלעך שיינעם האַלז איבער דער אַ ביסל נידריקער געמאָלטער, קוים־קוים אַנט־בלויזטער ברוסט, האָט געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק: פון מע־לאַנכאָליע און מוטוויליקייט, פרעכקייט און טרויער, קינדישקייט און ערנסט, סענטימענטאַליטעט און תאווה און דערצו עפּעס גע־האַט אַ באַזונדערן רייץ, אַן אומבאַשרייבלעכן חן.

— וואָס איז זי מער, שיין צי צויבערדיק? — האָט געמרו־קעט טענזשעל — און דער יונג, דער ראָמעק קומט אַלץ ניט צו־ריק! איך זאָל האָבן אַזאַ כלה, וואָלט מען מיך מיט אַ פּראָפּנ־ציער ניט געקענט פון איר אַרויסציען, און דער ליגט, דער רוח ווייס וואו, שוין צוויי וואָכן צייט; ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט אַן אויסשטע־

לונג אין ווין האָט זיך אים פאַרגלוסט, און די שיינהייטן וואַרטן, וואַרטן און רייסן בלעטלעך ביי געגזנבלימלעך: קומען, ניט קומען — און ער איז אַלץ ניטאָ. און די שיינהייטן... — דאָ האָט טענזשעלס שטים שטאַרק אַ ציטער געטאָן. ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט: טפו, צו אַלדי רוחות!

טענזשעל האָט, ניט־ווילנדיק, געוואָרפן אַ בליק אין שפּיגל, דערזען דאָרט זיין קוואַדראַט, שלעכט אַרומגעטעסעט פּנים מיט די אַרויסשטאַרצנדיקע באַקנביינער, זיין קליינע קאַרטאָפּלענע נאָז, זיינע באַרשטיקע העל־בלאָנדע האָר און באַרשטיקע העל־בלאָנדע וואָנצן, זיינע קיילעכדיקע פּלייצעס. אויסדרייענדיק זיך, איז ער צוגעגאַנגען מיט אַ קרומער מינע צום פענסטער, לעבן וועלכן ס׳איז געשטאַנען אַ טישל. אויפן טישל איז געלעגן אַ בריוו אין אַ ווייסן קאָנווערט.

— דאָס איז פון איר — האָט ער אַ מרוק געטאָן — פאַרהאַן דאָך, צו אַלדע שוואַרצע יאָר, גליקלעכע מענטשן אויף דער וועלט. דער קאָנווערט איז אָבער ניט דערזעלבער ווי תמיד...

— טענזשעל! ביסט דאָ, מאַלפּע אַלטע! — האָט זיך די־זעלבע רגע דערהערט אין דער טיר אַ קלינגענדיקע, פרייליכע, מענערישע שטים פון אַ יונגנמאַן פון אַ יאָר זעקס־און־צוואַנציק.

— ראָמעק! — האָט אויסגערופן טענזשעל, צולויפנדיק צו אים מיט אָפענע אָרעמס.

— וואָס מאַכסטו, יענדרעק? — האָט אַ זאָג געטאָן רדזאַ־וויטש — דערדריק מיר נאָר ניט, דו בער איינער.

— געזונט, ראָמעק?

— געזונט. וואָס מאַכסטו? הייס אַרויפברענגען די זאַכן און באַצאָל דעם דראָשקאַרזש. וואָס מאַכט מאַרוסיענקאָ?

אַראָפּוואַרפנדיק שנעל דעם רייזע־טאַש פון אַקסל, איז ער צוגעגאַנגען צו דער וואַנט קעגנאיבער דער טיר, לעבן וועלכער ס׳איז אויף אַ דרייפיסיק הויך טישל געשטאַנען אַ גרויסע מיט פּאַ־קאָסט באַדעקטע טאַוולענע פודעלע, וואָס איז געווען אַרומגע־פעסטיקט מיט הילצערנע ברעטלעך. דאָ אינווייניק איז געלעגן אַ ליימענער ביוסט־מאָדעל פון אַ יונגער פרוי.

— טענזשעל, ענלעך, האַ? וואו ביסטו? אהאַ!... מיין, מיין שיינע, מיין האַרציק־גאָלדענע. טענזשעל, ביסט שוין דאָ? ענלעך?

נו!

— וואָס: „נו?" רייד ווערטער: ענלעך?

— וואָס פרעגסטו, ווען דו ווייסט אַליין, אַז ענלעך. —

— ווייסט, ס'איז משוגע שווער צו מאַכן אַ פּאָרטרעט פון אַ פּאָרטרעט אַראָפּ. און נאָך דערצו קלעפּן פון געמאָלטן...

— דו קלעפּסט דאָך זי אָבער ניט פון דעם — האָט זיך אָפּגערופן טענזשעל מיט אַ שטילער, אויפגערעגטער שטים, וואָס טוט זיך עפּעס אַ כּוח אָן צו פאַרבאָרגן די אויפרעגונג — דו קלעפּסט דאָך זי ניט פון דעם, וואָס דו האָסט אויפגעמאָלט, נאָר פון דיין האַרץ, ווייל דו האָסט זי ביי זיך אין האַרץ...

רדזאַוויטש האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט פייכטע אויגן.

— ווי שיין דו רעדסט צייטנווייז, טענזשעל — האָט ער געזאָגט, ווי וואָלט איך דען אַנדערש געקאָנט זי מאַכן? כ'האָב דעם פּאָרטרעט געמאַכט בסך־הכּל אין דריי טעג, און איין גאָט אין הימל ווייס ווי אַזוי, ווייל סוף־כּל־סוף קיין מאָלער בין איך דאָך ניט און בואָנאַראָטי, וואָס איז געווען אַ מאַדים אויף אַלץ, אויך ניט. כ'וואָלט פּשוט ניט בכּוח געווען זי צו קלעפּן, כ'זאָל זי אין האַרצן ניט האָבן, כ'האָב דאָרט יעדן שטריך אירן, יעדער ליניע, יעדער תּנועה. אָ, ווען עס ריסיע זיך דערפרייען! אַז כ'וועל שוין זיין מער אָדער ווייניקער פאַרטיק מיטן עסקיז, וועל איך זי ערשט דאַמאָלסט בעטן, זי זאָל מיר די רעשט צופּאָזירן — און נאָכדעם גלייך אין מאַרמאָר אַריין! אַ שלעכטע חתונה־מתּנה, האַ? טענזשעל, מאַלפּע אַלטע?

רדזאַוויטש האָט אָנגעכאַפּט טענזשעלן ביי די אַקסלען, אַ דריי געטאָן עטלעכע מאָל איבערן אַטעליע, פאַרטשעפּנדיק דערביי די שטולן, דערנאָך זיך אַוועקגעזעצט, אָפּגעסעמט און אָנגעהויבן ריידן.

— אָט האָסטו ציגאַרן. אָ, זאָג איך דיר, טענזשעל, איז דאָס געווען אַן אויסשטעלונג! ס'אַר אַ דייטשן! ס'אַר אַ שוועדן!

ס׳אר אַ שפּאַניער! די מאַלערס זיינען מיר אַ סך מער געפעלן, ווי די סקולפּטאָרן. כ׳זאָג דיר...

— אָבער, אָבער — האָט איבערגעריסן טענזשעל: — ס׳איז דאָ אַ בריוו.

— פון וועמען, הא?

— נו פון וועמען? פון פריילן מאַריאַ.

— מאַריס גאָלדענע! איריס מיינע! גיב־זשע אהער. וואו? אהאַ, דאָרט.

און באַמערקנדיק דעם בריוו, האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און צוגעלאָפן צום טישל.

— וואָס איז עס עפּעס, אַן אַנדער מין קאָנווערט. תּמיד זיי־נען זיי לענגלעכע, בלאַסלעך־ראָזע, אָדער העליאָטראָפּ — האָט ער געזאָגט, אויפשניידנדיק מיט אַ זעגעלע דעם קאָנווערט.

— איך האָב עס אויך באַמערקט.

— איצט זייַ רואיק.

— הם — אָבער די זעלבע רגע האָט טענזשעל זיך אַ ריס געטאָן פון שטול און כמעט ווי אויסגעשריען: — ראָמעק, יעזוס מאַריאַ, וואָס איז מיט דיר?

רדזאַוויטש איז געשטאַנען אַ צעפּלאַמטער. די אָדערן אויפן שטערן זיינען אים אויפגעלאָפן, די ליפּן האָבן זיך צעעפנט און אָנגעהויבן ציטערן און דער קאַרק איז געוואָרן ווי אָנגעדראָלן פון פּלוצלונגן בלוט־צופלוס.

— ראָמעק וואָס איז דיר? — האָט אויסגערופן טענזשעל.

ער איז אָבער בלאַס געוואָרן, ריכטיקער בלוי און בלאָ. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם בריוו אויפן טיש, ס׳האָט זיך ביי אים מיט אַ קרעכץ עפּעס ווי אָפּגעריסן אין גאָרגל, ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויפן אָרט און געמאַכט אַ שריט צוריק.

טענזשעל איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט. ער האָט געקוקט אויף רדזאַוויטשן און געזען ווי זיין ברוסט הייבט זיך אַלץ שנע־לער און שווערער, ווי ביי אַ אַסטמאַטיקער בעת אַ פּלוצלונגען צו־פאַל. די אויגן זיינע ווערן אים וואָס אַמאָל פאַרגליווערטער, וואָס אַמאָל גרעסער און מאַכן אַן איינדרוק ווי זיי וואָלטן בלאָנדזשען,

דאָס לייב ציטערט אינגאַנצן און קאָרטשעט זיך צונויף אין זיך גופא. ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין די סיבה, ער האָט זיך בלויז משער געווען, אַז מיט רדזאַוויטשן איז געשען עפּעס שרעקלעכס, אָבער פאַרשטיין וואָס, האָט ער ניט געקענט. לסוף האָט רדזאַוויטש אַ זאָג געטאָן: לייען...

טענזשעל האָט גענומען פון טיש דעם בריוו און אָנגעהויבן לייענען. אין בריוו איז געשטאַנען:

„איך ווייס, אַז כ'וועל אייך פאַרשאַפן גרויס עגמת־נפש, אפשר אַפילו יסורים. איך ווייס, אַז אייערע געפילן צו מיר זייַנען ניט אַזוי שטאַרק, טיף און דויעריק ווי דאָס ווייזט זיך דיר אויס און ווי דו אַליין גלויבסט דערינען, כאָטש איך בין ניט מסופק, אַז גלייכגילטיק ביסטו צו מיר ניט. דאָס שרייבן דעמדאָזיקן בריוו פאַרשאַפט מיר אויך גרויס עגמת נפש. איר האָט געוואוסט, אַז אמת ליב געהאַט האָב איך אייך קיינמאָל ניט, איך האָב זיך גע־נאַרט: געהאַלטן מיגוטלעכע איינדרוקן פאַר אמת, מיר האָבן ביידע זיך גענאַרט. איך האָב שוין לאַנג געקעמפט מיט זיך, די צוויי וואָכן פון אייער אָפּוועזנהייט האָבן מיך באַוואויגן דערצו. כ'האָב דיך ניט ליב און גיב דיר צוריק דיין וואָרט. איר ווילט דאָך מיר ניט פאַרשטעלן אַ וועלט. די בריוו און אַלץ דאָס איבעריקע וועט אָפּ־שיקן מיין מומע, ווען איר וועט קומען. איך פאַר מאָרגן אָפּ. אויב דו קענסט אָן מיר ניט לעבן, לאָמיר זיך סמען.

דעם 27 אפריל 1894 י. „מאַריאַ טיזשוויעצקאַ".

איבערגעלייענט דעם בריוו, האָט טענזשעל אַראָפּגעלאָזט די הענט און ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. ס'האָט אים עפּעס אַ דריק געטאָן אין האַלז און אָנגעכאַפּט פאַר די האָר. און נאָכדעם איז אים מסתמא דורכגעפלויגן אַ געדאַנק, וואָס האָט אים אויסגעוויזן עקלהאַפט, ווייל ער האָט תיכף זיך אָפּגעטרייסלט, ווי ער וואָלט דערזען אַ שרץ, אויסגעשפּיגן און אַ מרוק געטאָן: טפו! טענזשעל!..

רדזאַוויטש ווידער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער קאַנאַ־פּע מיטן פּנים אַראָפּ, און ליגנדיק אַזוי געאָטעמט, ווי ער וואָלט שלינגען מיטן מויל די לופט, וואָס פעלט אים אויס.

— ראַמעק — האָט זיך אָפּגערופן טעניזשעל מיט אַ צערו־דערטער שטים.

רדזאַוויטש האָט ניט געענטפערט; ער איז געלעגן, זיך ניט גערירט און געשלונגען די לופט.

אַ לאַנגע ווײַלע איז אַוועק, אײדער ער האָט אַוועקגענומען דאָס פּנים און זיך אַ ביסל אויפגעהויבן; טעניזשעל האָט אַזש אַ דריגע געטאָן, אַזוי האָט ער אויסגעזען.

— וואָס איז עס? — האָט ער געמורמלט. — וואָס איז געשען?

טעניזשעל האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. רדזאַוויטש האָט אַרויסגעשלעפּט דעם טײַסטער פון בוזעם־קעשענע און אַרויס־גענומען פון דאָרט אַ בריוו אין אַ לענגלעכן בלאַס־ראָזן קאָנווערט, און דערלאַנגענדיק טעניזשלען, געזאָגט: — לײענ.

טעניזשעל האָט אָנגעהויבן לײענען.

„מײַן אײנציקער, טײַערסטער! מײַן! דו! דיו!

ס׳פרייט גוואַלטיק, וואָס ראָם האָט געמאַכט אַזאַ דיאַנע! ראָם איז אַ צאַצע! ראָם איז אַ שיינהייט! זאָל פרייען, אַז עס פרייט. קום שוין צו גיין, ריסיען איז אומעטיק אָן איר האַר.

איך קוש דאָס לינקע אויג.

דו מײַנער! האָסט מיר פאַרשאַפן אַזאַ נחת, מײַן גענִי. צי קען עס געמאָלט זיין, זאָלסט מיך אַזוי ליב האָבן? פאַרוואָס האָסטו מיך ליב? ווי אַזוי קענסטו מיך ליב האָבן? צי איז עס מעגלעך, אַז ס׳זאָל מיך טרעפן אַזאַ גליק? בין איך דען־דיך ווערט? וועל איך דיר דען קענען באַשענקען מיט אַזוי פיל גליק? אַלץ, אַבי זאָלסט מיר זיין גליקלעך. איך הער אויף פאַר זיך צו זיין אויף דער וועלט. מײַן אײנציקער, מײַנע אוצרות, מײַן אַלץ, מײַן לעבן! כ׳וואָלט געוואָלט פאַר דײַנטוועגן ברענגען עפּעס אַ גרויסן קרבן, כ׳וואָלט וועלן לײַדן, שטאַרבן. פיל צו מיר, וואָס דו ווילט, איך האָב דיך ליב! דו מײַנער! דו מײַנער! מײַן!...

די גאַנצע שטאָט רעדט וועגן דײַן דיאַנע, אַפילו די מומע פּאַזשעלסקאַ איז גערירט. איך לאַך און וויין פון גליק. כ׳קוש דאָס רעכטע אויג.

מײַן ניט, אַז כ׳האָב דיך ליב, ווייל מען רעדט אַזוי וועגן

דיר, כ׳האָב ליב ווייל כ׳האָב ליב. נאָר אַזאַ ליבע איז דאָך עפּעס ווערט? דו אַליין זאָגסט דאָך אויך אַזוי, ניט אמת?

שרעק זיך ניט. מיר וועלן זיין גליקלעך. אַ פרוי, ווען זי האָט ליב, קען אומבּרענגען אַ וועלט און גליקלעך מאַכן ווער זי. און איך האָב ליב.

כ׳פיל, כ׳בּין איצט אַ בּעסערע, אַן איידעלערע, אַ קליגערע, די ליבע צו אַזאַ מענטש ווי דו דערהויבּט. כ׳בּין אַזוי שטאָלץ, וואָס כ׳האָב דיך ליב. מיין אָדלער! איך קוק פון אויבּן אַראָפּ אויף אַלע אַנדערע מיידלעך. דו האָסט מיך אויסדערוויילט, דו — מיך, מיין איינציקער!

בּיסט שוין דריי טעג ניט געווען — אמת, בּיסט ניט הי געווען, דו וואָס בּיסטו ניט הי געווען. דו שלעכטער אַזאַ?! דיו, קום בּאַלד צו גיין. כ׳וואַרט אויף דיר. דיין בּאָבּאַ וואַרט און בּעט. צו זיך פרייען, ווער זען? זאָל זיך פרייען, ווייל זיך פרייען. האָט ליב?

כ׳בּין געווען אין דיין אָפּוועזנהייט אין טעאַטער. כ׳האָב ניט געוואָלט גיין, האָט מען מיך איבּערגעוואַלד פּשוט געשלעפּט. אין אָנהייב איז מיר געווען זייער אומעטיק, וואָס דו בּיסט ניטאָ, שפּע־טער בּין איך געווען צופרידן, ווייל לעבּן מיר איז געזעסן עפּעס אַ שיין מיידל און וואָלסט זיך זיכער געווען איינגעליבּט, בּיסט דאָך אַזאַ פילנדיקער. כ׳קוש בּיידע אוידן. דיו!

האָט ליב, ליב, ליב, ליב —

דיין כלה ריסיאַ.

P. S. האָט אַ קאָץ.

טענזשעל האָט אַוועקגעלייגט דעם בּריוו אויפן טיש.

— מיט דעם האָב איך זיך ניט געשיידט קיינמאָל — האָט אַ מורמל געטאָן רדזאַוויטש, נעמענדיק דעם בּריוו און בּאַהאַלטנ־דיק אים אין טייסטער. — און דיזעלבּע פרוי!... ווי קען מען עס מיך אַזוי אָפּשטויסן! ווי קען מען! ווי קען מען! ווי קען מען! מאַריאַ! ריסיאַ!...

ס׳האָט אים אָנגעכאַפּט אַ געוויין, וואָס איז אַריבּער אין ספּאַזמען.

טענזשעל איז געווען פאַרצווייפלט. ער האָט אַרומגענומען רדזאַוויטשן, געקושט אים, געטוליעט צו זיך און געפילט, אַז ער ווייס באמת ניט, וואָס ס'איז געשען, אַז אַלץ מישט זיך ביי אים אויס אין אַ פאַרפּלאָנטערטן משוגהדיקן קנויל.

ס'איז געוואָרן פאַרנאַכט. רדזאַוויטש האָט זיך באַרואיקט און, דאַכט זיך, איינגעשלאָפן. טענזשעל האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און אַ קוק געטאָן אויף אים. ער איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף אויף דער קאַנאַפּע מיט ווייסע אָפענע ליפּן, אַ בלאַסער ווי אַ טויטער און ווי אַ טויטער שטייף. די פאַרשוואָלענע רויט גע־וואָרענע הייטלעך האָבן אָנמעכטיק פאַרדעקט זיינע אויגן.

— ער שלאָפט צי ניט? — האָט טענזשעל געטראַכט.

ער האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, אַ קלאַפּ געטאָן מיטן אַש־בעכער און רדזאַוויטש האָט זיך אַלץ ניט גערירט.

— ער שלאָפט — האָט ער אַ מורמל געטאָן, און אָנשפּאַרנדיק ביים טיש דעם קאָפּ אויף די הענט, גענומען זיך צוקוקן צום ליגנדיקן.

— געלויבט איז גאָט, ער שלאָפט — האָט ער ווידער אַ מורמל געטאָן, אָרעם ייִנגעלע, נעבעך...

פּלוצלונג האָט ער דערפילט, אַז עס ציט אים עפּעס אין דער זייט אַריין. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. דאָס האָט דער פּאָרטרעט פון פריילן טיזשוויעצקאַ געקוקט אויף אים מיט אירע גרויסע טונקל־סאַפּירענע אויגן, וואָס גלאַנצן מיט גאָלד.

— וואָס האָסטו געטאָן — האָט ער געמורמלט — וואָס האָסטו געטאָן...

און ס'האָט אין אים אויפגעבראַוזט אַ ווילדער משוגענער כּעס אויף דער פרוי. ס'האָט אים אַ נעם געטאָן דער חשק זיך צו וואַרפן אויף איר פּאָרטרעט און צערייסן אים, צעקאַרוואַטשען אויף פּיץ־פּיצלעך. דער פּאָרטרעט האָט כּסדר אויף אים געקוקט. טענ־זשעל האָט אָפּגעשטעלט זיין בליק אויף די טויטע קוקנדיקע אויגן און אַרויפגעלאָזט זיינע. דער קאָפּ איז אים אַראָפּגעפאַלן אויף דער ברוסט און זיין שטערן איז געוואָרן געדונצלט אין פאַלבן.

אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען נענטער צום פאָרטרעט, אים אָנגענומען, און איבערגעדרייט מיטן פנים צו דער וואַנט. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אַנידערגעזעצט ביים טיש, און אַריינשטעקנדיק די הענט אין די קעשענעס, אַראָפגעהאַנגען דעם קאָפ.

הייסט עס, אַז מאַריאַ האָט איבערגעריסן מיט ראָמאַנען. ניין, אַפילו איצט וועט ער עס פאַר זיך אַליין אויך ניט אַנטפלעקן... איבריקנס, וואָס?... וואָס ער? וואָס ער טענזשל? אַזאַ טענזשעל... אויב ס'איז געווען נידערטרעכטיק, וואָס ער האָט עס געפילט... ער האָט דאָך אָבער ניט געוואָלט פילן, און זיך דערשטיקט מיט כל אמצי כוחות... פון דער זייט איז ער ריין... ס'איז געווען נידערטרעכטיק, וואָס ער האָט בכלל באַדאַרפט ניט וועלן פילן און שטיקן אין זיך, ס'האָט אים אָבער אַזוי גענומען... אויב ס'איז געווען נידערטרעכטיק, וואָס ער האָט עס פריער געפילט, וואָלט עס איצט געווען נאָך נידערטרעכטיקער, הונדערט מאָל נידערטרעכטיקער. איבעריקנס, ווער איז ער אַזאַ טענזשעל?... ער און רדזאַוויטש. יענער אַ געניאַלער מענטש און ער אַ פשוטער בעל=מלאכה, ניט קיין סקולפטאָר, נאָר אַ שטיינער=קלאַפער, אַ פשוטער קאָוואַל...

וואָס האָט זי געטאָן? וואָס האָט זי געטאָן?... רדזאַוויטש קען נאָך מיטן געזונט באַצאָלן. טענזשעל האָט אַ ציטער געטאָן, מחמת ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין רדזאַוויטשעס משפחה האָט געהערשט אַ געוויסע נטיה צו מרה=שחורה.

ער ווייס באמת זייער ווייניק וועגן דער באַציאונג פון רדזאַוויטשן צו מאַריאַן. די גאַנצע צייט, וואָס רדזאַוויטש איז געווען חתן, איז ער אָפגעזעסן אין קולטשי, וואו ער האָט געקלעפט פיגורן פון די אַפאָסטאָלן פאַרן דאָרטיקן קאָסציאָל. רדזאַוויטש פלעגט שרייבן בלויז קאַרטלעך און דאָס אויך זייער זעלטן. טענזשעל האָט זי בסך=הכל איינמאָל געזען נאָענט אין טעאַטער, רדזאַוויטש האָט אים געוואָלט פאָרשטעלן, אָבער ער האָט ניט געוואָלט, זיך געשעמט. ער האָט געזען פון צווישן די שטולן, אַז מען רעדט וועגן אים אין דער לאָזשע, אַז מאַריאַ קוקט אויף אים און שמייכלט; רדזאַוויטש האָט אוודאי געמוזט פון אים ריידן

גוטס, ווייל ער אַליין שמייכלט אַזוי ליב. טענזשעל האָט געפילט, אַז ער ווערט רויט. ס׳האָט אים פאַרדראָסן, ס׳איז אים אָבער גלייכצייטיק געווען עפּעס מאָדנע, ס׳האָט אים צעשפּאַרט די ברוסט. איינמאָל בלויז האָבן זיך געטראָפן זייערע בליקן און דע־מאָלט — דעמאָלט האָט טענזשעל דערפילט אַזוינס, וואָס ער האָט פאַר דעם קיינמאָל ניט געפילט און וועגן וואָס ער האָט קיין שום באַגריף ניט געהאַט... ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין, פאַר רדזאַוויטשן, פאַר איר.. אויף צומאָרגנס האָט אים רדזאַוויטש געבערענגט צוטראָגן אַ טובעראָזע פון אַ בוקעט אַרויס, אַ מתּנה פון מאַריאַן פאַר „איר חתנס פריינד״.

טענזשעל האָט צוגענומען די טובעראָזע און ניט געוואוסט, וואָס מיט איר צו טאָן? וואָס קען זיין פּשוטער ווי באַהאַלטן אַ בלום פון אַ פריינדס אַ כּלה? אָבער... צי וואָלט ער באַהאַלטן די אים בלויז ווי אַ בלום פון זיין פריינדס כּלה... אַזוי?... ניין!... ס׳איז נידערטרעכטיק, נידערטרעכטיק, הונדערט מאָל נידערטרעכ־טיק, וואָס ער פאַרטראַכט זיך גאָר אויף אַזאַ זאַך, וואָס עס קען בכלל די געדאַנקען זיינע באַאומרואיקן... ער האָט געוואָלט די בלום אַרויסוואַרפן און ניט געקענט... אַ גאַנצע נאַכט איז ער ניט געשלאָפן, אויף צומאָרגנס פרי האָט ער פאַרברענט די בלום, און דאָס אַש אַריינגעשיט אין אַ פּאַפּיר אַריין, פאַרוויקלט און באַהאַלטן אין טייסטער, נאָכדעם האָט ער עס אַרויסגענומען און באַהאַלטן אין שופלאָד צווישן די בריוו פון זיין היים, פון דאָרף. סוף־כּל־סוף איז ער קעגן מיטאָג־צייט צוגעגאַנגען צו דער ווייסל און אַריינ־געשיט דאָס אַש אין וואַסער אַריין. פון אַ פריינדס אַ כּלה מעג מען באַהאַלטן אַ בלום, אָבער ער האָט עס ניט געקענט טאָן און ניט באַדאַרפט... און היות ער האָט געקענט ניט קענען... ווי נידערטרעכטיק דאָס איז! דאָס אַלץ האָט פּאַסירט ערשט אַזוי ניט לאַנג, בסך־הכּל מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק. ווען מען דערמאָנט זיך, אַז עס איז איצט געשען אַזאַ זאַך...

רדזאַוויטש האָט אָפּגעאָטעמט; טענזשעל האָט אויף אים אַ קוק געטאָן—ער איז נאָך אַלץ געשלאָפן.

— מיין גאָט, מיין גאָט — האָט טענזשעל געטראַכט—וואָס

וועט דאָ זיין? ער איז שוואַך און נערוועז. ווי וועט ער עס אויס־האַלטן... וואָלט עס כאָטש געווען אַן אַנדער מענטש... דאָס איז דאָך אַ משוגענער, ווילדער טעמפּעראַמענט, מיט אמתע הפקרדיקע העליאָגאַבאַלאָטישע געפילן, מיט גוואַלטיקן אימפּעט פון פאַנ־טאַזיע, בעת דער אָרגאַניזם זיינער איז לפי־ערך אַ שוואַכער... ווי וועט ער עס אויסהאַלטן? ווען ער זאָל עס חלילה ניט אויס־האַלטן... יעזוס מאַריאַ.

ביי דעם געדאַנק האָט טענזשעלן אַזש אָנגעהויבן רוישן אין מוח.

— יעזוס מאַריאַ!

אַכט יאָר האָבן זיי געלעבט כמעט ניט צעשיידט.

טענזשעל איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר צוויי און צוואַנציק. היות ער האָט זיך שפּעט געקענט נעמען פאַר דער אַרבעט, האָט ער אין קונסט־אַקאַדעמיע געהאַלטן דאַמאָלסט ערשט ביי קאָפּירן קלאַסישע ווערק. ער האָט גראָד געמאַכט דעמאָלט יונאָנאַס קאָפּ און איז געווען זייער צופרידן פון דער אַרבעט. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער מאַכט עס אויסגעצייכנט און אַז די קאָפּיע איז זייער ענלעך צום אָריגינאַל.

איינמאָל אָקטאָבער־צייט קומט ער אין שול־זאַל און דערזעט לעבן זיין אַרבעט אפשר אַן אַכטצניעריקן שנעק. אַגאַנץ הויכער, די־נער, שלאַנקער, בלאַסער מיט שוואַרצע גלאַנצנדיקע האָר, שטאַרק צעפּאַטלטע, אַן אָדלערישע נאָז מיט צעשפּרייטע נאָזלעכער, גאַנץ דיקע ליפּן, משונהדיק גרויסע ליכטיקע שטאָלערע אויגן, וואָס זיינען טיף פאַרזעצט! אין זיין גאַנצע פיגור האָט געשטעקט עפּעס פרעכס אומגעהויער פרייס, עפּעס שוועבנדיקס, אָבער דאָך אַ שנעק.

טענזשעל קוקט אויף אים און ער אויף טענזשעלס ליים. עס דויערט אַזוי אַ רגע, ביז טענזשעל גיט אַ זיכערער, בייזער אַ פרעג:

— נו, ענלעך?

— ניין, ניט ענלעך.—ענטפערט דער שנעק.

טענזשעל, האָט אַזש אָנגעהויבן בייסן אין דלאָניע. אַ שנעק

אזאָ! אַ סמאַרקאַטש! ער איז אָבער אַזוי צעמישט געוואָרן, אַז ער האָט פּשוט די צונג אין מויל פאַרגעסן.

— אַזוי מיינט איר?—האָט ער אַרויסגעברומט.

— גו, אוודאי—ענטפערט דאָס יינגל.

— ס'איז דאָך מיין אַרבעט.

— אַנטשולדיקט מיר זייער, כ'האָב ניט געוואוסט.

— כ'ווייס דאָך, אַז איר האָט ניט געוואוסט. אָבער ס'ווייזט אייך ניט אויס ענלעך.

— אַנטשולדיקט, אָבער ניין.

— הם, און איך האָב געמיינט, אַז ס'איז גוט. אפשר זייט איר גערעכט.

— זעט איר, דאָ שטעקט דער גרעסטער חסרון — זאָגט דער שנעק, און ניט פרעגנדיק זיך, צי ער מעג, פאָרט ער דורך מיטן גרויסן פינגער איבער יונאַנאַס פּנים. טענזשעל איז געבליבן אַ געפּלעפּטער. וואָס איז דאָס?

ס'איז געווען אַ coup de maitre, אַ פּגיעת הכּבוד פונם קינסטלער, און באותו הרגע האָט טענזשעל באַמערקט, אַז דאָ האָט ער באמת צומייסטן פאַרפּושט.

— גערעכט — האָט ער אַ מרוק געטאָן — ס'איז אַזוי ענלעך צו יונאַנען, ווי אַ קאַץ אויף אַ מויז. ווער־זשע זייט איר?

— איך בין ראָמאַן רדזאַוויטש, כ'האָב זיך דאָ פאַרשריבן אויף סקולפּטור, מיר וועלן זיין חברים.

— איך הייס יענדזשיי טענזשעל. זאָגט נאָר, כ'בעט אייך, האָט איר זיך שוין ערגעץ־וואו געלערנט?

— זייער ווייניק און פּריוואַט, ווייל כ'האָב געמוזט ענדיקן גימנאַזיע. דער טאַטע האָט אַנדערש ניט געוואָלט. כ'האָב פאַרלאָרן אַ סך צייט.

— אָט־אָ דער האָט פאַרלאָרן צייט... — האָט אַ טראַכט געטאָן טענזשעל.

אויף צו מאָרגנס האָט רדזאַוויטש זיך גענומען פאַר דער אַרבעט לעבן טענזשעלן און אַנדערע דריי חברים. אַלץ האָט ביי אים געברענט אונטער די הענט. ס'האָט זיך געדוכט, אַז בעת ער

קוקט, קלעפּט ער ממש מיט די אויגן. פּראָפעסאָר בראָון האָט זיך געחידושט און כּסדר געחזרט: פּאַניע לדזאַוויטש! פּאַניע לדזאַוויטש! איר האָט אַ גלויסן טאַלענט, אָבער אייער ווידער־שפּעניקע נאַטור! אוי, די נאַטור אייערע! פּאַניע לדזאַוויטש! פּאַ־ניע לדזאַוויטש!

די חברים זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען בייז; ביי טענ־זשעלן ווידער פלעגט פּשוט אָפּגענומען ווערן דאָס לשון פון התפּעלות. ער האָט מורא געהאַט זיך צו דערנעענטערן, פּונקט ווי ער פלעגט אין די קינדעריאָרן נאָך אין קאָסטזשינער הויף, מורא האָבן צו נעמען פון די פריצישע קינדער דאָס שפּיל־צייג, ער זאָל עס ניט צעברעכן. ער האָט ביי זיך אין די אויגן אויסגעזען לגבּי דעם אַכטצניעריקן, שלאַנקן, דינעם יינגל, ווי אַ דיקער, שווערער פּויער, אַ כאַם! ער פלעגט זיך באַגיין מיט רדזאַוויטשן ווי מיט אַ גלעזערנער כּלי. אַלע אין שול האָבן זיך געזאָגט: „איר", אָבער מיט רדזאַוויטשן איז טענזשעל שטענדיק געווען אויף „הער".

— איך קען אַזוי קלעפּן, ווי אַ הונט שפּילן אויף אַ טרו־מייט, האָט ער געטראַכט, אָבער דער...

און וואָס אַמאָל איז ער געוואָרן אַלץ ווייניקער דרייסט צו רדזאַוויטשן.

ס'איז אַוועק אַן ערך צוויי חדשים און זייער באַציאונג האָט זיך ניט געביטן, כאָטש זיי האָבן טאָג־טעגלעך געאַרבעט איינער לעבן אַנדערן. טענזשעל איז געווען שעמעוודיק; רדזאַוויטש ווי־דער האָט זיך בכלל געהאַלטן פונדערווייטנס פון זיינע חברים.

— ער קוקט דאָ אויף אונז, ווי אַ ראָב אויף אַ פּאַסטער־נאַק. ער האָט אָבער רעכט דערויף — האָט געטראַכט ביי זיך טענזשעל.

ביז איינמאָל איז רדזאַוויטש צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט:

— הער טענזשעל, איך האָב צו אייך אַ גרויסע בקשה.

— מיט וואָס קען איך אייך דינען? — האָט טענזשעל

אַ פרעג געטאָן און געפּילט, אַז ער ווערט פאַר אים רויט, ווי פאַר אַ מיידל.

— דער טאַטע, זעט איר, האָט מיר געשיקט אַ ביסל געלט, האָב איך זיך געלאָזט אַראָפּברענגען אַ שטיקל מאַרמאָר, ווייל איך וויל עפּעס אויסשניידן. איך קען עס אָבער ניט אַרומהאַקן. צי וואָלט איר מיר ניט געקענט צוהעלפן? דער מאַרמאָר איז ניט קיין גרויסער, סך־הכל אפשר אַנדערטהאַלבן פוס די גרייס.

— אדרבא, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, ווען זאָל איך צו אייך קומען?

— ווען איר ווילט. אפשר איז אָבער טאַקע בעסער אָנצוהייבן תיכף הייַנט נאָך מיטאָג. איר האָט צייט?

— גוט, כ׳האָב. און וואָס ווילט איר אויסשניידן, אויב מען קען וויסן?

— דעם מלאך פון לעבן.

— דעם מלאך פון לעבן? וואָס וועט דאָס זיין אַזוינס?

— איך וויל, זעט איר, מאַכן עפּעס אַזוינס, וואָס רייסט אין דער הויך אַרויף—vers le ciel. כ׳וויל עפּעס מאַכן אַזוינס.— דאָ האָט ער אויפגעהערטריידן, גענומען פון טיש אַ שטיקל קויל און אָנגעהויבן צייכענען אויף דער וואַנט. אונטער דער האַנט זיינער איז אויסגעוואַקסן מיט אַן אומגעהייערער שנעלקייט דאָס געשטאַלט פון אַ באַפליגלט ווזען en face. די פליגל זיינען געווען צעשפּרייט און אויפגעהויבן אינדערהויך, די פיגור איז געווען ווי צוזאַמען און זיך געריסן צום פליען. אין עטלעכע ליניען האָט ער צוגעגעבן דעם געשטאַלט פונם מלאך אַן אויסדרוק פון עפּעס אַ יוגנטלעכע קראַפט, טעמפּעראַמענט, התלהבות און צעשטראַלטקייט. דאָס איז באמת געווען: לעבן...

טענזשעל איז פאַרגליווערט געוואָרן.

— זעט איר — האָט רדזאַוויטש געזאָגט, אַוועקלייגנדיק די קויל אויפן טיש — כ׳וויל מאַכן עפּעס אַזוינס, וואָס רייסט מיט זיך מיט די וועלט, די מענטשן און טראָגט ערגעץ אַוועק אין שטח, ווייט אַוועק פאָראויס! עפּעס אַזוינס, וואָס ברויזט מיט קראַפט, שפּריצט מיט פרישקייט. ווען עס לאַכט, ציטערן די וועל־

דער, ווען עס באַפּעלט, בוקן זיך די פעלזן. כ׳וויל מאַכן עפּעס אַזוינס, אין וואָס עס וואָלט זיך געפילט דאָס גרינס פון דער לאָנקע, דאָס זוניקייט, די פרילינגלעכע בלויקייט, עפּעס אַזוינס וואָס זאָל זיך דאַכטן, אַז שטראָמען רייסן זיך אין דער הויך און ימען וועלן אינדערהויך נאָכפליען, עפּעס, פאַרשטייט איר מיך, וואָס זאָל זיך דאַכטן, אַז עס שיט פון די אויגן בלומען און בליצן, וואָס שלאָגן אַזש אין הימל אַריין... עפּעס... איר פאַרשטייט?..

— כ׳פאַרשטיי.

— וועט איר מיר העלפן אַרומהאַקן?

— העלפן.

— אויב אַזוי, קומט־זשע צו מיר צוגיין. אָט איז מיין אַדרעס.

— גוט, כ׳וועל תיכף נאָכמיטאָגצייט קומען.

— אַ גוטן.

— אַ גוטן.

און זיי האָבן אָנגעהויבן די אַרבעט. טענזשעל האָט צוגע־האָלפן רדזאַוויטשן אַרומהאַקן דעם מאַרמאָר, און ווידער זיך גע־נומען מאָדעלירן אין ליים זיין מלאך פון לעבן, ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַ סך שווערער, ווי רדזאַוויטש האָט געמיינט.

— ס׳גייט ניט — האָט טרויעריק אַ מרוק געטאָן טענזשעל, אויפקשטעלנדיק זיך פאַר דער ליימענער מאַסע, וואָס איז געלעגן אויפן פּאָסטאַמענט.

— עס גייט ניט—האָט טרויעריק אָפּגעענטפערט רדזאַוויטש.

— ווייסט איר גאָר וואָס? אפשר וועט איר עס אָפּלייגן אויף שפּעטער, ווען איר וועט זיך שוין מער אויסלערנען. איר האָט אייך צו פרי גענומען צו קאָמפּאָזיציעס.

— מיר דאַכט זיך אויך, אַז איך קען צו ווייניק.

— מיר הייבן דאָך ערשט אָן מאַכן פיגורן פון קלאַסישע ווערק אַראָפּ, און אירווילט שוין קאָמפּאָנירן.

— מיקעל אַנזשעלאָ, ווייסט איר דאָך, האָט ביי זעכצן יאָר

געמאַכט אַזאַ סטאַטוע, אַז אַלע האָבן געמיינט, אַז ס׳איז אַ קלאַ־סישע.

— נו, יאָ, אָבער, זעט איר...

— אָ, ניין Aut Caesar, aut nihil — האָט לעבעדיק אונטערגעכאַפּט רדזאַוויטש, — און האָט זיך ווידער גענומען צום קלעפּן, ס׳איז אָבער „ניט געגאַנגען". טענזשעל האָט אָנגעהויבן ציען אַ ניגון:

מעצי געבם, געבם,
פירן שיין צום לעבן,
אבא ווארטן מוז מען...

זיי האָבן זיך דערוויל שטאַרק באַפריינדעט—פון „הער" זיינען זיי אַריבער אויף „איר", פון „איר" אויף „דו". רדזאַוויטש האָט אימפּאָנירט טענזשעלן מיט זיין אינטעליגענץ, מיט זיין ביל־דונג, טאַלענט, שטאַם, באַציאונגען, שיינע מאַנירן, ער האָט אים גענומען מיט זיין פילבאַרקייט, נערוועזיטעט, סובטילקייט און באַצויבערט מיטן כוח הדמיון. רדזאַוויטשן ווידער האָט צוגעבונדן צו טענזשעלן זיין גראָבע, פּראָסטע, אָבער אויסערגעוויינלעכע ערלעכקייט, באמת שטיינערנער, געזונטער, פויערשער שכל.

— מיר זעען אויס איינער לעבן אַנדערן ווי אַ כאַמעלעאָן מיט אַ ברוממאַלפּע, — אויב ס׳איז נאָר דאָ אַזעלכע, ניט אמת?— האָט איינמאָל אַ זאָג געטאָן טענזשעל.

— ס׳איז דאָ. אַ געלע מאַלפּע.

די פריינדשאַפט איז נאָך געוואָרן מער געשטאַרקט דורך זייער צוזאַמענזיין אין מינכן ביי די פּאַרשיידנסטע אומשטענדן. אַחוץ דעם האָט אויך משפּיע געווען דאָס, וואָס נאָכן פּאַטערס טויט האָט רדזאַוויטש דערפילט זיך פּונקט אַזוי אָרעם ווי טענ־זשעל, אפשר נאָך אָרעמער, מחמת טענזשעל האָט דאָך געהאַט עפּעס אַ שטיקל נחלה אין קאָסטזשין פון אַ אַנדערהאַלבן מאָרג פעלד — און רדזאַוויטשן איז לחלוטין קיין ירושה ניט געבליבן.

אַחוצדעם האָט טענזשעל געהאַט טאַטע־מאַמע, ברידער, שוועסטער און אַ סך נאָענטע קרובים; רדזאַוויטש ווידער, ביי

וועלכן די מוטער איז נאָך געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר פאַרן פאָטער, האָט קיין שום נאָענטע ניט געהאַט; פון די ווייטערע קרובים האָט ער אַחוץ זיין גליד־גליד שוועסטערקינד, דעם דיכ־טער פּושערוויץ, מיט קיינעם קיין שייכות ניט געהאַט. טענזשעל האָט זיך איצט געפילט ניט נאָר ווי אַ גוטער פריינד, נאָר אויך ווי אַ עלטערער ברודער און אַפּוטרופּס איבער דעם מיט פיר יאָר יינגערן יינגל.

די אַפּוטרופּסות וואָס ער האָט אויף זיך גענומען איז געווען גאָר־ניט פון די לייכטע. רדזאַוויטש, וואָס זיין באָבע איז געווען אַ שפּאַ־ניערין, וועלכע איז פון דאָרטן בעת די נאַפּאָלעאָן־מלחמות אַרויס־געפירט געוואָרן קיין פּוילן, האָט נאָך איר געירשנט די ראָמאַנישע תאווה צו געניסן פון לעבן און די כאַראַקטעריסטישע פאַר די ראָ־מאַנישע פעלקער סענסואַליטעט און גלוסטונג. ביי זיין לפי־ערך שוואַכן אָרגאַניזם, איז דאָס אָפּלאָזן דעם טעמפּעראַמענט פון דער צוים געווען זייער ריזיקאַליש און פאַר דעם האָט זיך טאַקע טענ־זשעל געשראָקן; רדזאַוויטש ווידער האָט גאָר קיין אָפּהאַלט ניט געהאַט. ס'האָט אים פּשוט באַהערשט אַ שיגעון. ער איז געגאַנגען אויף בלינד, זיך אַליין פאַרלאָרן, געלאָזט זיך אין תהום אַריין. טענזשעל האָט מיט יאוש אָנגעהויבן צוצוזען, ווי זיין פאַנטאַזיע הייבט אָן ליידן, די אַמביציעס שטאַרבן אָפּ, און אַלע איידעלע געפילן ווערן חרוב ומוחרב. דער פאַרלאַנג צו געניסן, פון ברו־טאַלן, גראָבן געניסן, איז ביי אים געוואָרן דער שטאַרקסטער אינסטינקט, וואָס האָט אָפּגעטויט אַלע אַנדערע; ס'האָט זיך גע־דוכט, אַז ער לעבט רק צוליב זוכן און געפינען און אַז דער הויפּט־מאָטאָר איז אין אים די תאווה און אַלץ דאָס איבעריקע, דאָס לעבן גופא אפילו, באַטראַכט ער בלויז ווי אַ מיטל, וואָס מאַכט מעגלעך דאָס אָנזעטיקן די תאווה.

— קונסט? רום! פלעגט ער זאָגן צו טענזשעלן — ס'איז אַלץ גרויסע שטותים. אויב איך וויל זיין באַרימט, איז עס בלויז דערפאַר, ווייל פרויען זיינען ווי נאַכט־פלאַטערס, וואָס קלייבן אויס פון צען ליכט דאָס, וואָס ברענט און לייכט צום העלסטן. דעריבער וויל איך זיין באַרימט.

— אַזאַ לעבן, פטרט דיך אָבער אַוועק — האָט באַמערקט טענזשעל — און יעדער מענטש האָט דאָך עפּעס התחייבותן לגבי זיך.

— איך קען בלויז איין חוב: זוכן פאַרגעניגן אין דעם, אין וואָס דו געפינסט עס, זוכן עס פאַר יעדער פּרייז, אַבי עס געפינען. זאָג מיר, וואָס פאַר אַ צווייטער ציל קען זיין אין דעם לעבן, אויב ניט געניסן? אַלץ דאָס איבעריקע איז שטותים. טאָן דאָס, וואָס דיר געפעלט. דו האָסט פאַרגעניגן צו קלעפּן לשם קלעפּן. קלעפּ. ווען זאָלסט האָבן פאַרגעניגן פון זיצן אַ גאַנצן טאָג און שאָבן מערן אָדער שיטן זאַמד פון איין כּלי אין דער אַנדערער: שאָב און שיט איבער. היינט-זשע, מ׳שטיינס גע-זאָגט דיין רום! וואָס איז רום? דאגהן וועגן יענעמס מיינונג-צו וואָס זאָל איך זיך דאגהן? וואָס גייען מיך אָן אַנדערע? איך גיי זיי ניט אָן, פאַרוואָס זאָלן זיי מיך אָנגיין?

— אַז דו גייסט זיי אָבער יאָ אָן — האָט גענומען אים איינריידן טענזשעל.

— כ׳בין אַ בעלן צו וויסן מיט וואָס?

— ווייל האָסט טאַלאַנט.

— אַהאַ, הייסט עס: מיר ווילן האָבן אַ ליאַלקע צום שפּילן זיך... Pfui Teufel! איבעריקנס, לאָז מיך געמאַך! ס׳וועט מיך סיי-ווי-סיי גיך דער רוח נעמען.

— דו אַליין ווילסט עס.

— מען קען דאָך לאַנג אַזוי ניט לעבן.

— זעסטו...

— כ׳זע גאָרניט. כ׳וואָלט אָבער פריער עפּעס וועלן מאַכן...

— מי יודע, וואָס דו וואָלסט שוין געוועזן אויפגעטאָן ביז אַהער, זאָלסט געוועזן וועלן!

— האָב איך ניט געטאָן... איז וואָס?

— ס׳איז ניט קיין שאָד דיר? ס׳ווערט דאָך פון דיר אַ תל... וואָס וואָלסטו שוין איצט ניט געווען?

— האָב ניט קיין מורא, כ׳וועל נאָך זיין. האָב ניט קיין מורא, איך ווייס, אַז כ׳וועל נאָך זיין אַ גרויסער סקולפּטאָר...

— אַז דו זאָגסט...

— איבעריקנס, כ׳מעג זיין אַ גאַרניט און זאָל עס אַלץ די כאָלעריע כאַפּן!

טענזשעל איז געוועזן אויסער זיך. אַוועק איין יאָר נאָכן אַנדערן און רדזאַוויטש האָט אין גייעג נאָך פּרויען, ניט געטאָן די האַנט אין קאַלטע וואַסער אַריין, און איז נאָך אָנגעגאַנגען אַלס סקולפּטאָר נאָר דורך זיין אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט. דער מלאך פון לעבן און אַלע איבעריקע קאָמפּאָזיציעס, וואָס ער האָט אַמאָל פּראָיעקטירט צו מאַכן, האָט ער פאַרוואָרפן אָן אַ זייט, ער פלעגט בלויז מאַכן קליינע פיגורן צו פאַרקויפן אויף חיונה. ער האָט זיך אונטערגענומען אַרבעטן פאַר געוועלבער־וועגן, געקלעפּט פלאָרעס, אַמאָרן און ביסמאַרקן, שיקנדיק בלויז פון צייט צו צייט עפּעס אַ זאַך אויף אַן אויסשטעלונג. די קריטיקער האָבן ניט געקענט באַין אופן אים אָפּזאָגן אין טאַלאַנט, אָבער גערעכט האָט מען זיך אַסך מער פון אים. טענזשעל האָט געוואוסט, אַז רדזאַוויטש וואָלט באמת געקענט עפּעס געבן און האָט ממש געבײַלט אין די האָר אויף אים די פּויסטן.

לסוף האָט ער אַ נערוועזן, חרובן, כמעט באַדראָטן מיט דער משפּחהשער געהירן־קראַנקהייט געבראַכט רדזאַוויטשן, נאָך פינף יאָר זיין אין אויסלאַנד, אַהיים.

זיינען שוין געוועזן דאָ אַ יאָר צייט. רדזאַוויטש האָט זיך אַ ביסל גענומען אין די הענט אַריין, דערהויפּט צוליב די גאָר נייע לעבנס־באַדינגונגען, ער האָט אָנגעהויבן מער אַרבעטן און אַרויסגעשטעלט אַ גיפּסענע דיאַנע, פון האַלב נאַטירלעכער גרייס, וואָס האָט אים פאַרשאַפן אַ סך כבוד. טענזשעל איז כמעט אַ באַרואיקטער אַוועק קיין קולטשע, קלעפּן זיינע אַפּאָסטאָלן פאַרן דאָרטיקן קאָסציאָל. אין עטלעכע וואָכן אַרום דערהאַלט ער פון רדזאַוויטשן אַ בריוו, אַז ער פאָרט אַרויס קיין קלענזש, אין לובלינער קאַנט, קלעפּן אַ בילד פון אַ געוויסער רייכער פרוי סטזשעליסקאַ, און אין עטלעכע טעג אַרום אַ קאַרטל: Vieux Singe! פאַרהאַן דאָ אַ מיידל מאַריאַ טיזשוועצקאַ אין trois guarts — אַ וואונדער, און פּראָפיל עקט זיך די וועלט, en face — אַ מלאך! ער האָט

אויך מודיע געווען, אַז ס׳איז פֿאַרהאַן דאָ דער פּרוי סטזשעליסקאַס אַן איינקל, יאַדוויגאַ, אַ זייער אָריגינעלע, אַ זייער אינטעלעגענטע און אַ זייער מאָדנע מיידל, מיט אַזעלכע דרייסטע און קנאַקעדיקע באַגריפֿן, אַז אָפּטמאָל דאַכט זיך אים, אַז ס׳איז עפּעס ניט אָרדענונג ביי איר אין מוח. בסוד־סודות האָט ער מוסיף געווען, אַז זי מאַכט צייטנווייז אַן איינדרוק, ווי זי וואָלט געווען ניט „פֿון יענעם״, אָבער וואָס גייט זי אים אָן לעבן מאַריאַן: וועגן מאַריאַן האָט טענזשעל מודיע געווען בלויז דעם איינעם פּרט, אַז זי איז פֿון קינדווייז אַן אַ יתומה, אַז זי האָט אַ גוט און השגחה איבער איר האָט הער סטזשעליסקי, אין דער אמתן אָבער האָט קיינער איבער איר קיין השגחה ניט געהאַט, מחמת הער סטזשעליסקי איז „פּאַסיוו ווי אַ שטעקן״ און פֿאַרוואַלט בלויז זייער גוט איבער זיין אייגענעם און איבער מאַריאַס גוט. אַזוי אַלנפֿאַלס איז מבטיח זיין טאָכטער, וואָס זאָגט וועגן אים, אַז „דער טאַטע איז זייער אַ גוטער, מען וואָלט אָבער געקענט מיט אים דאָס מויל שווענקען.״

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט רדזאַוויטש אין קורצע ווערטער צו וויסן געגעבן, אַז פֿריילין טיזשוועצקאַ איז זיין כּלה, אַז ער גייט לגמרי זיין אַרט לעבן און וועט זיך אויפֿדאָסניי אַ נעם טאָן פֿאַרן מלאך פֿון לעבן, ווייל ער וויל איצט זיין באַרימט. איבערגעלייענט, האָט טענזשעל שיִר זיך נישט צעוויינט פֿון שמחה, ס׳איז אָבער קוים עטלעכע וואָכן אַריבער און ער פֿילט זיך אַליין נידערטרעכטיק. רדזאַוויטש ווידער ליגט בלאַס ווי אַ בר־מינן מיט אַראָפּגעפֿאַלענע, בלוין און בלויע וויעס, אפֿשר ערב משוגעת. און דאָס אַלץ האָט געטאָן די איינע פּרוי מיט די וואונדערלעך שיינע, מיט גאָלד באַגלאַנצטע טונקל־סאַפּירענע אויגן, וואָס איר פֿאַרטרעט האָט ער ערשט מיט אַ רגע צוריק איבערגעדרייט צו דער וואַנט, כּדי זיך צו קענען פֿילן ווייניקער נידערטרעכטיק און ווייניקער שוואַך.

רדזאַוויטש איז שוין געשלאָפֿן אַקעגן אַ שעה. ס׳איז געוואָרן אָוונט. אין אַטעליע האָט דורך דער גרויסער שויב זיך אַריינ־

געשלייכט אַ לבנה־שיין. טענזשעל האָט אָנגעהויבן זיך צוקוקן צום מלאך פון לעבן.

נאָך אַן אַכט־יאָריקער הפסקה און אומגעהייערער צייט־פאַרלוסט, האָט רדזאַוויטש זיך אומגעקערט צו זיין אַלטער טעמע, און די אויפפאַסונג אויף קיין האָר ניט געביטן אפילו. ער האָט בלויז גענומען אַ גרעסערן פאָרמאַט, כמעט נאַטירלעכע גרייס. די זאַך האָט שוין געהאַלטן ביים ווערן פאַרענדיקט און די שטריכן פון מלאך, הגם מענלעכע, האָבן גוואַלדיק דערמאָנט די שטריכן פון מאַריאַן. די סקולפּטור איז געווען פּראַכטפול.

— דאָס איז באמת אַ גרויס ווערק — האָט געטראַכט טענזשעל. — אויף מיין וואָרט אַ גרויס ווערק. איך מיט מיין טאַלאַנט קען זיך גלייכן צו רדזאַוויטשן ווי אַ הונט צו אַ פאַרבערייַ, מילא זאָל זיך דאָרט... זאָל זיין וואָס ס׳איז... אַז ער וועט דאָס אויסשטעלן, וועלן זיך אָנהייבן שיטן קרענץ, ס׳וועלן זיך אָנהייבן שיטן קלינגערס, וועט עס אים איבערראַשן, ער וועט עס איבערוויטאָקן... איך ווייס שוין, אַז ער וועט זיך תיכף נעמען צו אַ נייער אַרבעט... מאָדנע, ווען איך האָב געקוקט אויף אים, האָט מיר דאָס האַרץ צוגעפּרעסט, ס׳האָט מיר אויסגעוויזן, אַז אַלץ וועט דער רוח נעמען און אַז איך קוק אויף דער אַרבעט זיינער, ווערט מיר עפּעס פריילעך. וואָס מען מיינט קונסט! הם, אָבער וואָס פאַר אַ קונסט! אַז דער מלאך איז פול מיט לעבן, גייט דאָס לעבן אין מיר אויך אַריין. און באמת טאַקע, עס רייסט זיך עפּעס מיט אים מיט אין דער הויך, ווי רדזאַוויטש דריקט זיך אויס. ס׳אַר אַ אויסדרוק! ס׳אַר אַ באַוועגונג? די פליגלען ווי זיי וואָלטן גערוישט... דאָס באַוועגן איז באמת אַזוי, ווי אַ טייך וואָלט דאָס ערשטע מאָל פון קוואַל אַרויס, זיך אַ לאָז טאָן, דער מלאך...

דיזעלבע רגע האָט טענזשעל דערהערט אַ שאָרך אונטער זיך, ער האָט זיך אומגעקערט: רדזאַוויטש האָט געהאַלטן אָפן די אויגן און זיך גערירט. זיי האָבן איינער אויפן אַנדערן אַ קוק געטאָן; ביי טענזשעלן האָט דאָס האַרץ ווידער זיך פאַרקלעמט און ער האָט ניט געוואוסט, וואָס ער האָט צו טאָן: אָפּרופן זיך, צי ניט?

— געשלאָפן? — האָט ער ענדלעך אַ פרעג געטאָן.

— געשלאָפן. — האָט רדזאַוויטש גאַנץ הויך געענטפערט. געשלאָפן. כ׳קען נאָך ניט... ס׳איז מיר נאָך...

און ער האָט ווידער אויסגעדרייט דעם קאָפּ, מיטן פּנים אַראָפּ צו דער ערד.

טענזשעל ווידער האָט געקוקט אויף אים און געפילט, ווי די אויגן ווערן אים פייכט. לסוף האָט רדזאַוויטש זיך אָפּגערופן מיט אַ געשטיקט, איבערגעריסן קול:

— וואָס וועט איצט זיין?...

טענזשעל האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן.

— וואָס וועט איצט זיין, — האָט איבערגעחזרט רדזאַ־וויטש, און אין זיין שטים איז געווען אַזוי פיל ווייטאָג און אַזוי פיל צער, אַז טענזשעל האָט דערפילט ווי ס׳דריקט אים אַ קאָרטש אין האַלז. וואָס האָט ער געזאָלט ענטפערן?

רדזאַוויטש האָט געקוקט פאַר זיך. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי ס׳וואָלט אין אים עפּעס אָפּגעשטאָרבן. פּלוצלונג האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון דער סאָפע, זיך אַוועקגעזעצט און מוראדיק גענומען שרייען:

— מען טאָר ניט אַזוי! מען טאָר ניט אַזוי! מען טאָר זיך ניט לאָזן אַזוי דערשרעקן. כ׳וועל גיין צו איר! שוין, די אותו רגע! יעדערן אַנדערן האָט זי געקענט אָפּשטויסן, אָבער ניט מיך — זי! ווי שפּעט איז! דאָס קען ניט זיין... ס׳איז גע־ווען אַ מינוטלעכער שגעון, עפּעס אַ שרעקלעכער קאַפּריז. כ׳וועל גיין צו איר...

זי איז שוין ניטאָ — האָט איבערגעריסן טענזשעל, — דער בריוו איז געשריבן מיט דריי טעג צוריק, און שרייבן שרייבט זי, אַז צו מאָרגנס פאָרט זי אַוועק.

— ווייז.

טענזשעל האָט אים דערלאַנגט דעם בריוו.

— אמת... אָבער ניין, ניין, איך האַפּט דיר, אַז זי איז דאָ. ס׳איז אַ משוגענער קאַפּריז. כ׳האַפּט דיר, אַז זי איז דאָ... כ׳וועל גיין צו איר, ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס ס׳איז שפּעט, כ׳האָב גע־

פלעגט שפּעטער קומען. איבעריקנס, וואָס גייט עס מיך אָן! וואָס גייט מיך אַלץ אָן!

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן, זיך איבערגעטאָן מיט פיבער־דיקער שנעלקייט די קליידער פון וועג און פאַרוואָרפן דעם מאַנטל.

— מיטגיין? — האָט געפרעגט טענזשעל.

— קום.

אַ גאַנצן וועג האָבן זיי צווישן זיך קיין וואָרט ניט אַרויס־גערעדט. רדזאַוויטש, ביי וועלכן ס׳איז, משמעות, אָפּגעפאַלן די מינוטלעכע היץ, האָט געביסן די גאַלקע פון שטעקן. טענזשעל איז געפאָרן אייַנגעבויגן, האַלטנדיק די הענט צווישן די קני.

פאַרן טויער איז געזעסן דער סטרוזש. רדזאַוויטשן, וועלכן ער פלעגט אָפטמאָל עפענען דעם טויער, האָט ער געקענט, ער האָט זיך פאַרנייגט:

— פריילין טיזשוויעצקאַ איז אַוועקגעפאָרן? — האָט רדזאַ־וויטש אַ פרעג געטאָן.

— אַוועקגעפאָרן, ליבער הער.

איר ווייסט אויף זיכער? — האָט ער ווייטער געפרעגט, באַמיענדיק זיך צו באַהערשן די געבראָכענע שטים.

— כ׳האָב איר אַליין דערלאַנגט די זאַכן אין דראָזשקע אַריין.

— ווען איז זי אַוועקגעפאָרן?

— אייערנעכטן אינדערפרי.

— אַליין אַוועקגעפאָרן?

— די מאַדאַם האָט אָפּגעפירט דאָס פריילין, אָבער זי איז נעכטן שוין צוריקגעקומען...

— וואוהין, ווייסט איר ניט?

— כ׳ווייס ניט, גנעדיקער הער.

— וואַרט צו... באַלד...

ער האָט אַרויסגענומען פון טייסטער אַ וויזיט־קאַרטע און אָנגעהויבן שנעל שרייבן: געערטע פרוי, יוליאַ פאַזשעלסקאַ. איר וועט אַזוי גוט זיין מוחל זיין, וואָס איך ערלויב מיר צו שרייבן אַזוי שפּעט און אין דער דאָזיקער פאָרם. ערשט מיט אַ מינוט צוריק בין איך געקומען; און דער סטרוזש זאָגט מיר, אַז מיין

כלה איז אַוועקגעפאָרן. כ׳וואָלט גערן וועלן וויסן איר אַדרעס, וועלכן איך בעט אײַך זײַער מיר איבערגעבן. איך קום ניט פֿערזענלעך מיט דער בקשה, מחמת ס׳איז שפּעט״.

— טראָגט דאָס אַרויף אין דער הויך; ס׳וועט זײַן אַ תשובה.

טענזשעל איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויפֿן שטעקן בײַם טויער. רדזאַוויטש איז אַ ביסל אַוועק אויפֿן טראָטואַר. אין אַ מינוט אַרום האָט דער סטרוזש זיך צוריקגעקערט.

— דאָ איז ענטפֿער?

— דאָ, גנעדיקער הער.

— גוט. אָט האָט איר אויף ביר.

מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט ער אויפֿגעריסן דעם קאָנ־ווערט אונטערן לאַמטערן און אָנגעהויבן לייענען מיט אַ האַל־בער שטים.

— געערטער הער! מײַן שוועסטערן־טאָכטער האָט אַרויס־פֿאָרנדיק מיך ניט באַפֿולמעכטיקט אײַך איבערצוגעבן איר אַד־רעס. זי האָט מיר אָבער געמאָלדן, אַז זי גיט אײַך צוריק אײַער וואָרט, וועגן וואָס זי איז אײַך מודיע אין אַ בריוו. ס׳וואונדערט מיר דעריבער, וואָס איר רופֿט נאָך אָן מײַן קוזינע — כלה. אײַערע בריוו, וואָס מאַרינע האָט איבערגעלאָזן בײַ מיר, קענט איר אָפּנעמען תּיכף נאָך דעם, ווי איר וועט אָפּשיקן מיר אירע בריוו.

מיט אכטונג:

יוליא פּאָזשעלסקאַ.

רדזאַוויטש האָט אַ קרעכץ געטאָן און שיִר ניט אַנידער־געפֿאַלן.

— ראָמעק, ראָמעק — האָט געשעפּטשעט טענזשעל תּפילה־דיק, אָנכאַפּנדיק אים פֿאַר דער האַנט — ראָמעק, וואָס ווילסטו טאָן? באַדענק זיך.

— איצט זע איך שוין, אַז ס׳איז ניט קיין שפּאַס, אַז ס׳איז אמת — האָט אַ זאָג געטאָן רדזאַוויטש.

זיי זיינען געגאַנגען כסדר אָן געדאַנקען גאַס איין־גאַס אויס, פון איין פּלאַץ אויפן אַנדערן, אָן איין וואָרט אַפילו. טענזשעל האָט געוואָרפן פון צייט צו צייט אַ בליק אויף רדזאַוויטשן, וועלכער איז אָבער געגאַנגען גאַנץ אווטאָמאַטיש מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, משמעות ניט זעענדיק גאָרניט און אויסטיידנדיק אינסטינקטיוו מענטשן.

— ער האָט זיך פאַרגעסן — האָט געטראַכט טענזשעל. אַחוץ דעם געפיל פון גרויס רחמנות אויף רדזאַוויטשן, איז אים נאָך כסדר געקומען אויפן רעיון, אַז רדזאַוויטש האָט גאָרניט געגעסן זינט ער איז געקומען און מוז אויך זיין הונגעריק. ביסלעכווייז האָט אים מער אָנגעהויבן פּייניקן, וואָס רדזאַוויטש מוז זיין הונגעריק, ווי די גאַנצע מעשה, וואָס איז דאָ געשען. ער האָט אָנגענומען כוח און זיך אָפּגערופן:

— האָסט זינט ביסט געקומען גאָרניט געגעסן. קום ערגעץ.

— גוט. קום.

— וואוהין?

— וואו דו ווילסט. ס׳איז מיר אַלץ איינס.

זיי זיינען שוין עטלעכע מינוט געזעסן אין רעסטאָראַן־קאַבינעט, אָבער טענזשעל האָט ניט געוואַגט ניט ריידן צו רדזאַוויטשן, ניט אַפילו קוקן אויף אים. ער האָט זיך געשראָקן. ער האָט געהייסן ברענגען עסן און דערלאַנגען וויין.

— וועלכן ווילסטו, ראָמעק? — האָט ער שטיל געפרעגט.

— ס׳איז מיר אַלץ איינס, הייס ברענגען אַ פלעשל שאַמפּאַניער.

— גוט.

טענזשעל האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן אין טעלער אַריין און זיך צוגעהערט, ווי רדזאַוויטש קלאַפּט שנעל מיט דער פּאַדעשווע אין דיל און פּויקט מיט די פינגער איבערן טיש. ער האָט זיך דערוואַגט בגנבה אויף אים אַ קוק טאָן.

ער איז בלאַס געווען, אָבער אויפן פּנים האָט ער געהאַט מאָדנע קניפּן פון ציגל־קאָליר, די ליפּן זיינען געווען פאַרבאַקן און ווי אַריינגערוקט אינעווייניק. דורכדעם האָבן זיך ביי די מויל־

ווינקלען נאָענט בײַ דער גאָמבע געשאָפּן צוויי אומנאַטירלעכע קאַרבן. די ברעמען האָבן זיך גוואַלטיק צונויפגעצויגן איבער די אויגן, מינוטנווייז זיך אויפגעהויבן אין דער הויך און ווידער זיך צונויפגעצויגן. ער האָט געקוקט פאַראויס, זיך אָפּגעשטעלט אויף איין פּינטל, און ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן דערפון, ווי ער וואָלט אַחוץ דעם אַרום זיך גאָרניט געזען.

מען האָט געבראַכט צו טראָגן אָוונטברויט, טענזשעל האָט עס כמעט ניט אָנגערירט. רדזאַוויטש האָט געגעסן אַ סך, אומ־געהייער שנעל, ווי ער וואָלט זיך ניט אָפּגעבן קיין חשבון פון דעם וואָס ער טוט. געטרונקען האָט ער אויך שנעל און אײַנגיכן איז דאָס פלעשל געוואָרן ליידיק.

— הייס געבן אַ צווייטס.

— אָבער...

— וואָס „אָבער"? ס'ווילט זיך מיר טרינקען.

— ניט דאָס, נאָר...

— האָסט ניט קיין געלט?

— אוודאי ניט...

— וויפל האָסטו?

— סך־הכל זיבן רובל מיט קאָפּיקעס. און דו?

— איך האָב אײַנגאַנצן פיר רובל. ערשט איבערמאָרגן וועל איך באַקומען געלט פון דער געזעלשאַפט.

— און דאָ קען מען דאָך אונדז אפילו ניט.

רדזאַוויטש האָט אָנגעהויבן נערוועז לאַכן און נאָכדעם אויס־געשריען:

— גאַרסאָן!

ס'איז אַרײַנגעקומען דער באַדינער.

— הער דו, מיר האָבן פאַרגעסן מיט זיך צו נעמען געלט. אָט דאָס קייטל איז ווערט פינף און דרײַסיק רובל. ברענג אַהער אַ פּאָר פלעשלעך שאַמפּאַניער פאַר דעם קייטל. וועסט ברענגען?

— כ'וועל ברענגען, ליבער הער.

ווען מ'האָט אַריינגעבראַכט דעם שאַמפּאַניער, האָט רדזאַוויטש אָנגעגאָסן זיך און טענזשעלן צו גלעזלעך און אויסגערופן:

— הער טענזשעל, טרינק פאַר אונזער געזונט.

— פאַר וועמעס?

— פאַר מיינס און מאַרינעס, טרינק!

טענזשעל האָט ניט געוואָלט אים רייצן. זיי האָבן אויסגעטרונקען.

— און איצט ווייטער, לאָמיר טרינקען פאַרן געזונט פון איר צוקינפטיקן מאַן.

— ראָמעק...

— טרינק, טרינק, אַז איך זאָג דיר!

— און איצט, טענזשעל, לאָמיר טרינקען פאַרן געזונט פון אירע קינדער, וויוואַט אירע קינדער!

— און איצט, טענזשעל, לאָמיר טרינקען פאַרן געזונט פון איר משפחה! זאָל לעבן די מומע פּאַזשעלסקאַ און אַלע באַבעס, פעטערס פון טאַטנס צד, פון מאַמעס צד! Evviva!

— ראָמעק...

— איצט, טענזשעל, זאָל לעבן איר צוקונפטיקער געליבטער! זאָל לעבן דער, מיט וועלכן זי האָט זיך... אויסגעטרונקען?

— ניין!

— טרינק־זשע! טרינק!

— ראָמעק...

רדזאַוויטש האָט אין דערזעלבער רגע אַ דונער געטאָן מיטן גלעזל איבערן טיש, דערנאָך מיטן פולן פלעשל איבער דער פּאָדלאָגע און אַנידערגעפאַלן מיט אַ ווילד געשריי אויף די צעשפּרייטע הענט מיטן פּנים אויפן טיש. ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער דער שטול ווי אין קאָנוואולסיע און זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד אָן באַוואוסטזיין. טענזשעל איז צו אים צוגעשפּרונגען. ער איז געפאַלן מיטן פּנים אַראָפּ און די שום האָט אים אָנגעהויבן לויפן פון מויל. טענזשעל האָט זיך גוואַלדיק איבערגעשראָקן. ער איז צוגעלאָפן צו דער טיר רופן הילף, אָבער באותו הרגע האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף פּושערוויצן, וואָס איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען.

— דער רבונו־של־עולם האָט אייך צוגעשיקט — האָט ער אויסגערופן - ער איז דאָרט אין קאַבינעט אַ קראַנקער.

— אַ קראַנקער? וואָס איז עס אים! — האָט פּושערוויץ געפרעגט, באַמערקנדיק, אַז טענזשעל אַליין זעט אויך אויס ווי נאָך אַ טיפוס.

— ס'איז אים פּלוצלונג ניט גוט געוואָרן, כ'וועל שיקן נאָך אַ דראָזשקע, אים אַהיים פירן.

— וואָס איז אָבער געשען?

— איך ווייס?... ס'איז מיט אים עפּעס פּלוצלונג געשען.

אַרייַנגייענדיק אין קאַבינעט, איז פּושערוויץ געבליבן אַ דערשראָקענער. רדזאַוויטש איז געלעגן מיט פּנים אַראָפּ מיט אַן אָפּן מויל און מיט שוים ביים מויל, כמעט אָן באַוואוסטזיין.

מיט דער הילף פון דער דינערשאַפט האָט טענזשעל אַראָפּגעטראָגן רדזאַוויטשן צו דער דראָזשקע, דערנאָך אַליין אויך איינגעזעסן צוזאַמען מיט פּושערוויצן.

— לאָרא וועט זיין אַ ביסל אומרואיק האָט געזאָגט פּושערוויץ איינשטייגנדיק—נאָר מילא, כ'קען אייך אַזוי ניט איבערלאָזן.

די שאַרפע בייַנאַכטיקע לופט האָט ביסלעכווייז אָפּגעמונטערט רדזאַוויטשן. ער האָט זיך אַ ריר געטאָן, געעפנט די אויגן, און דערפילנדיק לעבן זיך אַ דריטן מענטש אין דראָזשקע, געפרעגט:

— טענזשעל, ווער איז עס דאָ?

— דיין קרוב, הער פּושערוויץ.

— אַ, גוט, יעזשי, ווייסט וואָס איז געשען?

— כ'בין זיך משער.

זיי זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. אַרויסגעשטיגן פון דראָזשקע, איז רדזאַוויטש אַוועק פאָרויס און זיך פאַרהאַלטן אין אַטעליע.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע, אַראָפּגעהאַנגען דעם קאָפּ און געזאָגט ווי צו זיך אַליין:

— ווי וועל איך ווייטער לעבן, ווי וועל איך קענען לעבן!...

פּושערוויץ האָט אים אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן אַקסל, טענזשעל האָט אַריינגערוקט די פינגער אין די האָר אַריין, פאַר-

שטעלט דאָס פּנים און געבליבן זיצן אָנגעשפּאַרט די הענט אינם טיש.

— ווי וועל איך ווייטער לעבן; ווי וועל איך קענען לעבן?—האָט איבערגעחזרט רדזאַוויטש מיט אַ געשטיקטער, דורכ־נעמענדיקער, אומעטיקער שטים.

— וואָס וועל איך איצט טאָן? — האָט ער געזאָגט — וואָס וועל איך איצט טאָן? ערשט אַצינד הייב איך אָן פילן, וואָס ס׳איז געשען... פריער האָט זיך אַלץ געמישט ביי מיר אין מוח, ווי ס׳וואָלט דאָרט עמעץ אַריינגעגאָסן קאָכיקע וואַסער... איצט הייב איך אָן זען... וואָס וועל איך אַצינד טאָן.

— ראָמעק, וואָס טוט זיך מיט דיר! — האָט אַ קרעכץ געטאָן טענזשעל...

— אַזוי זי אָנגעוווירן, אַזוי אָנצוווערן — האָט געזאָגט רדזאַ־וויטש מיט אַ שטיל רואיק און פּולקום צעבראָכן קול. — אַזוי זי אָנצוווערן... כ׳האָב אַזוי ליב געהאַט דאָס מיידל... זי איז פאַר מיר געווען אַלץ, דאָס גאַנצע לעבן, די גאַנצע וועלט... וואָס האָב איך דען אַחוץ איר? אַזוי זי אָנצוווערן...

ער האָט אַראָפּגעהאַנגען דעם קאָפּ און אָנגעלענט אויף די הענט. טענזשעל האָט ניט אַוועקגענומען דאָס פּנים, פּזשערוויץ האָט געדרייט אַהין און צוריק מיטן שרייב־הענטל אויפן טיש.

— איר ווייסט גאָרניט, וואָס זי איז געווען — האָט רדזאַ־וויטש געזאָגט ווייטער—ס׳אַר אַ גוטע, סאַר אַ זיסע, ס׳אַר אַ ליבע, ס׳אַר אַ שיינע... און אַזוי זי צו פאַרלירן אויף תמיד, אויף שטענדיק, אויף אייביק צו פאַרלירן... יעזוסי, דו מיינסט, אַז זי וועט ניט צוריקקומען?

— ווער ווייס — האָט געענטפערט פּזשערוויץ — איך מיט לאָרען זיינען דאָך אויך געווען אָנדערהאַלבן יאָר צעריסן, און איצט זיינען מיר דאָך אונזער.

— יאָ, אָבער מאַריאַ וועט צו מיר ניט צוריקקומען, ניט צוריקקומען, דו ווייסט, זי וועט ניט צוריקקומען... ס׳איז שוין פאַרפאַלן אויף שטענדיק, אויף אייביק פאַרפאַלן.

טענזשעל האָט צענויפגעדריקט די פינגער אין די האָר זיינע.

— צו וואָס האָב איך איר גאָר איינגאַנצן דערקענט? — האָט ווייטער געזאָגט רדזאַוויטש, כ׳האָב געהאַט נאָכדעם אַזוי פיל שווערע איבערלעבענישן, אַזוי פיל צרות, דערנידערונגען, פיין, כ׳האָב אָבער געטראַכט, ס׳איז אַלץ גאָרניט: כ׳וועל הונדערט מאָל מער ליידן, אַבי זי זאָל זיין מיין. כ׳זאָל באַדאַרפן אונטערגיין, וועט עס זיין פאַר אירטוועגן... כ׳באַדויער עס איצט אפילו אויך ניט... אויב כ׳וועל אונטערגיין, איז עס דורך איר, דורך מיין מאַריען...

— אונטערגיין ווערסטו ניט — האָט איבערגעריסן פּזשערוויץ — מיר האָט זיך אויך אַזוי געדאַכט אין אָנהייב... כ׳האָב געמיינט, כ׳וועל משוגע ווערן, כ׳האָב דאָך קיין שום האָפענונג ניט געהאַט, ס׳האָבן מיך געפּייניקט דער ווייטאָג און צער, און דאָ האָב איך דאָך איבערגעהאַלטן.

— אָבער איך וועל ניט איבערהאַלטן, דו ביסט שטאַרקער פון מיר. אין מיר איז שוין דאָ דער טויט.

— ראָמעק, וואָס טוט זיך מיט דיר! — האָט ווידער אַ קרעכץ געטאָן טענזשעל.

רדזאַוויטש האָט זיך אויסגעצויגן אויפן קאַנאַפּע מיטן פּנים אַראָפּ און פאַרלייגט די הענט צוקאָפּנס. די אויגן זיינען ביי אים געווענדט געוואָרן צום באַלקן, אָבער ער האָט געקוקט ווי אין זיך אַריין. ער האָט אָנגעהויבן ריידן:

פיר חדשים צייט זיינען מיר געווען חתן-כּלה... מאַריאַ איז שוין געווען אין קלענזש, ווען איך בין געקומען צו פאָרן. כ׳האָב זי דערזען, איז אין מיין האַרץ אַ זון אויפגעגאַנגען. ס׳איז מיר אָפּטמאָל געוואָרן אַזוי העל און אַ פלאַם האָט מיר דורכגענומען פון קאָפּ ביז די פיס... און נאָכדעם איז מיר פּלוצלונג פינסטער געוואָרן אין די אויגן און אַ שוידער איז מיר דורכגעלאָפן — מאַריאַ האָט עס באַמערקט. ס׳איז תּיכּף פון אָנהייב אָן געווען צווישן אונז עפּעס מאָדנע, פון דער ערשטער רגע אָן האָט זיך

פאַרבונדן... פון דער ערשטער מינוט אָן... און איצט, זעט איר... קען מען גלויבן דערינען... ווי האָט מען עס געקענט...

ס׳האָט אים אויסגעפעלט שטים, און ער האָט אָפגעהאַקט, אין אַ ווײַלע אַרום, ווי ער וואָלט געמוזט ריידן, האָט ער אויף דאָסניי אָנגעפאַנגען:

— פריילין סטושעליסקאַ איז אַזוי צו מיר צוגעשטאַנען, אַז תחילת האָבן מיר געמוזט זיך האַלטן פון דער ווייטנס — אַחוצדעם, כ׳האָב אויך אין דעם הויז ביי מיין דלות און ביי מיין אַרטיזם אָן אַ נאָמען זיך געפילט זייער שעמעוודיק און כ׳האָב מורא געהאַט, אַז מען זאָל מיר ביים ערשטן טריט ניט דערלאַנגען גלייך אין שטערן. וואָרעם וואָס פאַר אַ ווערט האָב איך געהאַט לגבי די מענטשן מיט פאַלאַצן, לאָקאַיען, עקיפאַזשן און קאַרעטן?

אָבער איינמאָל האָט זיך געמאַכט אַזוי: מיר זיינען געזעסן אין דרייען אונטן אין זאַל. ס׳איז געווען אַ ווינטער-נאַכט. אין דרויסן איז פון דער לבנה געווען בלוי און זילבערדיק, אַ גרויסער שטח פוסטע פעלדער און ביי דער זייט אַ וואַלד. איך האָב געזען דורכן פענסטער אַ פוקס, וואָס איז אַרויס פון וואַלד און זיך אַ ווײַלע אָפגעשטעלט. יאַדוויגאַ האָט געבראַנגט אַלטן וויין, מיר האָבן גענומען צו ביסלעך. דער וויין און די נאַכט, דער גרויסער שניי האָבן מיר צעטרוימט. מאַריאַ איז געזעסן לעבן מיר אויף דער קושעטקע, פריילין סטושעליסקאַ אויף אַ שטול. איך האָב גערעדט. איך האָב זיך געפילט עפעס מאָדנע געשטימט און געשפירט, אַז איך רייד היינט ניט, ווי תמיד. כ׳האָב זיי דערציילט וועגן מיין קינדהייט, וועגן מיין עבר, וועגן מיינע אַמאָליקע אַרבעטן, וועגן מיינע פראָיעקטן אויף להבא. כ׳האָב אַלץ דערציילט: וויפל צרות כ׳האָב געהאַט, וויפל מפלות. כ׳האָב זיי לסוף דערציילט וועגן דעם, ווי איינמאָל אין מינכען האָב איך, אַרויסשטייגנדיק פון טראַמוואַי זיך אָפגעריסן אַ פאָדעשווע פון שוך, און האָב ניט געהאַט פאַרוואָס צו נעמען אַ דראָשקאַזש אַהיימצופאָרן, כ׳האָב געמוזט גיין מיט אַ פאָדעשווע, וואָס האָט זיך נאָכגעהאַנגען ביים פוס. און דעמאָלט איז געשען אַ מאָדנע זאַך, יאַדוויגאַ סטושע-

ליסקאַ איז אויפגעשפּרונגען פון שטול און אַרויסגעלאָפן פון צימער; מיר זיינען געבליבן אַליין. כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויף מאַריען. זי איז געווען רויט, אירע אויגן האָבן עפּעס מאָדנע געשיינט. זי האָט געקוקט גלייך, איך האָב אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ צו איר אָרעם, זי האָט ניט אַוועקגעכאַפּט. דעמאָלט איז מיט מיר געשען אַזוינס, ווי ס׳וואָלט מיר אַ זיסער טויט אַרומגענומען... דער קאָפּ איז מיר אַראָפּגעפאַלן אויף איר אָרעם, כ׳האָב זי אָנגענומען פאַר די הענט, צוגעטראָגן צו די ליפּן און אַ קוש געטאָן די שפּיץ פינגער פון אירע ביידע הענט, וואָס זיינען געווען צעטויפגעדריקט אין מיינע הענט. נאָכדעם ווייס איך אַליין ניט, ווי אַזוי דאָס איז געשען, האָב איך זי אַרומגענומען מיט דער לינקער האַנט און צוגעדריקט צו דער ברוסט. זי האָט זיך ניט געווערט, נאָר שטאַרק און שנעל געאָטעמט, איך האָב איר אַ קוש געטאָן אין שטערן און אין ווינקל פון מויל... די אותה רגע איז אַריין סטזשעליסקאַ מיט רויטע אויגן. זי האָט אויף אונז אַ קוק געטאָן, בלאַס געוואָרן, זיך אַ ביסל געוואַקלט, נאָכדעם גענומען מיין האַנט אין מאַריעס, זיי פאַראייניקט און געהאַלטן אַזוי אַקעגן אַ ווײַלע.

מיר זיינען אויפגעשטאַנען און אַריבער אין שכנותדיקן צימער, וואו ס׳איז קיין לאָמפּ ניט געווען, נאָר אַזוי פיל שיין, וויפל ס׳האָט געגעבן דער לאָמפּ פון זאַל און די לבנה. מאַריאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער גרויסער שטול פון פרוי סטזשעליסקאַ, איך לעבן איר, אויף אַ טאַבורעט, יאַדוויגאַ אויף דער ערד, אויף די רייזע-קישעלעך. מיר האָבן גאָרניט גערעדט. איך האָב מיט די הענט אַרומגענומען מאַריעס אַקסלען ווי זי וואָלט שוין זיין מיין. די צווייטע האַנט האָב איך געהאַלטן אויפן אָנלען פון דעם שטול. פּלוצלונג האָב איך דערפילט, ווי יאַדוויגאַ דריקט צו אירע ליפּן צום גרויסן פינגער און זאָגט שטילערהייט: „איר זייט אַזאַ קלוגער און זוכט אַזוי ווייט, ניט זעענדיק, וואָס איר האָט נאָענט לעבן זיך". כ׳האָב זיך געמאַכט, אַז כ׳האָב גאָרניט געפילט, און כ׳ווייס באמת ניט, וואָס זי האָט דערמיט געמיינט.

— אַ אָריגינעלע מיידל — האָט באַמערקט פּושערוויץ.

מיר זיינען אַזוי אָפּגעזעסן ביז פיר אינדערפרי. איך האָב געפילט, אַז איך בין אויף אייביק איבערגעגעבן מאַריען און זי איז ווי מיין... ס׳איז געווען אַ מאָדנע נאַכט.

שפּעטער זיינען מיר שוין געווען ווי חתן־כלה, כאָטש קיינער, אַחוץ אונז דריי, האָט וועגן דעם ניט געוואוסט. יאַדוויגאַ האָט זיך מיט אונז געעסקט. אַזוי זיינען אַוועק עטלעכע וואָכן, ווי אַ חלום, אָבער קיין שום אינגאַנצן קלאָר אַרויסגעזאָגטס איז צווישן אונז ניט געווען. כ׳האָב פּשוט מורא געהאַט, ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט פאַר עפּעס אומדערהערטס, איך זאָל חתונה האָבן און נאָך דערצו מיט אַזאַ יונג, שיין, רייך מיידל ווי מאַריאַ.

און ס׳וואָלט אַלץ אפשר געווען אַזוי איבערגעגאַנגען ווי אַ חלום, מחמת מאַריאַ אַליין האָט צייטנווייז געמאַכט אַן איינדרוק, ווי זי וואָלט זיך געשראָקן און חרטה געהאַט. איר האָט אויך דאָס אַלץ געמוזט אויסווייזן אַזוי אומגעריכט, איבעראַשנדיק—און כ׳ווייס, אַז ס׳איז באמת אַזוי געווען. אָבער איינמאָל האָב איך זיך פאַרקילט. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, כ׳וועל האָבן אַ טיפוס. כ׳האָב געמיינט, כ׳וועל אפשר שטאַרבן און כאָטש דער טויט איז פאַר מיר אַ שרעקלעכע זאַך, האָב איך געטראַכט, אַז כ׳וואָלט, קען זיין, באַשטאַנען צו שטאַרבן לעבן איר. בעת דער קראַנקהייט האָט מען מיך איינגעאָרדנט אין הייזל פאַר געסט אין גאָרטן, כדי ס׳זאָל זיין רואיקער און שטילער און זיכערער, אין פאַל פון אַן אָנשטעקנדיקער קראַנקהייט. כ׳בין קראַנק געווען אַ וואָך צייט.

יאַדוויגאַ פלעגט קומען און אָפּזיצן ביי מיר גאַנצע שעהן. מאַריאַ פלעגט מיר בלויז שיקן בלומען און שרייבן. אַזוי זיס שרייבן... זי האָט אין זיך עפּעס אַזויפיל קינדישן צויבער... כ׳ווייס ניט, וואָס ס׳איז מיר אייגנטלעך געווען, עפּעס אַ פיבער. אַז כ׳בין דאָס ערשטע מאָל צוריקגעקומען אין פּאַלאַץ אַריין אַ בלאַסער און אַ מאָגערער, זיינען מיר נאָך אָוונטברויט געבליבן ביחידות אין עסצימער. מאַריאַ האָט אויף מיר געקוקט טרויעריק, נאָכדעם האָט זי אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט, אַז ס׳האָט זיך איר געחלומט, זי איז אַרויס פון פּאַלאַץ און געטראָפן מענטשן, וואָס האָבן געטראָגן אַ טרומנע דורכן גאָרטן צום הייזל צו, וואו איך בין געלעגן קראַנק.

זי האָט זיי געפרעגט, וואוהין זיי גייען און פאַר וועמען די טרומנע איז? די מענטשן האָבן געענטפערט, אַז איך בין זייער קראַנק און זיי טראָגן עס פאַר מיר. דעמאָלט איז זי זיי נאָכגעגאַנגען און אַריין אין מיין צימער. זי האָט געזען, אַז איך ליג מיטן פנים אַרויף, דעם קאָפּ פאַרבויגן אויף אַהינטער, מיט פאַרמאַכטע אויגן, אַ בלאַסער, כמעט אַ גרינער. לעבן בעט איז געווען איר פעטער, די באָבע, יאַדוויגאַ, און אַ סך אומבאַקאַנטע מענטשן. אַלע האָבן געקוקט אויף איר. זי איז צו צום בעט און זיך איינגעבויגן איבער מיר. איך האָב דעמאָלט געעפנט די אויגן און זיך גערירט, ווי כ׳וואָלט אויפגעלבט געוואָרן דורך איר אָטעם. כ׳געדענק דאָס זייער גוט, און חזר איבער וואָרט ביי וואָרט אַלץ וואָס זי האָט געזאָגט. כ׳האָב זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און געזאָגט: אפשר וועל איך באמת אַזוי שטאַרבן און אפשר וועט איר מיך טאַקע לעבעדיק מאַכן — ס׳איז מיר אָבער גלייכצייטיק געוואָרן זייער קאַלאַמוטנע און אַ פראָסט האָט מיך דורכגענומען די גלידער. די אותה רגע איז אַריין אין שטוב יאַדוויגאַ, אַ קוק געטאָן אויף אונז און געזאָגט „איר האָט אייך ליב — האָט חתונה״ — און איז אַרויס.

כ׳האָב פעסטער צוגעדריקט מאַריעס הענט און געפרעגט: „ווילסט, כ׳זאָל דיך נעמען?״ איר קערפּער איז עפּעס אַרויפגעפאַלן אויף מיר און זי האָט געענטפערט מיט אַ מורמל! „נעם מיך״...

רדזאַוויטש איז אַנטשוויגן געוואָרן, די שטים האָט זיך אים אָפּגעריסן אין גאָרגל און ס׳האָט אים אָנגעהויבן שטיקן אַ געוויין. פּזשערוויץ איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. טענזשעל האָט צוגעדריקט די אויגן מיט די פויסטן. נאָכדעם האָט רדזאַוויטש, ווי ער וואָלט מוזן ריידן, אויפדאָסניי אָנגעהויבן דערציילן:

— דאָס זיינען געווען אונזערע תנאים. מיט קיין פינגערלעך האָבן מיר זיך ניט געביטן. מיר האָבן באַשלאָסן לעת־עתּה עס צו האַלטן בסוד. ס׳איז אונז אָבער געווען צו שווער. יאַדוויגאַ האָט דערציילט דעם פאָטער און דער באָבען. ביידע האָבן זיך זייער געוואונדערט און ווי דערשראָקן זיך. זיי האָבן אָבער גאָרניט געהאַט קעגן דעם. זיי האָבן בלויז געראַטן וואַרטן, ביז כ׳וועל אַליין זיך דערשלאָגן

צו וועלכע ס׳איז שטענדיקע הכנסות, כדי מען זאָל ניט זאָגן, אַז כ׳האָב חתונה צוליב געלט. מאַריאַ האָט העכער פּערציק טויזנט רובל נדן; פֿאַר מיר הייסט עס אַ סך. איך האָב אַליין אויך אַנדערש ניט געוואָלט. מתחילת האָט זיך אונז אַלץ אויסגעוויזן אַזוי לייכט, אַזוי זוניק און אין מיר גופא איז באמת עפּעס ווי אויפֿדאָסניי געבאָרן אָדער אויפֿגעלעבט. אַז כ׳בין צוריקגעקומען קיין וואַרשע, האָבן באַקאַנטע זיך געוואונדערט, וואָס ס׳איז מיט מיר געוואָרן? איך אַליין האָב געפֿילט, אַז עפּעס אַ נײַ האַרץ קלאַפּט מיר אין דער ברוסט, אַז איך בין עפּעס אַ בעסערער, אַ ליכטיקערער, איידעלערער און אויסגעלייטערטער פֿאַר דער וועלט... כ׳האָב געהאַט אַזעלכע וואונדערלעכע מינוטן. איך געדענק איינמאָל אין טעאַטער איז זי געווען אַזוי שיין, אַזוי שיין. כ׳בין געזעסן הינטער איר. זי האָט געלאַכט אויפֿן קול און געעפֿנט דאָס מײַלעכל און געבלישטשעט מיט די צײַנדלעך. זי איז אין אינגאַנצן געווען אַ ראָזע און שמייכלדיקע, אַזאַ ליכטיקע, אַזאַ גאָלדענע, אַזאַ מײַנע!... אַלע האָבן אויף אונז געקוקט. זי האָט דאָס געזען און זיך איבערגעבויגן צו מיר אויף צוריק אַזוי, אַז זי האָט מיר כמעט געגלעט מיט די לעקלעך אויפֿן שטערן. זי האָט דורך מיר קאָקעטירט מיט מענטשן און מיר האָבן ביידע דערפֿון געלאַכט. אַזוי פֿיל איז זי געווען מײַן אייגענע... אַ צווייט מאָל, אויך אין טעאַטער, בין איך געזעסן צווישן די שטולן, מחמת אין די לאָזשעס האָט אויסגעפֿעלט ערטער. זי איז געווען עפּעס ניט געזונט, אַ בלאַסינקע. זי האָט אָנגעשפּאַרט דאָס קעפּל אָן אַ זײַל און פֿאַרמאַכט די אויגן. זי איז געווען אַזוי וואונדערלעך... מײַן האַרץ האָט זיך אַזוי צו איר געריסן... כ׳ווייס ניט פֿאַרוואָס, אפֿשר איז עס שלעכט אַזוי, אפֿשר גאָר נידערטרעכטיק, כ׳מוז אָבער וועגן דעם ריידן.

איינמאָל, שוין גאַנץ לאַנג, נאָך אין קלענוש, איז פֿאָרגעקומען צווישן אונז אַ סצענע. כ׳בין געווען, ערשט נאָך דער קראַנקהייט מײַנער, שרעקלעך אויפֿגערעגט, מען האָט מײַנס אַ סקולפּטור ניט געקויפֿט אויף דער אויסשטעלונג, פּרוי סטזשעליסקאַס פּאָרטרעט איז מיר ניט געגאַנגען. ס׳האָט מיר עפּעס בייזס באַהערשט. מאַריאַ האָט מיר דעם טאָג אָנגעטאָן אַ גרויסע אומאָנגענעמלעכקייט, ניט

פאַרשטעלנדיק מיך פאַר אירע קרובֿים אַלס חתן, די לעשטשיצקעס, וואָס זיינען דעמאָלט געקומען קיין קלענזש און וועגן גאָרניט געוואוסט. צוליב דעם האָט עס אויך ניט געטאָן הער סטזשעליסקי; די באָבע איז געווען שוואַך און ניט אַרויס פון צימער. כ׳האָב געהאַט גרויס פאַראיבל אויף מאַריען, הגם זי האָט זיך פאַרענט־פערט, אַז ס׳איז נאָך ניט אָפיציעל. איבעריקנס, אויב עס גייט מיר דעריינען, קען זי אָנשרייבן צו די לעשטשיצקעס. איך בין אָבער געווען אין כּעס און ניט געוואָלט מיט איר ריידן דערפון. כ׳בין אַוועק צו זיך. ערשט אין אָוונט, ס׳קלאַפּט עמיץ אָן און ס׳גייט אַריין מאַריאַ, אַ זאַך וואָס האָט קיינמאָל ניט געפּלעגט זיין, אַ בלאַסע, צערודערטע, און נעמט זיך ווידער פאַרענטפערן. איך וויל וועגן קיין זאַך ניט הערן און זאָג איר, אַז עס גייען מיר אַזעלכע זאַכן קנאַפּ וואָס אָן צו זיין פון איר משפּחה גערן געזען, זי ווייס דאָך אָבער, אַז אַזוי קען ניט זיין. כ׳בין געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז כ׳האָב זיך פאַרגעסן. כ׳האָב דעמאָלט אָפּגעטאָן אַ ווילדע זאַך, אַ זאַך וואָס כ׳וועל זיך ווייל כ׳וועל לעבן ניט מוחל זיין. מאַריאַ האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר מיר אויף די קניע, פאַרלייגט די הענט און אַזוי מאָדנע און האַרציק אויף מיר געקוקט און עפּעס אַזוי תּפילהדיק געזאָגט צו מיר: „קליינער״!

— אַזוי פלעגט זי מיר צייטנווייז רופן, און איך האָב איר דערויף געענטפערט: „הייבט אייך, זייט אַזוי גוט, אויף, ווייל עס מאַכט אויף מיר לחלוטין קיין איינדרוק ניט״...

— וואָס־זשע איז געווען, זי האָט געחלשט, צי אַ קלאַפּ צו געטאָן די טיר אונטער דער נאָז און אויער? — האָט געפרעגט פּושערוויץ.

— ניין, זי האָט זיך אויפגעהויבן און אויסגעטרונקען אַ גלאָז וואַסער.

— אַזוי? — האָט אַ זאָג געטאָן פּושערוויץ מיט אַ פאַר־וואונדערטער שטים.

רדזאַוויטש האָט ווייטער גערעדט:

— זי איז אַרויס. כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳וועל זיך לאָזן אַ קויל אין קאָפּ, אַז אַלץ איז געענדיקט. כ׳האָב זיך אַ שליידער

געטאָן אויפן בעט און זיך אָנגעהויבן וואַרפן. כ׳האָב געמיינט, כ׳וועל די קאָנוואולסיע קריגן, אָדער ס׳וועט זיך אין מוח ביי מיר עפּעס צעבערעכן און פאַרברענט ווערן. כ׳האָב זיך צעביסן די פינגער ביז בלוט. אין אַ האַלב שעה אַרום אָבער האָב איך דער־האַלטן פון איר אַ צעטעלע, אין וועלכן ס׳איז געשטאַנען: „אויב ער איז ניט בייז, וועט ער קומען״... אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך זי געקושט איבער די הענט און פיס און כ׳וואָלט די נשמה איר אַוועקגעגעבן... און איצט וואָס האָב איך פאַר זיך? כ׳האָב אַזאַ געפיל, ווי דער טויט וואָלט געשטאַנען פאַר מיר.

טענזשעל האָט אויפגעדריגעט אויפן בענקל, פּזשערוויץ ווי־דער האָט געזאָגט:

— דו מוזט אַוועקוואַרפן.

— אַוועקפאָרן? — האָט געענטפערט רדזאַוויטש. — צו וואָס? און וואוהין? וואָס וועט עס העלפן?

— וועסט זען, ווען דו וועסט אַרויספאָרן.

— אַז איך וויל ניט לעבן.

פּזשערוויץ האָט אָנגענומען רדזאַוויטשן פאַר ביידע הענט און געזאָגט:

— מיין טייערער, מיין טייערער, דאָס לעבן איז צייטנווייז שרעקלעך, מוראדיק שווער, איך ווייס עס אַזוי גוט, ווי דו, מען טראָגט אָבער איבער אַ סך מער, ווי מען מיינט, דאָס ווייס איך אויך. איצט ווילסטו ניט לעבן, כ׳פאַרשטיי דיך, דו וועסט אָבער ניט וועלן שטאַרבן, מעגסט עס זיין זיכער. האָסט ניט קיין געלט. כ׳וועל דיר געבן און פאָר אַוועק.

רדזאַוויטש האָט אַ מאַך געטאָן מיט די אַקסלען, פּזשערוויץ ווידער האָט ווייטער גערעדט:

— כ׳האָב אַלץ דורכגעטראַכט! דו האָסט ניט קיין געלט, הער טענזשעל האָט אויך ניט, איך קען דיר העכסטנס געבן צוויי הונדערט, דריי הונדערט רובל, און דאָס איז דאָך אַ שבוש. כ׳וועל לייען פאַר דיינעטוועגן צוויי טויזנט רובל ביי סטאָסלאַווסקען. ער וועט אַפילו ניט וויסן, ווען איך גיב עס! כ׳וועל לייען אַזוי, ווי כ׳וואָלט נעמען פאַר זיך. וועל אים אומקערן, אַז וועסט

האָבן, אָדער גאָר אָפּאַרבעטן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט חשק ביי דיר עפּעס צו באַשטעלן. געלט וועסטו האָבן תיכף מאָרגן און וועסט פאָרן.

דיזעלבע רגע האָט פּושערוויץ זיך אַ ריס געטאָן צוריק, מחמת רדזאַוויטש האָט זיך פלוצלונג אַראָפּגעריסן פון קאַנאַפּע, געכאַפּט אַ שטול און אַ שליידער געטאָן מיטן גאַנצן כּוח: דער מלאך פון לעבן איז פונם זעץ אין ברוסט אַנידערגעפאַלן מיט אַ הילך אויף דער פּאָדלאָגע און זיך צעבראָקלט אויף שטיקלעך.

— וואָס האָסטו געטאָן, ראָמעק! — האָט אויסגעשריִען טענזשעל, אויפהייבנדיק די הענט.

— דאָס, וואָס דו זעסט — האָט געענטפערט רדזאַוויטש.

צווייטער קאַפּיטל.

טענזשעל האָט באַקומען אָט אַזאַ פּאָסט־קאַרטל:

פּאַלערמאָ, 3 אווגוסט 1894 י.

דיין בריוו האָב איך דערהאַלטן. כ׳בין משער, אַז דעם אַדרעס האָט מסתמא פּושערוויצן פון הי עמיץ פון די פּאָליאַקן צוגעשיקט. דו פרעגסט זיך וועגן גאָרניט אָן. זעסט, כ׳לעב. אַ סימן, כ׳האָב זי ניט ליב געהאַט, אַז ניט, וואָלט איך ניט געלעבט. מענטשן, וואָס האָבן באמת ליב, לעבן ניט נאָכן טויט פון די, וואָס זיי האָבן ליב געהאַט. און מאַריאַ איז דאָך פאַר מיר אָפּגעשטאָרבן.

איך לעב, כ׳בין דאָ, כ׳וועל לעבן. פּושערוויץ איז גערעכט געוועזן: כ׳האָב ניט געוואָלט לעבן, און וויל ניט שטאַרבן. לעב איך אַלזאָ, כ׳וועל לעבן. די זון שיינט אויף מיר אַזוי, ווי אויף אַלע אַנדערע, פאַר וואָס־זשע זאָל איך ניט לעבן? ס׳איז מיר וואַרעם און ליכטיק. ווילסט, שרייב.

דיין ראָמאַן רדזאָוויטש.

פּאַלערמאָ, 18 אווגוסט, 1894 י.

דיין צווייטע קאַרטל דערהאַלטן. כ׳לעב. פּושערוויץ איז גערעכט געוועזן.

נעאַפּאָל, 27 אווגוסט, 1894 י.

מיין טייערער! כ׳האָב זי ניט ליב געהאַט. כ׳זאָל געוועזן ליב האָבן, וואָלט איך ניט געלעבט. זי האָט געמוזט גערעכט זיין — מיר האָבן זיך געמוזט נאַרן. אויב כ׳האָב אָבער ניט ליב געהאַט, פאַרוואָס־זשע איז מיר אַזוי?

ס׳דאַכט זיך מיר כּסדר, אַז כ׳האָב פאַר זיך אַ תּהום. ס׳ווייזט זיך מיר אויס, ווי כ׳וואָלט געהאַט הינטער זיך עפּעס אַ וואַלד, אַ שרעקלעך טיפן וואַלד, אַ פינסטערן, אומדורכזעלעכן, אין וועלכן כ׳האָב פּשוט מורא אַריינצוקוקן. דער בליק זאָל מיר ניט אָנהייבן בלאָנזשן פון משוגעת.

וואָס איז בין אַלץ דורכגעגאַנגען.

כ׳בין פון אייך אַרויסגעפלויגן, ווי אַ משוגענער. כ׳ווייס אַפילו ניט, וואו כ׳בין געווען. כ׳בין געפאָרן און געפאָרן. אַבי ווייטער... אָבער צו וואָס? מען לאָזט ניט איבער די געדאַנקען אין די וועג־בודקעס.

כ׳קען ווייטער ניט שרייבן.

סאָרענטאָ, 8 סעפּטעמבער, 1894 י.

ס׳איז דאָ מאָדנע שטיל, כ׳האָב שוין אין גאַנצן ניט גע־קענט איבערהאַלטן. כ׳זיץ איצט ביים אָפענעם פענסטער און קוק. דער הימל איז זייער אַ פינסטערער, פול מיט שטערן. די בערג ווייזן זיך פונדערווייטנס. ס׳איז שטיל און עס שמעקט די לופט.

ס׳איז פולקום פוסט. אַלע שלאָפן. כ׳האָב לאַנג שפּאַצירט לעבן האָטעל.

אין דערזועלבער צייט האָב איך ערגעץ אין קלענזשער גאָרטן, אָדער ערגעץ אַנדערש געקענט אַזוי גיין מיט איר, מיט מאַריען, מיט מיין מאַריען...

איך רוף זי אָן מיינע, כאָטש כ׳ווייס שוין, אַז זי איז דאָס ניט און וועט קיינמאָל ניט זיין. כ׳האָב לאַנג־לאַנג ניט געקענט דעריינען גלויבן, כ׳האָב זיך ניט געקענט דערצו צוגעוויינען. דער־מאָן זיך: אַזאַ צייט האָב איך געקענט וועגן איר זאָגן מיינע... איצט ווייס איך ערשט, וואָס הייסט פאַרלירן אַ פרוי, פילן, אַז זי איז דיין, זי געהערט דיר... און פאַרלירן... ווייסט — קלער, וואָס דו ווילסט, כאָטש מאַריאַ האָט מיך אויף אַזאַ אופן אָפּגעשטויסן פון זיך, און אַ באמת שטאָלצער מענטש וואָלט עס ניט טאָן — האָב איך געשריבן צו איר...

כ׳האָב איר געשריבן, אַז זי האָט מיך ביי אירע פיס, אַז

איך בין גרייט אויף אַלץ פֿאַר אירעטוועגן, אַז אויב איר משפּחה שאַדט עפּעס מיין אַרטיזם, שווער איך, אַז כ׳וועל מער די אַל אין דער האַנט ניט נעמען. אַז אויב עס גייט איר אין דעם, וואָס כ׳האָב ניט קיין פֿאַרמעגן, וועל איך גיין אין פֿאַבריק פֿאַר אַן אַרבעטער און כ׳וועל מאַכן אַ פֿאַרמעגן... וואָס האָב איך אַלץ ניט געשריבן! דעם בריוו האָט מיר צוריקגעשיקט איר מומע מיט אַ תּשובה, אַז מאַריאַ איז קראַנק און זי האָט, ניט קענענדיק מיין כּתב, געעפֿנט דעם בריוו, פֿאַרוואָס זי בעט אַנטשולדיקן און בעט אויך לויטן כּוח הרשאה פֿון מאַריען, אַז איך זאָל מער ניט שרייבן, מחמת די בריוו וועלן בכלל ניט געעפֿנט ווערן. פֿון זיך ווידער דאַנקט זי מיר פֿאָראויס פֿאַר דעם צופֿאַסן זיך צו איר וואונטש.

כ׳האָב געמיינט, כ׳וועל משוגע ווערן.

צי קענסטו דען פֿילן, וואָס איך האָב געפֿילט! מאַריאַ, מיין טייערסטע, מיין איינציקע אויף דער וועלט מאַריאַ, די פֿרוי, וואָס האָט מיר טויזנט מאָל איז ווייניק געזאָגט: כ׳בין דיין—איז קראַנק און איך קען אַפֿילו ניט וויסן, וואָס ס׳איז איר?! פֿון טאָג צו טאָג צו פֿאַרלירן דאָס רעכט צו וויסן וועגן דעם, וואָס עמיץ, וועלכער איז געווען מיין אייגנטום און פֿאַר וועלכנס אייגנטום איך אַליין האָב זיך געפֿילט: טוט איצט, וואָס עס טוט זיך מיט אים? כ׳ווייס ווער, אַ ליאַדע פֿון אירע סאַלאָניקע פֿאַרערער האָט געקענט געוואָר ווערן, וואָס זי מאַכט, און איך, איך, וואָס האָט אירע הענט און אירע פֿיס געקושט, איך, וואָס וואָלט איר מיין בלוט פֿון האַרצן אָוועקגעבן און די גאַנצע וועלט צוגעטראָגן, איך קען אַפֿילו ניט פֿרעגן, ווי ס׳איז איר!... בלויז זיך דערמאָנען, אַז אַ ליאַדע ווילד פֿרעמדער מענטש, וועגן וועלכן זי טראַכט קיינמאָל ניט און וועט קיינמאָל ניט טראַכטן, קען מיט איר ריידן, און איך ניט!... און איך ניט!... ס׳איז דאָ אַ גהינום אין מיר און דער טויט, ווען איך טראַכט וועגן דעם; עס דאַכט זיך מיר, אַז דער מוח פֿאַלט מיר איין, אַז עס פּלאַצט עפּעס אין אים און פֿאַלט אַראָפּ אונטן.

און דידאָזיקע פֿרעמדע, קאַלטע, האַרטע האַנט, וואָס האָט

זיך צווישן אונז אַריינגערוקט! טאָג אויף טאָג, שעה אויף שעה האָט שוין עמעץ רעכט אַריין צווישן אונז, די קרובים זיינען שוין ווידער נעענטער, ווי איך, איך, וואָס בין געווען איר חתן און האָב געזאָלט זיין איר מאַן... און אָט זי, זי אַליין גיט דאָס רעכט!...

איצט איז ביי אייך נאָך וואַרעם. זי רייט דאָרט אויף אַ פערד אין דאָרף, אויב זי איז געזונט, אָדער זיצט אין וואַרשע אויפן פערד-געיעג אין דער לאָזשע. איך זע זי און דעם עולם, וואָס רינגלט זי אַרום. וואָס פאַר אַ רעכט האָבן עס די מענטשן אויף איר לגבי מיר, וועלכן זי האָט פרייוויליק געשוואָרן, אַז זי וועט מיך ביזן טויט ניט פאַרלאָזן, ווען איך האָב איר געשוואָרן?! און איך, איך זאָל דאָרט איצט זיין, וואָלט איך ניט געטאָרט זיך דערנעענטערן צו איר! ווען כ'זאָל זיך בייגן, וואָלט זי אפשר געענטפערט—מיר, וואָס האָב געקענט אירע הענט נעמען און אַרום מיין האַלז אַרומפלעכטן און וואָס האָב געקענט איר קעפּל אויף דער ברוסט מיינער אָנלענען און פילן, אַז זי איז מיין, מיין, מיין, אינגאַנצן מיין, וואָס געהערט אינגאַנצן נאָר מיר... איך זע זי, ווי זי שמייכלט, ווען זי רעדט, ווי זי פאַרכישופט מיט זיך מענטשן... טראַכט זי נאָך ווען וועגן מיר? ניין, ניין זי קען ניט טראַכטן. אַזאַ עבר, אַזעלכע מינוטן פאַרגעסט מען ניט... די לבנה גייט אַרויס פון אונטער די בערג און ס'איז אַזוי שטיל, אַזוי שטיל... אַז איך וואָלט דאָ זיין מיט איר! מיר וואָלטן שפּאַצירט אויפן ברעג, זי אָנגעלענט אָן מיין האַנט, איך וואָלט זי אַרומנעמען ביז דער העלפט און געהאַלטן פאַר דער האַנט. מיר וואָלטן געגאַנגען און גאָרניט גערעדט. די הערצער אונזערע וואָלטן בלויז געקלאַפּט און צו זיך גערעדט. ס'האָט דאָך געקענט אַזוי זיין...

איך פיל זי דאָ לעבן זיך... אירע האָר שמעקן מיר דאָ. איך זע אירע אויגן, די וואונדערשיינע טונקל-סאַפּירענע אויגן מיטן גאָלדענעם גלאַנץ. איך הער איר שטים. ווען מען גיט זיך אַ דערמאָן, אַז זי וועט קיינמאָל, קיינמאָל ניט זיין מיין, קיינמאָל, קיינמאָל, קיינמאָל...

און לעבן?...

קאפרי, דעם 19 סעפטעמבער 1894 י.

געדענקסט פושערוויצעס סאָנעט:

אַלץ איז שוין פאַריבער, אַלץ איז שוין פאַרביי —
און וועט מער קיינמאָל, קיינמאָל שוין ניט קומען...
אויף אייביק אין די טיפע תהומות ס׳איז אַנטשטומען —
און וועט פון קבר מער ניט אויפשטיין אויפדאָסניי.

פייניקט שרעקלעך, שטיל און שטום דער טויטן־סם...
ס׳איז הבל גליק? ס׳איז אייטל בלויז דאָס ליבן?
גאָרניט איז די פיין? ס׳איז הבל! פאַרבליבן
שיפן ליגן נאָך אַ סך אויף גרונט פון ים!

געווען ווי פסיכע גלייך, דריי שוועסטער ריינע,
די ליכטיק־ציטערדיקע, שטילע, פיינע,
גלויבן, האָפנונג, ליבע — גוטע שוועסטער דריי.

צוויי זיינען געשטאָרבן — און אין ווי פאַרקלעמט,
מיט הענט אַראָפּגעלאָזט, אין פיין פאַרשעמט —
גליווערט איצט די ליבע בלויז אַליין, ווי בליי...

ווייסט, ווען דערדאָזיקער סאָנעט איז אָנגעשריבן? שפּאַצירנדיק איבערן ים, האָב איך אים נעכטן כסדר געחזרט אין קאָפּ און בשתיקה.

אַ גרויסע זאַך זיין אַ פּאָעט. פּושערוויץ האָט אַרויסגעגעבן זיין ציקל „דער פאַרשטאָרבענער" און מיט די סאָנעטן מחיה מתים געווען די געשטאָרבענע. וואָס קען איך אָבער טאָן? ווי אַזוי זאָל איך איר אַרויסזאָגן מיין פיין, מיין צער, מיין יאוש און מיין ליבע און מיין טויט אָן איר—דורך שטיין?...

רוים, דעם 30 סעפטעמבער.

כ׳בין אַנטלאָפן פון קאַפּרי. כ׳האָב זיך דאָ אַרומגעדרייט איבערן וואַטיקאַן און קאַפּיטאָל. יעזוס מאַריאַ, סאַראַ מאַרמאָרן! איך קוק אויף זיי ממש ווי אַ דולער.

כ׳בין עפּעס דאָ ניט לאַנג אַריין אין אַ קלויסטער; כ׳ווייס ניט ווי אַזוי ער הייסט. געווען בין־השמשות־צייט. בלויז פאַר

קריסטוסן אויפן קרייץ האָט אינם זייטיקן צלם־שיפל געברענט אַ לעמפל. כ'האָב געהאַט אַ מאָדנעם געפיל — ס'האָט זיך אין מיר דאָס האַרץ ממש אין אַ טרער פאַרוואַנדלט, ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דער שטיינערנער קלויסטער וואַקסט ערגעץ אין הימל אַריין און ווי מיין נשמה וואָלט אים שטעלן און אויפהייבן, אויפהייבן וואָס אַמאָל העכער, אין תּהום פון הייך. ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז די ווענט פאַלן אויף מיר איין פון אונטערן הימל אַפּער, פון אונטערן האָריזאָנט אַראָפּצו.

כ'בין געשטאַנען דאָרט אַנטקעגן קריסטוסן אויפן קרייץ און געמיינט, דאָס האַרץ וועט מיר פּלאַצן, כ'וועל אין דעם קלויסטער פאַלן אַ טויטער אַנידער.

מענטשן האָבן געזונגען עפּעס אַ פרום ליד. ס'איז געווען ניט קיין גרויסער כאָר פאַר איינעם פון די אַלטאַרן. דאָס כאָר־געזאַנג איז געגאַנגען אין געוועלב פון קלויסטער, אין געדעמפּ פון קטורת, אין רויך און חושך. ס'איז געווען אין דעם ליד אַזוי פיל געבעט, אַזוי פיל גלויבן און אַזוי פיל האָפענונג... איך אַליין בלויז, באַזונדער, אָן אַ זייט אָנגעשפּאַרט אָן עפּעס אַ קאַלטער, מאַרמאָרנער זייל אָן שום אמונה, אָן שום האָפענונג, האָב ניט געהאַט וועגן וואָס צו בעטן... דאָס איינע וועגן וואָס כ'וואָלט בעטן, וועט קיין גאָט אין דער וועלט ניט ממלא זיין. אַלץ אויף דער ערד און אין הימל האָט מיר פאַרשטעלט איין פרוי. ביז לסוף, ווען מ'האָט אָנגעהויבן זינגען עפּעס אַ ליד, וואָס איז ענלעך צו אונזער „Święty Boże, święty mocny, święty mocny, święty a nieśmiertelny“ *) און אַלע האָבן אָנגעהויבן קניען, האָב איך אויך אַנידערגעקניט, ריכטיקער געפאַלן אויף די קני. ניט מחמת הכנעה, ניט מחמת יראַת הכבוד וועגן, נאָר ווייל כ'האָב שוין די לאַסט פון יסורים ניט געקענט אויף זיך דערהאַלטן, און ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אויב כ'וועל זיך אונטער דער משא ניט

---

*) הייליקער גאָט, הייליקער שטאַרקער, הייליקער שטאַרקער, הייליקער און אומשטערבלעכער.

איינבייגן, וועט זי מיך צעברעכן און צעקנייטשן. דער קאָפּ האָט זיך מיר וואָס אַמאָל מער און מער איינגעבויגן, ביז איך בין געפאַלן מיטן שטערן אויף עפּעס אַ שטיינערנע שוועל — און דער ריזיקער שטיינערנער קלויסטער איז אויף מיר איינגעפאַלן פון אונטערן הימל אַפּער, מיט זיין חשכות, מיט זיין לערקייט, מיטן רויך פון קטורת, מיטן געזאַנג און מיטן געקרייצטן אויפן צלם קריסטוסן, וואָס האָט איבער מיר געשוויגן, ווי די נאַכט...

רוים, דעם 5־טן אָקטאָבער.

כ׳וועל ניט אויסהאַלטן, זיך שיסן אין קאָפּ אַריין. וואָס איך לייד, ווי איך פּייניק זיך, קען קיין יחיד זיך ניט פאָרשטעלן, כ׳האָב געמיינט היינטיקע נאַכט כ׳וועל משוגע ווערן — און פאַרוואָס זאָל איך טאַקע ניט משוגע ווערן?!

כ׳בין נעכטן אַריין אין אַ געוועלב נאָך ציגאַרן. כ׳האָב בכלל זיך געפילט זייער מיד און געגנוג רואיק. דאָס אומגליק האָט געוואָלט, כ׳זאָל אַ קוק טאָן אויף דער וואַנט. ס׳איז דאָרט געהאַנגען אַ מודעה פון עפּעס קאַווע, וואָס אַ מיידל דערלאַנגט אין אַ שעלעכל. זי איז געווען ראָז, געהאַט טונקל־סאַפּירענע אויגן און בלאָנדע האָר, פולע ברוסטן און פולע בעדרעס ביי די לענדן, מיט אַ קוים־קוים אויסגעבויגענעם קאָפּ אויף צוריק. כ׳האָב אויפגעדריגעט, ווי ס׳וואָלט מיך ווער אין האַרץ אַ שטויס געטאָן — דאָס געמאָלטע מיידל פון דער מודעה האָט מיך מיט דער באַוועגונג אַזוי דערמאָנט אָן אַלך. וויפל מאָל האָט מאַריאַ אַזוי זיך געשטעלט אינמיטן גאַנג, אַריבערגעבויגן דאָס קעפּל צו מיר, ווען כ׳פלעג זיך צו איר אָפּרופן און זיך אַ ביסל אויסגעדרייט! זי איז אַזוי געשטאַנען און געהערט, איינגעפּאַסט אין אירע פּראַכטפולע היפטן. זי האָט ליב געהאַט זיך אַזוי צוהערן צו מיר, און ווען כ׳פלעג אויפהערן, האָט זי געחזרט: רעד נאָך...

דו ווייסט, וואָס דאָס הייסט האָבן זיינס אַ פרוי? ווי מען איז איר פשוט דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס זי איז דאָ, וואָס זי איז געבאָרן געוואָרן. אומעטום, תמיד מאַכסטו איר לעבן זיך אַן אָרט, דו קענסט זיך אָן איר ניט פאָרשטעלן. אינדערפרי זעסטו

לעבן זיך איר ראָז פּנימל מיטן האַלב־אָפענעם מײַלעכל, מיט די פאַרמאַכטע אײַגעלעך, מיט עפּעס קינדישס קעצישס און מלאַכדיקס אינם פאַרשלאָפענעם אויסדרוק. מען וואָלט זי געגומען אין די הענט, אויך ביידע קינבעקלעך אַרויפגעלייגט די דלאָניעס, אויפ־געהויבן איר דאָס קעפל און לײַכט צוגעדריקט דאָס פּנים, די ליפּן זאָלן זײַן אַ ביסל אַרויסגערוקט, ווי דו וואָלסט אַ בלום־בע־כער צו זיך אײַנבייגן... אין אַזאַ מינוט מוז אַ פרוי זײַן עפּעס געגאַרט ביז שטאַרבן און גלײַכצײַטיק אַזוי הייליק, אַזוי גנעדיק, אַראָפּגעשיקט פון הימל. אַזאַ איבערערדישער אוצר, אַזאַ אומגע־הײַערע מתּנת אלהים... נאָכדעם נעמסטו אין די הענט אַרײַן די פיסלעך אירע, און קושסט, און וואָלסט די נשמה דײַנע אין די־דאָזיקע פיסלעך אַרײַנגעגאָסן דורך די ליפּן און וואָלסט דידאָ־זיקע פיסלעך, די צוויי קליינע ווייס־ראָזע פּוסטריט און די פינ־גערלעך די קליינע דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעגעבן, אַלץ, וואָס האָסט געהאַט און קענסט האָבן...

און איך האָב דאָס אַלץ געקענט האָבן. כ'בין געווען אַזוי נאָענט דערצו... אָ, מײַן טײַערער, אַ קויל אין קאָפּ, איז דען נים דער בעסטער סוף צו די פּיין?...

כ'האָב איבערגעריסן דעם בריוו, ס'איז איצט אָוונט, ס'ווערט שטיל. אין אָט דער צײַט זײַנען מיר אײנמאָל געגאַנגען אין גאָרטן. זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן מײַן אַקסל און גאָר־ניט גערעדט. נאָכדעם האָט זי מיר געזאָגט דאָס, וואָס זי פלעגט שפּעטער איבערחזרן: כ'האָב מורא בלויז פאַר דײַן גליק; זײַ דו גאָר גליקלעך, וועל איך שוין אויך זײַן גליקלעך. איך האָב דעמ־זעלבן טאָג אינדערפרי געפרעגט זי, צי זי האָט ניט מורא פאַר דעם לעבן מיט מיר, צי זי שרעקט זיך ניט, אַז זי קען קומען צום שכל, אַז זי וואָלט געקענט מיט עמיצן אַנדערש.

ווענעציע, דעם 15־טן אָקטאָבער.

אוי, ווי איך בענק, ווי שרעקלעך איך בענק! גאַנצענע טעג שווים איך אום אין גאָנדאָלע און עס דאַכט זיך מיר, אַז דאָס לעבן אַנטלויפט פון מיר מיט יעדן ריר אירן. די גאָנדאָ־ליערן האָבן באַמערקט, אַז עס איז מיר עפּעס: זיי פירן מיך,

ניט ריידנדיק צו מיר גאָרניט, ניט געבנדיק קיין שום ערקלערונגען. שטיל, ביינאַכט, שווים איך אָפטמאָל איבער דער בית־הקברותדיקער שטאָט, צווישן דעם טויבן מדבר פון מויערן, און אינעווייניק וואָיעט עפּעס אין מיר, וואַרפט זיך פון יסורים. עס גייט אַוועק אַ שעה נאָך אַ שעה, מיר שווימען אַזוי שווייגנדיקע, ס׳דאַכט זיך מיר, אַז ער פירט מיין טויטן קערפּער, דער גאָנדאָליער, אַז מיין לייב איז אָפּגעשטאָרבן, און די נשמה קען ניט אַוועק פון דער ערד און גייט אויס פון יאוש און קען ניט שטאַרבן, ניט צוריק אין קערפּער אַריין אויף צו לעבן.

איך באַזוך גאָרניט, עס גייט מיך גאָר ניט אָן. איך בלאָנזשע אום גאַנצענע טעג אין די גאַסן. איך וועל פון דאַנען אַוועק, אָבער וואוהין ווייס איך נאָך ניט. ווען כ׳וואָלט ניט געווען קיין גידערטרעכטיקער פּחדן, וואָלט איך געוואוסט, וואוהין צו גיין. און דאָך האָט מיר אַ מיידל פאָרגעזאָגט, אַז כ׳וועל שטאַרבן ניט כּדרך הטבע. זי אַליין איז געשטאָרבן און האָט זיך ניט איבערצייגט. ס׳איז מאָדנע די מרה־שחורה אין איר זכרון פאַר מיר דורך איר נביאות און דורך איר טויט, איידער דאָס נביאות איז מקוים געוואָרן. אמת, ווי אַלץ, וואָס וועט שטאַרבן, האָט אין זיך אַ רואיקע מעלאַנכאָליע, עפּעס אַ שטילן טרויער אין געשטאָרבענע זאַכן? אינטערעסאַנט, צו דיר קומען אַמאָל אויפן רעיון אַזעלכע געדאַנקען? איך פאַרמאַך אַמאָל די אויגן און לייען מיינע אייגענע טרויער־מודעות.

ר אָ מ אַ ן ר ד ז אָ ו ו י ס ש
סקולפּטאָר,
געבוירן אין 1868 יאָר — געשט...

ווענעציע, 26 אָקטאָבער.

כ׳בין געווען היינט אין לידאָ. מען פאָרט אַהין מיט אַ קליינעם דאַמף־שיף, וואָס הייסט וואַפּאָרעטאָ, אַן ערך צוואַנציק מינוט פון ריוואַ דעלי סקיאַוואָני. אויף לידאָ פאָרט מען מיט פערדערשט פון ווענעציע, דורך צעאַקערטע פעלדער און עפּעס פלאַנטאַציעס... כ׳בין אַוועק אויפן ברעג ים און זיך געלייגט אויפן

זאַמד. כ׳האָב געהאַט הינטער זיך אַ גרינעם וואַל, וואָס איז געווען פֿאַרוואַקסן מיט גראָז, הינטער אים אַ ביימער=אַלעע. פֿאַר זיך האָב איך געהאַט דעם ים און ווייט איבער אים די שיפֿן. דער ים האָט גערוישט, געגאַנגען און געגאַנגען צום ברעג צו. כ׳האָב זיך איינגעקוקט אינם דאָזיקן איטאַליענישן הימל, זיך איינגעהערט אין דעם גערויש און אַ מאָדנע געפֿיל וואָס כ׳האָב פֿריער קיינמאָל ניט איבערגעלעבט האָט מיך באַהערשט.

כ׳שרייב דיר טאַקע דעריבער דערפֿון. ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז אפֿשר איז דאָס אַלץ, וואָס כ׳האָב איבערגעלעבט, בלויז אַ חלום, עפּעס אַ פֿאַנטאַסטישער טרוים. פֿריער האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אַ חלום איז דאָס, וואָס כ׳האָב דורכגעמאַכט מיט מאַריען. שפּעטערצו, פּאַמעלעך — אַלץ, דאָס גאַנצע לעבן מײַנס. ווער ווייס — האָב איך געטראַכט — צי איך בין אַמאָל געווען ערגעץ-אַנדערש, צי איך בין ניט אַ היגער אַמאָל, צו איך וואוין דאָ ניט פֿון תּמיד אָן? כ׳האָב זיך אַזוי אַרײַנגענורעט, אַרײַנגעזאַפּט אינם ים און אינם הימל, אַז כ׳האָב כמעט זיך געקענט שטעלן אַזאַ פֿראַגע. איז אַלץ אַזוי אַרום אַ שקר, כ׳וועל זיל אויפֿהייבן, אָפּטרייסלען פֿון אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך מיר אויפֿן זאַמד דאָ אויסגעדאַכט, ווי פֿון אַ חלום, און אָנהייבן לעבן ווי אַמאָל מיט דעם לעבן, וואָס כ׳האָב שוין אויף אַ רגע געהאַט פֿאַרגעסן, און וואָס קומט צוריק צו מיר נאָך די פֿאַנטאַסטישע בילדער פֿון מײַן כּוח־הדמיון. דערנאָך האָב איך אַפֿילו דעם דאָזיקן אײַנדרוק פֿאַרלאָרן. ס׳האָט זיך מיר גענומען דאַכטן, אַז איך בין אפֿשר פּשוט אַ טייל פֿון דעם לאַנדשאַפֿט, אפֿשר אַ בוים, אָדער אַ שטיין, וועלכן ס׳האָט זיך געחלומט, אַז ער איז געבאָרן אין טאָפּיעל, געבליבן אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען, און גענומען דרײַ קאָנקורסן, געווען אין מינכן, פּוסט=און=פּאַסעוועט און לסוף געווען אַ חתן... אַ מאָדנע געדאַנק, ניט אמת?

געווען אַ חתן... איצט בין איך שוין אויס. כ׳האָב שוין ניט קיין כּלה. בעת איך דערמאָן זיך, אַז זי האָט מיר געזאָגט: מײַן חתן — און וועגן מיר געזאָגט: מײַן חתן; אַז זי פֿלעגט אויפֿוואַכן מיט דעם געדאַנק און אַנטשלאָפֿן ווערן מיט אים, ווײַל אַזוי איז

עס געווען, כ׳ווייס אַז אַזוי איז געווען, ווי די מעשה זאָל איצט ניט זיין... בעת איך דערמאָן זיך דאָס—אָ טענזשעל, טענזשעל, כ׳האָב שוין קיין כוח ניט...

איך מוז איר פעלן, ס׳קען אַנדערש ניט געמאָלט זיין. איר מוז אויך זיין פוסט; אַזאַ צייט געקענט טראַכטן וועגן עמיצן אַזוי, ווי מען טראַכט וועגן אַ חתן. כ׳בין דאָך געווען עס מיט איר ווילן, אפשר מער דורך איר, ווי דורך זיך זעלבער. זי האָט זיך געמוזט צוגעוויינען צום דאָזיקן געדאַנק, ווי איך זוך זי. אמת, איך פאַרגעס, אַז איך זי האָב ליב, און זי מיך ניט...

ווייסטו, וואָס איז אַזוינס בענקשאַפט? בעת איך בין דאָרטן אויפן ברעג געלעגן, שוין אויפגעהערט טרוימען ווי אַ קינד און צו זיך געקומען, האָב איך געמיינט די ברוסט וועט מיר פּלאַצן. וואָס איז, וואָס איז געשען? וואָס בין איך עס אין אַ ווילד פרעמד אָרט, איבערן ים? ביי אונז איז ניטאָ קיין ים, ניטאָ אַזעלכע זיל־בערנע שניצערייען, ניט אַזוינע בלומען—וואָס־זשע טו איך דאָ, וואָס? פאַרוואָס בין איך ניט אינדערהיים צוזאַמען מיט אייך אַלע, צוזאַמען מיט מאַריען? צוליב וואָס בין איך דאָ איינער אַליין צווישן פרעמדע, וואו איך קען קיינעם ניט און קיינער קען מיך ניט? פאַרוואָס ווייס איך ניט, וואָס מאַריאַ טוט אָט די מינוט, וואו זי איז ערגעץ? פאַרוואָס האָב איך געוואָרפן מיין אַטעליע, מיין אַרבעט? וואָס שלעפּ איך זיך אום איבער דער פרעמדער וועלט, אָן שום באַדערפעניש? וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס איז עס געשען?

טענזשעל, איך מוז זיך קלאָגן. קוק אויף מיר ווי אויף אַ קינד, אָבער קלאָגן וועל איך זיך. אַחוצדעם, טוט מיר וויי. מיין ווייטאָג איז ווי אַ קינסטלעכער סטילעט, וואָס ווערט ברייטער אין דער וואונד. די מענטשן, וואָס גייען אין מיר אום, קוקן אויף מיר גלייכגילטיק; פאַרוואָס ווייסן ניט די פאַרשאָלטענע מענטש, וואָס מיר איז! זיי דאַרפן מיר מאַכן אַ וואַרע, קיידן לעבן מיר שטיל, זיי דאַרפן אומעטום און שטענדיק האָבן אויפן אויג, אַז איך בין אומגליקלעך. און זיי ווייסן זיך גאָרניט, גאָרניט! קריכן, מאַכן קולות, לאַכן, ווי אינם מענטש, וואָס גייט לעבן זיי פאַרביי,

וואָלט ניט שטאַרבן עפּעס, ווי איך וואָלט ניט טראָגן אין זיך צווישן זיי דעם טויט...

דעם 27־טן.

פון דער פרי אָן בין איך היינט ווי פון צלם אַראָפּגענומען. די טרערן קוואַלן מיר פון די אויגן, קעגן מיין ווילן, ווי עס וואָלט זיך פּלוצלונג געעפנט אַ קראַטער פון אַ וואולקאַן און אַרויס־געוואָרפן די לאַווע, וואָס איז לאַנג דאָרט געשטיקט געוואָרן, כ׳וויל ניט לעבן, כ׳קען ניט...

ס׳טוט זיך אין מיר עפּעס מאָדנעס. איך ווייס שוין פּשוט ניט, ווען כ׳האָב ליב און ווען כ׳האָב פאַרלאָרן — איך פיל בלויז אַזאַ גרויסע, משוגענע באַדערפעניש ליב צו האָבן. די הענט ציען זיך מיר אַליין אויס, ביי מיין ברוסט מוז עפּעס זיין אַזוינס, וואָס לאָזט זיך מיט די הענט אַרומנעמען, צודריקן, צוזאַמענגיסן מיט מיר. ס׳האָט זיך אין מיר אָנגעזאַמלט אַן אומגעהייערער מאַ־טעריאַל פון ליבע, כ׳בין פּלוצלונג פאַרבליבן מיט דער צעווילדע־וועטער פון ליבע נשמה און מיט די צעווילדעוועטע פון ליבע חושים, אַליין — כ׳האָב ניט וועמען ליב צו האָבן, כ׳האָב ניט וועמען צו זאָגן: כ׳האָב ליב, כ׳האָב ליב. כ׳האָב ניט קיינעמס הענט צו די ליפּן צוצודריקן, כ׳האָב ניט קיינעמס אויגן אַריינצוקוקן, קיינעמס שטים צו הערן, קיינעמס אָטעם צו שלינגען און אַריינציען. קיינעמס ליפּן, אין זיי כאַטש במחשבה זיך איינצובייסן. כ׳בין געבליבן אַזוי, ווי אַ צעיאָגט פערד, וועלכן די ערד האָט זיך פּלוצ־לונג פון אונטער די פיס אָפּער אַראָפּגעריסן און ער איז געבליבן הענגען אין מיטן לויף איבער אַן אָפּגרונט. עס מוז לויפן, און האָט ניט וואוהין.

פון מיין ריזיקן געפיל ווייז איך גאָרניט אַרויס: צער און בענק־שאַפט זיינען ניט קיין ליבע. איך דאַרף זיך וואַרפן אין ליבע, זיך אַריינפרעסן אין איר, זיך אַריינגראָבן אין איר און אין איר פאַרטיליקט ווערן. כ׳וויל ליב האָבן, כ׳וויל וועגן דעם ריידן, כ׳וויל פון זיך אויסגיסן דעם צעבושעוועטן אָקעאַן פון געפילן, אַז ניט, וועט עס, מיין ברוסט צעזעצן!

איז געווען אַמאָל עפּעס אַ מאַריאַ? כ׳ווייס ניט און עס גייט מיך ניט אָן. כ׳ווייס, כ׳האָב זיך צעליבט, יעדער ביינדל מיינס, יעדער נערוו מיינער, יעדער טראָפּן בלוט איז ליבע אין מיר, אַז איך מוז דעם מוראדיק גרויסן אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל פון זיך אַרויסברענגען, אַז ניט וועט עס מיך טויטן, ווי קאָכעדיק וואַסער צערייסט אַ צוגעלייטע כלי.

עס ציען זיך מיר די הענט אויס צו אַלץ, צו פרויען, וואָס כ׳זע דורכן פענסטער, צו די ביימער אין שכנותדיקן גאָרטן, צו דער זון, צו דער שיין, צום ים צו. כ׳וואָלט וועלן אַרומנעמען, אַרומנעמען, צודריקן צו זיך, זיך צעלאָזן מיט עפּעס אַנדערש אין איין זאַך. איך פיל ממש אַ ווייטאָג אין די הענט פון דעם אומזיסטן גאַרן אַרומצונעמען, עפּעס אַ מאָדנע ווייטאָג אין דער ברוסט, אויף וועלכער ס׳איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל זיך וועלן אין איר אַריינקנייטשן... כ׳קען שוין לענגער ניט שרייבן, דאָס בלוט צעזעצט מיר ממש דעם מוח.

כ׳בין אומגעלאָפן עטלעכע שעה רצופים, ווי אַ משוגענער איבער דער שטאָט. כ׳האָב זיך געמוזט איינהאַלטן, זיך ניט צו וואַרפן צו וועלכער ס׳איז ניט פרוי, ניט פאַלן איר צו די פיס און שרייען: כ׳האָב דיך ליב! כ׳האָב דיך ליב!

כ׳האָב אין אָוונט אַריינגעכאַפּט אין גאָנדאָלע אַריין עפּעס אַ איטאַליענערין, כ׳ווייס אַפילו ניט גענוי, ווי זי האָט אויסגעזען. כ׳האָב זי געקושט אין די שפּיץ פינגער, אין די פיס, אין די שיך, כ׳האָב געמיינט, איך פאַרברען זי מיט מיין אָטעם, איך דערשטיק זי, אַז איך מיש זיך אויס מיט איר אין עפּעס איין גרויסע, פלאַמענדיקע מאַסע, ווי צוויי מעטאַלן צעלאָזט אין פייער. כ׳האָב איר געשעפּטשעט: Amo! amo!, ווי דאָס מיידל, וואָס כ׳האָב געטראָפן, וואָלט זיין מיין געליבטע אָדער מיין יונגע ווייב. תחילת האָט זי געשמייכלט און נאָכדעם האָט זי א״ך אָנגעהויבן זיך אונטערגעבן און ציטערן.

און איצט נעמט מיך אַרום עפּעס אַזאַ צער, אַזאַ טיפער, גרויסער צער צו זיך און צו מאַריען. דאָס דאָזיקע געפיל מיינס, דידאָזיקע באַדערפעניש ליב צו האָבן, האָט דאָך אייגנטלעך באַ־

דאַרפֿט זיין אונזערס אַ בשותּפֿותדיקע זאַך. איך מוז ניט דאַרפֿן זי ליב האָבן, זי מוז פֿילן צו מיר דידאָזיקע באַדערפֿעניש. קען זי דען משיג זיין, וואָס זי פֿאַרלירט, וויפֿל זי פֿאַרלירט? און איך האָב ניט באַדאַרפֿט דען אירע פּוסטריט אַזוי קושן, זאָגן צו איר: כ'האָב דיך ליב, ליגן ביי אירע פֿיס און זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַיין גרויסן, ווי די וועלט, פֿאַרלאַנג פֿון ליב האָבן...

ניצאַ, דעם 8־טן נאָוועמבער 1894.

כ'בין דאָ שוין אַ וואָך צייט. דאָס גאָלד קייקלט זיך דאָ דורך פּרויען, און די פּרויען קייקלען זיך דורכן גאָלד. ס'דאַכט זיך מיר צייטנווייז, אַז די דוקאַטן באַקומען דאָס קיילעכדיקע געשטאַלט פֿון די פּרויען און די פּרויען דעם גאָלדערנעם קאָליר פֿון די דוקאַטן. איך שפּיל, ביזאַהער געווין איך, אָבער זייער ווייניק.

איך טרינק זיך אי״ם ים און אין גערויש פֿון ווילדן לעבן, וואָס ווערט דאָ געפֿירט. האַ! זאָל עס אַלץ די כאָליערע כאַפּן! אויסגיין פֿאַרן טויט דערפֿאַר בלויז, וואָס איין מיידל האָט מיך אַוועקגעוואָרפֿן? אַ סוף צו דידאָזיקע פּיין! ס'האָט זיך אין מיר אַלץ אויסגעברענט, זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַש און רויך. כ'האָב דיר געשריבן בריוו. די בריוו מיינע זיינען אַפֿילו ניט געווען קיין טראָפּן דערפֿון, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן אין מיר. די נשמה מיינע איז געוואָרן אַ פּוסטער סטעפּ, אַ סטעפּ נאָך אַ שׂרפֿה. כ'וועל קיין תּחית־המתים שוין ניט אויפֿשטיין, דאָס ווייס איך, כ'האָב שוין אָבער ניט קיין כּוחות מער צו ליידן. אָדער זיך לאָזן אַ קויל אין קאָפּ, אָדער ל ע ב ן!

אַזוי איז עס, לעבן! ערשט מיט אַ שעה צוריק האָב איך זיך צעשיידט מיט אַ פּראַכטפֿולער איטאַליענערין, עמאַ לאָקאַטעלי, דערנאָך האָב איך געשפּילט. כ'האָב געוואונען צוויי הונדערט פֿראַנק. מאָרגן פֿאָר איך מיט עמען קיין מענטי. זי האָט הערלעכע ראָבענע האָר און אַ לייב ווי פּראַקסיטעלס אַ מאַרמאָר. Voguér la galére!

כ'וועל שוין ניט זיין דער, וואָס כ'האָב געזאָלט זיין, אָבער לעבן וויל איך, כּל־זמן כ'בין נאָך ניט מגולגל געוואָרן אין בלאָטע. וואָס זייבען דען מענטשן? גייענדיקע בר־מינגס. דער קאַמף מיטן

טויטן, מיט דעם חרוב ווערן פון אָרגאַניזם ביי יעדער דיר פון די קינבאַקן, ביי יעדער צי פון אָטעם — אָט דאָס איז לעבן. אין יעדער האָר האָסטו אַ זוים פון בר־מינן, מיט יעדער טריט פּטרסטו אין דיר די לעבנס־קראַפּס. אַלץ איז בלויז אַ מינוטלעכער און אומזיסטער ווידערשטאַנד קעגן טויט. מיר שטאַרבן כסדר, פון דער ערשטער רגע אָן, וואָס מען מאַכט אונז געבאָרן, הייבן מיר אָן שטאַרבן, דער טויט איז בלויז די לעצטע רגע פון אַ גאַנצלעבנדיק אויסגיין. אָ! פאַרגעסן אָן דעם, פאַרשילטן דאָס בעטלערישע עקלהאַפטע מזל — — און לעבן!

וואָס איז מער דערפון אַרויסגעקומען, אַז כ׳האָב איין פרוי געוואָרפן צו די פיס מיין טאַלענט, מיין נאָמען, מיינע פאַרלאַנגען און טרוימען, מיינע כוחות, מיין נשמה, מיין לעבן, מאַרך און בלוט?! וואָס איז מיר דערפון אַרויסגעקומען? זי האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט מיר און אַוועקגעוואָרפן, ווי מיסט!

און אפשר, אפשר האָט זיך מיר באמת בלויז געדאַכט, אַז כ׳האָב זי ליב? אפשר איז זי געווען, שרייבנדיק, אַז מיר האָבן זיך געגאַרט? אפשר איז טאַקע בעסער, וואָס מיר ווילן ניט זיין אונזער, וואָס זי האָט איבערגעריסן מיט מיר? איבעריקנס, וואָס איז דען אַ פרוי? ניט דער אייגענער לעבעדיקער בר־מינן, וואָס מיר אליין? עס פילט זיך דער טויט אינם דאָזיקן פּראַכטפולן לייב, יעדער ביינדל, וואָס דו פילסט אין דער ווייכער פאָרם, איז סקעלעט. די אויגן, וואָס פאַרבייטן דיר מיט זייער בליק דאָס לעבן אין אַ גן־עדן אָדער גהנום, קוקן אַרויס אויף דיר פון אויגנגריבער פון אַ בר־מינענישן שאַרבן!

אָ! ווען פרויען וואָלטן קענען האָבן אינגווייניק, דאָרט אונטער דער הויט און פעטס, מאַרמאָר!

דערווייל אָבער דאַרף מען פון זיי הנאה האָבן אַזוי, ווי זיי זיינען. הנאה האָבן! זיך איינגראָבן אין זיי וואָס מער! וואָס מער! און איך זאָל פאַר דער פוילישער, אין תוך געגומען אַלטער און פוסטער קאָקעטע, וואָס זוכט איינדרוקן און רום, זיך פאַרצוימען דאָס לעבן? וואָס דען בין איך געווען פאַר איר? אַ פאָר הענטשקעס, וואָס זי האָט אַראָפּגערוקט פון די הענט, ווען

זיי זיינען איר נמאס געוואָרן. אפשר וועט מיין נאָכפאָלגער ניט זיין אַזאַ שוטה ווי איך, וואָס האָט זיך תיכּף אַ וואָרף געטאָן צו אירע פיס, ווי אַ בריק — — גיי און טרעט — גײ אַריבער און אַוועק!...

ניצא, דעם 17 נאָוועמבער.

כ׳האָב היינט דאָ צום ערשטן מאָל, זינט כ׳בין אַרויסגע־פאָרן, געטראָפן באַקאַנטע פּנימער. געדענקסט די צוויי מיידלעך, וואָס מיר פלעגן זען, ווען מיר זיינען איינמאָל ווינטער געווען אין קראָקע, — בלאָנדע, די עלטערע אַ העכערע מיט קיילעכדיקע פּלייצעס ווי אַ דינסט־מויד און מיט אַ לאַנגער נאָז, די יינגערע אַ פּראָסטע, רויטע מיט אַ קאַרטאָפלענער נאָז? זיי פלעגן גיין מיט אַ נידעריקער, ניט זייער יונגער פראַנצויזין, אָנגעטאָן אין העל־גראַנעטענע זשאַקעטלעך ביז דער פיגור. מיר האָבן זיך שטענדיק געוואונדערט, וואָס זיי האָבן, ווי דו האָסט געזאָגט, אַזעלכע „פּלאַכגעדאַנקיקע אַנפאַסן". זיי זיינען געזעסן אין קאַפּע דע לאַ רעזשאַנס מיט דער מוטער און מיט עפּעס אַ יונגנמאַן, גע־רעדט כּסדר פּויליש. ווען איך האָב זיך אָבער אַוועקגעזעצט ביים טישל, האָבן זיי תּיכּף אָנגעהויבן ריידן פראַנצויזיש, פאַרגעסנדיק, אַז וואו־וואו, אָבער אין פראַנקרייך איז דאָס שוין גאָר קיין „יחוס" ניט. די עלטערע האָט חתונה געהאַט מיט דעם יונגנמאַן, וואָס איז מיט זיי מיטגעוועזן. כ׳האָב זיך צוגעקוקט צו זיי און ס׳איז מיר אַ רחמנות געווען אויף אים, ווייל דאָס ווייב זיינס האָט אים מיט יעדער וואָרט, מיט יעדער תּנועה, מיט יעדער קוק, געגעבן צו וויסן, אַז זי טוט אים אַ גרויסע טובה, וואָס זי לאָזט זיך ליב האָבן. אויב זי שפּילט אַ ראָלע פון אַזאַ מין „בת מלכּה" אויך צווישן פיר אויגן, גראַטוליר איך אים. עס וואָלט שוין בכלל צייט געווען גוט אַרומשניידן די שפּענצערס ביי די אַלע אונזערע פּוילישע „בת מלכּהס", „בת מלכּהלעך", „מזבּחות" און אָנווייזן זיי דאָס געהעריקע אָרט, אַז מענטשן זאָלן זיי אויפהערן צו קריכן אונטער די נעגל. וואָס איז דאָס פאַר אַן אויסערגעוויינטלעכע איינגעשאַפט פון אַ פיש, וואָס ער האָט בלוט פון אַ פיש, אויב ער

איז אַ פיש? בעת כ׳פלעג קוקן אויף דער קאַלטקייט, אויף דער עטיקעטישקייט פון דער פרוי בנוגע צום מאַן, האָט עס מיך לעבעדיק דערמאָנט מאַריען, וואָס האָט מיט איר קאַלטקייט און שטייפקייט בנוגע צו מענטשן מיך צייטנווייז אַריינגעבראַכט אין יאוש. מחמת איך, ביי מיין אַרטיסטישער תמימות, הגם כ׳האָב ניט ליב, ווען עמיץ טראָגט אַריין דעם בודואַר אין זאַל, האָב דאָך ניט אייגגעזען קיין סיבה, אַז מיר, חתן־כלה, זאָלן דאַרפן זיין צווישן זיך אַזוי, ווי דורכשניטלעך באַקאַנטע מענטשן. בעת מיר פלעגן אָבער בלייבן ביחידות, האָט מאַריאַ כהרף עין זיך געביטן אויף אַ צערטלעכסט, פרייסט און איינגעוויליקסט קינד. זי האָט זיך אַליין אָנגעטרונקען מיטן קלאַנג פון די פאַרצויגענע צערטלעכע ווערטער, פראַזן פון געפיל. איך האָב דאָס אויסגעצייכנט געוואוסט, כ׳בין אָבער געווען זיכער, אַז אונטער דעם אַלעם איז פאַרהאַן אַ יסוד און אמת... דער איבערשפרונג פלעגט זיין אַזוי פלוצלונג, אַז ס׳איז טיילמאָל פשוט שווער געווען צו גלויבן, אַז דאָס איז דיזעלבע פרוי, וואָס זאָגט וועגן זיך באָבאָ, און צו מיר דיו, רעדט אַרויס די ווערטער ווי אַ קינד און טוליעט זיך צו מיר ווי אַ קינד: זי איז מיט אַ רגע צוריק געווען קאַלט, סאַלאָניש, די באַרימטע מיט איר שיינקייט און פאָרנעמקייט פריילין מאַריאַ טיזשוויעצקאַ; אַז דיזעלבע פרוי, וואָס דערלאַנגט מיר פאַר מענטשן עטיקעטיש די האַנט, לענט אָן איר קאָפּ אויף מיין ברוסט, קען פאַר מיר קניען... און אירע בריוו, די פון צערטלעכקייט און צעהיצטקייט משוגענע בריוו... ווער וואָלט עס פון אירע באַקאַנטע, צווישן וועלכע זי האָט אַ שם פון אַ זייער אומצוטריטלעכע, וואָלט זיך עס גלויבן, אַז זי קען שרייבן אַזעלכע בריוו, אַז זי האָט אַזוי געקענט פילן.. איך האָב ניט איינמאָל געמוזט פאַר זיך גופא חזרן, אַז דאָס איז מאַריאַ טיזשוויעצקאַ, דיזעלבע, אין וועלכער האַלב וואַרשע איז פאַרליבט, וואָס קיניגט אויף אַלע בעלער, פאַר וועלכערס איין שמייכל מענטשן וואָלטן דעם קאַרק אונטערשטעלן, און ניט עפּעס מיינס אַ געפונען אין אַ מדבר מיידל, וואָס האָט קיין לעבעדיקן נפש אַחוץ מיר אין די אויגן ניט געזען און וואָס לאַשטשעט זיך צו מיר, ווי

אַ קאַץ און קוקט מיר אין די אויגן, צי זי געפעלט מיר, דידאָזיקע קיניגין פון די בעלער! היינט פאַרשטיי איך עס זייער גוט: זי האָט זיך געלאַשטשעט ניט צו מיר, נאָר צו זיך אַליין. איך בין פאַר איר געווען ניט מער ווי עפּעס אַזוינס, דורך וואָס זי האָט געקענט מיט איר אייגענער צאַרטקייט און צערטלעכקייט צערטלען. איך גיב זיך אָפּ אַ געניַיעם חשבון, אַז בעת זי האָט געזאָגט: כ'האָב ליב, איז עס דערפאַר, כדי דאָס וואָרט אַרויסצוזאָגן און ניט כדי עס צו זאָגן דווקא מיר. איך פאַרשטיי, אַז בעת זי האָט זיך צוגעהערט מיט אַזאַ פאַרשיכורנדיקן זיסן שמייכל, ווען איך פלעג צו איר ריידן, איז עס דערפאַר, ווייל ס'זייַנען געווען ווערטער פון אַ פאַרליבטן מענטש און ניט דערפאַר, ווייל זיי זייַנען געווען מיין. בעת איך האָב געקושט אירע הענט, האָט זי זיך געטוליעט ניט צו מיר, נאָר צו אַ מאַנסביל, וואָס האָט ליב. זי האָט געקנים ניט פאַר מיר, נאָר פאַר איר אייגענער פאַנטאַזיע, פאַר זיך זעלבער. דערפאַר האָט זי ניט געחלשט און ניט איבערגעריסן מיט מיר נאָכדעם, וואָס כ'האָב איר געזאָגט. איך האָב זי ניט באַליידיקט, איך בין ניט געווען איך, נאָר אַ מכשיר, וואָס האָט פאַרקערפּערט איר כוח הדמיון. זי האָט ניט געשריבן צו מיר, זי האָט געשריבן צו זיך, פאַר זיך. פאַר דער גאַנצער צייט פון אונזערע באַציאונגען, בין איך פון דער ערשטער רגע געווען אַ פאָרשטייער פון זיך אַליין, אַ פאָרשטייער פון אַ מענטש, וואָס האָט זיך ליב און איז פאַרליבט, אָבער ניט ער גופא. זי האָט בלויז איינס אָפּגעטאָן — איבערגעריסן מיט מיר. זי האָט זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט, דערזען, אַז די אידעע פון אַ פאַרליבטן און געליבטן מאַנסביל דערנעענטערט זיך דערצו, אַז איך וועל זיין עפּעס אַ באַזונדערער, געגעבענער פאַל, מחמת די חתונה וואָלט דאָך געמאַכט אַ סוף צו דעם שפּיל פון כוח הדמיון — איז זי צוריקגעטראָטן. זי האָט ניט געפילט צו מיר גאָרניט און דעריבער האָט זי געקענט צוריקטרעטן, ניט לייגנדיק לגמרי קיין אַכט אויף מיר. דער שאָטן, די אידעע איז צערונען געוואָרן, וואָס־זשע בין איך זי אָנגעגאַנגען? איצט זע איך דאָס אַלץ, פאַרשטיי עס, באַנעם, אַלץ איז פאַר מיר קלאָר. בעת איך טראַכט וועגן דעם, איז

מיר אויך קלאָר, אַז עס וועט איצט קומען עפּעס אַן אַנדערער מענטש און וועט זאָגן צו מאַריען: כ׳האָב ליב. ווייסטו, וואָס עס הייסט זאָגן אַ פּרוי: כ׳האָב ליב? דאָס איז אַזוי, ווי די זון דרינגט דורך מיט ליכט אַ בלום. אַלזאָ, וועט קומען אַן אַנדערער — און איך — איך וועל לעבן!... איך ווייס עס. איך וועל קוקן אויף מאַריען, וואָס וועט ווערן געליבט פון עמיצן אַנדערש, איך וועל קוקן אויף דעם, ווי אין איר דרינגט אַריין די שוועבנדיקע טייל פון מענטשלעכן וועזן, וואָס רייסט זיך פון אים אַרויס און שלייכט אַריין אין דער געליבטער פרוי. אָך! ווען עס זאָל מיך איצט אַזאַ וועזן, וואָס וואָלט זיין בלויז געפיל, שכל און גוטסקייט און מיט וועלכער קיינזאַך וואָלט מיך ניט פאַרבונדן, אַחוץ מיינע יסורים: אַרומפלעכטן דעם קאָפּ מיט איר האַנט, כ׳זאָל קענען ניט קוקן, ניט זען, ניט פאַרשטעלן זיך, ניט געדענקען. ניט געדענקען! ס׳איז ניטאָ קיין שרעקלעכערע פּיין ווי זכרון. איך געדענק אין איין און דער זעלבער רגע אַלץ, יעדער באַוועגונג, יעדער וואָרט, יעדער בליק מאַריעס. איך געדענק יעדער האַנט־דרוק אירן און יעדער דאַכט זיך מיר פּאַר ניט גענוג געגאָסן, ניט גענוג ווייך און טיף, ניט גענוג אויסגענוצט. כ׳זע, ווי ווייט איך האָב ניט געקענט שאַצן מיין זיין לעבן איר, אויף ווי ווייט איך האָב די דאָזיקע מינוטן ניט אויסגענוצט. ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַזוי נאַטירלעך און אַזוי פּשוט, וואָס כ׳בין מיט איר. ניט איינ־מאָל, זייענדיק לעבן איר, האָב איך זיך ניט אָפּגעשטעלט אויף דעם, ניט באַנוצט זיך מיט ערקלערן זיך, אַריינקוקן זיך אין דעם, וואָס איך בין לעבן איר. איך האָב פאַרלאָרן ניט בלויז זי אַליין, כ׳האָב אויך ניט געקענט געניסן ביי איר, כ׳האָב געפּטרט צייט, וואָס איז געווען פּאַר מיר אָנגעצייכנט ביי איר, און די צייט וועט שוין ניט צוריקקערן קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט. ווי אַנדערש איך וואָלט איצט געווען בנוגע צו איר. אָבער דאָס איז שוין פאַרפאַלן אויף אייביק!

ניצאַ, דעם 24 נאָוועמבער 1894.

כ׳האָב אָפּגעוואוינען דאָס, וואָס כ׳האָב געהאַט פאַרשפּילט און צוגעוואוינען ביז איצט דריי טויזנט פראַנק.

כ׳בין היינט אויפגעשטאַנען פרי, אפשר אַ זייגער זעקס, און אַרויס אויפן ברעג. ס׳איז געווען מאָדנע שיין. דער ים איז געווען עפּעס יונג, פריש, זילבער־ווייס, זילבער־סאַפירן, ווייס־סאַפירן און בלוי בלוי־ראָזע און טונקל־גראַנאַט, ווי עס מאַכט זיך ביי בעקלינען, און גאָלד־סמאַראַגדיש און העלגרין און גאָלדן, און אומעטום ליכטיק, גלאַנציק, מאָדנע רויק. עפּעס אַן איינסופיקער שטח, אומגעהייער ברייטע אַטמאָספערע, האָריזאָנט אָן אַ גבול. די בערג האָבן זיך געראָזט און געגילדט, דאָס גאָלד און די ראָזקייק איז זיך צעגאַנגען איבער געוויקסן און הייזער — און אומעטום אַזאַ רו און געטלעכע שיינקייט.

די קאָלירן אויפן ים האָבן זיך שנעל געביטן, אַ טייל זיינען פאַרלאָשן געוואָרן, אַנדערע אויפגעגאַנגען אויף זייער אָרט. אַלץ האָט זיך כסדר געביטן און פאַרענדערט און געווירקט אויף אַזאַ שטח, אַז כ׳ווייס ניט, וואָס ס׳איז מיר געגאַנגען לאיבוד, ווען כ׳האָב געקוקט צו איטאַליע צו און וואָס, ווען כ׳האָב געקוקט צו פראַנקרייך. און שטעל זיך פאָר, וואָס עס האָט זיך די אותו רגע געטאָן אונטער נאַפּאָלעאָנען, אונטער אַלכּסנדריה, אויפן ברעטאַנישן ברעג, אין די נאָרוועגישע פיאָרדן, און ערגעץ אויפן פּאָלוס און אויף דער לוצערנער אָזערע און אין די דעמבענע וועלדער אין קלענוש — אומעטום, אומעטום... ס׳איז מיר געקומען דעמאָלט אויפן רעיון, אַז עס זיינען אוודאי פאַרהאַן עפּעס עטערישע וועזנס, אַ סך סובטילערע און איינדריקלעכערע פאַר אונז, וואָס זעען דאָס אַלץ אַ סך בעסער און שנעלער. מחמת די אויגן אונזערע מוזן דאָך טויזנטער קאָלירן ניט באַמערקן, אַזעלכע וואָס קענען זען מיטאַמאָל אַלץ, די גאַנצע וועלט, דעם הימל, דעם ים, די ערד, וואָס לעבן מיט קאָלירן. כ׳האָב זיך פאָרגעשטעלט, שפּאַצירנדיק איבערן ים, אַז אַזעלכע עטערישע, לופטיקע גייסטער, אַזעלכע עלפן, ליגן אָט אויף די פעלזן, אָנגעלענט אויף די הענט, איין פוס פאַרלייגט אויפן אַנדערן און קוקן. אויף דער וועלט טוט זיך באַשטימט שוין צופיל פאַר מענטשן — מוז זיך דאָס אויך פאַר עמיצן טאָן.

האָסט זיך אַמאָל אָפּגעשטעלט אויף דעם, וואו למשל עס קומט אַהין אַ פּאַרבּ, וואָס איז נעלם געוואָרן, איר איינדרוק אין דער אַלוועלט? מחמת קיין זאַך גייט דאָך ניט לאיבוד. האָסט זיך אַמאָל אָפּגעשטעלט דערויף, וואו עס קומט אַהין אַ מענטשלעכער בּליק? גוט, אַז דער, אויף וועמען דו קוקסט, שפּיגלט זיך אָפּ בּיי דיר אין אויג, אָבּער גלייכצייטיק גיסטו דאָך אין דיין בּליק אַרויס עפּעס פון זיך. וואָס האָט געקענט ווערן פון די בּליקן, וואָס ס'האָט מיר געשענקט מאַריאַ?...

שפּאַצירנדיק אַזוי איבּערן ים אין דער גרויסער שלווה, אין דער אומגעהויערער רו, אַרומגענומען דורך דער גרויסער לופט=ספערע און ליכטיקייט, אין דעם ריזיקן שטח פון האָריזאָנט: האָבּ איך אָנגעהויבּן זיך אָפּגעבּן אַ חשבון הנפש און אַלץ האָט זיך מיר אַרויסגעוויזן אַזוי נישטיק און קליין. מיין טייערער, וואָס פאַר אַ ווערט האָט דען דאָס, וואָס דער מענטש פילט לגבי דעם, וואָס עס טוט זיך—פאַרמויערן מיר זיך דען ניט אין זיך אין אונזערע געפילן אויפן חשבון פון אונזערע אויסערלעכע געפילן? פאַרהאַן דאָך מענטשן, פאַר וועלכע עס איז לגמרי קיין וועלט ניטאָ, קיין זאַך וואָס איז אַרום זיי, אַחוץ דאָס, וואָס געשעט אין זיי גופא. דערווייל איז אַרום פאַרהאַן אַזאַ אין סוף, וואָס מען קען אין אים דערטרונקען ווערן.

מיין טייערער, מיין ליבּע צו מאַריען קען מיך טייטן און דאָך איז עס אַזוי נישטיק לגבי דעם, וואָס איך בּין בּכוח צו בּאַנעמען און וועגן וואָס איך קען טראַכטן. אַרום מיר איז פאַרהאַן די גרויסע ריזיקע בּאַוועגונג פון דער אַלוועלט, דער אורשטענדיקער און אייבּיקער גלגול פון מאַטעריעס, דאָס אַרומקרייזן פון ליכט און וואַרימקייט, דאָס קאָלאָסאַלע לעבּן פון זיין. עס וואַקסן אויף וועלדער, פאַלן איין, פוילן אויס, ס'וואַקסן אויף נייע פון די צעפוילטע פניאַקעס, צווישן מבול פון אלול=און פּאַפּראָטשבלומען... די שטערן דונערן ערגעץ אין שטח און ס'רוישן די קרייזנדיקע נעפלען פון ניט צעוויקלטע וועלטן... און דאָ, צווישן אונז, סאַר אַ בּאַוועגונג פון פעלקער, פון געזעלשאַפטלעכע שיכטן, סאַר אַ אָרגאַניזאַציע... סאַר אַ אוראַגאַן פון געדאַנקען און סאַר אַ שטורעם=ווינט פון

מעשים!... וואָס איז לגבי דעם ליבע? דאַרף מען דען ניט זאָגן: hic obiit Gustavus, natus est Conradus? גע־דענקסט מיצקעוויטשעס פערזן?

איך הייב זיך און פלי...
אונטן אראָפּ
קוק זיך איין, קוק זיך איין, ליגן צוקונפט און יאָרן, —
ווי פייגעלעך קליינע אַן אָדלער דערזען,
מיך, דעם אָדלער, וואָס פליט! —
קוק זיך איין, עס איז אונטן עפּעס געשען,
די טשערעדע פאַלט צו דער ערד צו און קניט.
נאָך זיי מיינע פאַלקענע אויגן און קאָפּ,
די בליציקע בליקן,
נאָך זיי מיינע נעגל: דערזען און פאַרצוקן!

מיין טייערער! ס'האָט געמוזט פילן דער מענטש, וואָס האָט דאָס געקענט טראַכטן, ווען מען דאָס האָט געקענט קומען אויפן רעיון? פאַרשטייסט דאָס: נאָך זיי, היי נאָך זיי, מיינע פאַלקן־אויגן — נאָך וואָס? נאָך וואָס? נאָך דעם וועלט־ווירוואַר, נאָך דער כמאַרע פון געשעענישן, נאָכן גאַנצן וועזן! וואָס פאַר אַ גייסט דאָס איז געווען, וועלכן אַלץ, די וועלט און יאָרהונדערטער האָבן זיך אונטער די פיס געקנוילט, וואָס האָט זיך געפילט איבערן זיין, וואו אַמאָל גאָטס גייסט, וואָס האָט געשוועבט איבער די וואַסערן. וואָס זיינען מיר — וואָס פאַר אַ ליליפוטן?! דאַכט זיך, עס איז מיר עפּעס שווער אויף דער ברוסט און אויף די אָרעמס, אַז עס הייבט מיר אָן עפּעס רוישן אין מוח! למען־השם! אינדערהויך! ס'איז דאָ דאָך אַ גייסט! ווען מען זאָל דורכגיין דורך דער ערד, ווי אַ פלאַמיקער וויכער — אָנצינדן, לייכטן און פינקלען מיט פייערן... ווען מען זאָל גיין, ווי אַ שטים פון עפּעס אַ ריזיקער טרומייט, פון וועלכער עס ציטערן ימים און טייכן וואַקסן אויף גאָרנס אונטערוויילעכטס... ווען מען זאָל זיך אָפּטרייסלען פון אַלץ, וואָס בינדט און שלעפּט אַראָפּ אין דער נידער, ווען מען זאָל זיך אַרויפכאַפּן און פליען, — פליען אין אין־קץ ווי אַן אָדלער צעוויל־

דעט פון פליען... הא! סאַר אַ שטח, סאַר אַ אומגעהייערער רוים!... ווייטער, ווייטער! אין אין־סוף, אין דער אייביקייט! אזוי לעבן...

און פאַרהאַן, מיין טייערער, שיינע שטאַרבנס. דער קאָפּ פונם אירלענדער, ראָבערט עמעט, האָט אויף זיך אָפּגעשניטענערהייט ניט וועלקנדיקע לאָרבערס... אָ, ווען אַזוי שטאַרבן... וואָס איז דען לגבי דעם מיין געפיל צו מאַריען, וואָס איז מיין אומגליק? דאָרט, פון אויבן פון דער הויך אַראָפּ פון אידעאַלע כוחות, אידעאַלע געפילן און מחשבות און מעשים, זע איך קוים אָן מאַריען, איך באַמערק זי קוים. וואָס איז דען פרויען־ליבע לגבי דעם אין־סוף פון מענטש־לעכן אַרומנעם פון גייסט? ווען מיר ניט גיין דאָרט אַרויף? זעסטו דעם אין־קץ און גלאַנץ, הערסטו דעם רעש? צי גאָרנט זיך עס דער ים און אויף דער כוואַליע טראָגט זי מיך אַראָפּ ווייט ווייט אין אומבאַוואוסטע מרחקים, אין שווינדלדיקע הייכן?...

ווין, דעם 30 נאָוועמבער.

כ'האָב אַלץ פאַרשפּילט. איך קום צוריק. כ'שטיי איצט פאַר דעם וואָרט, ווי פאַר אַן אָפּגרונט. ווי וועל איך עס צוריקקומען? ווי וועל איך דען קענען זיין דאָרטן? ווי וועל איך דאָרט קענען לעבן, וואו כ'האָב געוואוינט אַלס מאַריעס חתן? ווי וועל איך קע־נען גיין איבער דיזעלבע גאַסן, אַריינקומען אין דיזעלבע הייזער, זען דיזעלבע מענטשן? כ'וועל דאָך ניט קענען אַרויסרייסן פון זכרון די צייט און די געפילן און טראַכטן און לעבן ווי פריער, איידער כ'האָב דערקענט מאַריען. כ'האָב זיך גאָרניט אָפּגעשטעלט דערויף, אַז כ'וועל דאַרפן צוריקקומען. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ'וועל שוין אייביק זיין אַזוי מיט מיינע יסורים, מיט מיין בענקשאַפט, מיט מיין פיין ערגיץ אין דער וועלט, ווייט פון איר, פון אייך, פון לאַנד; אַז כ'וועל אייביק זיך אַרומבלאָנקען, אָן שום אַנדערן געדאַנק, אָן שום באַשעפטיקונג, בלויז מיטן געדאַנק וועגן איר. כ'מוז צוריקקומען, כ'מוז אויפדאָסניי אַרבעטן ווי פריער, קומען אין באַרירונג מיט מענטשן, זיך צופאַסן צו זיי און זיי צופאַסן צו זיך צו. כ'בין איצט ווי געוועזן אויף אַ הויכן, גרויסן טורעם, וואו קיינער קען צו מיר ניט צוקומען. כ'האָב קיינ־

מאָל ניט געלעבט אַזוי אויסשליסלעך פאַר זיך, אַזוי שטאָלץ. כ׳האָב זיך אויסגעבויט אַ גרויסן בנין פון עינויים, וואוהין קיינער האָט קיין צוטריט ניט געהאַט און איצט מוז איך פון דאָרט אַרויס און אַראָפּ אונטן, צו מענטשן, צווישן מענטשן. וואָס איך האָב זיך אָנגעליטן, איז קיין יחיד ניט בכוח אַרויסצוברענגען, און דאָך בין איך עפּעס באַצערט, וואָס כ׳מוז פון דעם טורעם אַרויס, פון דעם בנין, וואָס כ׳האָב פון מיינע יסורים אויסגעבויט, אַרויסגיין. כ׳האָב שוין דאָ דעם פאָרגעפיל פון וואַרשע, דאָ, וואו מיט אַ האַלב יאָר צוריק האָב איך גייענדיק כמעט שטיינער פאַר מאַריען אויסגעקליבן אויף די טראָטואַרן, טראַכטנדיק וועגן דעם, ווי כ׳וועל זי דאָ אַמאָל אַרומפירן. דו ווייסט גאָרניט, וואָס פאַר אַ נחת ס׳איז, ווען אַ געליבטע פרוי גיט דיר אַ קוק אין די אויגן, ווי אַ קינד, און זאָגט: כ׳ווייס ניט, זאָג מיר...

ווי וועל איך עס אַהינקומען, אַזאַ אָפּגעשטויסענער, אַזאַ אַוועקגעוואָרפענער ווי אַ כלי? וויפל איראָנישע בליקן און חוזק וועל איך מוזן אויסשטיין פון די וואָס האָבן מיר ניט פאַרגונען מאַריען און געוואָלט זיין אויף מיין אָרט! די גאַנצע נידערטרעכטיקע געמיינקייט און ניט פאַרשטיין מענטשלעכע נשמות וועלן זיך איצט וואַרפן אויף מיר, און וואָס פאַר אַ כלי־זיין האָב איך דען קעגן דעם? כ׳קען מיט קיין זאַך ניט אָפּשטופּן דאָס מענטשלעכע חוזק מאַכן. ריוואַלן!... ווי אַן עלנטיר איבער אַ זי! גליקלעכע ליבע פאַרשטעלט די וועלט מיט עפּעס אַ זילבער־בלויען נעפּל און פאַרשיינערט אַלץ, אָבער אומגליקלעכע אַנטפּלעקט די וועלט אין איר גאַנצן עקלהאַפטן אמת.

די ערשטע רגעס נאָכן איבעררייסן האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך דאַרף ניט אָנטאָן דיזעלבע מלבושים, וואָס כ׳פלעג גיין ביזאַהער, ווען כ׳בין געווען איר חתן, ניט נעמען אין דער האַנט אַריין דיזעלבע זאַכן. ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן איך גיי, גיי, גיי, אַז דאָס גאַנצע לעבן ביזאַהער איז אין עצם געווען אַן אומבאַוואוסטזיניקס, און איז לעולם אַ שטרעבונג צו איין ציל: זיך באַהעפטן מיט מאַריען, ביט דערדאָזיקער פרוי. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַלץ, וואָס ס׳איז געשען, סיי גוטס סיי שלעכטס, אַלע

מיינע עגמת-נפשן און לעבנס-הנאות, אַלע קראַנקהייטן און פאַר-פאַלן, מיט איין וואָרט דאָס גאַנצע לעבן מיינס איז געווען בלויז אַ קאָנסעקווענט צו גיין צו איין ציל: צו מאַריען. בעת כ׳האָב אַ טראַכט געטאָן וועגן מיין עבר, האָט זיך מיר אַלץ אויסגעוויזן, אַז אין אַלעם איז איינס געווען אַזאַ לאָגישער פועל-יוצא פונם אַנדערן, כדי מיך צום דאָזיקן פונקט צו דערפירן. מיין חתונה האָבן מיט מאַריען, וואָס האָט מיך מתחילת כמעט אָפּגעשראָקן, האָט זיך מיר סוף-כל-סוף אויסגעוויזן אַלס אַ פּשוטער פועל-יוצא פון מיין לעבן. פלוצלונג רייסט זיך אַלץ אָפּ, אַלץ פאַלט אַריין אין תהום אַריין — און איך האָב ווייטער באַדאַרפט, ווי ביזאַהער, לעבן, טרינקען, שלאָפן, זיך אָנטאָן, זיך אָנטאָן אין די אייגענע מלבושים, אין דיזעלבע שיך! כ׳געדענק, בעת כ׳בין אַרויסגעפאָרן, האָב איך נאָך געהאַט אַ האַלב שטיק זייף, וואָס כ׳פלעג פריער אַלס חתן באַנוצן. כ׳האָב עס אַ זעץ געטאָן אָן דער ערד, אַז ס׳איז אַזש צעפלויגן געוואָרן. און כ׳וואָלט מיט אַלץ מיט פאַרגעניגן אַזוי געווען געטאָן — אַפילו מיט מיר גופא. בעת כ׳דערמאָן זיך אָבער און ווען כ׳שטעל זיך בולט פאָר, אַז מאַריאַ איז אַוועק פון מיר אַזוי אַנטשלאָסן, אַזוי עגאָאיסטיש, אַזוי אָן נעמען אין אַכט, וואָס עס וועט מיט מיר געשען, ווי איך וועל דאָס אויפנעמען, ווי כ׳וועל עס איבערטראָגן... וואָרעם זי האָט דאָך ניט געקענט וויסן, אַז כ׳האָב זי אַזוי ווייניק ליב, אַז כ׳וועל זיך פון פענסטער ניט אַראָפוואַרפן, אָדער ניט משוגע ווערן. אַוועקגיין אַזוי לייכט, אָן שום אָנזיכט, אָן אַ פראַגע אַפילו: וואָס וועסטו טאָן מיט זיך? גאַנץ פשוט אַ קאָפּע טאָן אין שטערן, און אַזוי באַשפּייען יענעמס ליבע, יענעמס האַרץ...

איך פיל, כ׳בין אַריינגעפאַלן אין אַ געווירבל, אין עפּעס אַ כאַאָס, אַז עס רינגלט מיך עפּעס אַרום, אַז עפּעס זידט אין מיר; ס׳דאַכט זיך מיר, אַז די זון איז איינמאָל אַריינגעפאַלן אין וואַסער-תהום, ווידער אַרויפגעשוואומען, ס׳ווייזט מיר אויס, אַז אַ מבול פאַלט אַראָפּ מיט אַ געדרודער, אַז עס פאַלן אויף מיר מוטנע, ברודיקע, שוימיקע וואַסערן און איך שטיי אין דער מיט טייך אויף אַ דראָנג. כ׳בין אָן כוחות, אָן געדאַנקען, אָן ווילן,

אַ לעבעדיקער מת. איין דערמאָנונג בלויז דרייט זיך מיר אום עקשנותדיק אין מוח — כ׳האָב דערינען כמעט ווי לגמרי פאַרגעסן. ווען מיר זיינען נאָך קיין חתן־כּלה ניט געווען, גאָר ס׳האָט ערשט אָנגעהויבן ביי אונז זיך אויף עפּעס צו שניידן, איז מאַריאַ איינ־מאָל אין אָוונט געווען מאָדנע אויפגערעגט און בייז. זי האָט לאַנג געשפּילט אויפן קלאַוויר, כ׳דערמאָן זיך, שאָפּענס פּרעלודיען, און איך בין געזעסן אַ פאַרקלעמטער אין אַ ווינקל. פּלוצלונג האָט זי אויפגעהערט שפּילן, זיך מיט אימפּעט אויפגע־ריסן פון אָרט און אַ זאָג געטאָן: שלעכט, וואָס כ׳בין אַוועק אויף אייער וועג, כ׳ברענג מענטשן אומגליק — און אַרויס פון צימער. שפּעטער האָב איך ווען דעם פאַרגעסן, כ׳בין געווען אַזוי גליק־לעך — און זי האָט פאַרגעפילט, וואָס עס וועט זיין... מחמת זי איז דורך לעבן מיר, ווי דער מלאך־המות...

קראָקע, דעם 10־טן דעצעמבער.

דיין בריוו איז אָנגעקומען גלייך מיט מיר. די אינפלוענצע איז דורך און איך פאַר ווייטער. דיין איידלקייט, וואָס האָסט פאַר דער גאַנצער צייט מיט קיין איין וואָרט אַפילו ניט אָנגערירט מיין טראַגעדיע, קען איך שאַצן. כ׳וואָלט אַנדערש ניט געקענט גאָר צו דיר שרייבן, און דאָס האָט מיר אָפּטמאָל אַ סך לייכטער גע־מאַכט. כ׳קום צוריק — — כ׳קום צוריק דערזעלבער, אָבער לחלוטין אַן אַנדערער. אין מיין לעבן האָט עפּעס געפּלאַצט, זיך עפּעס איבערגעריסן און וועט קיינמאָל קיין תּיקון ניט געפונען. כ׳ווייס, כ׳וועל לעבן, ווי פריער, ריידן, טראַכטן און פילן, ווי פריער און דאָך איז דאָס לעבן מיינס צעשניטן אויף צוויי העלפט, איינמאָל פאַר אַלעמאָל. די קראַנקהייט האָט מיך געוואַלטיק אויסגעניכטערט, ס׳דאַכט זיך מיר, אַ צעגליטער שטיין איז מיר פון קאָפּ אַראָפּ. איך קוק אויף זיך גאַנץ קלאָר. ביז אַהער האָב איך געהאַט עגמת־נפש און אומאָנגענעמלעכקייטן, ווי אַלע אַנדערע מענטשן; זיי האָבן געלאָזן נאָך זיך צייטנווייז אַ טרויעריק, ווייטאָגלעך געדע־כעניש, און אַחוץ דעם געדעכעניש — גאָרניט; און איצט איז פאַרהאַן אויף מיין נשמה, אויף דער דעק אירער עפּעס אַזוינס,

וואָס וועט דאָרט שטעקן ביזן טויט אַריין, וועט אויף אַלעם זיך אָפּרופן, אויף אַלעם משפּיע זיין.

נאָר דעמאָלט, בעת איך קוק אין מיין נשמה אַריין, קומען מיר אויפן זכרון די בושלען, וואָס כ׳האָב נאָך ביי אונז אין טאָ־פּעל געזען. כ׳בין געגאַנגען אויף קאַטשקעס מיט אונזער אַלטן שיסער באַרטעק. ס׳איז געווען אָקעגן באַגינען. אויפן ברעג זומפּ האָבן מיר דערזען דריי בושלען, וואָס האָבן זיך תיכף אַלאַז געטאָן אין דער הויך, צוויי זייער שנעל, און דער דריטער אַ ביסל שווערלעך און געבליבן בעתן פליען אונטערשטעליק. כ׳האָב גע־פרעגט באַרטעקן, פאַרוואָס דער בושל האָט זיך שווערער אויפגע־הייבן און פליט פּאַמעלעכער, האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַמאָל שיסט מען אונטער אַ פויגל, די קויל האַקט דורך אַ פליגל און די וואונד ווערט פאַרהיילט, אָבער אַזאַ פויגל וועט שוין קיינ־מאָל ניט פליען אַזוי, ווי פריער. כ׳געדענק, ער האָט געזאָגט: דער בושל וועט שוין, פּאַניטש, איבערן ים אַריבערפליען ניט זיין בכוח. ער וועט אַריינפאַלן.

כ׳בין דעמאָלט אַלט געווען דרייצן יאָר און קיינמאָל מער וועגן דידאָזיקע בושלען ניט געטראַכט און איצט זע איך זיי אַזוי בולט אין די זומפּן, וואָס רויטלען זיך אָקעגן באַגינען אין דאָס מרה־שחורהדיקע טויטע וואַסער פון דעם אַלטן טייך־מולטער, אין געמויזעכץ און ראָרשטעקעלעך. זעסטו, די נשמה מיינע איז אַזוי ווי דער בושל: אויף אייביק וועט שוין פאַרבלייבן דערדאָזיקער קלאַפּ. מיין לעבן איז אַ ים. אַדורכפליען אים מיט דעם דורכ־געשאָסענעם פליגל, מיט דער פאַרוואונדעטער נשמה, וועל איך ניט בכוח זיין, כ׳וועל ניט קענען, ווי באַרטעק האָט געזאָגט — — אַראָפּפאַלן און אומקומען.

כ׳וויס עס און פיל און קוק עס גלייך אין די אויגן אַריין רואיק. קיינזאַך וועט מיין מזל ניט איבערקערן, קיינזאַך וועט מיין גורל ניט צוריקציען.

אפשר, וואָס גיכער אומקומען אין דעם ים, איז בעסער — ווייל כ׳האָב אַזוי שטאַרק ליב געהאַט דאָס מיידל...

קיינער וועט זי קיינמאָל אַזוי ניט ליב האָבן, קיינמאָל וועט זי דעם אומגעהייער פון דער ליבע ניט באַנעמען.

כ׳זאָג דיר: רואיק און אין די אויגן אַריין קוק איך מיין גורל — — איך באַקלאָג זיך ניט, כ׳שליידער ניט, כ׳שעלט ניט — — כ׳בין רואיק, ס׳איז מיר בלויז אומענדלעך טרויעריק, מאוויימדיק טרויעריק.

כ׳האָב זי אַזוי ליב געהאַט!...

כ׳וועל אָבער ניט אַוועק אין דעם המון, וואָס האָט קיין נאָמען ניט, וואָס גייט טאָג-טעגלעך אַוועק פון דער וועלט אין תהום אַריין. ס׳ווערט געבוירן אין מיר עפּעס אַ נייע וועלט פון פאַנטאַזיע, עפּעס אַ נייע שאַפונגס-קראַפט. פאַר מיינע אויגן שטייען סטאַטועס, וועגן וועלכע ס׳האָט זיך אייך ניט געחלומט אַפילו. ס׳ציטערט דער מירמלשטיין פאַר מיינע אויגן, ווען כ׳קוק אויף אים. ס׳דאַכט זיך מיר, כ׳וואָלט געקענט ריזיקע מאַרמאָר-שטיקער מיטן פוס אַ שטויס טאָן, און פון דידאָזיקע שטיינערנע בערג וואָלטן אַרויסגעשפּרונגען געשטאַלטן, פונקט אַזוי, ווי מי-נערוואַ פון יופּיטערס קאָפּ אַרויס. כ׳פיל, ווי איך וואַקס, כ׳מעג אומקומען פאַר דער צייט, אָבער אין המון, וואָס האָט קיין נאָמען ניט, וועל איך ניט אַראָפּ. מיין האַנט האָט דעם פאַרמאָסט פון אַ גיבור. מיר וועלן שמידן ריזן. אין אייער קונסט וועל איך אַריינוואַרפן אַ נייעם שטראָם, כ׳וועל אייך מיטרייסן, ווי אַ וויכער וואָלקנס. אַלץ, אַלץ איז מיר חרוב געוואָרן אין לעבן, ס׳איז מיר בלויז געבליבן דאָס איינע געפיל! דאָס איינע, דאָס שטאָלצסטע פון אַלע ווערטער: איך!

ביי מיר צופוסנס איז אָבער אַ קבר, אין וועלכן כ׳האָב באַ-האַלטן מיין האַרץ. טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז ס׳איז מיר עפּעס אָפּגעשטאָרבן, אַז ס׳איז מיר אָפּגעשטאָרבן עפּעס דאָס טייערסטע מענטש. ס׳דאַכט זיך מיר פּשוט צייטנווייז, אַז איך דאַרף ערגעץ אַוועק אויף עפּעס אַ בית-עולם, זיך שטעלן קניען פאַר עפּעס אַ קבר, מתפּלל זיין פאַר עפּעס אַ געשטאָרבן וועזן — און דאָס איז מיין אייגן האַרץ, וואָס איז געשטאָרבן אונטער מיינע פיס, אַזויפיל האָפענונגען מיינע ליגן אין קבר, — — אַזויפיל, אָך, אַזויפיל!...

כ׳האָב אַזוי ליב געהאַט דאָס מיידל, אַזוי שטאַרק זי ליב געהאַט, ס׳איז מיר אַזוי שלעכט צו לעבן אָן איר. קיינמאָל, קיינמאָל, וועל איך, זיצנדיק ביי אירע קני, ניט נעמען די הענטלעך אין מיינע דלאָניעס, כ׳וועל זי ניט איינבייגן צו זיך צו און כ׳וועל איר ניט קענען זאָגן: מיינע... כ׳וועל קיינמאָל ניט הערן איר שטים... כ׳מעג זי טרעפן, כ׳מעג זי זען, כ׳מעג וואוינען אַנטקעגן איבער איר, אָבער זי וועט זיך שוין קיינמאָל צו מיר ניט אָפּרופן, קיינ־מאָל די לעפצן ניט עפענען, כדי צו ריידן מיט מיר. קיינמאָל זי מער ניט הערן... אָ! ווי ס׳בענקט זיך נאָך איר שטוב, נאָך אירע ווענט, נאָכן קלאַנג פון דער לופט אויף אירע ציינדלעך... ווי ס׳בענקט זיך מיר... זי איז פאַר מיר ווי אָפּגעשטאָרבן; זי וועט שוין קיינמאָל צו מיר ניט ריידן... קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט...

דריטער קאַפּיטל.

אין דער טיר פון פּאָדערצימער איז געשטאַנען רדזאַוויטש.

— וואָס גייסטו ניט אַריין? — האָט געפרעגט פּושערוויץ, דערלאַנגענדיק אים די האַנט.

— ניין, ניין... כ׳בין בלויז געקומען צו דיר, זאָלסט מיך ווי עס איז אַרויסדרייען פון מיטאָג ביי סטאַסלאַווסקען. ער האָט מיך געזען אויף דער גאַס. קען איך זיך ניט מאַכן קראַנק, און גיין וויל איך ניט.

— ווייסט, בישאַ, דאָס איז רדזאַוויטש, כ׳דערקען אים אָן דעם קול — האָט געזאָגט פרוי לאַאוראַ צו דער שוועסטער, צוהערנדיק זיך פון שכנותדיקן צימער, — ער האָט מסתמא עפּעס אַן ענין צו יעזשין, און וויל אָבער ניט אַריינגיין, קוים ריידן זיי דאָרט. כ׳מוז אים זען.

— זייט וואויל געקומען — האָט זי אַ זאָג געטאָן, אַריינ־גייענדיק אין פּאָדערצימער, — וואָס גייט איר ניט ווייטער?

— אַנטשולדיקט מיר — האָט געענטפערט רדזאַוויטש, אַ קוש געבנדיק איר האַנט. — כ׳קום לחלוטין אין ערגעץ ניט.

— נו, אָבער מיר זיינען דאָך אַזעלכע נאָענטע קרובים. איר וואָלט אונז פאַרשאַפן גרויס אומאָנגענעמלעכקייט, דאָרט איז בלויז מיין שוועסטער דאָ.

— מיט די וואונדערשיינע האָר און מיטן געזיכט, וואָס איז פול מיט פונקען?

— יאָ.

דער שמועס איז אַוועק גלאַט אַזוי זיך: ביידע דאַמען האָבן עפּעס ווי מורא געהאַט מיט עפּעס פּוגע זיין אָן רדזאַוויטשן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט רדזאַוויטש אַ פרעג געטאָן:

— וועסטו מיך אַרויסדרייען פונם מיטאָג.

— ניין, דו דאַרפסט אומבאַדינגט גיין. סטאָסלאַווסקי ווייסט שוין, אַז ער האָט דיר געטאָן אַ טובה, וואָלט עס אויסזען אַזוי, ווי דו ווילסט אים איצט אויסמיידן. דו מוזט גיין.

— וואָס פאַר אַ טובה האָט עס אייך געטאָן סטאָסלאַווסקי? — האָט אַ פרעג געטאָן מיט אַ תמימותדיקער נייגיריקייט פרוי לאַאורא.

פּזשערוויץ האָט זיך איינגערינצלט, רדזאַוויטש אָבער האָט פּשוט געענטפערט:

— ער האָט מיר געליען געלט דורך יעזשין, גנעדיקע פרוי. אויב אַזוי, אַלזאָ, אַז מען דאַרף, וועל איך גיין.

פרוי בישאַ האָט נאָך געהאַט איינצוקויפן אין שטאָט און אַרויס, נעמענדיק מיט דעם שוואָגער צו הילף. רדזאַוויטש האָט באַדאַרפט וואַרטן אויף אים.

פרוי לאַאוראַ האָט זיך געפילט אין אַ פאַרלעגנהייט; זי האָט ממש ניט געוואוסט, וועגן וואָס צו ריידן מיט רדזאַוויטשן. ער איז געווען פולקום רואיק, אָבער זי איז געווען צופיל פרוי, זי זאָל ניט באַמערקן, אַז דידאָזיקע רואיקייט איז אַן אויסער-לעכע און אומנאַטירלעכע.

רדזאַוויטש האָט געשוויגן און געדרייט דעם הוט אין האַנט, אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געפרעגט:

— פרוי בישאַ האָט אַ סך קינדער?

— איר ווייסט דאָך, צוויי, אַ מיידעלע מיט אַ ייִנגל — האָט אָפגעענטפערט פרוי לאַאוראַ.

רדזאַוויטש האָט, משמעות, געוואָלט וועגן עפּעס ריידן, ער האָט זיך אָבער ניט געקענט אַנטשליסן, לסוף אָבער האָט ער זיך אָפּגערופן:

— כ'האָב אייך געוואָלט פרעגן... — האָט ער איבערגע-ריסן און אַ קוק געטאָן אויף לאַאורען, ווי ער וואָלט וועלן דער-

קענען, צי זי ווייס שוין, וועגן וואָס עס גייט אים. פרוי לאַאוראַ אָבער האָט זיך ניט אָנגעשטויסן, האָט ער פאַרענדיקט, — כ'האָב אייך געוואָלט פרעגן — — צי איר ווייסט עפּעס — — כ'וואונדער זיך אַפילו אַליין, וואָס איך פרעג זיך וועגן דעם... — די שטים האָט זיך אים איבערגעבראָכן אין האַלז.

פרוי לאַאוראַ אָבער איז תיכף געוואָרן ערנסט, לייכט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַלס סימן, אַז זי פאַרשטייט און געענטפערט:

— זייער ווייניק. מיר האָבן ניט קיין סך געמיינזאַמע באַקאַנטע. זי איז געווען אין וואַרשע, ווייל כ'האָב זי עטלעכע מאָל באַגעגנט אויף דער גאַס און אין טעאַטער. מעגלעך, אַז זי איז איצט אויך דאָ.

רדזאַוויטש האָט אַ ציטער געטאָן.

און איר ווייסט גאָרניט? האָט ער אין אַ רגע אַרום געפרעגט.

— כמעט גאָרניט. כ'ווייס, אַז פאַרהאַן געגנוג.

— כ'בין ניט מסופק, אָבער — — און האָט שנעל אַ קוק געטאָן אויף פרוי לאַאוראַ, וואָס האָט דעמדאָזיקן בליק דערפילט.

— כ'האָב קיין זאַך ניט געהערט — האָט זי געענטפערט, — איר האָט זיך איצט אַ סך אָנגעזען אין דער וועלט.— האָט זי אָנגעהויבן, כדי איבערצודרייען דעם שמועס.

רדזאַוויטש האָט אַוויילע זיך פאַרטראַכט, טרויעריק אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט.

— איר זייט זייער אַ גוטע, איר האָט אַזאַ וואַרימע שטים, און אַזעלכע אויגן, ווי אַ מאַי־פרימאָרגן — זאָגנדיק דאָס, האָט ער אַ קוש געטאָן דער פרוי פּושעררוויץ אין האַנט.

— כ'וואָלט וועלן זיין אַ גוטע — האָט געענטפערט פרוי לאַאוראַ אַ ביסל גערעכט.

— יעזשי מוז איצט זיין זייער גליקלעך. ער האָט זיך זיין הויז, זיין מעבל, זיין שטיצפּונקט — — און זיין געליבטע פרוי. איך האָב ערשט איצט פאַרשטאַנען, אַז עס קען זיין תענוג אין אָט דעם פּשוטן שעלעכל אין עס־צימער, וואָס מען זעט פון דאַ־

נען אָן, מחמת מען האָט זי בשותּפות מיט אַ געליבטער פרוי! איך פאַרשטיי, ווי טייער עס קען זיין יעדער איינהייצן דעם אויוון, ווייל אונז ביידע וועט זיין וואַרעם. אַזעלכע צוויי ווייסע הענט, וואָס גיסן אָן טיי אינאָוונט, קענען זיין עפּעס מלאכישדיק. היינטישע צווישן המון, צווישן מענטשן, דאָס געפיל: מיין פרוי...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און פאַרבּיסן די ליפּן.

— זייט זיך ניט מיאש—האָט אַ זאָג געטאָן פרוי לאַאוראַ— ס'קומט אויף יעדן זיין שעה.

— איאָ, מאַדאַם, אויף מיר איז שוין איינע געקומען, כּדי ס'זאָל ווי אַמגיכסטן קומען אַ צווייטע.

— וואָס מיינט איר?

— אַז איך בּין אַ נידערטרעכטיקער פּחדן און פּטור. און אַ שוטה דערצו. כ'האָב מורא פאַר דאָס, וואָס כ'וועל ניט אויסמיידן.

— הער ראָמאַן — —

— לאָמיר וועגן דעם ניט ריידן, כ'וויל ניט מאַכן אויף אייך קיין איינדרוק, אַז איך בין נאַטירלעך לעכערלעך און ניט אַז איך קאָקעטיר געשמאַקלאָז מיט מיין אומגליק. לאָמיר ריידן וועגן עפּעס אַנדערש, יעזשי שרייבט עפּעס אַ סך?

— אַ סך. און איר אַרבּעט אויף עפּעס?

— כ'בּין דאָ ניט לאַנג געקומען צו פאָרן, כ'האָב ערשט איצט אָנגעהויבן. ס'קען זיין, אַז כ'וועל קלעפּן אַ גרופּע: אַ פאַאון און אַ נימפע אין געמויזעכץ.

— דאָס איז, דאַכט זיך, ריכטיקער אַמאַלערישע אויפפאַסונג.

— ווייל איך בין לעולם אַ מאַלער אין סקולפּטור—האָט רדזאַ־וויטש געענטפערט מיט אַ שמייכל. כ'האָב אַפילו אַ בילד און וויל עס איבּגיכן אויסשטעלן. כ'האָב נאָך קיינמאָל ניט אויסגעשטעלט קיין בילד.

— אַז איר מאָלט, דאָס ווייס איך פון לאַנג, אָבער אַזש אויף אויסצושטעלן?—האָט ווייטער געזאָגט פרוי לאַאוראַ.

— איך מאָל פונקט אַזוי לאַנג, ווי איך קלעפּ, און כ'ווייס אייגנטלעך ניט, פאַרוואָס איך בין ניט ספּעציעל אַ מאַלער. אומעטום אין די אַקאַדעמיעס האָב איך זיך געלערנט אי דאָס אי יענץ און מען האָט מיר געזאָגט, אַז איך וואָלט געקענט זיין

פונקט דאָס ערשטע, ווי דאָס צווייטע. איך פאַרמאָג דאָס, וואָס איך מאַך זייער שנעל: איך מאַך דורכשניטלעך צוויי מאָל שנעלער, ווי דאָס רוב מיינע חברים. דעריבער האָב איך געהאַט צייט ביידע קונסטאַרטן זיך אויסצולערנען.

— און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אייער בילד? — האָט גע־פרעגט פרוי לאַורא, װעלנדיק אַרויסציען עפּעס פון רדזאַוויטשן בנוגע דעם בילד, וואָס עס וועט זיך לאָזן, כּדי שפּעטער עס איבער־צוחזרן פאַרן מאַן, אַלס אירע באַמערקונגען, מחמת זי האָט זיך לחלוטין ניט געקענט אויף מאַלעריי און דער מאַן פלעגט זי גיפ־טיק דערמיט שטעכן.

— דאָס בילד הייסט וואַמפּיר — האָט געענטפערט רדזאַוויטש — ס׳איז שווער עס איבערצוגעבן; אויב איר ווילט גוט זיין, בעט איך אייך קומען מיט יעזשין צו מיר אין אַטעליע.

די אותו רגע איז אַריין אין שטוב פּזשערוויץ און אַרויפ־לייגנדיק די האַנט אויף דעם ווייבס אַקסל, געזאָגט:

— בישאַ וועט נאָך קומען, און מיר לאָמיר גיין.

פרוי לאַורא האָט אַריינגענומען דעם מאַנס הענט אין אירע, אַ קוק געטאָן אויף אים, אַ דריי געגעבן מיטן קעפּל, זאָגנדיק:

— דאַרף איך דען ערלויבן דיר זיין ביי סטאַסלאַווסקין צוליב דער מישאַ זיינער ס׳איז דאָך, ווי די מעשה זאָל ניט זיין, אַ סקאַנדאַל. לעבן אַ יאָר זעקס ניט חתונה געהאַט, ווי מאַן און ווייב אונטער איין דאַך. מען האָט מיר שוין פון כּמה צדדים גע־מאַכט באַמערקונגען, אַז דו דאַרפסט דאָרט ניט זיין.

— מיין טייערע — האָט געענטפערט לעבעדיק פּזשערוויץ — אויב די מיינונג פון ליאַדע פיליסטערן איז ביי דיר טייערער, ווי מיינע... ס׳וואָלט גוט געווען, ווען יעדער ווייב פון אַ רייכן מאַן וואָלט געהאַט אַזאַ האַרץ, ווי זי. אין קיין שום שלעכט בעזעלשאַפט בין איך באמת ניט געגאַנגען, לכל הפּחות דיך ניט פּוגע צו זיין.

— נו, וואָלט זי זיך כאָטש ניט געוויזן די מישאַ. זאָלן זיי זיך לעבן צווישן זיך, אַז עס געפעלט זיי, צו וואָס אָבער דאָס אַפּישירן זיך.

— אדרבא — האָט געענטפערט פּזשערוויץ — אַ סך בעסער, אַז זיי זיינען פּשוט דרייסט מיט זייערע מעשים.

— פאַרוואָס זאָל אָבער סטאָסלאָווסקי ניט חתונה האָבן מיט מישיאַן?

— ער וואָלט אפשר עס געטאָן, אָבער זי וויל ניט, זי זאָגט, אַז זי קען אים אַמאָל נמאס ווערן, אַז ער וועט אפשר וועלן חתונה האָבן מיט אַ מיידל זיינס גלייכן, מחמת ווי דו ווייסט, איז מישיאַ אַ מאָדיסטינס אַ טאָכטער און ווייס אַזויפיל פון אירע על־טערן, וויל זי אים ניט שטערן אין וועג. זי וואָלט תיכף, זאָגט זי, אַוועקגעגאַנגען און זיך געשטעלט פאַר אַ לערערין אין אַן אַנ־שטאַלט פאַר געפאַלענע מיידלעך. זי קען אַ סך, האָט זיך אויסגע־לערנט פרויען־אַרבעטן, שפּילט שיין און זינגט, רעדט גוט פראַ־צויזיש, אַ ביסל דייטש און ענגליש. זי לערנט זיך כסדר, נו, און האָט דערויף.

— זי איז דאָך אַן אַ־תער אידעאַל, די מישיאַ! — האָט אויסגעשריען פרוי לאַאוראַ. דו רעדסט וועגן איר מיט אַזאַ התלהבות! — און האָט אַ קוק געטאָן אויפן מאַן מיט אַ מינע פול הכנעה, איינטולענדיק דערביי די אָרעמס.—נו, גייט־זשע. איך ווייס אַז כ'טאָר דיר ניט ערלויבן, כ'בין אָבער אַזוי שוואַך פאַר דיר. איך גלויב דיר און פאַרשטיי, אַז עס זיינען פאַראַן כל־ערליי סי־טואַציעס אין לעבן און מען דאַרף ניט משפּטן לויטן שאַבלאָן, מענטשן פייניקן מיך אָבער צוליב דעם. צום ווידערזען מיט אייך, בעט געדענקען אָן אונז, הערראָמאַן: פּאַאַ, זיוצי, פּאַאַ!...

זאָגנדיק דאָס, האָט זי זיך נידעריק פאַרנייגט און געמאַכט אַ זייער אָריגינעלע מינע, ביי וועלכער זי האָט עפּעס נידעריק אַראָפּ־געצויגן די נאָז, צוגעשטייפט די ליפּן און אָנגעשפּאַרט די קיילעכ־דיקע גאָמבע אין קעלנערל, צוהיקציענדיק דאָס געשטאַלט אירס.

סטאָסלאָווסקי איז געווען דער bête noire פון דער גאַנ־צער אַזויגערופענער געזעלשאַפט. אַ רייכער און אין דער פּערס־פּעקטיוו אַ יורש פון אַ גרויס עשירות נאָך אַ פעטער, אַ שיינער, אינטעליגענטער, סימפּאַטישער און מענערישער. אַ יאָר זעקס, אַז ער האָט געוואוינט אויף וואַר מיט אַ מיידל, וואָס ער האָט אַרויסגע־

נומען פון אַ קליינעם מאָדע־מאַגאַזין. אַלע מאַמעס, וואָס האָבן טעכטער אויסצוגעבן, און אַלע טעכטער, וואָס ווילן רייך חתונה האָבן, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שלאַנגען, עקדישן און דראַכנס, בעת עמיץ פלעגט דערמאָנען דעם נאָמען סטאַסלאַווסקי. צו דעם אַלעמען איז דידאָזיקע „אומפאַרשעמטע", „די מישיאַ", „פרוי סטאַסלאַווסקאַ" געווען איינע פון די שענסטע פרויען אין שטאָט.

סטאַסלאַווסקי איז בשעת מעשה אַוועקגעפאָרן מיט מישיאַן אויף צוויי יאָר קיין אויסלאַנד, און ווען ער איז צוריק געקומען, האָט זיך דאָס מיידל באַוועגט ווי אַן אמתע פאַריזערין און אָנגעטאָן ווי אַ מיס פון דער לאָנדענער אַריסטאָקראַטיע. נאָכן צוריקקומען, האָט ער תיכף געעפנט דאָס הויז און אָנגעהויבן פאַרבעטן אויף מיטאָגן, וואָס האָבן נאָך געשמט פון אַמאָל. תחילת האָט מען זיך איינגעהאַלטן, געוואַקלט, ווער עס פלעגט קומען אויף מיטאָג, האָט דערפון געמאַכט אַ גרויסן סוד. סטאַסלאַווסקי האָט זיך אויס־געלאַכט דערפון און ווייטער פאַרבעטן. די מיטאָגן זיינען געווען אויסגעצייכנטע, ציגאַרן און ווייגען פון בעסטן מין. האָט מען זיך אָנגעהויבן ווייניקער רעכענען מיט די פרושים. די פאַרטיע מאַ־מעס און טעכטער האָבן אייגנטלעך אויפגעהויבן אַ יעלה, אַז סטאַס־לאַווסקי דעמאָראַליזירט די יוגנט, שלעפט זי אַריין אין געזעלשאַפט פון געפאַלענע פרויען, אָבער לגבי דער גלענצנדער קיך, גלענצנדן ווייך און גלענצנדע ציגאַרן, וועלכע מען האָט געקענט נעמען אין קעשענע, וויפל דאָס האַרץ גלוסט, האָט דאָס גאַנצע געשריי גע־האַט אַ פנים פון חוזק. נאָכדעם ווי דאָס ערשטע אייז איז גע־בראָכן געוואָרן, האָט סטאַסלאַווסקי זיך באַמיט לחלוטין פטור צו ווערן פון די געסט, וואָס פלעגן קומען לשם דער קיך, וויין און ציגאַרן און אויף די שבתדיקע מיטאָגן האָבן אָנגעהויבן זיך טרעפן מענטשן, וואָס זיינען געקומען לשם פרייען אויסטויש פון מיינונגען וועגן דעם, וואָס מען הערט און שרייבט אויף גאָר דער וועלט. דעמאָלט האָט אים אויך אָנגעהויבן באַזוכן פושערוויץ, וואָס וואָלט ניט געקומען, ווען דאָס ווייב זיינס זאָל זיך געווען דווקא איינשפאַרן, אָבער זי האָט זיך ניט איינגעעקשנט, קוים האָט זיך אים געגלוסט צו זיין דאָ. אמת, עס זיינען געווען חלוקי־

דעות אין זייערע „מיינונגען" און זיי האָבן אָפּט זיך געקריגט דער־ריבער, אָבער אין תוך איז אַלץ געווען גוט, וואָס איינס אָדער דאָס אַנדערע פּלעגט טאָן.

פּושערוויץ מיט רדזאַוויטשן זיינען געקומען פּונקט צו דער צייט, ווייל מען האָט גראָד געהאַלטן ביים זעצן זיך צום טיש. עולם איז געווען אַ מאַן צען־פופצן פון פאַרשיידענע קרייזן, לויטער מאַנסלייט; די איינציקע פרוי אין דער געזעלשאַפט איז געווען מישיאַ. רדזאַוויטש האָט אַחוץ טענזשעלן, וואָס איז אויך געווען פאַרבעטן אויף מיטאָגן, קיינעם ניט געקענט; ביים טיש האָט ער זיך געזעצט צווישן אים און פּושערוויצן, קעגנאיבער איז געווען איין ליידיק אָרט.

— דרעווסקי פאַרשפּעטיקט זיך—האָט זיך אָפּגערופן אַ גראָבע, באַסניקע שטים פון עק טיש.

רדזאַוויטש האָט זיך אומגעקוקט אויף דעם, וואָס רעדט; ס'איז געווען אַ מאַנספּערשוין שוין גוט גרוי, אַ גרויסער, מיט אַ הויכן, בולטן שטערן, ריזיקער אָדלערישער נאָז, קוסטיקע ברע־מען און וואָנצן, ווי צעשויבערטע וויעכטשעס. אויגן שטעכיקע, קיילעכדיקע, גרויע, אַ באָרד אַ קורצע און אַ קורצער האַלז, דער אויסדרוק פון פּנים זייער אַן אָנגעבלאָזענער און אומאינטעליגענ־טער, אָבער ערלעכער: אַן אויסגעצייכנטער מיטל־שלאַכטישער טיפּ, אָבער אַזאַ אויסגעצייכנטער, אַז ס'האָט ממש קיין שאלה ניט געקענט זיין, צי דאָס פּנים איז מיאוס אָדער שיין. דער דאָזיקער שלאַכטשיץ האָט געהאַט אויף זיך אַ ווייס וועסטל אין בלויע פּינ־טעלעך און אין העלן קראַוואַט אין קראַטן, אַ ריזיקע שפּילקע פון אַמעטיסט אין גאָלד געפאַסט.

— ווער איז דער פּלאָקנשיסער? — האָט פּושערוויץ גע־פרעגט רדזאַוויטשן.

— קאַפּיטאַן הערענים יוזעף טאַדעאוש נאַפּאָלעאָן בעל ארבעה שמות פון גרויס קאָנאַזשעוויץ קאָנאַר־קאָנאַזשעווסקי, פון הערב דער ערשטער פרייס. ער האָט דאָך דיר עס מסתמא גע־זאָגט בעתן פאָרשטעלן זיך.

— ניט באַוויזן, ווייל די אותו רגע האָט אים מישאַ אַ רוף געטאָן.

— ווען כ׳האָב אים אויף דעם אַלעם געזאָגט: יענדזשיי טענזשעל, האָט ער אויף מיר אַזוי אַ קוק געטאָן, ווי אַ קאַוואָן אויף אַ הייפּטל קרויט—האָט געזאָגט טענזשעל.

דאָס איז סטאָסלאַווסקיס אַ ווייטער קרוב, אַ ביסל זיינער אַ רעזידענט, אַ ביסל קלאָמפּערשט דירעקטאָר פון דאַרפישן שפּיטאָל און אינטערנאַט פאַר אָרעמעלייט, וואָס מישאַ האָט איינגעאָרדנט אין פּאָלעשאָוו אויף אוקראַאינע. אַן אויסערגעוויינטלעכער פּאַרשוין. געדינט אין מיליטער, געווען אַ פּאָרוטשיק ביי די דראַגונער ביי גאַריבאַלדין, אָבער מען טיטולירט אים קאַפּיטאַן, איבעריקנס האָט ער אויף פּאָלקאָווניק אויך ניט קיין פּאַראיבל. וואַרט צו ביז ער וועט ווערן אַ ביסל בגילופין. ער רעדט דאָמאָלסט קלאַסיש נאַרישע אַפּאָסטראָפן אין פּערזון.

— אָ! דער הער דרעווסקי — האָט זיך העפלעך אָפּגערופן מישאַ — זייט וואויל געקומען. מיר וואַרטן מיט דער זופּ.

דער ניי אָנגעקומענער האָט זיך פאַרנייגט און אַנידערגעזעצט; ער האָט אַלעמען געקענט, אַחוץ איין רדזאַוויטשן, וואָס איז געווען באַשטימט אַלס זיין קעגנאיבער.

— איר ווייסט, ווי איך הייס, ווייל איר האָט געהערט — האָט ער זיך אָפּגערופן, אויסשטרעקנדיק די האַנט צו רדזאַוויטשן.

— רדזאַוויטש.

— אַ, דאָס זייט איר דער אַווטאָר פון דאַנע? דאָס איז, מיין הער, די לעצטע פּרווי, צו וועלכער איך האָב געברענט:

— איך באַדויער אייך, וואָס די לעצטע — האָט רדזאַוויטש געענטפערט מיט אַ שמייכל.

— בי, מיין הער! — און דרעווסקי האָט מיט ביטול אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

רדזאַוויטש האָט אויף אים אַ קוק געטאָן: דרעווסקי האָט געקענט אַלט זיין אַ יאָר פינף, זעקס און צוואַנציק, הויט און ביינער, כמעט אַ ליסער בלאָנדין מיט איינגעפאַלענע, אויסגעבליאַקירטע אויגן פון אומבאַשטימטן קאָליר, דער שטערן אַ קאַנטיקער

די נאָז אַ לאַנגע, דינע מיט צעבלאָזענע נאָזלעכער, איינגעפאַ־
לענער ביז די ליפּן, — אַ דינער און אונטן ברייט צעשניטענער,
די באַק־ביין אַ לאַנגע און שפּיציקע. די האַנט, וואָס ער האָט
אַרויפגעלייגט אויפן טיש, נעמענדיק ברויט, איז געווען אַ שמאָלע
מיט אומגעווייינלעך אויסגעצויגענע פינגער, ביי וועלכע עס
שטייען אַרויס די ביינער, מיט אַן אויסגעיאַרכעטער הויט, וואָס
איז ביי דרעווסקין געווען ענלעך צו איר אויך אויפן פּנים.

רדזאַוויטש האָט קיינמאָל ניט געזען ביי איין מענטש אַזוי־
פיל צונויפגעזאַמלטן מיט איינמאָל פּרעכן ציניזם, גרינגשעציקן
ביטול און עפּעס טרויעריקע, אומדערהערט עגאָאיסטישער אַפּאַ־
טיע; מען האָט אַגב געקענט דערקענען, אַז דרעווסקיס אָרגאַ־
ניזם איז אויסגענוצט עד כלות כל הקצין.

— ווער איז עס דען? — האָט ער שטיל געפרעגט
טענזשעלן.

— איך הער, אַז איר פרעגט זיך אויף מיר — האָט זיך
אָפּגערופן דרעווסקי. — איך בין, מיין הער אַזאַ דאָקטאָר, וואָס
האָט קיין איין עקזאַמען ניט דורכגעמאַכט. אָבער, אַז איך וועל
זיך אַ נעם טאָן, וועל איך נאָך האַלטן, אַוועקפאָרן ערגעץ אין
אַ דאָרף אַריין און לעבן דאָרט ווי אַ בהמה.

— קען זיין, אַז ס'איז דאָס בעסטע — האָט געזאָגט
רדזאַוויטש.

— ניט עס קען זיין, נאָר טאַקע זיכער. מילא, וואָס עס
רעדט זיך, רעדט זיך, אָבער סוף־כל־סוף איז דער מענטש פּונקט
אַזאַ בהמה, ווי יעדער אַנדערע חיה, מער ניט אַ ביסל אַנדערש.

— און אין דעם, מיין הער, שטעקט די הויפּט־סיבה פון
דער מענטשלעכער טראַגעדיע און דער אָרגאַניזם איז אַזוי גע־
בויט, אַז דאָס לאָזט זיך גאָרניט בויען. ס'איז אָבער ניטאָ די
רעה, פון וועלכער ס'זאָל ניט אַרויסקומען קיין טובה. דער
מענטשלעכער שכל האָט געשאַפן איין גרויסע זאַך.

— דהיינו?

— די מעגלעכקייט אַרויסצוגיין פונם שפּיל, די פרייקייט
פון באַוועגונג, די זעלבסטהערשאַפט. גיט אַ קוק, איך האָב תמיד

ביי זיך פאַר אַ צופאַל, איינס פאַר זיך, דאָס צווייטע פאַר אַ בעלן ... — דאָס האָט ער אַרויסגעצויגן פון וועסטל־קעשענע צוויי פּראָשקעס, אַפּטייקעריש איינגעוויקלט.

— מיין הער, אייך מוז עס אַוודאי וואונדערן, וואָס איך רייד מיט אייך אַזוי, ווי כ׳וואָלט אייך שוין קענען אַ יאָר צען, אַזאַ טבע האָב איך שוין.

— מיך וואונדערט קיין שום זאַך ניט, מיין הער, דאָס איז ווידער מיין טבע — האָט געענטפערט רדזאַוויטש.

דרעווסקי האָט אויף אים אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן, גענומען אַ ביסל ווייַן פון גלעזל, צונויפגעצויגן די ברעמען און אַנטשוויגן געוואָרן.

— דרעווסקין איז עפּעס היינט, משמעות ער איז שטאַרק צערייצט — האָט אַ מורמל געטאָן צו פּושערוויצן סטאַסלאַווסקי וואָס איז געזעסן דערלעבן.

— הער פּושערוויץ — האָט זיך אָפּגערופן אין אַ ווייַלע אַרום דרעווסקי — איר זייט דאָך אַ פּאָעט, ווי דאַכט זיך אייך, דאָרט איז עפּעס פאַרהאַן?

— וואו: דאָרט?

— נו: דאָרט, אויף יענער זייט.

— דאָרט? ווייס איך? — —

— ס׳איז אומגעהייער איינגענעם זיך צו דערמאָנען, אַז מען מאַכט דאָ פּוטש, איז דאָרט אַ שטיין אין וואַסער אַריין, אָן אַ זכר, קיין שטויבעלע אין פעלד אַפילו רירט זיך ניט.

— עס רירט זיך אָבער יאָ, הער דרעווסקי, — האָט געזאָגט רדזאַוויטש.

— רירט זיך? — האָט געפרעגט אָן אַ זין דרעווסקי.

— מחמת די מינוס, וואָס מען שטאַרבט — האָט געענטפערט רדזאַוויטש — וועט געפינען דער מענטשלעכער טויט אַן אָפּקלאַנג אויף די שפּיצן פון די הימאַלאַיען פּונקט אַזוי גוט, ווי אין די טיפענישן פון אַטלאַנטיק און אומעטום. מיר זיינען דאָך אַזאַ אומטיילבאַר חלק פון דער אַלגאַנצקייט, אַז קיין זאַך, וואָס טוט זיך אין דער דאָזיקער אַלגאַנצקייט, קען זיך ניט לאָזן ניט פילן

און להיפּך, מיר זיינען כּסדר משפּיע קעגנזייטיק אויף איר; דער פּלאַטער פון שמעטערלינגישע פליגל איבער דער אַמאַזאָנקע וועט משפּיע זיין אויף דער סאָציאַלער פּראַגע, און די פּעלאָפּענעזער מלחמה האָט עד־היום ניט אויפגעהערט צו ווירקן אויף די גאַסן פון אַמסטערדאַם. איר זאָגט, אַ מענטש גייט לאיבוד, ווי אַ שטיין אין וואַסער אָן אַ זכר — — אָבער אַ שטיין ווערט אַזוי ניט פאַרלאָרן. עס ווערן געשאַפן קרייזן, איין טייל וואַסער באַוועגט די צווייטע, קומט צו צו די ברעגעס, טרייסלט זיי אויף און אַזוי עד אין סוף. די באַוועגונג ווערט נאָכדעם פאַר אונדז לחלוטין אומבאַמערקט, זי איז אָבער פאַרהאַן, מחמת ס'איז ניטאָ קיין שום סיבה, זי זאָל דאַרפן זיך אָפּשטעלן. ס'איז פאַרהאַן איין perpetuum mobile: מאַטעריעלע באַוועגונג. נאָך אונזער טויט ציטערט ניט בלויז אַ שטויבעלע אין פעלד, אָבער אַפילו דער באָרעאַלער אויפגאַנג.

— הער רדזאַוויטש איז פולקום גערעכט — האָט זיך אָפּגערופן אַ עטלעכע און דרייסיק־יעריקער מאַנסביל, אין ברילן אויף העל־בלויע אויגן, מיט אַ שיין טונקל בלאָנדע באָרד, וואָס איז געזעסן דערלעבן. רדזאַוויטש האָט אים געקענט פון אַ ביסל פריער אָן. ס'איז געווען יאַן קאָוואַל, אַ זון פון אַ קליינעם בירגער אין פּראָווינץ, אַ באָטאַניקער, אַ מענטש, וואָס האָט אַ גרויסן שם אין דער גאַנצער אייראָפּעאישער וועלט פון געלערנטע, אָבער וועגן וועלכן דער עולם האָט כּמעט לגמרי ניט געוואוסט און וועלכער איז, בעת מען פלעגט אויסרעכענען „אונזערע שטערן" און צווישן זיי אַ ליאַדע קינסטלער אָדער מחבר פון אַ ליאַדע „וויסנשאַפטלעכער" פּלוידעריי, קיינמאָל צו די „שטערן" ניט פאַררעכנט געוואָרן. וועגן אַ „שטעגדיקן פּאָסטן" האָט דערדאָזיקער מחבר פון עטלעכע גלענצנדע באָטאַנישע פאָרשונגען, געשריבן אויף פּויליש און ענגליש, וואָס זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַנדערע לשונות — ניט געטראַכט און אַפילו, אַלס שונא פון יעדער קאַריעריזם, פון פּלערליי געזעלשאַפטן פון קעגנזייטיקן פאַרערן און פון פאַרערן גדולים מאחורי הפּרגוד, טראַכטן ניט געקענט. אין פולן זין פון וואָרט אַ ציוויליזירטער מענטש, האָט ער געקענט איין דאָגמע: אמת; בלויז

איין מיטל פון קאַריערע: אַרבעט; און מיטן דאָזיקן, נאָך כאַלו־בינסקין געירשנטן דעוויז „אמת און אַרבעט", איז ער געגאַנגען אין דער וועלט, אויסקעמפנדיק זיך וואָס אַמאָל אַלץ אַ גרעסערן נאָמען אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד. צו באַקומען אַ שטענדיק אָרט אין עפּעס אַ וויסנשאַפטלעכן, עפנטלעכן אָדער פּריוואַטן אַנשטאַלט, האָט ער לחלוטין ניט געזוכט, מחמת סטאָסלאַווסקי האָט געעפנט אַ באַדייטנדע נאַטורוויסנשאַפטלעכע סטיפּענדיע, בתּנאַי, אַז די אַרבעטן וועלן ווערן פאַרעפנטלעכט אין פּויליש און לפּחות אין איין אייראָפּעאישער שפּראַך. דאָס האָט ער געשענקט קאָוואַלן, שטרעבנדיק אַגב צו גרינדן אַ פּריוואַטן באָטאַנישן מוזיי אין וואַרשע, לויטן מוסטער פון מוזיי פון די דזיעדושיצקעס אין לעמבערג. איצט איז קאָוואַל געהאַט געקומען מיט עטלעכע וואָכן צוריק פון בראַזיליע, מיט רייכע מאַטעריאַלן, איבער וועלכע ער האָט בדעה געהאַט צו אַרבעטן אינדערהיים, כּדי דערנאָך ווידער צו נעמען אָנטייל אין אַ וויסנשאַפטלעכער ענגלישער עקספּעדיציע אין טיף אַפריקע. — אָט דער האָט זיך מיר צום בעסטן איינגעגעבן — האָט וועגן אים געזאָגט אָפּטמאָל סטאָסלאַווסקי, וואָס האָט אַ סך יונגע מיטגעהאָלפן, קאָנקורירנדיק דערביי מיט מישיאַס סוטערעניקער צדקה. איבעריקנס, פאַר קאָוואַלן האָט ער אַ חוץ אמתע פריינדשאַפט, געהאַט גרויס דרך־ארץ, ווי פאַר „אַ גרויסן קאָפּ און אמתן שם דבר".

דרעווסקי האָט אַ קוק געטאָן אויף קאָוואַלן, און אַ ציפּטועדיק פון טיש אַ קרישקע ברויט, זיך אָפּגערופן:

— פאַרשטייט זיך, אַז הער רדזאַוויטש איז גערעכט און ווען מען זאָל בכלל זיך פאַר עפּעס דאַרפן שעמען, וואָלט איך זיך געשעמט, וואָס אַזאַ פּשוטע און באַוואוסטע זאַך איז מיר אויפן רעיון ניט געקומען. כ'האָב דאָך ניט איינמאָל געטראַכט וועגן טויט, מחמת סוף־כּל־סוף איז דאָך עס פּונקט אַזאַ גוטע טעמע אויף טראַכטן ווי יעדער אַנדערע.

— אפשר וואָלט איר זי געביטן — האָט זיך אָפּגערופן פּזשערוויץ. — איר מאַכט אָן אַזאַ בית־הקברות ביים מיטאָג, אַז

עס ווערט אַזש ניט היימלעך. איר האָט, זאָגט מען, הער קאָוואַל, געבראַכט פּראַכטפולע בלומען פון בראַזיליע?

— אַנטשולדיקט זייער, איר וועט מיר מוחל זיין, מיינע הערשאַפט — האָט פּלוצלונג געזאָגט דרעווסקי, אויפהייבנדיק זיך פון טיש. כ׳מוז גיין אויף אַ מינוט אין האָטעל אייראָפּע געוואָר ווערן, צי מיין מוטער איז געקומען? כ׳האָב אינדערפרי דערהאַלטן אַ ידיעה.

— וואו איז דען אייער מוטער? — האָט געפרעגט מישיאַ.

— ביי די שוואַלבעס, ביי די, וואָס זי, איז פון די וויראַ־טושעמעסקאַ. זי איז שוין אַ חדשים צוויי אין דאָרף באַנע צו די קינדער.

דרעווסקי האָט עס געזאָגט גאַנץ רואיק, אָבער אַלע האָבן זיך דערפילט פאַר אים פאַרדאַגהט. ער האָט זיך לייכט פאַרנויגט און אוועק.

— אַ מאָדנער פאַרשוין — האָט עמיץ פון די אַנוועזנדיקע באַמערקט.

— אָ, דאָס איז זייער אַן אומגליקלעכער מענטש, — האָט מישיאַ געזאָגט — אַ חרובער, קראַנקער און דערצו אָן אַ ברעקל ווילן, אָן אַ ברעקל ענערגיע, וואָס זוכט בלויז מיטלען, ווי אַזוי צו פאַרגעסן אָן זיך און אָן אַלעמען אין די לעצטע הייזער... וואָס איך האָב אים שוין אַלץ איינגערעדט, ער זאָל זיך נעמען פאַר עפּעס: אַלץ אומזיסט. אויב ער וויל שוין ניט האַלטן עק־זאַמען, וואָלט דאָך טאַדעאוש אים געקענט שאַפן עפּעס אַ שטעלע; ער האָט כלומרשט מסכים געווען, אָבער אין דער אמתן: כלומרשט. ער מאַסקירט זיך, אָבער איך ווייס, אַז דאָס נאָגט אים, וואָס די מוטער האָט געמוזט גיין דינען. אונז האָט ער אָבער גאָרניט געזאָגט, מען וואָלט דאָך עפּעס געווען צוגעטראַכט. ער איז אומ־דערטרעגלעך דערמיט, וואָס ער שלעפּט אַרויס זיינע פּריוואַטע עסקים, וואָס גייען קיינעם ניט אָן, פאַר מענטשן, וואָס ער זעט דאָס ערשטע מאָל. ער בראַווירט ממש מיט זיינע דאגות און עגמת־נפשן, און דאָס וואָס מען דאַרף און פאַר וועמען מען קען, יאָ זאָגן, וועט ער עס ניט טאָן.

— כ׳האָב געקענט, געקענט די דרעווסקיס — האָט זיך אָפּ־גערופן קאַפּיטאַן קאָנאַזשעווסקי. — זיי האָבן געהאַט אַ דאָרף אין קוטנער געגנט. זי איז געווען אַ שיינהייט אַ פרוי. אָבער דעם יונגן דרעווסקין קען איך ווייניק, כ׳זע אים אפשר דאָס דריטע מאָל.

— מיר וועלן די דרעווסקיס אָפּנעמען פון די שוואַלבעס, אמת, מישיאַ? — האָט געזאָגט סטאָסלאַווסקי.

— פאַרשטייט זיך, מיין טייערער, תּיכּף. — ווי אַזוי רעדט מען אָבער מיט אים וועגן דעם, ער זאָל זיך ניט פילן באַליידיקט...

— לאָמיר אַ טראַכט טאָן דעריבער — האָט געזאָגט סטאָס־לאַווסקי. — איך האָב דעם דרעווסקין ליב, מחמת ער איז באמת אַ וואוילער בחור, הגם כ׳האָב ביי קיינעם נאָך ניט געזען אַזאַ אַבסאָלוט פאַרלאָרן גיין פון יעדן מאָראַלישן חוש, פון וועלכער ניט איז עטיק. דערביי איז עס אַ מאָדנער מוח. ער וועט אייך אויפן דינסטן אופן אַנאַליזירן די פאַרוויקלטסטע מענטש־לעכע געפילן און אַזעלכע ווערטער, ווי למשל, פּאַטריאָטיזם, עניני הכלל, אָט די עלעמענטאַרסטע געפילן, מאַכט אַן איינדרוק, ווי ער וואָלט זיי לגמרי ניט באַנומען. ביי דעם אַלעמען וועט ער אייך מוותר זיין אויף היסמאַנסן, קאַטול מענדעסן צי באָדעלערן פאַר אַגדערסענס אָדער האָפמאַנס מעשהלעך, און וועט זיך שעהנווייז צוקוקן צו די גענז אין פעלד און צו דעם מיידל, וואָס גייט זיי נאָך.

— דאָס איז שוין אַ דעקאַדענט דעקאַדענטיסימוס — האָט באַמערקט עפּעס איינער פון די אַנוועזנדיקע.

— אַ מאָדנע באַשעפעניש — האָט ווייטער געזאָגט סטאָס־לאַווסקי — כ׳האָב אים עפּעס איינמאָל מיטגענומען צו זיך אין דאָרף אַריין. האָט ער געכאַפּט אונטער איין אָרעם מעטערלינקן, אונטערן אַנדערן „Sagesse“ פון ווערלענען און אַוועק. איך וואַרט מיטן מיטאָג, ניטאָ... כ׳גיי אים זוכן און פּאַק אים אַ פאַר־זונקענעם אין „Les sept princesses“ אונטער אַ קרעטשמע, אין וועלכער עס קומט פאַר אַ פּויערישע חתונה און מען שניידט אָן אָבערעק, אַז די אויערן פּלאַצן אַזש. ער האָט מיר אויפגעוויזן, אַז דווקא דערדאָזיקער קאָנטראַסט פון דעם גרילצן האָט אַרויס־

געראָפן אַ סך עפעקטן און אַז „פאַן טאַדעאוש" למשל האָט זיך צומבעסטן געלייענט ביי די באַלאַדעס אָדער פּרעלודיעס פון שאָפּען, אויך צוליב דעמזעלבן קאָנטראַסט פון דידאַקטיק ווערק.

— נו, און וואָס פאַר אַ זון איז ער? — האָט געפרעגט קאָוואַל. — ווי איז מיט דער מוטער?

— איך מיין, אַזוי ווי מיט אַלץ. לפי איך קען אים, איז ער אין בטול, פּעאיק אויפן גרעסטן קרבן און כ'בין זיכער, אַז ער וואָלט אין איין העמד געגאַנגען אויפן פראָסט, אַבי זיין מוטער זאָל זיין וואַרעם אין זיין פוטער, אָבער זיך איינבויגן צו עפּעס צוליב איר, וועט ער ניט זיין בכוח. ער וועט אין זיך גופא רייסן פון זיך שטיקער, אָבער די האַנט אויפהייבן וועט ער ניט וועלן.

— און אפשר ניט, — האָט געזאָגט קאָוואַל.

די אותו רגע האָט זיך געעפנט די טיר און אין זאַל איז אַריין דרעווסקי. ער איז געווען בלאַסער, ווי פריער און געהאַט אַ מאָדנעם, בלאָנדזשענדיקן, געמאַכטן שמייכל אויף די ליפּן.

— וואָס ביסטו אַזוי שנעל צוריקגעקומען — האָט אים געפרעגט סטאָסלאַווסקי. — האָסט דאָך אפילו ניט געקענט צוגיין ביזן ראָג.

— כ'האָב ניט באַדאַרפט — כ'האָב געטראָפן די מאַמען — האָט געענטפערט דרעווסקי, באַמיענדיק זיך צו זאָגן עס גלייכגילטיק, מיט אַ שאָטן פון בראַווירנדיקן הומאָר.

— וואו?

— אויף דער קעלניע — האָט געזאָגט דרעווסקי פונקט ווי פריער.

— ווי הייסט אויף דער קעלניע? — האָט געפרעגט מישיאַ פאַרוואונדערט.

דרעווסקי אָבער האָט, אוועקזעצנדיק זיך אויפן פריערדיקן אָרט, אַ פרעג געטאָן מיט אַ גוט איינגעגעבענער, אָבער מיט אַ כוח געמאַכטער רואיקייט, מיט דעמזעלבן שאָטן פון בראַווירנדיקן הומאָר:

— ווי מיינט איר, אַז מען איז אַלט זיבן און פופציק יאָר ווערט אַ מענטש זייער אויסגעמאַטערט, בעת ער פאַרט אָפּ זיבן

מייל אויף דער קעלניע? נאָטאַ בענע, אַז מען איז לויטן שטאַם ניט קיין בעל־עגלה — ניט קיין לאַקיי — האָט ער מוסיף געווען, ענטפערנדיק אויטן ברוטאַלן ביטולדיקן בליק פונם יונגן, אויפגעקומענעם גביר, אַן אייניקל פון אַ לאָקאַי, וואָס איז ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געוואָרן אַ שליאַכטשיץ און וואָס האָט דורך דער כלומרשטער משפּחהשאַפט מיט סטאָסלאַווסקין פון דער מוטערס צד, זיך אַריינגעדרייט אויף זיינע מיטאָגן.

— קיינער האָט גאָרניט געענטפערט און דרעווסקי האָט, דורכפירנדיק אַ בליק איבער די אָנוועזנדיקע, אויסגעטרונקען מיט איין שלונג אַ גרויסן בעכער מאַדערע און געזאָגט:

— נו, טרינקען קען איך נאָך, אָבער עפּעס אַנדערש האָט, שוין דער רוח לאַנג גענומען.—ער האָט אָנגעגאָסן אַ צווייט גלעזל, אויסגעטרונקען און געווענדט זיך צו רדזאַוויטשן: מיין הער, וואָס טראַכט איר? וואָס טראַכט איר וועגן ציגל, וואָס וועט אַראָפּפאַלן אויפן קאָפּ?

— אַז דער, אויף וועלכן ער וועט אַרויפפאַלן, וואָלט מיט אַ רגע פריער אַרויס פון שטוב, אָדער אַ רגע שפּעטער, וואָלט ער אויפן קאָפּ אים ניט אַרויפפאַלן, נאָר דערלעבן—האָט געענטפערט רדזאַוויטש.

— זעט איר, איך טראַכט אויך דאָס אייגענע, אָבער פאַרוואָס איז ער טאַקע דעמאָלט אַרויס און ניט פריער אָדער שפּעטער?

— כדי דערויף צו ענטפערן, דאַרף מען קענען די אורערשטע סיבה פון אַלץ.

— אַ טרומייטער מיט אַ פּייפער
זיינען זיך ברידער אָן אײפּער —

האָט זיך אָפּגערופן ערנסט פון עק טיש קאַפּיטאַן קאָנאַזשעווסקי.

— זעט איר — — אָבער וואָס טויג עס מיר... — האָט ווייטער געזאָגט דרעווסקי. טרינקט זיך מיט מיר אָן, די מאַדערע איז אויסגעצייכנט. ביי אונז איז אויך געווען גוטע, איך געדענק נאָך. איר ווייסט, אַז איך טרינק נאָך אויס עטלעכע גלעזלעך

גוטן וויין אָדער קאָניאַק, בין איך נאָך מיטצודערליידן, ווייטער האָט מיך די ליבע — דאָס וואָרט האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַזוי גערופענעם גאַלגנהומאָר—אַזוי אויפגעפרעסן, אַז ס'איז פון מיר, ווי איר זעט, בלויז הויט און ביינער פאַרבליבן. דאָס האָט זי, די „פון זילבערנער שוים אַרויסגעגאַנגענע ווענוס די גאָלדהאָריקע", ווי עס זאָגט ערגעץ הער פּזשערוויץ, מיר די פּיס אונטערגעהאַקט. און איצט הייבט זי שוין אָן פון מיר חוזק צו מאַכן, ווי כ'וואָלט געווען אַ בן שמונים, בעת איך בין סך הכל אַלט זעקס און צוואַנציק... זעט איר, מיין מוטער איז געקומען דאָ אויף דער קעלניע פון דאָרף פון די טושעמעסקיס, ס'איז זיבן מייל. כ'האָב באַגעגנט די קאַרעטע; פּרוי. שוואַלבע און איר שוועסטער פריילין מאַדזשיאַ ווירא־טושעמעסקאַ, זייגען געזעסן אויבנאָן, ביידע קינדער פון פאָרנט, די מוטער מיינע אויף דער קעלניע, ס'איז דאָך גאַנץ נאַטירלעך. ס'לאָזט זיך ניט שיקן, אַז אויף דער קעלניע זאָל זיצן פריילין מאַדזשיאַ אָדער איינס פון די קינדער; ס'וואָלט נאָך אַראָפּפאַלן, ווייל ס'איז קליין. אָבער — — פּרוי שוואַלבע פאַרמאָגט אַן ערך צוויי מיליאָן, דערפאַר האָט זי חתונה געהאַט מיט איר מאַן, און ס'וואָלט זי אפשר ניט געווען רואינירט, ווען זאָל געווען דינגען אַ פוריעריש פורל, אויב זי האָט ניט געוואָלט באַנוצן אירע אַנדערע פערד... ס'וואָלט קאָסטן צוויי רובל, אָדער דריי... די מאַמע האָט מיר גאָרניט אויסגעזען אַפילו זייער מיד — — ניין, לחלוטין, ניט — —

— אַ קלאָץ דריי יאָר,
אַ קאָץ דריי קלעץ;
אַ מענטש דריי פערד,
אַ פערד דריי קעץ —

האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן ציען אַ ניגון קאַפּיטאַן קאָנאַזשעווסקי. נאָכדעם האָט ער גענומען פּויקן איבערן טיש מיט זיינע ריזיקע פינגער, אַ מאַרש וועלכן ער האָט אָנגערופן פּיעמאָנטישער דרעווסקי האָט ווי אויסנוצנדיק די אָפּגעווענדטע אויפמערקזאַמקייט

פון די אָנוועזנדיקע אויפן קאַפּיטאַן, זיך אויפגעהויבן פון טיש און אַרויסגעגאַנגען אין שכנותדיקן צימער.

— וואָס האָט ער עס צו מיר אַזאַ צוטרוי? — האָט געקלערט רדזאַוויטש, אים איז נאָך ערגער פאַר מיר אויף דער וועלט... אפשר אָבער האָט ער מיט מיר אַזוי גערעדט, ווייל ער האָט דערפילט, אַז מיר נעמט אויך דער רוח ביים לעבן...

— פון דעם דרעווסקין וועט שוין קיין הונט אויך גאָרניט אויסלעקן — האָט אַ מרוק געטאָן טענזשעל. — דערווייל האָט עמיץ פון די אָפּוועזנדיקע אָנגעהויבן דערציילן וועגן הויפּטמאַנס לעצטער דראַמע, וואָס ער האָט געזען אין בערלין אַזוי, אַז ערשט אין אַ צען מינוט אַרום האָט מישאַ אַ פרעג געטאָן ביי סטאַסלאַווסקין, וואו דרעווסקי איז אַהינגעקומען.

— ער איז אַוועק אַהין — האָט געענטפערט סטאַסלאַווסקי אָנווייזנדיק אויפן שכנותדיקן צימער.

— וואָס קען ער דאָרט טאָן? — און מישאַ האָט זיך אויפגעהויבן און אַוועק נאָך דרעווסקין.

— דערדאָזיקער ניט דערפאָרענער דאָקטאָר מיט זיינע מוטערס איז דאָ היינט גאָר ניט נייטיק ... C'est degoutant — — האָט באַמערקט מיט אַ האַלבער שטים, קרימענדיק זיך, דער יונגער אויפגעקומענער גביר.

— דער פאָרטער ווייזט זיך אייך אויס ערגער? האָט געזאָגט שנעל פּושערוויץ און ווענדנדיק זיך צו רדזאַוויטשן, איינגערוימט אים: — סטאַסלאַווסקי מוז אויפנעמען דעם שוטה, ווייל ס'איז עפּעס זיינער אַ קרוב, כ'וויס אָבער, אַז סיי ער, סיי מישאַ קענען אים ניט ליידן.

פּלוצלונג האָט זיך פון די ווייטערדיקע צימערן געלאָזט הערן אַ דערשראָקן געשריי פון מישאַן; אַלע האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון אַרום טיש.

— בלייבט, מיינע הערן! — האָט אויסגעשריען סטאַסלאַווסקי און געלאָפן פאָרויס. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוריקגעקומען אַ בלאַסער און איבערגעשראָקענער, רופנדיק: — גיכער וואַסער! מישאַ האָט געחלשט! דרעווסקי האָט זיך פאַרסמט...

טענזשעל האָט געכאַפּט אַ גראַפין וואַסער און געלאָפן נאָך סטאָסלאַווסקין. אין דריטן צימער נאָכן עס־זאַל, אין רויכער־קאַבינעט, איז מישאַ געלעגן מיטן פנים אַרויף אויף דער ערד, אָן באַוואוסטזיין, דרעווסקי ווידער איז געזעסן אַ שטייפער און בלוין און בלויער אויף אַ שטול ביים טיש, מיט די הענט אין די קעשענעס, מיט אַן אַראָפּגעהאַנגענעם קאָפּ און מיט שוים אויף די ליפּן, אַ טויטער.

מישאַ, באַשפּריצט מיט קאַלט וואַסער, איז אינגיכן געקומען צו זיך.

— קוקט, צי דאָס האַרץ קלאַפּט אים נאָך? — האָט זי אויסגערופן פון שטול אַראָפּ, אויף וועלכער ס'האָט זי אַנידערגעזעצט סטאָסלאַווסקי. מען מוז תיכף שיקן נאָך אַ דאָקטאָר...

— ניין, דאָס האַרץ קלאַפּט שוין ניט—האָט געזאָגט טענזשעל, וואָס האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דרעווסקיס ברוסט.

— ס'איז שרעקלעך, שרעקלעך... אַזאַ טויט — — האָט געזאָגט די צעשראָקענע מישאַ.

דערווייל האָבן די געסט און דינערשאַפט זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם בר־מינן. רדזאַוויטש האָט דערקענט אויפן טיש דאָס שטיקל פּאַפּיר, וואָס דרעווסקי האָט אים געוויזן.

— דאָ איז אויך עפּעס אויפגעשריבן — האָט ער געזאָגט אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף אַ בלעטל, וואָס איז געלעגן לעבן שטיקל פּאַפּיר, אין וועלכן ס'איז געווען דער סם. — דאָס איז צו אייך, הער סטאָסלאַווסקי, דער אַדרעס איז אין דער הויך.

סטאָסלאַווסקי האָט גענומען און אָנגעהויבן לייענען הויך, מיט אַ ציטערדיקער פון אויפרעגונג שטים: „אַנטשולדיקט זייער, וואָס כ'מאַך אייך אָן אַ ביסל דאגות, כ'וואָלט זיך געקענט פּונקט אַזוי גוט פאַרסמען ערגעץ אַנדערש, כ'פיל זיך אָבער די מינוט אויסערגעווינלעך גוט געשטימט אויף סמען און כ'האָב מורא, אַז די גוטע שטימונג קען פון מיר אַוועק, כ'האָב שוין אָבער גענוג. ס'האָט זייער שאַרפזיניק עמיץ געזאָגט, אַז דאָס לעבן איז אין פּרינציפּ גענוג נידערטרעכטיק, אַז מע זאָל זיך דאַרפן אָנטאָן אַ מיתה, אָבער כדי עס צו טאָן דאַרף מען האָבן אַ סיבה. איך בין

סוף־כל־סוף געקומען דערצו, אַז כ׳האָב אַ סיבה. די סיבה איז אין מיר גופא. ווי די מעשה זאָל ניט זיין, איז מיר אַ ביסל אומ־אָנגענעם, ס׳זאָל אַזוי ווייטער דויערן, ווי ס׳איז איצט; ס׳וואָלט מיר אָבער אויך געווען אומאָנגענעם, ווען כ׳זאָל זיך דאַרפן צווינגען מאַכן אַנדערש. כ׳קלייב אויס דעם מיטלוועג: כ׳גיי אַוועק פון עסק און לאָז זיך ניט אויפן ערשטן, ניט אויפן צווייטן. ווייסט, איר טוט אַזויפיל גוטס מענטשן און האָט אַזויפיל געלט, באַשטימט פאַר מיין מוטערס־וועגן אַ לעבנס־פענסיע אַן ערך דרייסיק רובל אַ חודש, כאָטש פופצן, זאָל זי עסן טרוקן ברויט, אָבער זאָל זי ניט פאָרן אויף דער קעלניע ביי דער פרוי שוואַלבע פון די וויראַי־טזשעמעסקיס. זעסטו, דאָס בעט איך דיך אָן שום צערעמאָניעס. פון דער אַנדער זייט בין איך דאַנקבאַר דער קעלניע, ווייל, ווען ניט, זי וואָלט איך נאָך ווייטער אפשר זיך געוואַלגערט און די מוטער מיינע וואָלט אפשר ווייטער נאָכאַמאָל געקומען צופאָרן קיין וואַרשע אויפן סע־פיט פון דער פרוי שוואַלבע פון די וויראַי־טזשעמעסקיס. כ׳פאָר אַ זיכערער, אַז איר וועט אָן מיין מוטער געדענקען ביז איר אָפּרייזע, אָדער ריידנדיק קלאָר, ביזן טויט אַריין. — אויף די צוועלף הונדערט רובל, וואָס כ׳בין דיר שולדיק, מעגסטו שטעלן אַ צלמל, אַנדערע מיינע בעל־דברס — אַנדערע צייכנס, לויט זייער אמונה. פרוי מיכאַלינאַ קוש איך די הענטלעך און דאַנק קודם־כל פאַרן פלאַנעלענעם פאַס, וואָס זי האָט מיר געשיקט, בעת כ׳בין קראַנק געווען, אַחוצדעם גיב איך איר אויך איבער מיין מוטער. כ׳וואָלט פון דאַנען אַ שפרונג געטאָן, ווי אויף אַ חתונה, ווען כ׳וואָלט וויסן, אַז אַחוץ דיין געלט, וועט זי איר נאָך געבן אַ ביסל הארץ אירס. כ׳ווינטש אַלע באַקאַנטע, זיי זאָל אַזוי אָרן דער טויט, ווי מיך, ווען זיי וועלן האָבן דערצו די געלעגנהייט. הער רדזאַוויטשן זאָג, אַז ער איז מיר זייער געפעלן געוואָרן און אַזקודם־כל ווינטש איך עס אים. ער האָט צו טיף פאַר־זעצטע אויגן, אַז עס זאָל האַלטן שלעכט מיט אים, דאָס הייסט ער זאָל פאַרענדיקן מיטן אַזוי גערופענעם נאַטירלעכן טויט. וואָס איז דען אין מיין טויט דאָ שלא כדרך הטבע? צי בין איך דען ניט פונקט

אַזוי שטייף, ווי כ׳וואָלט שטאַרבן אויף אַ לונגען־אָנצינדונג אָדער טיפוס? כ׳מוז האָבן אַ ביסל שוים אויף די ליפּן. אַגב, בעט איך הער רדזאַוויטשן, ער זאָל זיך אומקוקן אויפן נאָענטסטן באַרעאַלן אויפגאַנג, צי מיין טויט לאָזט זיך דאָרט ניט פילן. פאַרנעמט אייך מיט מיין מוטער, איבער וועלכער מיין פאָטער האָט מיר איבערגעלאָזט די השגחה פאַר זיין עמיגרירן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, פאַרן בייטן די דירה פון קראָקער פאַרשטאָט אויף דער טרומנע. „די מוטער דאַרף דורך דיר דערהויבן ווערן״ — האָט ער געזאָגט. זי איז געווען טאַקע הויך, אויף דער קעלניע. הייס מיך פאַרברענען, אויב מען קען, הגם ס׳איז מיר סוף־כל־סוף אַלץ איינס. Tout à Vous איגנאַצי דרעווסקי״.

ס׳האָט אָנגעהויבן הערשן אַ טויבע שטילקייט, אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך מישיאַ אויפגעהויבן פון שטול, זיך דערנעענ־טערט צו דרעווסקיס קערפּער, געמאַכט אים איבערן קאָפּ אַ צלם און אַרויפלייגנדיק די האַנט אויפן שטערן, געזאָגט מיט אַ שטאַרק געריררטער שטים:

— שלאָף רואיק, כ׳שווער דיר, כ׳וועל פאַר דיין מוטער זיין אַ טאָכטער ביזן טויט אַריין...

פּושערוויץ האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט, האַרציק אַ דריק געטאָן און געזאָגט:

— איר זייט אַזוי גוט, ווי מיין פרוי.

דעמאָלט האָט מישיאַ זיך אַ ביסל אויסגעבויגן אויף צוריק, דערנאָך פאַרוואָרפן די הענט אויף זיין האַלז און צודריקנדיק דעם קאָפּ צו דער ברוסט, אויסגערופן מיט געוויין:

— היתכן? איר שעמט אייך ניט? איר שעמט אייך ניט מיך צו שטעלן אין איין ריי מיט אייער פרוי? איר שעמט אייך ניט פאַר — — מיר?

רדזאַוויטש איז געשטאַנען איבער דרעווסקיס טויטן קער־פּער און געטראַכט קודם־כל, אַז מיט אַ מינוט צוריק האָט דער מענטש געלעבט און גלייכצייטיק געפילט, אַז אַלע טראַכטן דאָס־זעלבע; אַגב, האָט ער כמעט אומבאַוואוסטזיניק זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון דערפון, אַז דער בשותּפותדיקער געדאַנק איז דער

פשוטסטער, וואָס האָט אים די רגע געקענט קומען אין קאָפּ און ממש דער נאַטירלעכסטער. ער האָט געקוקט אויף דרעווסקין און געזען זיין שטייפע און מאָדנע שטילע רואיקייט. די לאַנגע נאָז זיינע האָט זיך נאָך מער אויסגעצויגן, דאָס בלאַסע פּנים איז אינגאַנצן ווייס געוואָרן, די שוים אויף די ליפּן איז פאַרגליווערט געוואָרן, ער איז געזעסן אויף דער שטול מיטן קאָפּ איבערגעבויגן אויף צוריק און מיט די הענט אין די קעשענעס; קיינער האָט ניט געוואגט אים צו רירן. אַלע האָבן גערעדט שטיל און מיט עפּעס גרויס יראַת הכּבוד און אַיינגעשלאָסן אין זיך. די דינערשאַפט, וואָס האָט אים אוודאי געהאַלטן פאַר אַ גאָר־ניט, מחמת ער פלעגט גיין אָרעם געקליידט און האָט מסתּמא ניט געגעבן קיין שום pour boire, קוקט אויף אים אויך עפּעס מיט אַ דרך־ארץ. ס'אַר אַ גרויסער פּריץ ער איז איצט — האָט געטראַכט רדזאַוויטש — ווי ער קען איצט du haut de sa grandeur מעסטן די וועלט־ענינים. איצט איז ער שוין העכער פאַר אַלץ... אָדער איז, ריכטיקער, לגבי אַלץ גאָרניט.

סטאָסלאַווסקי האָט געהייסן גיין צו אַ דאָקטאָר און מודיע זיין די פּאָליציי. די פאַרזאַמלטע געסט האָבן איינער נאָכן אַנ־דערן, ניט געזעגנטערהייט, זיך אָנגעהויבן צעגיין. סטאָסלאַווסקי האָט ניט ערלויבט רירן דעם קערפּער, כּדי די פּאָליציי זאָל אים געפינען אין דעמזעלבן מצב, ווי מען האָט אים געטראָפן, און האָט די דינערשאַפט אַרויסגעשיקט פון שטוב. געבליבן לעבן דרעווסקין איז בלויז ער, מישיאַ, פּזשערוויץ מיט טענזשלען, קאַ־פּיטאַן קאָנאַזשעווסקי און רדזאַוויטש.

— ווי גיט מען עס צו וויסן דער אָרעמער מוטער נע־בעך? — האָט אַ מורמל געטאָן מישיאַ.

— און דאָך דאַרף מען, ווייל ס'וועט זיך איבער דער שטאָט פאַרשפּרייטן און מאָרגן וועט עס זיין אין די פרימאָרגנ־דיקע בלעטער — האָט געזאָגט פּזשערוויץ.

— אָבער ווי אַזוי גיט מען עס איר צו וויסן?... כ'האָב ניט קיין מוט — אַחוצדעם, ווי וואָלט איך עס אַהינגעגאַנגען?... ביי די באַגריפן פון דידאָזיקע מענטשן ווען אַזאַ פרוי, ווי איך,

וועט מודיע זיין דער מוטער, אַז איר זון האָט זיך געסמט, און דער־צו — — ביי אונז... איך פאַרשטיי דאָס אויסגעצייכנט... וואָס זאָל מען טאָן?

— איך וועל גיין צו פרוי דרעווסקי — האָט זיך אָפּגערופן קאַפּיטאַן קאָנאַזשעווסקי, — פון אַן אַלטן באַקאַנטן וועט זי עס לייכטער אַריבערטראָגן... כ׳האָב געזען מוטערס, וואָס מען האָט זייערע דערשטאָכענע קינדער לעבעדיקערהייט געוואָרפן אין פייער אַריין... — איך וועל גיין צו איר. מיר וועלן צוזאַמען באַוויינען אונזערע פאַרלאָרענע קינדער...

סטאָסלאַווסקי האָט ניט ווילנדיק מיט פאַרוואונדערונג אַ קוק געטאָן אויפן קאַפּיטאַן, מחמת ער איז געווען ניט קיין באַווייבטער און האָט קיינמאָל וועגן פאַרלאָרענע קינדער ניט דערמאָנט.

— לאָמיר אַוועק פון דאַנען — האָט געזאָגט מישיאַ — ס׳הייבט מיר אָן ווערן שרעקלעך.

— איך וועל דאָ בלייבן אַ ווײַלע — האָט געזאָגט רדזאַוויטש.

טענזשעל האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט.

— וואָס־זשע ווילסטו טאָן — האָט ער אַ מורמל געטאָן, — גיי אַרויס.

— ניין, איך וועל בלייבן אַ ווײַלע.

— נעמט אַראָפּ מיינע הערן אַ מאַסקע פאַר דער מוטערסוועגן — האָט געזאָגט סטאָסלאַווסקי, — כ׳הייס תיכף ברענגען גיפּס.

און איצט לאָמיר גיין.

רדזאַוויטש איז פאַרבליבן איינער אַליין מיט דרעווסקיס טויטן קערפּער. אין שטוב איז געווען טונקל, ערשט פון דריטן זאָל האָט אַריינגעשלייכט דאָס ליכט פונם לאָמפּ. ס׳האָט אים אָנגעכאַפּט אַ נערוועזער פּחד: ער האָט זיך שוין צוגערוקט צו דער טיר, נאָכצוגיין אַנדערע, אָבער ווי בכיוון, קעגן זיין אייגענעם רצון, האָט ער צוגעמאַכט די טיר.

ס׳איז כמעט אינגאַנצן פינסטער געוואָרן; דרעווסקיס קערפּער האָט אויף דער שטול פאַרלאָרן דאָס אמתע געשטאַלט און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין עפּעס אַ פינסטערע מאַסע. רדזאַוויטש האָט ניט געוואַגט זיך צו רירן פון דער טיר אַז

געהאַלטן צו די קליאַמקע. אָבער ווי אויפדאָסניי בכיוון, קעגן זיין רצון, האָט ער זי אָפּגעלאָזט און געמאַכט אַ שריט פאָראויס צו דרעווסקין צו. ער האָט דערפילט אַ קאַלטן שוידער און געוואָלט זיך לאָזן לויפן, גלייכצייטיק אָבער האָט ער צו זיך געזאָגט: וואָס האָב איך אייגנטלעך מורא? וואָס איז עס דען? אַ מענטשלעכער קערפּער. נאָר אַ טויטער — וואָס איז דאָ מורא צו האָבן?—ער האָט זיך דערנענטערט צום פאַרסמטן און טראַכטנדיק, אַז ער דאַרף ניט מורא האָבן, אַרויפגעלייגט אים די האַנט אויפן שטערן. ער איז געווען קאַלט און האָט געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק פון פאַרגליווערטער הויט. ער האָט פאַרהאַלטן די האַנט און געפילט, אַז צווישן אים און דעם ניט לעבעדיקן מענטשן איז פאַרהאַן עפּעס אַ צוזאַמענהאַנג, עפּעס אַ קרובהשאַפט. קודם כל האָט זיך אויסגעוויזן אַלס דערנענטערנדיקס דאָס, וואָס זיי ביידע האָט איצט אָפּגעשיידט דאָס לעבן, אַ זאַך, וואָס האָט די אותו רגע געקענט אויפהערן זיי אָפּצושיידן און דערצו לחלוטין און אויסשליסלעך אָפּהענגיק פון רדזאַוויטשעס ווילן. דרעווסקי האָט געהאַט ביי זיך אַ צווייטן פּראָשעק סם, אַזוי, אַז ווען רדזאַוויטש וואָלט וועלן אויפהערן לעבן, וואָלט ער עס די אותו רגע באמת געקענט מאַכן. אחוץ אַלזאָ דעם שפּינוועבס, וואָס אַ ליאַדע בלאָז קען צערייסן און וואָס הייסט לעבן, האָט זיי קיין זאַך ניט מפריד געווען. אַחוצדעם, וואָס האָט דער מענטש דווקא צו אים זיך געווענדט אינם בריוו זיינעם? ער איז אַלזאָ געווען פון די לעצטע דרעווסקיס מחשבות פאַר זיין טויט... און דרעווסקי האָט ווי פאָראויסגעזאָגט אים דעמדאָזיקן סוף... און ניט בלויז ער האָט עס געזאָגט... רדזאַוויטש האָט דערפילט, אַז איבער זיין לייב איז דורך, אמת אַ לייכטער, אָבער באַאומרואיקנדיקער שוידער. פאַרוואָס איז דווקא קעגן אים געווען דרעווסקיס אָרט ביים טיש? אַנדערש וואָלטן זיי ניט געווען גערעדט צווישן זיך און דרעווסקין וואָלט ניט געווען געשריבן דאָס, וואָס ער האָט געשריבן. און פאַרוואָס האָט דרעווסקי גראָד הייַנט זיך גענומען דאָס לעבן? ווער ווייס, אפשר ווען ער וואָלט זיך מיט אים ניט טרעפן, וואָלט ער עס ניט טאָן? ער איז געווען אויפגערעגט. אַחוצדעם, ער זאָל געווען

ריידן מיט עמיצן אַנדערש, וואָלט ער זיכער געווען אַרויס אַ ביסל שפּעטער, אָדער אַ ביסל פריער פון סטאָסלאַווסקין און ניט געטראָפן די מוטער אויף דער קעלניע ביי דער שוואַלבע, און דער איינ־דרוק איז דאָך, ווי די מעשה זאָל ניט זיין, געווען דער אוממיטלבאַר־סטער און ענדגילטיקער שטויס זיך צו סמען. רדזאַוויטש, פילנדיק, אַז ער איז עס געווען ניט ווילנדיק, האָט דאָך זיך געפילט אין אַ געוויסער מאָס אַלס איינע פון די סיבות פון דרעווסקיס טויט.

פּלוצלונג האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דער בר־מינן רירט זיך, ס׳האָט אים אַרומגענומען אַזאַ פּחד, אַז ער האָט שיר ניט אויסגעשריען און ניט צוגעשפּרונגען צו דער טיר. ס׳איז אים אָבער שנעל דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז דאָס האָט מסתּמא זיין אייגענע האַנט אַ ציטער געטאָן, און ער האָט עס אָנגענומען פאַר אַ ריר פונם קערפּער. איצט האָט ער שוין אָבער לענגער ניט געקענט האַלטן די האַנט אויף דרעווסקיס שטערן. ווי ס׳וואָלט זי עפּעס פון דאָרט אַראָפּגעשטופּט. ער האָט זי אַראָפּגענומען און באותו הרגע האָט אים ווידער אַרומגענומען אַ שרעק און וואָס אַמאָל אַלץ אַ שטאַרקערע. ער האָט געהאַט אַ געפיל, ווי ס׳וואָלט אים עפּעס נאָך צונויפבינדן מיטן דאָזיקן ניט לעבעדיקן מענטש, מיט זיין ערשט דאָ ניט לאַנגן, נאָך אינגאַנצן פרישן לעבן; איצט אָבער איז דרעווסקי אים געוואָרן עפּעס לחלוטין פרעמד און משונהדיק. ער האָט זיך ראַפּטעם אַ צי געטאָן צוריק צו דער טיר, נאָכדעם צוגעלאָפן צו איר אַזוי דערשראָקן, ווי ס׳וואָלט אים עפּעס אַ שרעקלעכע, קאַלטע און גליטשיקע האַנט פון אַ בר־מינן וועלן אָנכאַפּן. ער איז אַריינגעפאַלן אין צווייטן צימער און פאַר־האַקט נאָך זיך די טיר. דאָ האָט זיך געלויכטן און ביי דער טיר איז געשטאַנען טענזשעל.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָט געפרעגט רדזאַוויטש, באַמיענדיק זיך צו פאַרדעקן דעם איינדרוק פון שרעק.

— כ׳האָב געוואַרט אויף דיר. געוואָלט שוין אַריינגיין. געווען אומרואיק.

— עט — — כ׳האָב געוואָלט זיך איבערצייגן, וואָס מען פילט לעבן אַ געשטאָרבענעם. פאַר מיין טאַטן האָב איך לגמרי

ניט מורא געהאַט, כאָטש כ׳בין געווען יינגער. אפשר דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַזוי שיין נאָכן טויט, אַזוי שיין, ווי ביים לעבן און איז געלעגן צווישן בלומען מיט אַ שמייכל פון ניט אויסדריקלעכער רו! איצט האָב איך זיך דערשראָקן, כ׳בין זיך מודה... דו גייסט אַריין?

— כ׳דאַרף אַראָפּנעמען די מאַסקע. וועסט מיר העלפן?

— ניין, ניין, איך וועל אַהין שוין מער ניט אַרייַנגיין...

— וואוהין־זשע וועסטו גיין?

— כ׳ווייס ניט, אין שטאָט אַריין. פּושערוויץ איז ניטאָ?

— זיי וואַרטן צוזאַמען מיט מישיאַן אויף אַ ידיעה פון קאַפּיטאַן אָדער אויף אים אַליין, סטאָסלאַווסקי...

— טענזשעל האָט ניט פאַרענדיקט, ווייל די אותו רגע האָט ער דערהערט עפּעס אַ פרעמדע פרויען־שטים: — וואו איז ער?! — און זיי האָבן דערזען שוין ניט קיין יונגע פרוי, מיט גרויע האָר, אין אַ טונקל, אָרעם קלייד, אָנגעשפּאַרט אויף קאָנאַזשעווסקיס אָרעם. נאָך איר איז נאָכגעגאַנגען מישיאַ, סטאָסלאַווסקי, פּושערוויץ און סטאָסלאַווסקיס קאַמערדינער.

— די מוטער — האָט אַ מורמל געטאָן טענזשעל.

די פרוי איז פאַרביי לעבן טענזשלען און רדזאַוויטשן, און ניט געזען זיי, כאָטש איר בליק איז אויף זיי געפאַלן און אַ ווײַלע זיך אַפילו אָפּגעשטעלט. די אויגן זייַנען געווען ווי גלעזערנע, ברייט אָפן און ניט גערירט זיך, ווי דאָס גאַנצע פּנים אירס, וואָס איז אייגנטלעך איצט ניט געווען קיין פּנים, נאָר אַן אויסדרוק פון פאַרגעסן זיך אין יאוש. טענזשעל האָט געעפנט די טיר — אין פינסטערן צימער אַריין איז געפאַלן אַ שיין פון די לאָמפּן, וואָס האָט באַלויכטן דרעווסקיס ווייס פּנים און זיין שטייפן קערפּער אויף דער שטול, מיט דעם אַראָפּגעהאַנגענעם קאָפּ אויף צוריק און מיט די הענט אין די קעשענעס. פרוי דרעווסקאַ האָט מוראדיק אויסגעשריען: איגנאַש!... און פאַלנדיק אויף די קני לעבן דער שטול, אַרומגענומען מיט די הענט דעם זונס טויטן קערפּער און צוגעדריקט צו זיי דעם קאָפּ און די ליפּן. זי האָט ניט געוויינט, ניט געוואָרפן זיך פון כליפּען, ניט געקרעכצט, זי איז

בלויז פאַרשטאַרט געוואָרן לעבן זונס טויטן קערפּער, ווי ער אַליין איז פאַרשטאַרט געווען. אַ ווייטאָג האָט אַרומגענומען איר לייב פונקט אַזוי שטאַרק, ווי זיין לייב האָט אַרומגענומען דער טויט.

— מישיאַ און קאָנאַזשעווסקי האָבן אַנידערגעקניט לעבן פּרוי דרעווסקאַ. טענזשעל און סטאַסלאַווסקי זיינען געשטאַנען פונדערווייטנס בלאַס, ווי די וואַנט. פּזשערוויץ איז אין צימער ניט געווען. רדזאַוויטש ווידער האָט געטראַכט: און דאָך שטאַרבט זי ניט... און דאָך שטאַרבט זי ניט...

זי שטאַרבט ניט, פונקט ווי ער איז ניט געשטאָרבן נאָכן פאַרלירן מאַריאַן. צי וואָלט ער אָבער געלעבט, ווען ער זאָל אַזוי קניען לעבן איר קערפּער, צי וואָלט ער געקענט לעבן?... ביי דעמדאָזיקן געדאַנק האָט זיך אין אים עפּעס צונויפגעדריקט, דער אָטעם האָט זיך אים פון ווייטאָגלעכער שרעק פאַרהאַלטן. מאַריאַ וועט דאָך אָבער זיין אַמאָל דערזעלבער קאַלטער, שטייפער און שרעקלעכער בר־מינן... און דער צער איבער דער דרעווסקאַ, וואָס האָט אים תּחילת באַהערשט, האָט זיך אין אים אויסגעמישט מיט עפּעס אַן אַכזריותדיקן טרויער און רחמנות אויף מאַריאַן, איבער וועלכער ס׳הענגט אויך דער טויט, צו וועלכן זי דערנענטערט זיך פון טאָג צו טאָג... ער האָט געוואָלט לויפן, אַרומנעמען איר קאָפּ מיט זיינע אָרעמס, צוטוליען צו דער ברוסט און חזרן: ס׳אַר אַ אָרעמע דו ביסט, ס׳אַר אַ אָרעמע דו ביסט!... דער טויט האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי עפּעס אַ רעאַל וועזן, פאַר וועלכן ער וואָלט וועלן פאַרשטעלן מאַריאַן מיט זיך, מיט זיין פּערזאָן, מיט זיין לעבן, מיט וועלכן ער וואָלט פּשוט געוואָלט זיך שלאָגן צוליב מאַריאַן.

— דער דאָקטאָר און די קאָמיסיע זיינען געקומען — האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ האַלבער שטים דער לאָקאַי צו סטאַסלאַווסקין.

רדזאַוויטש האָט זיך אויפגעכאַפּט, אַ קוק געטאָן נאָכאַמאָל אויף דער פאַרגליווערטער ביים זונס טויטן קערפּער פּרוי דרעווסקאַ און שנעל אַרויס פון צימער, און נאָכדעם אויף דער גאַס.

די לופט האָט אים בשעת מעשה פאַרשיכּורט; ער האָט כּמעט דערפילט, ווי דער קאָפּ פאַרדרייט זיך אים אויף אַ רגע.

ס'איז געווען אַ זייגער אַכט אָוונט. ס'האָט געשאָטן אַ שניי מיט פייכטע גרויסע, גאָר ווייסע שטיקער, וואָס האָבן שוין פאַרדעקט די טראָטואַרן און גאַסן מיט אַ דיקן, ווייכן שיכט אַזוי, אַז די שיך זיינען אין אים געזונקען. דער שײַן פון די לאַמטערנעס און דראָזשקעס פון אונטער די שויבן אַפער, וואָס זיינען געווען פאַרוואָרפן מיט קלעפּיקן שניי, האָט געהאַט אַ מאַטן, אומקלאָרן גלאַנץ. מען האָט לחלוטין ניט געהערט קיין טופּען פון פערד, ניט קיין רייבן פון שליטנס, בלויז די גלעקלעך האָבן געקלונגען מיט אַ טויבלעכן קלאַנג. מענטשן מיט אויפגעהויבענע קעלנער, אונטער פּאַראַסאָלן, האָבן געטראָטן אָן אַ שאָרך. ס'איז געווען זייער שטיל און נעפּלדיק.

רדזאַוויטש איז געגאַנגען, ניט טראַכטנדיק וועגן קיין זאַך. קודם כּל האָט ער געפילט, אַז ער איז אויף דער לופט, אַז ער איז איינער אַליין און לחלוטין פריי. ער האָט געפילט, ס'איז אים לייכטער און דערביי געהאַט דעם באַוואוסטזיין, ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון וועגן די פּרטים, אַז ס'איז הינטער אים עפּעס געשען און דערצו עפּעס שרעקלעכס. איידער ער האָט באַוויזן אויפדאָסניי זיך אונטערצוגעבן דעם איינדרוק פון דרעווסקיס טויט, האָט זיין געדאַנק זיך אָפּגעווענדט אין אַן אַנדער זייט. די פּושערוויצעס האָט באמת ניט געוואוסט, צי מאַריאַ איז אין וואַרשע, זי האָט משער געווען, אַז זי איז דאָ און כּמעט ווי זיכער. ס'קען אַלזאָ זיין, ער וואָלט זי געקענט טרעפן... ביי דעם געדאַנק האָט אים אַרומגענומען אַזאַ היץ, אַז ער האָט געמוזט שלינגען די לופט מיטן מויל, די פּיס האָבן אונטער אים געציטערט, און דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן מוראדיק קלאַפּן. אַקעגן אַ ווילע האָט ער זיך דערפילט אַזוי שוואַך, ווי ער וואָלט האַלטן ביי חלשן. מיט צעשפּרייטע אויגן האָט ער גענומען קוקן פאַר זיך, אָנשטרענגנדיק דעם בליק. אַן ערך פופצן טריט פאַר אים זיינען געגאַנגען צוויי דאַמען, פאַרשטעלט מיט פּאַראַסאָלן: איינע איז לויט דער פיגור געווען אינגאַנצן ענלעך צו מאַריאַן... אפשר

איז עס זי? ! ס׳האָבן זיך אין אים צונויפגעקרייצט מיטאַמאָל דריי ליידנשאַפטלעכע באַגערן: אַנטלויפן און זיך ניט ווייזן; דעריאָגן און מאַכן אויף זיך אויפמערקזאַם; דעריאָגן, קוקן, אָבער אַליין בלייבן ניט באַמערקט... אָבער באותו הרגע האָט ער אויף דער צווייטער זייט גאַס דערזען צוויי אַנדערע דאַמען, וואָס זייַנען געגאַנגען אין דער פאַרקערטער ריכטונג, פון וועלכער איינע האָט אויך געקענט זיין מאַריאַ... ער האָט געמאַכט שנעל עטלעכע טריט פאָראויס, דערנאָך זיך פאַרהאַלטן, אַראָפּגעלאָפן פון טראָטואַר אויף דער גאַס, זיך אַ וואַקל געטאָן, צוריקגעדרייט, געוואָלט צוריק נאָכגיין נאָך יענע און ווידער זיך פאַרהאַלטן... פאַרביי אים זייַנען דורכגעפאָרן קאַרעטעס — אין יעדער איינער פון זיי האָט געקענט זיין מאַריאַ; יעדע פון די דאַמען, וואָס זייַנען אַייַנגעטוליעט אין פוטערס און פליען דורך שנעל אויף שליטנס, האָט אויך געקענט זיין זי... לסוף האָט ער זיך אַנטשלאָסן: כמעט ווי נאָכגעלאָפן די צוויי דאַמען, וואָס ער האָט דערזען צום ערשטן. וואָס מער ער האָט זיך דערנעענטערט, אַלץ שטאַרקער האָט אים געקלאַפּט דאָס האַרץ .און אַלץ אַ גרעסערע היץ האָט אים באַגאָסן, כמעט אַ שווייס. צוגעקומען — האָט ער געוואָלט אַנטלויפן... ער האָט זיך צוגערוקט... דאָס האָט געקענט זיין זי, זי, מאַריאַ, די מאַריאַ, וואָס איז געווען זיין כלה, וועלכע ער האָט געדריקט צו זיין ברוסט, מיט וועלכער ער האָט צוזאַמען אַזוי פיל איבערגעלעבט, מאַריאַ, וואָס האָט געזאָלט זיין זיין ווייַב, מיט וועלכער ער האָט געזאָלט זיין רואיק אויף אייביק, מיט וועלכער קיין זאַך האָט זיי ניט געזאָלט שיידן, אַזאַ באַליבטע, אַזאַ געגאַרטע... און אַזאַ פאַרלאָרענע... קען זיין, אַז מיט אַ טריט פאַר אים גייט אפשר די פרוי, נאָך וועלכער ער האָט אַזוי געבענקט, וועלכע ער האָט מיט אַזויפיל טרערן באַווייַנט, וועגן וועלכער ער האָט גאַנצע טעג געטראַכט, וועלכע ער פלעגט גאַנצע נעכט רופן צו זיך. קען זיין, אַז אַ טריט פון אים גייט זיין האַרציקע ריסיאַ, וועלכע ער האָט אַמאָל געפרעגט: ווילסט, כ׳זאָל דיך נעמען? — און זי האָט זיך אָנגעלענט אויף אים מיט איר קערפער און אַ פורמל געטאָן: נעם מיך:

וויפל מאָל זיינען זיי געווען איינס לעבן אַנדערן אַ שלייף לעבן אַ שלייף און אַ האַרץ לעבן אַ האַרץ... און איצט טיילט זיי אפשר איין טריט פון זיך אָפּ... און ער קען ניט און וואַגט ניט דעם טריט איבערצוטרעטן! אָ! אפשר איז דאָס אַלץ געווען בלויז אַ חלום! אפשר האָבן זיי זיך קיינמאָל ניט געשיידט, אפשר איז ער אַרויס פון הויז, כדי זיך מיט איר צו טרעפן און גיין ערגעץ צוזאַמען. זיי וועלן זיצן איינס לעבן דאָס אַנדערע, באַזונדער, אָן אַ זייט און שמועסן אַזוי, ווי זיי וואָלטן געהאַט בלויז איין נשמה, וואָס שפּילט מיט צוויי האַרמאָנישע טענער, און זיי וועלן זיין אַזעלכע זייעריקע און אַזעלכע העלע און גוטע פאַר מענטשנס וועגן...

וויפל מאָל זיינען זיי עס אַזוי געזעסן, אַזעלכע זייעריקע און העלע... זי וועט אים ווידער פון צייט צו צייט איינבויגן בגנבה איר שיין קעפּל אויפן אָרעם און איבער דער שטול אַריבער אויסציען צו אים איר הענטל אָדער אַ שעפּטשע טאָן: קליינער דיו!... אַזוי פיל מאָל איז עס אַזוי געווען, אַזוי פיל מאָל... מענטשן האָבן אים דעמאָלט אויסגעוויזן ווי שאָטנס, זיי האָבן פאַר אים כמעט ניט עקזיסטירט, און ער האָט געקוקט אויף זיי אַזוי שטראַלנדיק: אַזאַ גרויס, ברייט האַרץ האָט ער אין זיך געפילט; ס'האָט געקוועלט פון איר אין אים אַריין עפּעס אַזאַ איידעלע סימפּאַטיע צו מענטשן, ס'האָט געקוועלט פון איר צו אים אַזאַ הויכער און זוניקער פאַרשטאַנד... אין פלוג גערעדט וועגן נאַרישקייטן, און דאָך האָט אונטער די דאָזיקע מאַריאַס קליינע, זיסע ווערטער די גאַנצע גשמה זיינע זיך איבערגעביטן, איבערגעאַרבעט אין זיך גופא. ס'זיינען פון איר אָפּגעפאַלן די פלעווס, דער שטויב, זי האָט זיך קריסטאַליזירט. מאַריאַ איז פאַר אים געווען גלייכצייטיק עפּעס אַ גייסטיקע הימלדערהויבונג. ער האָט געפילט, ווי די נשמה וואָלט אין אים לעבן איר מגולגל געוואָרן אין אַ גרויסער בלום מיט אומגעהייער פּראַכטפולע קאָלירן. אַ כישוף האָט אים אָנגעטאָן די פרוי, זי איז געווען פאַר אים אַזאַ גוטס—האָט זי געקענט אים אויף אַן אמת פאַרלאָזן, אויף אַן אמת?!... יאָ... אָבער ניין, ס'קען ניט זיין, אַז אין איר זאָל שוין גאָרניט זיין פאַר אים! ווען ער זאָל איצט צו איר אַריבערגיין, אויסציען צו

איר זיין אָרעם, אָננעמען פאַר דער האַנט און טרויעריק אַ מורמל טאָן: זע, דאָס בין איך, כ'האָב דיך ליב, ווי פריער, אפשר הונ־דערט מאָל מערער, כ'האָב אַזוי פיל זיך אָנגעליטן, אַזוי געבענקט, כ'קען ניט לעבן אָן דיר. האָסט דאָך מיר געזאָגט: נעם מיך, מיר האָבן דאָך ניט איינמאָל אָנגעלענט אַ שלייף אָן אַ שלייף, אַ האַרץ אָן אַ האַרץ, האָסט דאָך מיר געשוואָרן, אַז וועסט מיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזן, וואָס עס זאָל ניט געשען...

פלוצלונג האָט די צווייטע דאַמע זיך אָפּגערופן גאַנץ הויך:

— יאַנינקאַ, lêve ta robe, ווייל וועסט זיך פאַרשפּריצן. ס'איז ניט געווען מאַריאַ...

ער האָט זיך אויסגעקערט און ווידער אָנגעהויבן אויף אַן אמת נאָכצולויפן נאָך יענע. ער האָט אַזוי געוואָלט זי זען! אָבער אָפּזוכן האָט ער זיי ניט געקענט. ער איז אַריינגעפאַלן אין די זייטיקע גאַסן — ניט געוואוסט: וואוהין גיין? דערוויַיל האָט זיך אים אויף דער צווייטער זייט ווידער עמיץ אויסגעוויזן ענלעך צו מאַריאַן. דאָס חשכות און דער געדיכטער שניי האָבן ניט ערלויבט אַפילו אויף אַ קליינעם שטח קלאָרעס אונטערצושיידן. ס'איז אים געקומען אויפן רעיון, אַז אויב איינע פון די פרויען, וואָס ער האָט ניט געקענט אָפּזוכן, איז באמת געווען מאַריאַ, וואָלט ער אפשר גאָר אַריבערגיין צו דער פּאַזשעלסקאַ. ער האָט זיך דאָרט אַלזאָ אויסגעדרייט, אָבער פאַרבייגייענדיק שנעל דעם טויער, איז ער אַוועק ווייטער און זיך פאַרהאַלטן ערשט אויפן ראָג גאַס, פונוואַנען ער וואָלט בפרט נאָך איצט, שוין גאָר ניט געקענט דערזען, צי ס'גייט עמיץ אַריין אין טויער צי ניט? נענטער שטיין האָט ער ניט געוואָלט, ניט געוואָלט ס'זאָל אים אויסקומען באַמערקט צו ווערן מצד עמיצן פון פּאַזשעלסקעס משפחה, באַקאַנטע אָדער דינערשאַפט. מען וואָלט אים אויסגע־לאַכט. ער איז אָקעגן אַ פערטל שעה געשטאַנען און ערשט דע־מאָלט זיך אָריענטירט, אַז אייגנטלעך וועט ער דאָ גאָרניט אויס־שטיין און זיך אויף גאָרניט דערוואַרטן, אַז מאַריאַ איז אפשר

גאָט ווייס וואו, אָדער אינדערהיים ביי דער מומע פּאָזשעלסקאַ און זוכן זי איבער די גאַסן איז אַ שטות.

ער האָט אָנגעהויבן זייער שנעל שפּאַנען אין דער זייט, אין וועלכער ער האָט, אַרויסגייענדיק פון סטאָסלאַווסקין, בדעה געהאַט צו גיין. ער איז געגאַנגען וואָס אַמאָל גיכער, וואָס אַמאָל פיבערדיקער, ניט וועלנדיק זיך אויף קיינעם אומקוקן. ס׳האָבן פאַרביי זיך דורכגערוקט עטלעכע פּרויען, וואָס האָבן אין זייערע לאַנגע ראָטאָנדעס מיט הויכע פוכיקע קעלנער, וואָס מעקן אָפּ דאָס געשטאַלט, געקענט אויסווייזן אַלס מאַריאַ. ער האָט זיך אָבער באַמיט דערויף זיך ניט אומצוקוקן. ער איז אַריין אין רעסטאָראַן און אַראָפּנעמענדיק דאָס פוטער, אויסגעקליבן אַן אָרט אין אַ ווינקל אונטער עפּעס אַ מין קרעדענס, אין וועלכן ס׳איז געשטאַנען פּאַרצעלייַ און גלאָזוואַרג. זינט ער איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע, האָט ער אין רעסטאָראַנען און קאָנדיטערייען זיך געסטאַרעט תמיד זעצן אויף ווייניקער אָנזעעוודיקע ערטער, מחמת ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז מענטשן, וואָס קאָנען אים אַמאָל קענען פון זעען, וועלן אויף אים קוקן איראָניש און מיט אַ רחמנות פון חוזק צוליב דעם, וואָס מאַריאַ האָט מיט אים איבערגעריסן, אָדער ריכטיקער פון זיך אָפּגעשטויסן. קודם-כל האָט ער זיך קיין חשבון ניט אָפּגעגעבן, אַז דער ענין איז נאָר פאַר אים אַליין געווען דער וויכטיקסטער אין דער וועלט. ס׳האָט אים אויסגעוויזן, אַז מען רעדט כּסדר וועגן אים אין שטאָט און אַז מען איז כּמעט מיט קיין שום אַנדער זאַך ניט פאַרנומען.

אין רעסטאָראַן איז געווען כּמעט ליידיק.

רדזאַוויטש האָט זיך געהייסן צו געבן אָוונטברויט און גענומען די ערשטע צייטונג, וואָס איז אים געקומען אין האַנט. פּלוצלונג איז אין זאַל אַריין אַ חברה יונגעלייט, פריילעכע וואָס גייען משמעות צוריק פון אַ היימיש געזעלשאַפט; זיינען געווען אָנגעטאָן ווי אויף אַן אָוונט. רדזאַוויטש האָט קיינעם פון זיי ניט געקענט. זיי האָבן געמאַכט אַן איינדרוק פון פאַרמעגלעכע און עלעגאַנטע יוגנט, פון דעם מין באַנאַלער עלעגאַנץ אָן פאַרנעמקייט, וואָס געהער צום אַדעל-בורזשואַזן קרייז. על-פי רוב זיינען זיי געווען ראָ-

זע, שיינע, צעקעמט מיט אַ שרינט אין דער מיט, געהאַט אין די שיי־
נע קראַוואַטן שפּילקעס אָן געשמאַק, באַוועגונגען פרייע און סאַ־
לאָניקע, אָבער אָן שום אַיינגעבוירענער פיינקייט. דער אויסדרוק
פון די פּנימער — אַ גאַוואַנדיקער, פלינקער, צייטנווייז מער אָדער
ווייניקער אָנגעבלאָזענער און פלאַך־צינישער, וואָס אַנטפּלעקט
אַ גרויס פּראַקטיש קענען דאָס לעבן, און קיין שום אָריגינעלן
אייגענעם טיפן אָדער העכערן געדאַנק. פּאַרנינפּטיקע, פלאַכע,
מיד־לײַדיקע, טאָג־טעגלעכע אינטעליגענץ און באַגער צו פּראָסט,
געמיין געניסן, איז געווען דער בולטסטער גייסטיקער שטריך פון
דערדאָזיקער יוגנט. אונטערשיידט זיך אַ ביסל פון זיי האָט דער דיק־
לעכער בלאָנדין פון אַ יאָר פערציק, פון בולט דאָרפישן טיפּ. זיי האָבן
אָנגעהויבן עסן און טרינקען, ס׳האָט עמיץ געהייסן דערלאַנגען
שאַמפּאַניער. דער שמועס, מתחילת איבערגעריסן, האָט אָנגעהויבן
ווערן לעבהאַפט. מען האָט געגעדט הויך, אַזוי, אַז רדזאַוויטש
האָט ניט ווייט פון זיי און אומבאַמערקט, געקענט הערן יעדער
וואָרט.

— איר וועט קומען איבעראַכטאָג דינסטאָג? — האָט זיך
אָפּגערופן אַ יונגער, אפשר צוואַנציקיעריקער ברונעט.

— פּאַרשטייט זיך — האָט געענטפערט דער צווייטער ברו־
נעט, אַ ביסל אַן עלטערער פאַר אים — איך לפחות וועל קומען;
פון די פּיקסן איז באמת בלויז ביי די זשימילסקיס אָנגענעם.

— נו, ניין — האָט זיך אָפּגערופן עפּעס אַ דריטער —
אָבער צום אָנגענעמסטן, דאָס איז זיכער. די זשימילסקאַ פאַר־
בעט תמיד אַזעלכע שיינע פרויען. ווי איר מאַן וואָלט אַלט זיין
אַ יאָר אַכציק.

— ע, אים איז עס אַלץ איינס.

— איר מוזט אָבער מודה זיין — האָט זיך אָפּגערופן דער
צווייטער ברונעט — אַז אונזער מאַריניאַ איז „טאַקע די שענסטע",
ווי מען זאָגט אין דער ליטע, ניט אמת, הער קאָלאָליאַסקי? —
האָט ער צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צום דיקן בלאָנדין.

— אַ, דאָס איז אמת, אַז די מאַריניאַ אייערע איז שיין
ווי אַ טרוים — האָט ער געענטפערט אויף דער פראַגע מיט אַ זיפץ.

— זאָל לעבן אַלזאָ אונזער מאַריניאַ!

— און זאָל לעבן איר נייער קרבן, דער צניעותדיקער פלאָקנשיסער פון אונטער קעלעצק, דער חשובער הער וואַלערי קאָלאָליאַסקי!

אַלע האָבן זיך געווענדט צום דיקן בלאָנדין און אָנגעהויבן שטויסן מיט די גלעזלעך אָן זיין גלעזל. ער ווידער האָט זיך באַמיט צו מאַכן אַ גוטע מינע, אָבער רויט געוואָרן און זיך צעמישט.

— ע, ס׳איז גאָרניט ווערט — האָט געזאָגט דער ערשטער ברונעט — מיט אונז אַלע וואָלט איר מוזן האָבן צו טאָן. מיר וועלן זי ניט לאָזן ביי זיך אַרויסרייסן. נו, ווייטער, זאָל לעבן אונזער מאַריניאַ!

— ויוואַט אירע אויגן!

— ויוואַט אירע ליפּן!

— ויוואַט איר ברוסט!

— ויוואַט איר גוסט!

— וואָס־זשע האָט זי פאַר אַ גוסט! — האָט עמיץ זיך אַריינגעמישט.

— ניט צו דיר — דאָס איז זיכער.

— אפשר צו דיר?

— ער וואָלט זיין אין הימל שיר!

— גראַמט נאָר ניט ווייטער אויף „איר"...

— הערט, וואָס עס זאָגט מערקוציאָ וועגן יוליען?...

— ניין. וועגן דאָננאַ ראָזאַ, ווי כ׳ווינטש אַלדאָס גוטס דעם רבונו־של־עולם — האָט זיך אָפּגערופן אַ נאָז־שטים.

— זאָלן לעבן אירע ליטקעס מיט די דערבייאיקייטן, יאָ?

— זאָלן לעבן אירע דערביי — —

— פּסט! הער קאָלאָליאַסקי וויל ריידן.

הער קאָלאָליאַסקי, מורא האָבנדיק, אַז דער שמועס וועט ווערן צו פריי, האָט אויפגעהויבן זיין גלעזל, אַ הוסט געטאָן און ווי ער וואָלט וועלן מאַכן אַ סוף, אָנגעהויבן:

— ויוואַט אַלץ... — ס׳האָט אים אויסגעפּעלט אַ חכמה און ער האָט אַ שטאַמל געטאָן.

— דער טאָסט איז ביזן דעק, מיינע הערן! — האָט עמיץ אויסגערופן.

ביי אַ הילכיק געלעכטער האָט מען דעם טאָסט אויסגעטרונקען.

רדזאַוויטש, פאַרשטעלט מיט אַ צייטונג, האָט געפילט, ווי עס ווערט אים בסירוגין קאַלט און וואַרעם, ווי ער ווערט בלאַס און רויט. ער איז געווען זיכער, אַז מען רעדט וועגן מאַריאַן, כאָטש מען האָט איר פאַמיליע ניט אָנגערופן פאַרשטעלט מיט דער צייטונג, האָט ער מיט פאַרביסענע ליפּן געהערט, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אויף קיינזאַך און וועלנדיק בלויז אַלץ אויפכאַפּן, וואָס מען זאָגט.

— טי — האָט זיך אָפּגערופן פאַמעלעך דורך דער נאָז, אַ ליסער, דאַרער, מיט אַ אָנגעבלאָזענעם אויסדרוק, דרייסיק־יעריקער מאַנסביל, מיט אַן אומגעהייער הויכן קאָלנער און מאַנאָקל. — טי, איר רעדט וועגן דעם מיידל ווי וועגן אַן אייגענע, דערווייל אָבער וועט דער שיינער דזשענטלמען פון אוקראַאינע אייך אַזוי פון אונטער דער נאָז אַפּערבלאָזן, ווי passez moi le mot, אַ הונט ביי אַ קאַץ אַ שטיק וואורשט.

— סטאַש באָזשעווסקי?

— דער רוח ווייס אים דאָרט, צי סטאַש, צי יאַש. mais ma foi, ווי ער חתמעט זיך קאָראַב—דאָ האָט ער אויפגעהויבן ווי פאַרבייגייענדיק די אויגן אויף די, וואָס האָבן משמעות קיין שום חותם ניט געהאַט — ma foi, זי פליט אויף דעם אוקראַאינער. כאָטש ס׳איז מיר אַלץ איינס, ווי כ׳ווינטש אַלדאָס גוט דעם רבונו־של־עולם.

— אַז ס׳איז דיר אַלץ איינס, פּיענטאַשעק — האָט אײנער פון די אָנוועזנדיקע זיך אָפּגערופן.

— ראשית, רוף מיך ניט פּיענטאַשעק, ווייל דו ווייסט כ׳האָב עס ניט ליב, כאָטש ס׳איז מיר אַלץ איינס ווי עמיץ טיטול רט מיך, אָבער ma foi — גאַרסאָן, גיב דו אַ סעגאַר — זי פליט אויף דעם אוקראַאינער. אמת, אַ יונג ווי אַ ליכט, צום ווייזן. דאָס מוז זיין עפּעס אַזוי פון דער זייט, וואָרעם אין אָרנטלעכע

שלאַכטישע הייזער זיינען שוין אַזעלכע בנים ניט בנמצא. שעקספּיר זאָגט ערגעץ וועגן דעם, כאָטש כ׳וואָלט גיכער וועלן, ס׳זאָל דאָס זאָגן בעקאָן, ma foi, ווי כ׳ווינטש אַלדאָס גוטס דעם רבונו־של־עולם.

— ע, דאָס זאָגט די באָבע נאָך אויף צווייען נביאות, זי איז שוין געווען אַ כּלה — האָט געזאָגט דער צווייטער ברו־נעט, זי האָט זיך כּלומרשט שטאַרק געליבט, און נאָכדעם, פּוטש, דער בחור איז אַרויס ווי פון אַ פּיילנבויגן און פּטור.

— אָבער דאָס רעכנט זיך ניט — האָט געענטפערט דער ליסער מאַנסביל אין מאַנאָקל — כ׳האָב געהערט וועגן דעם, עפּעס אַן אַרטיסט, אַ סקולפּטאָר, אַ מאַלער, צי אַן אַנדער טייוול. זיך אָפּגעשפּילט און פּטור. ma foi, זי וועט חתונה האָבן מיט דעם אוקראַאינער. גאַרסאָן, צינד מיר אָן דעם סעגאַר.

רדזאַוויטשן האָט דאָס בלוט אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַריין אַזוי האַסטיק, אַז ער האָט געהערט איר דופּק און געמיינט, אַז עס וועט אים דעם שאַרבן אויסזעצן. ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרשטעלט מיט דער צייטונג און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלע זעען אים דורך און קוקן אויף אים. ער האָט דערהערט, ווי דורכגייענדיק פאַרביי אים. האָט דער גאַרסאָן אַ מורמל געטאָן צו זיין חבר: וואָס לייענט ער עס דאָרט און לייענט?

— ער לייענט ניט, נאָר הערט אונטער — האָט געענט־פערט דער צווייטער.

דאָס בלוט האָט נאָך שטאַרקער אַ שלאָג געטאָן רדזאַוויטשן אין קאַרק און מוח. ער האָט געוואָלט זיך אויפהויבן, אַרויסגיין, אפשר זיך וואַרפן אויף די שמועסנדיקע, אפשר דערלאַנגען אין באַק דעם גאַרסאָן, ער האָט אָבער דערביי געטראַכט, אַז ער מוז אַזוי אויסזען, אַז ער קען זיך ניט ווייזן און אַז עפּעס אַ פּייניק־לעכע נייגעריקייט נויט אים צו בלייבן. אין קאָפּ האָט ער דער־פילט אַ כאַאָס און ווי עפּעס אַ ווייטאָגלעכן נעפּל.

דער שמועס האָט געדויערט ווייטער. עמעץ האָט אַ פרעג געטאָן:

— דער באַזשעוווסקי האָט אַ גרויס גוט?

— אַזוי גרויס ווידער איז ער ניט — האָט געענטפערט דער צווייטער ברונעט — אָבער דאָך אַ צען טויזנט רובל הכנסה, און נאָכן לאַנגן לעבן פון די באַליבטסטע טאַטע־מאַמע צו זיי צו האָבן צוויי דערפער לעבן זשיטאָמיר און אַ הויז אין קיעוו. נאָר ס'איז פאַרהאַן דאָרט נאָך צוויי קליינע קינדער. ער וויל ביי זיך אין גוט איצט אויפשטעלן אַ גלאָז־הוטע בשותּפות מיט קאַרל מאָיוויל און קאָנסטאַנטין שיאַדלאָווסקי פון לובאָטשעק.

— Ma foi די מאָיווילס זיינען אַ מאַגנאַטיש הויז, אָבער צו וואָס טויג צווישן צוויי אַזעלכע אָרנטלעכע פאַמיליעס...

— די צוויי ברידער מאָיוויל האָבן געמוזט אַרויסטרעטן פון קלוב אין קיעוו צוליב קאָרטן—האָט מיט הנאה אַריינגעוואָרפן איינער פון די, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום חותם.

— דאָך זיינען זיי געבליבן פירשטן מאָיוויל. אָבער ווי קומט עס אַהין אַזאַ שיאָדעלקאָ.

— וואָס פאַר אַ שיאָדעלקאָ? שיאָדלאָווסקי.

— אָבער, ליבער הער, croyez moi, שיאָדעלקאָ. ז״ערס אַן עלטער־זיידע עפּעס, דער גרינדער פון די דינאַסטיע, איז ביים לעצטן ווישניאָוויעצקי, דימיטרין, געווען אַ שטאַל־מייסטער און דערלאַנגט דאָס פערד. דערפאַר האָט מען אים אַ נאָמען גע־טאָן שיאָדעלקאָ, ווי אַזוי מען האָט אים פריער גערופן, איז איין גאָט אַ יודע. זיין זון האָט זיך שוין אַ נאָמען געטאָן שיאָדלאָווסקי און זיך ערגעץ וואו אַריינגעפּאַקט אין אַדל. פון דאַנען שטאַמט דער אָנהייב פון דער גרויסער משפחה שיאָדלאָווסקי, ווי כ'ווינטש אַלדאָס גוטס דעם רבונו־של־עולם. נו, און וויפל פאַרמאָגט עס פריילין טיזשוויעצקאַ?

— מאַריביאַ האָט קיילעכדיקע צוויי און פערציק טויזנט, וואָס ליגט אויף זעקס אַ האַלב פּראָצענט ערשטע ערד־היפּאָטעק. כ'וויס עס פון יאַש ליעשטשינסקי — האָט געזאָגט דער ערשטער ברונעט.

— װעלן זײ האָבן בסך הכל אַן ערך דרײַצן טויזנט רובל אַ יאָר — האָט געזאָגט דער מאַנסביל, װאָס מען האָט אָנגערופן פּיענטאַשעק.—מיט דעם ma foi קען מען װי ס׳איז דורכלעבן. איך האָב פֿאַרלאָרן כּמעט מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן און דאָך לעב איך.

— עי, װאָס דו האָסטו דאָרט געהאַט צו פֿאַרלירן — האָט עמיץ אַרײַנגעװאָרפֿן.

— Ma foi, געהאַט. דרײַ טויזנט מאָרג אַקער־פֿעלד און דרײַ טויזנט װאַלד. כ׳װעל פֿאַרלירן די רעשט ma foi, װעל איך איבערדרײען די פֿאַמיליע־פּאָרטרעטן צו דער װאַנט און הײדאַ פֿאַר אַ לעדי, װי כ׳װינטש אַלדאָס גוטס דעם רבונו־של־עולם. איך האָף אויף אײער פֿרײַנדשאַפֿט, הער קופּקע. כ׳נעם זיך נאָר אויס אַן צי־בעלע, מחמת כ׳פֿאַרטראָג ניט דעם ריח. גאַרסאָן, דערלאַנגט די ציין־שטעכערס. בײַ אײַך אין געשעפֿט איז נאָך ניט געװען, טי־פֿאָלסקי, האַ? טי... אָבער זעט נאָר, ma foi, דער אוקראַאינער... און מיט נאָך עמיצן צו... װאָס איז דאָס פֿאַר אַ ענדיװידואום. שיכּור, װײַל עס װאַקלט זיך. Quel drole de pistolet!

— רדזאַװיטש האָט געװאָרפֿן אַ בליק פֿון אונטער דער צײַטונג אַפֿער. צו די זיצנדיקע אַרום טיש איז צוגעגאַנגען אַ יונגער, אפֿשר אַכט און צװאַנציק־יעריקער מאַנסביל, אַ הויכער דיקער, זײַער שײן געבויטער און זײַער שײנער. רדזאַװיטש האָט זיך אויפֿמערקזאַם צוגעקוקט צו אים. ער האָט געהאַט טונקל־בלאָנדע געדיכטע, גלאַנצנדיקע, אַן אַ זײַט פֿאַרקעמטע האָר, װאָס זײַנען פֿון אײן זײַט אַראָפּגעפֿאַלן קוים־קוים אויפֿן שטערן, גרויסע, העלע, פֿראַכטפֿול געפּאַסטע בלויע אויגן, אַן אָדלערישע נאָז, גע־דיכטע, לאַנגע, טונקל־בלאָנדע, אַזױגערופֿענע פּױלישע װאָנסן, אַ פֿײַן געשניטן מויל און שמאָלן אָװאַל פֿון פּנים. אָנגעטאָן הער־לעך, האָט ער געהאַט אין דער פֿיגור און באַװעגונג עפּעס שטאַרק פֿאַרנעמיקס, װאָס איז געװען פֿאַראײניקט מיט אַ ניט שרײַענדיקע, שלאַכטישע בראַװאור. ער האָט געקענט אָנגײן פֿאַר אַ פֿאַר־ענדיקט שײנעם פּױלישן טיפּ, פֿאַר אײנעם פֿון די מענטשן, װעגן װעלכע מען זאָגט, אַז עס װערט ליכטיק אין צימער, װען זײ קומען אַרײַן. דער אויסדרוק פֿון פּנים אַן אינטעליגענ־

טער, אָפּענער, פרייליכער, וואוילערוגעריזשער אין גוטן און צי־ ווילזירטן טאָן, פּאַראייניקט מיט מילדער סענטימענטאַליטעט פון די אויגן און תּאווהדיקע און מעלאַנכאָלישע זיסקייט פון די ליפּן, האָבן אים פון ערשטן קוק אָן געמאַכט צוציענדיק. ס׳האָט געמוזט זיין איינער פון די מענטשן, וועגן וועלכע פרויען זאָגן, אַז זיי זיינען „אומבאַזיגלעך" און צו וועלכע אַפילו די מאַנסלייט ווערן צוגעקלעפּט כּמעט אָן קנאה. איינער פון די, וואָס מאַכן אונטערטעניק, ניט באַמיענדיק זיך וועגן דעם, מחמת זיי זיינען געבאָרן מיט דעם טאַלענט פון מאַכן אונטערטעניק. דאָס זיינען אומבאַוואוסטזיניקע אַרטיסטן, אינטואיטיווע זשעניען אין זייער מין; מען וואָלט זיי געקענט אָנרופן די זשעניען פון רייץ.

— זייט געגריסט, מיינע הערן — האָט ער געזאָגט מיט אַ קלינגענדיקן באַריטאָן, פאַרנייגנדיק זיך העפלעך, איר וועט ערלויבן זיך צוזעצן לעבן אייך? אָבער, אָבער איך בין דאָ אין געזעלשאַפט פון הער קאַפּיטאַן קאָנאַזשעווסקי. מיינע הערן, הער קאַפּיטאַן הערצאָגים באַפּאָלעאָן קאָנאַר — קאָנאַזשעווסקי.

— יוזעף טאַדעאוש פון גרויס קאָנאַזשעוויץ פון הערב דער ערשטער פּרייס — האָט צוגעגעבן דער קאַפּיטאַן, פאַרנייגנ־ דיק זיך מיט אַ וואַקל.

מיין נאָענטסטער שכן פון פּאָלעשאָוו — האָט ווייטער גע־ צויגן באָזשעווסקי, און אַן אַלטער באַקאַנטער.

— אויף די הענט אים אויפגעצויגן, אויף מיינע נאמנות. וואָס טרינקט איר? ווייסע?

— קליקאָ, קאַפּיטאַן. מיר בעטן זיצן.

— קליקאָ! כ׳וויל ליבער סעק. אוף!

— ס׳וועט תּיכּף זיין סעק אויך. אפשר אַ ציגאַר, הער קאַפּיטאַן?

— ס׳אַר אַ מאָדנע ענדיווידואום! — האָט אַ מרוק געטאָן טיפּאָלסקי. —

— Ma foi, אַ פּראַכטפולע פיגור. גאַרסאָן, סעגאַרן.

— דער קאַפּיטאַן האָט געהאַט היינט גרויס עגמת־נפש — האָט געזאָגט באָזשעווסקי, זעצנדיק זיך און נעמענדיק אַ שטע־

כער פון בינטל אַרויס, ס׳האָט זיך פאַרסמט זיינס אַ האַדעוואַניק און זון פון אַן אַלטער פריינדין, אַ געוויסער דרעווסקי.

— דרעווסקי?—קאַנדידאַט אויף דאָקטאָר? האָט אונטער־געכאַפּט דער ערשטער ברונעט.—אַזאַ אַ דאַרער? כ׳האָב אים גע־קענט. זאָל עס זיין דער? זיך פאַרסמט? ווען?

— אויף די הענט אים אויפגעצויגן, אויף מיינע נאמנות. די פאַטין צום טויפן געהאַלטן. אויף אים אַרויפגעלייגט. געשלאָפן ביי מיר אין בעט, אין מיינע קראַגנס געגאַנגען.

— ווי אַזוי, ער זאָל האָבן געווען אַ דאַרער און דער הער קאַפּיטאַן, כ׳זאָל ניט זינדיקן מיט די רייד כאַפּט אַ ביסל ma foi, פאַלסטאַף — האָט באַמערקט טיפּאָלסקי.

— כ׳האָב געהאַט קעלנער פון אַמאָל, פאַרשטייט איר מיך, פון די צייטן, ווען כ׳האָב אין אַ מיידלשן קאָרסעט זיך גע־קענט פאַרקנעפּלען—האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן.

— דער דרעווסקי האָט געהאַט אַ מוטער, איז זי געווען אַ באַנע ביי מיינע קרובים, די שוואַלבעס. וואָס זאָגט די אַלטע דערויף? — האָט ווייטער גערעדט דער ברונעט.

— ע, וואָס ווילן מיר דאָרט וועגן דעם ריידן? — האָט אַ זאָג געטאָן דער צווייטער ברונעט. — וואָס, הער סטאַניסלאַוו, איר האָט צוגעפּירט די דאַמען?

באָזשעוווסקי האָט העפלעך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— מאַריניאַ איז געטלעך, האַ? — האָט געזאָגט דער ערשטער ברונעט.

באָזשעוווסקי האָט צוגעזשמורעט די אויגן, אַ שמייכל גע־טאָן און גאָרניט געענטפערט.

— נו, זייט זיך מודה, זי האָט אייך אַ נעם געטאָן. ס׳איז ניט קיין בושה, זי נעמט אונז אַלעמען. אויף אייך קוקט מען דאָרט, ממש אַ מחיה! כ׳האָב געמיינט, איר וועט געשוואָלן ווערן פון פרוי פאַזשעלסקעס קאָמפּלימענטן.

באָזשעוווסקי האָט ווידער אַ שמייכל געטאָן און געלאָזט אַ קרייזל רויך פון צעגאַר.

— Ma foi, איר מאַכט עס אַזוי שיין. ס'זאָל אויף דער וועלט כּדאַי זיין עפּעס צו טאָן, וואָלט איך זיך דאָס אויסגע־לערנט, ווי כ'ווינטש אַלדאָס גוטס דעם רבונו־של־עולם. גאַרסאָן, צינד מיר אָן דעם סעגאַר.

— נו, וואָס־זשע מאַרינאַ, וואָס? — האָט אָנגעגריפן דער ערשטער ברונעט. — זייט ניט דערויף אין כּעס, וואָס מיר דריקן אייך אַזוי צו, ווייל, זעט איר, פרײלין טיזשוויעצקאַ איז אַ מין פולק־קינד. מיר אַלע ליבן זיך אין איר, אַלע טראָגן מיר אין די בוטאָניערעס קאַמעליען, באַנוצן vera violette און בריוו־פּאַפּיר העליאָטראָפּ, ווייל דאָס זיינען אירע באַליבטע פּאַר־פומען און קאָליר. מיר זיינען איר לייב־גוואַרדיע. מיר האָבן דעם זומער געגרינדעט די געזעלשאַפט אין די בעדער, וואו מיר האָבן זיך געטלעך געוויילט! מיר האָבן איבערגעקויפט די באַדינערין, וואָס האָט אונז געפירט אויף עפּעס אַ ביידעמל, וואו מען האָט געקענט זען, ווי מאַריניאַ האָט זיך געבאָדן. ס'איז דאָרט געווען מוראַדיק ענג, ווייל מיר זיינען דאָרט געווען מיטאַמאָל זאַלבע־דריט און זאַלבעפערט. אָבער וואָס מיר האָבן געזען, זאָג איך אייך — —

— מיר האָבן דאָרט באַשלאָסן, — האָט איבערגעריסן דער צווייטער ברונעט, — אַז אויב זי וועט קיינעם פון אונז ניט אויס־קלייבן פאַר אַ מאַן, קען אַן אַנדערער זי נאָר פון אונזער האַנט באַקומען. מוזט איר זיך וועגן אונזערע גינסטיקע באַציאונגען באַמיען.

— נו, וואָס מאַכט איר דאָרט שפּאַס, מיינע הערן — האָט געזאָגט באָזשעווסקי, שמייכלענדיק און באַמיענדיק זיך צו פאַרבאָרגן מיט געלעכטער דעם ווידער־טעם, וואָס האָט זיך גע־לאָזט מאָלן אויף זיין פּנים.

— ניין, מיר שפּאַסן גאָרניט. אונזער חברה קען מאַריניען פון דאָ ניט לאַנג און סך־הכּל אַ האַלב יאָר. פריער פלעגט זי ניט קומען אין אונזער געזעלשאַפט און מיר האָבן זי געקענט בלויז פון זעען און אַ ביסל פון עפּנטלעכע בעלער, אָבער מיר קענען זי גוט. זי איז, משמעות, פאַרטאָן מיט אייך. ווען ס'האָט

זיך לעבן אייך אַנידערגעזעצט בראָנקאַ שטשערבסקאַ — אמת, אַ לאָבוז אַ מויד? — און די שיינע נאָטוויינען — דאָרט, מיין הער, נאָר דרייסט! — האָט מאַריניאַ זיך פאַררויטלט און געווען אַזוי בייז, אַז זי האָט תּחילת שיִר מיר ניט אַ שמיץ געטאָן אין פּרצוף, אַז איך בין אַ שוטה, כאָטש בכלל איז זי צו מיר גאַנץ מילד, און נאָכדעם האָט זי שוין גאָרניט געוואָלט מיט מיר ריידן.

— און מיר האָט זי געראַטן, כ'זאָל צופיל ניט אָפּלאָזן די עקזאַמענעס צוליב די פיקסן — האָט געזאָגט דער ערשטער ברונעט — איך וואָלט איר געמאַכט אַן עקזאַמען, זי זאָל נאָר וועלן.

— Ma foi, און איך האָב אויך געכאַפּט איבערן פּליך פון דער מכשפה, האַ? ביי אייך אין אוקראַאינע האָט איר ניט אַזעלכע, די טיזשוויעצקאַ איז אַ פראַנטאָווע פרוי. אַ, אַ, הער קופּקע, כ'נעם זיך אויס אַחוץ ציבעלע, טאָג־טעגלעך נאָכן מיטאָג אַ האַלבע שעה, אויף סלאָוואַצקין. ווי כ'ווינטש אַלדאָס גוטס דעם רבונו־של־עולם — גאַרסאָן, דער סעגאַר איז פייכט, אַן אַנדערן! — כ'האָב דעם דעמאָקראַטישן פּאָעט ליבער פאַר אַלע אַנדערע.

ווער ס'האָט אויסקלויבן געקענט, אַנשטאָט אַ הויז,
אַ נעסט אויף אָדלער־פעלזן, דער זאָל קענען בערן
שלאָפן דאָן, ווען ס'געוויטער איז נאָך גרויס —
און די יאָכצן פונם שטן אין גערויש פון יאָדלעס הערן.
כ'האָב געלעבט...

טי! טי! ווי כ'ווינטש אַלדאָס גוטס דעם רבונו־של־עולם, מאַ־יעסטעט! — האָט ער מוסיף געווען, שאָקלענדיק פון התלהבותדי־קער איבערצייגונג מיט דער האַנט.

— נו, מיין הער, ווי האָט איר אייך געזעגנט, האַ? — האָט ווידער געפרעגט דער ערשטער ברונעט באָזשעווסקין, — וואָס האָט זי אייך געזאָגט צום אַוועקגיין? שטאַרק אַ דריק געטאָן די האַנט? האַ!

— הער, בעער, הער באָזשעווסקי, איז אַ דזשענטעלמען — האָט

Je vous demaude — האָט דער ליסער מאַנסביל אין מאַנאָקל, גזאָגט pardon, monsieur de Borzewski, וואָס כ'האָב געוואַגט פאַר אייך צו ענטפערן — האָט ער צוגעגעבן, צובויגנדיק זיך מיט מגוזמדיקע פאָרנעמקייט צו באָזשעווסקין. — איר האָט גערעדט עפּעס וועגן אַ דרעווסקי, וואָס האָט זיך פאַרסמט, צי צעלאָזט זיך אין שוועבל־זייערס? צי איז עס פון די גוטע דרעווסקיס פון פּאָליעסיע, האַ?

— ניין, דאָס איז פון אַנדערע, קלענערע — האָט עמיץ געזאָגט.

— פי! האָט אַ מרוק געטאָן דער ליסער מאַנסביל, גרינגשעציק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און פאַרלייגט איין פוס אויפן אַנדערן.

רדזאַוויטש האָט ניט געוואוסט, וואָס ער האָט צו טאָן? אין קאָפּ האָט ביי אים געזידט און ער האָט געפילט, אַז ער האָט היץ. ער האָט אויך געפילט, אַז ער ווערט באַאָבאַכט מצד דער דינערשאַפט, וועלכער ס'איז אויפפאַלנדיק דאָס עקשנותדיקע לייענען איין און דיזעלבע צייטונג, וואָס באַשטייט פון צוויי עמודים דרוק און צוויי עמודים מודעות. ער האָט געוואָלט איבערוואַרטן די צונויפגעזאַמלטע כּנופיה, אָבער דאָרט האָט מען געקאָרקעוועט אַלץ נייע פלעשער. ער וואָלט אפשר אַנטשלאָסן זיך דורכצוגיין דערלעבן, ווייל ער האָט גערעכנט, אַז קיינער פון די הערן קען אים ניט פון זען, ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז עס וועט אים באַמערקן קאַפּיטאַן קאָנאַזשעווסקי. דער, ווידער, האָט, פּויקנדיק מיט זיינע גרויסע פינגער אויפן טיש, געצויגן מיט אַ האַלבער שטים אַ ניגון:

Un Musèlman, trés brave garçon
Portait sa femme et caleçons,
On lui a dit: vous êtes chocolat —
Il leur répond: kif, kif, Allah!...

— כ'האָב עס געהערט אין ניצאַ — האָט געזאָגט טיפּאָלסקי. דער קאַפּיטאַן ווידער האָט איבערגעחזרט:

Kif, kif, Allah!...

און אַ קלאַפּ געטאָן איבערן טיש דעם פּיעמאָנטישן מאַרש, אַז דאָס גלאָז וואַסער האָט אַזש אַ קלונג געטאָן.

באָזשעוווסקי איז, פאַרענטפערנדיק זיך, אַז ער האָט קאָפּ־ווייטאָג, אַרויסגעגאַנגען. דער ווײַן האָט אָנגעהויבן ווירקן. איינער איז אַרײַנגעפאַלן אינם אַנדערנס רייד און וואָס אַמאָל, אַלץ פרייער. מען האָט גערעדט וועגן פאַרשיידענע זאַכן, דערהויפּט אָבער וועגן מאַריאַ טיזשוויעצקאַ. די צינגער האָבן זיך אויפגעבונדן... מען האָט אויסגעדריקט אַנטציקונג, השערות, באַגערן אויפן קיצלדיקסטן, הגם ניט אינגאַנצן פאַרהוילענעם אופן.

אין רדזאַוויטשן האָט אַלץ אַזש געקאָכט. ער האָט געקענט זיך אויפהייבן, געקענט וועלכן ס'איז פון די הערן וואַרפן אַ קאַרטע אָדער אַרויסרופן אַלע מיט איינמאָל די שולדיקע און אומשולדיקע, געקענט אַלע צווינגען צו שווייגן דורך דראָען, אַז דעם ערשטן, וואָס וועט זיך אומאָנשטענדיק אָפּרופן וועגן מאַריען, וועט ער מיט אַ פלאַש דעם מוח פלעטן... ער האָט געקענט עס טאָן, אָבער מיט וואָס פאַר אַ רעכט? מיט די רעכט פון אַ אָפּגעשטויסענעם ליבהאָבער, פון אַ דעמיסיאָנירטן חתן? די דאָזיקע הערן וואָלטן אָן שום ספק אָנגענומען דעם אַרויסרוף, זיך געשלאָגן, אָבער פאַר דעם וואָלטן זיי אויסגעשאָסן אים אין פנים אַרײַן מיט אַ געלעכ־טער, ווען ער זאָל זיי זאָגן, ווער ער איז. ווען די הערן וואָלטן פוגע געווען אין דעם כבוד און גוטן שם פון פריילין טיזשוויעצקאַ, וואָלט יעדער ערן־מענטש געהאַט דאָס רעכט זיך שטעלן אין איר שוץ. אָבער ניין, זיי האָבן איר כבוד חלילה ניט אָנגערירט: זיי האָבן בלויז גערעדט וועגן אירע ליפּן און ביוסט, וועגן אירע אָרעמס און פּלייצעס, בעדרעס און פיס, גערעדט וועגן זאַכן, וועגן וועל־כע עס וואָלט געקענט זיי פאַרווערן ריידן אַ מענטש, וואָס געפינט זיך בנוגע צו מאַריען אין אַ באַזונדער לאַגע; ער אָבער איז אַן אָפּגעשטויסענער ליבהאָבער, איר דעמיסיאָנירטער חתן. מאַריאַ, דער־ווייסנדיק זיך אין דעם פאַל וועגן אַלץ, האָט געקענט אָפּזאָגן אין באַקאַנטשאַפט די הערן, וואָס האָבן וועגן איר גערעדט ווי וועגן אַ ליאַדע קאָקאָטע, אָבער גלייכצייטיק וואָלט זי געקענט פרעגן: פונוואַנען האָט זיך עס הער רדזאַוויטש באַרעכטיקט צו שטעלן זיך אין דער ראָלע פון איר ריטער? און אפשר, אפשר טאַקע, דערווייסנדיק זיך, אַז ער, ניט קוקנדיק אויף קיין

שום זאַך, וואָס ס'איז צווישן זיי פאָרגעקומען, האָט זיך געשטעלט אין איר שוץ, זיך געשטעלט אַנטקעגן אַ צען־פּופּצן מאַן... ווען ער וואָלט האָבן אַ דועל, ווען ער וואָלט ווערן פאַר־וואונדעט, אפשר, אפשר וואָלט זי זיך אומגעקערט צו אים, אפשר וואָלט זי געקומען צו אים אין שטוב, וואו ער וואָלט געלעגן, זיך איינגעבויגן איבער אים און אויסגעצויגן צו אים ביידע הענט און אַ שעפּטשע געטאָן: כ'האָב ליב... אפשר וואָלט יענער חלום אירער, וואָס זי האָט דערציילט אין קלענזשי, געווען טאַקע אַ פאָראויסזאָגונג, אַ נביאות פון דעם, וואָס דאַרף באמת געשען... אפשר וועט ער אַזוי ליגן אַ בר־מינַניש בלאַסער, כמעט אַ טויטער, און זי וועט זיך איינבויגן איבער אים און מחיה מתים זיין אים מיט איר אָטעם, שוין מיט דעם אַליין, וואָס לעבן אים איז די מאַריאַ, די ריסיאַ האַרציקע געליבטע... און אפשר וועט ער אומ־קומען צוליב איר... אין דעם פאַל וועט ער בלייבן אויף אייביק ביי איר אין זכרון, ווי אַ טרויעריקער און שטילער פאָרוואורף, ווי אַ צער אַ האַרציקער און פול מיט מעלאַנכאָליע... זי וועט נאָכ־גיין נאָך זיין טרומנע, זייער אַ בלאַסע און זייער אַ טרויעריקע... מען וועט אויסגראָבן אַ קבר, און זי וועט אַ גאַרשטש ערד דאָרט אויף זיין טרומנע וואַרפן... זי וועט בלומען אויפן קבר זיינעם לייגן און זיין בילד אויפן שרייב־טיש אָוועקשטעלן... זי וועט חתונה האָבן, זי וועט האָבן קינדער, אָבער אין דער אמתן ביזן סוף לעבן געהערן צו אים, צו זיין שטילער, טרויעריקער און מעלאַנכאָליעפולער געדעכעניש...

פלוצלונג זיינען לויט דער קאָמאַנדע פון קאַפּיטאַן אַלע פאַרזאַמלטע אויפגעשטאַנען פון טיש, זינגענדיק מיט אַ כאָר:

Un Musulman, très brave garcon,
Portait ja femme et colecons,
On lui a dit: vous êtes chocolat —
Il leur répond: Kif, kif, Allah!...

און אַרויס פון זאַל.

אַ ווײַלע פאַרבליבן איז נאָך בלויז קאָלאָליאַסקי אַליין, וועלכן מען האָט פון אַ רעגנבויגיק הונדערטער געגעבן אַ קליי־

ניקייט רעשט. רדזאַוויטש האָט תּיכּף רעגולירט דעם חשבון און אַרויס אויף דער גאַס.

פון דער צווייטער זייט גאַס האָט דערגרייכט צו אים דאָס כאָראַלע:

On lui a dit: vous êtes chocolat —
Il leur rèpond: Kif, kif Allah!...

רדזאַוויטש האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי ס'וואָלט אים עמיץ זייער שטאַרק דערלאַנגט מיט אַ האַק איבערן קאָפּ. ער האָט אויסגעטרונקען אַרום און אַרום צוויי גלעזלעך סאָטערן, און געגאַנגען ווי אַ שיכּורער, כּמעט זיך געקויקלט.

קודם־כּל האָט אים איבערפולט און געדריקט דער גוואַלטיקער כּעס אויף דער גאַנצער באַנדע, פאַר וועלכער די מוטער פון אַ מענטש, וואָס סמט זיך, איז „אַן אַלטע"; אַנדערע ווידער האָבן דעם דאָזיקן טויט אָפּגעשאַצט פון שטאַנדפּונקט, „צי ער איז פון די גוטע דרעווסקיס", צי ניט: וואָס זיינען לסוף, אַלס אַזעלכע, אַלס אַ חברה פלאַכע, באַנאַלע, געוויינטלעכע „עלעגאַנטן", געוועזן מאַריאַס „לייב־גוואַרדיע", איר נאָענטסטע סביבה, דער קרייז פון אירע פאַרערער... ס'האָט אים אַ כּעס אַרומגעכאַפּט אויף מאַריאַן: ווי האָט זי עס געקענט דערלאָזן, אַז אַזעלכע טפּשים זאָלן זי אָנרופן „דאָס פּאָלק־קינד"?... ווי האָט זי עס געקענט?... ווי קען זי אויסקומען מיט אַזאַ געזעלשאַפט, אַזאַ געזעלשאַפט?! ווי קען זי געפינען אין אים פאַרגעניגן?... און אויב זי געפינט אין אים יאָ פאַרגעניגן... אויב דאָס איז טאַקע דער קרייז מענטשן, וואָס זי פאַרשטייט צומבעסטן, מיט וועלכן זי שפּילט זיך צומבעסטן צונויף, אין וועלכן ס'איז איר אינטעלעקטועל באַקוועם און צומייסטן פריי?... אויב... זיין מאַריאַ! זיין מאַריאַ! און אפשר האָט זיך אים בלויז אויסגעדאַכט, אפשר האָט ער זי בלויז אידעאַליזירט, אפשר איז איר אינטעליגענץ געווען אינגאַנצן פון דעם מין, וואָס די אינטעליגענץ פון די דאָזיקע לייט, אפשר איז זי געווען אַ פּשוט, געוויינלעך, דורכשניטלעך מיידל, אַזאַ שאַבלאָן ווי אַנדערע, באַנאַליזירט פון דער סביבה,

אָדער באַנאַל, ווי אַנדערע, פון געבוירנשאַפט אָן, אפשר איז זי געווען דיזעלבע געוויינלעכע, אפשר דיזעלבע פלאַכע, אפשר דיזעלבע נאַרישע!...

ער האָט מיט האסט אַ טופּ געטאָן מיטן פוס אין שניי, און דער קאָפּ זיינער האָט זיך אים געטאָן אַ ריס אַרויף אין דער הויך, פונקט אַזוי שטאָלץ ווי דעמאָלט, ווען ער איז נאָך גאָר אַ יונג יינגל געווען, און גאָרניט האָבנדיק הינטער זיך, לחלוטין גאָרניט, אַריין אַ פאַרבעטענער אויף אַ פאַרזאַמלונג פון קינסט-לער. ס׳זיינען געווען דאָרט אַלטע „פירמעס" און יונגע „שטערן"— ער האָט אָבער אַריינגייענדיק אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט פילן, אַז עס וועט בסך הכל עטלעכע יאָר פאַרביי און ער וועט צווישן די יונגע סקולפּטאָרישע „שטערן" זיין דער ערש-טער, פאַר די אַלטע „פירמעס" ווידער וועט ער ווערן אַ געפער-לעכער קאָנקורענט.

און אויף דעם קאָפּ אַרויף האָט מאַריאַ ליב געהאַט צו לייגן אירע הענט און גלעטן אים און געזאָגט, אַז זי פילט זיך שטאָלץ, וואָס זי קען דעם דאָזיקן קאָפּ אָנרירן... דאָ אַזוי ניט לאַנג... דאָ אַזוי ניט לאַנג...

און אפשר טאַקע באמת האָט ער זיך אַליין געמאַכט די פרוי פאַר אַן אַנדערע, מער שטראַליקע אין געדאַנק און מער גאָלדענע אין נשמה... אפשר האָט ער בלויז...

אפשר איז עס טאַקע אמת, אַז די אידעאַלע שיינקייט איז אַ סך אָפטער אַ פאַנטאַזיע פון מאַנסביל, וואָס האָט ליב, ווי אין דער נשמה פון דער פרוי, וואָס ווערט געליבט.

אפשר איז מאַריאַ אַזאַ, ווי אַנדערע, אַ דורכשניטלעכע, באַנאַליזירטע, אָדער באַנאַלע פון געבוירנשאַפט אָן, אַ נאַרישע! און ער, און ער!... וואָס ער איז צו די פיס איר געפאַלן, דאָס איז גאָרניט, מען קניט פאַר אַ שיינע דינסטמויד אויך, אָבער ער האָט זיך איינגאַנצן געלייגט צו אירע פיס, געלייגט איר צו די פיס זיין געדאַנק, זיינע געפילן, זיין פאַנטאַזיע און אַרבעט, די גאַנצע נשמה זיינע... און זי האָט ניט פאַרשטאַנען, נאָר גע-מאַכט זיך פאַרשטיין, ווייל זי איז פלינק, שאַבלאָן, געוויינלעך

פלינק, פלינק אויף אַזוי פיל, כדי זיך צו קענען אַרויסווייזן אינטעליגענט, אָבער אין דער אמתן איז זי נישטיק, פלאַך, נאַריש, „אַ פולק־קינד" פון אַזעלכע טיפּשים, אַ באַזיצערין פון דער לייב־גוואַרדיע.

אָבער ניין, ניין! מיט וואָס איז זי דען שולדיק, וואָס עס רינגלען זי אַרום אַזעלכע לייט, וואָס די מומע פּאָזשעלסקאַ פירט זי אין אַזאַ געזעלשאַפט, מחמת טעמים, וואָס זיינען איר אַליין בלויז פאַרשטענדלעך? וואָס איז דערפון געדרונגען? די אַלע מענטשן האָבן אַליין ערקלערט, אַז קיין יחיד פון זיי האָט ביי איר מיט קיין זאַך ניט נושא חן געווען. איין באָזשעווסקי נאָר האָט נושא חן געווען, ווי אַנדערש ער איז אָבער פון זיי אַלע...

און באָזשעווסקי האָט רדזאַוויטשן אָנגעהויבן פאָרצושטעלן ווי עפּעס אַ וואונדערלעכער ריטער פון די ראַנד־מקומות, עפּעס אַ ראָמאַנטישער אידעאַל, וועגן וועלכן עס טרוימען נאָך צייטנ־ווייז פּוילישע פרויען. נאָר אַזאַ מענטש האָט געקענט ציען אויף זיך מאַריאַס אויפמערקזאַמקייט, נאָר אַזעלכן האָט זי געקענט ליב קריגן און נאָר אַזעלכער איז ווערט געווען איר ליבע. וואָס־זשע איז ער געווען לגבי אַזאַ באָזשעווסקי? לגבי זיין געזונטקייט, לגבי זיין פעסטקייט און מעגלעכער קראַפט, וואָס האָט געשפּריצט פון זיין גאַנצער פיגור אַרויס, ער, דער שוואַכער, נערוועזער און דענערווירטער? וואָס איז זיין אַרטיזם לגבי באָזשעווסקיס פעאיקייט צו מעשים? וואָס טויג רום, וועלכע איז אין עצם אַ שפּיל פאַרן עולם, דאָרט, וואו די פּאָזיציעס גיבן פאַרמעגן, פאַרבינדונגען און אַ רעאַלע, ווירקלעכע נויטווענדיקייט פון אַ מענטש אין דער געזעלשאַפט? וואָס פאַר אַן אָרט וואָלט מאַריאַ פאַרנומען אין דער געזעלשאַפט מיט אים און וואָס פאַר אַן אָרט מיט באָזשעווסקין? זאָל ער היינט אַ האַנט צעברעכן, הערט ער אויף מאָלן, אָדער זאָל זיך אים אָנהייבן ווייניקער די אַרבעט איינגעבן, זאָל ער אַרויס פון דער מאָדע — איז ער אַליין גאָרניט, און די נויט שטייט פאַר אים אָפן. באָזשעווסקיס מעמד ווידער איז פון קיינעם ניט אָפּהענגיק און זיין ווייבס מעמד

דאָסגלייכן — ווען באַזשעוווסקי זאָל אַפילו שטאַרבן, וועט נאָך אים בלייבן דער יסוד פון לעבן: דאָס פאַרמעגן.

איבעריקנס, אויב מאַריאַ האָט וועגן זיי צווי מיינונגען, ס'אַר אַ חילוק! באַזשעוווסקי תמיד אַ זיכערער מיטן מאָרגן און פרייער, מוז זיין אין דער מילדער גלייכער, גוטער לוינע, מוז פאַרמאָגן די לייכטקייט פון באַגיין זיך און דאָס באַנעמען, וואָס וועקט סימפּאַטיע, וועלכע עס האָבן מענטשן אָן אומאָנגענעמע מחשבות און אומאָנגענעמע לאַגעס אין לעבן. און ער? וויפל מאָל האָט ער געפייניקט מאַריאַן און פאַרשאַפן איר לייד, אַזאַ ווילדער, אויפגערעגטער פאַנטאַסט, צייטנווייז כמעט וואַנזיניק אין זיינע כימערעס און קאַפּריזן. ס'אַר אַ לעכערלעכע, קינדישע, ניט געשמאַקע ס'איז זיין „אַרטיסטישע נאַטור" לגבי דער דזשענטעלמענישער פיינקייט און רואיקייט פון אַזאַ באַזשעוווסקי, וואָס איז איבעריקנס אַזוי שיין, אַז קיין פרווו וועט ניט בכוח זיין זיך אים אַקעגנצושטעלן...

און רדזאַוויטש האָט דערפילט עפּעס אַזוינס צו באַזשעוו־סקין, אַז ער זאָל אים די רגע טרעפן, וואָלט ער זיך אָפּרוקן אונטערטעניק אָן אַ זייט, מחמת אַזעלכע באַזשעוווסקיס האָבן פול־קום רעכט דורכצוגיין מיט אָן אויפגעהויבענעם קאָפּ אינמיטן גאַס לעבן אַזעלכע ווי ער, אַזעלכע נולן, ניט געשמאַקע נאָך דערמיט, וואָס זיי האָבן העזהדיקע און דרייסטע פּרעטענזיעס אויף עפּעס האָבן אַ באַדייטונג צווישן מענטשן... ווען מען זאָל די מינוט עס קענען מאַכן, וואָלט ער גענומען מאַריאַן פאַר דער האַנט, צוגע־פירט צו באַזשעוווסקין און זי אים אָפּגעגעבן, זאָגנדיק דערביי: אָט איז דער מענטש, וואָס איז דיך ראוי און איז פאַר דיר באַ־שאַפן געוואָרן, גיב זיך אים איבער... און פאַר אים אַליין בלייבט בלויז זיך מיאש צו זיין. דאָס דאָזיקע וואָרט איז געקומען צו אים ווי אַן אויסלייזונג; יאָ, אַזוי איז עס, ער דאַרף זיך מיאש זיין. ער וועט זיך אַ נעם טאָן פאַר דער אַרבעט, פאַר קלעפּן, דאָס גאַנצע לעבן דערין אַריינלייגן, ער וועט וואוינען דאָס גאַנצע לעבן ערגעץ אין דער שטיל אויף אַ דימעניק, אַן אומבאַקאַנטער, ניט געזוכטער, ניט געדענקטער פון קיינעם. ער וועט קלעפּן פיגורן פאַר קאָס־

ציאָלן און קלויסטערס, וואָרן ער וואָלט געוועזן לעכערלעך, ווען ער וואָלט איצט קלעפּן אַנדערע זאַכן און וועלן זיין באַרימט. ער וועט האָבן אַן אַלטע באַדינערין און פאַרשטויבטע שויבן, אַ מאַשינקע אויף קאַווע און אַ קאַנאַריק, וועלכן ער וועט געבן קרישקעס ברויט און צוקער און לסוף וועט ער אויסגיין ווי אַ ליכט אין ...Lux in tenebris lucet

אין דער דאָזיקער שטימונג האָט ער אָנגעטראָפן אויף דער גאַס אַ הונט, וואָס איז אַ געפּגרטער געלעגן אונטער אַ מויער פון הונגער און קעלט. געקומען אַהיים, ער האָט שטילערהייט זיך אָנגעהויבן אויס־טאָן און זיך געפילט ווי אַן אַלטער פּענסיאָנער. ער האָט אָנגע־טאָן די פּאַנטאָפל פשוט כדי זיי אָנצוטאָן און מיט פאַרגעניגן געטראַכט וועגן בעט, כאָטש ניט שלאָפן, ניט ליגן האָט זיך אים ניט גע־גלוסט. ער האָט גלייך געלייגט די ביכער און פּענעס אויפן טיש, אָפּגעווישט דעם שטויב פון טינטער. ער האָט געוואָלט ס׳זאָל זיין אַרום אים רואיק, וואַרעם און ריין, ווי ביי אַן אַלטן פּענסיאָנער.

און בשעת ער האָט צונויפגעלייגט די פּאַפּירן אין שופלאָד, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ בינטל בלומען, וואָס ער האָט ערגעץ אָנגעקליבן ביים דונאַי, בעת דער לעצטער רייזע קיין ווין; ער האָט זיי אָנגעקליבן פאַר מאַריעס וועגן, און זי האָט שוין דע־מאָלט בדעה געהאַט מיט אים איבערצורייסן... און ער האָט זיי איר ניט געגעבן, שוין ניט באַוויזן...

ער האָט אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף דער האַנט און זיך פאַרטראַכט, ס׳האָט אים עפּעס אַ רחמנות באַהערשט אויף די בלומען, אַזאַ האַרציקער טרויער... ער האָט זיי אָפּגעריסן אין אַזאַ מינוט, ווען דעם, וואָס וואָלט אים געוועזן געזאָגט, אַז ער דאַרף פאַר מאַריאַן זיין האַרץ האָבן, וואָלט ער געזאָגט: נעם! ער האָט זיי אָנגעריסן אין אַזאַ מינוט, ווען משוגע פון בענקשאַפט, האָט ער אומגעבלאָנדזשעט אויף פרעמדע לאַנקעס איבער אַ פרעמדן טייך און ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זיין נשמה וועט אין די כוואַליעס צעגיין פון זיס גערירטקייט... ער האָט אַזוי געאײַלט צו איר... קיינמאָל, קיינמאָל, זינט דער טייך רוישט, האָט קיינער

אַזוי איבער אים ניט געבענקט, אַזוי באמת האַרציק און אומגע־הייער...

ער האָט געהאַט אַ פּול מויל ווערטער וועגן איר, פאַר איר, צו איר...

ער איז געגאַנגען דורך אַזאַ חלל, אַז ער האָט געקענט ריידן הויך — און ער האָט גערעדט... ער האָט זי גערופן ביים נאָמען, פאַרקלענערט אים, זיך מיט אים געפּעסטעט, געפּילט די רייצנדיקע זיסקייט אויף די ליפּן פון טויזנט מאָל געפּעסטעטן קלאַנג פון איר נאָמען... זי האָט זיך אים אויסגעוויזן עפּעס אַזאַ קליינע און אַזאַ רייצנדיקע און אַזאַ ווייטע... ער האָט געפּילט, אַז עס פעלט אים אין דער האַנט, אַז איר האַנט קען ער ניט דריקן. ער האָט געזאָגט זיי, אַז ער האָט זי ליב און גאַרט איר ליבע, אַז ער זאָל קענען, וואָלט ער זי אויף די אָרעמס גענומען און גע־טראָגן און דערגנער געזוכט, כדי צו מיינען, אַז ער טראָגט זי און זי פילט ניט די דערנער; ער האָט געזאָגט זיי, די בלומען, אַז ער וויל זי אַרומנעמען און צו דער ברוסט צודריקן, קושן אירע ליפּן און האַלז, און קניען ביי אירע פיס און אין די אויגן קוקן, און נאָכדעם איר בלוט אין אַ פלאַם פאַרוואַנדלען, אַז עס זאָל אַזוי זידן ווי זיינס; ער האָט זיי געזאָגט, אַז זי איז זיין שיינער חלום, אַז ער האָט אַ גאַנצע וועלט אויפגעבויט פון גאָלד און גרינס, פון בלויע און זילבערראָזע קאָלירן, אַ גאַנצע וועלט פון שלווה און רו־וואַרימקייט און שמעקעדיקייט, אַז ער האָט אָפּגעצוימט ערגעץ אַ פאַרכישופטע און כשופדיקע לאָנקע, אַן אין־סופיקע, אַ וואונ־דערלעכע, וואו ער וועט זי פירן, וואו ער וויל מיט איר צוזאַמען זיין, ער האָט זיי געזאָגט, אַז ער וועט זיין גאַנץ לעבן, צוזאַמען מיט אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט, צו אירע פיס לייגן און דאָס גאַנצע האַרץ זיינס, מיט אַלץ, וואָס עס קען פילן, איר אַוועקגעבן...

דאָס האָט ער געזאָגט די דאָזיקע אָנגעריסענע איבערן דונאַי בלומען.

און זי?

האָט אויסגעדרייט דאָס פנים און אַוועק...

אַוועק רואיק, קאַלט, אָן אַ זיי-געזונט, אָן דערלאַנגען די האַנט צום געזעגענען — רואיק, קאַלט, אומברחמנותדיק... ווי אַ שטיין!...

זיכער! זי איז גערעכט, און וואָס זי האָט געטאָן, האָט זי געטאָן גוט, קלוג, גיכטערן, ערלעך... זי האָט אויפגעהערט ליב האָבן, האָט זי דען געזאָלט פאַלש ליב האָבן?... זי איז נאָר אַוועק אַזוי רואיק, אַזוי קאַלט, אַזוי אומברחמנותדיק... אַוועק-גייענדיק אַזוי, איז זי געוואָרן אַזוי גלייך צו אַלע אַנדערע פרויען, וואָס קערן אָפּ זייער פּנים אויף אייביק...

און ער האָט געטרוימט פון איר ווי וועגן אַן אַנדערע, אַזאַ ניט גלייכע צו אַלע... פון אַלע פרויען-נשמות האָט ער גע-נומען דאָס שענסטע און אַ נשמה איבערגעגאָסן, פון אַלע פרויען-הערצער, דאָס שענסטע גענומען און אַ האַרץ איבערגעגאָסן... ער האָט פון איר געמאַכט אַ פרוי, פאַר וועלכער מען קניט בלויז צוליב דעם, כדי פאַרגעניגן אויסצובעטן...

און זי?... צי איז באמת דאָס שענסטע דאָס, וואָס מען טרוימט אויס?... זי...

זי האָט זיך אונטערגעגעבן דעם מינוטלעכן איינדרוק, ס'איז מענטשלעך, ס'איז פאַרשטענדלעך; דער איינדרוק איז פאַר-ביי און זי פאַרלאָזט — ס'איז אויך מענטשלעך, אויך פאַרשטענד-לעך. צי האָט זי געזאָלט אויפן גאַנצן לעבן זיך בינדן מיט אַ מענטש, וואָס זי האָט ניט ליב, וועלכן זי האָט אמתדיק קיינ-מאָל ניט ליב געהאַט, אָדער אויפגעהערט ליב האָבן: דערפאַר, וואָס זי האָט אים ניט באַדאַכט, ניט אַרומגעזען אין מינוט פון גערירטקייט און פאַרגעסן זיך געגעבן איר וואָרט? זי האָט גע-שוואָרן, אַז וואָס ס'זאָל ניט געשען, וועט זי מיט אים ניט איבעררייסן, ניט אַוועקוואַרפן אים, אָבער צו האָבן אַזעלכע שבועות אַ ווערט, וואָלט זיי עמיץ געקענט נעמען פאַר וויכטיק? שבועות פון אַ יונג, ניט ערפאַרן מיידל.

איבעריקנס, אַלץ, אַלץ קלערט אויף און באַרעכטיקט, אַלץ אַנטוואָפנט דאָס איינס: זי האָט ניט ליב... ס'איז ניט פאַרהאַן קיין חובות, ניטאָ קיין התחייבותן, ניטאָ קיין שבועות און ווער-

טער לגבי דעם וואָרט: „כ'האָב ניט ליב". מען לעבט בלויז איין מאָל, דאָס איינציקע גליק אויף דער וועלט איז ליבע. זאָל זי ניט זוכן זי אומעטום און פאַר יעדן פּרייז. זאָל מען זיך אָפּזאָגן פון עגאָאיזם בנוגע דעם אייגענעם גליק, וואָס איז דער איינציקער ציל אין לעבן, זאָל מען זיך אַליין ווידערשפּרעכן, כדי עמיצן ניט ווידערצושפּרעכן, מאַכן פון זיך אַ קרבן, כדי ס'זאָל עס עמיץ אַנדערש פון זיך ניט מאַכן? און אויב דאָס קרבן מוז זיין, זאָל אים ברענגען דער, וואָס האָט מער ליב, אָדער האָט אַליין ליב, דעם וועט עס זיין לייכטער. ברענגען זיך אַ קרבן פאַר אַ געליבטע וועזן קען נאָר דאָס גיהנום אין אַ גן־עדן פאַרבייטן; אָבער מאַכן פון זיך אַ קרבן אָן ליבע, קען זיין בלויז אַ גיהנום. און ווער איז ער, ווער וואָלט אַזאַ קרבן פאַרלאַנגען, ווער וואָלט עס צוגענומען? אָבער... אָבער פאַרוואָס איז מאַריאַ אַוועק אַזוי רואיק, אַזוי קאַלט, אַזוי אומבארחמנותדיק...

ער האָט צייטנווייז געטראַכט — וואָס פאַר אַ מחשבות קומען אַלץ ניט אין קאָפּ אַריין אַ מענטש, וואָס האָט ליב — ער האָט געטראַכט צייטנווייז, אַז אויב עס זאָל עפּעס שטערן זייער חתונה, וועט אייביק, אייביק בלייבן צווישן זיי עפּעס אַ פאַרבינדונג, עפּעס אַ בונד פון נשמה און האַרץ, עפּעס אַ געמיינזאַם פילן און בשותּפותדיקייט, קרובהשאַפט פון געדאַנק. און דאָ — אַזוי גאָרניט, אַזוי גאָרניט, פון טאָג אויף טאָג, פון שעה אויף שעה... גאָרניט, גאָרניט און גאָרניט...

און אָט איז ער אויף דער וועלט ווידער ווי אין אַן אומגעהייערן מדבר, ווי אויף אַן אָקעאַן אָן אַ ברעג, אין אַן איינזאַם שיפל, אָן אַ ציל, אָן אַ יבשה, אָן אַ וועג, אַזוי ווי פריער, איידער ער האָט דערקענט מאַריען... ווידער דער שרעקלעכער חלל פון לעבן, אין וועלכן ס'איז ניטאָ קיין ליבע, דאָס געפיל פון פאַרישקייט צווישן אַ צונויפגעפלאָכטענעם דורך ליבע כלל; דאָס דאָזיקע געפיל פון נויט, פון שרעקלעכער אָרעמקייט, חרפה און דערנידערונג, ווייל אַלע זיינען דאָך געליבט, נאָר ער איינער ניט! אַלע קענען זיין געליבט, אַלע ווילן די פרויען ליב האָבן, בלויז ער האָט ניט אַזעלכע, בלויז אים וויל קיין פרוי ניט ליב האָבן!

קעגנזייטיקע ליבע איז אַזאַ גרונטבאַדערפעניש, אַזאַ נייטיקער תנאי פון לעבנספולקומקייט, אַז ער, אַ ניט געליבטער, איז ווי אַ ניט גאַנצער מענטש, אַ מינדערווערטיקער פון אַנדערע, אַ נידעריקערער פון זיי.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן אַ פּרט פון דעם רעסטאָראַן־שמועס און ס'האָט אים אַזאַ ווייטאָג דורכגעדרונגען, אַז ער האָט געמוזט זיך איינהאַלטן ניט אַ קרעכץ צו טאָן אויפן קול. וויפל מאָל האָט ער עס געטראַכט וועגן דעם זומער, וואָס ער האָט געזאָלט פאַרברענגען מיט מאַריען אין די בערג. די חתונה איז געווען באַשטימט אויף אָקטאָבער, און זיי האָבן פּראָיעקטירט צו פאָרן קיין זאַקאָפּאַנע. מאַריאַ איז דאָרט קיינמאָל ניט געווען.

רדזאַוויטש פלעגט דאָרט אָפט זיין וואַקאַציע־צייט מיט פּזשערוויצן, וואָס האָט געשטאַמט פון דער דאָזיקער געגנט. אַרום־בלאָנקענדיק איבער די בערגישע פוסטקעס, האָט ער, פאַר ווע־מען אַ פרוי איז שטענדיק געווען די אַקס פון לעבן און ליבע, דער גרעסטער פאַרלאַנג און די גרעסטע באַדערפעניש, וויפיל שעהן זיך געקלאָגט אין זיך גופא, וואָס ער איז אַליין; וויפל האָט ער איבערגעטרוימט, אַז ער וועט אפשר דאָ זיין אַמאָל מיט אַ געליבטער פרוי און ווי וואָלט אים, ווי וואָלט אים דעמאָלט געווען... דאָ האָט ער וועגן איר געחלומט צום שענסטן, דאָ האָט ער זי זיך פאָרגעשטעלט צום בולסטן, דאָ האָט ער כמעט איר שטים געהערט, געפילט די באַרירונג פון איר האַנט, געזען איר בליק; דאָ האָט ער זיך געשאַפן דעם אידעאַל פון אַ פרוי, וואָס ער וואָלט ליב געהאַט, פון וועלכער ער וואָלט וועלן זיין געליבט. אויף די טויבע גרענעצן איבער די אָפּגרונטן און די טעלער צווישן וואַסער־געגרויש האָט ער זי פאַר זיך געהאַט. דידאָזיקע זעאונג פון זיין בענקנדיקער פאַנטאַזיע האָט ער כמעט פאַר דער האַנט געפירט, כמעט איבער שטראָמען אַריבערגענו־מען, כמעט פון קעלט צוגעדעקט, און כמעט ווי געזאָגט איר: זע, זע!... דאָ וועל איך זי אַמאָל פירן — האָט ער געטראַכט. דאָס וועל איך איר ווייזן, דאָרט וועל איך איר העלפן זיך דראַ־פען, דאָ וועלן מיר זיך זעצן ביי אַ שייטער און מיר וועלן זיין

איינס לעבן דאָס אַנדערע, דאָרט וועט ער די נאַכט פאַרברענגען... מיינע, אָט די מיינע, דער גן־עדן מיינער, די וועלט מיינע... ער האָט געוואוסט, וואָס ער וועט ריידן, און וואָס זי וועט אים ענטפערן. גאַנצע שמועסן האָט ער געשאַפן און געשמייכלט צו זיך אַליין, טראַכטנדיק וועגן דעם, ווי די ליבע צו אים וועט אין איר זיך אַנטוויקלען און וואַקסן, ווי זי וועט בליען, זיך דורכשטראַלן אין אַ זוניקער בלויקייט, איבער זיי צעשפּרייט, ווייל ער האָט מער נאָך געוואָלט זיין געליבט, ווי ליב האָבן אַליין. דאָ האָט ער געוואָלט זיין אַמאָל מיט זיין כלה, און ווען ער איז געוואָרן מאַריעס חתן, איז ער כמעט ווי געווען צופרידן, די חתונה זאָל פאָרקומען ערשט האַרבסטצייט, און די טרוימען זיינע האָבן געקענט מקויים ווערן, מחמת ער האָט געהערט צו דעם מין מענטשן, וואָס האָבן זייערע טרוימען ליב, ווי ווירקלעכקייט. מאַריאַ האָט געזאָלט פאָרן קיין זאַקאָפּאַנע מיט די סטזשעליסקיס, אַהער האָבן אויך געזאָלט קומען די פּזשערוויצעס, פּזשערוויצעס נאָענטסטע, און דאָ האָבן געזאָלט דיביידע משפחות זיך דערנעענטערן און גלייכצייטיק האָט געזאָלט פאַרווירקלעכט ווערן דאָס, וועגן וואָס ער האָט געחלומט, וועגן וואָס ער האָט געטרוימט, וואָס ער האָט געגאַרט. שוין שפּעטערצו האָט ער אַ סך גערעדט מיט מאַריען וועגן דעם זומער, זי האָט שוין אַפילו זיך גענומען צוגרייטן אַן עקסקורסיע־קאָסטיום, זיי האָבן ניט געקענט קומען צו קיין הסכם בנוגע די לאַטשן, ווייל איר מיינונג איז געווען, אַז אונטערגעקלאַפּטע מיט טשוועקעס זיינען מחויב זיין בעסער; ער ווידער האָט אויפגעוויזן, אַז בלויז אויף גלעטשערס און שניי, וואָס ס'איז אין די טאַטרען ניט פאַרהאַן. זיי האָבן זיך געמאַכט אויך אַ פּראָגראַם פון די עקסקורסיעס, „דיין קוזינע זאָל זיך ניט פאַרמאַטערן”, ווייל די פּזשערוויצעס האָבן ניט געקענט גוט קלעטערן באַרג אַרויף. מאַריאַ האָט וועגן אַלץ געדענקט: אַז פּזשערוויץ האָט ליב מילך מיט קאָניאַק און אַז פרוי לאַאוראַ קליידט זייער ווייס. זי האָט געזאָלט דעריבער נעמען מיט זיך עטלעכע פלעשער גוטן קאָניאַק און פאַר פרוי לאַאוראַ־וועגן אויפנייען אַ טוכן סערדאַקל, אַ לייכטס, אָן פוטער פון אונטן,

אַרוימגעזוימט מיט אַ דינעם גאָלדענעם שלאַק. פון אַלץ האָט זי געוואוסט און וועגן אַלץ געדענקט. אָן וואָס־זשע דען זאָל איך געדענקען, אַז ניט אָן דעם, וואָס איז נוגע דיך און דאָס דייניקע? וועמען־זשע דען זאָל איך פאַרשאַפן פאַרגעניגן, אַז ניט דאָס דייניקע? — האָט זי געזאָגט. — מיר זיינען ביידע יתומים און ס'איז נייטיק מיר זאָלן זיך שאַפן אַ משפחה־קרייזל, אין וועלכן ס'זאָל אונז זיין וואַרעם. אחוצדעם, אַזוי ווי כ'האָב ליב דיך, האָב איך אויך ליב די אַלע, וועמען דו האָסט ליב, און אַזוי ווי כ'האָב דיך זייער ליב, ווייזט זיך מיר דיין משפחה אויס כמעט נענטער, ווי מיין אייגענע. וועסט זען, ווי אונז וועט זיין ליב און גוט, דו, דיו! די לאָראַ מוז זיין אַ וואונדערלעכע, כ'בין ממש פאַרקאָכט אין איר. כ'האָב מורא, כ'וועל זיין צו איר אייפערזיכטיק, אָבער אַבי ס'זאָל דיר גוט זיין, האָב איך זי ליב מער פאַר מיר. כ'פריי זיך אַזוי, וואָס כ'וועל זיין דאָרט מיט דיר, אַז דו וועסט מיר ווייזן אַלץ, אַז כ'וועל דורך דיינע אויגן קוקן, דורך דיין נשמה פילן! מיר וועלן פליען הויך, אמת, מיין טייערער? דו וועסט מיך אויף די פליגל נעמען און אינדערהויך טראָגן, דורך דיר וויל איך זיך אויסלערנען דענקען און זען. קען דען זיין אַ גרעסערער גליק, ווי זיין מיט דיר, מיט אַזאַ מענטש ווי דו, ווייט פון טאָג־טעגלעכן לעבן, אין אַזאַ וועלט, ווי דאָרטן איז?

דערווייל אָבער איז זי, ציענדיק נאָך זיך די לייבגוואַרדיע, געפאָרן אין אַ פּאָר חדשים אַרום ערגעץ אין די בעדער, וואו זי האָט געמוזט זיך וויילן, ווי מען קען אין אַזאַ געזעלשאַפט זיך וויילן, ד. ה. ווי אַ ליאַדע פשוטע קאָקעטע, ווייל ביי אַן אַנדער פרוי וואָלטן די לייט קיין לייבגוואַרדיע ניט זיין, ווייל פון אַן אַנדערע, אַפילו אַ שענערע פאַר איר, וואָלטן די לייט תיכף נאָכן ערשטן פּרוב אַנטלאָפן. אַ באַנדע פאַוויאַנען און דאָס איז איר לייבגוואַרדיע! ער האָט זי געגאַרט, געגאַרט מיט דער גאַנצער ווילדער סענסואַליטעט פון זיין נאַטור. ער האָט געגאַרט זי אַזוי, ווי אַ מאַנסביל גאַרט אַ פרוי, אָבער די האָבן פון איר געמאַכט... זי באַהאַנדלט ווי זייערס אַ בשותפותדיקע מעטרעסע!... דאָס בלוט האָט געזידט אין

אים און ער האָט די נעגל אין די הענט אַריינגעזעצט, און זי האָט זיך געוויילט אין געזעלשאַפט, פשוט ניט באַנומען...

ער האָט פאַר זיך אַליין ניט געוואָלט דאָס וואָרט אַרויסריידן... און אפשר האָט זי זיי געגעבן רעכט דערצו מיט איר פירונג און צוגעגעבן חשק... ס'איז זיכער אַזוי געווען, אָבער דאָס איז ניט געווען איר שולד — אַזוי האָבן זי דערצויגן אירע מומעס, די פאָזשעלסקיס, וואָס האָבן איר געזאָגט, אַז אַ פרוי מעג קודם כל אַלץ שוין דערפאַר, וואָס זי איז אַ פרוי, אַז דער איינציקער ציל אין אַ פרויס לעבן איז געפעלן וואָס מער מאַנסלייט, און צו דעם איז יעדער מיטל גוט, מען דאַרף נאָר צופיל ניט אַנטקעגנקומען זיי, אַז אַ פרוי דאַרף שטרעבן פאַר יעדן פרייז צו הערשן איבער מאַנסלייט, וואָס מען קען צומלייכטסטן דערגרייכן, רייצנדיק זייערע נידריקסטע אינסטיקטן. און אין אַזאַ חבריה האָט דער גורל אַריינגעשליידערט מאַריאַן, וואָס האָט פאַרמאָגט אין זיך אַלע באַדינגונגען צו זיין ווי אַ ווייסע סטאַטוע פון מיידלשער שיינקייט. און אין דער פרוי, וואָס האָט געהאַט אין זיך צוויי נשמות, איינע די איריקע, וואָס ס'איז געבראַכט פאַר דער וועלט, אַ צווייטע, וואָס ס'האָט איר די אויסרעכענונג און די סביבה געגעבן — האָט זיך אַ כאַאָס געשאַפן, אַ ווירוואַר פון גוטס און שלעכטס, אַ געמיש פון איינגעבוירענע איידעלע אינסטינקטן און אויפשוואונגען, מיט שמוץ פון באַגריפן וואָס מען האָט זי אויסגעלערנט, מיט שמוץ פון געפילן, וואָס מען האָט איר איבערגעאימפט פון זיך, פון זייערע דורכשניטלעכע, אַלגעמיינע, געוויינטלעכע מענטשלעכע נשמות, וואָס זיינען דער פאָן פון דער געזעלשאַפט, און וועלכע היינע האָט אַזוי טרעפלעך כאַראַקטעריזירט.

Doch wenn wir im Kot uns fanden,
Da verstanden wir uns gleich.

און אָן דעם כאַאָס, אָן דעם ווירוואַר, אָן דעם געמיש האָט זיך זיין לעבן צעשמעטערט...

צודריקנדיק די אויגן מיט זיינע פויסטן, האָט ער זיך איבערן טיש אַריבערגעבויגן, און אין ברוסט איז געוואַקסן ביי

אים עפּעס אַ גרויס געוויין איבער זיך אַליין, אַזאַ אומגליקלעכן, און איבער מאַריאַן, אַזאַ תל געמאַכטער, אַזאַ אַנדערער, ווי זי איז מסוגל געווען צו זיין, איבער דעם מיידל, וואָס האָט געקענט זיין אַ מין גרעסטער גנאָד און אומגעהייערע מתּנת אלהים, און איז גע־ווען — אַ „פּולק־קינד" פון אַזעלכע לייט; וועלכערס באַשטימונג ס׳איז געווען צו באַגליקן אַ מענטש, און וועלכערס גרעסטע אַמ־ביציע ס׳איז געוואָרן צו זיין קיניגין פון עפּנטלעכע בעלער! וועלכערס ציל ס׳איז געווען אויסבלאָזן די מענטשלעכע נשמה און וועלכערס באַשעפטיקונג ס׳איז געוואָרן קאָקעטירן אָן אַ פגימה... און דאָס איז זי, זי, זיין מאַריאַ!

פלוצלונג, עפּענענדיק שנעל די טיר קעגן זיין געוויינהייט ניט אָנקלאַפּנדיק פריער, איז אַריין טענזשעל, רויט פון קעלט, מיט אַ מינע, וואָס מען האָט, ווען מען ברענגט אַן אומזיניקע ידיעה און פון וועלכער עס פּאַסט עפּעס ניט, אָדער מען דאַרף זיך ניט פרייען.

— אַנטשולדיק, וואָס כ׳גיי אַזוי אַריין — האָט ער געזאָגט, דערלאַנגענדיק רדזאַוויטשן די האַנט—כ׳האָב דיך אין ערגעץ ניט געקענט געפינען, שטעל זיך פאָר...

— כ׳זע, אַז דו קומסט מיט עפּעס צו גיין — האָט אים אי־בערגעריסן רדזאַוויטש, באַמיענדיק זיך צו מאַכן אַזאַ מינע, אַז מען זאָל ניט דערקענען דעם איינדרוק פון די פריערדיקע מחשבות.

טענזשעל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און עפּעס ווי פאַרשעמט פאַר זיך אַליין פון דעם, וואָס ער וויל מיטטיילן, געזאָגט:

— דו ווייסט גאָרניט, ווי דאָס לעבן איז מאָדנע... נו, שטעל זיך פאָר, אַז מיר, דערהויפּט דיר קומט אויס צו מאַכן גע־שעפט אויף דרעווסקיס טויט.

— ווי הייסט? —האָט געפרעגט רדזאַוויטש פאַרוואונדערט.

— אַזוי. סטאָסלאַווסקי וויל שטעלן אַ מצבה דרעווסקין און באַשטעלט זי ביי אונז. מיר קענען פאַרדינען, אָבער ווי ס׳וואָלט עפּעס באמת אָפּשטויסן פון דעם פאַרדינסט. ניין? כאָטש פון דער צווייטער זייט, וואָס? וואָס האָט עס איינס צום אַנדערן? קאָ־כאַנאָווסקי האָט דאָך נאָך זיין טאָכטערס טויט די Treny געשריבן...

— אָבער קיין האַנאָראַרן פאַר זיי ניט גענומען. כ׳פאַרשטיי זייער גוט, וואָס דו פילסט, אָבער אין דער אמתן, וואָס האָט איינס צום אַנדערן? וואָס־זשע האָסטו געטאָן ביז איצט? האָסט אַראָפּגענומען אַ מאַסקע?

— אַראָפּגענומען. אַ, סאַר אַ אומאָנגענעמע אַרבעט! כ׳וואָלט עס שוין קיינמאָל ניט געוואָלט טאָן. הער אָבער. ס׳איז געשען אַזוי. ווען דו ביסט אַרויס, זיינען מיר געבליבן לעבן פּרוי דרעווסקאַ. כ׳ווייס ניט ווי לאַנג, אפשר אַ שעה צוויי, האָט זי געקניט פאַר דרעווסקיס קערפּער אָן איין ריר, אָן איין ציטער אַפילו. כ׳האָב איצט ערשט פאַרשטאַנען ניאָבעאַס פאַרשטיינערטקייט. מיר זיינען אַלע אַזוי געשטאַנען, ווי דו האָסט אונז איבערגעלאָזט, ס׳האָט קיינער ניט געוואַגט זיך רירן, ניט געוואַגט אַ ציטער צו טאָן. דער דאָקטאָר האָט ניט באַדאַרפט פעסטשטעלן דעם טויט דורך אונטערזוכן; ער האָט אים דאָך געזען. מען האָט אַ ווײַלע געקוקט, עפּעס פאַרשריבן און אַוועק. מישאַ האָט דאַן ערשט אַנידערגעקניט לעבן פּרוי דרעווסקאַ און גענומען ניט דרייסט איר די הענט קושן, און נאָכדעם זיך צעוויינט, זיך איינגעבויגן און אָנגעהויבן איר די פיס אַרומגעמען. דעמאָלט האָט זי זיך ערשט אַ ריר געטאָן, איר קאָפּ איז אַרונטערגעפאַלן פון זיין ברוסט צו די קני און זי האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געוויין... איז דאָס, זאָג איך דיר, געווען אַ געוויין! מיר האָבן אַלע מיטגעוויינט, סטאַסלאַווסקי האָט אַזש פון צימער געמוזט אַרויס. כ׳האָב געמיינט, זי וועט דאָרט שוין איר לעבן אויסוויינען און לעבן דעם זונס טויטן קערפּער אַליין אויך פאַלן...

ער האָט אַ קעגן אַ ווײַלע אויפגעהערט ריידן, ווי ס׳וואָלטן די טרערן אין דער שטים זיך אַריינמישן, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, אַ צי געטאָן, אָפּגעזיפצט און אָנגעהויבן ריידן ווייטער, שטילער, ווי פריער....

— מישאַ און פּושערוויץ האָבן זי דעמאָלט אַוועקגעפירט פונם דיל צו דער קאַנאַפּע צו. זי האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, אויפגעהערט וויינען און אַזוי ווידער געזעסן אומבאַוועגלעך, ביז זי האָט זיך אָפּגערופן; דאָס זיינען געווען די־

ערשטע ווערטער אירע: „כ׳וועל אַפילו ניט האָבן פאַרוואָס אים אַ צלם צו שטעלן אויף דער דאָזיקער ניט געהייליקטער ערד״... ס׳איז אין איר שטים געווען אַזאַ ווייטאָג, אַז כ׳האָב געמיינט, עס וועלן אונז אַלע די הערצער פּלאַצן. אָבער סטאָסלאַווסקי, וואָס איז ווידער געהאַט צוריקגעקומען, גייט צו איר צו, שטעלט זיך אויף די קני און זאָגט: „ער וועט האָבן אַ צלם, זייט רואיק״... נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעהויבן, תיכּף צו מיר צוגעגאַנגען און געזאָגט שטילערהייט: „הער טענזשעל, ס׳האָט מיר איצט אַ שפּריץ געטאָן נאַפט אין גאַליציע, האָב איך אַ פעטערע מטבע, וואָלט איך וועלן, אַז דער אָרימער דרעווסקי זאָל האָבן אַ שיינעם דענקמאָל; זאָל דאָס כאָטש האָבן פאַרן זון־וועגן די אומגליקלעכע פרוי. אפשר וואָלט איר געמאַכט, איר, אָדער רדזאַוויטש, אָדערביידע צוזאַמען; לאָמיר אויסרעכענען די הוצאות און גיט אייך תיכּף אַ נעם פאַר דער אַרבעט״. כ׳האָב אים געענטפערט, אַז דאָרט, וואו ס׳איז פאַרהאַן אַן אויסוואַל צווישן מיר און דיר, וואָלט נאָר אַ בלינדער מיך אויסגעקליבן, און אַז דו וועסט אַוודאי מסכּים זיין, און איך וועל דיר צוהעלפן. וועסט אים אַלזאָ דעקן דעם חוב, ווייל כ׳ווייס, אַז דאָס מאַכט דיך פאַר אים שעמעוודיק, און אַ פּאָר טויזנט רובל דערצו וועסטו נאָך פאַרדינען. דער דענקמאָל דאַרף זיין אַ גרויסער און האָסט זיך מיט קיין זאַך ניט צו רעכענען, אַלץ ווענדט זיך אָן דיר.

— מען וועט דאַרפן אַראָפּברענגען פיינעם מאַרמאָר — האָט געזאָגט רדזאַוויטש, אין וועלכן ס׳האָט זיך אָפּגערופן דער קינסטלער, און וועלכנס פאַנטאַזיע ס׳האָט שוין גענומען אַרבעטן.

— אַז וועסט האָבן עפּעס אויסגעקאָמפּאָנירט, וועסטו דעם פּראָיעקט ווייזן סטאָסלאַווסקין.

— וואָס איז דאָ צו קאָמפּאָנירן? כ׳וועל אויף אַ טרומנע אַרויפוואַרפן אַ מלאך, וואָס נעמט מיט די פליגל די טרומנע אַרום. אַלץ ווענדט זיך אָן דעם, ווי אַזוי עס וועט געמאַכט ווערן.

— זאָלסט געווען זען — האָט ווייטער געזאָגט טענזשעל — ווי די מישיאַ איז אומגעגאַנגען אַרום דרעווסקין! ס׳אַר אַ איידלקייט אין איר איז געווען, ס׳אַר אַ האַרציקייט און ס׳אַר אַ גוטס-

קיים! און ווי אַזוי סטאָסלאַווסקי האָט זיך באַצויגן צו איר! ער האָט כסדר נאָר געטראַכט, ווי אַזוי איר די אבידה זיס צו מאַכן.

ווער עס רעדט עפּעס אויף די סטאָסלאַווסקיס, איז אַ הונט. כ׳האָב כסדר דאָס און יענץ און קען, ווייסטו, בשום אופן ניט פאַרשטיין, וואָס לייט וואַרפן זיך קודם כל אויף מישיאַן, ווייל זי איז אַ גוטע. היתכן, ווי קען עס אַזאַ פרוי זיין אַ גוטע. ס׳קומט אויס, ווי אויף צו זיין גוט איז מען מחויב ערגעץ אַרויסצובאַקומען אַן אָפיציעלן פּאַטענט. מישיאַ איז גוט ראשית דערפאַר, וואָס זי איז אייך אַזוי געבאָרן געוואָרן, איבעריקנס, לעבט זי מיט סטאָסלאַווסקין, וואָס האָט אַזאַ גוט האַרץ. זאָג מיר, ווער זיינען דיינע פריינד, וועל איך דיר זאָגן, ווער דו ביסט. לייטן שטעכט אָבער אויס די אויגן, וואָס די סטאָ־סלאַווסקיס לעבן גוט, און האַלטן ניט פאַר נייטיק אויף זיי זיך אומצוקוקן אַפילו. וואַרפן ווידער שטיינער אין זיי קען מען אויך ניט, מחמת חוץ דאָס איינס, וואָס זיי לעבן ניט חתונה־געהאַטערהייט, האָבן זיי ניט קיין שום חטאים אויף זיך. פאַר דעם ווידער האָט מען זיי שוין אַזוי פאַרשיט, אַז מער גייט עס שוין ניט. איך נעם פון זיי לגמרי ניט אַראָפּ קיין מוסר־השכל פאַר אַנדערע, כ׳וואָלט אַפילו זאָגן, אַז נאָך מיין פּויערישן שכל נאָך, טוען זיי שלעכט, וואָס זיי האָבן ניט חתונה, ווי גאָט האָט גע־באָטן, קוים האָבן זיי זיך ליב... כ׳מוז אָבער מודה זיין, אַז ס׳איז מיר אַ סך ליבער אַ גוט האַרץ אָן פּרינציפּן, איידער אַ געמיינער יונג מיט פּרינציפּן.

— פּרינציפּן, פּרינציפּן — האָט אַ מרוק געטאָן רדזאַוויטש, ווי צו זיך אַליין.

— נו, אַוודאי, דאָס מענטשלעכע גוטסקייט איז עלטער, ווי די דינים פון מאָראַל, כ׳ווייס ניט, ווי דו קוקסט דערויף: איך זאָג דיר, זיי דאַרפן ניט אַזוי לעבן, ס׳איז אַן עבירה און אַ חילול־השם; זיי זיינען מיר אָבער ליבער אַזוי, ווען זיי טוען גוטס, ווי ווען זיי וואָלטן חתונה געהאַט אַפילו אין רוים און גע־טראָגן אַ שטיין אין בוזעם פאַרן מענטשלעכן ביטערן מזל. ניין, זאָגסטו?

— יאָ, ס'זיינען אָבער פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס זיי דאַכט זיך אויס און דאָס גאַנץ אויפריכטיק, אַז ס'איז אַ סך ערגער אַזוי ווי זיי צו לעבן, ווי קיינמאָל קיינעם קיין גראָשן ניט געבן. מענטשן האָבן זיך זייערע באַגריפן פון מאָראַל, זייער עטיק, האָט געזאָגט רדזאַוויטש.

— באַגריפן פון מאָראַל, עטיק — האָט איבערגעחזרט טענזשעל. — עטיק, איז אַ גרויס וואָרט, מען זעט אָבער, אַז מען קען אַמאָל זיין „אוממאָראַליש" און גוט און...

— מען קען אָבער—האָט אים רדזאַוויטש איבערגעריסן— זיין אַ טיפש, וואָס פאַרשטייט דאָס ניט, ווייל ער פאַרשטייט בכלל גאָר־ניט, אָבער מען קען ניט ניט פאַרשטיין דאָס, אַז עפּעס איז זיך מתרחק אויסערן גבול פון אונזער געדאַנקען־קאָמבינאַציע, אַ זאַך וואָס מאַכט זיך מיט די אינטעליגענטסטע מענטשן אַפילו, אָדער, ענדלעך, ניט וועלן פאַרשטיין, לשם די אייגענע פרינציפּן, די פּשוטסטע זאַך.

— עי, וואָס גייט עס דאָרט סטאָסלאַווסקין אָן! — האָט געזאָגט טענזשעל. — ער וואָלט זיך דאָך געקענט אַפילו אין סאָ־דע־וואַסער וואַשן, אָדער אין וויין, ער זאָל וועלן. צוויי מינים מענטשן מעגן טאָן אַלץ אין דער וועלט: די וואָס זיינען אַזוי רייך, אַז קיינער קוקט ניט אויף זיי און די, וואָס זיינען אַזוי רייך, אַז זיי קוקן אַליין ניט. ס'זאָל אים אָבער עמיץ צוריידן חתונה האָבן, וואָלט עס גוט געווען. ביי אונז אין דאָרף וואָלט מען זיי אַזוי ניט געלאָזן.

רדזאַוויטש האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און דערנאָך אַ פרעג געטאָן:

— דרעווסקי האָט זיך שנעל געביטן נאָכן טויט?

— אַ שנעל — האָט געענטפערט טענזשעל. — אַלץ איז ווי איינגעפאַלן אין אים. ווייזט אויס, ער איז שוין אַזוי געהאַנגען אויפן לעבן, ווי אַ טשוואָק אויף אַ פאָדעם און כ'מיין, אַז דער סם האָט דאָרט שטאַרק זיך מטריח זיין ניט באַדאַרפט.

— און דער אויסדרוק פון רואיקער אַפּאַטיע איז אויפן פנים פאַרבליבן?

— פאַרבליבן.

רדזאַוויטש האָט זיך ווידער פאַרטראַכט. טענזשעל האָט א זאָג געטאָן:

— אָט־אָ דער האָט זיך שוין יאָ געמאַכט פון טויט, ווי א בלינדער פון א לאָמפּ. אַזוי אַוועק אין טרומנע אַריין, ווי אין בעט אַריין נאָך א כּוסע.

— א שרעקלעכע דרייסטקייט — האָט א מורמל געטאָן רדזאַוויטש מיט א האַלבער שטים.

— דרייסטקייט? — האָט איבערגעחזרט טענזשעל. — אָדער שרעקלעכע פּחדנות. איבעריקנס, מיין ראָמעק, וואָס פאַר א קונץ איז ניט מורא צו האָבן, ווען עמיץ האָט ניט מורא און דערצו נאָך אַזוי ווי ער? וואָס עס וואונדערט מיך באמת, דאָס איז די דרייסט־קייט פון זיין טאַט לגבי דער מוטער און דאָס, וואָס ס'איז אים אויפן רעיון ניט געקומען, אַז איר וואָלט ליבער געוועז ניט נאָר פאָרן אויף דער קעלניע ביי פּרוי שוואַלבע, נאָר אַפילו די רעדער פון דער קאַרעטע וואַשן, גיין אַפילו פאַרן קאָסטיאָל נדבות בעטלען, איידער צוצוקומען צו א רוּאיק לעבן א דאַנק דעם זעלבסטמאָרד פון זון, וואָס האָט זי איבערגעגעבן דער השגחה פון גוטע מענטשן. ער האָט עס געקענט פּונקט אַזוי גוט טאָן ניט נעמענדיק זיך דאָס לעבן. ער האָט זיך ניט באַדאַרפט שעמען, ווייל זי האָט געקענט אויף א געהעריקן אופן אַרבעטן. אויף מיין וואָרט, ער איז דאָך שוין דאָרט ביים בית־דין של־מעלה, ער זאָל אָבער אויפשטיין תּחית־המתים, וואָלט איך אים געהייסן קודם־כּל פּופּציק שמיץ אַריינלייגן.

רדזאַוויטש האָט לייכט א שמייכל געטאָן:

— דו באַציסט זיך ממש שרעקלעך צו מענטשן — האָט ער געזאָגט.

— אוודאי אַזוי! אפשר זאָל איך אים נעמען אַנאַליזירן? — האָט געענטפערט טענזשעל אַן אויפגערעגטער. — ער איז געווען א ליידיקגייער און א לומפּ, זיך איבערגעזעטיקט מיטן לעבן, אָפּ־געמעקט אין זיך די אמונה...

— ער האָט ניט געמאַכט אויף דיר קיין איינדרוק מיט זיין רואיקער באַציאונג צום טויט? — האָט אים איבערגעריסן רדזאַוויטש.

— טפו! — האָט אַ זידל געטאָן טענזשעל. — ביי דיר אין מוח איז אויך עפּעס ניט גלאַטיק. פאַרשטייט זיך, אַז בשעת־מעשה האָט עס מיך געריִרט ווי יעדער טויט בכלל, אָבער וואָס פאַר אַ קונץ איז אַראָפּצוגיין אין קעלער אַריין אָן אַ מאַנטל, ווען די קעלט אַרט דיך ניט? אויב ביי עמיצן איז אַזוי אַטראָפּירט, ווי מען זאָגט אין דער מעדיצין, דאָס געפיל פון פּחד פאַרן טויט און ס'איז ביי אים אַזוי אַטראָפּירט דאָס הארץ צו דער אייגענער מוטער, ווי ביי דרעווסקין, זאָל איך אים, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, כ'זאָל ניט זינדיקן מיט די רייד, אַ האַלב משוגע־נעם, און האַלבן עגאָאיסט, וואָס דאַרף אָפּגעשטויסן ווערן, זאָל אים דאָרט די ערד גרינג זיין, de mortuis nil, nisi bene...

טענזשעל האָט איבערגעריסן און אַ ביסל אומרואיק זיך אומגעקוקט אַרום זיך... רדזאַוויטש ווידער האָט שווייגנדיק מיט אַ קרייטל געצייכנט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר טרומנעס, און אויף זיי זיצנדיקע באַפליגלדיקע מלאכים.

— דו ביסט ניט אינגאַנצן מסכּים מיט דעם, וואָס איך זאָג—האָט זיך אָפּגערופן טענזשעל אין אַ ווײַלע אַרום.

— ווייל דו נעמסט אַ מענטשן אַזוי, ווי דאָס וואָלטן גע־ווען צוויי שוועבעלעך צונויפגעלייגטע ווי אַ צלם, אין דער צייט, ווען אַ מענטש איז ווי אַ ים, אויף וועלכן עס שווימען שיפן. דו זעסט די כוואַליעס וואָס וויגן זיי, קענסט זען דעם שטורעמווינט, וואָס וועט זיי דערטרינקען. אָבער פאַרוואָס איז אויפן ים דווקא אַזאַ, אָדער אַנדער באַוועגונג, דאָס ווייסטו ניט און שוין ווייסטו סוף־כּל־סוף טאַקע, פאַרוואָס די שיף האָט זיך געוויגט אָדער דערטרונקען געוואָרן, אָבער ווייסטו ניט פונוואַנען דאָס האָט זיך גענומען.

— ווייל ס'האָט געבלאָזן דער אָדער יענער ווינט?

— און פונוואַנען קומט עס, וואָס דער ווינט האָט זיך געביטן?

— צוליב אַטמאָספערישע סיבות.

— און די סיבות?

— ווידער פון אַנדערע סיבות.

— און יענע סיבות?

— האָבן אויך געהאַט זייערע סיבות — האָט געזאָגט טענזשעל, פילנדיק, אַז ער פּאַרלירט דעם באָדן פון אונטער די פיס אַפּער.

— און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער, און לסוף ווייסטו, פונוואַנען דאָס אַלץ האָט זיך גענומען?

— איך ווייס — האָט שנעל געענטפערט טענזשעל, פילנדיק אַז ער וועט סוף־כל־סוף אַרויסקריכן פון פּלאָנטער — פון גאָט.

רדזאַוויטש האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, נאָכדעם גענומען אַ שטיקל פּאָסט־פּאַפּיר פון פּודעלע אַרויס און איינטונקענדיק די פען, אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף די הענט. טענזשעל ווידער האָט גיכער מיט אַ האַלבער שטים, ווי צו זיך אַליין, געזאָגט: אויב מען זאָל אַרויסגיין פון דער הנחה, וואָס איך, איז דער מענטש אַזוי פּשוט, ווי צוויי שוועבעלעך, צונויפגעלייגט ווי אַ צלם. — רדזאַוויטש האָט אויף דעם, צולייגנדיק די פען צום פּאַפּיר און אָנהייבנדיק שרייבן, געענטפערט אויך מיט אַ האַלבער שטים: און איך זאָג דיר, אַז פון וואָס פאַר אַ הנחה מען זאָל ניט אַרויסגיין, איז דער מענטש אַזוי ווי דער ים.

— און קאָנאַזשעווסקי אויך? — האָט אַ מרוק געטאָן טענזשעל ניט דרייסט, אָבער צופרידן, וואָס דאָס איז אים געקומען אויפן רעיון.

דערנאָך איז מען געזעסן אַ לענגערע צייט אין שטילשווייגן, ביז רדזאַוויטש האָט, פאַרענדיקנדיק דעם בריוו, געזאָגט:

— כ'האָב אָנגעשריבן צו לאַנאָווסקין קיין פלאָרענץ. ער איז ייִנגער, אָבער ער איז אַ מבין און וועט אויסקלייבן עפּעס גוטס און קויפן און תּיכף אַרויסשיקן. און סוף־כל־סוף איז דאָס לעבן עקלהאַפט. מחמת איצט בלייבט אונז גאָרניט איבער, ווי פרייען זיך פון דרעווסקיס טויט און פון זיין מוטערס יאוש, וואָס האָט סטאָסלאַווסקין געריירט, ווייל מיר ביידע זיינען אָרעם, ווי די נאַכט און דאָ וועט אונז פּלוצלונג אָנהייבן רעגענען געלט אין קעשענע אַריין. אַ שפּיי טאָן אויף דעם אַלעם און זיך אָפּקערן.

— ס׳איז ניטאָ קיין רעה, פון וועלכער ס׳זאָל ניט אַרויס־קומען קיין טובה, — האָט ער באַמערקט, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אויף דעם, וואָס עס זאָגט טענזשעל. רדזאַוויטש האָט אַ שמייכל געטאָן און כּמעט קעגן ווילן אַ קוק געטאָן אויף אים מיט דער מינע פון אַ אינטעליגענטן מענטשן, וואָס האָט די רגע דערפילט דאָס שפלות פונם צווייטנס אינטעליגענץ און געזאָגט מיט אַ שפּאַ־סיקער, קוים־קוים איראָנישער שטים:

— אַ שיין ווערטל, אָבער האָסט עס אפשר אַ ביסל mal a propos באַנוצט. — דערויף איז טענזשעל שטאַרק צעמישט גע־וואָרן, זיך פאַררויטלט, און וועלנדיק אָפּווענדן פון זיך די אויפ־מערקזאַמקייט, אָנגעשפּיצט די אויערן און געזאָגט:

— הערסט? עס וואָיעט עפּעס אין דרויסן. דאָס דריטע מאָל הער איך שוין, עס וואָיעט.

— אמת טאַקע — האָט געזאָגט רדזאַוויטש, צוהערנדיק זיך — כ׳האָב געזען דאָ עפּעס אַ הונט אונטערן מויער, ווען כ׳בין אַהיים־געגאַנגען, אפשר איז עס ער. מען דאַרף אַ קוק טאָן.

ער האָט געעפנט דאָס פענסטער און אַרויסגעקוקט. ער האָט געוואוינט אויף אַ נידעריקן, ערשטן שטאָק, האָט ער געקענט קלאָר הערן, וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס. אונטערן מויער האָט ער דערזען אַ מענטש, וואָס האָט מיט קאָפּען מיט די פיס באַמיט זיך אַראָפּצושטופּן דעם הונט, וואָס קען זיך ניט רירן, פון טראָטואַר אויף דער גאַס אַרויס.

— וואָס טוט איר דאָרט? — האָט אַ געשריי געטאָן רדזאַוויטש.

— איך בין אַ נאַכט־סטרוזש, כ׳רוים אַראָפּ דעם הונט — האָט אים געענטפערט אַ הייזעריקע, דיקע, באַרבאַרישע שטים פון אונטן.

— לאָזט אים צורו, איר זעט דאָך, ער פגרט.

— ס׳איז מיין רעכט אים אַראָפּצורוימען. וואָס האָט ער זיך דאָ ביי דער וואַנט צו וואַלגערן!

— לאָזט אים צורו זאָג איך אייך — האָט רדזאַוויטש

אַ געשריי געטאָן אויפגערעגט, דערהערנדיק, ווי דער הונט האָט אַ וואָיע געטאָן מיט אַן אָפּשטאַרבנדיקער שטים נאָך אַ פרישן שטויס מיטן פוס.

— וואָס איז עס אייער עסק דאָ צו באַפעלן? — האָט אים צוריקגעשריען דער סטרוזש פון אונטן אַרויף, זעט נאָר דעם אַפּוטרופּס! מיר האָבן שוין גרעסערע געזען! — און ער האָט ווידער אַ שטויס געטאָן דעם הונט מיטן פוס.

רדזאַוויטשן האָט דאָס בלוט אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַריין. ער האָט געכאַפּט אַ באָקסער פון טיש אַראָפּ און צוגע־לאָפן צו דער טיר, אָבער תיכף זיך אומגעקערט, זאָגנדיק: „דאָס וועט גיכער גיין" — געכאַפּט דאָס ליילעך פון בעט אַראָפּ און דערלאַנגענדיק איין עק טענזשלען אויסגעשריען: „האַלט עס" — דעם צווייטן עק אַרויסגעוואָרפן, אַריבערגעוואָרפן איבערן פענסטער.

טענזשעל האָט, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, געהאָרכזאַם צום באַ־פעל, צוגעדריקט אין זיינע שטאָלערנע לאַפּעס דעם עק לייוונט, רדזאַוויטש ווידער איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן פענסטער און בליץ־שנעל זיך אַראָפּגעלאָזט אונטן איבערן ליילעך, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען לענגאויס דעם מויער. ער איז געבליבן הענגען אַביסל איבער דער ערד, אָבער ער איז אַראָפּגעשפּרונ־גען. דער סטרוזש איז אַנטשטומט געבליבן, זיך געטאָן אַ צי צוריק און אַראָפּגענומען דאָס היטל, דערווייל האָט טענזשעל צוגעפּעסטיקט ווי שנעל ער האָט נאָר געקענט דאָס ליילעך צו דער פּוטערינע צו, עס אַראָפּגעצויגן, אַ פּרוב געטאָן און זיך אַוועקגעזעצט אויפן פענסטער.

רדזאַוויטש האָט זיך דערנענטערט צום סטרוזש.

— פּרובט נאָר! — האָט דער סטרוזש אַ געשריי געטאָן אָנטועדיק דאָס היטל און אויסציענדיק די האַנט אויף צוריק צו דערלאַנגען. אָבער באותו הרגע האָט טענזשעל נאָך אַמאָל אַ צי געטאָן דאָס ליילעך, אַ פּרוב געטאָן, אַראָפּגעלאָזט די פיס אין

גאס אַריין און אָנגעהויבן זיך אַראָפּרוקן. אין מיטן וועג האָט זיך דער קנופּ צי אויפגעבונדן, צי געפּלאַצט און טענזשעל איז מיט אַ קנאַק אַראָפּגעפאַלן צוזאַמען מיטן ליילעך אויפן טראָטואַר, אויף זיין גליק אָבער אין אַ קופּע שניי אַריין. ער האָט זיך אויפגעהויבן אָפּגעטרייסלט די הענט און זאָגנדיק: — „וואַרט אויס, דו אויס־וואורף איינער, זע ווי דאָס טוט וויי" — צוגעגאַנגען צום סטרוזש, אַ קוועטש געטאָן די האַנט, מיט וועלכער ער האָט אַרויסגענומען אַ מעסער פון קעשענע אַרויס, דערלאַנגט אים מיט דער פויסט אין קאָפּ אַריין, אַז עס האָט אַזש אָפּגעהילכט און אַ שליידער געטאָן אין שניי אַריין.

דער סטרוזש האָט אָן אַ קללה אַפילו שנעל זיך אָפּגערוקט.

— וואָס וועלן מיר איצט טאָן? — האָט געפרעגט טענזשעל.

לאָמיר נעמען דעם הונט אויפן ליילעך אַרויף און אַריינטראָגן צו מיר. קלינג אָן. זאָל ער כאָטש פגרן אין דער וואַרם.

זיי האָבן פּאַרזיכטיק אַרויפגערוקט דעם געשלאָגענעם הונט אויפן ליילעך אַרויף און צום גרויס פאַרוואונדערונג פון דער סטרוזשקע אים אַריינגעטראָגן אין שטוב אַריין.

— הער, צו בעסטן וועט זיין דערשיסן, זאָל ער זיך ניט מאַטערן — האָט געזאָגט רדזאַוויטש.

— יאָ, אָבער עס וועט ווערן אַ גערודער, מענטשן וועלן זיך אויפכאַפּן.

— ע, ניין, מיין רעוואָלווער שיסט שטיל, איבעריקנס איז דאָ אַרום פּוסט. און ווען ס'זאָל אַפילו עמיץ דערהערן, וועט מען מיר אין פּאָליציי אויך גאָרניט זאָגן, ווייל איך בין מיט אונזער רעווירואָווי באַפריינדעט, כ'האָב אים פון זיין קינדס פאָטאָגראַפיע וואָס איז דאָ ניט לאַנג געשטאָרבן געמאַכט אַ פּאָרטרעטל.

ער האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער פון שופלאָד, אַ צי געטאָן דאָס צינגל און זיך צוגעצילט צום הונטס קאָפּ צו. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַראָפּגעלאָזט די האַנט און יטערדיקער שטים:

— ווייסט, כ׳קען ניט, אפשר דו...

טענזשעל האָט גענומען ביי רדזאַוויטשן דעם רעוואָלווער, אויך זיך צוגעצילט, אָבער אויך אַראָפּגעלאָזט די האַנט און גלייך מיט אים געזאָגט:

— כ׳קען ניט...

און רדזאַוויטש האָט פאַרשטעלנדיק די אויגן אויסגערופן:

— זע, ווי ער בעט זיך ביי אונז רחמים, ער האָט פאַר־שטאַנען אַז מ׳וויל אים הרגענען... און דאָס באַשעפעניש, דאָס אָרעמע, היימלאָזע, אויף דער גאַס געקאָפּעטע באַשעפעניש וויל ניט שטאַרבן, וויל לעבן!...

— הער, אפשר וואָלט ער נאָך זיך דערמינטערט—האָט טענ־זשעל אַ זאָג געטאָן מיט אַ ציטערדיקער גערירטער שטים. — גיב אים עפּעס.

— וואָס האָב איך דען? אפשר האָט זיך דאָרט אַ וואורשטל פאַרוואַלגערט אין שראַנק, ווייל דער סטרוזשקעס קינדער קומען אַמאָל צו מיר עסן. ס׳איז דאָ?

— דאָ.

— גיב־זשע אים; ער עסט? ווייל איך קען אויף אים ניט קוקן.

— ער וויל ניט עסן, ער קען ניט. טרינקען קען ער אויך ניט. ער וועט באַלד פגרן.

— און וויל לעבן! און וויל לעבן, באָדיי נאָך איין רגע! פונקט ווי די אומגליקליכסטע מענטשן! און וואָס איז דאָס אַזוינס דאָס מענטשלעכע לעבן? איך האָב עס היינט צוגעזען.

אין זיין זכרון האָט זיך שנעל אַדורכגערוקט דאָס שטילע גליק פון די פּושערוויצעס, דרעווסקיס טויט, זיין מוטערס יאוש, וועלכערס לעבן ס׳האָט זיך אַ דאַנק דעם זונס טויט באַדאַרפט מאַטעריעל פאַרבעסערן, די סצענע אין רעסטאָראַן, די פיגור פון

קאַפּיטאַן, פון מאַנסביל, וואָס מען האָט גערופן פּיענטאַשעק און פון באָזשעווסקין, זיינע אייגענע רעיונות און געפילן, דער עקל־האַפטער ווילדער און באַרבאַרישער נאַכט־סטרוזש — און אַלץ צוזאַמען, מיטן שטילן טרויעריקן וואָיען פונם הונט, האָט זיך ביי אים צונויפגעמישט אין אַזאַ פאַרצווייפלטן כאַאָס און ווירוואַר, אַז ער האָט פאַרדעקט די אויגן מיט די פויסטן און אַני־דערגעפאַלן מיטן פנים אַראָפּ אויפן קישן, שרייענדיק:

— דאָס לעבן! דאָס לעבן! דאָס לעבן!

פערטער קאַפּיטל.

אין רדזאַוויטשעס אַטעליע איז אַרייַנגעפאַלן די ווינטערדיקע דרומדיקע זון, זייער אַ העלע און הגם פון דער צפונדיקער זייט, דאָך זייער אַ שטראַליקע. עפּעס אַ העלקייט. אַן אויסגעקרישטאָלטע און גילדערנע, האָט זיך אַרייַנגעגאָסן דורכן גלעזערנעם גלאַנץ פון די שויבן אין אַטעליע, אַרייַנברענגענדיק אינעווייניק אַ שפּע ליכטיקייט. דורכן פענסטער האָט זיך אָנגעזען אַ גאָרטן, אַ מין פּאַרק. קאַשטאַנעס, לינדנביימער און קליאָנעס האָבן געגלאַנצט אַקעגן דער זון מיט אייז־פאַרפראָרענעם שניי און פראָסט־הויך, וואָס האָט זיי באַדעקט און זייַנען ווי אויסגעשניצט געוואָרן מיט אַ שאַרפן שטריך אויפן לויטערן, בלאָען, פּראַכטפולן פאָן פון הימל, אויף וועלכן ס'האָט געפלאַמט אַ גרויסע, העלע, פייערדיקע זון.

צווישן די ביימער האָט געהערשט אַ שטילקייט. דאָס גאָלדערנע, זוניקע שווייגן פונם פינקלדיקן אויף דער ערד שניי און פינקלדיקער צווישן די ביימער לופט, איז אין פּאַרק זיך צעגאַנגען, ווי אַ ברייטער טאָן פון קרישטאָל, וואָס קלינגט אָן זילבערנע שטאַבעס. אונטער דער בלויקייט פון רו אויפן הימלדיקן האָריזאָנט האָט געצויגן זיך דאָס אומענדלעכע פאַרחלומטקייט פון דער שלעפעריקער ערד. די ביימער, געוואָרפן אויף די שנייאיקע שטחים, זייַנען געשטאַנען ניט גערירט זיך, הויכע, אייַנגעשטייפטע, באַגלאַנצטע און גלאַנצנדיקע. דער בלויער פראָסט איז געקראָכן אין שאָטן איבער די שנייען און צעגאַנגען געוואָרן אין גאָלדערנעם ליכט צווישן זעאונגען. אַלץ האָט געהאַט אין זיך מעטאַל און עפּעס אַ קלאַנג פון מעטאַל.

איבער די ביימער, פון דערווייטנס און אין ז'ער הויך, האָט זיך אָנגעזען אויפן פאָן פון דער איין זייט סאַפּירענער בלויקייט, וואָס איז ענלעך געווען צו אַן אויסגעשניטענער האַרטער ים-טאָוול, אַ רויטער קאָסציאָל-טורעם מיט אַ פינקלדיקן, אויסגעזילבערטן קעגלפאָרמיקן דאַך, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען אַ צלם, ווי אין שוואַרצן דימענט געשניצט. דער טורעם האָט זיך געטרונקען אין דער בלויער ליכט פון דער צווייטער זייט, וואָס האָט אויסגעזוען ווי מעטאַלענע לופט, ווי שטח פון צעווייעטן מעטאַל, וואָס האָט אומבאַמערקט, ווי אַ ריח, געלויכטן, ווי זי געשמעקט.

די רו האָט זיך פאַרשפרייט איבערן פאַרק און אַ בלויע זוניקע שלעפּערדיקייט האָט אַרומגענומען די ערד. ס'איז געווען שטיל.

ס'איז געווען מאָנטאָג. אין זאַל פון קונסט-מוזיי האָט מען נעכטן, זונטאָג, געעפנט אַ ספּעציעלע אויסשטעלונג פון רדזאַוויטשס אַרבעטן. זי איז באַשטאַנען פונם בילד „וואַמפּיר" און פון דער גיפּסענער גרופּע פון האַלב-נאַטירלעכער גרייס: „דער ליבע-אָרעם-דרוק פון צענטאַוורן".

דעם גאַנצן נעכטיקן טאָג און היינט פון דער פרי אָן איז רדזאַוויטש ניט אַרויסגעגאַנגען מפתח ביתו. וועלנדיק אַפילו אַריבערגיין פון זיין דירה אויפן ערשטן שטאָק אונטן אַראָפּ צו זיך אין אַטעליע, האָט ער זיך פריער צוגעהערט ביי דער אָפּגעלענט טיר, כדי ער זאָל זיך מיט קיינעם ניט באַגעגענען. בעת ער האָט די זאַכן זיינע אַרויסגעשיקט אויף דער אויסשטעלונג, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער שיקט אַהין, אויב ניט קיין מייסטערווערק, איז לפּחות עפּעס אַזוינס, וואָס ס'איז נאָענט צו מייסטערווערק. דערנאָך איז ער צו די דאָזיקע ווערק געוואָרן אַפּאַטיש, אַז טענזשעל האָט שוין געמוזט אין אַלע אונטערהאַנדלונגען מיט דער פאַרוואַלטונג פון דער אויסשטעלונג אים פאַרטרעטן, מחמת ער אַליין האָט זיך ניט געוואָלט ווייזן. אומזיסט האָט טענזשעל צו אים געטענהט, אַז דער קאָמיטעט פון מוזיי האָט „צעעפנט אַ מויל ווי אַ טויער" און אַז אַפילו די ערנסטע פרוי בילעטערין, האָט געטאָן אַזאַ שפרונג אונטער פון התפעלות, אַז

זי האָט אַוש אין די פּיאַטעס" זיך אַ קלאַפּ געטאָן און אַז ער, טענזשעל, „איז אַ חוצפּהדיקער מאָפּס און אַ ניט אַרומגעטעסעטער שפּירהונט". אויב דאָס אַלץ איז ניט אמת. רדזאַוויטש האָט פון הנאה אַ שמייכל געטאָן, באַמיענדיק זיך עס אַרויסצווייזן און געקריגן פיבער.

— כ'זאָל איינס אַזוינס מאַכן, וואָלט איך, אויף מיין וואָרט, אַ לאָך אין שירעם מיט דער נאָז אויסגעבויערט, און דו קריגסט פיבער! — האָט זיך געבייזערט טענזשעל, אָבער רדזאַוויטש איז כסדר געווען דענערווירט און אומרואיק.

זינט ער איז צוריקגעקומען פון אויסלאַנד, האָט רדזאַוויטש געלעבט כמעט ווי אַ פּרוש. אין ערגעץ ניט געקומען, אַפילו ביי די פּזשערוויצעס איז ער פון יענעם מאָל אָן, פון טאָג פון דרעווסקיס טויט, ניט געווען אַפילו. די חברים, וואָס ער האָט געפילט צווישן זיך און זיי אַ גאַנצן תהום, האָט ער באַמיט זיך אויסצומיידן. פאַרשלאָסן גאַנצע טעג ביי זיך, האָט ער פיבערדיק געאַרבעט ביי דער הילף פון טענזשעלן, פון אַלטן „פּיניטאָר" טשעמפּינסקי און נאָך עטלעכע מענטשן. זינט ער איז געקומען קיין וואַרשע ביז סוף פעברואַר, האָט ער אויסגעמאָלט דעם „וואַמפּיר", פאַרענדיקט „די צענטאַוורן", וואָס זיינען אַגב כמעט אינגאַנצן פאַרטיק געווען נאָך פאַר זיין אָפּפאָר קיין אויסלאַנד און אויסגעהאַקט אַ מצבה פאַר דרעווסקין. פאַרנומען אַזוי, איז אים די צייט אַוועק אומבאַמערקט; איבעריקנס האָט זיך רדזאַוויטש איבערצייגט, אַז דאָס איינציקע מיטל צו זיין קראַנקהייט איז פיבערדיקע, גוואַלדיקע אַרבעט, וואָס פאַרשלינגט דעם גאַנצן מענטש און פּייניקט אים פיזיש אַזוי אויס, אַז פאַרן פאַרלאַנג פון אַזוינע מענטשן ווי ער זיך מאָראַליש צו פּייניקן, קלעקט שוין ממש קיין כוחות ניט.

אפשר אַ פערטל שעה האָט רדזאַוויטש וואָס אַמאָל שנעלער געשפּאַנט איבערן אַטעליע מיט די הענט אין די קעשענעס און מיטן קוים־קוים גליענדיקן ציגאַר אין מויל; טענזשעל האָט דערווייל געקלעפּט פון וואַקס אַ קליינעם שדל אין אַ שפּרענקבעקן. פּלוצלונג האָט רדזאַוויטש אַרויסגענומען פון מויל דעם ציגאַר און מיט אַ געשטיקטער שטים אַ פרעג געטאָן:

— הער, טענזשעל... ביסט געווען נעכטן אויף דער אויסשטע־לונג?

— געווען, כ׳האָב דיר טאַקע געוואָלט דערציילן, וואָס מען האָט געזאָגט, לויפסט אָבער אום ווי אַ משוגעגער, ווייס איך ניט, צי ריידן צו דיר, צי ניט? אויף מיין וואָרט, כ׳וואָלט צייטנווייז וועלן, זאָלסט זיין אַ קלענערער, וואָלט איך דיר פּשוט געזאָגט: — הער זיך איין, צו אַלדע שווארצע יאָר, ווען איך רייד צו דיר! — אָבער וואָס טוט מען מיט אַזאַ גרויסן פּריץ, ווי דו? דו ווייסט גאָרניט אליין, וואָס פאַר אַ גרויסער פּריץ דו ביסט!... כ׳בין נעכטן גע־זעסן פון זינט מען האָט אויפגעעפנט די אויסשטעלונג ביז צוויי אַזייגער, דערנאָך האָט זיך מיר פאַרוואָלט עסן; כ׳האָב זיך פאַר־מאַטערט פון צוהערן זיך צום עולם־גולם, ווי אַ פודל פון טאַנצן.

— אָבער ניט אין דעם גייט עס מיר... האָסט דאָרט גע־זען עפּעס באַקאַנטע?... האַ?...

— אַ שאלה, אַ גאַנצע חברה. אַ טייל זיינען אַזוי אַנטציקט געווען.

— כאַפּט זיי דער רוח מיט זייער אַנטציקונג!

— וואָס־זשע ווילסטו?

רדזאַוויטש האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן טענזשעלן, אַ קוק געטאָן אויף אים און באַמיענדיק זיך משמעות ניט אַוועק־צודרייען די אויגן אָן אַ זייט אָדער אויף דער פּאָדלאָגע, אַ פרעג געטאָן:

— מאַריאַ איז געווען?

טענזשעל איז רויט געוואָרן ווי אַ בורעק, זיך צעמישט און פאַרטיפנדיק זיך שטאַרק אין זיין שֶדל, וועלכן ער האָט אויפדאָס־ניי אָנגעהויבן קלעפּן, געענטפערט:

— געווען.

— נו? געזען דיך?

— געזען.

— האָסט דיך געגריסט?

— געגריסט.

— נו?... און... זיך צוריקגעגריסט?

— צוריקגענויגט.

— ווי אזוי?

— אַזוי ווי זי וואָלט ניט געוואוסט גוט, ווער איך בין, צי זי קען מיך, צי ניט? זי האָט מיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט אָן שום אויסדרוק, ווי אַ מויער, און אַ שאָקל געטאָן צו מיר מיטן קאָפּ, ווי אַ פליג וואָלט זיך איר פון איין זייט הוט אַוועקזעצן.

— זי האָט זיך צוגעקוקט צו מײַנע אַרבעטן?

— צוגעקוקט.

— מיט אינטערעס? האָסט באַמערקט?

— כ׳האָב זיך בכיוון געשטעלט ניט ווײַט. אויף דער סקולפּטור האָט זי געקוקט, אָבער צום בילד האָט זי זיך צוגע־קוקט לאַנג.

— נו, וואָס?

— ווייס איך? זי איז געווען מיט פרוי פּאָזשעלסקאַ און מיט עפּעס אַ פרײַלין, אַ גאַנץ דאַרע און אַ הויכע.

— אין וואָס איז זי געגאַנגען אָנגעטאָן?

— אין אַ טונקל־גראַנאַטן פּוטערל ביז דער פיגור, אַרומ־געזוימט מיט שוואַרצע באַראַשקעס און אַ היטעלע פון עפּעס בליש־טשענדיקס, אויך אַ שוואַרצס, מיט אַ ווײַסן וואָאַל.

— און אַ קלייד?

— כ׳האָב ניט געזען.

רדזאַוויטש האָט זיך אומגעדולדיק אײַנגערונצלט.

— געווען עמיץ מיט איר?

— תּחילת זײַנען די דאַמען געווען אַליין. דערנאָך זײַנען געקומען זייערע באַקאַנטע.

— ווער?

— כ׳קען זיי ניט. פריִער איז געקומען עפּעס אַ ברונעטל, מיט אַ שופּנדיק פּנים, גוט אויסגעגאָלט. ער האָט עפּעס גערעדט צו איר, אָבער זי האָט קוים־קוים אַ שמייכל געטאָן. דערנאָך האָט עפּעס אַ ליסער הער אין אַן אומגעהייער הויכן קאָלנער, מיט פּאַ־וואָריטלעך און מיט אַ מאָנאָקל. אים האָב איך געהערט, ווי ער האָט געזאָגט צו איר: Ma foi, דער איינער — — טענזשעל האָט

איבערגעריסן און משמעות איבערדרייענדיק די געהערטע ווערטער, פאַרענדיקט: דער הער רדזאַוויטש איז אַ שטיק יונג מיט טאַלענט... כ׳וועל אפשר קויפן דעם וואַמפּיר. גאָרניט קיין שלעכטע זאַך... ער האָט ניט געענדיקט, בלויז אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ צו דיין נאַקעטער פּרוי צו און אַ קוק געטאָן אויף מאַריען, און זי האָט אָנגעהויבן לאַכן און זיך אויסגעדרייט, אַ ביסל פאַררויטלט.

רדזאַוויטש האָט אַ טופּע געטאָן מיטן פוס און עפּעס אַן אומקלאָרע קללה האָט זיך אים אַרויסגעריסן פון צווישן די צו־נויפגעדריקטע ציין.

— אפשר ווילסטו ניט, כ׳זאָל ריידן, טאָ וואָס־זשע פרעגסטו מיך? — האָט געזאָגט טענזשעל, אָנקוקנדיק מיט אַ פראַגע רדזאַ־וויטשן.

— אַדרבא, רייד!

— אַז ער האָט אַ זאָג געטאָן וועגן דיר, אַז ביסט „אַ שטיק יונג מיט טאַלענט" און אַז דיין וואַמפּיר איז „גאָרניט קיין שלעכטע זאַך", האָב איך געמיינט, כ׳וועל אים צערייסן. אַזאַ אונטערגעע־שאָסענער פויגל, אַזאַ אויסגעגאָלטער מאַפּס וועט זיך אויסדריקן וועגן דיר „אַ שטיק יונג מיט טאַלענט".

— הער, דו האָסט ניט אַלץ געזאָגט. ווי אַזוי האָט ער זיך וועגן מיר אויסגעדריקט?

— ווי הייסט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט? אַזוי, ווי איך זאָג דיר.

— ווי אַזוי?

— הער רדזאַוויטש.

— זאָגסט ליגן, טענזשעל, כ׳בעט דיך, זאָג מיר, ווי האָט ער מיך אָנגערופן?

אונטער רדזאַוויטשעס שנעלן און באַפעלערישן בליק, האָט דער ערלעכער און אמת־זאָגנדיקער טענזשעל זיך צעמישט און ניט געפינענדיק קיין אויסוועג, צונויפגעצויגן די ברעמען און געזאָגט:

— ער האָט געזאָגט אויף דיר: דער דעמיסיאָנירטער פאַרערער...

ביי רדזאַוויטשן האָבן אַ ציטער געטאָן די ליפּן און ער האָט זיך פאַררויטלט. ער איז געשטאַנען איבער טענזשעלן און פאַרזונקען אין אים זיינע שטאָלערנע אויגן מיט די ברעמען, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען ווי אַ בויגן, ווען ער האָט זיי אין דער מינוט אַרויפגעצויגן מיט אַן אויסדרוק פון אַ רויב־פויגל. טענזשעל האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט עפּעס אַ פאַרברעכן אָפּגעטאָן.

— וואָס־זשע האָסטו מיר געהייסן ריידן? — האָט ער אויסגע־שאָסן.

רדזאַוויטש אָבער האָט אין אַ ווײלע אַרום, עפּעס מיט אַ פאַרטויבטן פון אינעווייניקסטן ווײ און צאָרן שטים אַ פרעג געטאָן:

— געוועזן נאָך עמיץ?

— ס'איז געקומען נאָך עפּעס זייער אַ שיינער און זייער שיין געקליידעטער בלאָנדין מיט גרויסע וואָנסן...

— דאָס איז באָזשעוועסקי... האָט אַ מורמל געטאָן רדזאַ־וויטש. — רייד מיר שוין ניט מער.

דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט פון טענזשעלן, צוגע־גאַנגען צום פענסטער און אָנגעלענט דעם שטערן אָן דער שויב. ער איז לאַנג געשטאַנען, ניט אַרויסריידנדיק קיין איין וואָרט, טענזשעל ווידער האָט אָן אַ זין געקנייטשט זיין וואַקסן שדל אין שפּרענקבעקן און אָנגעהויבן קלעפּן אים אויפדאָסניי. אויך אָן אַ זין. אין אַ ווײלע אַרום האָט רדזאַוויטש קורץ אַ פרעג געטאָן:

— ווי זעט אויס מאַריאַ?

טענזשעל האָט אַ ווײלע געשוויגן, ווי ער וואָלט ניט וויסן, וואָס איז בעסער, זאָגן, אָדער ניט זאָגן, און סוף־כּל־סוף געזאָגט:

— נו, פאַרשטייט זיך, גרויסאַרטיק.

רדזאַוויטש האָט נאָך שטאַרקער צוגעדריקט דעם שטערן צו דער שויב און אויפגעהויבן צו אים ביידע הענט אַזוי, אַז ער האָט פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים. ער איז געבליבן אַזוי, ניט רירנדיק זיך, ווי פרוי דרעווסקאַ ביים זונס קערפּער.

— מען קען? — האָט פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן אַ מילדע פרויען־שטים דורך דער אָפּגעלענטער טיר.

— פרוי פּזשערוויץ — האָט אַ מורמל געטאָן טענזשעל, אָפּרייסנדיק זיך פון קאַסטן, אויף וועלכן ער איז געזעסן.

— מען קען? — האָט איבערגעחזרט פרוי לאַאורא.

— ביטע, ביטע — האָט געענטפערט רדזאַוויטש, באַמיענדיק זיך צו פאַרבאָרגן דעם אויסדרוק פון זיין פּנים מיט אַ ליבן שמייכל.

— מיר נוצן אויס אייער איינלאַדונג, הגם ניט תּיכּף — האָט אַ זאָג געטאָן פרוי לאַאורא, אַריינגייענדיק מיטן מאַן אונטער דער האַנט, אַ ראָזע פון קעלט און אַ שמייכלענדיקע. — כ'האָב זיך ערלויבט מיטצונעמען אויך בישאַן.

— ס'פרייט מיך זייער. ביטע, זעצט אייך.

— גוט, תּיכּף. מיר מוזן אייך קודם כּל גראַטולירן! אייער אויסשטעלונג איז וואונדערלעך!

— פּראַכטפול. איר זייט געווען ביזאַהער באַוואוסט, אָבער פון נעכטן אָן זייט איר באַרימט. אַלע ריידן וועגן אייך. איר האָט גאַנץ וואַרשע פאַר זיך אָפן — האָט צוגעגעבן מיט אַ ליבן שמייכל פרוי בישאַ.

— ווייסט, די זאַכן זעען נאָך בעסער אויס אויף דער אויסשטעלונג, ווי דאָ אין אַטעליע — האָט זיך אָפּגערופן פּזשערוויץ, צוגייענדיק צו איינעם פון די בילדער.

— יאָ, ווי דיין דראַמע איז בעסער אַרויס אויף דער סצענע, ווי אין לייענען. איבעריקנס, ווען ביסטו דען ביי מיר געווען? אַן ערך מיט אַ חודש צוריק.

— אָבער וואָס איז עס אייך? ווי איר וואָלט זיין עפּעס אומצופרידן? — האָט אַ פרעג געטאָן פרוי לאַאורא.

— פאַרקערט, מאַדאַם, כ'בין זייער צופרידן. ווי וואָלט איך געקענט זיין אומצופרידן, אַז מיינע זאַכן געפעלן. יעדער קינסטלער איז צופרידן, ווען מען לויבט אים, אמת, יעזשי?

פּזשערוויץ, וועלכער האָט זיך זייער גוט משער געווען, וואָס עס קומט פאָר אין רדזאַוויטשעס נשמה, האָט גאָרניט געענטפערט; ער איז בלויז צוגעגאַנגען צו דרעווסקיס מצבה, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנט און געזאָגט:

— ווייסט, אַז דאָס ווערט וואָס אַמאָל וואונדערלעכער. אַ שרעק, ווי שנעל האָסט עס געמאַכט.

— ס'איז שוין כּמעט ווי געענדיקט, אַרום דער פיגור איז שוין דאָ ווייניק־וואָס צו אַרבעטן. איבעריקנס, האָט דאָך מיר צו־געהאָלפן טענזשעל, טשעמפּינסקי און נאָך דריי סקולפּטאָרן. אַז ניט, וואָלטן מיר קיינמאָל אַזוי גיך ניט פאַרטיק געוואָרן.

פרוי לאַאורא און פרוי בּישאַ האָבן זיך אויפגעהויבן פון די שטולן, וואָס מען האָט זיי דערלאַנגט, און צוגעגאַנגען צו דער מצבה.

— כ'בין געווען שרעקלעך נייגעריק עס צו זעען, כ'האָב אָבער מורא געהאַט, כ'וועל אייך שטערן, האָט אַ זאָג געטאָן פרוי לאַאורא.

דרעווסקיס דענקמאָל, געהאַקט אין מאַרמאָר, האָט רדזאַ־וויטש קאָמפּאָנירט אויף אַזאַ אופן: אויף דער טרומנע, בּענטער צום געשטאָרבענעמס פּיס, איז מיט אַראָפּגעבויגענע קני צו דער ערד, מיט פאַרלייגטע און אַראָפּגעלאָזענע הענט, דריי פערטל פון זייער נאַטירלעכער גרייס, געזעסן אַ מלאך אין אַ צעלאָזענער דראַפּעריע מיט ריזיקע, צעשפּרייטע פליגל, מיט וועלכע ער האָט ווי פאַר־דעקט און פאַרשטעלט די גאַנצע טרומנע פון איין עק ביזן אַנ־דערן. דער קאָפּ איז געווען אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברוסט, די ווייס צוגעמאַכט און דאָס פּנים האָט אויסגעדריקט ניט אַזוי טרויער, ווי טיפע, אומגעהייערע, אומענדלעכע און אומענדלעך שווייגנ־דיקע מחשבות.

— ווייסט, האָסט נאָך אַזוינס ניט געמאַכט — האָט אַ זאָג געטאָן פּזשערוויץ.

— וואונדערלעך, וואונדערלעך! — האָבן געמורמלט ביידע פרויען. אויף טענזשעלן האָט געקוקט אַ שטראַלנדיקע מינע, וואָס האָט אויסגעדריקט: — „קוקט! דאָס איז ער! דאָס איז ראָמאַן רדזאַוויטש!...“

— דאָס איז דער מלאך פון טויט — האָט געזאָגט פרוי בּישאַ.

— ניין, מאַדאַם, דאָס איז דער מלאך פון די, וואָס זיינען געשטאָרבן—האָט געענטפערט רדזאַוויטש.

— און וואָס איז דאָס? האָט אַ פרעג געטאָן פרוי לאַ-אורא, אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף אַ גרויס שטיק ווייסן מאַר-מאָר, אין וועלכן מען האָט געקענט זיך אָנשטויסן, אַז ס'איז אַ זיצנ-דיקע פיגור, ביי וועלכער דער פוס איז פאַרלייגט אויף דער רעכ-טער קני.

— דאָס איז נאָך דערוויל גאָרניט, ס'וועט ערשט זיין „די פאַרסמערין".

— ווי הייסט די „פאַרסמערין"?

— איך האָב אַ טבע פון אַלע מיינע קאָמפּאָזיציעס תחילת אויף אַ טאָוול אָנצוואַרפן מיט קרייד עסקיזן. אַז עס אינטערע-סירט אייך, ביטע.

זאָגנדיק דאָס, האָט ער איבערגעקערט אויף דער צווייטער זייט די גרויסע טאָוול, וואָס איז געשטאַנען מיטן רוקן צו די צושויער אויף אַ געשטעל אין אַ ראָם.

די צייכענונג האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ יונגע פרוי מיט צעלאָזטע לאַנגע האָר, וואָס איר דראַפּעריע האָט פאַרדעקט בלויז די פיס און זיך אַראָפּגערוקט פון דער לינקער בעדרע. די פרוי איז געזעסן אויף אַ מאָכיקן שטיין, אַרום וועלכן ס'זיינען געוואַקסן פאַפּראָטש, און אויף וועלכן עס האָט אינדערהויך-אַרויף זיך געפלאָכטן אַ יונג געפלאַנץ. מיטן רעכטן פוס אָנגע-שפּאַרט איבערן ביין-געלענק פון דער רעכטער קני, האָט זי געהאַלטן אין דער לינקער האַנט אַ שאָל, און מיט דער רעכטער אויסגעדריקט אין איר אַריין זאַפט פון וועלפישע יאַגדעס. דער קאָפּ אירער איז געווען אַ ביסל איינגעבויגן איבער דער אַרבעט, אָבער דאָס פנים האָט מען ניט געקענט אָנזען, ווייל, משמעות, צום ערשטן מאָל אָנגעוואָרפן, איז זי געווען פאַרשמירט דורך עטלעכע שטריך מיט בלויע פאַרב.

— און וואָס האָסטו דאָרט?—האָט אַ פרעג געטאָן פּזשער-וויק, דערנענטערנדיק זיך צו אַ היפשער לייוונט, וואָס איז געווען

אַרויפגעצויגן אויף אַ ראַם, אויך איבערגעדרייט מיטן רוקן צום צושויער.

— דאָס? איך קען דיר ווייזן, ס'איז אָבער ערשט אָנגע־וואָרפן. דאַכט זיך, דאָס וועט זיין מיין בעסט בילד.

ער האָט איבערגעדרייט די לייוונט, האַלטנדיק די האַנט אויף דער ראַם; פרוי לאַאוראַ האָט אַ קוק געגעבן ווי אַ קינד וואָס דערשרעקט זיך, און אויסגעשריען „אַך!"

דאָס בילד האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ צימער, באַ־לויכטן פון אַ ריויקער קאַנדעליאַברע מיט אַ סך ליכט, וואָס זייער שיין האָט זיך אָפּגעשלאָגן און זיך צעשפּאָלטן אויפן גרויסן שפּיגל אויף דער וואַנט. כמעט אינמיטן צימער אונטער אַ טונקל־אַמאַראַנט ciel de lit, מיט ברודיק־געלע שפּיצן, צווישן ברייט צעוויקלטע פאָרהאַנגען, איז, געצייכנט אין קורצע שטריכן, געשטאַנען אַ בעט, אויף וועלכן ס'איז געפאַלן אַ העלע און גרויסע שיין פון די ליכט. לעבן בעט איז אַ מענטש אין אַ גרויען פלאַשטש, כמעט ווי געפאַלן אויף צוריק און גלייכצייטיק אויף די קני, מיט פאַרבראָכענע הענט אויפן שטערן און מיט צעעפנטע אויגן און ליפּן, מיט פאַרביסענע, ווי פון שרעקלעכע יסורים, ציין, אַרויסשטעלנדיק דערביי די ברוסט פאָרויס, ווי ער וואָלט וועלן עמיצן נאָכלויפן. מען האָט פשוט געקענט זען, אַז ער פאַלט איין פון ווילדער פאַרצווייפלונג. דאָס בעט צוזאַמען מיטן מענטש האָט זיך געפונען אויף דער רעכטער זייט פון צושויער, לינקס ווידער פון דער זייט, צו וועלכער ער, דער פאַלנדיקער, איז געווען אויסגעדרייט פון פאָרנט, האָבנדיק לענג־אויס פאַר זיך דאָס בעט און הינטער זיך די קישנס, איז די וואַנט ווי צעשוואומען געוואָרן. און אין אומגעהויערן אָפענעם שטח, אין עפּעס אַ בלאַס־ראָזן מיט גאָלד באַשאָטנטן תהום, איז אַוועקגעגאַנגען אַ פרוי אין אַ ווייס חתונה־קלייד און שלייער, מיט קאַמעליעס אין די האָר, אײנגאַנצן אַ בולטע, אָבער ווי זי וואָלט דערביי דערטרונקען געוואָרן אין דעם בלאַס־ראָזן מיט גאָלד באַשאָטנטן צעשוואום.

אין באַוועגן זיך פון דער פרוי, וואָס האָט געקענט אַזוי גיין אין אין־סוף, אַזאַ שטענדיק ממשותדיקע און נעלם־ווערנ־

דיקע, אַ פרוי אַ ווייזע און אייביק אין דער אומענדלעכקייט גע־זעענע, האָט זיך געפילט אַ פולשטענדיקע גלייכגילטיקייט און פול־קומע רו... זי איז אַוועקגעגאַנגען אין איר חתונה־קלייד מיטן שלייער און קאָמעליעס אין די האָר, ווי אַ שאָטן, אָדער ווי פון אַ ניט לעבעדיקן וועזן... דערווייל איז אָבער אין דעם מענטשן, וואָס האָט געגאַרט איר נאָכפליען און איז אויף די קני געפאַלן, ווי ער וואָלט וועלן איר נאָכשרייען און איז אַרונטערגעפאַלן אויף צוריק, געווען אויסגעדריקט אַ ווייטאָג, וואָס שטייגט אַריבער די מענטש־לעכע כּוחות, אַ תּהום פון יאוש, אַ צעשמעטערונג און צעשטערונג פון אַלץ, וואָס איז מענטשלעך... אויפן בעת הינטער אים, צווישן די אָפענע פאָרהאַנגען און העלן ליכט־שיין מיטן קאָפּ אויפן קישן, איז געלעגן אין אַ שלייער אָנגעטועגער פרויען־סקעלעט, מיט אַן אויסדרוק פון חוזק אויף די ביינערנע קינבאַקן און פינסטע־רע אויגן־גריבער. מיט איין האַנט האָט זי קאָקעטיש געהאַט אונטערגעלעגנט איר פּנים, די צווייטע האָט זי פאַרוואָרפן אויף דער קאָלדרע; די פיס זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען אין שאָטן.

דער איינדרוק איז געווען אַזאַ שטאַרקער און אַזאַ אומ־געריכטער, אַז די פרוי פּזשערוויץ און פרוי בישאַ זיינען שטיין געבליבן אָן ווערטער. רדזאַוויטש, אָנגעלענט מיט דער האַנט אויף דער ראַם פון דער לייוונט, האָט געהאַט אין די שטאָלערנע אויגן עפּעס אָדלעריש, און איז ענלעך געווען אין דער מינוט צו אַ מוזיקער, וואָס הערט זיך איין אינם לעצטן טאָן פון זיין סימפאָניע, בעת די צוהערער זיינען אַזוי אַנטשטומט פון התפּעלות, אַז זיי קענען פּשוט ניט עפענען די מיילער אַ געשריי צו טאָן, און ניט צונויפלייגן די הענט, כּדי צו אַפּלאָדירן.

— וואונדערלעך — האָט ענדלעך אַ מורמל געטאָן פרוי בישאַ.

— שרעקלעך — האָט איבערגעחזרט אויך מיט אַ מורמל פרוי לאַאוראַ.

פּזשערוויץ האָט געשוויגן, און טענזשעל האָט אַ שטראַלנ־דיקער, ווי דער דעלפישער אַפּאָלאָן, כּסדר געקוקט דאָ אויף

איין פנים, דאָ אויפן צווייטן מיט אַ מינע פון אַ טריאומפירנדיקן צעזאַר.

דאָס דאָזיקע בילד הייסט „דאָס פאַרלאָזן" — האָט געזאָגט רדזאַוויטש. — עס לאָזט זיך טייטשן, האַ? כ'האָב מורא, ס'איז צו פיל ליטעראַריש, ניין?

— וואָס רעדסטו?! — האָט אויסגעשריען טענזשעל אַן אויפגעברויזטער. ס'לאָזט זיך טייטשן ווי אַן אָקס!

— ווי אַזוי־זשע טייטשט איר עס אייך אויס, פרוי לאָ־ראַ? — האָט אַ פרעג געטאָן רדזאַוויטש.

— אַז די פרוי האָט פאַרלאָזט אַ מענטש, וואָס האָט זי משוגע ליב געהאַט, און אָנשטאָט איר, איז אים פאַרבליבן...., כ'קען עס ניט אָנרופן, אפשר דער סימבאָל פון איר פאַרלאָזן?...

— יאָ, יאָ — האָט נערוועז אַ זאָג־געטאָן רדזאַוויטש — דער חוזק־סימבאָל פון ניט פאַרנומענעם אָרט, פון חלל, פון חרוב געמאַכטע האָפענונגען און צעטרעטענעם פאַרלאַנג, די שרעקלעכע איראָניע פון דעם, וואָס ער האָט, אָנשטאָט דעם, וואָס ער האָט געוואָלט האָבן און אין וואָס ער האָט געגלויבט, אַז ער וועט האָבן. דער אויסדרוק פון דעם, וואָס ער וועט פילן. איר פאַר־שטייט עס זייער גוט; איבעריקנס, האָב איך געוואָלט דערינען אַריינלייגן מער, ווי דאָס, וואָס די ווערטער פון אונזער לשון און אונזערע אופנים אויסצודריקן געפילן פאַרמאָגן. אפשר וואָלט שאָפען מיר עס אויסגעשפּילט? וואָס זאָגסטו דערצו, יעזשי?

— דאָס, וואָס דו אַליין ווייסט — אַ דונער זאָל דיך טרעפן! אָ! אַנטשולדיקט, מיינע שיינע! ס'איז באמת אַ געניאַל מאָלן!

— אָ, יאָ! — האָט אויסגעשריען פרוי בישאַ. — באמת, געניאַל! ניט אמת, לאָראַ?

פרוי לאַאוראַ האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ, ניט אָפּרייסנדיק די אויגן פון דער לייוונט, רדזאַוויטש ווידער האָט געוואָרפן אַ קוק אויף פרוי בישאַ, אַ שמייכל געטאָן און גע־זאָגט מיט זיין געוויינטלעכער רואיקער שטים:

— ס'איז אַ פנים פול מיט פונקען איר האָט.

פרוי בישאַ האָט זיך צעלאַכט, אַ ביסל פאַררויטלט און איינגעבויגן אַ ביסל דעם קאָפּ מיט דער גרויסער, ליכטיקער צע־פּאַטלטער טשופּרינע, די פּושערוויצעס ווידער האָבן אַ זאָג געטאָן:

— מאָלט זי אָפּ.

— כ׳קען ניט מאָלן קיין פּאָרטרעטן, אין סקולפּטור ווידער וואָלטן די פונקען ניט אַרויסגעקומען — האָט אָפּגעענטפערט רדזאַוויטש מיט אַ שמייכל.

— און דאָס איז אַן עסקיז צום „וואַמפּיר?"

— יאָ, מאַדאַם.

דער עסקיז האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ האַרבסט־לאַנד־שאַפט. דאָס איז געווען אַ געלבלעכע, פאַרוועלקטע לאָנקע און נאָך איר תיכּף ביימער מיט טונקעלע בלעטער. די זון האָט זיך געזעצט און די לעצטע גרויסע, גאָלדענע פאַסן און פלעקן פון פלאַמיקן פונס האָבן געשיינט אויף דעם אומגעהייער לוי־טערן און בלויען הימל. אויף דער לאָנקע איז געלעגן אַ מענטש אין אַ גרויען פלאַשטש, פונקט ווי אויפן פריערדיקן בילד; מען האָט בלויז אָנגעזען דעם שטערן און די אויגן, די רעשט פנים האָט פאָרגעשטעלט אַ פוס פון אַ פרוי, וואָס קניט לעבן אים און איז מיט אַ גוואַלדיק פרעכער באַוועגונג און דרייסטן קער מיט דער זייט אומגעקערט צום עולם. די פרוי האָט גע־האַט פאַטלדיקע טונקל־בלאָנדע האָר. נאָכן מאַנסבילס צוגעמאַכטע אויגן האָט מען געקאָנט דערקענען, אַז ער שלאָפט און נאָך די פאַלבן פון שטערן, נאָך דער באַוועגונג פון קערפּער און נאָכן קאָרטש פון די פינגער — אַז אינם שלאָף ליידט ער שרעקלעך. די פרוי איז גע־שטאַנען אויף די קני, האָט זיך מיט אירע ליפּן און ציין איינ־געפּרעסן אין האַלז און אויסגעזויגט פון דאָרט דאָס בלוט, וואָס האָט טראָפּנווייז אַראָפּגעטריפט אויפן גראָז פון אונטער דער ברוסט אַפער. צווישן די ערשטפלאַניקע ביימער, צווישן די בלוילעכע אין שקיעה־צייט בערעזענע פניאַקעס, האָט זיך אין אַ שוואַרצן מאַנטל מיט אַ שטאָלערנעם סערפּ אין האַנט באַוויזן אַ בר־מינַנישער קאָפּ פונם טויט מיט אַ קאַלטן און גלייכגילטיקן

אויסדרוק. די גאַנצע שטימונג פון בילד האָט געהאַט אין זיך עפּעס אומגעהייער טרויעריקס און דערדריקנדיקס.

— דער עסקיז איז כמעט אַ פאַרענדיקט בילד — האָט אַ זאָג געטאָן פּזשערוויץ.

— ווייל איך האָב פריער געוואָלט דאָס אויסשטעלן. ערשט שפּעטער האָב איך אויפגעמאָלט יענץ, כמעט צוויי מאָל די גרייס.

פּרוי לאַאוראַ האָט צוגעקוקט זיך צו די בילדער און באַמערקט, אַז צווישן די צוויי פרויען און דער פאַרסמערין איז דאָ עפּעס געמיינזאַמס.

— ווייל דאָס איז איין=און=דיזעלבע פרוי — האָט געענטפערט רדזאַוויטש.—דערזעלבער מאָדעל—האָט ער צוגעגעבן, ווי ער וואָלט זיך פאַרריכטן.

פּרוי בישאַ האָט אַ שמייכל געטאָן.

— זי איז זייער שיין, די מויד.

— אָ, יאָ, זייער שיין, די מויד איז אַ סך שענער, ווי איר מיינט—האָט אָפּגעענטפערט רדזאַוויטש, באַטאָנענדיק דאָס וואָרט „מויד".— איבעריקנס, פאָזירט מיר צו דער פיגור עמיץ אַנדערש.

— ווי הייסט, עמיץ אַנדערש?

— איר זעט דאָך, אין „דאָס פאַרלאָזן" זעט מען לגמרי ניט, און אין „וואַמפּיר" זעט מען כמעט ניט אָן קיין געזיכט פון אַ פרוי, ריכטיקער מען זעט זי אַזוי ווייניק אָן, אַז ס'איז אַלץ איינס, וואָס פאַר אַ פנים דאָס איז; אין דער פאַרסמערין ווידער מאַך איך נאָך קיין קאָפּ ניט.

— איז ניט דיזעלבע פרוי וועט אייך פאָזירן צום קאָפּ?

— ניין.

— וואו-זשע וועט איר נעמען אַ מאָדעל?

און עפּעס ווי ניט ווילנדיק זיינען זיינע בליקן געפאַלן אויף ניט גאָר קיין גרויסע לייוונט, וואָס איז געווען איבערגעדרייט צו דער וואַנט. טענזשעל ווידער האָט געוואָרפן פון דער זייט אויף פרוי בישאַ אַ אומצופרידענעם קוק.

די אותו רגע האָט עמיץ אָנגעקלאַפּט אין טיר. ס'איז געװען אַ שליח מיט אַ גרויסן בוקעט אין האַנט און מיט אַ בריװ.

— װאָס איז דאָס? — האָט אַ פרעג געטאָן רדזאַװיטש.

— דאָס האָט מען מיך געהייסן אָפּגעבן הער רדזאַװיטש.

— יאָ, דאָס בין איך. װער האָט עס אייך געגעבן?

— עמיצנס אַ לאָקאַי!

— לייענט איבער דעם בריװ — האָט זיך אַריינגעמישט פרוי לאַאורע, גװאַלטיק פאַראינטערעסירט דערמיט, װאָס דאָרט שטייט און פונװאַנען דער בוקעט איז?

— ס'איז אַ איינלאַדונג אויפן היינטיקן ראַאוט לטובת צדקה־חברות.

— איר הייבט אָן אַריין אין דער מאָדע.

— און די בלומען?

— װעגן די בלומען איז אין בריװ ניטאָ.

— נו, אויב זיי זיינען צוזאַמען געשיקט, זיינען זיי באַטירלעך פון זעלבן מקור. איר װעט גיין?

— ניין.

— אַ שאָד, מען װעט דעקלאַמירן יעזשיס לידער. איך װאָלט װעלן, איר זאָלט זיי הערן — האָט אַ זאָג געטאָן, טרויעריק װערנדיק, פרוי לאַאורע.

— זעט איר... — האָט געענטפערט רדזאַװיטש. — איך קום אין ערגעץ ניט. איר װעט מיר אַנטשולדיקן, איר װייסט, װאָס פאַר אַ גוטער פריינד איך בין יעזשין, אָבער אַריינקומען צװישן דעם גאַנצן המון, צװישן דעם הו־האַ, צװישן דעם געדרענג...

— און עס אינטערעסירט אייך אַפילו ניט צו װיסן, װער עס האָט אייך געשיקט דעם בוקעט? זי װעט דאָך אַװדאי זיין דאָרט, — האָט זיך אָפּגערופן פרוי בישאַ.

רדזאַװיטשן איז דאָס בלוט געקומען אין קאָפּ אַריין, ער האָט אַראָפּגעכאַפּט דעם בוקעט פון טיש אַראָפּ און אים אַ שלײַדער געטאָן אין װינקל אַריין, זאָגנדיק:

— אָט װאָס פאַר אַ װערט דער בוקעט האָט ביי מיר!

די פרויען זיינען שרעקלעך צעמישט געוואָרן, פּושערוויץ און טענזשעל אויך:

אַקעגן אַ ווײַלע האָט געדויערט דאָס אומאָנגענעמע און פאַרלעגנהייטלעכע שווייגן, לסוף האָט בישאַ ניט צו דער צייט און ניט אויפן אָרט, אָבער פּילנדיק, אַז עמיץ מוז דאָך זיך סוף־כּל־סוף אָפּרופן דער ערשטער, אַ זאָג געטאָן מיט אַ געצוואונגענעם שמייכל:

— כּדאַי אײַך צו קאָקעטירן מיט בוקעטן: די דאַמע איז אַוודאי איבערצייגט, אַז איר וועט כאַפּטש מיט איין אָרכידעע אין דער בוטאַניערקע קומען אויפן ראַאוט...

— און איך וועל זיך פאַרשרייבן אין דער לייב־גוואַרדיע — האָט איר איבערגעריסן מיט אַ האַלבער שטים רדזאַוויטש, וואָס האָט זיך נאָך ניט אָפּגעקילט, אָבער זיך שוין אָנגעהויבן שעמען.

פּלוצלונג האָט פרוי לאַאוראַ זיך אָפּגערופן, ווי ס׳רופט זיך אַמאָל אָפּ אַ קינד, וואָס ס׳שטעלט פעסט, אַז ס׳איז עפּעס פאָרגעקומען, הגם אַלע ווייסן דערפון:

— הער ראָמאַן האָט געמאַכט אַ סצענע.

פּושערוויץ און רדזאַוויטש האָבן זיך צעלאַכט, דערנאָך האָט אָנגעהויבן לאַכן פרוי לאַאוראַ און בישאַ און ענדלעך טענזשעל, וואָס איז געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט, מחמת ער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז עמיץ זאָל קענען אין געגנוואַרט פון אַזעלכע עלעגאַנטע דאַמען טאָן עפּעס אַנדערש ווי שיין ריידן און שיין זיך בייגן.

— איך האָב געמאַכט אַ סצענע און איך אַנטשולדיק זיך — האָט אַ זאָג געטאָן רדזאַוויטש, קושנדיק די דאַמען די הענט. — איך בין שלעכט דערצויגן און ווילד, איך אַנטשולדיק זיך שטאַרק, פרוי עליזאַבעטאַ — האָט ער איבערגעחזרט, קושנדיק ווידער די פרוי בישאַ איין האַנט נאָך דער צווייטער.

— איר זייט אַלע ווי ווילדע פערד — האָט אַ זאָג געטאָן פרוי לאַאוראַ און — אָנווייזנדיק אויף פּושערוויצן צוגעגעבן: — און איר האַלט אַז ניט?

פזשערוויץ ווידער האָט אָנגעהויבן דעקלאַמירן:

„כ'זע, ער איז ניט קיין גאָט בלויז פון קריכער,
פון ווערים, וואָס פויזען פון ערד בלויז צרויף,
ער גארט אויך פון אָדלערס דעם פליאיקן וויכער, —
האלט פערד צעצעהיצטע ניט איין אין געלויף!
פון פייער ביי פּאַנצערס די שטאָלצע אַ פעדער,
איז טרערןביים שוועל פון זיין טעמפל אַ שפּאָט,
מיט מעשים נאָר גרויסע בעט איבער אים יעדער, —
כ'פאַל מיטן פּנים פאַר אים צו דער ערד: ער איז אַ גאָט!...“

— רבונו־של־עולם, ווי ניט ענלעך איר זייט צו דער דאָרפישער שלאַכטע!—האָט אַ זיפץ געטאָן פרוי בישאַ.

— אַפילו איך האָב פון די ברידער די שלאַכטע דעגענערירט, איך האָב אַ קורצע נאָז און יעדער אמתער שלאַכטשיק איז מחוייב צו האָבן אַ לאַנגע נאָז, כדי ער זאָל קענען קוקן אויף זיין שפיץ — האָט אַ זאָג געטאָן פזשערוויץ, נעמענדיק זיך פאַר דער נאָז, וואָס האָט געהאַט אַ הייקערל, אָבער געווען אַ ביסל קורץ.

— פאַר דאָס האָט מיין ווייב אַן אמתע ראַסיקע נאָז; אי אַ לאַנגע, אי מיט אַ הייקערל—האָט ער צוגעגעבן, נאָכשפּעטנדיק די אויסשפּראַך פון פרוי לאָראַ.

טענזשעל ווידער האָט, קוקנדיק אויף דער שיינער ראָזער און שמייכלענדיקע פרוי לאָראַ, געטראַכט, אַז די פרוי איז ממש אַ וואונדער און אַז לעבן מיט אַזאַ פרוי איז וואונדערלעך און אַז אַזעלכע האָט רדזאַוויטש באַדאַרפט טרעפן אויף זיין וועג און אַז ער... וואָלט מורא געהאַט אַרום אַזאַ פרוי אומצוגיין, איר שאָטן ניט איבערצוטרעטן.

— ס'גייט עמיץ אין דער אַלעע, עפּעס אַ קליין מענטשל; ווער איז עס?—האָט אַ זאָג געטאָן פרוי בישאַ.

— דאָס איז טשעמפּינסקי, ראָמעקס פּיניטאָר, מאַדאַם — האָט געענטפערט טענזשעל אויסדרייענדיק זיך צום פענסטער.

אין אַ מינוט אַרום איז אין אַטעליע אַריין אַ נידעריק איינ־

געהויקערט מענטשל, מיט שיטערע גראָע האָר, קליינע פאַררויטל־טע אויגן אונטער ברילן מיט האָרנדיקע רייפלעך, מיט שיטערע גראָע פאַרגעלטע פון רייכערן וואָנסן, מיט אַ ציטערנדיקער אונ־טערשטע ליפּ און גאָמבע, אומגעהייער תמימותדיקן, גוטהאַרציקן און אָפּגעשלאָסענעם אין עטלעכע געדאַנקען אויסדרוק פון דעם גערונצלטן און צעקנייטשטן און שלעכט אויסגעגאָלטן פּנים. אויפן האַלז האָט ער געהאַט אַ רויטן פולאַר מיט רעדעלעך פון בראָנז קאָליר, פון וועלכער עס האָבן אַ פערגעשטאַרט שפּיצן פון ניט געקראָכמאָלטן קראַגן און אַ טאַבאַק־קאָלירענער ראָק, אַ לאַנ־גער ביז די קני און פאַרקנעפּלטער כמעט ביז אונטער דעם האַלז, אַן אויסגעריבענער און גלאַנציקער, געקעסטלטע הויזן פון אומבאַ־שטימטן קאָליר און שטיוול צעפּאָרענע און, לגבי זיין וואוקס, געוואַלדיק גרויסע. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ האַרטן פּיל־צענעם הוט, לויט זיין פאָרם זייער אַ הויכער און מיט צו גרויסע ראַנדן, אַמאָל געווען אַ שוואַרצער, אָבער איצט וואו־ניט־וואו כמעט אַ טונקל גרינער, אַ רערשטאָק אויף רויט אָפּגעפאַרבט מיט אַ ביינערנער פאַרגעלטער גאַלקע און אונטערן אָרעם אַ ראָלקע צענויפגעוויקלטע פאַפּירן.

— Bon jour signori, ביי דער סאַמע ערד וואו ס׳איז שטיין געבליבן — האָט ער געזאָגט, אַריינגייענדיק. איך האָב געבערענגט ווייזן, כ׳האָב לעאָנאַרדאָ דאַ־ווינטשיס נייע פאַק־סימיליען.

די אותו רגע האָט ער באַמערקט דורך זיינע ברילן די פּרויען און פּשערוויצן, אויפגעהערט ריידן, קוים־קוים אַ הוסט געטאָן און אומגעלומפּערט און אומדרייסט זיך פאַרנויגט.

הער יאַצעק טשעמפּינסקי סקולפּטאָר — האָט אים רדזאַ־וויטש פאַרגעשטעלט.

טשעמפּינסקי האָט זיך צום צווייטן מאָל פאַרנייגט, און אַרויסגעבאָמבלט: „כ׳פאַל צו די פיס״ — אָדער עפּעס ענלעכס דערצו, און אַ דריק געטאָן, ניט אַוועקלייגנדיק דעם הוט, פּשער־וויצעס האַנט.

— נו, וועל איך אַן אַנדערש מאָל — ביי דער סאַמע ערד

ווי ס'איז שטיין געבליבן — האָט ער אויסגעבאַמקעט און גע־
נומען אַפּציען.

— אָבער רוט אייך לכל־הפּחות אָפּ, איר האָט זיך אַזוי פּאַר
אונז דערשראָקן? האָט לעבעדיק און העפלעך אַ זאָג געטאָן פרוי
לאַאורא, צוגייענדיק צו אים און דערלאַנגענדיק אים די האַנט.

טשעמפּינסקי ווידער האָט, ניט אָוועקלייגנדיק דעם הוט,
אַ נעם געטאָן די קליינע האַנט אין אַ עלעגאַנטער הענטשקע, און
ניט געוואוסט: צי דאַרף ער זי אַ דריק אָדער אַ קוש טאָן; לסוף
האָט ער זי אַ קוש געטאָן, דערנאָך אָפּגעלאָזט און מיט ביידע
לעצטע פינגער פון דער רעכטער האַנט און מיט דריי פון דער
לינקער, אין וועלכער ער האָט געהאַלטן דעם שטעקן, האָט ער
געפּרוווט אַרויסציען פון די צו לאַנגע אַרבל פון ראָק די ניט
געקראָכמאָלטע, קורצע און ביים ברעג פאַרוויקלטע מאַנ־
זשעטן. ער איז נאָך געשטאַנען לעבן דער טיר און דערנאָך,
דערהערנדיק אונטער זיי אַ דראַפּען — אַ פרעג געטאָן רדזאַוויטשן׳

— אָקנאָ איז מיר באַכגעלאָפן, צי קען איך אים אַריינלאָזן?

— לאָזט אים אַריין.

טשעמפּינסקי האָט געעפנט די טיר און אין אַטעליע איז אַריינ־
געפאַלן אַ פּשוטער הונט פון פּראָסטער ראַסע, אָבער מיט אַ שיי־
נער און דיקער פעל. פריער האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו
רדזאַוויטשן, און וואָיענדיק פון פרייד, אָנגעהויבן אים שפּרינגען
אין פּנים אַריין. דערנאָך האָט ער דאָס זעלבע געטאָן מיט
טענושעלן, שפּעטער אַ דריי געטאָן מיטן עק צו די איבעריקע
פּערזאָנען, אָבער זייער שנעל און אויבערפלעכלעך, אַבי איבער־
צוקומען, און אַרונטערדרייענדיק אים אונטער זיך, גענומען לויפן
אַרום דעם אַטעליע אומגעהייער שנעל און מיט אַ אויסערגע־
וויינלעכן אימפּעט, ווי עס טוען אָפטמאָל הינט בעת זיי פרייען
זיך. ער האָט דערביי איינמאָל און נאָכאַמאָל זיך אַ קנאַק גע־
טאָן דעם קאָפּ אָן דער טרומנע פון דרעווסקיס מצבה, אָבער
דערויף זיך ניט אומגעקוקט און ווייטער געלאָפן, צובילנדיק פון
צייט צו צייט קורץ און אָפּגעהאַקט.

דאָס איז אונזער בשותפותדיקער הונט, אָבער וואוינען וואוינט ער ביי הער טשעמפּינסקי — האָט ערקלערט רדזאַוויטש.— ער הייסט אָקנאָ *), צום אָנדענק, וואָס איך מיט טענזשעלן זיינען דורכן פענסטער געגאַנגען אים מציל זיין. אייגנטלעך, האָט אים אַרויסגעראַטעוועט און אָפּגעראַטעוועט טענזשעל. אָקנאָ! וואָס רודערסטו אום ?!

אָקנאָ האָט זיך אַזוי צעלאָזט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין פּרוי בישאָס קלייד, זיך פאַרפּלאָנטערט און מיטן גאַנצן כוח גע-פּרובט זיך אַרויסרוקן דורך דער צווייטער זייט. רדזאַוויטש האָט געשטערט, אָנכאַפּנדיק אים פאַרן עק. דער הונט האָט זיך אויס-געדרייט, אַ כאַפּ געטאָן רדזאַוויטשן פאַר דער האַנט, ווי ער וואָלט קלאָמפּערשט אָנגעהויבן איםבייסן, פול מיט שמחה און געלעכטער אין די אויגן. רדזאַוויטש האָט אים אַוועקגעשלעפּט, און אַרויפ-שטעלנדיק דעם פוס אויף זיין קאַרק, אַ באַפעל געטאָן: „זיצן!“

אָקנאָ האָט אָבער משמעות געוואוסט, אַז אַלע באַפעלן פון די הערן זיינען בלויז די טייטש: שרעקן די געננ. האָט ער זיך אַ רוק אָפּער געגעבן פון אונטערן פוס, זיך אַ דריי געטאָן אַ ביסל איבערן אַטעליע און צוגעגאַנגען הינטער דרעווסקיס טרומנע, וואו ער האָט אויפגעהויבן דעם אונטערשטן פוס, אָבער זייער איידל, דערנאָך זיך געלייגט אויפן בויך דאָרט, וואו ס׳האָט דורך די שויבן זיך אַריינגעשלייכט צום מייסטן זון. ער האָט אויסגעצויגן די פאָדערשטע לאַפּעס, אָנגעשפּאַרט אין זיי דעם פּיסק און געלעגן, קוקנדיק אויף דעם vis à vis-שטייענדיקן טענזשעל מיט גרויס גוט-ברודערשאַפט און געווויסער נאָנשאַלאַנס, וואָס ער האָט זיך בנוגע צו רדזאַוויטשן קיינמאָל ניט ערלויבט.

— ביי דער סאַמער ערד, דאָרט, וואו ס׳איז שטיין גע-בליבן — האָט זיך אָנגערופן ניט דרייסט טשעמפּינסקי.

— כ׳ווייס ניט, צי וועל איך קענען היינט אַרבעטן אַרום די פליגל?

---

*) פענסטער.

— ע, היינט ווען מיר זיך מאַכן frei — האָט זיך אָפּגערופן רדזאַוויטש Blaumontag. — טענזשעלן גלוסט זיך אויך ניט צו טאָן און איך וואָלט וועלן דאָ אַ ביסל אַרום דער פּאַר־סמערן אַרבעטן.

— ווי איר ווילט. וועל איך קומען מאָרגן.

— גוט, הער יאַצעק.

טשעמפּינסקי האָט גענומען אוועקגיין. ער האָט אָבער פריער אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויף דער טאָוול, אויף וועלכער עס איז געווען אָנגעוואָרפן די פּאַרסמערן, ער האָט אַ ווײַלע געקוקט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, שטילערהייט צוויי מאָל אַ מליאַסקע געטאָן מיט די ליפּן, און אויפהייבנדיק די האַנט און אָנווייזנדיק מיטן פינגער, זיך אָפּגערופן:

— ווען די פינגער פון דער פיגור אויף דער מצבה וועל איך שוין גאָרניט זאָגן, אומזיסט די רייד, אָבער דער רעכטער איילנבויגן בײַ דער פרוי מוז ווערן אַ ביסל אָפּגעצויגן, בײַ דער סאַמע ערד אויף דעם אָרט, וואו ס'איז צוריקגעבליבן, ווײַל אַנדערש וועט קיין האַרמאָניע ניט זײַן... און דעם פוס וואָלט איך מאַכן ווייכער אין דער באַוועגונג און די היפטן וואָלט איך מער אָפּגעדעקט, ווײַל דאָס פּאָדערט שוין די ליניע — בײַ דער סאַמע ערד דאָרט, וואו ס'איז שטיין געבליבן. מ'וואָלט אַפילו געקענט אַ ביסל דעם רוקן ווייזן. מילטשאַ...

— גוט, גוט, הער יאַצעק—האָט איבערגעריסן רדזאַוויטש, מורא האָבנדיק, ער זאָל ניט אָנהייבן זיך אויסדריקן צופיל פּאַכ־מעניש. — איר זייט פולקום גערעכט. איך זע עס.

— זעט איר, בײַ דער סאַמע ערד אויף דעם אָרט, וואו ס'איז שטיין געבליבן!—האָט אַ זאָג געטאָן טשעמפּינסקי אַ דער־פרייטער און מיט שטאָלץ. — לעאָנאַרדאָ וועל איך אײַך איבער־לאָזן, קוקט אים אַדורך. כ'פּאַל צו די פיס, מיין הויכאַכטונג. בײַ דער סאַמע ערד, אויף דעם אָרט, וואו ס'איז שטיין גע־בליבן. אָקנאָ, אַהער! — און ער איז אַרויס, ניט אַ קוק געבנדיק אַפילו אויף קיינעם, אַחוץ אויף רדזאַוויטשן און טענזשעלן, פּונקט

ווי ער האָט די גאַנצע צייט געקוקט אָדער אויף דער ערד, אָדער אויף זיי ביידע.

אָקנאָ האָט זיך אַריס געטאָן, רדזאַוויטשן און טענזשעלן אַלעק געטאָן די הענט, בלויז עטלעכע מאָל אַ דריי געטאָן מיטן עק צום איבריקן עולם און בילנדיק מוראדיק, זיך געלאָזט נאָך טשעמפּינסקען.

— שטיל, שוט... — האָט אַ געשריי געטאָן טענזשעל, אָבער תיכף איבערגעהאַקט, ניט ווייסנדיק, צי עס פּאַסט אין געגנוואַרט פון די דאַמען זאָגן צו אַ הונט: שוטה, צי ניט?

— מילטשאַ גייט — האָט ער געזאָגט אַ קוק טוענדיק דורך דער שויב.

— ביי אייך איז ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ — האָט באַמערקט פּרוי בישאַ.

— ע, דאָס איז נאָך גאָרניט. אַמאָל, אַז דאָ קומען זיך צונויף דרעווסקיס מלאך, מילטשאַ, דער אין פּלאַשטש, עטלעכע שטיינערקלאַפּער און סקולפּטאָרן, טשעמפּינסקי, אָקנאָ און מיר ביידע, קען מען זיך קוים אַריר טאָן אין אַטעליע.

— ס׳איז פריילעך אַזוי — האָט געזאָגט פּרוי בישאַ — ביי אונז אין דאָרף איז טיילמאָל אַזוי אומעטיק, קיינער איז ניטאָ.

באַגלייט פון אָקנאָ צו דער טיר־צו, איז אַריין מילטשאַ. דאָס איז געווען זייער אַ שיין מיידל, אַ בליענדיקע, טיפּישע קליינביר־גערלעכע וואַרשעווער שיינקייט. זי האָט געהאַט שיינע גראָע אויגן, אַ קוים־קוים אָדלערישע, גלייכע נאָז און זייער איידעלן אָוואַל פון פּנים. אויף דעם קאָפּ האָט זי געהאַט אַ בלוי וואָלוטשקן שאַלעכל, פאַרבונדן אונטער דער גאָמבע, פון אונטער וועלכער עס האָבן זיך אַרויסגעזען קורצע לעקלעך און אַ פאַרוואָרפענע דיקע אַש־קאָלירענע הימאַלאַיע מיט אַ שוואַרצן ברייטן פּאַס פון אונטן און אַש־קאָליר פראָנזן, פון אונטער וועלכער עס איז אַראָפּ־געגאַנגען אַ טונקל קלייד. די הענטשקעס האָט זי געהאַלטן אין האַנט און משמעות בלויז זיך אַריינגעכאַפּט פון דער נאָענט אין רדזאַוויטשעס אַטעליע, ניט אָנטאָענדיק ניט דעם הוט, ניט דעם

פלאַטשטל אָדער מאַנטל. זי איז מסתמא געגאַנגען שנעל, ווייל זי האָט געהאַט שטאַרקע קניפּן אויף די מאָדנע גלאַטיקע און איידעלע באַקן. ס'האָט פון איר געשפּריצט געזונט און כּוח. דעריבער איז אין אירע אויגן געווען אַ סך סענטימענט און מילדקייט. באַמערקנדיק פרעמדע איז זי שטיינגעבליבן אַ שטייפע ביי דער טיר, אַראָפּלאָזנדיק פון די הענט אַראָפּ דאָס שאַלעכל, וואָס האָט זי אַרומגעוויקלט; דעמאָלט האָט מען געקענט באַמערקן, אַז זי איז אינגאַנצן פּראַכטפול געבויט—אַן אידעאַלער סקולפּטאָרישער מאָדעל. דער טונקל גראַנאַטענער טריקאָטאַזשענער סטאַניק מיט ווייסע קנעפּלעך, פאַרקנעפּלט ביז אונטערן האַלז אַרונטער מיט אַ זילבערנע בראָשקע, אין דער פאָרם פון אַ בלעטל, מיט אַ שטענגל, האָט אַרומגעפאַסט איר קיילעכדיקע הויכע ברוסט און שלאַנקע, ניט איינגעדריקטע אין אַ קאָרסעט, טאַליע; אונטער דעם טונקעלן אונטערקלייד ווידער האָט זיך געלאָזט אויסצייכענען אַ בויגן פון פּראַכטפולע היפּטן; פיס און גומענע שיכלעך האָט זי געהאַט ניט קיין גרויסע און שטאַלטע; בלויז די הענט זיינען געווען אַ ביסל דיק און משמעות ניט געשפּאָרט אין דער אַרבעט.

מילטשאַ האָט געמאַכט עטלעכע שריט פאָרויס, זיך פאַרנייגט מיטן קאָפּ צו די אַנוועזנדיקע און זיך צוגעזעצט אויף דער טרומנע פון דער מצבה.

— Qu'elle est jolie, cette fille — האָט באַמערקט פרוי לאַאורא.

— Magnifique! — האָט אַ מרוק געטאָן פרוי בישאַ, וואַרפנדיק אַ זייטיקן בליק אויף רדזאַוויטשן.

— אַ מאָדנע פיגור דער הער טשעמפּינסקי—האָט געזאָגט פּזשערוויץ, צייכענענדיק מיטן שרייבפעדל פון זייגערל זיגזאַגן אויפן טיש – צוזאַמען מיט זיין ווערטל וואָלט מען אים גלענצנד געקענט אין אַ קאָמעדיע אַריינרוקן.

— דו ווייסט אָבער ניט, וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז?—האָט לעבעדיק אַ זאָג געטאָן רדזאַוויטש.—ער האָט צוויי שוואַכקייטן: זאַמלען אַלטע שטיכן און פאַקסימיליען פון די ווערק פון

די רענעסאַנס־קינסטלער — און באַלאָנען. שטעלט אייך פֿאָר, ער האָט אויסגעפֿונען, אַז דער פּאַסיקסטער מאַטעריאַל אויף באַלאָנען זיינען פּעלעכלעך פֿון מילדווערים און מייז. האָט ער אויסגע־רוימט די אָרעמע קרעטן און מייז, וואו ער האָט נאָר געקענט, ער האָט פֿאַר זיי דעם לעצטן גראָשן אָפּגעגעבן ביז, לסוף, גע־העריק פּרעפּאַרירט — אַ שרעק, ס'איז אַ ריחות עס זיינען גע־ווען אין זיין מקום מקלט, — האָט ער באַקומען די נייטיקע צאָל פּעלעכלעך און אויפגעבנייט אַ באַלאָן. דאַרפֿסט וויסן, יעזשי, אַז דער טשעמפּינסקי וואוינט ערגעץ עק וועלט אין עפּעס אַן אַל־טער האַלע אָדער קאַפּליצע, עפּעס אַזוינס, וואָס האַלט אָנדער־האַלבן שטאָק דער הייך. איינמאָל, אַן ערך מיט אַ חודש צוריק, וואַרטן מיר און וואַרטן. טשעמפּינסקי קומט ניט, איך שיק צו אים אַ יינגל פֿון די שטיינער־קלאַפּער. ערשט דאָס יינגל קומט צוריק אַן איבערגעשראָקענער און דערציילט, אַז טשעמפּינסקי הענגט אין לופֿטן און שרייט. מיר פֿאַרשטייען ניט, וואָס דאָ איז געשען, איך כאַפּ טענזשעלן און מיר פֿליען הענדום־פּענדום אַריבער צו אים. שטעלט אייך פֿאָר, וואָס מיר זעען! הער טשעמ־פּינסקי הענגט אונטערן פּאָלעפּ, האַלטנדיק זיך מיט די הענט ביי אַ שטריק פֿון באַלאָן, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין דער הייך. כאָטש די לאַגע איז באמת געווען אַ טראַגישע—ער האָט באַמבלענ־דיק זיך אַזוי אונטערן פּאָלעפּ מיט די קורצע פֿיסלעך אין דער לופֿטן אויסגעשריען: ביי דער סאַמע ערד, וואו ס'איז שטיין געבליבן,—ראַטעוועט!—האָט אונז דאָך אַ געלעכטער אָנגעכאַפּט. צום גליק, איז געווען אַ לייטערל, האָבן מיר אים אַראָפּגעשלעפּט. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז הער יאַצעק האָט סוף־כל־סוף אויפֿ־געבלאָזן אַ באַלאָן מיט דער הילף פֿון אַן אַפּאַראַט, וואָס ער האָט, ווי ער זאָגט, אַנטדעקט, ער האָט אים צוגעפֿעסטיקט מיט אַ שטריקל צו דער ערד און געוואָלט אויף אַ פּרוב זיך אויפהייבן אויף עט־לעכע פֿוס אין דער הייך, כדי צו זען, צי ער וועט אים קענען האַלטן און דערנאָך זיך שטעלן אויפֿן טיש און דעם באַלאָן אַראָפּציען. אָבער דאָס שטריקל האָט געפּלאַצט און דער באַלאָן איז צוזאַמען מיטן מייסטער אַרויפגעפֿלויגן אין דער הייך. ער

איז דאָרט לאַנג געהאַנגען און געשריען, עס האָט אים אָבער קיינער ניט געהערט. אַ גס, וואָס מיר זיינען באַצייטנס געקומען, איידער ער איז אַראָפּגעפאַלן פון אָפּגעמאַטערטקייט.

— אָרעמער הער טשעמפּינסקי — האָט אַ זאָג געטאָן פרוי לאַאורא לאַכנדיק — און אויפן ראַאוט וועט איר זיין?

— ניין, מאַדאַם, דאָס קען איך שוין ניט — האָט געענט־פערט רדזאַוויטש און צוגייענדיק נעענטער צו פרוי לאַאורא, צו־געגעבן שטילערהייט: — איך האָב פּשוט מורא צו גיין, ווייל איך ווייס, אַז — מאַריאַ איז דאָ.

— איר קענט זיין רואיק — האָט געענטפערט פרוי לאַ־אוראַ. — כ׳האָב ניט גערעדט מיט אייך וועגן דעם אָנהייבן צו ריידן, כ׳האָב זיך געטראָפן ביי לורסן מיט אונזערס אַ געמיינזאַמען באַקאַנטן, דעם אַלטן קאָרסקי, און ער האָט מיר געזאָגט, אַז זי פאָרט היינט אָפּ. איצט לאָמיר גיין, איר האָט די מאָדעלן, וועט איר אַרבעטן.

— ווער זיינען עס די שיינע דאַמען? — האָט געפרעגט מילטשאַ, נאָכדעם ווי די דאַמען מיט פּזשערוויצן זיינען אַוועק.

— דאָס איז מיין קוזינס פרוי מיט איר שוועסטער.

— די דיקערע פרוי איז זייער אַ שיינע. זי מוז אויך האָבן אַ שיינעם אַקט. דאָ, פון גאַרטל ביז אַראָפּ, איז ביי איר פּונקט אַזוי, ווי ביי ווענוס די קאַפּילאָטישע, אמת?

— די קאַפּיטאָלישע — האָט איר פאַרריכט טענזשעל.

— קאַפּילאָ — — קאַפּיטאָלישע — האָט איבערגעחזרט מילטשאַ.

טענזשעל האָט פאַרוואָרפן דעם מאַנטל, אָנגעטאָן דאָס היטל אויפן קאָפּ און געזאָגט, אויסציענדיק די האַנט צו רדזאַוויטשן:

— נו, איך גיי. ס׳גלוסט זיך מיר עפּעס עסן, אַרבעטן היינט אַרום דרעווסקין וועלן מיר ניט, און דו ווילסט דאָך אַזוי אויך בלייבן אַליין בעת דער אַרבעט. למען־השם האַק נאָר ניט איבער אַנדערש דעם מאַרמאָר! וואָלסט קאַליע געמאַכט. איך זאָג דיר, אַז דער ענין איז אין אָרדענונג און דרעווסקי וועט באמת שוין איינמאָל

זיין אַ סקולפּטאָרישער chef d'oeuvre ! כ'זאָג דיר, האַק פּאָרזיכטיק, הער ניט וואָס טשעמפּינסקי, דער אַלטער לאַמטערן, מאַכט דיר באַמערקונגען וועגן דעם איילנבויגן. וואָס נוגע די פינגער, איז באמת דאָ צווישן זיי אַ שטיקל חילוק, איבעריקנס, זעסטו דאָך עס אַליין; אַז דו שפּאַרסט זיך אָבער איין... וואָס ער וויל אָבער פונם איילנבויגן ווייס איך ניט? אַן אַלטער פייפער.

— אַז ער איז אָבער גערעכט.

— דו גיסט דאָך יעדן גערעכט! און איך זאָג דיר, אַז ער איז ניט גערעכט.

— און איך זאָג: יאָ.

— מילטשאַ, דער איילנבויגן איז גוט?

מילטשאַ איז צוגעגאַנגען נאָנט צום אָנגעצייכנטן עסקיז, אַ ווײַלע באַקוקט אים מיט אַ זייער ערנסטער און פאַרטראַכטער מינע און געזאָגט:

— מיר דאַכט זיך, אַז גוט, ס'וואָלט אפשר נאָך בעסער געווען, ווען ס'זאָל זיין אַזוי, ווי ביי קאַגוליגאָס — —

— קאַליפיגאָס — האָט איר פאַרריכט טענזשעל.

— קאַלי־גי־פּאָס — האָט מילטשאַ שליאַביזירנדיק איבער־געחזרט, אַזוי איז ער זייער סובטיל אין באַוועגונג.

— סובטיל איז ער? — האָט איבערגעחזרט רדזאַוויטש מיט אַ שמייכל.

טענזשעל איז אַוועק.

— כ'וועל אייך פּאָזירן? — האָט געפרעגט מילטשאַ, אַראָפּ־נעמענדיק דאָס שאַלעכל פון קאָפּ. — די האָר האָבן זיך מיר אַזוי צעשויבערט, אַ שרעק.

— יאָ — האָט געענטפערט רדזאַוויטש — כ'וועל אַ ביסל אַרבעטן. דערווייל וואַרף אַראָפּ די הימאַלאַיע און שטעל זיך ביים פענסטער מיטן רוקן צו מיר און שטיי.

מילטשאַ, וואָס איז געוואוינט געוואָרן צו אַלערליי ענלעכע באַפעלן, צו רדזאַוויטשעס המצאות, וועלכן זי האָט פּאָזירט זינט ער איז געקומען, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דער אָנגעוויזענער פּאָזע.

רדזאַוויטש ווידער האָט זיך אַנידערגעזעצט און געקוקט אויף איר. דאָס פּנים זיינס האָט אָנגעהויבן פאַרכמאַרעט און פאַרזאָרגט צו ווערן, דערנאָך האָט ער זיך פּלוצלונג אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צו מילטשען.

— וואָס איז, — האָט זי געפרעגט, אַוועקדרייענדיק דעם קאָפּ.

רדזאַוויטש אָבער האָט ניט געענטפערט, ער האָט זי בלויז אַרומגענומען מיט דער רעכטער האַנט אונטער דער גאָמבע און אויסגעבויגן אויף צוריק. דערנאָך האָט ער צוגעדריקט אירע ליפּן צו זיינע און ניט אַוועקנעמענדיק זיי, צוגעצויגן זי צו דער קו־שעטקע. — —

מילטשאַ האָט זיך אונטערגעגעבן. זיי זיינען ביידע אַנידער־געפאַלן אויף דער קושעטקע און רדזאַוויטשעס הענט האָבן אָנגע־הויבן זוכן מילטשאַס קערפּער. — אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך ראַש אַ צי צוריק געטאָן און אָפּרוקנדיק זיך פון איר, פאַר־דעקט זיך דאָס פּנים.

— וואָס איז? — האָט אַ מורמל געטאָן מילטשאַ ווייך און שטיל.

באַמערקנדיק אָבער, אַז דורך די שפּאַרעס פון רדזאַוויטשעס פינגער רינען טרערן, האָט זי זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעזעצט אויפן ברעג סאָפע. ער איז געלעגן און ניט גערירט זיך. מילטשאַ איז דעמאָלט אויפגעשטאַנען און שטילערהייט אַרויס פון אַטעליע.

רדזאַוויטש איז פאַרבליבן איינער אַליין.

ס'איז אים געווען אַזוי שלעכט, אַז דאָס האַרץ האָט אים שיר געפּלאַצט. שוין צען חדשים אַז ער האָט מאַריאַן ניט געזען... צען חדשים... די צייט, וואָס ער זעט זי ניט, איז שוין אַ סך מער, ווי די צייט, וואָס ער איז געווען מיט איר צוזאַמען, כמעט צוויי מאָל אַזויפיל... און אין משך פון דער צייט האָט זיך קיין זאַך אין אים ניט געביטן: ער לעבט בלויז מיט איין געדאַנק און מיט איין געפיל. עס שטאַרקט זיך אין אים בלויז וואָס אַ מאָל מערער דאָס באַוואוסטזיין פון שרעקלעכער מאַכטלאָזיקייט, אַבסאָלוטער

אָנמאַכט בנוגע דער פראַגע פון זיין באַציאונג צו מאַריאַן. ער קען קיין זאַך ניט אויפטאָן, ער איז אָפּגעשניטן פון איר מיט אַ מויער פון איר ווילן און געזעלשאַפטלעכן קאָנוועניאַנס און ער קען אונטער דעם מויער אויסגיין, אָבער אַריבערטרעטן אים טאָר ער ניט. אַלץ מעג ער — זיך צולייגן די מינוט אַ רעוואָלווער צו דעם שלייף און אַ צי טאָן דאָס צינגל, צעפּלעטן זיך דעם קאָפּ אָן דער וואַנט, אַלץ אַוועקוואַרפן און אַוועק אויף אייביק, ער מעג זוכן פאַרגעניגן אָדער ליבע, וואו ער וויל, ער טאָר בלויז ניט אַ פרעג טאָן מאַריאַן: כ'האָב ניט אויפגעהערט דיך ליב האָבן — צי ווילסטו זיך ניט אומקערן?... און דערביי שטייט ניט אַזוי צווישן זיי איר ווילן, ווי דער געזעלשאַפטלעכער קאָנוועניאַנס, דער געזעלשאַפטלעכער אָפּמאַך, וואָס מעקט אויס פון זכרון פון אַ פרוי מענטשן, וועלכע געפינען זיך אין זיין מצב, און שטעלט זיי אַריין אין דער רשימה פון מענטשן, וואָס זיינען פאַר איר געשטאָרבן. עס קען דאָך אָבער ניט געמאָלט זיין, אַז ער זאָל באמת אויפהערן פאַר איר צו עקזיסטירן, ער זאָל שוין טאַקע האָבן פאַר איר אָפּגעשטאָרבן... זי האָט אים אַרויסגעוויזן אַזויפיל סימנים פון ליבע — — זי האָט געקענט אויפהערן אים ליב צו האָבן... אָבער פונקט אַזוי ווי זי האָט אויפגעהערט, האָט זי דאָך געקענט אויפדאָסניי אים אָנהייבן ליב צו קריגן... און באָזשעוו-סקי? באָזשעווסקי קען פאַר מאַריאַן באמת זיין גאָר-ניט. זי האָט אים ניט איינמאָל געזאָגט, בעת זיי פלעגן ריידן צווישן זיך, אַז מען פלעגט זי אָפטמאָל חושד זיין אין אינטערעס צו מענטשן, וואָס אין עצם איז זי געווען צו זיי אינגאַנצן גלייכגילטיק. זי האָט ליב געהאַט פלירט און דערינען פלעגט זי זיך מודה זיין. באָ-זשעווסקי קען זיין אַזאַ מין פלירט און אין תוך גענומען פאַר מאַריאַן גאָרניט באַדייטן. וואָלט ער אפשר אָנגעשריבן צו איר?... קיין לייכטערע זאַך ווי אָנשרייבן איז ניטאָ. אויף וואָס פאַר אַ תשובה קען מען זיך אָבער ריכטן? ווען מאַריאַ זאָל האָבן בדעה צו אים זיך אומקערן, האָט זי געקענט אים געבן דאָס צו דערקענען אויף הונדערטער אופנים... יאָ, אָבער דער געזעל-שאַפטלעכער קאָנוועניאַנס זאָגט, אַז אַ פרוי פּאַסט ניט אין אַזעלכע

פאַלן צו מאַכן די ערשטע טריט... מעג מען אַלזאָ עמיצנס לעבן צעבּרעכן בּלויז צוליבּ דעם, וואָס עס פּאַסט ניט עפּעס צו טאָן. הם! מען מעג עמיצן צוליבּ דעם דערהרגענען.

ווען ער זאָל נאָך אַ צוויי־דריי וואָכן קענען זיך מיט מאַריאַן. האָבּן געוועזן זיך ערקלערט איר אין ליבּע און בּאַקומען אַן אָפּזאָג וואָלט ער אין אַ צוויי־דריי חדשים אַרום, למשל, נאָך אַ יאָר, אָדער אַן אַנדערש מאָל, געקענט איבּערחזרן — — איצט אָבּער נאָך הונדערט ערקלערונגען, הונדערט שבועות און הונדערט אָרעם־דרוקן, איז ער פּאַר איר געגליכן צו אַ געשטאָרבּענעם מענטש און אַזעלכער וועט ער בּלייבּן אייבּיק, כיבּע עפּעס אַ נס וועט אים מחיה מתים זיין.

די דאָזיקע מחשבות זיינען אים געקומען אין קאָפּ אַריין איינע נאָך דער אַנדערער עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד. זיי האָבּן אים אַזוי פאַרמאַטערט און דענערווירט, אַז דער ערשטער אויס־דרוק פון מיטגעפיל מצד אַ פּשוט מיידל, אַ מאָדעלין, האָט אים שיר ניט ווי אַ קינד אַ געוויין פון האַרץ אַרויסגעריסן, ס'איז אים געווען שלעכט, אומגעהייער, אומענדלעך שלעכט...

אין דער מינוט האָט טענזשעל ווי שטענדיק שטאַרק אָנגע־קלאַפּט אין טיר און אַריין מיט מער בּרייטקייט ווי שטענדיק.

— וואָס איז דאָ אַזוי פינסטער? —האָט ער אַ פרעג געטאָן,

— כ'האָבּ זיך אָפּגערוט. האָט געענטפערט רדזאַוויטש.

— גיבּ אַהער די שוועבּעלעך, דאַכט זיך, איך האָבּ ניט. כ'האָבּ דיר עפּעס וואָס איבּערצולייענען.

— וואָס אַזוינס?

— אָהאָ! כ'זאָג דיר, האָט עס דיר דער אַלטער בּראָן, וואָס וואָלט ווי אומישנע געקומען קיין וואַרשע, דיר אַריינגעהאַקט אַ רעצענזיע אין „קורי ער”! ער זאָגט, אַז ער האָט געמוזט בּעטן בּיים רעדאַקטאָר אָרט, כדי צו זאָגן בּקול רם, אַז ער פילט זיך ממש גליקלעך, וואָס גראָד איצט איז ער געקומען אַהער צו פאָרן און גרייסט זיך מיט אַזאַ תלמיד! ער זאָגט, אַז אויבּ ער האָט זיך תמיד געריכט פון דיר אַ סך, האָסטו זיינע האָפענונגען מיט

אַ שמיץ אַריבער איבערגעשטיגן. ער שרייבט, אַז דיינע צענטאַוורען דערמאָנען אָן דער גלענצנדסטער עפּאָכע פון דער קלאַסישאַר סקולפּטור און זאָגט, אַז די פראַנצויזן מעגן ביי דיר די שטיוול פּוצן!

— ווי הייסט? אַזוי זאָגט ער, שטיוול פּוצן?

— מילא, וואָס איז דער חילוק ווי אַזוי ער זאָגט, אַבי, אדרבא, לייען אַליין איבער, ווי ער לויבט דיך. ער, זאָגט ער—דאָס מיינט ער דיך—פאַראייניקט אין זיך קלאַסישע, גריכישען האַרמאָניע, אַ, וואָלט זיך עס טשעמפּינסקי אַבּיסל פרייען, ווי אַ הונט אויפן יאַטקע=קלאָץ—מיט דעם אמת פון דער נאַטור לויט די באַגריפן פון אַ מאָדערנעם מענטש—אָבער, זאָגט ער, דו ביסט ניט מגזם, שאַרזשירסט ניט דעם נאַטוראַליזם, הגם ביסט אינגאַנצן דורך=און=דורך אָריגינעל, מען דערקענט אין יעדן צאָל מאַרמאָר די ליבע צו דער העלענישער סקולפּטור פון אומשטערבלעכער שיינקייט...

— וואָס, האָסט זיך עס אויף אויסווייניק אויסגעחזרט?

— ער זאָגט, אַז שוין לאַנג האָט ניט בלויז פּוילן, נאָר די מאָדערנע קונסט ניט אַרויסגעגעבן אַזאַ זאַך, ווי די צענטאַוורען, בפרט, ווען מען נעמט נאָך אין אַכט, אַז דער אַווטאָר איז בסך הכל אַ זיבן=און=צוואַנציק־יעריקער יונגערמאַן. פון וואַמפּיר איז ער ממש נשתומם געוואָרן. אמת, ער קריטיקירט דאָס, יענץ, ער זאָגט, אַז אויב די צייכענונג איז אינגאַנצן גוט, איז אין קאָלאָריט פאַרהאַן קליינע חסרונות, אָבער קודם=כל איז ער פאַרגאַפט דערפון, וואָס איין=און=דערזעלביקער מענטש קען אַזוי קלעפּן און מאָלן צוזאַמען. כ׳פאַרטראַכט זיך אַפילו ניט, שרייבט ער, צי כ׳זאָל צוגלייכן דעם הער, און איצט שוין ריכטיקער ראָמאַן רדזאַוויטשן, צו די וואונדערלעכע אַלזייטיקע טאַלענטן פון דער איטאַליענישער רענעסאַנס=תקופה.

— ווייסטו וואָס, טענזשעל, וואַרף אַוועק די סקולפּטור און גיב זיך אַ נעם צו רעציטאַציע.

צום סוף, זאָגט ער, זאָל נאָר אַזוי ווייטער גיין און וועסט באַקומען אַ שם אין אייראָפּע... אַ, דער אַלטער ערלעכער בראָן. כ׳וואָלט אים יעדן אבר אויסגעקושט. תיכף מאָרגן גיי איך צו

אים אַריבער און דער רבונו־של־עולם איז אַ גוטער, וואָס ער האָט אים געשיקט צו דער רעכטער צייט. ווייל אים אַליין איז אָנגעגעם און דיר מוז זיין אָנגענעם, אַז ער שרייבט דער ערשטער וועגן דיין ערשטן באמת גרויסן אַרויסטריט. געדענקסט, ווי ער פלעגט דיר זאָגן: פּאַניע לדזאַוויטש, פּאַניע לדזאַוויטש!... געדענקסט? אַ טייערער בראָניאַק דאָס איז, אויף מיין וואָרט. זאָל ער מיר אַזויפיל גליק האָבן, וויפל אַ הונט האָט פליי. גיב זשע־שוין אַמאָל אַ שוועבעלע, וועסטו איבערלייענען.

— צו וואָס, אַז האָסט מיר שוין אַלצדינג אָנדערציילט. און אין אַנדערע צייטונגען איז דאָ עפּעס?

טענזשעל האָט אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש אַ פּעקל פּאַפּיר און געזאָגט:

— דערווייל נאָך גאָרניט. כ׳האָב געקויפט אין קיאָסק אַלע פּאַרנאַכטיקע צייטונגען און דורכגעקוקט אונטערן לאַמטערן, ס׳איז אָבער אין ערגעץ גאָר ניטאָ, אַחוץ אין דעם קוריער. כ׳האָב געלייענט אויפן וועג. און די אויגן ניט געקענט אָנזעטיקן. פרייסט זיך.

רדזאַוויטש האָט גאָרניט געענטפערט, טענזשעל ווידער האָט אַ קלאַפּ זיך געטאָן מיט דעם האַנט איבער די ליטקעס, אָנגעהויבן פריילעך צו זינגען:

מאַט מאַ זי גיגעיבם
שיין געפירט צום לעיבם,
כאַ געמוזט נאַ וואַרטן...

ער האָט אויסגעזוכט די שוועבעלעך, אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און אַריינלייגנדיק די הענט אין די קעשענעס, זיך אַנידערגעשטעלט פאַר רדזאַוויטשן און געזאָגט:

— ווייסטו וואָס, גיי אויף דעם ראַאוט.

— ס׳גלוסט זיך מיר ניט.

— ראשית, וועסטו אָנטאָן פרוי פּשערוויץ אַ נחת־רוח און זי איז דאָך אַזאַ ליב און מילד באַשעפעניש. ווען דו זאָלסט אַזאַ... — ער האָט איבערגעריסן און זיך גיט־ווילנדיק אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט איבערן מויל. ווייסט, איך קען, אויף

מיין וואָרט, ניט נאָך איינע אַזאַ האַרציקע פרוי, ווי דאָס פּושער-וויצעלע איז. מישיא איז אויסערגעוויינטלעך גוט, און כאָטש זי איז שענער, יאָ, די פּושערוויצעס איז זייער שיין, אָבער קיין שום שיינקייט פאַרמאָגט ניט אין זיך אפילו קיין פערטל פון דעם חן. אַחוץ דעם, איז דאָך דאָס אַ מיידעלע, און מישיאַ—אַ דערצויגן פריילין. האָסט געזען, ווי שיין דאָס זעצט זיך? ווי דאָס גייט אויף דער גאַס, פּאַמעלעך, דאָס נעזל פאָראויס, און שאָקלט זיך בלויז פון איין פּיסל אַרויף אויפן צווייטן.

— וואָס, ביסט פאַרליבט אין לאָראַן, וואָס דו צעגיסט זיך אַזוי?

— כ׳בין ניט פאַרליבט, כ׳האָב זי אָבער גוואַלטיק ליב.

— זי מוזן אַלע ליב האָבן.

— און די צווייטע, די שוועסטער אירע, די פרוי בישאַ, אוי איז דאָס אַ שדל! איז דאָס אַ סחורה! נו, וועסט גיין אויפן ראַאוט?

— ניין, ס׳גלוסט זיך מיר ניט.

— גיי, מיין טייערער. וועסט זיך באַלעקן פון רום, ווי אַ קאַץ פון סמעטענע.

— מילא, האָסט כאָטש איינמאָל פאַרביטן דעם הונט אויף עפּעס אַנדערש. כ׳וואָלט זיך דאָך באַדאַרפט דעמאָלט אָנטאָן...

— וואָס איז: אַ פראַק און פּטור. אַז עס פעלט דיר עפּעס, וועל איך אַ שפרונג טאָן אין שטאָט אַריין דיר ברענגען.

— כ׳האָב קיין זאַך ניט. ניט קיין קראַוואַט, ניט קיין הענט-שקעס.

— נו, פלי איך. געלט וועסטו מיר צוריקגעבן שפּעטער. זיבן אַ האַלבס, אמת? אַ, דער טייערער בראָן! אויף מיין וואָרט, וואו איז עס מיין היטל ערגעץ?.. — כ׳וואָלט אים...

ער איז אַרויס פון אַטעליע, ווי אַ באָמבע.

תיכּף נאָכדעם, ווי טענזשעל איז אַוועק, האָט רדזאַוויטש אַוועקגעלייגט אָן אַ זייט זיין געמאַכטן גלייכגילט צו פּראָפעסאָר בראָנס אַרטיקל, איבערגעלייענט עס איין מאָל און נאָך אַמאָל, דערנאָך

גענומען גוט זוכן אין אַנדערע צײַטונגען, צי ס'איז באמת ניטאָ גאָרניט וועגן זײַן אויסשטעלונג. נאָכדעם נאָכאַמאָל איבערגעלייענט בראָנס רעצענזיע און גענומען לייגן גלײַך אויפֿן טיש די צײַטונגען, ווי פֿריער, טענזשעל זאָל ניט דערקענען, אַז ער האָט זיי גערירט און געעפֿנט. היות צוריקלייגן פּונקט ווי פֿריער איז אים געווען שווער, האָט ער זיי אַלע אַראָפּגעשאַרט פֿון טיש אויף דער ערד אַראָפּ, אַחוץ איין קוריער, וואָס ער האָט אַרײַנבאַהאַלטן אין שראַנק אַרײַן. ער איז געוואָרן גוט אויפֿגעלייגט, זיך געפֿילט פֿול ענערגיע און חשק צו אַלעם און איז געווען גרייט צו גיין אויפֿן ראַאוט. — וואָס שאַדט עס מיר — האָט ער געטראַכט — לאָמיך מיך „באַלעקן פֿון רום, ווי אַ קאַץ פֿון סמעטענע". כ'זיץ שטענדיק, דער רוח ווייסט וואו, אָדער אין לאָך, אָדער דאָ. כ'וועל גיין — וואָס אַרט עס מיך! וואָס וועט מען מיר טאָן? זאָל מען אויסשטעלן די אויגען אויף מיר, אַז עס גלוסט זיך זיי. בין איך דען אַ יחיד, וואָס אַזאַ זאַך האָט מיך געטראָפֿן? ווייניק וועט דאָרט זײַן אַזעלכע, ווי איך? און וואָס זאָלן עס מענטשן דווקא מיט מיר זיך אַזוי פֿאַרנעמען? איבעריקנס odi profanum vulgus et arceo, דערבײַ וועל איך דער פּזשערוויץ אָנטאָן פֿאַרגעניגן...

רדזאַוויטש האָט געוואוסט, אַז עס גייט איר תּמיד אין לעבן, ער זאָל זײַן אַן עדות פֿון יעזשיס ערפֿאָלג. ער האָט געפֿילט, אַז דאָס ווײַבל — הגם אַ צו גוטע, אַז זי זאָל אים ווינטשן עפּעס אַנדערש ווי אַלדאָס בעסטע — וואָלט דאָך ניט וועלן, זײַן וואַקסנדיקער שם זאָל ווען עס איז זײַן גרעסער, ווי יעזשיס — און האָט דערפֿאַר מורא געהאַט. קודם־כּל האָט רדזאַוויטש, אַלס סקולפּטאָר, געקענט דערגרייכן אייראָפּעאישן רום, וואָס פֿאַר אַזאַ איינעם וועלכער שרייבט פּויליש, איז כּמעט אוממעגלעך; ווײַטער איז יעזשי, אמת אַן עלטערער פֿאַר רדזאַוויטשן, געווען דאַמאָלט באַרימטער און אָנערקענטער פֿאַר אים; די האָפֿענונגען, וואָס מען האָט געלייגט אויף רדזאַוויטשן, זײַנען געווען אָן אַ שיר גרעסער, ווי אויף יעזשין. פֿרוי לאַאוראַ האָט וועגן דעם ניט געוואָלט וויסן און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי ווייסט ניט, אָבער ניט וויסן האָט זי ניט געקענט. זי איז איינמאָל אַרײַנגעפֿאַלן אין

באַסט און ניט קענענדיק אויסהאַלטן, עס אויסגעשאָסן פאַרן מאַן. פּושערוויץ האָט אָבער רואיק אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט איר: מיין טייערע, מען טאָר זיך דאָך ניט נאַרן, אַז אַזעלכע מענטשן ווי איך ווערן מיטאַמאָל געבוירן גאַנצע צען, און אַזעלכע ווי רדזאַוויטש איינער אויף גאַנצע צוויי הונדערט יאָר. פּרוי לאַוראַ איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ כּעס, אַז זי האָט אַ טופּע געטאָן מיטן פיסל, אויסגעשריען: „זיוצי איז אַ נאַר!" און זיך צעוויינט פּושערוויץ אַליין האָט אים עס דערציילט, לאַכנדיק האַרציק פון זיין „ראָזע קינדעלע".

וואָס שייך מאַריאַן, וועט ער זי ניט טרעפן. די פּושער־וויצעס האָבן אים מבטיח געווען... ער קען באמת זיך טרעפן מיט איר „לייבגוואַרדיע", ס'איז אָבער צופיל כּבוד פאַר די טיפּשים, ער זאָל זיך עפּעס מאַכן פון זיי. באַזשעווסקי? וואָס איז באַ־זשעווסקי? עפּעס אַ פאַרמעגלעכער יונגערמאַן פון אוקראַאינע מיט גרויסאַרטיק פאַרקעמטע וואָנצן און מיט שפּיציקע לאַקערקעס, וועגן וועלכן עס ווייסן אין זיין פּאָוויאַט דיזעלבע מין מענטשן, וואָס ער און אַ פּאָר צענדליק, אָדער אפילו אַ פּאָר הונדערט מענטשן אין וואַרשע, אויך דיזעלבע, ווי ער... וואָס איז אַזוינס באַזשעווסקי? גאַנצע קערץ אַזעלכע שלאַכטשיצעס מיט שיינע וואָנצן און שפּיציקע לאַקערקעס וואָלט מען דאָך געקענט אָנ־שאַרן. מיט אים, ווי אָן אים. באַזשעווסקי איז אַ גאַנץ פּשוט ציגעלע אויפן שאָך־ברעט פון דער וועלט, ווייל סוף־כּל־סוף אויף שיינקייט, פאַרמעגן און שפּיציקע לאַקערקעס שטייט דאָך ניט די וועלט. באַזשעווסקיס איז פאַרהאַן אַ סך, אַ סך איז מיטלמעסיקייט, מיטלמעסיקייט איז גאָרניט ווערט—באַזשעווסקי איז גאָרניט.

ער האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ, פאַרמאַכט דעם אַטעליע און אַרויף אין דער הויך, אין דירה אַריין, איבערלאָזנדיק ביי דער קליאַמקע פאַר טענזשעלן אַ קוויטל מיט אַן אויפשריפט: „אינדערהויך". ער האָט זיך געפרייט, וואָס ער וועט זען אַ סך מענטשן, אַ סך ליכטיקייט, באַוועגונג, באַלעבעטקייט, פאַרווײַלונג. ווי לאַנג ער איז שוין אין ערגעץ צווישן קיין מענטשן ניט גע־ווען! ער האָט, אמת, געזען אַן עולם אויף קאָרסאָ אין נעאַפּאָל,

אין די שטאָטישע קאַסינען, שפּיל־זאַלן און אויף קאָנצערטן אין מאָנטע־קאַרלאָ, אויפן פּלאַץ פון הייליקן מאַרק אין װענעציע, אָבער דער המון איז געװען ניט קיין היימישער און ער האָט זיך צװישן אים געפילט לחלוטין פרעמד און אָפּגעשניטן פון דאָס זייניקע. ער האָט מיט פאַרגעניגן געטראַכט װעגן דעם, אַז ער װעט דעם עלעגאַנטן פראַק אָנטאָן, װאָס ער האָט כמעט שוין אַ יאָר ניט געהאַט אויף זיך, די דינע לאַקירענע לאַטשן און געמען מיט זיך אַ דין נאָז־טיכל.

ער האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקן זיך אָנטאָן, אָנ־קוקן זיך אין שפּיגל, און אַ זאָג געטאָן צו זיך: מילא, סוף־כל־סוף אַזוי שרעקלעך מיאוס װידער בין איך דאָך ניט און כ׳האָב דאָך אין זיך „עפּעס״, — װי טענזשעל איז אַריינגעפאַלן אין דער־הייך, טופּענדיק מיט די פיס, װי אַן עלנטיר איבערן ברוק.

— גוט? האַ? — האָט ער אַ געשריי געטאָן פאַרסאָפּעט, װאַרפנדיק די הענטשקעס און דעם קראַװאַט אויפן טיש.

— אויסגעצייכנט, אַ שיינעם דאַנק דיר.

— גיב זיך נאָר אַ װייז, דריי זיך נאָר איבער.

— װאָס, כ׳זע אויס ניט שלעכט?

— אַ לאָרד, װי דו זעסט מיך לעבן, אַ לאָרד! אויף מיין װאָרט! די װייבער װעלן ממש צעגאַנגען װערן.

רדזאַװיטש האָט זיך אויסגעדרייט. טענזשעל האָט אין גע־דאַנק זיך געשאָלטן, װייל ס׳האָט זיך אים אויסגעװיזן, אַז מיט דער לעצטער באַמערקונג האָט ער רדזאַװיטשן אָנגעטאָן עגמת נפש און ער האָט זיך דעריבער אויסגעדרייט פון אים; אין דער אמתן אָבער האָט זיך רדזאַװיטש אויסגעקערט צוליב זיין ניט װילנדיקן שמייכל פון צופרידנקייט אויף טענזשעלס באַמערקונג, און ער האָט ניט געװאָלט, אַז טענזשעל זאָל דעם־דאָזיקן שמייכל באַמערקן. ער האָט זיך פּשוט געשעמט, װייל טענ־זשעל װאָלט סוף־כל־סוף געקענט מיינען, אַז עס קענען אים עפּעס אַנדערע פרויען, אַחוץ מאַריאַן, אינטערעסירן און ער האָט

ניט געוואָלט, טענזשעל זאָל מיינען, אַז ער הערט שוין אויף לײדן. ער האָט ניט געוואָלט זיך דערינען מודה זיין אַפילו פאַר זיך גופא, און דאָך האָט ער די מינוט געפילט, אַז ער איז ניט אַזוי צעבראָכן, ווי ער האָט געמיינט — אין משך פון צען חדשים.

ער איז גרייט געווען צו פאָרן אויפן ראַאוט. טענזשעל האָט באַדויערט, וואָס ער אַליין האָט ניט קיין פראַק, ווייל ס׳וואָלט זיך אים אַזוי שטאַרק ווועלן זעען די טריאומפן פון דעם „אולטראַ־רענעסאַנסענעם ייִנגל״...

אויפן וועג האָט רדזשאַוויטש געטראַכט וועגן די פרויען, וואָס ער קען דאָרט טרעפן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם בו־קעט און ס׳האָט אים אָנגעהויבן אינטערעסירן, ווער, אייגנטלעך, האָט עס געקענט שיקן און צי וועט די פערזאָן זיין אויפן ראַאוט?

— ס׳האָבן דאָך אים ניט געשיקט מיר ניט קיין חברים, ניט מיינע קרעדיטאָרן — האָט ער געטראַכט. — קוים שיקט מען אַזאַ בוקעט, גיט מען דאָך עפעס שטאָף צו מיינען... קודם־כל אָבער וועלן זיין דאָרט אַרום אים אַזוי פיל פרויען, אויגן און ברי־ליאַנטן, פרויען־שטים און בלומען — — — אַ ים, אַ כוואַליע ווייבלעכקייט, des Weiblichen, אין וועלכער מען קען אויף אַ פאַרזאַמלוגען זיך ממש אונטערטוקן. ס׳וועט זיין אַ סך גערויש פון זייד און אַטלאַס, גערויש פון בלומען אין די האָר און ביי דער ברוסט און בראָנזאָלעטקעס אויף די הענט, גערויש פון קליידער אויף די לעטשלעך און געשאַר פון די לעטשלעך אויפן דיל... ס׳וועט זיין אַ גאָרטן פרויען, אַ גרויסער וואַלד, אין וועלכן מען וועט קענען אַריינגיין, ווי פאַאון, אַ פאַרליבטער אין ריח פון מירטן, וואָס בלאָנדזשעט פון בוים צו בוים. די אַלע בליקן וועלן זיך צוזאַמענגיסן אין איין רעגנבויגן־שיין, אַלע שטימען אין איין טאָן פון אַ פאַרכישופטן פלייט, אַלע באַוועגונגען און אַלע קערפערס אין איין ווייכע, אין בויגנסשווימענדיקע כוואַליע... אַזוי פיל שויסן, אַזוי פיל טאַליעס, אַזוי פיל ליפן, אַזוי פיל אָרעמס, אַזוי פיל פוסטריט... ס׳וועט זיין אַ פולקומער לאַבירינט, צווישן וועלכן

מען וועט קענען זיך אַרומבלאָנקען... ווי שיין זיי וועלן זיך אויס־בייגן אינם גאַנג די פרויען, ס׳אַר אַ גרויסאַרטיקע גרופּעס זיי וועלן בילדן... אַט דאָרט בויגט זיך איבער אויף צוריק די ברו־נעטין מיט דער פּראַכטפולער ברוסט, און אויסדרייענדיק לייכט הינטער זיך דעם קאָפּ מורמלט זי—און ס׳שלאָגט פון איר גלוסטונג, אַרויס ווי דער ריח פון אַ רויז... און דאָרט די וואונדערשיינע בלאָנדינין, מיט דער גאַנצער הימלשער בלויקייט אין די אויגן, ווי ווייך, ווי צוציענדיק זי זיצט, און קוקט אויף דער פאָרם פון אירע פיס אונטערן ווייסן אַטלאַס פון קלייד; זי הערט כלומרשט, וואָס מען רעדט צו איר, אין דער אמתן אָבער קען זי זיך ניט אָנזעטיקן פון קוקן אויף אירע פיס, וואָס צייכענען זיך אויס געהיימעניספול און צויבערלעך, איינגאַנצן פון זיי פאַרשלונגען, פאַרליבט אין זיך, פול מיט תאווה צו זיך אַליין...

ער גייט אַריין — — אַלע דרייען זיך אויס צו אים, ווייזן זיך פאַר אים, די מאַנסלייט רוקן זיך אָפּ פון וועג העפלעך און ליבנס־ווערדיק, פרויען ווילן מיט אים שמועסן, דערנענטערן זיך, קוקן אויף אים מיט פינקלענדיקע אויגן, צעעפענען די ליפּן און בויגן זיך צו נאָענט, נאָענט... ער איזשוין דאָ אין דער היים אַזוי לאַנג ניט געווען צווישן מענטשן, ער האָט עס פאַרלאָזט אין דער צום ווייניקסטן אָנגענעמער פאַר אַ קינסטלער צייט, גראָד דעמאָלט, ווען ער הייבט ערשט אָן אויף זיך ציען די אויפמערקזאַמקייט און וועקט אומפאַרמיידלעכן אין די פאַלן איראָנישן אומצוטרוי מצד דעם פיליסטערישן עולם.

דערביי האָט ער הינטער זיך אַ געשיכטע, ער האָט אַן אומגליקלעכע ליבע, נע־ונד זיין, געהיימעניש פון האַרץ... קיינער ווייס ניט, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין אים, וואָס עס טוט זיך אין אים איצט? וואָס עס איז אים? אָפּגעשניטן, אָפּגעריסן פון דער טשערעדע, באַווייזט ער זיך פּלוצלונג, אַ שטראַלנדיקער אין לויב פון זיין שאַפונג און אַ פינסטערער מיט דער געהיימעניש פון זיין נשמה, העכער פאַרן המון און אַ רעטעניספולער, דער צווייטער טשיילד האַראָלד... ער וועט לייגן, ווייל ער פאַרבאָרגט... הינטער זיין שמייכל מוז מען דערקענען ביטערניש און ווייטאָג,

אין זיין מילדן, סובטילן, געשטילטן ריידן פון אַ העכערן מענטש— די איראָניע פון פולקומער אַפּאַטיע, פון פולקומען גלייכגילט צו אַלעם, וואָס עס טוט זיך אַרום, צו אַלץ... פּלוצלונג האָט ער אין קאַרעטע, אין וועלכער ער איז געפאָרן אויפן ראַאוט, נער־וועז אַ ציטער געטאָן און אויף דידאָזיקע שטומע מחשבות זיינע גע־ענטפערט הויך און שאַרף: אַ ספּאָרט! אַ ספּאָרט! אַ ספּאָרט! אַ ספּאָרט! וועל איך דערפון מאַכן? אַ ספּאָרט פון דעם, וואָס עס האָט מיר מיין לעבן צעבראָכן?! אַ ספּאָרט פון איר?!... אָבער דאָס זאָגנדיק, האָט ער געפילט, אַז זיין לעבן איז טאַקע ניט צעבראָכן פון דער קאַ־טאַסטראָפע מיט מאַריאַן, אַז ער וויל דאָס אַליין זיך איינשמועסן, אַז ער האָט דערביי צופיל לעבנסלוסט ער זאָל דאָס וועלן, און איז צופיל ראָמאַנטיש, אַז ער זאָל דאָס אַנטשלאָסן ניט וועלן. דערווייל איז די דראָזשקע געקומען אויפן אָרט.

רדזאַוויטש איז אַרויסגעשפּרונגען און אַליין זיך דערפרייט מיט זיין עלאַסטישקייט, וואָס ער האָט ווי אויפדאָסניי צוריקבאַ־קומען. פאַרריכטנדיק, כלומרשט, דעם שאַפּאָקלאַק אויפן קאָפּ, האָט ער אים אַ ביסל אויסגעקרימט מיט אַ געוויסער וואויל־יונגישקייט און אָנגעהויבן אַרויפגיין אויף די באַלויכטענע און אויסגעפּוצטע מיט בלומען טרעפּ, קלאַפּנדיק אינם מאַנטל מיט די הענטשקעס, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט. אין גאַר־דעראָבע האָט ער באַמערקט, אַז לעבן אים איז עפּעס דורך אַן אָריגינעלע, געלע, גאַנץ הויכע און בלאַסע פּרוי, אפשר פון אַ יאָר דרייסיק. ער האָט באַמערקט, אַז זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און אַז זי האָט געהאַט טונקעלע ברעמען און טונקעלע אויגן.

ער איז אַריין אין זאַל.

ס'האָט געזאָלט זיין אַ גרויסער ראַאוט צוזאַמען מיט אַ קאָנ־צערט און לעבעדיקע בילדער, אויף אַ גאַנץ אָריגינעלן אופן צו־געטראַכטע פון עטלעכע דאַמען פון דער אַריסטאָקראַטיע און רייכער בורזשואַזיע. אינמיטן דעם גרויסן זאַל האָט זיך געצויגן צווישן צוויי רייען שטולן צו דער עסטראַדע־צו אַ ברייטער דורכגאַנג, די שטולן אָבער זיינען ניט געווען אויסגעשטעלט מיט אַ סדר

ווי שטענדיק, נאָר צעוואָרפן גרופנווייז אַרום קליינע עלעגאַנטע טישלעך. אַ שפּע ליכטיקייט, אַ שפע בלומען אין פּעסטאָנען, גיר־ליאַנדעס, אַ סך גרויסע בליענדיקע אין וואַזאָנען, אָלעאַנדרעס, מירטן, פייגנביימער. אויף דער עסטראַדע איז געשטאַנען אַ קלאַ־וויר, אַ שוואַרצער און גלאַנצנדיקער, און איבער אים, אַ בחפזון געמאַכטער, אויפגעהויבענער פאָרהאַנג.

ווען רדזאַוויטש איז אַריין, איז דער זאַל שוין געווען גע־פּאַקט. ביי דער טיר האָט אים אַ ביסל פאַרלאָזן זיין תּקיפות און ער האָט דערפילט, אַז ער האָט שוין לאַנג נישט באַוועגט זיך צווישן עולם אויף אַ שטאַרק געוועקסטן דיל. ס'איז אים תּיכּף געוואָרן דושנע און ער האָט דערפילט, אַז ער איז באַשאַפן פאַר דער בלוזע און סקולפּטאָרישן אַטעליע, אָבער נישט פאַרן פראַק און בעלערישע זאַלן; ער האָט זיך אַגב געפילט אַ ביסל געבונדן און אַ ביסל מלכותדיק צווישן דעם המון, וואָס האָט בנוגע צו אים נישט גע־פילט זיך, נישט געבונדן און נישט מלכותדיק, און נישט געוואָלט אויף אים זיך אומקוקן, אָדער ער זאָל זיך אומקוקן אויפן המון. ער האָט פאַרלאָרן תּיכּף דעם גאַנצן חשק צו טריאומפן און ס'האָט זיך געגלוסט אים האָבן דאָ גוטע באַקאַנטע, לעבן וועלכע ער וואָלט זיך קענען זעצן און וואָס וואָלטן געוואוסט, ווער ער איז און צו וואָס ער האָט רעכט.

לסוף האָט ער דערזען די פּושערוויצעס. זיי זיינען געזעסן לינקס פון אַריינגאַנג, אינמיטן זאַל, זיי ביידע, פרוי בישאַ, לעבן זיי עפּעס אַן אַלטער, גרויער הער מיט גרויסע וואָנסן און צוויי מיידלעך. ער האָט זיך אַרויסגערוקט פון צווישן עולם און צוגע־גאַנגען צו זיי.

פרוי לאַאוראַ האָט אים באַמערקט, אַ פּאַטש געטאָן מיט די שפּיץ פינגער פון ביידע הענט און אויסגעשריען כּמעט אויפן קול: — ראָמעק! דערנאָך האָט זי זיך שטאַרק פאַררויטלט און אויסציענדיק צו אים די הענט, געזאָגט אַ צעמישטע:

— אַנטשולדיקט, כ'האָב זיך אָבער אַזוי דערפרייט, וואָס איר זייט געקומען. איבעריקנס, זייט איר זיך אוודאי משער, אַז

ווען מיר ריידן צווישן זיך וועגן אייך, רופן מיר אייך ניט ביים פאַמיליע־נאָמען. פעטער סטאַש — האָט זי זיך געווענדט צום גרויען הער, וואָס איז געזעסן דערלעבן—הער ראָמאַן רדזאַוויטש— האָט זי צוגעגעבן, פאַרשטעלנדיק אים פאַר די מיידלעך.

רדזאַוויטש האָט אַ דריק געטאָן דעם גרויען הערס האַנט, זיך פאַרנויגט פאַר די מיידלעך און זיך געזעצט אויף דעם אָרט, וואָס ער האָט זיך געמאַכט, צווישן פרוי לאַאוראַ און דעם ייִנגערן מיידל.

— מיינע קוזינעס, דעם פעטערס טעכטער — האָט געזאָגט פרוי לאַאוראַ, וועלנדיק מיטאַמאָל צעבּרעכן דאָס ערשטע אייז— זיי זיינען געווען היינט אויף דער אויסשטעלונג און זייער געוואָלט אייך קענען.

— אמת טאַקע, ס'האָט זיך מיר אַזוי געוואָלט זען אַמאָל אַ סקולפּטאָר — האָט זיך אָפּגערופן אָן שום שהיות — מיט אַ ליטוויש־ווייסרוסישער אויסשפּראַך דאָס מיידל, וואָס איז געזעסן לעבן רדזאַוויטשן. אַלע האָבן געשמייכלט, זי ווידער האָט ווייטער גאַנץ פּשוט זיך געטאָן אַ קוק אַרום: — מאָלן מאָלט איר אויך ?— האָט זי ווידער אַ זאָג געטאָן.

— כ'מאָל.

— מיר האָבן איינמאָל אין סאָרגאַילע אַ גאַנצע נאַכט געמאָלן אייער אויף אָסטערן. ס'האָט געוואָלט זיך שלאָפן, אָבער די מוטער האָט געהייסן מאָלן, אַנדערש האָט מען ניט געקענט די אייער זיינען געווען שיין, אַ תּענוג. אַפילו פּירשט בּירקודוש האָט געלויבט זיי.

— און ווער איז עס פּירשט בּירקודוש ?

— אַ, דאָס איז זייער אַ שיינער מענטש, ער וועט מסתּמא קומען אַהער אויף פערד־געיעג. אַלע מיידלעך אין דער ליטע זיינען אין אים פאַרליבּט. דאָס איז אַ אידעאַל.

— און דו, מיניאָן, האָסט דיין אידעאַל ?—האָט געפרעגט פּושערוויץ.

— איך ? ניט געפונען.

— און וואָס פאַר אַ מעלות דאַרף האָבן דיין אידעאַל.

— זיין אַ ברונעט און אַ שטאָלצער.

— און פירשט בירקודזש איז ניט קיין ברונעט און אַ שטאָלצער.

— שטאָלץ איז ער אפשר יאָ, אָבער אַ בלאָנדין — האָט געענט־פערט דאָס מיידל.

רדזאַוויטש וואָס האָט ביז אַהער דער עיקר געקוקט אויף זיין שכנה, אַ שיינע זעכצניעריקע ברונעטין מיט אַ גרינעם גלאַנץ אין די אויגן אויף בלוילעכע ווייסלען אונטער גרויסע וויעס, וואָס קוקן עפּעס מיט לעגענדאַרער נאַאיוויטעט אויף דער וועלט, האָט איצט אַ קוק געטאָן אויף דער צווייטער פריילין ראָסיענסקאַ, וואָס איז געזעסן צווישן פאָטער און פרוי בישאַ. זייערע בליקן האָבן זיך געטראָפן און אויף אַ ווייַלע פאַרהאַלטן. דערנאָך האָט דאָס מיידל באַהאַלטן אירע בליקן אונטער די הייטלעך פון די אויגן, אויך מיט טונקעלע, גרויסע וויעס, פונקט ווי ביי דער שוועסטער.

די האָט געקענט אַלט זיין אַ יאָר אַכצן, געווען אַ קוים־קוים בלאַסע שאַטענקע, מיט גרוי־בלויע אויגן, גרויסע און טיפע, און די אויגן האָבן פון דער ערשטער רגע געמאַכט אויף רדזאַוויטשן אַזאַ איינדרוק, אַז מען קען אין זיי גיין, ווי אין אַ וואַלד; שטריכן האָט זי געהאַט דעליקאַטע, ניט אַזעלכע שיינע ווי די שוועסטער, אָבער וואָס ציען מיטאַמאָל אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. דערהויפּט האָט זי געהאַט אַ שיינע נאָז, אַ ביסל אַן אָדלערישע און פראַכט פולע, פון טונקעלן קאַרשן־קאָליר ליפּן, וועגן וועלכע מען זאָגט, אַז זיי זיינען „באַשאַפן צום קושן". זי האָט געהאַט אַ ווייסן האַלז, אַ פולן, איידעלן ביוסט און שמאָלע הענט. דאָס פנים אירס, אַ בלאַסלעכס און פיינס, האָט געהאַט אין זיך עפּעס טרויער, אַן אויסדרוק פון אַ בענקענדיקער מחשבה, וואָס גאַרט נאָך עפּעס פאַרבאָרגענערהייט, און דער דאָזיקער אויסדרוק איז קודם־כל געווען דער איינדרוק פון איר געזיכט.

— אין דעם מיידל ברענט עפּעס אינעווייניק און זי איז ניט גלאַט אַזוי זיך אַ מיידל. — האָט אַ טראַכט געטאָן רדזאַוויטש,

אויף וועלכנס חושים איר שיינקייט האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן ווירקן. כ׳בין אַ בעלן צו וויסן, צי זי „פּאַרצייט" אויך אַזוי די אויסשפּראַך?

און ווענדנדיק זיך צו איר, האָט ער העפלעך אַ פרעג געטאָן:

— ווי געפעלט אייך דאָס געזעלשאַפט?

— זייער אַ סימפּאַטישס — האָט זי געענטפערט מיט אַ קוים־קוים ניגונדיקן אַקצענט, אויפהייבנדיק צו אים אירע גרויסע, טיפע אויגן. — די פרויען זיינען על־פּי־רוב שיין און אָנגעטאָן מיט געשמאַק.

— אין ערגעץ טוט מען זיך אַזוי ניט אָן, ווי אין וואַרשע — האָט זיך אָפּגערופן דער אַלטער ראָסיענסקי, אַ גרויער, פון אַ יאָר זעכציק.

— פרויען דאַרפן זיך אָנטאָן, וואָס זאָרגפעליקער. אַ רויז איז זיך אַ רויז, אָבער אַ שיינער בלומען־טאָפּ, איז זיך אַ שיינער בלומען־טאָפּ. אַ שאָד בלויז, וואָס מען טראָגט ניט קיין גריכישע געפאַלבטע, ניט קיין גענייטע סחורות—האָט געזאָגט פּושערוויץ.

— שיין וואָלטן מיר אויסגעזען דעריבער. קוזין מיינער,— האָט אַ שמייכל געטאָן די עלטערע פריילין ראָסיענסקאַ.

— פאַרוואָס עפּעס ניט? — האָט זיך אָפּגערופן די ייִנגערע. — איך וואָלט זיך שוין באַשטעלט ביי הערזן, דער טאַטע זאָל נאָר לאָזן. כ׳וואָלט אָנגעטאָן און פּטור?

— אַ הערלעכע פיגור! — האָט אויסגעשריען פּושערוויץ, וואָס האָט מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן זיך צוגעקוקט צו דעם מיידל.

— מילא, איז ניט קיין פיגור — האָט זי געענטפערט באַליידיקט. — אויך מיר העפלעכקייט.

— נו, אַז ביסט אַ פיגור, מיניאָן, האָסטו ניט, וואָס צו קלערן — האָט אַ זאָג געטאָן הער ראָסיענסקי מיט אַ ערנסטער מינע.

רדזאַוויטש האָט געקוקט דאָ אויף איין פריילין ראָסיענסקאַ, דאָ אויף דער צווייטער.ביידע זיינען זיי געגאַנגען אָנגעטאָן אין

בלאָס־גרינע קליידער מיט בלומען, וואָס עס האָט דערמאָנט אָן זאָסיאַן פון „פאַן טאַדעאוש" און אָן דער לאָנקע. ס'האָט געשפּריצט פון די מיידלעך עפּעס אַ ריח פון פולע בינשטאָקן און דאָרפישע זאַהאַיעס, עפּעס אַ ריח פון בליענדיקע עפּלביימער און יונגע בעריאָזעס און תבואה אַנטקעגן דער זון.

— לאָמיר זיך אַ ביסל דורכגיין — האָט אַ זאָג געטאָן, זיך אויפהויבנדיק פרוי לאַאורא,—איר וועט מיר געבן די האַנט, הער ראָמאַן?

— ביטע זייער.

הער ראָסיענסקי האָט אויסגעשטרעקט זיין אָרעם צו בישאָן, פּושערוויץ איז צוגעגאַנגען צו דער עלטערער פריילין ראָסיענסקאַ, אָבער זי האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— זאָל דער קוזין געבן זיין האַנט רוזשקען, וועט זיך דער קוזין בעסער וויילן, ער האָט דאָך דערצו מער חשק אויך, ניט אמת?

— טו אַזוי — האָט זיך אָפּגערופן פרוי לאַאורא, אַוועקדרייענדיק דעם קאָפּ. — און דו, עליאַ, קום מיט אונז.

— איצט גיט מיר צו פאַרשטיין — האָט זיך אָפּגערופן רדזאַוויטש — פירנדיק פרוי לאַאורא — פאַרוואָס ליטווינירט איינע פון די מיידלעך אַזוי שטאַרק די אויסשפּראַך און די צווייטע אַזוי ווייניק?

— זיי זיינען לחלוטין ניט קיין ליטווינערינס — האָט געענטפערט פרוי לאַאורא — די מומע ראָסיענסקאַ איז נאָר קראַנק אויפן קרייז, האָט זי זיך ניט געקענט פאַרנעמען מיט דערציען זיי, זיינען זיי אויפגעצויגן געוואָרן ביי זייערע קרובים אויף דער ווייסרוסיש־ליטווישער גרענעץ. עליאַ איז דאָרט געווען אַ קורצע צייט און ניט באַוויזן זיך אויסצולערנען אַקצענטירן, מיניאָן אָבער איז דאָרט מיט קורצע הפסקות געזעסן גאַנצע זעקס יאָר, זינגט זי אַזוי, ווי זי וואָלט לכל־הפחות געווען פירשטין בירקודזש פון דער היים. זי זאָגט מיר מומע בלויז אויס דרך־ארץ צו מיין עלטער.

— מיניאָן וועט אין צוויי וואָכן אַרום אַלט זעכצן יאָר— האָט אַ זאָג געטאָן פריילין ראָסיענסקאַ.

— זי איז שרעקלעך נאַאיוו. דו דאַרפסט זי אַ ביסל מער אַנטוויקלען.

— זי לערנט אויסגעצייכנט און אַלע זאָגן פּה אחד, אַז זי איז אַ פּעאיקע. אַז וועסט זיך נעענטער באַקענען מיט איר, לאָראַ׳ וועסטו זען, אַז זי איז אינטעליגענט. אָבער אמת איז, זי מאַכט אינ־גאַנצן אַן איינדרוק פון אַ קינד. דיין מאַן צעגייט אַזש פון איר פון נחת.

— אַ, יעזשי איז אַנטציקט פון איר. ער זאָגט, אַז אויב ער קנאַקט זי ניט אַריין אין דער נאָענטסטער דערציילונג, איז ער „אַ פּוילישע אינווענץ".

— וואָס מיינט מען עס? — האָט אַ פרעג געטאָן פריילין ראָ־סיענסקאַ.

— מסתמא דאָס זעלבע, וואָס אויף סטודענטיש לשון „בין איך אַ גיפּס" — האָט געזאָגט רדזאַוויטש.

ס׳איז ביי יעזשין אַזאַ מין חולאת, אַז פּאָליאַקן האָבן ניט קיין אייגענע אינווענץ, זיינען קיינמאָל אין קיין זאַך ניט אָרי־גינעל. ער האַלט, אַז מיר מאַכן אָפּטמאָל זאַכן בעסער, ווי אַנ־דערע, אָבער אויסגעטראַכט האָבן עס אַנדערע, פריער פאַר אונז. וואָס שייך דעם, איז עס ממש זיין idée fixe.

— און מיר דאַכט זיך, ליידער, אַז ער איז גערעכט — האָט זיך אָפּגערופן רדזאַוויטש.

פריילין ראָסיענסקאַ האָט אויף אים אויפגעהויבן אירע גרוי־בלויע אויגן פון אונטער די גרויסע טונקעלע וויעס אפער און אַ פרעג געטאָן:

— איר קענט „פּאַן טאַדעאוש".

— כ׳קען.

— און „די לוויה פון קאַפּיטאַן מ." אָדער „דער גאָלדע־נער שאַרבן?"

— קען איך אויך.

— און „פּאַריס" ?

— אויך.

— און פון וואַנען איז „אויף מיין שווערד זייַנען דע־מאָלט יאָרהונדערטער געווען?" — ווייסט איר?

— כ'ווייס.

— און וואָס וועט איצט זיין? — האָט אַ פרעג געטאָן קוים־קוים פאַרציענדיק די אויסשפּראַך פריילין ראָסיענסקאַ מיט אַ לייכטן לויטערן און מאָדנע מילדן, טרויעריקן ווי איר גאַנץ געזיכט שמייכל.

— יעזשי איז אומגערעכט—האָט געזאָגט רדזאַוויטש.

פרוי לאַאוראַ האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַן אויס־דרוק פון צופרידנהייט, ער האָט דאָס באַמערקט און אַ זאָג גע־טאָן:

— איך פרייט אייך, וואָס כ'האָב קאַפּיטולירט.

— כ'פריי זיך, מחמת פּאַטריאָטיזם—האָט זי מוסיף געווען פּלוצלונג האָט זי זיך אויסגעדרייט צו פּזשערוויצן און אָנווייזנ־דיק אים מיטן קאָפּ אויף אַ גאַנץ הויכער ברונעטין, מיט אַ גרויס פּנים און ניט קיין שייגער נאָז, געזאָגט: — זע נאָר, יעזשי, פרוי לעאָקאַדיאַ סעמפּאָווסקאַ.

— ווער איז דאָס? — האָט רדזאַוויטש אַ פרעג געטאָן פּזשערוויצן.

— דאָס איז אַ דאַמע, וואָס דערציילט וועגן זיך, אַז זי האָט אַזאַ האַרצקלאַפּעניש, אַז די דאָקטוירים האָבן מורא, די ביינדלעך זאָלן איר ניט פּלאַצן, און זי זוכט — — גליק. אַ טאַשן־אויסגאַבע פון סלאָוואַצקיס „גרעפין אידאַליאַ". היט זיך פאַר איר, ווייל זי וועט דיך ביינאַכט פירן אין וואַלד אַריין, זאָגן דיר, אַז דו האָסט אַ דורכדרי־נגנדיקע שטים און אַז פאַר איר זייַנען ביי מאַנסביל פאַרהאַן בלויז אויגן און ליפּן, אָדער זי וועט דיך הייסן זעצן לעבן זיך אויף אַ קליין בענקל און וועט אַריינשטעקן צווישן זיך און דיר אַ שירעם, „אַ זיכערע", אַז וועסט די דאָזיקע דעמאַרק־ליניע ניט איבערטרעטן, אָבער גלייכ־צייטיק „זיכער", אַז האָסט משוגע חשק דערצו. זי וועט דיך פאַר־שיטן מיט פראַזן פון בורזשע, לעמעטר, מאָפּאַסאַן, ד'אַנונציאָ און פאַרבראָקט מיט אייגענע, און אַז דו קענסט שוין

מער ניט אויסהאַלטן פון דער היסטערישער זעג, וועט זי דיך אָפּגעזעגענען מיט אַ ביטערן שמייכל פון אַנטטוישונג. — ס'איז שוין איינמאָל אַ כּלי.

— ביסט אַ שלעכטער, קוזין מיינער — האָט אַ זאָג געטאָן די עלטערע פרײלין ראָסיענסקאַ; די ייִנגערע ווידער האָטגעפרעגט:

— וואָס איז דאָס אַזוינס היסטערישע זעג, פּעטער יורעק?

— דאָס איז, ווי עמיץ וואָלט מיט אַ פאַקלע ברויט געשמירט — האָט געענטפערט פּזשערוויץ.

מיניאָן האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אירע גרויסע אויגן, ניט פאַרשטאַנען און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז זי פאַרשטייט.

פּלוצלונג האָט אַ קלונג געטאָן דאָס זילבערנע גלעקל אויף דער עסטראַדע און אין זאַל האָט אָנגעהויבן שטיל ווערן. אויף דער עסטראַדע האָט זיך באַוויזן אַ פאַרבעטענע צום דעקלאַמירן אַרטיסטין, ניט זייער קיין יונגע, אָבער נאָך שיין, שטאַרק דעקאָלטירט און מיט גרויסע ברילִיאַנטן אין די אויערן און ביי דער ברוסט.

— דיינע לידער — האָט אַ מורמל געטאָן פרוי לאַאוראַ, בלאַס ווערנדיק פון אויפרעגונג.

— אַהאַ — האָט רואיק געענטפערט פּזשערוויץ — זי וועט אָנהייבן פון די „זיילן".

דער עולם איז שטיל געוואָרן, זיך צונויפגעזאַמלט אין גרופּן און די דעקלאַמאַטאָרין האָט אָנגעהויבן ריידן. נאָך „שמשונס זיילן" איז געגאַנגען „אָפּגרונט", און אַז די אַפּלאָדיסמענטן זיינען געוואָרן שטאַרק, האָט די אַרטיסטין אָנגעהויבן דעקלאַמירן אַ ליד פון אַן אַנדער מחבר, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַזאַ סטראָפע:

„כ'ווייס אליין ניט וועמען ליבן:
אפשר אנטאָשן צי יוזשא?
ס'האָט די זעלבע דאגות אויכעט
אויף דער פענסיע פריילין רוזשא"...

און אַזוי ווייטער.

דאָס ליד האָט זיך געענדיקט.

יוזשא... אנטאָש... כ'ווייס אליין ניט,
ס'קען דאָס געזונבלימל לייגן — —
גיט מיר קיינער ניט קיין עצה?
וועט די מאַמע פאַר מיר דאַגהן...

ס'האָט אויסגעבראָכן ממש אַ ווילדער שטורעם פֿון אַפּלאָדי־סמענטן. דער זאַל האָט געהילכט פון בראַוואָס. מען האָט געשריגן „ביס ביס!" און פּשוט ניט געקענט צו זיך קומען. דעמאָלט האָט די דעקלאַמאַטאָרין געמאַכט אַ טרויעריקע מינע און מיט אַ וויינענדיקער שטים אָנגעהויבן לייענען דאָס ליד פון פּושערוויצעס צווייטן „קאָלעגע". דאָס דאָזיקע ליד האָט זיך אָנגעהויבן פון דער סטראָפע.

זי האָט געמאַכט אים אַ צלם,
אַ בילדל אַ הייליקס געשאָנקען,
אַוועק פון דער כאַטע און עולם, —
איז ער אין וועלט דורך די לאָנקען".

אין זאַל האָט אָנגעהויבן הערשן אַ טויב שווייגן. די פרויען האָבן אויפגעהויבן באַטיסטענע טיכלעך צו די אויגן. די לעצטע סטראָפע וועגן פאַרוויינטן מיידל ביים פענסטער און וועגן קבר אינם פוסטן פרעמדן לאַנד האָט אַרויסגערופן עטלעכע הויכע שלוכצן. דער שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן איז געווען פּונקט אַזוי שטאַרק ווי פריער. די מחברים פון ביידע לידער, לאַנגהאָריקע און פּאָטישע, האָבן שטייענדיק ביי דער וואַנט געקוקט פון דער ווייטנס מיט טריאומף און גרויסמוטיק מיטגעפיל אויף פּרושערוויצן.

— איך בין צעקלאַפּט אויף אַלע פראָנטן — האָט געזאָגט פּושערוויץ מיט אַ לחלוטין גלייכגילטיקן שמייכל — איך האָב געהאַט אַ succés d'éstime, אָבער מיינע „קאָלעגן" האָבן באמת אַריינגעברענגט דעם עולם אין התלהבות. ווען זי זאָל געווען לייענען Evviva! וואָלט איך נאָך ווי עס איז געווען אויס־

געהאַלטן די קאָנקורענץ; ביי אונז קענען לעבן אין איין שורה קאַרמעלקעס און אָפּלאַטקעס, בלויז באַמבעס פאַרנעמען אַן אָרט.

— אַמאָל וואָלסטו געווען משוגע ביי — האָט געזאָגט רדזאַוויטש צו פּזשערוויצן. — זאָג מיר, פון וואַנען קומט צו דיר איצט די רואיקייט.

פון דאָרט — האָט געענטפערט פּזשערוויץ, אָנווייזנדיק מיטן קאָפּ אויפן ווייב.

פרוי לאַאוראַ אָבער האָט ניט אויפגענומען מיט דעם זעלבן סטאָאיציזם דעם מאַנס Succés d'éstime: זי איז געווען בייז און געהאַט אַ מרה־שחורהדיקן אויסדרוק אין די אויגן.

— זיוצו? — האָט געזאָגט פּזשערוויץ מיט אַן אויסדרוק פון שטאַרקער פאַרוואונדערונג.

— איך בין בייז, האָט געענטפערט פרוי לאַאוראַ. —

— אַלע ווייסן דאָך, אַז די צוויי דערגרייכן אַפילו ניט צו דיינע פּיאַטעס!

— מילא, זאָל דאָס זיין פאַר דיר גענוג. און איצט הער, מאַטיני. זע נאָר, מיניאָן, דער איז אי אַ ברונעט אי אַ שטאָל־צער; זעסט, וואָס פאַר אַ מינע ער האָט?

— אָט אַ זינגער עפּעס. די מומע נאַסציאַ האָט אויפן פּעטערס נאָמען־טאָג אַראָפּגעבראַכט זינגער פון סמאָלענסק, האָט מען זיי געגעבן עסן אין פאָרהויז.

— דאָס איז דאָך אָבער אַן איראָפּעאישע באַרימטקייט!

— עט! מסתמא נאָך אַפילו ניט געבוירן געוואָרן.

— רוזשאַ! — האָט געזאָגט די עלטערע פריילין ראָסיענסקאַ פאַרשעמט.

— די מומע נאַסציאַ האָט שטענדיק פריער געהייסן גע־וואָר ווערן, ווער עס געבירט — האָט געענטפערט פריילין מיניאָן.

— פּסט! האָט אַ מורמל געטאָן פרוי בישאַ.

— ער הייבט שוין אָן.

צום שטורעם אַפּלאָדיסמענטן איז צוגעקומען נאָך אַ האָגל בלומען. דעמאָלט האָט דער טענאָר, אַ שיינער דיקער

ווי אַ בוהיי, מיט אַ נאַרישן אויסדרוק ווי ביי אַן אָקס, אַראָפּ־געלאָזט כּלומרשט צופעליק צווישן די ווילדע פון ענטוזיאַזם פרויען זיינע הענטשקעס. ס׳איז ממש אַנטשטאַנען אַ מלחמה איבער זיי. אַרויסרייסנדיק זיי איינע ביי דער אַנדערער, האָבן די דאַמען זיי צעריסן אויף פיץ־פּיצלעך און די שטיקלעך הענטשקעס האָבן זיי צוגעדריקט צו די ליפּן און באַהאַלטן אין בוזעם אַריין. ער ווידער איז געשטאַנען אויף דער עסטראַדע אַ טריאומפירנדיקער, זיגרייכער און אומענדלעך נאַרישער.

— ער מוז דאָך זיין אַ שוטה — האָט רדזאַוויטש אַ זאָג געטאָן שטילערהייט צו פּזשערוויצן.

— פאַרשטייט זיך, אַ שוטה. — האָט ער געענטפערט.

— אָבער דיך מיט דיין פּאָעזיע, און מיך מיט מיינע צענטאַוורען און וואַמפּיר האָט ער אינגאַנצן אַראָפּגערוקט אַן אַ זייט.

— אַזוי איז שוין תמיד Similia similibus. דו ווייסט עס נאָך ניט?

דערווייל האָט רדזאַוויטש, דערזעענדיק פּאַר זיך אַ ריזיקן, שוין גרוילעכן מאַנספּאַרשוין, אויסגעשריען:

— זע נאָר, ס׳אַר אַ יונג דאָס איז! ווען איך זאָל אַזאַ איי־נעם פּאַקן פאַר אַ מאָדעל! אַ ריינער הוזאַר!

— מיט אַ פּנים פון אַ קרעטין, קוק זיך צו. דאָס איז דער אַזוי גערופענער גראַף מיש פון גאַליציע. דער אומגליקלעכער מענטש האָט אין משך פון יאָר דריי הונדערט פינף און זעכציק אַוטאָנאָמישע זיצונגען און דרייהונדערט פינף און זעכציק געיעגן מיט געטרייב. דריי הונדערט פיר און זעכציק טעג איז ער אויף געיעג, און וועגן דריי הונדערט פינף און זעכציקסטן שרייבט מען אין „זייער אָרגאַן״, אַז ער האָט מפקיר געווען דאָס פּאַר־געניגן פון געיעג לשם טובת הכּלל. אין אַ עיבור־יאָר קומט דער דאָזיקער טאָג אויס דער דריי הונדערט זעקס און זעכציקסטער.

ס׳איז געוואָרן אַ פּויזע אין קאָנצערט און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער שפּאַצירגאַנג. די הערן האָבן דערלאַנגט די הענט די דאַמען, וועלכע האָבן שטראַלנדיק מיט בריליאַנטן, בליענדיקע

פון בלומען, מיט ראָזע פנימער פון היץ, געקילט זיך מיט פעכערס פון פוכיקע פעדערן, און אָנלענענדיק זיך אָן די באַגלייטער, געפירט אַ לעבהאַפטיקן שמועס, פול מיט געלעכטער, הומאָר, אַליין צע־רייצטע און רייצנדיקע. די כוואַליע קעפּ, וואָס האָט געשפּילט מיט די קאָלירן פון די האָר, פון פּערל, בלומען, גאָלדענע דיאַ־דעמען און בריליאַנטענע ציטערדיקע שטערן, האָט זיך געוויגט איבער דער כוואַליע ווייסע אַנטבלויזטע אָרעמס און ווייסע אַנט־בלויזטע פּלייצעס, דער המון פרויען איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין עפּעס אַ צעשוואומענער און שווימענדיקער מאַסע, פול מיט ליכטיקייט, מיט קיילעכדיקע און ברייטע פלאַכן, פול מיט רופנדיקער תאווה און איבעראַשנדיקן רייץ.

— געדענקסט, וואָס בייראָן האָט אָנגעשריבן אין דאָן זשו־אַן וועגן בריאַרן? — האָט אַ מורמל געטאָן פּזשערוויץ צו רדזאַוויטשן...

רדזאַוויטש ווידער האָט געקוקט אויף פריילין עליאַ ראָ־סיענסקאַ וואָס אַמאָל מיט מער אינטערעס. קודם כּל האָט זיך אים געוואָרפן אין די אויגן אַריין דאָס, וואָס זי איז אַן אויסער־געוויינלעך ריינע. די טיפע אויגן און איר ווערדיקער גלייך גע־וועלבטער שטערן האָבן געמאַכט דעם אַיינדרוק, אַז דורך זיי איז קיינמאָל נאָך ניט דורכגעגאַנגען קיין איין אומריינע, מיאוסע און אומווערדיקע מחשבה, בעת די ליפּן ווידער האָבן געשריגן: איך גאַר!... דאָס מיידל האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי אַ בלום אין באַגינען, ווען די פרימאָרגן־נעפּלען הענגען נאָך איבער דער ערד, אָבער זיי פּערלען און גילדערן זיך שוין אינם זוניקן אויפ־גאַנג און ווען טראָפּנס טוי אויף די בלומען הייבן אָן אַריינצו־נעמען אין זיך גלאַנץ און נעמען פינקלען. אין דער צייט זיינען די בלומען אַזוי ריין ווי קיינמאָל ניט און אַ ריח האָבן זיי אַ פרישן און פּראַכטפולן, כאָטש די פאַרבן זייערע זייגען נאָך ניט אויפגעוועקט און ווייזן אויס צו זיין פול מיט פרייד. זיי זיינען דערביי עפּעס אַזוי טרויעריקע און מאָדנע שטיל.

רדזאַוויטש האָט געפילט, אַז עפּעס אַ פאַרלאַנג נאָגט. דאָס מיידל און באַהערשט זי וואָס אַמאָל שטאַרקער. דאָס

געפיל, וואָס ער האָט איצט איבערגעלעבט, איז געווען ביי אים לגמרי אַ נייס, ווייל אויב פון איין זייט האָט ער געגאַרט זי מיט זיינע חושים, האָט פון דער אַנדערער זייט געפלאָסן פון איר אין אים אַריין עפּעס אַ גייסטיקע רו און די ריינקייט פון איר איז ווי איבערגעגאָסן געוואָרן פון איר נשמה אין זיינער. ס׳איז געווען אַ צויבער, וואָס ער האָט קיינמאָל ביז אַהער ניט איבערגעלעבט: אַ צויבער, וואָס איז פול זיסע ריחות און מילדע פאַרבן, אַ צויבער פון דער נאַטור אַזוי ווי זי איז—אַ סטיכעאישע, פשוטע און אין דער פשטות אַ הייליקע.

קיין שום קאָקעטעריי, קיין שום געקינצל האָט ער אין פריילין ראָסיענסקאַ ניט געזען. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, בעת ער האָט געקוקט אויף אירע ליפּן, אַז זי וואָלט אַ ליאַדע רגע געקענט אויסציען צו עמיצן די הענט, פאַרוואַרפן זיי אויפן האַלז און אַ זאָג טאָן הויך צווישן גאַנצן המון: איך האָב ליב, ווייל דאָס איז מיר איינגעבוירן... — אין דער צייט, ווען קוקנדיק איר אין די אויגן און שטערן, האָט ער געזען פרויען-שעמעוודיקייט און שטאָלץ, וועלכע עס האָבן אין איר אויסגעאַיבט די ציוויליזאַציע און זיינען משמעות געווען אין איר זייער שטאַרק אַנטוויקלט.

זי איז געשטאַנען מיט אַ ביסל אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, באַרירנדיק מיטן עק פעכער די ליפּן, ענלעך גלייכצייטיק צו כאַריטאַ און דיאַנאַ. רדזאַוויטש האָט דערפילט, אַז אין דער ברוסט זיינער בויגט זיך עפּעס צו דעם מיידל: ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן און אין דערזעלבער צייט האָט זי פון אונטער די גרויסע וויעס אַפּער אויפגעהויבן אירע טיפע אויגן. אַ וואַרעמקייט האָט אַרומגענומען רדזאַוויטשן, מחמת דורך אַ קוים באַמערקלעכן בליק האָבן די אויגן געוואָלט אים עפּעס זאָגן. דערנאָך זיינען זיי ווידער געוואָרן שטיל, מילד און טרויעריק און זיך באַהאַלטן אונטער די הייטלעך מיט די גרויסע וויעס. אַ שטילע און שטאָלצע ריינקייט האָט גערוט אויפן שטערן פון פריילין ראָסיענסקאַ; אירע קאַרשן-ליפּן ווידער, וואָס זיינען ווי פאַר קושן באַשאַפן, האָבן געשריגן: איך גאַר!...

רדזאַוויטש האָט באַמערקט, אַז פרוי לאַאוראַ האָט אַ קוק

געטאָן אויף אים און אויף עליאַן זייער דיסקרעט מיט עפּעס אַ געריירטן פּייכטן בליק און אין דערזעלבער צייט האָט זיך אים געדאַכט, אַז ס'נעמט אים אַרום עפּעס אַ חלום און אַז זיין קאָפּ בויגט זיך איין, כּדי זיך אָנצולענען. אין דער מינוט האָט זיך דערנענטערט אַ מאַנספּאַרשוין פון אַ יאָר זיבן און דרייסיק, אַ הויכער, אַ דאַרער, איינגעאַנצן אויסגעגאָלט, מיט לאַנגע בלאָנדע האָר, מיט אַ לאַנגער פון אונטן פאַרבויגענער נאָז, מיט צוויי לאַנגע קנייטשן פון די באַקנביינער ביז דער גאָמבע און מיט אַ געוויסער נאַכלעסיקייט אינם פאַרבינדן דעם קראַוואַט, און ער האָט אָנגעהויבן גוט-ברידעריש און מעשה גוטער פריינד זיך באַגריסן מיט הער ראָסיענסקי, מיט די מיידלעך, און אַ ביסל מער, כאָטש אויך ניט זייער שטאַרק עטיקעטיש, מיט די פּזשערוויצעס און מיט פּרוי בישאַ. רדזאַוויטש האָט באַמערקט, אַז ער מיט עליאַ האָבן זיך אויסערגעוויינטלעך האַרציק געדריקט די הענט און ניט ווילנדיק, שנעל ווי אַ געדאַנק, האָבן זיך די אויסנווייניקסטע ווינקלען פון זיין מויל אַראָפּגעלאָזן אונטן אַראָפּ, די ברעמען האָבן אַ ציטער געטאָן איבער די אויגן, פון מוח אָבער ביזן מויל האָט אים אַ פינקל געטאָן ווי אַ פלאַם דער אויסדרוק: „זי איז מיין"!... אַלץ האָט זיך אין אים פאַרטונקלט, ער האָט געפילט, אַז ער איז גרייט, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אויף קיין זאַך, אַ געשריי צו טאָן: „איך האָב ליב"!... אויב ער וועט פאַר דעם געשריי זיך האַלטן ביים אויסדרוק: „זי איז מיין"!... די אותו רגע האָט דער דאַרער און הויכער מענטש, באַמערקנדיק, אַז רדזאַוויטש געהערט צו דער געזעלשאַפט, צוגעגאַנגען צו אים און דערלאַנגענדיק די האַנט, געזאָגט מיט פרייער העפלעכקייט פון אַ וועלט-מענטש: לעאָן מאָרסקי.

רדזאַוויטש האָט דעם דאָזיקן, איבעריקנס אַרטיסטישן נאָמען, געקענט שוין פון לאַנג: מאָרסקי, וואָס האָט געוואוינט כּסדר אין אויסלאַנד, האָט געשמט פאַר אַ גרויסן מוזיקאַלישן טאַלענט און גלייכצייטיק אַלס גרויסער אָריגינאַל. אים ווידער איז רדזאַוויטשעס נאָמען משמעות אויך געווען ניט אומבאַקאַנט, ווייל ער האָט פריינדלעך אַ שמייכל געטאָן, און שאָקלענדיק שטאַרק זיין

האַנט, אָנגעהויבן ריידן געוואַלטיק שנעל און נאַכלעסיק, אויסמישנדיק אַלץ צוזאַמען.

— איך פריי זיך זייער, וואָס איך באַקען זיך מיט אייך. פון ווען אָן קומען דאָס די פריילעכע ראָסיענסקיס אין אַזאַ פיינע געזעלשאַפט? זיי האָבן אייך שוין דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי מען זעצט אָדער מען זייט, אָדער אפשר זעצט מען טאַקע בוריקעס, וויפל אייער די הינער לייגן, וואָס מילוש האָט געגעסן צו פרישטיק, און אַז הער קאַלאַסאַנטי וואָנטרובסקי האָט אַ נייע שפּילקע אין קראַוואַט, און הער אַנטיפּאַנטי וויערסקאָלופּסקי האָט פיר נייע קוצעקלעך צום וואַלאַנט.

— ניין, מיין הער, די פריילין ראָסיענסקיס האָבן מיר דאָס נאָך ניט דערציילט—האָט געזאָגט רדזאַוויטש, באַמיענדיק זיך צו ענטפערן ניט אומהעפלעך.

— נו, וועלן זיי אייך נאָך דערציילן. וואַרט צו אַ ביסל. כ׳פריי זיך זייער, וואָס איך האָב אייך דאָ געטראָפן, מיינע ליבע. מיט אַ שעה דריי צוריק בין איך געקומען פון לאָנדאָן. גיסט דאָרט, אַ שרעק. וואָס טוט מען דאָ אויף דעם ראַאוט? דאָס אייזל מאַטיני שטייט דאָרט, ער האָט געזונגען? איך בין נאָר וואָס געקומען. מיניאָן, שטעל ניט אויס אַזאַ פּאָר אויגן אויף דעם אָפּיציר. ווי איז עפּעס דאָס גערעטעניש, הער סטאַניסלאַוו? איר זעט גוט אויס, פרוי לאַאוראַ, איך האָב אייך שוין ניט געזען אַ צייט. איך האָב געהערט פּאַדערעווסקין אין ניו יאָרק, כ׳זאָג אייך—די וועלט עקט זיך און האָט גאָר קיין אָנהייב ניט, אָבער איך פאַרשטיי בשום אופן ניט, ווי מען קען אַזוי שפּילן אויף אַ באַשטעלונג? מיניאָן, הייב אויף די נאָז. מילא, כ׳פאַרשטיי שפּילן דעמאָלט, ווען ס׳גלוסט זיך, אָבער נישט דעמאָלט, ווען ס׳איז פאָראויס באַשטימט. כ׳פריי זיך, כ׳פריי זיך שטאַרק, וואָס איך זע אייך דאָ. פרוי עליזאַבעטאַ איז דיקער געוואָרן אויף אַ שפּיץ מעסער. וואָס רייד איך אַזוי און רייד, זאָל עמיץ אַנדערש אויך עפּעס זאָגן. אייערע זאַכן זיינען פּראַכטפול, הער רדזאַוויטש, איר וואָלט באַקומען אַ גאָלדענעם מעדאַל אין סאַלאָן, אָדער אין גלאַספּאַלאַסט, אויף מיין וואָרט. מיר פּאָליאַקן זיינען פּעאיקע מענטשן. איר

וועט זען, מיר וועלן זיך ערשט ניט לאָזן. איר ווייסט ניט, וואו געפינט זיין איצט מונטער? אייגנטלעך, וואָס קען עס אייך אָנ־גיין? נו קומט, לאָמיר גיין. ווער האָט ניט קיין פּאָר?

— איך — האָט געזאָגט פרוי לאַאוראַ, אַריינרוקנדיק די האַנט אונטער מאָרסקיס אָרעם.—ביז איצט האָבן מיר ביידע, איך מיט עליאַן, באַנוצט זיך מיט דער העפלעכקייט פון הער רדזאַוויטש.

— איך פריי זיך זייער—האָט געענטפערט מאָרסקי—איך וואָלט קיין אַנדערע אַרבעט ניט געהאַט ווי אַרומצופירן איבערן זאַל די זיבן מדות טובות און די פיר עיקרים. מיניאָן, טשעפּע זיך אָן אָן הער פּושערוויץ און היידאַ פאָראויס! איך מיט פרוי פּושערוויץ הינטער זיי, הער רדזאַוויטש מיט עלי־אַן, מיניאָן, דריי זיך ניט אַזוי אויפן קאָריק, און הער סטאַניס־לאַוו מיט פרוי עליזאַבעט אין אַריערגאַרד. שטעלט זיך אויס! מאַרש! טראַטאַ־טאַ־טאַ!

— גראַף מאָרסקי מיט טשעמפּינסקין מעגן זיך נעמען, אמת—האָט אַ זאָג געטאָן פריילין ראָסיענסקאַ, — אַן אָריגינאַל צו זוכן. אינטערעסאַנט, צי וועט ער דאָ לאַנג וויילן? מיר אַלע קענען אים פון לאַנג און האָבן אים זייער ליב.

— זייער אַ סימפּאַטישער — האָט אַ זאָג געטאָן רדזאַוויטש, כּדי עפּעס צו זאָגן און קודם־כּל געפילט, אַז דאָס מיידל לענט זיך אָן אין זיין אָרעם און איז אים אַזוי נאָענט. ער האָט געשלונגען מיט די אויגן דעם קלאַנג פון די ווערטער אין איר מויל, ניט פאַרשטייענדיק כּמעט וואָס זיי באַטייטן, נאָר זעענדיק ווי זיי באַ־רירן עליאַס קאַרשענע ליפּן און ער האָט זיך צוגעהערט צו זייער תּאווהדיק זיסן און טרויעריקן קלאַנג. ער האָט ניט גע־קענט ביישטיין דעם נסיון און געוואָלט צודריקן שטאַרקער עליאַס אָרעם צו זיך, זי אָבער, ווי זי וואָלט האָבן אפשר אומבאַ־וואוסטזיניק אַ פאָרגעפיל דערפון, האָט אַ קוק געטאָן, און הגם ס'איז אין דעם בליק ניט געווען קיין זאַך, וואָס ער האָט גע־וואָלט, האָבן אירע ליפּן אָבער גערופן: איך גאַר!...

רדזאַוויטש האָט געקוקט אויף דעם פּנים און געטרונקען עס מיט די אויגן, פאַרגעסנדיק, אַז מ'דאַרף ריידן; ער האָט גע־

פילט, ווי ס׳וואָלט עפּעס אַ ניי לעבן אין אים אַריינגיין, און ווי ס׳וואָלט זיך אים עפּעס אַ נייער לעבנס־האָריזאָנט געעפנט, קודם־כּל אָבער האָבן אים געטראָגן זיינע חושים: „אַ שיינע! אַ שיינע! אַ שיינע!״ — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטער פון די ליפּן. — „קום, קום!״ ער האָט געפילט, ווי ס׳וואָלט אין אים עפּעס חלשן פון פאַרלאַנג און אין דערזעלבער צייט געוועבט אַרום עליאַן עפּעס אַ ברענענדיקע נעץ. ער האָט דורכגעברענט אירע קליי־דער און זי אַליין דורך, זי פאַרפלאַמט און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט זיינע פאַרלאַנגען ווי אַן אומגעהערט סובטילע, פלאַמיק בלאָע סובסטאַנץ, מיט וועלכער עליאַ איז אינגאַנצן אַרומגעוועבט פון די פיס ביזן קאָפּ און איבער אים. גלייכצייטיק וואָלט ער וועלן נעמען אין די דלאָניעס אַרויף איר נשמה און זיך פאָרגעשטעלט, אַז זי וואָלט אויסגעזען ווי אַ רויז אינגאַנצן אַ ווייסע, וואָס וואָלט אין זיינע הענט און אונטער זיין בליק פּאַמעלעך זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טונקל פּורפּורנע מיט אַזאַ שטאַרקן ריח, אַז ער זאָל אַ פאַרשיכּורטער פון איר פאַלן אָן באַוואוסטזיין... ער האָט קיינמאָל ניט איבערגעלעבט אַזאַ שטאַרקע אויפרעגונג; ער האָט געפילט, אַז ער גייט צו ביזן גבול, וואו עס מישן זיך אין זכּרון די ווערטער: „איך האָב ליב״ און „איך גאַר״, אין וועלכע ער אַליין מאַכט אין דער רגע ניט קיין צווישנשייד; ער איז אָבער דאָך פעאיק געווען תּופס צו זיין מיטן געדאַנק, אַז די פרוי, וועלכע וועקט אין אים דעם העכסטן עקסטאַז פון זיינע חושים, וואָס ער האָט ווען עס איז געפילט, איז גלייכצייטיק די ריינסטע פרוי וואָס ער האָט ווען עס איז באַגעגנט.

וואָס זי האָט געטראַכט און געפילט האָט ער ניט גע־וואוסט. זיי זיינען לפי ערך אַ גאַנץ לאַנגע ווײַלע געגאַנגען און געשוויגן, זי לייכט אָנגעלענט אין זיין אָרעם, אָנרירנדיק מיטן שפּיץ פּעכער, וואָס זי האָט געהאַלטן אין דער אַנדער האַנט, די ליפּן. איר פּנים האָט זיך רדזאַוויטשן אויסגעוויזן עפּעס ווי פריי־לעכער און גלייכצייטיק עפּעס טרויעריקער ווי די ערשטע מינוט וואָס ער האָט זי דערזען; ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס טרעפן

זיך דאָרט צונויף צוויי נייע געדאַנקען, וואָס זיינען פריער ניט געווען און פון וועלכע איינס ווערט געבוירן פון עפּעס אַ קלאָרער סיבה, בעת דאָס צווייטע וועקט צוליב דעם טאַקע עפּעס אומרו. פּלוצלונג האָט עליאַ אויפגעהויבן אויף אים אירע גרויסע טיפע אויגן און אָנגעהויבן ריידן:

— הער מאַרסקי איז אונזערס אַ שכן, דאָס הייסט זיין גוט ליגט לעבן אונזערן, ווייל ער אַליין קומט דערהויפּט איצט זעלטן וועץ אַהין, אַמאָל פלעגט ער קומען אָפטער און פאַרבלייבן דאָרט צו עטלעכע חדשים. אונזערע משפחות זיינען פון דור דורות באַפריינדעט. מיר זיינען אַפילו שטיקלעך מחותנים. ער קען אונז פון קינדווייז אויף און ביי רוסישן איז ער געווען קוואַטער, דעריבער זאָגט ער אונז „דו״, איבעריקנס זאָגט ער כמעט אַלע מיידלעך „דו״.

— פּזשערוויץ האָט דאָס אויך ליב צו טאָן — האָט אַריינגעוואָרפן רדזאַוויטש.

— יאָ. מיר ביים צווייטן מאָל און רוזשען פון דער ערשטער רגע אָן, האָט ער אָנגעהויבן זאָגן „דו״, אָבער, אמת, אַז לאָרטשאַ איז אונזערס אַ נאָענטע קוזינע.

— פאַרוואָס־זשע וואוינט ניט הער מאַרסקי הי, אין לאַנד? — האָט אַ פרעג געטאָן רדזאַוויטש, וועלכן ס׳האָט געאַרט דאָס, וואָס מאַרסקי קען עליאַן שוין פון לאַנג און בעסער פון אים. ער האָט געוואָלט דערגיין, וואָס זי ווייס וועגן אים, און פון דאַנען אַרויסדרינגען, וואָס פאַר אַ באַציאונג עס איז צווישן זיי.

— ער האָט געוואַלדיק ליב אַרומצורייזן, איבעריקנס ווי יעדער, דאַכט זיך, אַרטיסט, און דערביי זאָגט ער, אַז ער קען ניט אויסהאַלטן אין לאַנד פון אַ סך זאַכן און קודם־כל פון זיין משפּחה.

— ער מוז האָבן זייער אַריסטאָקראַטישע קרובים?

— אָ, זייער, העכער קען שוין ניט געבן. ער דערציילט מאָדנע זאַכן וועגן זיינע קוזינען. זיי בלייבן אים אָבער אויך ניט שולדיק.

— ער איז רייך?

— דער טאַטע, וואָס ער האָט אים געבעטן אַכטונג געבן אויף דער אַדמיניסטראַציע פון גוט, זאָגט, אַז ער האָט צוויי מיליאָן.

— און איז זייער אַ אינטערעסאַנטער און סימפּאַטישער מענטש?

— זייער.

— כּפי איך ווייס, גיט ער זעלטן ווען אַרויס זיינע קאָמפּאָזיציעס, אָבער מען שמועסט, אַז זיי זיינען זייער שיינע, אַחוץ דעם זאָל ער זייער שיין שפּילן.

— וואונדערלעך. קיינעמס מוזיק מאַכט נישט אויף מיר אַזאַ איינדרוק.

— איר זייט מוזיקאַליש?

— אָ, יאָ, מיר ביידע, איך מיט רוזשען, שפּילן מיר און זינגען. יעדער מאָל, וואָס לעאָן קומט צו פאָרן פון אויסלאַנד, נעם איך, זינט כ'בין דאָ אין דער היים, ביי אים לעקציעס. פון אים קען מען זיך מער אויסלערנען אין איין שעה ווי פון די בעסטע לערער אין משך פון גאַנצע חדשים, און דאָס איז דערפאַר, ווייל בעת ער שפּילט, דאַכט זיך, אַז די נשמה זיינע גיסט זיך דורך די פינגער אין קלאַוויר אַריין.

— פּושערוויץ קען דאָך אייך מקנא זיין — האָט אַ זאָג געטאָן רדזאַוויטש, נידעריקער מאַכנדיק זיין שטים ווי בעת מ'וויל זאָגן עפּעס אומאָנגענעמס, אָבער אין דערזעלבער מינוט האָט ער געהאַט אַ ישוב־הדעת, צי דאַרף מען עס און צי מעג מען עס.

— וואָס? — האָט אַ פרעג געטאָן, ניט אָריענטירנדיק זיך פריילין ראָסיענסקאַ.

רדזאַוויטש האָט געוואָלט ענטפערן מיט אַ ענלעכן טאָן ווי פריער: „די פּראָזע" — אַ קוק טועענדיק אָבער אויף די גרויסע טרויעריקע און אין דער מינוט פרעגנדיקע עליאַס אויגן, האָט ער דערפילט אַ כּעס צו זיך און אַ רחמנות צו איר, און מילד אַ זאָג געטאָן:

— איר האָט עס אַזוי שיין געזאָגט, אַז הער מאַרסקיס נשמה גיסט זיך דורך זיינע פינגער אין קלאַוויר אַריין. אונז גיסט

זיך אויך אַמאָל די נשמה דורך די פינגער אין מאַרמאָר אָדער אין לייוונט אַריין. אָבער דאָס איז אַ סך ווייניקער פּאָעטיש און פרויען אינטערעסירט עס אַ סך ווייניקער—האָט ער מוסיף געווען, בייטנדיק ווידער זיין שטימונג צו עליאַן און אַרויסשטעקנדיק לייכט די אונטערשטע ליפּ מיט אַ געוויסער פּלומרשט פאַרבאָרגענער אָבער בכיוון שלעכט פאַרבאָרגענער גרינגשעצונג. ער האָט געזען, אַז עליאַ האָט עס באַמערקט און האָט זיך אַ ביסל צעמישט און אין כעס אויף זיך, וואָס ער האָט איר אָנגעטאָן עגמת־נפש און פילנדיק דערביי עפּעס אַ חיותדיק פאַרגעניגן, האָט, ער מוסיף געווען: — די מוזיק איז אַסך צוטריטלעכער ווי די מאַלעריי און סקולפּטור. צווישן מיקעל אַנזשעלאָ און שאָפּען איז דאָך פאַרהאַן אַ חילוק. —

— איר פאַרגעסט וועגן בעטהאָווענען.

— יאָ, אָבער די «Mondscheinsonate» שפּילט אַ ליאַדע ליזכען אָדער ענכען און וויינט איבער איר, פּירט זי אָבער אַריין אין דער סיקסטינער קאַפּעלע.

ער האָט דאָס געזאָגט מיט אַ האַרטן טאָן און גערעכנט, אַז פריילין ראָסיענסקאַ—אָדער זי וועט זיך באַליידיקן, אָדער זי וועט אָנהייבן פירן מיט אים אַ וויכוח, אָדער מאַכן אַ „יראת־שמים־פּנימל" און וועלן אים אַנטוואָפּנען מיט עפּעס אַ מין: „וואָס ווילט איר מיך?" אָדער מיט אַ בליק, וואָס זאָגט: „וואָס האָב איך געטאָן?"—זי האָט אָבער אויפגעהויבן אַ פּאָר טרויעריקע פאַרוואונדערטע אויגן. ער ווידער האָט דערפילט אַ פאַרלאַנג אָנצוכאַפּן זי פאַר די הענט און צו־צודריקן זי צו די ליפּן. אָנשטאָט דעם אָבער האָט ער ווי אַרויס־געדרוקט אַ ביסל די אונטערשטע ליפּ און געמאַכט מיט דער האַנט, אויף וועלכער זי האָט זיך אָנגעלענט, אַ לייכטע באַוועגונג פון גרינגשעצונג. ער איז געווען זיכער, אַז זי וועט ווידער אויף וועלכן עס איז אופן ענטפערן, ווייל זי האָט קיין זאַך ניט געקענט פילן און ניט פאַרשטיין. ער האָט דערויף געוואַרט, עליאַ אָבער האָט ווידער אָנגערירט מיטן שפּיץ פעכער די ליפּן און געשוויגן קוקנדיק פאַר זיך. דעמאָלט האָט רדזאַוויטש געזאָגט צו

זיך, אַז צו דער פרוי האָט ער שוין ניט דעם מינדסטן חשק. ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן פון אויבן אַראָפּ מיט אַ געוויסן געפיל פון רחמנות, ווי אויף אַ געוויינלעך „מיידלעריש קעלבל", און אַ פרעג געטאָן גאַנץ נאַכלעסיק:

— איר האָט אַ סך שכנים?

— אַ סך—האָט זי געענטפערט העפלעך.

זי איז זייער גוט דערצויגן, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, און געזאָגט ווייטער:—די שליאַכטע אין דער אומגעגנט מוז האָבן גוטע פערד?

— אויסגעצייכנטע.

— און צו וואָליאַנטן באַנוצט מען דאָרט קוצעקלעך?

ער האָט זיך דערשראָקן און געוואָלט זיך צוריקכאַפּן, ווייל ער האָט דערפילט, אַז עס איז געווען גראָב פון זיין זייט. זי האָט אָבער געזאָגט פונקט אַזוי העפלעך ווי פריער:

— צייטנווייז, אָבער בכלל פאָרט מען ביי אונז ווייניק מיט קוצעקלעך, סיידן די קינדער. רוזשאַ האָט אַ פּאָר אונגאַרישע, זייער שיינע.

— זי האָט מיך מנצח געווען — האָט ער געטראַכט, און אָפּגערופן זיך פשוט: איר זייט אויסערגעוויינטלעך גוט דערצויגן און אויסערגעוויינטלעך קלוג.

עליאַ האָט אַ שמייכל געטאָן, געוואָרפן אויף אים אַ פריינד־לעכן בליק און ווייסנדיק, משמעות, פאַרוואָס ער זאָגט עס, אַ פרעג געטאָן:

פונוואַנען דרינגט איר דאָס?

— פון דעם, וואָס איר האָט מיך געקענט אַזוי שנעל און לייכט איינצוימען. אַנטשולדיקט מיר, לאָמיר שליסן שלום. כ'וויל זיין אייערס אַ גוטער פריינד.

ער האָט עס געוואָלט זאָגן אַזוי האַרציק, כדי זי צו באַרואיקן, אָבער ער האָט עס געזאָגט אַזוי, אַז קודם־כל האָט ער זיך באַרואיקט, און ניט זי, און היות דאָס איז אים טאַקע געקומען אויפן רעיון, אַז אפשר האָט ער בלויז זיך באַרואיקט און אַז ער האָט זיך צופיל אַרויסגערעדט, איז

ער ווידער אין כּעס געוואָרן; זי אָבער האָט מילד געשמייכלט און געענטפערט:

— קיין שלום האָבן מיר ניט וואָס צו שליסן, ווייל מיר האָבן קיין מלחמה ניט געהאַלטן און כ'ווייס ניט, פאַרוואָס איר אַנטשולדיקט זיך, אַלנפאַלס לאָמיר זיין גוטע פריינד.

— זי איז צו גלאַט — האָט אַ טראַכט געטאָן רדזאַוויטש — ס'איז שוין גאָרניט קיין מיידלעריש קעלבל, ס'קען גיכער זיין אַ מיידלעריש פוקס, וואָס האָט באַמערקט, אַז ער „נעמט" מיך און מאַכט אין הארצן חוזק פון מיר. לאָמיר איבערבייטן דעם טאָן.— איר ווייסט ניט, וואָס עס גייט איצט לויטן פּראָגראַם? — האָט ער אַ פרעג געטאָן אויפן קול.

זי אָבער האָט ווידער אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט:

— יאָ, כ'ווייס. לעבעדיקע בילדער. איר שפּרינגט אָבער איבער פון איין טעמע אויף דער אַנדערער, ווי אַ פעלד־פערדל. כ'וועל ניט באַווייזן.

— זי מאַכט חוזק. — האָט אַ קלער געטאָן רדזאַוויטש. — מען דאַרף מיטאַמאָל דערלאַנגען אַ שניט. — ס'האָט אים אָבער אויסגעפעלט אַן איינפאַל, אירע ליפּן ווידער זיינען בעתן שמייכל געווען אַזוי צוציענדיק און דער רויטער פלעק, וואָס האָט זיי אַ ביסל אָפּגעפאַרבט, אַזוי שיין, אַז ער האָט זיך ווידער דערפילט פאַרכאַפּט פון איר שיינקייט, און די אינטעליגענץ פון די חושים האָט צו אים געשריען: מאַך ניט קאַליע! — ער האָט דעריבער אַ זאָג געטאָן פשוט דאָס, וועגן וואָס ער האָט די מינוט צומ־ברייטסטן געטראַכט: — דורך אייער דערציאונג און שכל האָט איר מיר פאַרשאַפט עגמת נפש.

— פאַרוואָס? איך פאַרשטיי ניט.

— איר פאַרשטייט, ווען איר זאָלט ניט געווען מאַכן דעם אָנשטעל, אַז איר ווייסט ניט פאַרוואָס איך אַנטשולדיק זיך, וואָלט אונזער באַציאונג גלייך געוואָרן פשוטער און אויפריכ־טיקער.

— אַנטשולדיקט־זשע אויב אַזוי דערפאַר און איך נעם אָן

אייער אַנטשולדיקונג. דער שלום איז געשלאָסן און איר וועט מער ניט געבן צו פאַרשטיין, אַז איך בין ניט קיין קלוגע.

— אָבער...

— נו, ווען דעם קען שוין קיין רייד ניט זיין. אפשר עמיצן אַנדערש וואָלט איך ניט ערלויבט תיכּף נאָכן ערשטן מאָל אַזוי מיך קוועלן, צו אייך קען איך זיך אָבער אַזוי ניט באַציען ווי צו אַנדערע.

— פאַרוואָס?

— ראשית דערפאַר, וואָס איר זייט אַ קינסטלער.

— האָב איך אפשר נאָך עפּעס זכיות, מען זאָל זיך באַגיין מיט מיר מיט חסד?

עליאַ האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און ניט זאָגנדיק משמעות דאָס אָדער לכל־הפחות ניט אַלץ, וואָס זי האָט געטראַכט, אָפּגעענטפערט:

— יאָ, ווייל איר זייט דאָך לאָרטשאַס מאַנס אַ קרוב, און זי האָב איך זייער ליב.

זיי זיינען גראָד פאַרבייגעגאַנגען לעבן דעם בופעט, וואָס איז געווען איינגעאָרדנט אין שכנותדיקן צימער, וואו עס האָבן זיך געדרייט אַ ביסל מענטשן. מאַרסקי האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו דער יינגערער פריילין ראָסיענסקאַ און אַ פרעג געטאָן:

— מיניאָן, מלאך, ס׳ווילט זיך דיר ניט עסן?

— ס׳ווילט זיך.

— און וואָס וואָלסטו געגעסן?

— אַ שטיקל ברויט מיט פּאָווידלע.

— נו, דאָס ווייס איך ניט, צי וועסט קריגן דאָרט, אָבער אפשר וועלן מיר באַקומען עפּעס אַנדערש. האָט קיינער פון אייך גאָרניט קעגן דעם, מיר זאָלן אַריינגיין אין בופעט? — האָט ער אַ פרעג געטאָן, אויסדרייענדיק זיך צו די צוויי אַנדערע פּאָרן הינטער אים.

— אדרבא, לאָמיר גיין, האָט געענטפערט פרוי בישאַ.

— אָ, דאָרט איז דאָ אַ פּראַכטפולער טיש, ביים צווייטן עק אין ווינקל — האָט אַ זאָג געטאָן פּושערוויץ, וואָס איז מיט

מיניאָן אַריינגעגאַנגען דער ערשטער. — מיר וועלן זיין פּולקום פריי. מיניאָן, שנעל, ס׳זאָל עס ביי אונז קיינער ניט אויסכאַפּן.

מיניאָן האָט זיך מיט אימפּעט אַ לאָז געטאָן צוזאַמען מיט פּזשערוויצן איבערן זאַל און צוקומענדיק צום טיש, זיך אַוועקגעזעצט מיטן זעלבן אימפּעט, אַז די שטול האָט אַזש אַ סקריפּ געטאָן.

— אויסגעצייכנט — האָט אַ זאָג געטאָן מאַרסקי, דורכגייענדיק מיט פּרוי לאַאוראַ — זעט נאָר אָבער, ווי די גרעפינס, אונטערגרעפינס און מעשטשאַנקעס קוקן אויף אונז אָנגעברוגזט. ווען דאָס זאָל טאָן מיין שוועסטערקינד וויטשאַ מאַרסקי, וואָס האָט אַזוי פיל שפּילקעס צו קראַוואַטן, אַז מ׳האָט אים אַזש אויף דער צאָלקאַמער פאַרהאַלטן, מיינענדיק אַז ער שמוגלט זיי אַריבער; ס׳זאָל זיך אַזוינס מאַכן מיט פירשטין איזאַ זאַסלאַווסקאַ—וואָלטן די אַלע ווייבער געשריגן: ס׳איר אַ ליבע פּרייקייט! — און אַז עס האָט אָבער געטאָן אַ „געוויסער" הער פּזשערוויץ און אַ „געוויסע" פריילין ראַסיענסקאַ, ווערט מען וואָרטשען: וואָס פאַר אַ דערציאונג! לאָמיר זיך אָבער זעצן.

הער ראַסיענסקי האָט זיך פאַרנייגט פון טיש אַבער און געזאָגט צו מאַרסקין:

— גרעפין וויטשעווסקאַ.

— אַהאַ, די ליבע מומע פּעגטשע! איך מוז זיך מיט איר באַגריסן, איך קום באַלד צוריק, איך וועל איר נאָר עפּעס אַ שטאָך טאָן. ניט געזען זי שוין אַ יאָר דריי.

— שוין — האָט ער אַ זאָג געטאָן, צוריקקומענדיק אין אַ מינוט אַרום און צוריקזעצנדיק זיך אויפן פריערדיקן אָרט.

— זי האָט אויסגעדריקט דעם גענעדיקסטן פאַרלאַנג צו באַקענען זיך מיט אייך, הער ראַמאַן און הער פּזשערוויץ. ווען זי וואָלט עס געוועזן טאָן ווי אַ ציוויליזירטע פרוי, איז פאַרשטייט זיך ניטאָ קיין פּשוטערע זאַך ווי כ׳וואָלט געוועזן אייך בעטן און פאָרגעשטעלט, היות אָבער זי האָט געזאָגט: „גיב מיר נאָר אַ ווייז פון דער נאָענט דעם פּאָעט און דעם סקולפּטאָר, האָב

איך איר געענטפערט: „זאָל די מומע צוגיין נעענטער, וועט זיך די מומע צוקוקן".

— וואָס האָט זי דאַרויף געענטפערט?

— זי האָט מיר געזאָגט, אַז איך בין לעכערלעך, און איך איר, אַז דאָס איז מאָדנע, מחמת מען האַלט דאָך מיך אין דער משפּחה פאַר אַ יוצא מן הכּלל. ביי אונז מאַכט מען קאַליע צוויי זאַכן: אַריסטאָקראַטיע און פּרויען, ווייל מ'רעדט וועגן זיי צו־פיל. זעט נאָר, ווי די מעשטשאַנקע זעצט זיך דאָרט לעבן דער וויטשעווסקין, פּונקט ווי זי וואָלט געווען פון סעווערער פּאָרצעליי. אויף מיינע נאמנות, אַ מאָדנער אופן פון אָפּגעבן יענעם כּבוד צו־ליב איידלקייט פאַר דער אייגענער פּעל. זיי זיינען אָבער ביידע צופרידן: סיי די מומע פּענטשע סיי דאָס פּאָרצעליי פון דער דאַמע.

באותו הרגע האָט פּושעררוויץ צווישן המון באַמערקט קאָ־וואַלן, וואָס האָט פון אונטער זיינע ברילן אַפּער זיך אַרומגעקוקט מיט עפּעס דערשראָקענע אויגן; בהסכּם מיט די דאַמען איז ער צוגעגאַנגען און פאַרבעטן אים צו דער געזעלשאַפט, מקדים זיי־ענדיק פריילין מיניאָן, אַז דאָס איז אַ געלערנטער מענטש, צוליב וואָס זי האָט אָנגעהויבן קוקן אויף קאָוואַלן ווי אַ קאַץ אויף אַ גרויסן זשוק. קאָוואַלן זיינען משמעות די מיידלעך געפעלן, ווייל ער איז געוואָרן לעבעדיק, גערעדט אַ סך און אָנגענעם. ביידע, ער מיט מאַרסקין, האָבן זיך אָנגעזען אַ וועלט, מאַרסקי שטעט און קאָוואַל מדבריות, און האָבן איינער נאָכן אַנדערן וועגן דעם זיך אָנדערציילט. רדזאַוויטש, זיצנדיק לעבן עליאַן, האָט מיטן נאָגל געדריקט שטיקלעך ברויט אויפן טישטעך.

ער איז ניט מסופּק געווען, אַז עליאַ האָט פאַר אים אָנער־קענט „אויסנאַמס־רעכט" ניט נאָר צוליב דעם, וואָס ער איז אַ קינסטלער און איז לאַאוראַס מאַנס אַ קוזין, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס זי האָט געמוזט וויסן וועגן אַלעם און האָט אַ גוט און איידל האַרץ. די פּושעררוויצעס האָט אים בכלל ניט דערמאָנט קיינ־מאָל וועגן די פריילין ראָסיענסקיס און ניט וועגן דעם, אַז זיי דאַרפן זיין אויפן ראַאוט. פון דעם שמועס אָבער האָט ער זיך

דערוואוסט, אַז זיי ווילן שוין מיטן פּאַטער צוויי וואָכן צייט אין וואַרשע! ער האָט זיך אויך דערוואוסט, אַז הער ראַסיענסקי וועט זיי איבערלאָזן ביי די פּזשערוויצעס אויף עטלעכע חדשים, מחמת ער אַליין דאַרף פאָרן מיטן ווייב אין די בעדער. די דאָזיקע לעצטע ידיעה האָט רדזאַוויטשן עלעקטריזירט.

און מאַריאַ און מאַריאַ... — האָט אים געשעפּטשעט עפּעס אַ שטים אין דער נשמה, אָבער אויף דעם האָט ער זיך אַליין געענטפערט: אוי, איך האָב שוין גענוג... כ'פּייניק זיך שוין קרוב אַ יאָר צייט, און וואָס האָב איך אויסגעפּייניקט? צי דער־פאַר, וואָס איך האָב ליב געהאַט, טאָר איך שוין קיינמאָל ניט זיין ניט רואיק, ניט גליקלעך? מאַריאַ דאַרף ניט וויסן מיר, זי ווייס אפשר ניט, אַז איך לעב, וואָס־זשע בין איך מחויב כסדר נאָר מיט איר און מיט איר צו לעבן? צי איז דען יעדע טעאָריע פון טרייקייט ניט שטות? איבעריקנס, אויב איך פיל, אַז איך קען זי אויפהערן ליבן און אַן אַנדערע אָנהייבן ליבן, וואָלט איך דאָך געווען אַ משוגענער, ווען איך וואָלט צוליב עפּעס אַ טעאָריע זיך האַלטן פאַרעקשנט אָן יענער ליבע, און פאַרשטעלן דעם צו־טריט צו דער.

אַוודאי, אַזוי ליב האָבן עליאַ ווי ער האָט ליב געהאַט מאַריאַן, אַזוי שטאַרק, אַזוי משוגע, אַזוי אומגעהייער, וועט ער קיינמאָל ניט בכוח זיין: זי גאַרט ער קודם־כל, דעריבער איז דאָס געפיל צו דערדאָזיקער פרוי אין אים אַזוי גוואַלטיק שטאַרק און דעריבער איז עס מנצח אַלע אַנדערע געפילן, וואָס מען קען צו אַ פרוי האָבן. מאַריאַן האָט ער ניט ווייניקער געגאַרט, אָבער היות דאָרט האָט אויך געשפּילט אַ ראָלע זיין גאַנץ פּסיכיש וועזן, זיינען אַ טייל ליבע־פאַקטאָרן געווען ניט ווייניקער וויכטיק ווי די צווייטע, און אין דערזעלבער צייט געשאַפן אין אים אַ גוואַלדטיק אַנטוויקלטע האַרמאָניע פון ליבע. עליאַן האָט ער נאָך ניט ליב, אָבער ער פילט, אַז ער וואָלט געקענט זיך לאָזן באַהערשן פון דעם דאָזיקן געפיל: פיזיש איז ער שוין דערפון באַהערשט און פון פיזישן פאַרלאַנג ביז דעם אויפוואַכן פון פּסי־כישע אינסטינקטן איז דער איבערגאַנג אַ לייכטער און אומבאַ־

מערקלעכער, מחמת אין דער אמתן, קענען אַפילו איין טייל אינסטינקטן אָן די צווייטע באַזונדער ניט ווירקן און ווירקן בכלל קיינמאָל ניט, עס קען זיין צווישן זיי בלויז אַ אילוזאָרישע אומ־גלייכגעוויכט.

עליאַן האָט ער נאָך ניט ליב, אָבער ער קען זי ליב האָבן. פון דעם געפיל צו מאַריאַן איז ער פאַרמאַטערט און דאָס דאָזיקע געפיל קען שוין באמת בולט זיך ניט אַרויסווייזן ניט אין דער נאַ־טירלעכער פאָרם פון ליב האָבן, ניט אין צווייט־ראַנגיקע און אומנאָרמאַלע פאָרמען פון בענקשאַפטלעכן צער. אמת, ער איז צו די דאָזיקע פאָרמען משוגע צוגעבונדן, אמת, אז איצט זיינען אים נאָך טייערער דאָס בענקשאַפט און צער נאָך מאַריאַן, ווי ווען עליאַ זאָל אים פאַרוואַרפן די הענט אויפן האַלז, אָבער דאָס קען נאָך אַנדערש ווערן, בפרט דעמאָלט ווען ער וועט עס וועלן. קיין זאַך היילט ניט אַזוי אויס פון אַלטער ליבע ווי נייע! וואָס מער עליאַ וועט אויספילן זיין ווען, וועט מאַריאַ מוזן אָפּטרעטן פון דאָרט, פשוט צוליב ריין פיזישע סיבות, צוליב מאַנגל אין אָרט, ס'גייט בלויז אין דעם, ער זאָל עליאַן העלפן דערינען און מאַריאַן פאַרטרייבן...

אָבער ווען דאָס דאָזיקע וואָרט איז אים געקומען אויפן רעיון, ווען ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז ער האָט אָנגע־ווענדט בנוגע מאַריאַן דאָס וואָרט „פאַרטרייבן", האָט אים באַ־הערשט אַזאַ רחמנות צו איר, ער האָט זיך דערפילט בנוגע צו איר אַזוי שולדיק, אַז ער האָט זיך שיר ניט אַריס געטאָן פון אָרט און פון אונטערן טיש אַפּערגעלאָפן, כדי ערגעץ־וואו אַנידערצופאַלן מיטן פנים צו דער ערד און שרייען: זיי מיר מוחל! זיי מיר מוחל! דו אָרימע, דו אומגליקלעכע, דו פאַרטרי־בענע!... ס'האָט זיך אים געדאַכט, ווי ער וואָלט אינמיטן דער נאַכט אַ קינד אויפן שניי אין אַ פראָסט אַרויסגעיאָגט, אָדער עפּעס אַ קליין אָרעם באַשעפעניש... אָבער דיזעלבע מינוט איז ער ניכטער געוואָרן, ווייל פאַר זיינע אויגן איז דורך דורכן זאַל דער גוט אויסגעגאָלטער מיט אַ גרויסן הויכן קראַגן און מיט

מאָנאָקל אין אויג צאַראַב טיפּאָלסקי, עסנדיק אַ בוטערבראָד מיט קאַוויאַר.

— די לײבגװאַרדיע! — האָט אַ טראַכט געטאָן רדזאַװיטש און שיר ניט צעלאַכט זיך פון זיך אַלײן. — אַ שוטה, אַ שוטה — האָט ער צו זיך געזאָגט — אַ שוטה אָן אַ מאָס, אָן אַ גרעניץ און אָן אַ ברעג!...

זײן צערײצטער און אױפגערעגטער פאַנטאַזיע איז געקומען אָן אַנדערער געדאַנק אױפן רעיון: הײנו, אַז מאַריאַ װאָלט גע־קענט קאָקעטירן מיט עליאַן. אַז זי איז אַ גוטע, האַרציקע, פילנדיקע, פּעאיקע מיטצופילן און זײער אײנדריקלעכע, האָט זי געהאַט אויפן פּנים אָנגעשריבן; אַז זי איז אַ ראָמאַנטישע און טרוימע־רישע נאַטור — אויך. קען דען זײן אַ בעסערע װוּנטקע פּאַר אַזאַ מײדל װי מאַכן זי פּאַר דעם פּאַרטרויאונגס־מענטש פון זײן אומגליק, װי זוכן בײ איר טרײסט, הײלונג, אָפּרו... און דערצו נאָך װער? אַ געניאַלער קינסטלער? ער האָט געװאוסט, אַז אַזוי רעדט מען װעגן אים, אַ קוזין פון דער באַליבטער קו־זינע, װאָס איז פון דער קוזינע אויך געליבט. פון דעם האָט ער אויך געװאוסט. ענדלעך אַ יונגער מענטש, װאָס פאַרנעמט ניט די שטילע טראַגעדיע, װעלכע ער טראָגט אין זײן האַרץ. ס'װאָלט געװען ממש אַ נס, װען אַזאַ מײדל װי עליאַ װאָלט זיך בײ די באַדינגונגען ניט געלאָזט אַרומפלעכטן...

אַרומפלעכטן? ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן: זי איז געזעסן מיט אַ ביסל אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, צוהערנדיק זיך, װאָס קאָװאַל, װעלכער האָט דערצײלט װעגן געיעג אויף אָנגריװיקע אַמעריקאַנער לײבן, רעדט, טראַכטנדיק אָבער דערבײ משמעות װעגן עפּעס אַנדערש. זי איז אין דער מינוט געװען אַזוי שטיל און אַזוי רײן, אַז רדזאַװיטשן איז געװאָרן דערװידער, װאָס ער האָט געקענט װעגן איר אַ טראַכט טאָן דאָס װאָרט „אַרומפלעכטן".

— „אַרומפלעכטן" אַזאַ מײדל װי עליאַ און דערצו נאָך דורך קאָקעטירן, װי די מעשה זאָל ניט זײן, אויף אַזאַ אופן — האָט ער געטראַכט — איך הײב אָן װערן עקלהאַפט און נידער־טרעכטיק. אָט אָ די װעלן אַרומפלעכטן? איז ניט בעסער דען

פשוט זיך פֿאַרטראַכטן, אויסרעכענען. דו קענסט אויפהערן ליב האָבן מאַריאַן? כ'קען אָדער ניט. ווילסט אויפהערן ליב האָבן מאַריאַן? כ'וויל אָדער ניט. דו ווילסט און קענסט אָנהייבן ליב האָבן פֿריילין עליאַ ראָסיענסקאַ?... כ'וויל און קען, אָדער ניט.

אויב ער קען און וויל פֿאַרגעסן אָן מאַריאַן, און וויל און קען אָנהייבן ליב האָבן פֿריילין עליאַ ראָסיענסקאַ, דאַרף מען צו אַזאַ מיידל ווי עליאַ ראָסיענסקאַ צוגיין גלייך, פּונקט ווי מען שטרעקט אויס די האַנט, אָפּצורייסן אַ בלום. איך וועל אויך זיין אַ „גיפּס" און אַ „פּוילישע אינווענץ", אויב די פּזשערוויץ וועט מיר דערינען ניט זיין באַהילפיק — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, פֿילנדיק, אַז ער דענקט געשיקט.

ער האָט ניט געוואוסט פֿאַרוואָס, ניט געקענט מאָטיווירן, ער איז אָבער זיכער געווען, אַז אַזוי איז עס געווען און איז אפֿילו גרייט געווען חושד צו זיין, אַז פֿרוי לאַאוראַ האָט אים אויפֿן ראַאוט געוואָלט אַראָפּברענגען ניט נאָר לשם די לידער. דער בעסטער סימן, אַז מען האָט גערעדט וועגן אים פֿריער, איידער זיי האָבן זיך באַגעגנט אויפֿן ראַאוט, איז דאָס, וואָס עליאַ האָט געוואוסט, אַז עס איז פֿאַרהאַן אַ טשעמפּינסקי אויף דער וועלט, און קוים האָט זי געוואוסט, אַז אַזאַ טשעמפּינסקי עקזיסטירט און איז אַן אויסטערלישע בריאה — האָט מסתמא די פּזשערוויץ גערעדט מיט איר זייער געטרי. ס'איז דאָך געווען הונדערט וויכטיקערע זאַכן צו דערציילן נאָך פֿאַר דעם, ווי טשעמפּינסקי איז אַן אויסטערלישע בריאה. און אויב לאָראַ האָט געטרי גערעדט, האָט זי אַוודאי געוואָלט, אַז עליאַ זאָל וועגן אים אַ סך וויסן, און אויב דאָס זאָל ניט האָבן הינטער זיך עפּעס אַ ווייטערדיקע מחשבה, טאָ צו וואָס וואָלט זי עס טאָן? זאָלן דאָס ווידער זיין זיוציאַס לידער? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — איבעריקנס, האָסט געוואָלט, „זייער ליבע פֿרוי לאָראַ", כאַפּן צוויי האָזן מיט איין שאָס: כ'זאָל הערן ווי מען אַפּלאָדירט יעזשין און זיך באַקענען מיט פֿריילין עליאַ. ביסט אַן אינטריגאַנערין, כ'וואָלט דיר אָבער פֿאַר דער אינטריגע אַ קוש געטאָן אין דיינע ביידע פּוכיקע הענטלעך. — ער האָט קוים-קוים

פאַרביסן די ליפּן, ווי מען טוט, בשעת מען טראַכט: „אַהאַ! כ'האָב דיר געפּאַקט!" און אַ קוק געטאָן אויף דער פּושערוויץ: אַ ראָזע און אַ שמייכלדיקע. האָט זי זיך צוגעהערט, ווי מאַרסקי האָט, זייענדיק זיך טועה ביי יעדע פּופּצן ווערטער, דעקלאַמירט יעזשיס „איינגעפּאַלענע אָזערעס", צו וועלכע ער האָט אויך געוואָלט שרייבן מוזיק.

רדזאַוויטשן איז עפּעס געוואָרן ליכטיק אויף דער נשמה. ער וועט זיך פאַרליבן אין עליאַן און זי אין אים. און אויב ער וועט עפּעס אין איר געפינען, איז עס גוואַלטיקע ריינקייט, גוואַלטיקע זיכערקייט, גוואַלטיקע איידלקייט און גוטסקייט, און דערביי איז זי דאָך אַזוי צוציִענדיק, אָ! ווי! ...

ער האָט אָבער פאַרגעסן אָן איין זאַך, אָן מאַרסקין, וועגן וועלכנס באַציאונג צו עליאַן ער האָט סוף־כל־סוף זיך גאָרניט דערוואוסט, ווי ער האָט בכלל וועגן איר קיין זאַך ניט דערוואוסט. ס'האָט אים ניט אויסגעוויזן, אַז זי זאָל זיין פאַראינטערעסירט מיט מאַרסקין, אָדער מאַרסקי מיט איר, אָבער פּונקט ווי זי וואָלט געקענט זיין פאַראינטערעסירט מיט אים, האָט זי דאָך געקענט זיין מיט אַן אַנדערן.

די נייגעריקייט צו דערגיין נענטערע פּרטים וועגן עליאַן האָט אים אַזוי גוואַלדיק באַהערשט, אַז ער איז אויפגעשטאַנען, אַ כאַפּ געטאָן דאָס ערשטע בענקל, וואָס איז אים געקומען אין האַנט אַריין, זיך צוגעזעצט צו פּרוי לאַוראַ און מיט אַ גוואַלדיקן אימפּעט אַ מורמל געטאָן מיט אַ האַלבער שטים:

— פּרוי לאָראַ!

— וואָס? — האָט אַ פרעג געטאָן אויך מיט אַ האַלבער שטים פּרוי לאָראַ, אויסדרייענדיק שנעל דעם קאָפּ.

— יעזשיס לידער זיינען גרויסאַרטיק.

פּרוי לאָראַ האָט אַ שמייכל געטאָן.

— און ליב?

— ווי אַ שאָטן אין וואַלד.

— איר באַדויערט ניט, וואָס איר זייט געקומען?

— ניין. אָבער איר זייט אַן אינטריגאַנערין.

— איך? מיט וואָס?

— ווייל איר האָט געוואָלט, אַז איך זאָל ניט בלויז צוליב די פריילין ראָסיענסקיס אַהערקומען.

— אָבער אויך?

— צוליב יעזשיס לידער.

— וואָס זיינען?

— גרויסאַרטיק און ליב.

פרוי לאַאוראַ איז קוים־קוים פאַררויטלט געוואָרן, ווי ס'ווערן רויט גוטע מענטשן, ווען זיי דערזעען עפּעס גוטס אין זייערע הענט, און האָט אַ זאָג געטאָן:

— איך פריי זיך זייער, ווייל איך האָב זייער ליב די לידער און איר מאַכט אַן איינדרוק, ווי איר וואָלט אָפּגעפּרישט געוואָרן.

— ס'איז מיר עפּעס פריש אויף דער נשמה. איך האָב אָבער פאַרגעסן, צוליב וואָס איך בין געקומען. ווער איז עס דער הער מאָרסקי פאַר איינער?

פרוי לאַאוראַ האָט איצט פון איר זייט געמאַכט אַ מינע: „אַהאַ, כ'האָב דיך געפּאַקט"! און געענטפערט מיט אַ געוויינלעכן טאָן פון שמועס:

— אַ גראַף, אַ מיליאָנער, אַ מוזיקער, אַ מענטש, אַ שיינער, אַ באַוואוסטער, זייער אַן אָרנטלעכער און איידעלער, הגם אַ פּרא־אדם...

— אָבער ניט אין דעם גייט מיר. דאָס ווייס איך — האָט איר איבערגעריסן רדזאַוויטש. — האָט אים הער ראָסיענסקי זייער ליב?

— אָ, זייער, ער האָט השגחה איבער זיין גוט.

— ווייס איך אויך. מאָרסקי וועט דאָ איצט לאַנג פאַר־בלייבן?

— וואָס פרעגט איר אייך עפּעס?

— ווייל ווי עס דוכט זיך, זאָל ער זייער שיין שפּילן?

— איר וואָלט אים וועלן הערן?

— אומהו.

— אָ, דאָס איז זייער לייכט. איך וועל אייך אַמאָל איינ־לאַדן אויף טיי און מיר וועלן אים בעטן, וועט ער שפּילן, ווייל ער וויל בלויז ניט שפּילן אויף קיין קאָנצערטן. ביי מיר אָבער תּמיד זייער גערן. ער זאָגט, אַז איך האָב אַן אויסגעצייכנטן קלאַוויר.

— אָ, דאָס וועט גוט זיין. צוליב וואָס־זשע איז ער איצט געקומען צו פאָרן?

— אַזוי זיך, באַזוכן באַקאַנטע און אונטערשרייבן עפּעס קאָנטראַקטן אויף קויפן וועלדער ביי די שכנים.

— ביי זיינע און הער ראָסיענסקיס.

— יאָ.

— פרוי לאַאוראַ.

— וואָס?

— גאָרניט. כ'פרעג זיך גלאַט אַזוי, איר ווייסט... איך ווייס אַפילו ניט, וואָס איך בין נייגעריק, וואָרעם, וואָס גייט עס מיך...

— גאָר־גאָרניט?

— גאָרניט.

— איר זייט זייער אַ גוטער סקולפּטאָר, אמת?

— אַזוי זאָגט מען.

— און איך בין זייער אַ פלינקע פרוי.

— וואָס לויבסטו זיך אַזוי, זיוציאַ? — האָט אַ פרעג געטאָן פּושערוויץ, וואָס האָט געכאַפּט די לעצטע ווערטער.

— אַז איך בין אַ געשיקטע, ניין?

— יאָ, דאָס ביסטו, אָבער אין וואָס אייגנטלעך?

— מיר ריידן אַזוי זיך מיט הער ראָמאַן.

פּושערוויץ האָט זיך איינגעבויגן צו פרוי לאַאוראַ און רדזאַוויטשן און אַ מורמל געטאָן:

— אמת, ראָמעק, דאָס זיינען שיינע מיידלעך? איך האָב זיי אַמאָל געזאָגט, אַז זיי מאַכן אויף מיר אַן איינדרוק פון ראָז גרינעם און ראָז־בלויען קאָליר: רוזשאַ איז ווי אַ לאָנקע מיט בלומען און עליאַ ווי דער זון־אויפגאַנג.

— און איך וואָס פאַר אַ קאָליר בין איך? — האָט אַ פרעג

געטאָן פרוי לאַאוראַ, אַרויסרוקנדיק כלומרשט פּראָפעסיאָנעל דאָס געזל און די ליפּן פאַראויס.

— דו ביסט דער הימל און אַ קליין קינד.

— איר ווייסט, מיר דאַכט זיך, אַז אַרום אונז איז עפּעס פרילינג — האָט אַ זאָג געטאָן רדזאַוויטש. — איך האָב דאָס געפיל, ווי אַ יונגער מונטערער ווינט וואָלט אויף מיר געבלאָזן. איר זייט באמת טאַקע אַזאַ געשיקטע?

— אָ, זייער, אָבער ווי די מעשה זאָל ניט זיין, זייט איר צופרידן וואָס איר זייט געקומען?

— איך בין אַפילו שטאַרק צופרידן, און אייך שטאַרק דאַנקבאַר. — האָט געענטפערט רדזאַוויטש, קושנדיק איר די האַנט.

— פאַרוואָס?

— ע, וואָס ווען מיר זיך שפּילן אין ווערטער. דערפאַר, וואָס איר האָט אַזאַ שיין און ליב פריילין עליאַ. עס פרייט אייך?

— יאָ, כ'פריי זיך.

— פון וואָס?

— פון דעם, וואָס עס איז אונז גוט.

— איר ווייסט, מיר, לכל־הפּחות, איז באמת כמעט ווי גוט. אָבער איך ווייס, אַז דאָס ווייזט זיך מיר בלויז אויס.

— פאַרוואָס? מען דאַרף בלויז וועלן, אַז עס זאָל גוט זיין. אפשר וואָלטן מיר זיך שוין אויפגעהויבן? — האָט זי אַ זאָג געטאָן הויך צום גאַנצן געזעלשאַפט. — עליאַ, די האָר פאַלן דיר אַראָפּ. קום אַריין אין גאַרדעראָבע, וועל איך דיר פאַרריכטן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום, שוין אין זאַל, האָט רדזאַוויטש דערזען פרוי לאַאוראַ און עליאַן, וואָס האָבן זיך דערנעענטערט אין געזעלשאַפט פון אַ הויכער פרוי, מיט געלע האָר, טונקעלע ברעמען און אויגן, מיט פּראַכטפולע בריליאַנטן אין די אויערן, אין אַ דיאַדעם פון פּערל און בריליאַנטענעם שטערן אין די האָר, מיט אַ אומגעהייער גרויסן בריליאַנט צווישן די שפּיצן ביי דער ביוסט און אומגעהייער גרויסע בריליאַנטענע ספינקעס אויף די אָרעמס, וואָס האָבן אויף אַן אָריגינעלן אופן ווי פאַרקנעפּלט די

קורצע אַקסלבענדער פון אויסגעגאַרסעטן זילבער־קאָליר קלייד. ביי דער ביוסט האָט זי געהאַט אַ בינטל אָרכידעען.

רדזאַוויטש האָט דערקענט, אַז דאָס איז געווען דיזעלבע געלע פרוי מיט טונקעלע ברעמען און טונקעלע אויגן, וואָס ער האָט געטראָפן ביים אַריינגאַנג.

— הער ראָמאַן—האָט אַ זאָג געטאָן פרוי לאַאורא—די באַראָנין היימערט, קאָמיטעט־דאַמע פון היינטיקן ראַאוט, פאַרלאַנגט זיך מיט אייך צו באַקענען, זי האָט צו אייך אַן ענין. הער רדזאַוויטש—האָט זי אים פאָרגעשטעלט פאַר דער באַראָנין.

— מיין ענין איז אַ בקשה—האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ בלאַסן שמייכל און אַ ביסל מעלאָדראַמאַטישן טאָן די באַראָנין, אַריינ־רוקנדיק די לאַנגע, שמאָלע האַנט אין אַ גלאַנציקער הענטשקע אין רדזאַוויטשעס דלאָניע אַריין, זייער לייכט און דערביי זייער טיף.

— מיט וואָס קען איך אייך דינען?—האָט געפרעגט רדזאַוויטש.

— מיט אַ קלייניקייט, אויב איר וועט אַזוי גוט זיין. מיר אָרדענען איין לעבעדיקע בילדער. ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט אַז איר זייט דאָ, און וועגן דעם רעדט מען דאָך—האָט זי אַריינגעוואָרפן מיט אַן אַקצענטירנדיקן האַלבן שמייכל—האָבן מיר תיכף באַשלאָסן בעטן אייך אונז באַהילפיק צו זיין און מיר האָפן, אַז איר וועט אונז ניט אָפּזאָגן.

די לאַנגע און שמאָלע האַנט פון דער באַראָנין היימערט איז נאָכאַמאָל לייכט און טיף פאַרזונקען געוואָרן אין רדזאַוויטשעס דלאָניע—ס׳איז איר אוממעגלעך געווען אָפּצוזאָגן. רדזאַוויטש אָבער האָט בגנבה אַ וואָרף געטאָן אַ בייזן בליק אויף לאַאורען, זי האָט אים אָפּגעענטפערט דורך אויפהייבן די ברעמען, וואָס עס האָט געהייסן: וואָס זאָל מען טאָן? — דערנאָך האָט זי אַ וואונק געטאָן, ווי איינער רעדט: אַלץ איז גוט.

רדזאַוויטש האָט אַ קוק געטאָן אויף עליאַן און דערפילט אויף זיך אירע גרויסע, טיפע, טרויעריקע אויגן; אַקעגן אַ ווײַלע האָבן זיי זיך ביידע אָנגעקוקט און רדזאַוויטש האָט דערפילט, אַז די אויגן ווילן אים ווידער עפּעס זאָגן, און האָבן עס געטאָן

לענגער און קלערער ווי דאָס ערשטע מאָל. זיי האָבן געזאָגט עפּעס אומגעהייער פּשוטס און האַרציקס, נאָך שענער דערמיט, וואָס איבער דעם איז געווען אַזאַ ריינער, שטילער און שטאָלצער שטערן.

ער האָט געענטפערט מיט די אויגן: דו!... און די הייטלעך פון פריילין עליאַס אויגן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן און אַ לויטערער פלעק האָט זיך באַוויזן אויף איר פּנים. דערנאָך האָט ער דער־לאַנגט דעם אָרעם דער פרוי היימערט און אַוועק מיט איר אין דער זייט זאַל, וואו דער קאָמיטעט האָט צוגעגרייט לעבעדיקע בילדער.

— ווער איז די פרוי? — האָט אַ פרעג געטאָן מאַרסקי ביי פרוי לאַאורא.

— באַראָנין היימערט, אָלענצקאַ פון דער היים: זי געהער צו כל המינים קאָמיטעטן און פון דאַנען קען איך זי.

— נאָך איר טואַלעט נאָך, ווייזט זי אויס צו זיין רייך, ווי וואַנדערבילדט.

— אָ, גוואַלטיק רייך, מ׳שאַצט איר הכנסה העכער אַ מיליאָן.

— פיו! פיו! זיי וואָלטן אַ האַלבע אונזערע אַריסטאָקראַ־טישע „todte Hand“ אין בוזעם פאַררוקט. איז ער ניט אַ דייטש אַמאָל, דער היימערט?

— אַ האַלבער דייטש, אַ האַלבער פּאָליאַק, זייער אַ דיקער און קלוגער מענטש.

— קינדער האָבן זיי?

— ניין. כ׳ווייס, ס׳האָט עפּעס געזאָלט זיין, אָבער זי רייט ליידנשאַפטלעך אויף פערד, האָט עס איר פאַרשאַדט. ווי ס׳דאַכט, וועלן זיי שוין מער קיינמאָל ניט האָבן. זיי דאַרפן ניט אָפּ־שפּאָרן, ווייל זיי האָבן ניט פאַר וועמענס וועגן. עס איז אַ אמתע פּעעריע אַזוי ווי זי לעבט זיך. איך בין ביי איר עטלעכע מאָל געווען: אַן עכטע שעכערעזאַדע.

— זי פינקלט אויך פון בריליאַנטן ווי אַ לאָמפּ — האָט אַריינגעוואָרפן פּושערוויץ. פון פאָרנט האָט זי געהאַט אַוודאי פאַר אַ האַלבן מיליאָן.

— די מומע נאַסטיאַ האָט אויך שיינע בריליאַנטן — האָט זיך אַריינגעמישט אין שמועס פריילין מיניאָן. — אין דער פרי טוט זי אָן שטיוול ביז די קני, פאַרקאַשערט דאָס קלייד, נעמט דעם שפּיצרוט אין דער האַנט אַריין, זעצט זיך אויפן פערד און פאָרט אום איבער די פולוואַרקן, און דערנאָך נעמט זי סאַמעט אויפן פאָדעליק אַרויף, לייגט אַרויף די אוירינגלעך און די הענט אין ווייסע הענטשקעס און זיצט.

— אויפן פערד? — האָט אַ פרעג געטאָן מאָרסקי.

— ניין! אין זאַל. זי נעמט אויף.

פרוי לאַאוראַ האָט אַ וואונק געטאָן צו דער שוועסטער און אַוועקגייענדיק מיט איר עטלעכע טריט אָן אַ זייט, אַ זאָג געטאָן: זעסט, בישאַ, דאַכט זיך מיר, עס וועט מיר געלינגען.

— וואָס? האָט אַ פרעג געטאָן פרוי בישאַ.

— געדענקסט, וואָס איך האָב געזאָגט, ווען ראָמעק איז געווען ביי אונז אין טאָג פון שרעקלעכן צופאַל מיט דרעווסקין?

— איך געדענק ניט: וואָס?

— איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך וועל אים אויסהיילן און דאַכט זיך מיר, אַז עס וועט מיר געלינגען. איך האָב ניט געוואָגט אים צו בעטן, ער זאָל קומען אויפן ראַאוט, אָבער ס'האָט מיר גלענצנד דערינען צוגעהאָלפן עפעס עמעץ, וואָס האָט אים די איינלאַדונג צוגעשיקט. איך האָב אַזוי געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך דאָ כּלומרשט צופעליק טרעפן אויף אַ נייטראַלן באָדן. עס גייט אַזוי גוט צו, ממש ווי אויף אַ באַשטעלונג, און כ'מיין, אַז ס'וועט אַלץ גיין ווי געשמירט.

— אַקעגן וואָס מיינסטו? האָט אַ פרעג געטאָן אַ פאַרוואונדערטע פרוי בישאַ.

כ'מיין אַקעגן רדזאַוויטשן און עליאַן — האָט געענטפערט פרוי לאַאוראַ.

פרוי בישאַ איז נאָך מער פאַרוואונדערט געוואָרן און נאָכדעם אַ זאָג געטאָן.

— ס'קען זיין, אַז עס וואָלט גוט געווען און איך אַליין וואָלט זייער געוועז דערפאַר, געדענק אָבער, אַז אין אַזעלכע

ענינים, בפרט ביי דער לאַגע, אין וועלכער ער געפינט זיך, קען מען קיינמאָל ניט זיין גענוג איידל און פּאָרזיכטיק.

— זיי רואיק, כ׳וועל דאָך ניט גיין צו אים און זאָגן: דאָס בעסטע וואָלט געווען, זאָלסט חתונה האָבן, אָדער כ׳וועל דאָך אים ניט קיין פרעג טאָן, צי ער וואָלט ניט געוואָלט חתונה האָבן מיט עליאַן. כ׳האָב אָבער געזען, אַז עליאַ געפעלט אים, כאָטש ער וואָלט מיר עס ניט געזאָגט; און אַז ער איר — ווייס איך אויך.

— האָסט דען עפּעס גערעדט מיט עליאַן?

— יאָ. זי איז אַזוי ניט ענלעך צום גאַנצן כלל מיידלעך אונזערע. איך האָב זי בכיוון אַרויסגעפירט אין גאָרדעראָבע אַריין, כדי מיט איר אַ שמועס צו טאָן, ווייל די האָר האָבן געקענט בלייבן, ווי זיי זיינען געווען; איך האָב זי פּשוט אַ פרעג געטאָן: — רדזאַוויטש געפעלט דיר?

— און וואָס האָט זי דערויף געענטפערט?

— ס׳איז נעבעך רויט געוואָרן דאָס שעפעלע, ווי אַ פּיאָן, און גאָרניט געענטפערט. איך האָב אָבער געזען, אַז עס ווילט זיך איר צוטוליען צו מיר. זי איז שוין אין אים פאַרליבט, כאָטש זי אַליין ווייס נאָך ניט דערפון.

— ס׳זאָל נאָר עפּעס קיין בייז דערפון ניט אַרויסקומען, מיט אַזאַ רדזאַוויטשן קען מען קיינמאָל ניט זיכער זיין.

— כ׳ווייס דערפון. אָבער אַזאַ עליאַ, אַזאַ שיין, וואויל מיידל מוז אים פאַראינטערעסירן. עס וועט אַ צייט קעמפן אין אים דאָס אַלטע געפיל מיטן נייעם, אָבער קוים וועט ער זיך נאָר אָפּגעבן אַ חשבון און וועט זען, אַז פון יענעם שטאַמט בלויז שלעכטס און פון דעם נייעם בלויז גוטס, וועט ער מוזן אַלץ סוף־כל־סוף אָפּשטויסן פון זיך און עליאַן כאַפּן מיטביידע הענט ווי אַן אויסלייזונג. די טיזשוועצקאַ האָט ער ניט געזען צען חדשים צייט און צום גליק איז זי איצט, דאַכט זיך, אַוועקגעפאָרן אויף אַ לענגערע צייט! איבעריקנס, ווייס ער מסתמא, אַז

ער גייט זי איצט אַזויפיל אָן ווי אַ ליאַדע ווער, און דאָס שטויסט דאָך אָפּ. יעזשי האָט געוואוסט, אַז נאָכדעם ווי איך האָב מיט אים איבערגעריסן, בין איך אין ערגעץ ניט געקומען און זיך ניט געוואָלט ווײַלן. דערווײַל פאַלט אַזוי גוט גראָד צונויף, וואָס כ׳קען עליאַן פאַרהאַלטן איצט ביי זיך. ער וועט זי קענען, ווען ער וועט וועלן, און דאָס מוז געמאַכט ווערן.

— האָסטו גערעדט דערפון מיט יעזשין?

— אָ, יאָ, געטראָפן דעם אָרט! ער וואָלט זיך אַ קראַץ געטאָן אונטער דער נאָז מיטן גרויסן פינגער און וואָלט געזאָגט: זיוציאַ איז אַ קליינער, אָדער:—זיוציאַ איז דאָ—און אויף אַזויפיל וואָלט איך זיך דערוואוסט פון אים. דאָס זיינען דאָך ניט קיין „איינגעפאַלענע אָזערעס", וועלכע קיינער האָט אין ערגעץ ניט געזען, נאָר אַן ערנסטע זאַך, אַ שידוך. רדזאָוויטש מוז זיך אונטערגעבן, אויב עליאַ וועט זיך נאָר אין אים פאַרליבן; איך וואָלט זיך געלאָזט די האַנט אָפּשניידן, אַז אַזוי וועט עס זיין. זאָלן זיי זיך נאָך אַמאָל דריי זען און צווישן זיך פריי אַ שמועס טאָן, וועלן זיי שוין איינס אָן דאָס אַנדערע ניט קענען לעבן. מיין טייערע, דו ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ ביסל געניט אין די זאַכן

— ביסט שטענדיק געניטער געווען פאַר מיר, אָבער וואָס רעכנסטו וועט דערויף זאָגן פעטער סטאַניסלאַוו?

— איך קאַוויר דיר, אַז ער וועט מסכים זיין. רדזאָוויטש פאַרדינט איצט אַ סך, אַזוי אַז די געלט-פראַגע פאַלט אָפּ, און ביי עליאַס אַכציק טויזנט נדן קענען זיי לעבן גאָרניט שלעכט. דו ביסט געוואוינט צו לוקסוס, אָבער איך מיט יעזשין האָבן מיר זיך העכסטנס פון פיר ביז פינף טויזנט רובל אַ יאָר און עס איז אונז גוט.

— ווייל איר האָט ניט קיין קינדער.

— דער פעטער זאָגט אַגב גאַנץ אויפריכטיק, אַז ער וואָלט וועלן וואָס גיכער ביידע טעכטער אויסגעבן און וולאַדזיען, זאָל ער נאָר אַלט ווערן אַ יאָר פופצן, וועט ער אים אַוועקשיקן קיין אויסלאַנד אין אַ האַנדלסשול, ווייל די מומע זאָפיאַ פילט זיך וואָס אַמאָל ערגער און דער פעטער זאָגט, אַז ער מוז דאָס לעבן

און דאָס הויז זיינס איינגאַנצן צו איר צופאַסן. ערשט נעכטן האָבן מיר מיט אים דערפֿון גערעדט. ער זאָגט, אַז ער איז אַזוי פֿאַרמאַטערט דערפֿון, וואָס ער מוז טראַכטן פֿאַר צווייען, פֿאַר זיך און פֿאַר דער מומען, וועגן די קינדער, אַז וואָס פֿאַר אַן אָרנטלעכע מענטשן ס׳וואָלטן נאָר וועלן, אַבי זיי זאָלן געפֿעלן די מיידלעך, קענען זיי זיי נעמען.

— Qui vivra verra, מ׳זאָל נאָר צו דיר קיין טענות ניט האָבן. זאָל זיך קודם־כּל אַליין דאָרט טאָן. וועט זיין באַשערט, וועט זיין באַוווּרט.

— Qui vivra verra, ma chére, כ׳גלייב אָבער אין דעם, אַז די השגחה מיט זיך איבער אַלע גוטע כּוונות, און אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען, וואָס עס וואָלט אין דעם פֿאַל געקענט זיין, דאָס איז זיכער. ער וואָלט לעבן איר געוואָרן אַ סטאַטעק און מיושבֿ־דיק, און זי וואָלט אים געקענט ליב האָבן אָן אַ מאָס, ווייל ער איז די נייטיקסטע באַדערפֿעניש פֿון איר נאַטור.

— יעזשי — האָט זיך געווענדעט פּרוי בישאַ צו פּושער־וויצן.

— וואָס, מיין טייערינקע — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן מיט אַ פֿריינדלעכן בליק, ווי שטענדיק, ווען ער פֿלעגט ריידן צו בישאַן, וועלכע ער האָט גוואַלדיק ליב געהאַט.

— אַז מיר וועלן פֿונדאַנען אַוועקגיין, זאָלסטו לאָראַן אַ קוש טאָן איןביידע הענט.

— ווייל זיי זיינען שיין?

— ניין, ווייל זיי זיינען גוט.

— פּרוי לאַאוראַס הענט? קודם־כּל, וועל איך עס טאָן — האָט זיך אָפּגערופֿן מאַרסקי, נעמענדיק דער פּושערוויצעס ביידע הענט אין זיינע אַריין און קושנדיק פֿריער די לינקע, דערנאָך די רעכטע. — איך האָב פֿריילין לאַאוראַ אַרקאָווסקאַ געזען דאָס ערשטע מאָל מיט אַ יאָר פֿינף צוריק אויף אַן עפֿנטלעכן באַל, און כ׳האָב תּיכּף אַ טראַכט געטאָן, אַז אין די ווייסע טיולן זיצט אַ מלאך. אַז די וועלט האָט גע׳וואָלט קאַליע מאַכן, האָב איך גע־הערט. און ס׳איז קיין וואונדער ניט, אָבער קאַליע מאַכן האָט

זי ניט געקענט, ווייל דער יסוד איז געווען אַ צו גוטער. פון אײַך וועט אַזוינס ניט אַרויסקומען, איר פּענדראַקעס — האָט ער אַ זאָג געטאָן, אויסדרייענדיק זיך צו די פריילין ראָסיענסקיס, װאָס האָבן, שטייענדיק דערלעבן אין בלאַס־גרינע קליידער מיט בלומען, געצויגן אויף זיך די בליקן פון עולם מיט זייער אויסער־געוויינלעכער שיינקייט און חן.

— אונזערע מיידלעך קיניגן אויפן ראַאוט — האָט אײַנגע־רוימט פּרוי בישאַ הער ראָסיענסקין.

געפירט פון פּרוי היימערט אין קאָמיטעט־זאַל, איז רדזאַ־וויטש געווען אש להבה אויף זיך, וואָס ער האָט זיך געלאָזט שלעפּן, און אויף דער „נידערטרעכטיקער באָבען", וואָס האָט אים אהין געשלעפּט. אָבער ווען ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן, האָט ער באַמערקט, אַז ער קען איר געבן וואָס פאַר אַ צונאָמען ער וויל, אָבער ניט באָבע, ווייל דאָס איז זי גראָד ניט. זי האָט זיך אים אויסגעוויזן איצט אַ סך יינגער ווי אין דער ערשטער רגע, ווען ער האָט זי דערזען אין גאַרדעראָבע. זי האָט געקענט אַלט זיין העכסטנס אַ יאָר זיבן און צוואַנציק, און אַ פּנים האָט זי געהאַט אַ ניט פּראָסטס און אַ סובטילס, וואָס עס האָבן דער עיקר באַשיינט, ביי אירע געלע האָר און ווייסער איידעלער הויט, די גרויסע טונקעלע ברעמען און די גרויסע טונקעלע אויגן מיט דער לאַנגער, קוים־קוים פאַרבויגענער נאָז מיט די דינע נאָזלעכער. זי איז געווען הויך און שלאַנק, אָבער ניט צו דאַר, דערביי האָט זי אין איר באַוועגונג געהאַט די פּאָרנעמקייט פון אַן ענגלישער דאַמע פון בעסערן געזעלשאַפט; ביי דעם אַלעם האָט זי געהאַט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס האָט ביי רדזשאַ־וויטשן, בעת ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן, ניט ווילנדיק אַרויסגערופן אויפן רעיון דאָס וואָרט: „ליטעראַטור".

אין כעס, וואָס זי האָט אים אַוועקגענומען פון עליאַן, האָט ער געענטפערט דער היימערט העפלעך, אָבער אַזוי קורץ, אַז זי האָט זיך אָפּגערופן צו אים מיט אַ שמייכל:

— אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך האָב אײַך אַוועקגענומען, שרעקט אײַך אָבער ניט, איך וועל אײַך תיכף באַפרייען פון

אייערע פליכטן. איבעריקנס, וועל איך אייך זאָגן דעם אמת, אַז דאָס איז בלויז געווען אַן אויסרייד. איך האָב שטאַרק געוואָלט מיט אייך זיך באַקענען... צוליב דעם „וואַמפּיר".

— כ'פריי זיך, וואָס כ'האָב אים אָנגעמאָלט.

קוקנדיק אויף די אָרכידעען, וואָס די היימערט האָט גע־האַט ביים ביוסט, איז רדזשאַוויטשן איינגעפאַלן, אַז ניט קיין אַנדערע, נאָר זי האָט אים געשיקט דעם בוקעט בלומען און ער האָט הויך אַ זאָג געטאָן:

— אויב כ'האָב ניט קיין טעות, וועט איר מיר אַוודאי זאָגן, אַז איך בין לעכערלעך. אייך קומט פון מיר אַ דאַנק פאַר די בלומען, וואָס איר האָט באַוויליקט מיר צו שיקן צוזאַמען מיט דער איינלאַדונג אויף דעם היינטיקן ראַאוט, ניט אמת?

— די היימערט האָט זיך אַ ביסל צעמישט, אָבער בלויז איין אויגנבליק, און געענטפערט, מאַכנדיק זייער גוט דעם אָנשטעל פון פשטות שבפשטות:

— יאָ, דאָס בין איך. כ'האָב געהאַלטן, אַז כ'וועל אייך דערמיט פאַרשאַפן פאַרגעניגן און דאָס האָב איך אייך געוואָלט אָנטאָן. כ'בין געווען אינגאַנצן מאַגנעטיזירט פון אייער „וואַמפּיר" און כ'האָב נייטיק באַדאַרפט דורך עפּעס אויסדריקן מיין התלהבות. אָבער פונוואַנען האָט איר זיך משער געווען? מענטשן מוזן דאָך אייך אַוודאי פאַרשיטן מיט בלומען?

— קיינער פאַרשיט מיך קיינמאָל מיט גאָרניט, מאַדאַם, און דערקענט האָב איך נאָך די אָרכידעען נאָך, וואָס איר האָט ביים גאָרס.

די היימערט האָט געוואָרפן אַ בליק אויף רדזאַוויטשעס בו־טאָניערקע ביים פראַק און אַ זאָג געטאָן:

— כ'האָב געמיינט, איר באַקומט אַזויפיל בלומען, אַז ניט וועלנדיק אָנמאַכן קיין קנאה־שנאה, האָט איר פון קיינעמס ניט אויסגעקליבן.

— ניין, מאַדאַם, כ'האָב נאָר ניט געוואוסט, פון וועמען דער בוקעט איז.

— און איצט... אָבער דאָס, וואָס איך וואָלט אייך פרעגן, וואָלט געווען צו בירגערלעך.

— און איך וועל אייך ענטפערן זייער אומהעפלעך אָבער אַזוי ווי די זאַך איז: איצט וואָלט איך אויך ניט געווען זיי גע־נומען, ווייל צווישן מענטשן טראָגט מען אַ בלום, אָדער אַ גע־קויפטע ביים גערטנער, אָדער פון דער האַנט פון דער, וואָס מען האָט ליב.

— די היימערט האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און אַ זאָג געטאָן סענטימענטאַל:

— יאָ, איר זייט גערעכט. אַ בלום איז ביי היינטיקן טאָג דאָס, וואָס עס איז אַמאָליקע צייטן געווען אַ הענטשקע ביים העלם.

דער קאָמיטעט־זאַל איז געווען געפאַקט: אין קאָסטיומען פון לודוויק דעם XV הויף האָבן געשמועסט צווישן זיך איבער־געטאָנענע מאַנסלייט און פרויען און צווישן זיי האָבן זיך גע־דרייט די, וואָס האָבן די אַרויסטרעטנדיקע אין די בילדער גע־האָלפן זיך אָנטאָן.

— איר טרעט ניט אַרויס? — האָט אַ פרעג געטאָן רדזאַ־וויטש די היימערט.

— ניין.

באותו הרגע האָט עפּעס אַ יונגע שאַרפע פרויען־שטים, וואָס רעדט אַרויס די ר אויף אַ פראַנצויזישן שטייגער, זיך אָפּ־גערופן לעבן רדזאַוויטשעס אויער:

— איז דאָ הייס, אַז דער רוח קען נעמען, מאַדאַם פּאָ־סיאַנאָווסקאַ, הייבט אויף אייער קלייד, ווייל ס׳פּאַרט פון אייך אַראָפּ.

— Vous dites, princesse? — האָט אויסגעשריען צולויפנדיק כמעט פרוי פּאָסיאַנאָווסקאַ מיט אַ לאַקריץ־זיסן שמייכל.

— דאָס איז פירשטין זאַסלאַווסקאַ, אַ מאָדנע בריאה, און די דאַמע דערלעבן איז אַגר שוועסטער, פירשטין איזאַבעלאַ — האָט ערקלערט די היימערט רדזאַוויטשן.

— אַייער שלעפּע וואַלגערט זיך אויף דער ערד — האָט ווייטער געזאָגט די פירשטין, — אוף! ווי הייס דאָ איז, מאַדאַם בראַאונבערגער, ניטאָ דאָ ערגעץ קיין וואַסער אָדער לימאָנאַדע?

— די פירשטין וועט ערלויבן, וועל איך הייסן דערלאַנגען—האָט זיך אונטערגערוקט פרוי פּאָסיאַנאָווסקאַ.

— איך האָב שוין געהייסן—איז איר פאַרלאָפן פרוי בראַאונבערגער.

— אַ שיינעם דאַנק.

— Mais vous vous fatiguez trop, princesse — האָט אַזאָג געטאָן פרוי פּאָסיאַנאָווסקאַ.

— Vraimeut, princesse, vous êtes si fatiguee—האָט זיך ניט געלאָזט מנצח זיין פרוי בראַאונבערגער.

— אָבער ניין, דער רוח קען דאָ נעמען פון היץ, זאָג איך אייך, וואָס איז עס, צו אַלדע שוואַרץ יאָר, וואו איז דאָס וואַסער?

— אמת, וואו איז טאַקע דאָס וואַסער?—האָט איבערגעחזרט פרוי פּאָסיאַנאָווסקאַ, קוקנדיק פון אויבן אַראָפּ אויף פרוי בראַאונבערגער.

— מען טראָגט שוין—האָט געענטפערט פרוי בראַאונבערגער, אונטעררוקנדיק דער פרוי פּאָסיאַנאָווסקאַ אונטער דער נאָז דאָס אויער מיט אַ סך אַ גרעסערן בריליאַנט ווי אירער.

— אָ, די ליבע באַראָנין!—האָט אַזאָג געטאָן די פירשטין באַמערקנדיק די היימערט.—גיט נאָר אַ קוק, צי זע איך פון הינטן עפּעס גוט אויס? ווער איז דער הער? — האָט זי געפרעגט, ניט נידעריקער מאַכנדיק כמעט די שטים און וואַרפנדיק אַ בליק אויף רדזאַוויטשן.

— הער ראָמאַן רדזאַוויטש, קינסטלער.

— איר שפּילט?

— ניין, כ׳קלעפּ און מאָל.

— איז גוט. מיין הער, עפּעס שטעקט מיר דאָרט שלעכט אין די האָר, אפשר וואָלט איר מיר אַזוי גוט זיין פאַרריכטן.

— Permettez, princesse — האָט זיך אונטערגערוקט פרוי פּאָסיאַנאָווסקאַ.

— Permettez, princesse — האָט זיך אונטערגערוקט פרוי בראַאונבערגער.

— אַ שיינעם דאַנק אייך. דער הער איז אַ קינסטלער, וועט ער עס בעסער מאַכן. שוין. אַדאַנק. איר זייט אַ געראָטענער, אָבער איר זייט ניט דערועלבער, וואָס שטאָפּט אויס פייגל? ער הייסט אויך אַזוי, איר זייט דאָך רדזאַוויטש?

— רדזאַוויטש.

— אַהאַ, אמת, אַנטשולדיקט. זאָג איך אייך, שטאָפּט ער אויס פייגל! איינמאָל האָט ער מיר אויסגעשטאָפּט אַ טשאַפּלע, ממש אַ לעבעדיקע, איר האָט זי געזען ביי מיר, פרוי פּאָסיאַ־נאָווסקאַ?

— Ah, admirablement! A merveille! — האָט אויסגעשריען פרוי פּאָסיאַנאָווסקאַ, קוקנדיק מיט שפּאָטישער גאווה אויף פרוי בראַאונבערגער, וועלכע האָט, משמעות, קיינמאָל ניט גע־מוזט קומען צו דער פירשטין און וואָס האָט פאַר נויט־וועגן, פילנדיק, אַז זי איז באַזיגט, אַ שאָקל געטאָן פרוי פּאָסיאַנאָווסקאַ אונטער דער נאָז מיט איר פּראַכטפולער בריליאַנטענער ציטער־שפּילקע אין די האָר, בעת פרוי פּאָסיאַנאָווסקאַ האָט געהאַט עפּעס אַ געמיין דיאַדעמל און דערצו מיט פאַלשע שטיינער.

די פירשטין האָט ווייטער גערעדט:

— זאָג איך אייך, הער ראַוויטש, שטאָפּט דער רדזאַוויטש אויף אַ פויגל — ממש אַ מחיה צו קוקן. Mais tiens! מאַרסקי! גיב אַקוק, איזאַ. אַ גוט מאָרגן אייך, פון וואַנען האָט איר זיך דאָ גענומען?

— כ׳באַגריס די פירשטין. וואָס שטאָפּן מיר עס דאָרטן אויס? האָט אַ זאָג געטאָן מאַרסקי, וועלכער איז אויף אַ רגע אַריין אין זאַל.

— ווער האָט עס אייך דאָ אַריינגעלאָזט? אַהער האָט בלויז דער קאָמיטעט רעכט אַריינצוגיין, — האָט אַ פרעג געטאָן פירשטין איזאַבעלאַ.

— ס׳איז דאָך עפּעס ביי אונז ביי אונז, פריילין בעלאַ! כ׳האָב געזאָגט עפּעס עמיצן ביי דער טיר, אַז איך בין מאָרסקי, האָט ער גיך תּיכּף אַזוי די טיר אויפגעפּראַלט, אַז כ׳האָב געמיינט, ער וועט מיר די נאָז צעקלאַפּן. הער רדזאַוויטש, שטעלט מיך פאָר דער פרוי באַראָנין—האָט ער זיך געווענדט צו רדזאַוויטשן. — איך בין געווען נייגעריק—האָט ער ווייטער געזאָגט צו דער פירשטין— צו זען, אויף וויפל איר האָט אייך געביטן פון דעם לעצטן מאָל אָן, איך זע אָבער, אַז איר זייט אַלץ נאָך דיזעלבע „ליבע״ כּנופיה.

— און איר זייט אויך „סימפּאַטיש״ — האָט אים צוריק אַ שטאָך געטאָן פירשטין איזאַבעלאַ.

די היימערט האָט באַקענט רדזאַוויטשן מיט די אָנוועזנדיקע: די דאַמען פון שטאָט האָבן זיך באַגריסט מיט אים ליבענסוויר־דיק, די דאַמען פון אַריסטאָקראַטיע—אַ טייל מיט קאַלטער העפ־לעכקייט, אַ טייל אויסערגעוויינטלעך העפלעך און מיט קאָמפּלי־מענטן; פאַרקערט, די דאַמען פון האַלבער אַריסטאָקראַטיע, פערטל אַריסטאָקראַטיע און האַלב פערטל אַריסטאָקראַטיע האָבן קוים־קוים געשאָקלט ווידער אים מיטן קאָפּ. די מאַנסלייט האָבן אים בכלל אָנגענומען אומגערן, אָבער עס פאַרבאָרגן דורך דער עטי־קעט, דער־הויפּט אָבער די דריי חברים מאָלערס, וועלכע מען האָט ספּעציעל פאַרבעטן אויף אַוועקשטעלן די לעבעדיקע בילדער.

די מאָלער האָט רדזאַוויטש געקענט נאָך פון אַמאָליקע יאָרן, איינער אַ גראָבער, אַ דיקער און פּראָסטער, אַ בלאָפער און רעקלאַמיסט פון ערגסטן מין, האָט פאַרדרייט דער אַזויגערופענער „אינטעליגענץ״ דעם קאָפּ מיט גרויסע בילדער, וואָס זיינען געווען אויסגערעכנט אויפן פלאַכסטן און ביליקסטן עפעקט, און איז דע־ריבער קיינמאָל ניט דורכגעפאַלן. מען האָט אים ליב געהאַט פאַר זיין אידעאַליזם, פּאַטריאָטיזם און רעליגיאָזיטעט, מיט וועלכער ער האָט עפעקטירט און פון וועלכער ער האָט זיך געמאַכט אַ קאַר־יערע, מיינענדיק, אַז ער דאַרף זיך ניט מאַטערן מיט זייען נאַ־ראָנים אַרום זיך, ווייל זיי וואַקסן אַליין און אַז לייוונט האָט פונקט אַזוי פיל געדולד ווי פּאַפּיר. פאַרן „מייסטער קאַפּיסטראַן״ האָט אָבער ניט געקלעקט בלויז דער מאָלערישער רום: ער האָט אויך

אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך פּאָעטישע לאָרבערס און אַרויסגעגעבן אַן ערשטן באַנד, אין וועלכן ער האָט זיך פאַרגלייכט צו דודן, צו אַ לייב, אַ היאַצינט, אַן אָדלער, אַ האַר. און דאָ איז מיט אים נעבעך געשען אַ שרעקלעך אומגליק, מחמת אין פערז: „איך, דער האַר פון פּאַלאַצן און שלעסער", האָט מען, צוליב דעם קאָרעקטאָרס אַ פאַרזען, אָפּגעדרוקט: „איך, דער נאַר, פון פּאַלאַצן און שלעסער", און דאָס האָט עפּיס עמיץ אונטערגעשטראָכן אין ביכל און אַריינגעשיקט אים מיט אַ צושריפט: „ביסט גערעכט, מייסטער".

דער צווייטער, אַ דאַרער, אַ הויכער און אויסגעמאָרעטער, האָט געמאָלט טובערקולאָזע פּרויען אין כאַלאַטן, אינגאַנצן בלויע ביימער, אויף וועלכע מען האָט לחלוטין גאָרניט אָנגעזען, געטראָגן שטענדיק טרויער־מלבושים, אַ בר־מינגישן קעפּל ביי דעם שוואַרצן שנירל פון זייגערל און אין בוטאָניערקע וועלקנדיקע טובעראָזן פון „בר־מינגישן" ריח, געטרונקען דעם ביטערן טראָפּן און געוואָלט שלאָגן יעדן איינעם, וואָס האָט אים געזאָגט, אַז ער איז ניט קיין נעוראַסטעניקער און ס'דראָט אים ניט קיין משוגעת. עס האָבן אים ליב געהאַט שטאָטישע מיידלעך און די יינגסטע פּאָעטן.

דער דריטער, וואָס האָט געטראָגן אין די מאַנזשעטן טאָפּלטע ספינקעס, פון איין זייט מיט אַ גאָלדענער פּאָדקאָווע מיט בריליאַנטן און פון דער צווייטער אַ שפּיצרוטל מיט אַ בריליאַנט, צוגויפגעקניפּלט מיט אַ גאָלדן קייטעלע — האָט געמאָלט ספּאָרט־סצענעס און האָט אַ חוץ דעם תמיד געהאַט ביי זיך photographies abscènes און גלענצנד געפּייפט. אַדאַנק זיין געשלעכט און די דאָזיקע צוויי אייגנשאַפטן, איז ער אומעטום אויפגענומען געוואָרן און אַמאָל פלעגט ער ווייזן די פאָטאָגראַפיעס די הערן און געפּייפט פאַר די דאַמען און אַמאָל פאַרקערט. אויב ער פלעגט צופעליק פאַרגעסן די פאָטאָגראַפיעס אָדער ניט געוואָלט פייפן, האָט מען אים געזאָגט: צו וואָס־זשע ביסטו אַהער געקומען, מיין טייערער? דער פירשטין זאַסלאַווסקאַ האָט ער אויסגעמאָלט זייער שיין אַ שטשיגל אויף דער שויב און דערפאַר האָט ער באַקומען פון איר די ספינקעס, וואָס ער האָט געטראָגן אין די מאַנזשעטן.

ענדלעך דער פּערטער, וואָס האָט אי צוגעהאָלפן ביים גרו־
פירן דאָס בילד, אי גענומען אַליין דערינען אַנטייל אַלס מאַרקיז,
איז רדזאַוויטשן אויך געווען באַקאַנט: דאָס איז געווען אַ יונגער
גרויסער הער, זייער אַ בלאַסער, אין אַ בכיוון צו ברייטן קאָלנער,
תּמיד מיט אַ האַלב אויפגעבונדענעם קראַוואַט און די האָר נאַכלע־
סיק פאַרקעמט איבערן שטערן אַריבער, „אַ דיכטער", וועלכן „ס'איז
ניט געגאַנגען דערין, ער זאָל זיין באַוואוסט", אייביק מיט אַלפרעד דע
מיוסע אין קעשענע און מיט אַ שוואַרץ פינגערל מיט אַ דימענט אויפן
פינגער, וועלכן מען האָט ניט געקענט אָנטאָן קיין גרעסערן פאַר־
געניגן, ווי אַנווענדן צו אים פון ראָלאַ: Jacques était, grand, loyal
intrepide et superbe, און וואָס פלעגט די דאַמען אויפשרייבן אויף
די פעכערס: aime et pour un baiser je donne mon grnie, אָדער:
...le bonheur supréme, apaés qu'on a vaincu, c'est d'avoir
désarmé, — אין שטאַמבוך ווידער די גאַנצע פינפטע סטראָפע
פון נאַמון. די דאַמען פון אַריסטאָקראַטיע, זיינע קוזינעס און באַקאַנטע,
האָט ער אַ ביסל געאיבלט, ס'האָבן אָבער געטרוימט וועגן אים די מיו־
סעאיסטקעס פון דער „אינטעליגענץ", דערהויפט די, וואָס האָבן
בלויז געהאַט א גוטן ווילן צו זיין «vaincues»

— נו, בין איך עס אַריינגעפאַלן צווישן אַ חברה — האָט
אַ טראַכט געטאָן רדזאַוויטש, וועלכן ס'איז ניט פאַרבליבן עפּעס
אַנדערש, ווי צוזאַמען מיט די פיר הערן זיך פאַרנעמען מיט אויס־
שטעלן אַ מענועט אויף דער עסטראַדע אונטער דער אַראָפּגעלאָז־
טער פאָרהאַנג. ער האָט אויך באַמערקט, אַז ער ווערט דאָ גאָר־
ניט באַטראַכט ווי אַ קינסטלער, נאָר ווי אַ פריזירער, טאַפּעצירער,
שוסטער, שניידער, בייטאָרין און טאַנצמייסטער. ער איז געווען
אַזוי בייז, אַז בשעת פרוי פּאָסיאַנאָווסקאַ האָט אים גענומען דערעסן,
ער זאָל זי אַוועקשטעלן דווקא נעענטער צו דער פירשטין זאַסלאַווו־
סקאַ, האָט ער איר געזאָגט, אַז אין מענועט איז ניט געווען קיין מנהג
נאָכצוטראָגן דעם שלעפּ ביי די פירשטינס, וואָס עס האָט דערהערט
פרוי באַאונבערגער, און אים תּיכּף פאַרבעטן צו זיך אויף אירע פריי־
טאָגס. די פירשטין האָט, אַוועקשטעלנדיק זיך אין אַ פּאָזע, גערעדט
מיט אים גאַנץ לאַנג „וועגן דעם תּמימותדיקן לודוויק דעם XV

וואָס האָט געזאָגט: „l'état c'est moi," האָט אָבער געוואָלט, אַז יעדער אונטערטאַן זיינער זאָל טאָג-טעגלעך האָבן צו מיטאָג אַ הון אין טעפּל". דעם אמת זאָגנדיק, האָט זי מיט איר טרוקענעם און עפּעס גליטערנעם פּראָפיל, קליין פּיסל און פיינעם קערפּער-בוי, געקענט אָנגיין פאַר איינע פון לודוויקס הויף-דאַמען. די איבעריקע דאַמען אָבער האָבן דערמאָנט זייערע גאַרדעראָבינס אָדער די גאַרדעראָבינס פון זייערע גאַרדעראָבינס.

— אַ ראַסיק און אַ וואויל ווייבל, — אָבער גאָר קיין חכמה ניט — האָט אַ רוים איין געטאָן רדזאַוויטשן מאָרסקי, קוקנדיק אויף דער פירשטין פון הינטער דער טיר פון קאָמיטעט-זאַל. — אַלנפאַלס איז זי מיר הונדערט מאָל ליבער פאַר דער מומע פּעמטשאַ, וואָס הערט ווי גראָז וואַקסט און וואָלט אונדז אַלע פאַרקויפט, האָט אָבער אַ מין נשמה פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע.

די באַראָנין היימערט, וואָס איז געזעסן דערלעבן אויף אַ שטול, און האָט, בעתן צוגרייטן דאָס בילד, אַרויסגעוויזן אַ סך געשמאַק און אַ סך בילדונג, האָט זיך באַמיט ווי ווייט מעגלעך אָנגענעם צו מאַכן רדזאַוויטשן דאָס זיין דאָ אין אַ פרעמד אין יעדן פּרט געזעלשאַפט; ער איז אָבער געווען אין כּעס און האָט ניט זייער שטאַרק דאָס פאַרבאָרגן. ס'איז אים אַ שאָד געווען עליאַ און ס'האָט אים אַ סך מער צו איר געצויגן, ווי ער וואָלט זיך עס אַליין דערויף ריכטן. אַוועקגייענדיק, האָט אים געאַרט דאָס, וואָס זי איז פאַרבליבן דאָרט צווישן עולם, אַז אפשר קוקן מענטשן צו-נאָענט זיך צו צו איר, און אפשר זיינען צו איר צוגעקומען נאָך אַנדערע מאַנסלייט.

ס'האָט זיך אים כּסדר געדאַכט, אַז עס שטייט לעבן איר עפּעס אַ יונגער בלאָנדין, און אַז ער געפעלט איר זייער. ס'האָט אים אויך גערייצט קאָוואַל, דער זעלבער קאָוואַל מיט זיין אייביקער רואיקייט און רום פון אַ געלערנטן. קאָוואַלס רום — האָט ער געשמייכלט מיט פאַראַכטונג. — ווער ווייס עס פון אים? אַ פופציק-זעכציק מענטשן... און ער האָט ווידער מיט פאַראַכטונג געשמייכלט, פילנדיק, אַז ער טוט עס קעגן זיין איבערצייגונג און אַז אין דער אמתן איז קאָוואַלס רום אַ סך מער ווערט פון

זיינער, ווייל יעדער איינער פון די פופציק־זעכציק מענטשן ווייסן, אַז קאָוואַל איז אַ מענטש, וועגן וועלכנס שם ס׳איז כּדאַי צו דאגהן, מחמת זיין איז ניט קיין רום פון אַן אַרלעקין, ווי ס׳איז אין וויניק ציוויליזירטע געזעלשאַפטן דער רום פון אַ קינסט־לער. איך מיט מיינע „צענטאַוורען" און „וואַמפּיר"—האָט ער גע־טראַכט — דאַרף ביי די ווייבער די פּאַלבן צונױפלייגן, און ער מיט זיין גראָזנבוך או מיקראָסקאָפּ זיצט זיך רואיק און שמועסט מיט עליאַן. און ס׳האָט זיך אים ווידער פאַרגלוסט אויסצושרייען: זי איז מיין!... און אַ געשריי טאָן: כ׳האָב ליב!... ווען דאָס וואָרט וואָלט נייטיק געווען, כּדי ער זאָל קענען בלייבן ביי די ווערטער: זי איז מיין. עפּעס אַ פאַרכאַפּעריש געפיל האָט זיך אין אים דערוועקט: ער וואָלט וועלן לויפן און אַריינדריקן זיינע פינגער אין עליאַן, זיי זאָלן מיט בלוט אַזש פאַרלאָפן ווערן; ער וואָלט וועלן, דרייענדיק זיך פון יסורים, צו זיך זי ציען, ווען זי זאָל צו אים זיך דריקן פון פאַרלאַנג און דערביי זיך אַרויס־רייסן פון ווייטאָק. ער האָט וועגן דעם וואָרט גאָרניט געוואָלט טראַכטן, ווייל ער האָט געפילט, אַז עפּעס אַ מחיצה שטייט צווישן דעם וואָרט און צווישן אים. דאָך האָט ער זיך געקוויקט מיט דעם קלאַנג: כ׳האָב ליב, כ׳האָב ליב.

דערווייל האָט אים היימערט דערציילט וועגן איר גאַלעריי און אים זייער געבעטן, ער זאָל איר זאָגן, צי איינער פון אירע רובענס־בילדער איז אַן אָריגינאַל אָדער אַ קאָפּיע, וואָס וואָלט דעמאָלט געווען אַ מייסטערווערק אין זיין מין. ער האָט איר צו־געזאָגט, זיין ביי איר פרייטאָג, פאַרגעסנדיק, אַז אויפן זעלבן טאָג אין דערזעלבער שעה האָט ער געהאַט צוגעזאָגט צו זיין ביי פרוי בראַאונבערגער, און ניט וואַרטנדיק ביז מען וועט אויפ־הויבן די פאָרהאַנג, האָט ער זיך אַרויסגערוקט פונם סאַלאָן אין זאַל אַריין. גייענדיק שנעל אין דער זייט אַריין, וואו ער האָט זיך געריכט צו געפינען די פּושערוויצעס און עליאַן, האָט ער געטראַכט, אַז קוים ציט אים אַהין, איז ווייס דער רוח, וואָס אים איז אַזוינס, און ער איז באמת מסתמא אויפן וועג פון פאַרליבן זיך אין עליאַן. דאָס דערמאָנען זיך אָן מאַריאַן האָט ער אָפּגעיאָגט פון

זיך און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס וואַקסט אין אים עפּעס אַ ווידערווילן צו איר. כ'האָב שלעכט געטראָפן און פּטור — האָט ער געזאָגט צו זיך במחשבה — איצט וועל איך אפשר בעסער טרעפן. כ'וויל ליב האָבן, כ'דאַרף ליב האָבן, כ'וויל זיין געליבט און דו וועסט מיך ליב האָבן, מיין עליאַ. מיינע, מיינע — האָט ער געחזרט, זיך געצערטלט מיט דעם חזרן. ער איז געווען אנטשלאָסן. יענץ איז געווען אַ משוגעת, אַן אומזין, פון אָנהייב אָן עפּעס אַ מאָד-נעס, פאַרקרימטס, פאַראויס באַשטימט צו האָבן אַ שלעכטן סוף. דאָ, אויב עליאַ וועט אים ניט אָפּשטויסן, און אָפּשטויסן וועט זי אים ניט, דאָס זאָגן אים אירע אויגן און די פּושערוויץ, וועט ער זיך באַמיען צום פאַרמעלסטן און צומנאַרמאַלסטן, ווי יעדער אָנ-שטענדיקער מענטש, זיך ערקלערן אין ליבע דעם מיידל, און נאָכדעם בעטן ביים פאָטער איר האַנט; תנאים, עס מוזן זיין אָפיציעלע תנאים, זיינען אַ מנהג, וואָס מען מוז אַכטן, וועלן פאַרקומען ביי די פּושערוויצעס, אָדער אַלע וועלן פאָרן אין דאָרף אריין צו די ראָסיענסקיס. טענזשעל אויך, אַ! ווי קאָמיש ער וועט זיין אינם פראַק מיט דער ווייסער בלום אין לאַץ. אפשר וועט ער זיך פאַרליבן אין מיניאָן, און דעמאָלט וועט ער אים זאָגן: טענזשעל, פאַרב דעם קאָפּ, מוזט זיין אַ ברונעט; ער וועט מאַכן פרוי ראָסיענסקאַס טעראַקאָטענעם פּאָרטרעט, וועט פאַר דער חתונה גיין זיך מתוודה זיין און ער מיט עליאַן וועלן אין דער היים פרייטאָג אַלס ביישפּיל פאַסטן... — אין דער מינוט האָט ער דערזען די פּושערוויצעס, ראָסיענסקיס און קאָוואַלן, וואָס זיינען געשטאַנען לינקס פון דורכגאַנג. ער איז צו זיי פריילעך צוגע-גאַנגען און געשריען פונדערווייטנס, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ס'איז דאָ פרעמדע:

— אַ! כ'האָב זיך דאָך ארויסגעריסן. ס'בענקט זיך אַזוי צו אייך. זאָל זיי דאַרט! כ'האָב געמיינט דער שוואַרץ יאָר וועט מיך נעמען. די באַראָנין האָט מיר נאָך גענומען האַקן אַ קאָפּ מיט רובענסן; כ'ווייס אפילו ניט, וואָס כ'האָב איר דאָרט געזאָגט...

— דערציילט זשע אונז, וואָס האָט איר דאָרט געזען — האָט אַ זאָג געטאָן פרוי בישאַ.

רדזאָוויטש איז אָבער קודם כּל דערטרונקען געוואָרן אין עליאַס אויגן, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן צו אים, ווען ער האָט זיך דערנענטערט, אַזעלכע גרויסע און טיפע, און האָבן אים געזאָגט עפּעס אַזוינס, אַז איר בלאַס פּנים איז פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ לויטערן פלעק. קאָוואַל האָט געשמועסט מיט פרוי לאַאוראַ, זי ווידער איז געשטאַנען אײנער אַליין און רדזאָוויטש האָט געזען, אַז עפּעס אַ העלקייט האָט זיך באַוויזן אויף איר געזיכט, ווען ער האָט זיך דערנענטערט. אַלזאָ... מסתּמא וועט זי אים ניט אָפּשטויסן.

— פרײַלין עליאַ — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו איר מיט אַזאַ טאָן, ווי דאָס קורצע ניט זען זיך וואָלט ווײַט אַ שטויס געטאָן פאָראויס זײַער באַקאַנטשאַפט. — פרײַלין עליאַ, כ׳האָב אַפילו ניט געוואוסט... — ער האָט זיך פאַרהאַלטן און אַ טראַכט געטאָן, אַז אפשר איז דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, געווען נאָך צו דרייסט, אָבער דערנאָך אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט, ווײַל ער האָט דערפילט, אַז ער האָט אַ צו גרויסע פאַנטאַזיע, מחמת ער האָט ניט געפונען לעבן עליאַן קיין שום בלאָנדין, און פאַרענדיקט: איך האָב אַפילו ניט געוואוסט, אַז עס וועט מיך אַזוי ציען צו אײַך אַלע.

— איר האָט זייער ליב לאָראַן, אמת? — האָט אַ זאָג געטאָן עליאַ.

— זייער, אָבער איצט נאָכמער, ווי שטענדיק.

— פאַרוואָס?

— ווײַל אויב כ׳וועל ווען עס איז זײַן גליקלעך, איז עס אַ דאַנק איר און דורך איר.

צי עליאַ האָט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געהאַט אין זינען, צי ניין, האָט ער ניט געקענט וויסן, זי האָט אָבער געענטפערט:

— כ׳וואָלט זייער וועלן, איר זאָלט זײַן גליקלעך.

— און ווען מען זאָל דאַרפן צוװאַרפן אײַן ציגעלע צו מײַן גליק, וואָלט איר צוגעוואָרפן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן, פילנדיק, אַז זײַן שטים ציטערט אַ ביסל.

— יאָ — האָט זי געענטפערט, אַראָפּלאָזנדיק נידעריק די וויעס.

— צי דערפאַר, ווייל איר זייט אַ גוטע און וואָלט עס געטאָן פאַר יעדן איינעם.

עליאַס וויעס זייגען נאָך נידעריקער אַראָפּגעפאַלן און די ליפּן, וואָס זייער שניט האָט געשריען: איך גאַר!... האָבן אויך אַ ציטער געטאָן פּונקט ווי זיין שטים. דעמאָלט האָט ער דערפילט, אַז ער איז געוואָרן מאָדנע גערירט און מאָדנע דרייסט און באַנוצנדיק זיך דערמיט, וואָס פרוי בישאַס און לאַאוראַס קליידער האָבן זיי פאַרשטעלט מיט זיך, האָט ער קוים־קוים אויסגעצויגן די דלאָניע צו עליאַס אַראָפּגעלאָזטער האַנט מיטן פּעכער לענגאויס די היפטן און שרעקעדיק, אָבער דערביי ליידנשאַפטלעך זי אַרומגענומען.

אין פריילין ראָסיענסקאַס פּנים אריין האָט אַ שלאָג געטאָן אַ גאַנצע כוואַליע בלוט און זי האָט אַ ריס געטאָן די האַנט, כּדי זי צו באַפרייען, אָבער ער האָט זי צוגעהאַלטן, און די האַנט איז געבליבן אין זיין דלאָניע, ווי אָן כּוח, אַ פאַרחלשטע און אָנמעכטיקע. ער האָט זי אָפּגעלאָזט און אַ קוק געטאָן אויף עליאַן: אויף איר געזיכט איז ניט געווען צו באַמערקן ניט קיין אויפרעגונג, ניט קיין כּעס, ניט קיין ווידערווילן צו אים, נאָר אַן אויפגעוועקטע גוואַלטיקע שעמעוודיקייט... רדזאַוויטשן איז געוואָרן גוואַלטיק אַ שאָד, וואָס ער האָט זי אויפגעוועקט. זי איז שוין מער ניט דאָס, וואָס זי איז געווען — האָט ער געטראַכט, האָבנדיק דאָס געפיל, ווי ער וואָלט עפּעס צעבראָכן אָדער קאַליע געמאַכט. ער האָט געזוכט אירע בליקן און ענדלעך, ווי אַ פאַרמאַגנעטיזירטע, האָט זיי עליאַ אויפגעהויבן אויף אים: זיי זיינען געווען טרויעריק, פייכט און זייער גערירט, זיי האָבן אָבער ניט אָפּגעשטויסן, פאַרקערט, ווי זיי וואָלטן מיט דעם בליק אים איינגאַנצן זי איבערגעגעבן. רדזאַוויטש האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיידל גלויבט, אַז אַ פרוי קען בלויז דער מאַנסביל נעמען אַזוי פאַר דער האַנט, וואָס האָט זי ליב, און אַז אַ פרוי, וואָס ערלויבט צו פאַרהאַלטן איר האַנט אין אַ מאַנסבילס האַנט, איז מחויב און מוז צו אים

געהערן. מיין הייליק קינד—האָט ער געטראַכט אַ האַרציק גערירטער, פילנדיק, ווי ס׳וואָלט זיך אין זיינע הענט אַ בלום אַנטוויקלען. ער האָט אין דער מינוט ניט געפילט צו עליאַן קיינזאַך, אַחוץ אומגעהייערע האַרציקייט און גוטן ווילן, מיט אַ גרויס און הייליק התחייבות, אַ ריטערלעכן און נייטיקן חוב, און אין זיך גופא האָט ער געפילט אַן אומגעהייערע גליקזעליקייט. מיין הייליק קינד — האָט ער געחזרט אין געדאַנק—מיין געטלעכקייט, דו מיין אָרעמס, קליינס, מיין דו דיו... פאַר דעם איינעם האַנטדרוק װעל איך דיר מיין גאַנץ לעבן אָוועקגעבן!... ער האָט געפילט, אַז זאָגן עפּעס אין דער מינוט וואָלט געהייסן פאַרשווערכן דעם צויבער, וואָס ער האָט זיין גלייכנס ניט געקענט; ער האָט אלזאָ געשוויגן, זי ווידער האָט, אונטער דער ווירקונג פון זיין בליק, זיך ווי צוגעבויגן צו אים, און ער האָט געפילט, אַז זי איז זיין...

באותו הרגע האָט ער באַמערקט, אַז פרוי לאַאורא, וואָס האָט זיך אויסגעדרייט צו מאַרסקין, וועלכער איז גראָד אונטערגעגאַנגען פון אַ זייט פון דורכגאַנג, איז געוואָרן פלוצלונג אינגאַנצן פונס, און דערהערט, ווי מאַרסקי רופט זיך אָן צו איר:

— ס׳איר אַ שיין מענטש דאָס איז? ווער איז זי עס פאַר אַ איינע?

ער האָט זיך אומגעקוקט, און, קוים אַכט אָדער צען טריט פון זיך, אין דורכגאַנג, האָט ער דערזען שטיין באָזשעווסקען מיט פרוי פאָזשעלסקאַ, דערלעבן ווידער קאַלאָלאַסקין, פריילין סטזשעליסקאַ און מאַריאַ. ס׳איז אים פינסטער געוואָרן אין די אויגן און ס׳האָט אים דער אָטעם פאַרשפאַרט; אין מוח, ווי אין עפּעס אַ שוואַרצן אָפּגרונט, האָבן פלוצלונג אָנגעהויבן טאַנצן פלאַמיקע זיגזאַגן: דאָס איז זי!... מאַריאַ... מיין כלה... זי... כ׳האָב זי אַזוי לאַנג ניט געזען... דאָס איז זי...

ער האָט ניט געוואוסט, פאַרוואָס ער פאַלט ניט אַנידער און פאַרוואָס אַלץ אַרום אים פאַלט ניט איין... ווען ער האָט געעפנט די אויגן און נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן, ווייל ער האָט זיך אַליין דערפון קיין חשבון ניט אָפּגעגעבן, האָט ער געזען, אַז מאַריאַ, שטייענדיק קוים־קוים מיט אַ זייט און ניט זעענדיק

אים, האָט לעבהאַפטיק און קאָקעטיש געשמועסט מיט קאָלאַ־לאַסקין, וואָרפנדיק גלייכצייטיק בליקן: פון הינטער איר האָט ער באַמערקט די צוויי ברונעטן פון דער „לייבגוואַרדיע".

זיין בליק איז אַזוי שנעל געלאָפן איבער מאַריאַס פּנים, אַז ער האָט עס אַליין ניט געקענט תּופס זיין. אין איין רגע האָט ער דערזען, אַז זי האָט געהאַט דיזעלבע גרויסע, זיידענע טונקל־בלאָנדע האָר, צונויפגענומען אין אַ פּולער פריזור, דאָס זעלבע לאַנגע בלייכע געזיכט מיט מאַטע קניפּן, גרויסע לענג־לעכע טונקל סאַפּירענע אויגן מיט גאָלד באַגלאַנצט, דיזעלבע גלייכע, דינע, איידעלע, פלאַכלעכע, ווי ביי די גריכישע סטאַ־טוען נאָז, דאָס זעלבע קליינע שמאָלע, מאָדנע גלייך געשניטן מויל, מיט אַ קוים־קוים אויפגעהויבענער אייבערשטער ליפּ, און מיט אַ גאַנץ קורצע און קלאַסיש קײַלעכדיקע גאָמבע; דעמזעלבן פּראַכטפולן האַלז און פּראַכטפולע אָרעמס, און דעמזעלבן ניט פאַרלאָרענעם חן, ניט געריירטן צויבער...

— דאָס איז זי...

די אותו רגע האָט דער בליק זיינער זיך באַגעגנט מיט פריילין סטזשעליסקאַס בליק, וואָס האָט פריער אויפגעהויבן די ברעמען ווי פאַרוואונדערט און גאָכדעם אַ קוק געטאָן, ווי מיט גרויס מיטגעפיל און אַ שאָקל געטאָן צו אים מיטן קאָפּ טרוי־עריק און ערנסט, און אין דערזעלבער רגע האָט מאַריאַ, משמעות נייגעריק צו וויסן, וועמען יאַדוויגאַ נייגט זיך, אויס־דרייענדיק דעם קאָפּ אין זיין זייט אַריין, אים באַמערקט.

אויף איר פּנים האָט אויפגעפלאַמט אַ רויטער פלעק און זי האָט אַ ציטער געטאָן אויף צוריק מיט איר קערפּער: אים ווידער האָט דאָס האַרץ שיר די ברוסט ניט אויסגעזעצט.

זיי זיינען געשטאַנען איינס אַקעגן דאָס אַנדערע, ביידע איבערראַשט פון דעם בילד: זי, וואָס האָט אים געשוואוירן, אַז זי וועט אים קיינמאָל ניט פאַרלאָזן און ערלויבט זיך צו־דריקן צו דער ברוסט, און ער, וואָס האָט אויף די שבועות גע־ענטפערט מיט שבועות, אירע פיס אין זיינע אַריינגענומען און געקושט זיי, און געזאָלט זיי האָבן פאַר זיך אויף אייביק. ער

האָט געפּילט, אַז ער ווערט אָפּגעשוואַכט און אויב ער וועט זיך ניט באַהערשן אָדער אָן עמיצן זיך אָנלענען, וועט ער אַנידערפאַלן.

מאָרסקי, וואָס האָט אויף זיין פראַגע קיין תשובה ניט באַקומען, האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ קומט עפּעס פאָר. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די אָנווועזנדיקע און זיך אומגעהייער פאַרוואונדערט: פרוי לאַאוראַ איז געווען רויט, ווי ס׳וואָלט איר דאָס גאַנצע בלוט פון די פיס אין קאָפּ אַ שלאָג געטאָן; פּושערוויץ און פרוי בישאַ זייַנען געשטאַנען גוואַלדיק צעמישט, רדזאַוויטש ווידער, אַ בלאַסער, ווי אַ בר מינן, האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטש, וואָס מ׳האָט מיט אַ רגע צוריק געזאָגט, אַז מ׳וועט אים קעפּן. מאָרסקי האָט זיך נאָך מער פאַרוואונדערט און אַ קוק געטאָן איינס נאָך דאָס אַנדערע אויף הער ראָסיענסקען און אויף די מיידלעך, וואָס האָבן, משמעות, אויך באַמערקט, אַז עס קומט עפּעס פאָר און אויך ניט פאַרשטאַנען וואָס, און ווען ער האָט דערזען, אַז אויך דאָס שיינע מיידל און אירע באַגלייטערינס זייַנען צעמישט, האָט ער אָנגעהויבן פאַרשטיין אַז דאָ האָט זיך ווער מיט עמיצן ניט אויפן אָרט געטראָפן און ווי ער האָט לייכט זיך געקענט משער זיין, ניט קיין אַנדערער, ווי רדזאַוויטש מיט דעם שיינעם מיידל.

באותו הרגע האָט זי זיך שנעל אויסגעדרייט, און נעמענדיק אונטער די האַנט די עלטערע פרוי, וואָס האָט גערעדט מיט אַ הויכן שיינעם בלאָנדין מיט גרויסע וואָנסן, זיך שנעל אַרוקגעטאָן אין דער קעגנאיבערדיקער זייט, און נאָך איר איז נאָכגעגאַנגען די רעשט געזעלשאַפט: דאָס גרויסע דאַרע מיידל, דער שיינער בלאָנדין, דער צווייטער עלטערער בלאָנדין, אַ גאַנצדיקער און די צוויי יונגע ברונעטן. דאָס שיינע מיידל איז געגאַנגען צו דער עסטראַדע צו, וואָס אַמאָל ווייטער, שנעלער, ווי זי וואָלט אַנטלויפן. פונדערווייטנס האָט מאָרסקי בלויז געזען איר קאָפּ באַפּוצט מיט ווייסע בלומען און לעבן איר דעם שיין צעקעמטן קאָפּ פון דעם הויכן בלאָנדין.

— Qu'estce? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

פלוצלונג האָט רדזאַוויטש, נאָך בלאַסער כמעט ווי פריער, ניט ריידנדיק צו קיינעם קיין וואָרט, זיך אויסגעדרייט, און גע־גאַנגען אַזוי, ווי ער וואָלט יעדן טריט מוזן מיט נערוועזער מי באַהערשן. ער איז אַוועק אין דער זייט פון בופעט און נעלם געוואָרן אין דער טיר.

פרוי לאַאוראַ האָט אַ קוק געטאָן אויף פּושערוויצן און אויף פרוי בישאַ מיט דערשראָקענע אויגן, און רוזשאַ האָט דערביי זיך אָפּגערופן:

— הער רדזאַוויטשן איז אַוודאי ניט גוט געוואָרן, אפשר האָט אים דער קאָפּ אָנגעהויבן וויי טאָן.

פרוי בישאַ אָבער, זעענדיק מאָרסקיס פרעגנדיקע און פאַר־וואונדערטע אויגן, האָט אַ זאָג געטאָן צו אים מיט אַ האַלבער שטים:

— רדזאַוויטש האָט זיך געטראָפן מיט זיין אַמאָליקער כלה, וואָס האָט מיט אים איבערגעריסן. לאָראַ איז זיכער געווען, אַז זי איז ניט אין וואַרשע. ס'איז אַ שרעקלעכע זאַך געשען.

— ווער איז עס? — האָט אַ פרעג געטאָן מאָרסקי אויך מיט אַ האַלבער שטים.

— פריילין מאַריאַ טיזשוויעצקאַ.

פרוי לאַאוראַ האָט געקוקט דאָ אויפן מאַן דאָ אויף די שוועסטער, ווי זי וואָלט ביי זיי אַן עצה זוכן, לסוף האָט זי זיך אָפּגערופן מיט אַ דערשראָקענער שטים:

— וואוהין־זשע איז ער אַוועק? יעזשיע, גיי אים נאָך...

— ניין, דאָס בעסטע איז לאָזן אים אַליין — האָט געענט־פערט פּושערוויץ—איבעריקנס, אפשר וויל ער אַוועק פון ראַאוט?

— עליאַ, וואָס ביסטו אַזוי בלאַס? — האָט אַ פרעג געטאָן מאָרסקי שטילערהייט די עלטערע פריילין ראָסיענסקאַ, זעענדיק, אַז דעם מיידל איז עפּעס געשען.

— ס'איז מיר גאָרניט — האָט זי געענטפערט, באַמיענדיק זיך צו באַהערשן די שטים און אַ שמייכל צו טאָן.

— האָסט זיך פאַרמאַטערט, ס'איז שוין שפּעט. איר וועט צום בעסטן טאָן, אַז איר וועט אַהיים גיין—האָט געזאָגט מאָרסקי.

— כ׳וואָלט ליבער געבליבן...

— ניין, כ׳מיין טאַקע, לאָמיר שוין גיין, כ׳בין אַליין אויך פאַרמאַטערט—האָט אַ זאָג געטאָן ראַסיענסקי, וועלכן פרוי בישאַ האָט איינגערוימט, ער זאָל צונעמען די טעכטער. — ס׳וועט שוין מער גאָרניט זיין און דער ראַאוט וועט זיך תיכף ענדיקן.

— אַן אומגליק! — האָט אַ מורמל געטאָן פרוי לאַאוראַ צו דער שוועסטער. — איך גיי אויך. פונוואַנען האָב איך געקענט פאָרזען... כ׳מיין אָבער, אַז דאָס איז בלויז דער ערשטער איינדרוק אַזאַ שטאַרקער... כ׳וועל זיך עס קיינמאָל ניט מוחל זיין, ווייל ס׳איז דורך מיר... ווען כ׳זאָל אים ניט געווען איינריידן, וואָלט ער ניט געקומען... פונקט איצט האָט עס געפעלט... איך בין אָבער זיכער, אַז ס׳איז בלויז די ערשטע רגע...

רדזאַוויטש איז אַוועק אין בופעט אריין אַבי ערגעץ צו גיין, אַבי ערגעץ זיך אָפּצורייסן, אַוועק פון די אויגן און זיין אַליין. די שלייפן האָבן אים געקלאַפּט און די ליפּן זיינען אים געוואָרן פאַרבאַקן; ער האָט אין דערועלבער צייט געפילט היץ און אַ קאַלטן שווייס. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, פונקט ווי אין דער ערשטער מינוט נאָכן איבעררייסן: אַז אַלץ אַרום אים איז איינגעפאַלן און אַז ער אַליין איז אויך אַריינגעפאַלן אין אָפּ-גרונט.

ער איז געזעסן מיטן שטערן אָנגעלענט אויף די הענט, פאַרגעסנדיק, וואו ער געפינט זיך: ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ערשט דעמאָלט, ווען דער גאַרסאָן האָט אים אַ פרעג געטאָן, צי ער הייסט זיך עפּעס דערלאַנגען? ער האָט באַמיט זיך צו פאַסן, באַהערשן און פאַרבינדן די געדאַנקען, וואָס האָבן זיך אַרומגע-דרייט אין זיין מוח, ווי דער מאַרך זיינער וואָלט אויף שטיקער צעשפּריצט געוואָרן.

— זען זי!... נאָך איינמאָל זי זען!... דאָס איז זי!...

ער האָט זיך געוואָלט אויפהייבן, אָבער ער האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט: עס האָט אים אויסגעפעלט מוט; ער האָט פאַר זיך אַליין מורא געהאַט, פאַר דעם איינדרוק, וואָס ער האָט גע-זאָלט איבערלעבן; ער איז געזעסן נאָך איין רגע, און אין מוח

זיינעם איז וואָס אַמאָל מער געוואַקסן דער פאַרלאַנג: זען זי!...
נאָך זען זי!...

איבעריקנס, אויב זי איז אַזוי צעמישט געוואָרן, דערזעענ־דיק אים, האָט זי משמעות אָן אים ניט פאַרגעסן, געדענקט זי אים משמעות... אַזאַ פאַרגאַנגענהייט, אַזעלכע מינוטן האָט זי ניט געקענט פאַרגעסן... זי מוז זיך פילן מיט מיר פאַרבונדן אויף אייביק... אפשר וועט זי מאָרגן אים געבן צו וויסן, אַז זי וויל אים זען, אַז זי וויל, ער זאָל זיך צו איר אומקערן... אפשר האָט מען באַדאַרפט דווקא איצט האָבן דאָס באַגעגענען זיך, כדי אַלץ, וואָס איז געפאַלן, זאָל צוריק פון די חורבות אויפשטיין... זי איז דאָרטן!... זי... זי... זי...

ער איז אַריין אין זאַל. אַ גאַנץ לאַנגע ווײַלע האָט ער דאָרט אַרומגעבלאָנדזשעט. ביז ער האָט לסוף דערזען מאַריאַן ניט ווייט פון עסטראַדע, אין דעם זעלבן געזעלשאַפט וואָס פריער, ס'איז בלויז נאָך געשטאַנען מיט איר עפּעס אַ יונגערמאַן, און זי האָט גערעדט מיט אים אַזוי ווי זי וואָלט אים אויפן גאַנצן לעבן וועלן קריגן, בעת ער ווידער איז משמעות געזונקען אין איר, אינגאַנצן, באַהערשט פון אומבאַזיגלעכן צויבער פון דער פרוי. רדזאַוויטש האָט דערפילט ווי די ווינקלען פון זיין מויל פאַלן אינווייניק אַראָפּ און זיך אונטערגערוקט, ניט קוקנדיק אויף קיין זאַך, אַ בלינדער אויף די בליקן פון פרוי פּאַזשעלסקאַ און פריי־לין סטזשעליסקאַ, וואָס זיינען געווען אויף אים געווענדט. מאַריאַ האָט אים באַמערקט: ניט אויף איר פּנים, ניט אין אירע אויגן האָט זיך איצט ניט אָפּגעשפּיגלט קיין שום איינדרוק: זי האָט ווייטער גערעדט, ניט קוקנדיק מער אין זיין זייט אַריין. ער האָט דעמאָלט דערפילט אַזאַ ווייטאָג, ווי ס'וואָלט אים אַ רויב־פויגל אַ נאָגל אין האַרץ אַריינגעשטאָכן. אויף די ליפּן האָט אים אַ ציטער געטאָן: איך עקזיסטיר ניט פאַר איר!— און אַוועק פון זאַל כמעט אָן באַוואוסטזיין.

ער האָט זיך אָנגעטאָן, אַרויס אויף דער גאַס און זיך אַריינגעזעצט אין אַ דראָזשקע, ניט ווילנדיק, ווען ער טוט דאָס— גאָרניט געטראַכט און גאָרניט געפילט—ס'איז אויף אים אָנגעפאַלן

אַ פולקומע פינסטערניש. פּלוצלונג האָט ער זיך געפונען פאַר דער טיר פון זיין הויז: ער איז אַריין ניט אין זיין דירה, נאָר אין אַטעליע און אָנגעצונדן אַלע לאָמפּן און ליכט, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. דער אַטעליע איז געווען פול מיט ליכטיקייט, וואָס איז געפאַלן אויף דרעוווסקיס מצבה, אויף דער „פאַרסמערין״, אויפן „עסקיז צום וואַמפּיר״ און „דאָס פאַרלאָזן״, וועלכע זיינען אויפן געשטעל געווען מיטן פנים איבערגעדרייט. ער האָט דעמאָלט אַ שמיץ געטאָן דעם שאַפּאָקלאַק אויף דער ערד, און אַ קאָפּע געטאָן אין ווינקל פון צימער, אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד דעם מאַנטל און אויפגעהויבן די פויסט אין דער הייך, ווי ער וואָלט דראָען. אַ שרעקלעכער כעס, אַ שרעקלעכער באַגער זיך נוקם צו זיין, אַ שרעקלעכע אויפרעגונג און געפיל פון קראַפט האָט אים באַהערשט. פון די צונויפגעדריקטע ציין האָט זיך די שוים אויף די ליפּן באַוויזן און די ברוסט האָט געאָטעמט געוואַלדיק שנעל און הויך. ער האָט אַראָפּגעכאַפּט פון דער וואַנט מאַריאַס פּאָרטרעט, אַ שליידער געטאָן אים אויף דער ערד און אַ קאָפּע געטאָן מיט די פיס. אין קאָפּ האָט ביי אים אין דערזועלבער צייט גערוישט און געהילכט, ער האָט דערפילט, אַז עפּעס אַ משוגהדיקע זאַך מאַכט געבוירן אין אים ווייטאָג, כעס און באַגער זיך נוקם צו זיין. פּלוצלונג, ווי ס׳וואָלטן זיך פליגל אַרויסגעריסן פון זיינע אָרעמס און זיך צעשפּרייט איבער זיין קאָפּ: ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די ראַם מיט דער פרישׂ אָנגעקלעפּטער טאָוול, אָנגעלענט אָן געשטעל און אָנגעהויבן צייכענען. אונטער זיין האַנט איז מיט אַ אומגעהייערע שנעלקייט געוואַקסן אַ געשטאַלט. אויף דער ערד איז געלעגן אַ מאַנסביל אין אַ פלאַשטש מיט אַ צוגעדעקט פנים אַזוי ווי אין „וואַמפּיר,״ איבער אים ווידער איז געשטאַנען אַ פרוי, אָנגעלענט מיט איין פוס אויף זיין ברוסט און מיטן צווייטן אַרויסגעטראָטן פאָראויס און האָט מיטביידע הענט אַנטבלויזט פון אונטער דער דראַפּעריע אַפער דעם נאַקעטן פאָרנט פון קערפּער. מיט דער פרעכער באַוועגונג פון אַ העטערע האָט זי ווי געזאָגט: ווייטער... ווייטער... איר פנים איז געווען דאָס פנים פון מאַריאַן, געצייכנט פון זכרון

אַרויס, אָבער געמאַכט ווי אין האַלוצינאַציע און אַזוי ענלעך, פּונקט ווי דער פּאָרטרעט, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד. פון אונטן האָט ער אויפגעשריבן מיט גרויסע אותיות:

מלאך המות.

נאָכדעם האָט ער געהאַט אַ מאָדנע געפיל, וואָס ער האָט נאָך ביז אַהער ניט איבערגעלעבט: ער האָט אויף אַ ווײַלע לחלוטין פאַרלאָרן דאָס באַוואוסטזיין פון זיך אַליין, ניט אַזוי אָבער ווי מען פאַרלירט אונטער אַ צו שטאַרקן אײַנדרוק, נאָר אַזוי ווי דער מוח וואָלט אויפגעהערט בײַ אים צו עקזיסטירן: ער האָט אויפגעציטערט און זיך דערשראָקן, מחמת דאָס דאָזיקע פאַרחלשן פון זײַן מוח האָט געהאַט אין זיך עפּעס שרעקלעכס און בייז־נבואהדיקס, וואָס איז ענלעך געוועזן צו אַ לעבעדיקן טויט, צום טויט פון אַ נשמה אין אַ לעבעדיקן גוף — און אָן כּוחות, אַ פאַרמאַטערטער, אָבער עפּעס אַ אומזיניקער, ווילד טריאומפירנדי־קער, איז ער אַנידערגעפאַלן אויף דער קאַנאַפּע.

פאַר זײַנע אויגן האָט דורכגעשוועבט עליאַ ראַסיענסקאַס בלאַס פּנים מיט די גרויסע טיפע און טרויעריקע אויגן אונטער די ריזיקע ברעמען און מיט די קאַרשנליפּן, וואָס האָבן געשריען: איך גאַר... און ער האָט זיך צעלאַכט מיט פאַראַכטונג, און אַראָפּלאָזנדיק די הענט צו דער ערד צו, האָט ער פאַרמאַכט זײַנע וויעס.

קאַזימיעזש טעטמאַיער

דער מלאך המות

ראָמאַן

יידיש יונה שפּער

צווייטער באַנד

1924

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין

Kazimierz Tetmajer. „Anioł śmierci". Romans.
Tłum. J. Szper. Tom 2.

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie" B. Kleckina, Wilna
M.-Stefańska 23.

פינפטער קאַפיטל.

רדזאַוויטשן האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס אַ ריזיקער גלאָק האָט אָנגעהויבן שלאָגן אין דער לופט און נאָך יעדן קלונג האָט פונם קלאַפּ מיטן האַמער אָן קופּער ווי אַן אומגעהויער גרויסע מעשענע קויל געפּלאַצט. אַרום און אַרום איז געווען חושך, ערגעץ אונטן אַ גערויש פונם ים, אַ טויב גערויש, און אַזאַ גוואַלדיקס, ווי ס׳וואָלטן אַלע אָקעאַנען מיטאַמאָל איינס נאָך דאָס אַנדערע זיך קייקלען. ער אַליין ווידער האָט אינם דאָזיקן חשכות און איבער דעם טויבן און פינסטערן גערויש זיך אויפגעהויבן אַלץ העכער און העכער אויף אַ זיילן־לייטער, וואָס האָט פון צייט צו צייט אַדורכגעפינקלט ווי אַ גלעזערנער סאַפּירשטיין דורך אַ געדרייטן וועג אין דער טיפעניש אַריין. הינטער אים איז פאַרבליבן אַלץ; ער האָט די ערד פון זיך אָפּגעטרייסלט, ווי שטויב — אַראָפּגעפאַלן. ער האָט זיך געפילט אינגאַנצן ווי אַ גייסט און זיך אויפגעהויבן אַלץ העכער און העכער... פּלוצלונג איז די זיילן־גאַלעריי פאַרשוואונדן אונטער זיינע פיס און ס׳איז געוואָרן אונטער זיי אַ חלל. דער לעצטער און ריזיקער קלונג פון גלאָק האָט געפּלאַצט, דער רעש פונם אָקעאַן איז געשטילט געוואָרן, און ער איז אַראָפּגעפאַלן אין פינסטערן שטח אַריין, אין אָפּגרונט אָן אַ דעק און אָן אַ גבול. פליענדיק האָט ער אָנגעשטרענגט די אָרעמס זיינע, כדי זיך אָן עפּעס אָנצוכאַפּן, אָדער אָנלענען, אָבער אומעטום איז געווען בלויז חלל. ער איז געפלויגן פילנדיק, אַז ער פליט ניט אַראָפּ, ניט אַרויף, נאָר אין אין־סוף. ס׳האָט אים אַ יאוש אַרומגענומען, ער האָט געפילט, אַז ער וואָלט ליבער אָן פעלזן זיך צעקלאַפּן, אָדער אין אָקעאַן דערטרונקען ווערן, איידער צו ליגן אַזוי אין אין־סוף, וואָס זיין מענטשלעכע נאַטור איז ניט

בכּוח געווען צו פֿאַרטראָגן. דאָס געפֿיל, אַז עס רינגלט אים אַרום עפּעס אַזוינס, וואָס איז קענען זיין מענטשלעכקייט, איז געווען אין אים ווייטאָגלעכער, ווי דער פּחד. ער האָט אָנגעהויבן צו רודערן מיט די הענט, ווי אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך און רופֿט מיט פֿאַרצווייפֿלונג: אַ גרעניץ! אַ ברעג! אַ גרעניץ!...

פּלוצלונג האָט ער דערפֿילט, אַז ער האָט מיטן שטערן אָנגערירט עפּעס ווייכס און וואַרעמס. ער האָט אַ קוק געטאָן, דערזען ליכטיקייט, און איבער זיך עפּעס אַ באַקאַנטע פֿיגור פֿון אַ פֿרוי, וואָס איז געווען איינגעבויגן נאָענט, מיט דער האַנט אויפֿן שטערן.

דערנאָך האָט עפּעס אַ שטים אַ פֿרעג געטאָן שטיל, כּמעט מיט אַ געפֿליסטער:

— איר דערקענט מיך?

אים איז דורך דורכן רעיון דאָס וואָרט: די היימערט—ער האָט אַ ריר געטאָן מיט די ליפּן און ס'האָט אים אויפֿדאָסניי אַ חשכות אַרומגערינגלט, אין וועלכער ער האָט שוין אָבער גאָרניט געזען און גאָרניט געפֿילט.

אין אַ קורצע צייט אַרום האָט ער ווידער דערפֿילט ליכטיקייט, דערזען די זון אויף די שויבן פֿון די פֿענסטער און הינטער זיי די גרינע ביימער.

— דער פּאַרק — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

דער פּאַרק — האָט איבערגעחזרט נאָך אים דיזעלבע שטים, וואָס פֿריער.

ער האָט געפּרוּווט די געדאַנקען צונויפֿנעמען. תּחילת האָט ער אָנגעהויבן אונטערצושיידן איינצלנע צווייגן, וואָס ער האָט דורכן פֿענסטער געזען, דערנאָך די פֿאָרם פֿון די שויבן; ער האָט דערקענט, אַז ער איז אין זיין אַטעליע. לסוף האָט ער באַמערקט מענטשן. ער האָט אָנגעשטרענגט זיין בליק און דערקענט: דאָס זיינען געווען די פֿזשערוויצעס, די באַראָנין היימערט און טענזשעל. זיי זיינען געזעסן אומגעדרייט מיט דער זייט צו אים און ניט געקענט באַמערקן, אַז די אויגן זיינע זיינען אָפֿן. די פֿזשער-וויץ האָט אויסגענייט עפּעס אויף קאַנווע, די היימערט האָט גע-

לייענט אַ ביכל, און טענזשעל האָט געדלובעט מיט אַ בליישטיפט אין דער ראַם פון פענסטער. רדזאַוויטש האָט דערפילט אין זיך עפּעס אַ קראַפט און אַ פרייד. ער האָט זיך דערפרייט, וואָס ער האָט געזען לאָראַן און טענזשעלן, אַפילו די היימערט, און האָט זיך געוואונדערט, פון וואַנען עס האָבן זיך דאָ ביי אים אין אַטעליע די דאַמען גענומען, און נאָכדעם — פון וואַנען קומט עס אַהער דאָס בעט פון זיין צימער און ער אַליין דערויף? ער האָט קיין זאַך ניט געקענט פאַרשטיין און געפילט, אַז דער קאָפּ זיינער איז פאַרטשאַדעט, ווי נאָך שטאַרקן וויין. ער האָט אויך געהאַלטן, אַז אפשר חלומט זיך אים דאָס. אָבער ניין, מחמת ווען ער האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ האַלבער שטים: מאַדאַם לאָראַ — האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און אויסגעדרייט מיט זייער אַ ליכטיק פּנים, און אין דערזעלבער צייט האָבן זיך אויסגעדרייט אויך אַלע אַנדערע. אַקעגן אַ ווײַלע האָבן זיי געקוקט אויף אים מיט גוואַלדיק געריירטע בליקן, און נאָכדעם זיך דערנענטערט צום בעט.

— דערקענסט אונז? — האָט אַ פרעג געטאָן טענזשעל מיט אַ ציטערנדיקער פון אויפרעגונג שטים.

— איר דערקענט אונז? — האָט איבערגעחזרט די היימערט מיט אַ מילדן שמייכל.

— יאָ, ניט אמת? געלויבט איז גאָט! — האָט אַ זאָג געטאָן פרוי לאַאוראַ.

רדזאַוויטש האָט זיך פאַרוואונדערט: — פאַרוואָס עפּעס זאָל ער זיי ניט פאַרשטיין און וואָס פרעגן זיי אים וועגן דעם און ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז געשען?

— איר זייט קראַנק געווען — האָט געענטפערט פרוי לאַאוראַ. — אָבער שטרענגט אייך ניט אָן מיטן ריידן.

ער האָט זיך אָבער געפילט שטאַרק, ניט געקענט נאָר צונויפנעמען די געדאַנקען און תּופס זיין, וואָס דאָ איז באמת געשען?... ס'האָט אים דער עיקר געוואונדערט, וואָס דיביימער זיינען גרין, בעת זיי האָבן נאָך באַדאַרפט זיין אָן בלעטער. קוים

אָבער האָבן די ביימער באַוויזן גרין צו ווערן, איז אַ סימן, אַז ער איז מסתּמא לאַנג קראַנק געווען. ער האָט דאָך לחלוטין ניט געדענקט דעם אָנהייב פון זיין קראַנקהייט, ניט געקענט זיך דער־מאָנען, ער זאָל אויף עפּעס קראַנק ווערן, אַז ער זאָל זיך דאַרפן אין בעט אַריינלייגן און נאָך מער, אַז מען זאָל דאָס בעט צו אים אַהער, אָדער צוזאַמען מיט אים פון זיין דירה אין אַטעליע אַריבערטראָגן. וואָס האָט אים געקענט געשען און ווען? —

— כ׳בין קראַנק געווען? — האָט ער איבערגעחזרט נאָך דער פרוי פּזשערוויץ.

— יאָ.

— לאַנג?

— קרוב צו פיר וואָכן.

ער האָט זיך גוואַלטיק פאַרחידושט.

— פיר וואָכן?! — האָט ער איבערגעחזרט. — וואָס־זשע איז מיר געווען? ווייל איך ווייס פון קיינזאַך ניט?

ער האָט באַמערקט, אַז די פּזשערוויץ האָט זיך איבער־געקוקט מיט דער היימערט, ווי זי וואָלט פרעגן, צי זי קען אים ענטפערן, דערנאָך האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— ס׳איז קיין חידוש ניט, וואָס איר ווייסט פון קיינזאַך ניט. איר האָט געהאַט היץ.

— אָבער אויף וואָס בין איך קראַנק געווען?

— פון אָנשטרענגונג — האָט זיך אָפּגערופן די היימערט אָנשטאָט פרוי לאַאוראַ — איר האָט אייך איבערגעמאַטערט. איר זייט קראַנק געווען אויף די נערוון, אָבער איצט איז שוין אַלץ אין אָרדענונג.

— כ׳האָב געמיינט, ס׳וועט שוין זיין שלעכט מיט דיר — האָט אַ זאָג געטאָן טענזשעל, נעמענדיק די האַנט זיינע אין זיין גרויסער דלאָניע און דריקנדיק זי איידל און האַרציק.

רדזאַוויטש האָט באַמערקט, אַז לגבי טענזשעלס האַנט איז זיינע מאָדנע בלאַס און דאַר.

— ווי קען עס אָבער געמאָלט זיין, איך זאָל קיינזאַך ניט

געדענקען און פון קיינזאך ניט וויסן? ווען־זשע בין איך עס קראַנק געוואָרן?

— איר דאַרפט קיין סך ניט ריידן, ווייל דאָס פאַרמאַטערט אייך — האָט אַ זאָג געטאָן די היימערט. מיט דער צייט וועלן מיר ביסלעכווייז אַלץ אייך דערציילן.

— גוט, מיט דער צייט, ביסלעכווייז, וועט איר מיר אַלץ דערציילן — האָט ער נאָכגעזאָגט, פילנדיק, אַז לייכטער פון אַלץ איז אים נאָכצודענקען נאָך יענעם נאָך, און אַז די כּוחות פאַר־לאָזן זיינע געדאַנקען און גלידער.

ס׳האָט אים ביסלעכווייז ווידער אָנגעהויבן פינסטער ווערן אין די אויגן און ס׳האָט אים אַן אָנמאַכט און שוואַכקייט באַ־הערשט. ער האָט זיך אויפגעוועקט אינמיטן דער נאַכט. אין עק צימער אויפן טיש האָט געברענט אַ לאָמפּ, אין פאָטער־שטול איז געזעסן טענזשעל דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברוסט און געשלאָפן, צי געדרעמלט, אָבער אינם אָנטאָן.

רדזאַוויטש האָט זיך איצט געפילט אַ סך שטאַרקער, ווי פריער; ער האָט זיך אַזוי באַוועגט, אַז ער האָט כּמעט זיך אויפן בעט אַוועקגעזעצט און אַ געשריי געטאָן: טענזשעל!

טענזשעל האָט אַ ציטער געטאָן, אַרויסגעמרוקעט דורך די ציין: „אָקנאָ, אַהער!" — אָדער עפּעס ענלעכס דערצו, דערנאָך פּלוצלונג זייער ראַש אַן עפן אויף געטאָן די אויגן ווי ברייט ער האָט נאָר געקענט און געפרעגט: וואָס איז? וואָס איז?

— ביסט געשלאָפן?

— אַהאַ, עפּעס, אַזוי זיך... אַ ביסל איינגעשלאָפן. אַנטשול־דיק, ווי פילסטו זיך? ווילסט עפּעס?

— ניין. קיין זאַך ניט. ס׳איז שוין נאַכט?

— נאַכט.

— זאָג מיר, כ׳בין באמת טאַקע קראַנק געווען כּמעט פיר וואָכן צייט?

— אמת.

— וואָס איז מיר צו אַלדע רוחות געווען? די היימערט

האָט געזאָגט, כ׳האָב זיך איבערגעמאַטערט? כ׳האָב געמוזט קראַנק זיין אויף די געהירן? ניין?

טענזשעל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין און געזאָגט:

— אמת, האָסט זיך איבערגעמאַטערט, אָבער איצט ביסטו שוין געזונט און פּטור. וועסט שוין אינגיכן זיך אויפהייבן.

רדזאַוויטש האָט זיך פאַרטראַכט: ער איז מסתמא קראַנק געווען אויף די געהירן און מען וויל מיט אים וועגן דעם ניט ריידן, כּדי אים ניט איבערצושרעקן. ער האָט אַ ציטער געטאָן, מחמת ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין זייער משפּחה קומט די נטיה צו געהירן־קראַנקהייטן בירושה, און אין דערזעלבער צייט איז אים, ווי אונטער דער השפּעה פון דעם דאָזיקן געדאַנק און באַוואוסטזיין, געוואָרן פּלוצלונג אינגאַנצן אויסגעלייטערט אין מוח און ער האָט דערפילט, אַז ער איז אינגאַנצן צו זיך געקומען.

— טענזשעל — האָט ער אַ זאָג געטאָן — וואָס באַהאַלטסטו פאַר מיר? כ׳האָב געהאַט אַ געהירן־אָנצינדונג, ניין?

טענזשעל האָט זיך אַ ביסל אַ דריי געטאָן, עפּעס פאַר־דאגהט און געענטפערט:

— ניין, ס׳איז דיר עפּעס יאָ געווען פון אָנשטרענגונג, אָבער ניט קיין אָנצינדונג חלילה...

— כ׳בין ניט געווען ביים באַוואוסטזיין גאַנצע פיר וואָכן?

— צייטנווייז ניט ביים גאַנצן, אָבער דאָס איז גאָרניט. ס׳קען זיך מיט יעדן איינעם טרעפן, ווען ער מאַטערט זיך איבער.

פאַר רדזאַוויטשן איז איצט אַלץ קלאָר געוואָרן: ער האָט געאַרבעט אין ליים דעם „מלאך המות" אין משך פון העכער דריי וואָכן אומגעהייער אָנגעשטרענגט און ווי אין האַלוצינאַציע, ניט אַרויסגייענדיק כּמעט אינגאַנצן מפּתח ביתו און ניט זעענדיק זיך מיט קיינעם; בעת דער אַרבעט האָט ער עטלעכע מאָל פאַר־לאָרן דאָס באַוואוסטזיין פון זיך אַליין, פּונקט ווי ער האָט עס אויף אַ רגע פאַרלאָרן, און געפילט אַ ווייטאָג אין מוח, בשעת ער האָט אָנגעוואָרפן דעם עסקיז אויף דער טאָוול. און דאָס האָט

געמוזט זיין דער אָנהייב פון דער מחלה. איינמאָל, ס׳איז געווען מיטוואָך תחילת אַפּריל, איז אים עפּעס מאָדנע ניט גוט געוואָרן. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע אין אַטעליע, ס׳איז געווען אַקעגן פיר אַ זייגער באַכמיטאָג, און פון דער צייט אָן האָט ער קיינזאַך מער ניט געדענקט.

— טענזשעל — האָט ער אַ זאָג געטאָן אין אַ מינוט אַרום.

— וואָס? האָט געפרעגט טענזשעל.

— ווער האָט מיך געהיילט?

— קראַאוס און מאַגנושעווסקי.

— און ווער פלעגט אַחוץ דעם קומען צו מיר?

— אַלע: די פּושערהויץ מיט פּושערוויצן, פּרוי עליזאַבעטאַ, ווען זי פלעגט נאָך זיין אין וואַרשע, די היימערט, סטאַסלאַווסקי, מאַרסקי, לאַנאַווסקי...

— לאַנאַווסקי איז געקומען פון פלאָרענץ?

— געקומען, מילטשאַ פלעגט קומען, טשעמפּינסקי, אָקנאָ אָבער האָב איך געמוזט לאָזן אינדערהיים, ווייל בעת ער פלעגט קומען, האָט ער געוואָלט צו דיר אַריינקריכן, און ווען מען פלעגט אים אַרויסוואַרפן הינטער דער טיר, האָט ער געבילט; נו און איך.

— און פון וואַנען האָט זיך דאָ די היימערט גענומען?

— תיכּף, ווי ס׳האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה וועגן דיין קראַנקהייט, איז זי געקומען צו פאָרן און מיטגעבראַכט מיט זיך מאַגנושעווסקין, מחמת תחילת איז בלויז קראַאוס געווען. אַ וואוילע פרוי, זי איז אַרום דיר אומגעגאַנגען ווי אַ שוועסטער.

רדזאַוויטש האָט אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן אין אַטעליע.

די בילדער האָט מען איבערגעדרייט מיטן פאָרנט צו די געשטעלן, די סקולפּטורן זיינען צוגעדעקט געווען מיט דראַפּעריע־צייג, אין עק צימער ווידער איז געשטאַנען אַ גרויסע טאָוולענע פּודלע, אונטער וועלכער ס׳איז מסתמא געווען דער ליימענער מאָדעל פון „מלאך המות“.

— דאָס האָסטו געטאָן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן טענזשעלן, אָנווייזנדיק אויף דער פּודלע.

— איך.

— מאַריאַס פּאָרטרעט אויף דער וואַנט האָט ער ניט געזוכט, ער האָט געדענקט, אַז ער האָט אים פאַרשלאָסן אינם לעצטן שופלאָד אונטן אין קאָמאָדע, מיטן פּנים צו דער ערד. ער האָט דערפילט אין דער רגע אַ גוואַלדיקן חשק אַ קוק צו טאָן אויף אים און צו פרעגן זיך וועגן מאַריאַן, ער האָט האָט זיך אָבער געשעמט פאַר טענזשעלן... נאָך אַזאַ דערנידערונג...

ס׳האָט ביי אים אויפגעלעבט אין זכּרון דער קאַמף, וואָס ער האָט מיט זיך געפירט, קלעפּנדיק אין ליים דעם „מלאך המות". ביידע פיגורן זיינען שוין כּמעט געווען פאַרטיק, ער האָט בלויז דעם קאָפּ פון דער פרוי ניט געמאַכט. וויפל מאָל ער האָט ניט געפלעגט די האַנט אויפהייבן, כּדי אָנצוהויבן מאָדעלירן דאָס פּנים, האָט די טאָוול, אויף וועלכער ער האָט תּחילת געהאַט געצייכנט מאַריאַס פּנים, זיך אים כּסדר אַראָפּגעלאָזט—האָט ער אויף צומאָרגנס זי צעריסן און פאַרברענט. „די פאַרסמערין" האָט ער באַשלאָסן מאַכן מיט אַ פאַנטאַסטיש געזיכט, און „וואַמפּיר" ווידער האָט ער עס אינגאַנצן פאַרדעקט מיט די האָר, און דאָס „פאַרלאָזן" האָט ער אויסגעדרייט די פרוי מיטן רוקן, אָבער פאַרשטעלן עס האָט ער ניט געקענט, נאָר געמוזט עס ווייזן, און פּונקט ווי ער האָט ניט געקענט איר מאַכן קיין פאַנטאַסטיש פּנים, האָט ער אויך ניט געקענט מאַכן מאַריאַס—אמתע.

ער האָט געדענקט, אַז אין ווילדער אויפרעגונג האָט ער זיך געוואָרפן אויף דער סאָפע, ווי אין קאָנוואולסיעס, ער האָט זיך אָבער אויפגעכאַפּט, כּדי די גאַנצע אַרבעט אַראָפּצושליידערן פון פּאָסטאַמענט אויף דער ערד אַראָפּ. אָבער ער איז דעמאָלט שטיין געבליבן פאַר זיין ווערק, ווי אַ פאַרכישופטער. די וואונדערלעכע ליניען פון דער פרוי, וואָס ער האָט פון מילטשאַן אַראָפּגעטרוימט, די פיגור, וואָס ער האָט נאָך מאַריאַן נאָכגעטראָפן, האָבן אים באַצויבערט און ער האָט ווייטער זיי אַרויסגערופן פון זייער נישטיקייט, משוגע פון זייער בייז־באַשערטער שיינקייט. בעת דער אַרבעט האָט ער זיך אָפּגעשלאָסן אין אַטע-

ליע. אַחוץ די מאָדעלן, טשעמפינסקין און טענזשעלן, וואָס האָבן פאַרענדיקט דרעוווסקיס מצבה, האָט ער קיינעם צו זיך ניט אַריינגעלאָזט. אויף זייער פראַגע, וואָס ער מאַכט, האָט ער געענטפערט, אַז ער ווייס נאָך ניט, וואָס פאַר אַ נאָמען ער וועט געבן דער סקולפּטור, און אַז דאָס וועט זיין אינגאַנצן אַ פאַנטאַסטישע זאַך. טענזשעל, וואָס האָט זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ המשך פונם ציקל, וועלכן ער האָט אָנגעהויבן מיטן „וואַמפּיר" האָט געפּרובט מאַכן השערות, וואָס פאַר אַ שטריכן רדזאַוויטש וועט געבן דער פרוי, אָדער ער וועט אפשר איר פאַרשטעלן דאָס פּנים מיט אַ דראַפּעריע, דורך וואָס ער וואָלט געמוזט כמעט דעם גאַנצן עפעקט קאַליע מאַכן. טשעמפינסקין ווידער איז אין קיין זאַך, אַחוץ אין דער האַרמאָניע צווישן דער פרויס פּנים און דעם קאָפּ, ניט געגאַנגען.

אין משך פון די דריי וואָכן מאָדעלירן די גרופּע, האָט רדזאַוויטש קיינעם פון די באַקאַנטע ניט געזען און קיינעם אויף מאַריאַן זיך ניט נאָכגעפרעגט. ער איז לחלוטין אין שטאָט ניט אַרויסגעגאַנגען, כּדי זיך מיט וועמען עס איז צו טרעפן. ער איז כּסדר געווען אין אַ אומנאָרמאַלן צושטאַנד פון עפּעס פיבערדיקער אויפרעגונג, וואָס איז דערגאַנגען כמעט ביז האַלוצינאַציע, בעת וועלכער ער האָט עטלעכע מאָל אויף אַ רגע פולקום פאַרלאָרן דאָס באַוואוסטזיין. ער האָט דעמאָלט געפילט, אַז ער ווערט אויסגעשעפּט און, אַז פון מידקייט און אינעווייניקסטער היץ, וואָס פרעסט אים אויף, ווערט אין אים עפּעס חרוב, און אַז ס'האָט אים סוף-כּל-סוף, ווי מען האָט אים דערציילט, אויף פיר וואָכן צייט אַוועקגעלייגט. איצט האָט ער זיך אָנגעהויבן דערמאָנען עפּעס פון זיין קראַנקהייט. ס'איז געווען אַ מבול פון כאַאָטישע וויזיעס, אַזאַ מאַסע, אַז עס האָט זיך אים געדוכט, זיי דריקן אים צו, ווי פּיראַמידן, קלויסטערס און אָבעליסקן, וואָס צעשיטן זיך און פאַלן אַרויף אויף אַ מענטשן. משונהדיקע קנוילן בילדער האָבן אויף אים געשפּאַרט, רויטע און עקלהאַפטע רוחות און ווייסע מאַרמאָרנע געטינס, ריזן מיט מאַטשוגעס, מיט פויגלשע קעפּ, שדים און געשפּענסטער, מיט אויגן, ווי קאַרבונקולן, מיט בלאָנעס פון גרויסע פלעדערמייז

ביי די אָרעמס, אויף דאַרע פּאַוועגע פּיס, וואָס לאָזן אַרויס מוראדיקע יללות און פאַרשפּרייטן אַ עיפּוש פון פוילנדיקע קערפּערס. ס׳זיינען אויף אים אַרויפגעפאַלן מעדוזאַס אָפּגעהאַקטע קעפּ, פון וועלכע ס׳זיינען געפּגרט אויף זיין פּנים קנוילן שלאַנגען, קאַלטע, גליטשיקע, אָדער ס׳האָבן זיך צוגערירט צו זיין פּנים האַלב־צעפוילטע מתים און זייערע ליפּן צו זיינע ליפּן צוגענענט.

ס׳איז געווען איין שרעקלעכע פּיין, ביז ער האָט סוף־כּל־סוף זיך אויפגעכאַפּט אינמיטן דער לעצטער וויזיע פון אין־סוף.

— פון שטאָט האָט זיך עמיץ געפרעגט אויף מיר?

— יאָ, אַ פּאָר מענטשן האָבן זיך אָנגעפרעגט דורך בריוו.

רדזאַוויטש האָט אַ קוק געטאָן אויף די בריוו און קאַרטלעך, וואָס טענזשעל האָט אים געוויזן, און אַ קאָרטש האָט אים זיין האַרץ פאַרקלעמט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין קראַנקהייט אין קלענזש און אָן די צעטעלעך, וואָס יאַדוויגאַ סטזשעליסקאַ פלעגט אים ברענגען פון מאַריאַן אין הייזל אַריין אין גאָרטן, וואו מען האָט אים איינגעאָרדנט. איינמאָל האָט זי געשריבן: „כ׳בעט ניט צו טרינקען אַזוי פיל לימאָנאַדע, ווייל ס׳וועט פאַרשאַטן, פאַר דאָס אָבער אויפעסן אַ שטיק ווייס פלייש פון שפּאָנדרע״. אַ צווייטן מאָל: „ווען איר גיך קומען? איר פעלט זייער דער באָבען״. אויף צומאָרגנס: „מיר בעטן זייער מיט דער באָבען ניט אַרויסגיין צו פרי, די באָבע אָבער זאָגט, אַז אויב איר זאָלט אייך וואַרעם אָנטאָן, וועט אייך ניט פאַרשאַטן. מיר ווען אייך שיקן דעם פּעטערס פּוטער, דאָס גרויסע אויפן וועג״. שפּעטער: „דאָס קיכל אין דער מיט, וואָס האָט זיך אַזוי ניט איינגעגעבן און איז באַגאָסן מיט מאַלינעס־סאָק, האָב איך פאַר אייך אָפּגעבאַקן. אַנטשולדיקט, וואָס ס׳איז אַזוי מיאוס, אָבער דאָס האָט עס זיך ערשט אויף דער פּאַטעלניע אויסגעקרימט; פריער איז עס געווען זייער שיין און איז געווען מיט ציינדלעך ביים ברעג. מ׳בעט אומבאַדינגט אויפעסן עס דאָס ערשטע. און אויב עס וועט ניט גוט זיין, עסט ניט. איר זאָלט עס טאַקע אומבאַדינגט ניט עסן, ווייל ס׳קען זיין ניט דערבאַקן. ס׳וואָלט מיר אָבער געווען אַזוי

אָנגענעם, איר זאָלט עס אויפעסן דאָס ערשטע. דעם סאָק כאַטש פון אויבן".

דידאָזיקע קליינע צעטעלעך האָט ער געקענט אויף אויסנ-ווייניק. שפּעטער האָט ער אויף דער פאָדערונג פון מאַריאַס משפּחה, בעת מען האָט אים אומגעקערט זייגע בריוו, זיי אָפּגעשיקט צוזאַמען מיט די בריוו. איצט האָט זיך אים אויס-געדאַכט, אַז די אַלע בריוו און צעטעלעך קען ער וואָרט ביי וואָרט אויף אויסווייניק. ער האָט אָנגעהויבן זיך דערמאָנען זיי און איינס נאָכן אַנדערן חזרן, מיט די דאַטעס, און זיך אָנגעטאָן אַ כוח ניט צו פאַרגעסן קיין איינס פון זיי און איבערחזרן וואָרט ביי וואָרט. דאָס איז געווען זיין גרעסטער אוצר; נאָך מאַריאַן האָט ער צום ליבסטן אין דער וועלט געהאַט די קאַרטלעך און בריוו אין לענגלעכע בלאַס-ראָזע, אָדער העליאָטראָפּ-קאָנווערטן.

— אַ חלום, אַ חלום — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט. און מאַריאַ האָט זיך אים פאָרגעשטעלט אין זיין פאַנטאַזיע און זכרון אין אירע העלע און טונקעלע קליידער, היטל און היטעלעך, אין פאַרשיידענע צייטן פון טאָג און אין כלערליי פּאָזעס. ער האָט זיך דערמאָנט אָן אירע ווערטער, אָן שמייכל און בליקן, אַלץ, וואָס ער האָט מיט איר דורכגעלעבט, אַלץ, וואָס ער האָט איבערגע-לעבט מיט איר זינט ער האָט זי דערקענט, ביז דער רגע, וואָס ער האָט פאַרלאָרן דאָס באַוואוסטזיין, מיט פיר וואָכן צוריק. — אויף אייביק, אויף אייביק... — האָט ער געחזרט זיך אין האַרצן. און פלוצלונג, ביי די יסורים און צער, האָט זיך אין אים אַ וועק אויף געטאָן דער געדאַנק צעברעכן די קאָמפּאָזיציע „דער מלאך המות" און אַן אימה האָט אים אַרומגענומען, אַז אפשר האָט זי ווער עס איז געזען, און הגם זי האָט קיין געזיכט ניט געהאַט, האָט ער זיך משער געווען, ווען ער דידאָזיקע פרוי, וואָס טרעט מיט די פיס אַ מענטש און דעקט זיך אָפּ מיט אַ פרעכער באַוועגונג פון אַ העטערע, שטעלט מיט זיך פאָר.

— טענזשעל! — האָט ער נערוועז אויסגערופן. — האָט געזען ווער מיין לעצטע אַרבעט?

— ניין; איידער מיר האָבן דיך אהער אריבערגעטראָגן פון צימער, וואו דו ביסט פריער געלעגן, האָב איך עס פארדעקט מיט דער פודלע.

— רוק עס צו און דעק אָפּ.

טענזשעל האָט צוגערוקט דעם פּאָסטאַמענט און אראָפּגענומען די פודלע.

רדזאַוויטש האָט זיך אָנגעהויבן איינקוקן אין זיין ארבעט. ביסלעכווייז האָט אָנגעהויבן פארשווינדן פון זיינע אויגן די אידעע און ס׳האָט אים געגומען באַצויבערן די קונסט גופא. ער איז אריינגעדרונגען אין די איינצלהייטן פונם קינסטלערישן אויספירן די אַרבעט: געזוכט חסרונות און ניט געקענט זיי געפינען.

— הער—האָט ער געזאָגט צו טענזשעלן—דאָס האָב איך געמאַכט?

— ווי הייסט, צי דו? — האָט טענזשעל אַ פרעג געטאָן אַ פארוואונדערטער.

— מחמת עס דאַכט זיך מיר, אז ווען ס׳זאָל עס געווען מאַכן אַ גריך אַפילו, וואָלט עס בעסער ניט אַרויסגעקומען? ניט אמת?

— המ! — האָט אַ זאָג געטאָן טענזשעל מיט פעסטער איבערצייגונג—מיראָן אַליין וואָלט צופרידן געווען.

— פילסטו דען עפּעס אַנדערש, אַחוץ לייב און דראַפּעריע, און קודם־כל, פילסטו דען דערינען אַרבעט?

טענזשעל האָט קיין וואָרט ניט געענטפערט, נאָר געקוקט אויפן לײַם מיט אַן אויג פון אַ ייִדן און ענטוזיאַסטישן קונסט־פארערער, רדזאַוויטש ווידער האָט לאַנג זיך איינגעקוקט אין זיין ווערק און לסוף אַ זאָג געטאָן:

— דעק צו און רוק עס אָפּ. ס׳דאַכט זיך מיר, כ׳האָב עס געמאַכט אַזוי, ווי ס׳וואָלט עס מאַכן אַ גריך פון פינפטן אָדער פערטן יאָרהונדערט נאָך קריסטוסן. מיר וועלן עס שיקן אין סאַלאָן אריין. אויב דאָרט וועט זיין אַ בעסערע סקולפּטור פאַר דער, לאָז איך זיך הענגען. כ׳וועל אַלץ שיקן. „די דיאַנע", „די צענ־

טאָווּרען״, דעם וואַמפּיר״, כ׳וועל ענדיקן „דאָס פּאַרלאָזן״, און „די פּאַרסמערין״ וועל איך אָפּלייגן אויף שפּעטער. „דרעווסקי״ ווידער איז צו שווער און וואָלט געקאָסט זייער אַ סך איבערפּיר־געלט. אויב איך באַקום דעם גרויסן גאָלדערנעם מעדאַל, נעם איך ניט מער אין האַנט ניט קיין אָל און ניט קיין פּענזל.

— מען וועט דיר געבן אַ לעגיאָן־באַנד — האָט ווידער גע־זאָגט טענזשעל מיט דער פעסטער איבערצייגונג.

— „דעם מלאך המות״ קען מען תיכף אָפּגיסן אין גיפּס. גוט, וואָס כ׳האָב אים געענדיקט. כ׳האָב געמיינט, דער רוח וועט מיך נעמען, אָבער אויסגעהאַלטן ביזן לעצטן ריר.

— דאָס הייסט „דער מלאך המות״ — האָט אַ פרעג געטאָן טענזשעל, ערלויבנדיק זיך צו זיין פאַרוואונדערט.

— יאָ... כ׳וועל אפשר נאָך צוטראַכטן אַן אַנדערן נאָמען... ווייל דער לאָזט זיך טאַקע ניט טייטשן... זאָג ניט, אַז כ׳האָב אים אַזאַ נאָמען געגעבן. ס׳איז אָבער גוט, ניט אמת?

— וועסט באַקומען די לעגיאָן־באַנד, וועסט זען, — האָט איבערגעחזרט ווי פריער טענזשעל.

דאָס געזונט וועדן האָט געדויערט לאַנג און רדזאַוויטש איז זייער פּאַמעלעך צוריק צו די כוחות געקומען. די פּזשערוויץ און היימערט האָבן געהאַט אויף אים אַזאַ השגחה, אַז ער האָט זיי ערקלערט, אַז זיי וועלן אים בשום אופן ניט צעפּעסטען. דערהויפּט די היימערט, וועלכער די מיטלען האָבן דערלויבט דערויף, האָט אים פאַרשיט מיט בלומען, געבראַכט אילוסטרירטע ווערק פאַר עפּעס משוגענע געלט און געלייענט אים גאַנצע שעהן. זי האָט אים דערביי דערוויזן, אַז ער טוט איר באמת אַ טובה, וואָס ער איז קראַנק, מחמת זי האָט פאַר וועמען צו טראַכטן און מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען. רדזאַוויטש האָט איר ניט געוואָלט אָנ־טאָן קיין עגמת־נפש און ניט געפרעגט זי אויפן מאַן, ער האָט זיך דאָך דערוואוסט, אַז ער ווילט שוין העכער צוויי חדשים אין אויסלאַנד, אין לאָנדאָן, האַמבורג און אַנדערע האַנדלס־פּונקטן פון אייראָפּע. בנוגע צו איר ווידער האָט ער זיך איבערצייגט, אַז זי איז אַ גוואַלדיק עקזאַלטירטע פרוי.

עס פלעגט אויך אָפט קומען לאַנאָווסקי, אַ יונגער צוואַנציקיעריקער סקולפטאָר, וואָס איז געקומען צו פאָרן פון איטאַליע, אַ שיינער, דינער בלאָנדין מיט סענטימענטאַלע, העל־בלאָע אויגן, תמיד זייער אַ טרויעריקער און זייער אַ שטילער, אַזאַ מעלאַנכאָלישער, אַז די פרוי היימערט האָט אים אַ נאָמען געגעבן „הער קיפאַריס”, אָדער „הער נענופאַר”. ער האָט זיך פאַרליבט אין רדזאַוויטשן איבער די אויערן, זיך אַיינגעקוקט אין אים ווי אין אַ רעגנבויגן און זיך געווענדט צו אים מיטן טיטל „מייסטער”, פילנדיק זיך צומגליקלעכסטן, ווען ער פלעגט אים קענען דערלאַנגען וואַסער צום וואַשן, אָדער אַ שעלכל טיי. ס׳האָט זיך געשאַפן אַ קרייזל, וואָס איז זיך אַלע פאַרנאַכט צונויפגעקומען אין גרויסן און געהעריק אַיינגעאָרדנטן אַטעליע: די היימערט האָט עס אַ נאָמען געגעבן Causeries romaines, פון רדזאַוויטשעס נאָמען, און לויטן מוסטער פון „די פלאָרענטינישע נעכט”. די טעג זיינען ביי רדזאַוויטשן געפלאָסן שטיל און גוואַלטיק רואיק; ער האָט ניט באַדאַרפט פון קיין זאַך דאגהן, פון קיין זאַך טראַכטן און וועגן קיין זאַך זיך מי אָנטאָן. די כשופדיקע הענט פון פרוי לאַאוראַ און באַראָנין היימערט האָבן אים אויסגעבעט, ווי ער האָט געזאָגט, „דאָס לעבן מיט בלומען”.

פשערוויץ, מאָרסקי און קאָוואַל, וואָס האָט געהאַט אָפגעלייגט זיין נסיעה קיין אַוסטראַליע, אויך סטאָסלאַווסקי, זינט ער איז געקומען פון דאָרף, פלעגן אויך זיך אָפט אַריינכאַפן. מען האָט זיך מתווכח געווען און געשמועסט, און רדזאַוויטש האָט מיט אַ געוויסער אימה געטראַכט וועגן דעם, אַז ער וועט סוף־כל־סוף אינגאַנצן געזונט ווערן און מוזן אויפדאָסביי וועגן זיך אַליין טראַכטן, און אַז ער וועט מוזן אויפהערן זיך פילן אַלס אַקס פון אַ געוויסן קרייז מענטשן, ווי ער איז געווען איצט, אַלס חולה. אָבער דעמאָלט האָט ער זיך אומגעקוקט אין זיין אַטעליע און געטראַכט, אַז ער וועט דאָך, ווי די מעשה זאָל ניט זיין, בלייבן עפעס, אויף וואָס מען קוקט, וועגן וואָס מען רעדט, וועגן וואָס מען דאגהט און וואָס האָט זיך זיינע באַזונדערע זכיות.

מען האָט אויסגעמיטן כל־המינים קיצלדיקע טעמעס, ער

האָט מער קיין זאַך וועגן מאַריאַן ניט געוואוסט; די פּושערוויץ ווידער האָט, פאַרקערט, אים דערציילט, אַז רוזשאַ ראָסיענסקאַ פרעגט זיך זייער אָפט אָן אויף אים פון דאָרף (וואוהין זי איז געפאָרן מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, ווייל עליאַ האָט לענגער ניט געוואָלט בלייבן): „צי הער רדזאַוויטשן טוט נאָך וויי דער קאָפּ״; אַז עליאַ איז עפּעס ניט געזונט געווען, אָבער איצט פילט זי זיך שוין גוט. און אַז הער ראָסיענסקי פאַרבעט זיי צו זיך און צוזאַמען מיט זיי אויך הער רדזאַוויטשן, אויב די דאָקטוירים וואָלטן אים הייסן אַרויספאָרן ערגעץ אין אַ דאָרף אַריין אויף פרישע לופט. פרוי ראָסיענסקאַ איז בעסער געוואָרן און די רייזע אין די בעדער האָט מען אָפּגעלייגט אויף האַרבסט. רדזאַוויטש האָט באַפוילן דאַנקען הער ראָסיענסקין, אָבער אויף דעם פאָרשלאָג גופא האָט ער קיין שום תשובה ניט געגעבן. ער האָט דערפילט עפּעס אַ מורא זיך צו טרעפן מיט עליאַן, וועגן וועלכער ער האָט ניט געקענט טראַכטן אָן עפּעס אַן עגמת נפש און גרויס אומצופרידנקייט פון זיך אַליין. ער האָט ניט געקענט פּטור ווערן פון געפיל, אַז ער האָט דעם מיידל געטאָן עפּעס אַן עוולה, אַז ער האָט אין איר עפּעס באַפלעקט און מיסגעברויכט. דער חן, וואָס זי האָט אויף אַ ווײַלע געהאַט אין זײַנע אויגן, איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן. ער האָט געדענקט, אַז זי איז געווען שיין און אַז זי איז אים אַקעגן אַ שעה געפעלן. וועגן דעם, וואָס ס'איז צווישן זיי פאָרגעקומען, האָט קיינער ניט געמוזט וויסן, עליאַ האָט מסתמא גאָרניט דערציילט. אויב זי זאָל געווען ריידן שלעכטס, וואָלט הער ראָסיענסקי אים ניט פאַרבעטן, און לאָראַ וואָלט אים געגעבן אָנצוהערן. פון דער צווייטער זייט ווידער האָט ער ניט געקענט פאָרשטעלן זיך, ווי וואָלט ער אַ קוק געטאָן אויף דעם מיידל? הונדערט אַנדערע וואָלט ער גלייך געקוקט אין די אויגן, אין איר אָבער האָט ער געפילט עפּעס אַן אַנדערע נאַטור, ווי אין הונדערט אַנדערע, און דאָס, וואָס ס'האָט זיך אים בנוגע צו הונדערט אויסגעוויזן אַ נאַרישקייט, האָט זיך אים דאָ אויסגעוויזן פאַר אַן עוולה.

פרוי לאַאוראַ האָט זיך געפרייט ווי אַ קינד, וואָס זיי וועלן

רייטן אויף פערד און פאָרן אויף בריטשקעס, שווימען אויף דער אָזערע און זיך שפּילן מיט הינט, וואָס זיינען דאָרט פאַרהאַן לרוב; זי האָט דערביי אויפגעוויזן פרוי בישאַן, וואָס האָט אויף אַ טאָג זיך אַריינגעכאַפּט קיין וואַרשע, אַז אין דאָרף וועט אָן שום ספק קומען צו אַ הסכם צווישן עליאַן און רדזאַוויטשן, אויף וואָס פרוי בישאַ האָט געענטפערט, אַז ס'איז איר פּשוט אַריין אַ משוגעת אין קאָפּ אַריין און אַז פון רדזאַוויטשעס רייזע צו די ראָסיענסקיס קען זיך אויספּיקן אַזאַ זאַך, פון וועלכער קיינער זאָל קיין נחת ניט האָבן.

— אַז זיי פאַרבעטן אים אָבער אַליין און איך ווייס, אַז זיי וואָלטן גאָרניט געהאַט קעגן דעם, האָט זיך פאַרטיידיקט פרוי לאַאוראַ.

— און דו, משמעות, הייבסט אָן ווערן אַ זקנה, קוים איז דיר אַזוי ליב שדכנות.

— מיין טייערע — האָט געענטפערט פרוי לאַאוראַ—יעדער פון אונז מוז אַחוץ דעם מאַן זיך מיט נאָך עפּעס פאַרנעמען. דו האָסט צוויי קינדערלעך, אין אַ האַלב יאָר אַרום וועסטו האָבן נאָך איינס, און איך קיין אײנס ניט. דו ווייסט, ווי כ'האָב ליב יעזשין, ער פילט דאָך מיר אָבער ניט אויס דאָס גאַנצע לעבן, פּונקט ווי איך פיל עס אים ניט אויס. ער שרייבט און איז זיך קונה שם, און איך וואָלט וועלן עפּעס גוטס אויפטאָן. מענטשן טוט מען גוטס ניט נאָר מיט דער האַנט און ניט בלויז די יעניקע נייטיקן זיך אין מענטשנס הילף, וואָס האָבן קיין עסן ניט. רדזאַוויטש איז אין זיינע אָנשטענדיקע מלבושים אַ סך אומגליקלעכער פאַר אַנדערע, וואָס וואוינען אין קעלער-שטובן, אָדער האָבן גאָר קיין היים ניט. מענטשן מוז מען באַטראַכטן לויט זייער מאָס נאָך. מיין טייערע, ס'איז ניט אויס חשק צו שדכנות, נאָר אויס באַגער צו מאַכן עמיצן גליקלעך, דאָס איז דאָך אַזוי גוט; און אויב מען קען נאָר, איז עס אַ חוב.

פרוי בישאַ האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט, אַז אַלץ איז טאַקע זייער שיין, אָבער זי ראַט, ווי תּמיד, זיין מער פאָרזיכטיק.

דערווייל האָט רדזאָוויטש, תיכּף ווי ער האָט דערפילט זיך בכּוח, גיט קוקנדיק אויפן פאַרבאָט מצד די דאָקטוירים און אויפן מוסרן פון באַקאַנטע, אָנגעהויבן אַרבעטן. ער האָט געהייסן אָפּגיסן אין גיפּס דעם „מלאך המות“ אַזוי ווי ער גייט און שטייט, בלויז מיט אַן אָנגעצייכנט געזיכט פון דער פרוי און האָט, אחוץ דעם, מיט גרויס איילעניש זיך גענומען ענדיקן „דאָס פאַרלאָזן.“ דאָס האָט אים געפּייניקט און אָפּגענומען די כּוחות, אָבער אויף אַלע התראות, אַז ער קען אויפדאָסניי קראַנק ווערן, האָט ער קיין שום אַכט ניט געלייגט. בלויז איין היימערט האָט אים פון אַרבעט ניט אָפּגעהאַלטן; פאַרקערט, ער האָט באַמערקט, אַז וויפל מאָל ער פלעגט זי באַגעגענען מיט שוויים אויפן שטערן און צעפלאַמטע באַקן, אַ דענערווירטער און אַ צערייצטער, האָט זי אויף אים אַלע מאָל געקוקט מיט אַ באַזונדערן אינטערעס און מיט עפּעס אַ מין התלהבות.

איינמאָל האָט זי אים אַ זאָג געטאָן:

— איר שאַפט מיט אייער לעבן, ווי ראַפּאַעל, ווי בייראָן, ווי שאָפּען און ווי סלאָוואַצקי.

— זיי אַלע זיינען יונג געשטאָרבן — האָט ער געענטפערט.

— יאָ, אָבער דאָס זיינען די פּאָעטישסטע פיגורן אין דער קונסט.

— געליבטע פון געטער שטאַרבן יונג — האָט ער געשמייכלט.

— איר זייט אַזאַ געליבטער פון געטער — האָט זי געענטפערט מיט אַ ביסל אַ מעלאָדראַמאַטישן קוק.

— ווינשט איר מיר אַ פריציייטיקן טויט?

זי האָט קיין זאַך ניט געענטפערט און בלויז זיך איינגעטוליעט אין אַ טערקישע שאַל, דין ווי אַ מושלין, און אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אָן אָנלען פון פאָטעל, זיך פאַרקוקט אויפן הימל.

די אָנגעשטרענגטע אַרבעט האָט אין דער אמתן צו קיין רעצידיוו ניט דערפירט, זי האָט אים אָבער צערייצט ביז דער העכסטער מדרגה. זיין אויפרעגונג האָט נאָך פאַרגרעסערט דאָס, וואָס ער האָט געהאַט געשיקט אין מינכענער סעצעסיע ביידע

בילדער זיינע און אַלע סקולפּטורן, אחוץ בלויז דער ניט פאַר־ ענדיקטער „פאַרסמערין" און דעם אָפּגוס פון „מלאך המות". מיט די דאָזיקע זאַכן איז געפאָרן קיין מינכען טענזשעל, וואָס האָט זיי אַליין ניט געוואָלט לאָזן און איז אַחוצדעם נייגעריק געווען אַ קוק צו טאָן אויף דער לעצטער באַוועגונג פון די סעצעסיאָניסטן. רדזאַוויטש האָט איצט ניט געקענט פאַרטראָגן קיינעמס געזעל־ שאַפט, אחוץ די היימערט און לאַנאָווסקין; ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז די אַלע איבעריקע פאַרשטייען אים ניט, ווילן פון אים מאַכן אַ „פיליסטער" און האָבן חשק אים צו באַטראַכטן ווי עפּעס „אַ באַאַמטן פון באַנק פאַר האַנדל און אינדוסטריע" אָדער אַ „שותּף פון אַ געווירצפירמע". הינטער די אויגן האָט לאַאורא אויך געפּלעגט כאַפּן פון אים אַ פּסק. די היימערט האָט געהאַט פאַר אים אַ באַזונ־ דערן חן דערמיט, וואָס זי האָט כּהרף עין תּופס געווען זיינע ווילדסטע המצאות און האָט זיך גאָר ניט געוואונדערט פון זיי, פּשוט אָנגענומען באהבה. אפילו איר עקזאַלטירטקייט, וואָס האָט אים תּחילת אַ ביסל געאַרט, האָט אים אָנגעהויבן געפעלן אַלס קעגנ־ זאַץ צום „פיליסטערישן ראַציאָנאַליזם". טענזשעלן האָט אים פאַר־ ביטן לאַנאָווסקי, וואָס האָט אים ניט ווייניקער ליב געהאַט, אָבער אין אַ פיינערן שניט.

וועגן אַרויספאָרן צו די ראָסיענסקיס האָט ער איצט ניט געוואָלט הערן אַפילו און געזאָגט איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַז ער וועט זיך ניט רירן, כּל־זמן ער וועט ניט באַקומען קיין ידיעה פון מינכען און איז בכלל מסופק, צי ער וועט פאָרן אין דעם דאָרף אַריין. קודם־כּל האָט אים געפּייניקט דאָס, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט וועגן מאַריאַן; דורך דער לעצטער באַ־ געגעניש, דורך דעם אַבסאָלוטן ניט וועלן זיך אומקוקן אויף אים, דורך דעם אַבסאָלוטן גלייכגילט, האָט ער זיך געפילט אַזוי ני־ דערגעשלאָגן, אַז ער האָט ניט געקענט אַנטשליסן זיך אויף איר נאָכצופרעגן. ער האָט דעמאָלט אָנגעהויבן מאַכן השערות, אַז אויב ליבע קען זיין גרויס, ווי די וועלט, קען איינגליבע זיין נאָך גרעסער, און אַז אויב מען קען אויפהערן ליב האָבן, קען מען אָבער קיינמאָל קיין דערנידעריקונגען ניט פאַרגעסן. האָט

ער מאַריאַן דען נאָך ליב געהאַט? ער וואָלט דערויף זיך אַליין קיין תשובה ניט געקענט געבן. צייטנווייז פלעגט זיך אים דאַכטן — יאָ, צייטנווייז — ניין. וועגן דעם, אַז ער האָט דורך איר זיך גע־פילט נידערגעשלאָגן, האָט ער כסדר געדענקט — און כסדר אויפן זעלבן אופן. און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז אויב עס וואָלט דאָ געקענט זיין אַ רייד וועגן מוחל זיין, וואָלט ער איר גיכער מוחל געווען דאָס, וואָס זי האָט אים אַוועקגעוואָרפן, ווי דאָס, וואָס זי האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז פאַר איר גאָרניט. איצט האָט אים דאָס שוין דערנידעריקט פאַר זיך אַליין, וואָס ער טראַכט און געדענקט וועגן איר, דערביי האָט ער אָבער געפילט, אַז עס זאָל עמיץ וועלן דעמדאָזיקן געדאַנק און דאָס געדעכעניש פון אים עוקר זיין, וואָלט מען עס מוזן פון זיינע אָדערן צוזאַמען מיטן בלוט אויסראָטן און צוזאַמען מיטן לעבן אָפנעמען. צי ער האָט זי נאָך ליב געהאַט, האָט ער ניט געוואוסט; ער האָט אָבער געפילט, אַז צו דעם געדאַנק און צו דעם גע־דעכעניש, וואָס האָבן זיך איינגעלעבט אין זיין וועזן, ווי אַ באַ־שטאַנדטייל פון זיין אָרגאַניזם, איז ער צוממייסטן צוגעבונדן אויף דער וועלט.

ער האָט אַרויסגענומען פון שופלאָד מאַריאַס פאָרטרעט און ווען ער פלעגט בלייבן איינער אַליין, האָט ער גאַנצע שעהן זיך אין אים איינגעקוקט, דערנאָך ווידער ווי פריער באַהאַלטן. נאָך יעדער אַזאַ קוקן פלעגט אין אים די בענקשאַפט צו איר און דער צער נאָך איר ווערן נאָך גרעסער. תחילת האָט ער זיך אַקעגנ־געשטעלט די געפילן, זיי אָפּגעטריבן פון זיך, דערמאָנט זיך אָן דעם באַגעגעניש; אָבער איצט האָט זיך אים מאַריאַ אַלץ אָפטער געשטעלט פאַר די אויגן מיט דעם פלאַם אויפן פנים און אָפּגע־שטאָרבענעם וואָרט אויף די ליפן, ווי אין דער מינוט, ווען זי האָט אים דאָס ערשטע מאָל דערזען אויפן ראַאוט. ער האָט זיך דעם בענקשאַפט און דעם צער אונטערגעגעבן.

— ער האָט שעהנווייז געקוקט, פאַרשלאָסן ביי זיך אין אַטעליע, אויף זיין מלאך המות, אויפן שטיק מאַרמאָר, פון וועלכן ער האָט אים געזאָלט אויסהאַקן און וואָס ער האָט אַראָפּגעבראַכט,

נאָכדעם ווי ער האָט סטאָסלאַווסקען פאַרקויפט די „פאַרסמערין", און אויף מאַריאַס פאָרטרעט, פון וועלכן ער האָט געזאָלט אַמאָל מאָדעלירן אירס אַ ביוסט. און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס גאַנצע לעבן זיינס צוזאַמען מיט דעם, וואָס ס'איז אין אים פאָרגעקומען, זינט ער האָט דערקענט מאַריאַן, איז אַ חלום, אַז ער וואַכט אויף און וועט צוריק זיך געפינען, פונקט ווי פריער, ווען ער האָט געקלעפּט די „דיאַנאַ" און דעם „ליבע־אָרעם־דרוק פון די צענטאַווערען", און זיך געיאָגט נאָך גאַסן־שיינהייטן, קריגנדיק זיך כסדר מיט טענזשעלן, וואָס פלעגט אים צוריידן צו פירן אַ מער מיושבדיקן לעבן.

וואָס שייך מאַריאַן, האָט ער משער געווען, אַז מסתמא האַלט עס שוין ביי איר לכל הפחות נאָך אַ יאָ־וואָרט מיט באָזשעווסקין; ווען ס'זאָל שוין האַלטן נאָך דער חתונה, וואָלט אוממעגלעך געווען, ער זאָל וועגן דעם זיך ניט דערוויסן, כאָטש ער האָט מיט קיינעם וועגן איר ניט גערעדט און קיין צייטונגען ניט געלייענט, כדי פון אַ מודעה זיך צופעליק ניט צו דערוויסן וועגן אירע תנאים אָדער חתונה. ער האָט אָבער געפילט, אַז לענגער וועט ער אָן אַ ידיעה ממש ניט אויסהאַלטן. מיט קיינעם פון זיינע באַקאַנטע האָט ער ניט געוואָלט ריידן דערפון: די איינציקע פערזאָן, מיט וועלכע ער וואָלט זיך אַנטשליסן ריידן, איז געווען יאַדוויגאַ סטזשעליסקאַ. בלויז זי איינע האָט געוואוסט דעם גאַנצן עבר זייערן; זי האָט דערפירט דערצו, אַז זיי זאָלן זיך געבן אַ וואָרט, און ענדלעך אויפן ראַאוט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט עפּעס אַזאַ אַריינדרינגענדיק מיטגעפיל. ער האָט לענגער ניט אָפּגעצויגן. אויב זי איז אין קלענזש, וועט ער צו איר שרייבן, אויב אין וואַרשע וואָלט ער זי וועלן זען. צום גליק פאַר זיין היציקער אומגעדולד, איז די סטזשעליסקאַ געווען גראָד אין וואַרשע, און אויף דער בריוולעכער בקשה זיינער מיט איר זיך אומבאַדינגט צו זען, האָט זי געענטפערט, אַז זי וועט קומען צו אים אין אַטעליע אַריין אויף צו מאָרגנס אין דערפרי און אַז ער וועט מסתמא פרייער קענען ריידן, ווען זי וועט דאָרט קיינעם ניט טרעפן, כאָטש דאָס גייט זי אייגנטלעך קנאַפּ אָן: זי האָט דער=

ביי מוסיף געווען, אַז זי געפינט זיך כסדר אין וואַרשע און זיך באַכגעפרעגט וועגן זיין געזונט און וואָלט אפילו זייער גערן געקומען, ווי אַנדערע דאַמען, האָבן השגחה איבער אים. זי האָט אָבער מורא געהאַט אים צו רייצן מיט זיך, און מען וואָלט מער ווי זיכער, צוליב די זעלבע טעמים, זי צו אים ניט צוגעלאָזט.

וועגן דעם, אַז די סטזשעליסקאַ האָט זיך גאָכגעפרעגט אויף אים בשעת דער קראַנקהייט, האָט מען אים בכיוון גאָרניט געזאָגט, מחמת גאַנץ פאַרשטענדלעכע טעמים. די דאָזיקע ידיעה איז אים אָבער זייער שטאַרק אַריין אין קאָפּ: ס'איז אים אפילו געקומען אויפן רעיון, אַז אפשר האָט זי וועגן דעם געבעטן מאַריאַ, און ער האָט ווידער אָנגעהויבן טראַכטן, אַז עס קען ניט זיין, אין מאַריאַן זאָל שוין קיין שום געפיל ניט האָבן פאַרבליבן פאַר זיינטוועגן; דאָס קען, ניט קוקנדיק אויף אַלץ, לחלוטין ניט געמאָלט זיין. סטזשעליסקאַס חשק צו קומען אין אַטעליע אַריין האָט אים גאָרניט פאַרחידושט; ער האָט געדענקט, אַז זי איז געווען גרייט אויף אַלץ, האָט געהאַט אַ נטיה צו אוואַנטורעס און אַז דאָס גרעסטע פאַרגעניגן האָט זי געהאַט פון רייצן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג.

דאָס וואַרטן אויף דער סטזשעליסקאַ האָט אים געמאַכט שטאַרק נערוועז. דערמיט, וואָס ער האָט געזאָלט זיך באַגעגענען פנים אל פנים מיט עמיצן, וואָס איז אַזוי נאָענט צו מאַריאַן און צו דעם, וואָס ס'איז צווישן זיי פאָרגעקומען, האָט ער זיך דערפילט אויף דאָס ניי אַזוי דערנעענטערט צו זיין עבר, אַז עס האָט זיך אים געדאַכט, ווי דאָס גאַנצע שטיק צייט נאָכן איבעררייסן, וואָלט אין זיין לעבן אָפּגעמעקט געוואָרן. אַלץ, וואָס איז נוגע געווען אים און מאַריאַן, האָט אָנגעהויבן שטאַרק בולט אָפּגעפרישט צו ווערן אין זיין זכרון; פונקט ווי עמיץ וואָלט פון אַן אַלט בילד דעם שטויב אָפּגעווישן. שוין איצט האָט ער זיך דערמאָנט ניט בלויז אָן מאַריאַס טואַלעטן, נאָר שיר ניט אפילו יעדער דעסן פון איר קלייד; ער האָט געזען ניט בלויז איר בליק, נאָר כמעט די וויעס איבער אירע אויגן און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער געדענקט זי, יעדער הערל אירס באַזונדער,

ער האָט ניט בלויז אירע באַוועגונגען געדענקט, נאָר ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער זעט יעדער ציטער פון אירע פינגער, וואָס ער האָט ווען עס איז געקענט באַמערקן. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר זיינע אויגן ווי אַ לעבעדיקע, אַ פרישע, ווי קיינמאָל ניט, ווי אַפילו דעמאָלט, ווען ער האָט נאָך איר צוממייסטן געבענקט און ווען ער האָט די גאַנצע קראַפט פון זיין נשמה אַריינגעפרעסט אין זיין זכרון און פאַנטאַזיע, כדי פונדערווייטנס, אַ פאַרלוירענע אויף אייביק, זי צום לעבעדיקסטן זיך פאָרצושטעלן. ער האָט געזען דעם פוך אויף איר פנים און די דינע בלויע אָדערלעך אויף אירע שלייפן, וואָס ציען זיך ביזן האַלז צו; די קאַלירן אויף אירע הענט און די פלעטלעך פון אירע לאַנגע שמאָלע נעגל... ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער וואָלט באמת געקענט די הענט אויסציען, כדי זי אַרומצונעמען, און ער וואָלט געקענט מאָלן אָדער קלעפן איר פאָרטרעט, ווי פון אַ לעבעדיקער אַראָפּ.

— דו קלעפסט דאָך פון דאָרט, נאָר דו האָסט זי אין דיין נשמה...— האָט אים אַמאָל געזאָגט טענזשעל... — אַזאַ לאַנגע צייט צוריק... ווען מאַריאַ איז נאָך געווען זיין און ער האָט נאָך געקענט שווערן, אַז זי וועט קיין אַנדערנס ניט זיין.

— דעם מלאך המות האָט ער פאַרדעקט מיט אַ דראַפּעריע, דעם פאָרטרעט ווידער האָט ער געפּרובט באַהאַלטן און אויפדאַסניי אַרויסגענומען. ער האָט זיך ניט געקענט אַנטשליסן, לאָזן אים אין דער סטזשעליסקאַס געגנוואַרט אָדער ניט? ס׳האָט אויסגעזען אַזוי ווי ער וואָלט וועלן, אַז די סטזשעליסקאַ זאָל דעם פאָרטרעט זען און דערציילן וועגן אים מאַריאַן, אַז ער הענגט אויף דער וואַנט אַלס „סימן פון ניט אויסגעלאָשענער ליבע". ביי דערדאָזיקער פראַזע פון טויזנט און איין ראָמאַן, האָט ער אויפגעציטערט פון עקל. צי וועט אָבער דער פאָרטרעט הענגען צי ניין, איז אַלץ איינס, מחמת דער בעסטער „סימן פון ניט אויסגעלאָשענער ליבע" איז דאָס, וואָס ער וויל מיט סטזשעליסקאַ ריידן וועגן מאַריאַן; איבריקנס, זאָל זי אדרבא, זען דעם פאָרטרעט אויף דער וואַנט און וועגן אים דערציילן; האָט ער זיך דען צו שעמען דערמיט, וואָס ער האָט ליב, ער, וואָס האָט מאַ-

ריאַן געהאַלטן אויף זיינע קני און צו וועלכערס ברוסט זי האָט זיך צוגעדריקט? זאָל מאַריאַ וויסן, אַז ער האָט זי ניט אויפגעהערט ליב צו האָבן, ווי ער האָט געשוואָרן, אַז ער וועט עס קיינמאָל ניט אויפהערן. ער האָט אַזוי געטראַכט און הגם זיך אַליין ניט מודה געווען דערינען, האָט ער געפילט, אַז אויב פון איין זייט וויל ער זי זאָל וויסן, אַז ער האָט זי ניט אויפגעהערט ליב האָבן, האָט ער פון דער צווייטער זייט פאַרגעניגן דערפון, וואָס מאַריאַ וועט זיך מוזן פילן נידעריקער פון אים, דורך איר פאַרשפּילטער קאַמפּאַניע, כאָטש די אמתע מפּלה זאָל אויספאַלן אויפן צווייטן צד. מען קען אַמאָל אומקומען, און מנצח זיין — דווקא דורך דעם אומקומען.

די סטזשעליסקאַ האָט געזאָלט קומען אין אַטעליע אַ זייגער ניין אינדערפרי; ער האָט זיך אויפגעהויבן אַ זייגער אַכט און די גאַנצע צייט האָט ער זיך געסטאַרעט מיט עפּעס צו פאַרטרייבן די צייט, און זיך באַרואיקן. ס'האָט אים געמאַטערט דער געדאַנק, אַז ער וועט ריידן וועגן מאַריאַן און פּלוצלונג האָט זיך אָנגעהויבן אין אים וועקן אַ ווידערשטאַנד. ס'האָט זיך אים אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַלץ פאַר איבעריק און איבערטריבן. צו וואָס אייגנטלעך וויל ער זיך זען מיט דער סטזשעליסקאַ? וואָס מאַריאַ זאָל ניט טאָן, טוט זי ניט פאַר זיינעטוועגן און ניט מיט דער כוונה, אַז עס איז פאַר זיינעטוועגן. צי איז זי שוין באַזשעוווסקיס כלה צי ניין, וועט דאָס סוף־כל־סוף לחלוטין ניט משפּיע זיין דערויף, וואָס זי האָט זיין כלה שוין אויפגעהערט צו זיין; אויספרעגן זיך ווידער, צי אַ מיידל, וואָס האָט מיט אַ יאָר צוריק אים צוריקגעגעבן זיין וואָרט, האָט חתונה צי ניט, — און מיט וועמען, איז אַפילו אַ ביסל לעכערלעך. אפשר זאָל ער נאָך אַ רעוואָלווער אויך אַוועקלייגן אויפן טיש. סטזשעליסקאַ איז אַ משוגענע, שטענדיק געווען אַזעלכע און איז פּשוט צופרידן, וואָס זי האָט אַ געלעגנהייט צו טאָן עפּעס קעגן דעם קאָנווענאַנס, און גיין איינע אַליין, אַ מיידל, אין אַ פּריוואַטער דירה אַריין פון אַ יונגן מענטשן, ווייל דער אַטעליע איז דאָך סוף־כל־סוף זיין פּריוואַטע דירה — דאָס וועט זיין פאַר איר אַ נייער באַווייז, אַז זי איז אַן esprit fort, וואָס זי מיידט ניט אויס

בײַ יעדע געלעגנהייט דער װעלט אין פּנים אַרײַן צו װאַרפֿן. הײַנט=זשע נאָך די געלעגנהייט „צו שפּילן אַ ראָלע אין לעבן — פֿון אַן אָנגעזעענעם מענטשן": דאָס איז דאָך בנוגע צו אים שטענדיק געװען אירס אַ שלעכטס און אומגעלומפּערט פֿאַרבאָרגענע כּװנה און שװאַכקייט; לסוף, אירע העכערע, פּערזענלעך ניט פֿאַראינטערעסירטע ראָלע צװישן צװײ מענטשן — האָט זי דאָך תּמיד אַװדאי ליב געהאַט.

אַז זי האָט אים אַ קוש געטאָן אין פֿינגער, בעת ער איז געזעסן צופֿוסנס בײַ מאַריאַן, איז אַ פֿאַקט, אָבער, אַז זי האָט באַכדעם פֿאַרשפּרייט איבער אים אירע פֿליגל פֿון השגחה האָבנדיק הנאה דװקא פֿון דעם, װאָס זי טוט עס איבער אים, איז אויך אַ פֿאַקט.

די גאַנצע יאַדװיגאַ סטזשעליסקאַ מיט איר פּרײַ פֿירונג איז סוף=כּל=סוף אומגעשמאַק. זי װאָלט אַװדאי געקענט אויף הונדערט אַנדערע ערטער אים באַשטעלן אויף אַ randez-vous ניט דװקא אין זײַן אַטעליע צען אַ זייגער אינדערפֿרי, און װאָלט צום פּאַסיקסטן געטאָן, װען זי זאָל אים שרײַבן, אַז זי זעט ניט אײַן קיין שום סיבה מיט אים צו רײדן. אַלץ װאָס זי טוט, טוט זי לשם פּאָזע. כּדי מען זאָל װעגן איר רײדן, װאָלט זי באַדײַ געקומען האָבן השגחה אויף אים, בעת זײַן קראַנקהייט. דאָס בעסטע װאָלט געװען, זי זאָל איצט אינגאַנצן ניט קומען. ער װאָלט געקענט איר שרײַבן, זי זאָל זיך אָפּהאַלטן מיט איר װיזיט בײַ אים אין אַטעליע צען אַ זייגער אינדערפֿרי, הײַנט=זשע דער פּאָרטרעט אויף דער װאַנט און דאָס גאַנצע אַפּישירן זיך...

אַלץ צוזאַמען איז קודם=כּל לעכערלעך. ער װעט זיך אַנטשולדיקן פֿאַר די סטזשעליסקאַ, אַז אייגנטלעך האָט ער זי גיט װאָס צו פֿרעגן און ערקלערן, אַז צוליב דער קראַנקהייט און פֿאַרמאַטערטקייט, גיט ער זיך צײַטנװײַז נאָך ניט אָפּ אינגאַנצן קיין חשבון פֿון דעם װאָס ער טוט. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער װאַנט, כּדי אַראָפּצונעמען דעם פּאָרטרעט און אים באַהאַלטן; װען ער האָט אָבער אים אַרויפֿגעלייגט אויפֿן טיש, האָבן מאַריאַס טונקל סאַפּירענע מיט גאָלד באַגלאַנצטע אויגן אַ קוק געטאָן אויף אים — און ער איז אַנידערגעפֿאַלן אויף דער שטול, אָנלענענדיק דעם שטערן אויף די צונויפֿגעדריקטע פֿויסטן. מאַריאַס אויגן

האָבן אַ קוק אַריין געטאָן אין דער טיפֿעניש פֿון דער נשמה, אין וועלכער ס'האָט זיך אָפּגערופֿן אַ ווייטאָג, וואָס איז טיפֿער פֿון אַלץ.

— אין דער מינוט האָט ער דערהערט אַ קלאַפּ; ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און איבערגעדרייט דעם פּאָרטרעט מיטן פּנים צום טיש, ער האָט געפֿילט ווי הייסע אַנגסטן באַגיסן אים.

אין אַ טונקל קלייד און אין אַ טונקעלן הוט איז אַריין יאַדוויגאַ סטושעליסקאַ, אַ גאַנץ הויכע און דאַרע, אַ ביסל בלייכע ווי תּמיד.

רדזאַוויטש האָט זיך פֿאַרנייגט, צוגעגענט צו איר, און זיי האָבן זיך דערלאַנגט די הענט. יאַדוויגאַ האָט אים מיט איר איידעלן האַנט־דרוק געגעבן אַזויפֿיל האַרציקע וואַרימקייט, אַז מיט אַמאָל אַ געפֿאַנגענער, האָט ער איר איינמאָל און נאָכאַמאָל אַ דרוק געטאָן די האַנט מיט דער גאַנצער געריִרטקייט פֿון אַ מענטש, וואָס פֿילט זיך שוואַכער, און בנוגע צו וועלכן מען ווייזט אַרויס מיטגעפֿיל.

זיי האָבן דערמיט איינס דאָס אַנדערע געזאָגט אַלץ: ער האָט געוואוסט, אַז יאַדוויגאַ דאַרף זיך ניט פֿרעגן, נאָך וואָס זי איז געקומען?

זי האָט זיך געזעצט אויף דער דערלאַנגטער שטול און אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויפֿן אַטעליע; רדזאַוויטש האָט געזען, אַז, ניט קוקנדיק אויף איר גאַנצער חוצפּה און נטיה צו בראַוואור, פֿילט זי זיך אַ ביסל שעמעוודיק. דאָס האָט אָבער געדויערט זייער אַ קורצע ווײַלע; גאַנץ פֿריי האָט זי אים אַ פֿרעג געטאָן?

— וואָס מאַכט איר?

ער האָט איר געענטפֿערט, אַז איצט פֿילט ער זיך שוין כּמעט אינגאַנצן גוט, נאָר אַ ביסל פֿאַרמאַטערט.

— ס'איז שיין דאָ — האָט זי ווייטער געזאָגט. — איך וועט אוודאי פֿאַרחידושן, וואָס כ'האָב אויסגעקליבן אייער אַטעליע, עס האָט זיך מיר אָבער געדאַכט, אַז דאָ וועט זיין צום־פֿרייסטן. איבעריקנס, צו וואָס זאָלן מיר זוכן אַן אַנדערן פּונקט, אַז מיר האָבן געהאַט דעם. קיינער האָט מיך אַפֿילו ניט געזען

אהער גיין און ווען מ׳וואָלט מיך אַפילו זען, איז מיר אַלץ איינס. די באָבעשי, וואָס איז אַפילו איצט אין וואַרשע, איז איבער־צייגט, אַז איך בין געגאַנגען אין קאָסציאָל אַריין און איז ממש אין זיבעטן הימל פאַר שמחה. כ׳וועל איר זאָגן, אַז כ׳בין געווען ביזן סוף מעסע און כ׳האָב באַזונדערס מתפלל געווען צו דער הייליקער טערעזע, מחמת דאָס איז איר באַליבטע הייליקע.

רדזאַוויטשן האָבן זיך דידאָזיקע ווערטער און דער טאָן, מיט וועלכן די סטזשעליסקאַ האָט גערעדט, אויסגעוויזן פּראָסט־ציניש און דאָס וואָס זי האָט געזאָגט — אומגעשמאַק; ס׳קען אָבער אפשר זיין, אַז זי האָט פּשוט געוואָלט מאַכן אַ הקדמה צום שמועס. ביי אים ווידער איז אַלץ, וועגן וואָס ער האָט גע־וואָלט פרעגן, פאַרזונקען געוואָרן אין גאָרגל.

— וואָס האָט איר עס דאָרט? — האָט זי אַ פרעג געטאָן, אָנווייזנדיק מיטן קאָפּ דעם אָפּגעדעקטן מלאך המות.

אים איז פּלוצלונג דורכגעפלויגן אַ געדאַנק, אַז אַזוי וועט אפשר בעסער זיין: ער האָט זיך אויפגעהויבן און אָפּגעדעקט די גרופּע.

יאַדוויגאַ האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל, צוגענאַנגען און אָנגעהויבן קוקן.

— כ׳פאַרשטיי עס אַזוי, ווי כ׳האָב פאַרשטאַנען דעם וואַמ־פּיר—האָט זי אַ זאָג געטאָן טרויעריק און מיט מיטגעפיל.

— זאָגט־זשע מיר איצט — — האָט אַ זאָג געטאָן רדזאַ־וויטש, צורוקנדיק איר אַ שטול.

— זי איז אַ כלה.

רדזאַוויטש האָט דערפילט, אַז אַ פייער שלאָגט אים אין קאָפּ אַריין, אָבער דערביי זיך פאַרוואונדערט, מחמת דאָס ערשטע געפיל זיינס איז ניט געווען קיין ווייטיקלעכס, נאָר, פאַרקערט, ווי עפּעס אַ דערלייכטערונג נאָך לאַנגע יסורים. אין איין רגע זיינען אים דורכגעפלויגן מחשבות: האָט זיך אַלזאָ אַלץ געענדיקט, איינגעזונקען געוואָרן און מען דאַרף אַ סוף מאַכן... ווי ער וואָלט לייכטער אָפּגעאָטעמט נאָכן אַראָפּוואַרפן פון די אַקסלען אַ שווע־רע משא און ווי עס וואָלט עפּעס דאָס אַמאָליקע פרייע לעבן

ווידער זיך פאַר אים עפענען. סוף־כל־סוף איז דאָך פאַרהאַן אַ דנאָ אין דעם אָפּגרונט. עליאַ ראָסיענסקאָס בלאַסע און רייַנע געזיכט האָט זיך אין פּלוצלונג פאַרגעשטעלט פאַר זייַנע אויגן
— באָזשעווסקיס — האָט ער אַ זאָג געטאָן כמעט פרייי.
— ניין, קאָלאָלאַסקיס — האָט געענטפערט סטושעליסקאַ.
רדזאַוויטש האָט זיך אַ צי געטאָן צוריק. ער האָט ניט גע־קאָנט תופס זייַן.
— קאָלאָלאַסקיס — האָט זי איבערגעחזרט.
— ווי הייסט? דעם דיקנס, ניט יונגן בלאָנדינס פון אונ־טער קלעצק?
— יאָ, דעמס.
— ווי אַזוי איז דאָס געשען? ווען?
— מיט צוויי וואָכן צוריק.
— און באָזשעווסקי?
— איז איצט ניטאָ אין וואַרשע.
— ער האָט זיך דאָך אָבער אין איר געליבט?
— יאָ, זייער אַפילו.
— און זי דאָך אין אים אויך?
— יאָ, און ליבט זיך נאָך אַלץ.
— נו, פאַרוואָס־זשע איז עס עפּעס אַזוי געוואָרן?
— ווייל אַנדערש האָט עס ניט געקענט זייַן. איבעריקנס, האָב איך עס געמאַכט — האָט געענטפערט פרוי סטושעליסקאַ.
— כ'זאָג אייך, אַז אַנדערש האָט ניט געקענט זייַן, באָזשעווסקי האָט אינגאַנצן באַנקראָטירט.
רדזאַוויטש האָט דערפילט עפּעס אַ באַפרידיקונג און פאַר־געגיגן.
— ווי איר האָט אַוודאי געהערט — האָט ווייטער געזאָגט סטושעליסקאַ — האָט ער געגרינדעט אַ גלאָז־הוטע מיט שיאָד־לאָווסקין פון אוקראַינע און פירשט מאָיוויל בשותפות. דאָס שותפות איז געווען אַזאַ, אַז באָזשעווסקי און שיאָדלאָווסקי האָבן געגעבן געלט און מאָיוויל, וואָס האָט, אַחוץ דעם פירשטלעכן טיטל, גאָרניט געהאַט, נאָר האָט שטודירט ספּעציעל אין

אויסלאַנד, האָט געזאָלט זיין טעכנישער דירעקטאָר. דערווייל האָט שיאַדלאָווסקי, וואָס איז אַ מיליאָנער און אַ פאַנטאַסט, פּלוצלונג פאַרלאָרן דעם חשק צו דער גלאָז־הוטע, וואָס אין איר צו־קונפט האָט ער אויפגעהערט צו גלייבן, זיך צעקריגט מיט באָזשעווסקין, און אויסנוצנדיק עפּעס אַ פּונקט, לויט וועלכן מען קען מבטל מאַכן דעם קאָנטראַקט, דאַכט זיך אפילו ניט אינגאַנצן פאָרמעל, האָט ער דאָס געלט צוריק אַרויסגענומען. באָזשעווסקי איז אַזוי אַרום פאַרבליבן איינער אַליין און דער צוטרוי פון מענטשן צום גאַנצן עסק האָט זיך שטאַרק אַ וואַקל געטאָן. ער האָט אָנגעהויבן איבערגעוואַלט דורכברעכן דעם ענין און אַריינגעצויגן אין עסק דער משפחהס פאַרמעגן, אויף וועלכן ער האָט אָנגעמאַכט חובות. פּלוצלונג איז דער אַלטער פאָטער באָזשעווסקי, וואָס איז אַ ביסל אַ פלאַטער־קאָפּ, געפאַלן אויף אַ המצאה, פּרווון גליק אויף דער בערזשע אין קיעוו, כדי צו העלפן דעם זון, און אין משך פון דריי טעג געפּטרט זיבעציק טויזנט רובל מזומנים. באָזשעווסקי האָט איצט פאַרלאָרן דעם באָדן פון אונטער די פיס אפער און האָט אויפן העכסטן אופן לייכטזיניק אָט־וואָס געטאָן: אַריינגעצויגן אינם געשעפט אַריין זיינע דריי מינדעריעריקע פעטערן־טעכטערס קאַפּיטאַל, איבער וועלכן ער איז אַלס פאַרטרעטער פון פאָטער געווען אַפּוטרופּס — הונדערט און צוואַנציק טויזנט רובל בסך־הכל.

— ביי אייך הייסט דאָס לייכטזיניקייט — האָט אַריינגעוואָרפן רדזאַוויטש אַ ביסל פאַרחידושט. — דאָס שמעקט דאָך מיט קרימינאַל.

— ער איז זיכער געווען, אַז מיט דעם געלט וועט ער ראַטעווען זיך און דאָס גאַנצע פאַרמעגן און פון אַלעם זיך אויסצאָלן. ער וואָלט טאַקע אפשר געווען אַרויסגעקראָכן, ווען ער זאָל כסדר געווען זיצן אין אוקראַאינע און געהיט דאָס עסק, ער איז אָבער געזעסן אין וואַרשע, ווייל ער האָט זיך געליבט אין מאַריאַן. דערווייל האָט מאָיוויל, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן גיט בעסער פאַר זיינע קרובים, וואָס מ׳האָט געבעטן מחילה פאַרלאָזן דעם קיעווער קלוב, אַ טייל געלט פאַרשפּילט און פאַר־

הוליעט, אַ טייל איז ווידער נעלם געוואָרן, דאַכט זיך, ער האָט עס פּשוט אַראָפּגעלאָזט צו זיך אין קעשענע אַריין. ווי ס'ווייזט אויס, האָט ער זיך משער געווען פונוואַנעט דאָס געלט שטאַמט און האָט פאַרשטאַנען, אַז עס וועט זייער שווער זיין זיך דערויף נאָכצופרעגן; באָזשעוווסקי האָט באַטירלעך קיין פּראָצעס אים ניט געקענט מאַכן, ווייל ער וואָלט זיך געמוזט דעמאַסקירן. סוף־כּל־סוף האָט ער אַלץ פאַרקויפט, וואָס זיי האָבן געהאַט, באַוויזן אויסצוצאָלן זיינע פעטערן־טעכטער די ניינציק טויזנט, אָבער געבליבן נאָכדעם בפועל ממש אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה. די ערד האָט מען גענומען אויף ליציטאַציע, די צוויי הייזער אין קיעוו און די אויסגעבויטע גלאָז־הוטע האָט אָפּגעקויפט סאָלאָמאָן גאָלדפעלד, אַ קיעווער מיליאָנער, וואָס האָט זיך מיט צוועלף יאָר צוריק געשמדט.

— ווען איז דאָס אַלץ געשען?

— אין משך פון לעצטן האַלבן יאָר. ווען באָזשעוווסקי האָט זיך באַקענט מיט מאַריאַן, זיינען זיינע עסקים שוין געווען אַ ביסל שוואַך, ווייל דעמאָלט האָט שיאָדלאָווסקי זיך געהאַט צוריקגעצויגן פון ענין. מ'האָט וועגן דעם נאָך ניט געוואוסט, מחמת שיאָדלאָווסקי האָט מסכּים געווען, כּדי ניט אונטערצוגראָבן מיטאַמאָל דאָס עסק, ניט פאַרשפּרייטן די ידיעה וועגן זיין אַרויסגיין פון שותפות. באַקאַנטע יוריסטן האָבן געזאָגט מיין טאַטן, אַז באָזשעוווסקי האָט אייגנטלעך געקענט שיאָדלאָווסקין דורכן געריכט נייטן צו האַלטן דעם קאָנטראַקט, אָבער ער האָט ניט געהאַט דעם קאָפּ דערצו, מחמת ער האָט זיך געליבט אין מאַריגיאַן. מען זאָגט, אַז די האָר שטעלן זיך ממש קאַפּויער, ווי אַזוי ער האָט דאָס אַלץ געפירט, מיט וואָס פאַר אַ ווילדער אויסבערענגעריי, לייכטזיניקייט, לייכטגלויביקייט און באמת פּאַבל־האַפטער ניט געניטקייט. דערביי זאָלן זיי האָבן געלעבט אומגעהייער איבער די כּוחות, און ווי מען זאָגט, האָט אַ העלפט פון דעם, וואָס זיי האָבן אויסגעגעבן, געשטאַמט פון קרן און פון הלוואות. אַזוי אַרום האָט אין איינעם אַ שיינעם פרימאָרגן, דער שיינער און „אומבאַזיגלעכער" באָזשעוווסקי זיך געפונען אָן

אַ גראָשן געלט אין אַ סכּנה פון אַ קרימינעלן פּראָצעס פאַר פאַר־שווענדן דרייסיק־טויזנט ר. פון די געלטער פון די מינדעריעריקע

רדזאַוויטש האָט באַמערקט, אַז די סטושעליסקאַ רעדט אַרויס די לעצטע ווערטער מיט אַ געוויסער, ניט אינגאַנצן פאַר־באָרגענער הנאה.

— צי איז עס שוין נאָך אַ יאָ־וואָרט מיט מאַריאַן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— צו איר גליק, נאָך בשתיקה, אַזוי, אַז אַחוץ מיר, האָט קיינער ניט געוואוסט... ער האָט אָפּיציעל געוואָלט זיך ערקלערן ערשט דעמאָלט, ווען מ'וואָלט געזאָגט, אַז פריילין טיזשוועצקאַ האָט חתונה מיט אַ מיליאָנער, ווייל, ווי ער פלעגט זאָגן, דאַרף זי נאָר מיט אַ מיליאָנער חתונה האָבן, און תּיכף אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט געזאָלט זיין די חתונה. ער האָט אָפּגעשטעלט דעם זמן־חתונה אויף אָקטאָבער.

— ווי אַזוי האָט ער דאָס עפּעס אין משך פון עטלעכע חדשים געוואָלט מאַכן מיליאָנען?

— ניין, אָבער צו דער צייט האָט שוין די פאַבריק גע־זאָלט געבן אַ פולקומע גאַראַנטיע, אַז ער וועט זיי מאַכן. ער איז עס געווען זיכער אַפילו נאָכדעם ווי שיאָדלאָווסקי איז אַרויס פון שותּפות, כּל־זמן דער פאָטער האָט ניט געהאַט פאַרשפּילט אויף דער בירזשע.

— יאָ, אָבער פון דעם אַלעם פאַרשטיי איך נאָך אַלץ ניט, פאַרוואָס מאַריאַ איז קאָלאָלאַסקיס כּלה?

— וואָרט־זשע צו. באָזשעווסקי האָט זיך ערקלערט מאַריאַן בסוד אויף יענעם ראַאוט, אויף וועלכן איר האָט אונז געטראָפן און אויף וועלכן ער האָט אונז איינגעבעטן צו זיין, מחמת מיר האָבן דעם טאָג געזאָלט אַוועקפאָרן. אויף דעמזעלבן ראַאוט האָט זיך איר אויך ערקלערט קאָלאָלאַסקי, וועלכן זי האָט אָפּגעזאָגט, ניט דערמאָנענדיק גאָרניט וועגן באָזשעווסקין. מאַריאַ האָט שוין ניט געוואָלט אַוועקפאָרן, זי האָט אויסגעזוכט אַ סיבה, אַז זי איז ניט געזונט, און פאַרבליבן ביי דער מומע פאַזשעלסקאַ צוזאַמען מיט מיר. אין דריי וואָכן אַרום נאָך דעם דאָזיקן ראַאוט פאַלט

אַריין צו אונז באָזשעוווסקי, וואָס איז אין צען טעג אַרום נאָכן ערקלערן זיך געהאַט אַוועקגעפאָרן קיין ווארשע, אַ שטארק צע־מישטער און בעט מיך, ווייל די ערשטע האָט ער מיך באַגעגנט, אַז ער וויל אומבאַדינגט ריידן מיט מאַריאַן ביחידות. איך האָב זיך משער געווען, אַז ס׳איז עפּעס ניט פריילעך, ווייל וועגן זיינע פינאַנציעלע ענינים האָט מען געהערט וואָס אַמאָל ערגער, און אַפילו די מומע פאָזשעלסקאַ האָט שוין אויך אויפגעהערט וועגן אים צו זאָגן: הער סטאַניסלאַוו, נאָר הער באָזשעוווסקי. — און פּילנדיק, אַז מען קען מיך אפשר באַדאַרפן, האָב איך זיך אַוועק־געזעצט אין צווייטן צימער לעבן זאַל, אין וועלכן איך האָב אים אַריינגעלאָזט. די מומע איז ניט געווען אין דער היים, איך ווייס ניט, צי ער האָט מיט מאַריאַן איבערגערעדט אַ פּופצן ווערטער, ווי באָזשעוווסקי האָט געטאָן אַ פאַל אַרויס, רופנדיק: וואַסער — ווייל מאַריאַ האָט געחלשט. מיר האָבן זי דערמינטערט און אָט וואָס עס איז געשען: באָזשעוווסקי איז געקומען מיט אַ רעוואָל־ווער אין קעשענע זיך מיט איר געזעגענען, ווייל ער האָט באַ־שלאָסן זיך צו לאָזן אַ קויל אין קאָפּ.

— דער שיינער באָזשעוווסקי — האָט אַ זאָג געטאָן רדזאַ־וויטש, דערמאָנענדיק זיך אָן דעם שיינעם בלאָנדין מיט די גרויסע וואָנסן.

— דער שיינער באָזשעוווסקי — האָט איבערגעחזרט סטשע־ליסקאַ, — דעמאָלט האָט מאַריאַ געטאָן דאָס, וואָס זי האָט גע־דאַרפט טאָן: געפאַלן פאַר אים אויף די קני און באַשוואָרן ביי אַלעם הייליקן, ער זאָל נעמען איר נדן, וואָס האָט דאָך אין עט־לעכע חדשים אַרום געזאָלט זיין זיין אייגנטום, און דעקן פון אים דאָס חלק, וואָס ס׳פעלט פון די שוועסטער־קינדערס סומע. ער האָט תּחילת ניט געוואָלט דערפון הערן, דערנאָך האָט ער אויס מורא, אַז וויבאַלד ער וועט ניט נעמען, וועט זי זיך סמען, מסכּים געווען.

רדזאַוויטשן האָט אָנגעהויבן וואַרפן אַ נערוועזער שוידער און אַ קאָרטש האָט אים צונויפגעדריקט דעם גאָרגל: ס׳האָט אים באַהערשט אַזאַ אומאויסדריקלעכער רחמנות אויף מאַריאַן און דער־

ביי אזא צער, וואָס אזוי פיל ליבע און קרבנות פון איר זייט נעמט אָפּ עמיצער אַנדערש און ניט ער. אויף באַזשעווסקין האָט אין אים געברויזט א ווידערווילן, א כעס, וואָס מאריא ליידט זיך אָן דורך אים, און א קנאה, א שטאַרקערע פון אַלע אַנדערע געפילן.

— דאָס איז אָבער לייכטער געווען צו זאָגן ווי טאָן — האָט ווייטער געזאָגט סטזשעליסקא — ווייל מאריא איז נאָך ניט פול־יעריק און דער פאָטער מיינער, צו וועלכן איך האָב לויט איר בקשה געשריבן און וואָס פאַרוואַלט מיט איר גוט, האָט מיר קאַטעגאָריש ערקלערט, אַז ער וועט אָפּגעבן מאַריאַס אַנפאַרטרויטן גדן אָדער איר, ווען זי וועט ווערן פוליעריק, דאָס הייסט אין פערצן חדשים אַרום, אָדער איר מאַן, אויב זי וועט אין משך פון דער צייט חתונה האָבן.

ער האָט זיך אויך געפרעגט, פאַר וואָס מאַריא וויל אַרויס־באַקומען אַזא גרויסן טייל נדן, און מיר פאַרשטייט זיך וואָלטן ניט געקענט זאָגן, כדי באַזשעווסקין ניט צו קאָמפּראָמיטירן. דער־ווייל האָט מען מורא געהאַט, אַז דער משפחה־ראַט, וואָס איז אַפּוטרופּס איבער זיינע פעטערן־טעכטער, וועט אַ ליאַדע טאָג זיך צונויפקומען און פאָדערן ווי פון אַ אַנזעצער די אַנגעטרויטע הונ־דערט צוואַנציק טויזנט. מיר ווייזט אָבער פּשוט אויס, אַז דער משפחה־ראַט האָט געוואוסט, וואָס ס'איז געשען, און בכיוון זיך ניט צונויפגעקליבן, כדי אויסצומיידן אַ סקאַנדאַל אין דער משפחה, האָפנדיק, אַז באַזשעווסקי וועט ווי עס איז די זאַך פאַרלאַטען. אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער פאַרמאָגט אַן אומגעהייערן צויבער פאַר פרויען, און אַז ביי זיינע מעלות קען ער נאָך, ניט קוקנדיק אויפן באַנקראָט, רייך חתונה האָבן. מען האָט אָנגעהויבן ריידן, אַז ס'איז אין אים משוגע פאַרליבט גאָלדפעלדס טאָכטער, וועגן וועלכן איך האָב דאַן גערעדט, און וואָס דער פאָטער אירער האָט בעגעבן צוויי מאָל אָדער דריי מאָל הונדערט טויזנט מזומן געלט נדן און געטרוימט, אַז זי זאָל חתונה האָבן מיט אַ שליאַכטשיץ און דערביי פּשוט געזאָגט, אַז זיין טאָכטער איז אַזוי „פריש", אַז זי קען חתונה האָבן נאָר מיט אַ „באַנקראָטירטן ס ק י" און ער איז דערויף פיקס און פאַרטיק. די גאַנצע משפחה האָט איצט אָנגע־

הויבן שטויסן באָזשעוווסקין, ער זאָל חתונה האָבן מיט דער גאָלד־פעלד; וואָס ער האָט זיי דאָרטן אָנגערעדט, ווייס איך ניט, אָבער אונז האָט ער געשוואָרן, אַז ער וועט מיט איר קיינמאָל ניט חתונה האָבן און וועט סוף כּל סוף זיך מוזן לאָזן אַ קויל אין קאָפּ, ווייל איבערלעבן אַ קרימינעלן פּראָצעס און מען זאָל אים רופן גנב, וועט ער ניט קענען, מאַריאַן ווידער האָט ער שוין אַזוי אויך פאַרלאָרן, — האָט ער ניט צו וואָס צו לעבן און אַזוי ווייטער.

— און מאַריאַ? — האָט אַ פרעג געטאָן ראַדזאַוויטש, וועלכנס פּנים ס'האָט געבּרענט ווי אין היץ.

— מאַריאַ איז געווען פאַרצווייפלט, חתונה האָבן מיט באָזשעוווסקען, וועלכן ס'איז איצט געלעגן אין קאָפּ דאָס אויפהאַלטן זיך און די גאַנצע ביז לעצט רואינירטע משפּחה, און בלייבן, נאָכן באַצאָלן דעם דיפיציט פון דרייסיק טויזנט, ביי עפּעס אַ צוועלף טויזנט, האָט געהייסן פאַרמשפּטן זיך אויף גרויס דחקות. באָזשעוווסקי האָט זיך באמת תּיכּף אָנגעהויבן סטאַרען וועגן אַ שטעלע, ער האָט אָבער געענדיקט דעם היסטאָריש־ליטעראַרישן פאַקולטעט אין בערלין און האָט וועגן קיין זאַך פּראַקטיש קיין באַגריף ניט געהאַט. ער האָט אין ערגעץ גאָרניט געקענט געפינען, איין גאָלד־פעלד בלויז האָט אים פאָרגעלייגט אַ שטעלע פון סעקרעטאַר ביי אים מיט שכירות פון צוויי טויזנט אַ יאָר: עס האָט אים זי פאָרגע־לייגט ריכטיקער פריילין גאָלדפעלד, וואָס טעסעט דעם פאָטער, אַ זייער פראָסטן ייד, ממש קלינעס אויפן קאָפּ. פאַרשטייט זיך, אַז באָזשעוווסקי זאָל געווען חתונה האָבן מיט פריילין טיזשווועצקאַ, וואָלט ער די שטעלע ניט באַקומען. דעמאָלט האָב איך באַשלאָסן דעם גאַנצן ענין צו נעמען אין מיינע הענט אַריין. איך האָב גע־געבן צו פאַרשטיין מאַריניען, אַז פאַרמשפּטן זיך גוטווייליק אויף דחקות, וואָלט געווען דער גרעסטער שטות פון איר זייט. זי האָט תּחילת געשריגן, אַז עס איז איר ליבער טרוקן ברויט מיט באָזשעוווסקין, ווי מיליאָנען מיט אַן אַנדערן, אָבער ביסלעכווייז האָט זי זיך אָנגעהויבן פאַר דער נויט צו שרעקן. איך האָב איר דע־מאָלט אויפגעגעבן אַזאַ פּלאַן: נייט באָזשעוווסקין ער זאָל חתונה האָבן מיט דער גאָלדפעלד, דורך וואָס ער וועט ראַטעווען ניט

נאָר זיך, נאָר זיין נאָמען און די גאַנצע משפּחה, דו ווידער האָב חתונה מיט קאָלאָליאַסקין, קיין אַנדערן אויסוועג האָט איר ניט. איר וועט קענען דעמאָלט טאָן, וואָס אייך געפעלט. קאָלאָליאַסקי איז ניט יונג און אַ גרויסער שוטה דערצו, וועט ער ניט באַמערקן, און אויב ער וועט אַפילו יאָ באַמערקן, וועט ער ניט גלייבן. יע־דער אַנדערער וואָלט דיר געשטערט; ער ווידער איז ווי באַשאַפן אויף דעם, וואָס עס וואַרט אויף אים, באָזשעוווסקי ווידער איז גע־נוג פלינק זיין יידישקע די אויגן צו פאַרבלענדן.

— דאָס איז דאָך אָבער שרעקלעך! — האָט אַ געשריי געטאָן רדזאַוויטש, און האָט דערפילט אַזאַ עקל צו דער סטזשע־ליסקאַ, אַז ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן ניט אָנצוכאַפּן זי ביים קאָלנער און אַרויסצושטעלן אויף דער אַנדערער זייט טיר, — דאָס איז דאָך שרעקלעך! איר ווייסט אַוודאי ניט, וואָס איר האָט גע־ראָטן מאַריאַן און זי פאַרשטייט עס אַוודאי אויך ניט.

— אדרבא — האָט געענטפערט סטזשעליסקאַ, איך ווייס און זי ווייס אויך. קודם־כל פאַרגעסט איר אָן דעם, אָדער איר האָט עס קיינמאָל ניט באַמערקט, אַז מאַריניאַ האָט אינדעראמתן קיינעם און גאָרניט ליב, אַחוץ איר אייגענע שיינקייט און דאָס, וואָס מענטשן ליבן זיך אין דערדאָזיקער שיינקייט. אַחוץ דעם האָט זי דאָך נערוון. זי וואָלט אָן שום ספק איר נדן אַוועקגעגעבן באָזשעווסקין, אָבער צו דעם וואָלט זי ניט דאָס האַרץ געשטויסן, נאָר די נערוון.

— פאַרוואָס רעדט איר אַזוי וועגן איר? — האָט איר אי־בערגעריסן רדזאַוויטש, אויסערלעך אַן אויפגערעגטער, אינערלעך אָבער פילנדיק, אַז סטזשעליסקאַ איז גערעכט.

— ווייל איך קען זי. מאַריניאַ האָט זיך עפּעס אַ צייט גע־וואַקלט, ווען איך האָב איר אָבער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס האָט זי דאָך אייגנטלעך אומגעבראַכט באָזשעווסקין דורך קאָקעטירן מיט אים און שלעפּן פון ראַאוט אויף ראַאוט, פון באַל אויף באַל, אָנשטאָט הייסן אים היטן די געשעפטן, און אַז זי וועט צו דער רעשט פון אים אַ תל מאַכן, אָדער צווינגען אים נעמען זיך דאָס לעבן, איז זי באַשטאַנען, אַז ער זאָל חתונה האָבן מיט דער

גאָלדפעלד. נאָר וועגן איר חתונה מיט קאָלאָליאַסקין האָט זי ניט געוואָלט הערן. זי האָט ערקלערט, אַז זי וועט בלייבן זיצן אַ מיידל. כ'האָב איר קוים איינגעשמועסט, אַז ס'איז בעסער זיך צו ברענגען אַלס אַזאַ קליינעם קרבן און חתונה האָבן מיט קאָלאָליאַסקין, וואָס איז, צווישן אונז גערעדט, אַ זייער גוטער מענטש און האָט אַ האַרץ־פעלער, איידער זיך צו שטעלן אין געפאַר פון אַ סקאַנדאַל, אָדער, נאָך ערגער, אַ תל צו מאַכן פון לעבן; און אַז זי וועט ביי דעם מצב קיין בעסערן מאַן ניט געפינען. איך האָב זי סוף־כל־סוף איבערצייגט.

— זי האָט מסכים געווען? — האָט אַ פרעג געטאָן רדזאַוויטש מיט אַזאַ טויבער שטים, וואָס ער האָט ביי זיך קיינמאָל נאָך ניט געהערט, און געפילט ווי ס'וואָלט ביי אים אין דער ברוסט עפּעס אַ וואַסער שאַרפע קיזל־שטיינער איבערדרייען.

— מסכים געווען. מאַריניאַ איז נערוועז, איינדרוקלעך, לאָזט זיך באַהערשן פון דער מינוט, אָבער קיין נאַר איז זי ניט. מיט אים אָבער איז געווען אַ שרעקלעכע צרה. ער האָט געשריגן, אַז ער וועט זיך לאָזן אַ קויל אין קאָפּ אַריין און מאַריאַ האָט זיך ווידער געמוזט פאַר אים אויף די קני בעטן, ער זאָל טאָן, וואָס דער שכל הישר הייסט און דאָס איז די איינציקע תרופה פאַר זיינעטוועגן און דער איינציקער אויסוועג פאַר ביידע. איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז היות קיינער ווייס ניט וועגן דעם, אַז צווישן אים מיט מאַריאַן איז פאָרגעקומען אַ וואָרט, און קאָלאָליאַסקי האָט זיך געדרייט אַרום איר פונקט ווי ער, אפשר נאָך לענגער, וועט עס ניט הייסן, אַז די זאַך איז פון הימל אַראָפּגעפאַלן; ס'וועט אויסזען גאַנץ נאַטירלעך, אַז אַ מיידל מיט אַ מיטעלן נדן האָט ליבער חתונה מיט אַ פאַרמעגלעכן מענטש, ווי מיט אַ אָנזעצער, און נאָך נאַטירלעכער, אַז איינער אַ באַנקראָטירטער ראַטעוועט זיך דורך אַ רייכן שידוך, בפרט, ווען ס'איז נאָך פאַרהאַן אַזאַ גלענצנדער תירוץ, אַז מען טוט עס אונטערן דרוק פון דער משפּחה און מען איז זיך פאַר איר מפקיר. איר וועט נאָך אויסזען ווי אַ העלד — האָב איך געזאָגט צו באָזשעווסקין, וועלכן ס'איז איצט קודם־כל געגאַנגען אין דעם, וואָס מענטשן, וועלכע האָבן געוואוסט,

אז ער ליבט זיך אין מאַריאַן, וועלן זאָגן. וואָס שייך איר, קוים האָט זי זיך איינמאָל אַנטשלאָסן, האָט מען זי באַדאַרפט אָפּהאַלטן פון איילעניש, כדי אויסצומיידן וועלכע ס'איז ניט חשדים. קאָלאָ־ליאַסקי האָט נאָכן אָפּזאָג אויפגעהערט קומען, מען האָט אים אַלזאָ באַדאַרפט אויפדאָסניי אַריינציען, און דאָס האָב איך מיט דער מומע פּאָזשעלסקאַ זייער גיך דורכגעפירט, מאַכנדיק פריער אַ שם, אַז ער האָט זיך שוין איינמאָל איר ערקלערט, און מאַריניאַ האָט תּיכּף בשעת דעם ערשטן וויזיט אים געזאָגט, אַז זי האָט זיך מיישב געווען און איז גרייט חתונה צו האָבן, אַבי באַלד.

— און באָזשעווסקי?

— מיר האָבן אים משלח געווען קיין קיעוו צו די גאָלד־פעלדס, מחמת ער איז ניט געווען זיכער און פון צייט צו צייט האָט ער געדראָט, אַז ער וועט פריער דערשיסן קאָלאָליאַסקין און דערנאָך זיך.

— און קאָלאָליאַסקי?

— איז געפאַלן מאַריניאַן צו די פיס און זיך צעוויינט, און דערנאָך דער מומע פּאָזשעלסקאַ צו די פיס, מיר צו די פיס, כ'האָב געמיינט, אַז ער וועט לסוף אויך די דינסט מכבד זיין דער־מיט. ער האָט זיך געפרעגט וועגן באָזשעווסקין, וועגן וועלכן ער איז געווען איבערצייגט, אַז מאַריניאַ איז מיט אים פאַראינטערע־סירט און דעריבער האָט זי אים אָפּגעזאָגט — יעדער מאַנסביל איז דאָך אַ נאַר — אָבער אָנשטאָט איר האָב איך אים געענטפערט, אַז ער איז אמת איר געפעלן אויסערלעך, ווען זי האָט זיך אָבער דערוואוסט, אַז ער איז אַ לייכטזיניקער, האָט עס זי אָפּגעשראָקן. אחוצדעם שטויסט אים די משפּחה זיינע צו טאָן אַ רייכן שידוך, כדי צו ראַטעווען דאָס פאַרמעגן. ווען מאַריאַ וואָלט אים אפילו ליב האָבן — וועגן וואָס עס קען קיין רייד ניט זיין — וואָלט זי זיך צוריקגעצויגן צוליב דעם ווילן פון דער משפּחה. שטעלט אייך פאָר, אַז דער שוטה איז ווידער אַנידערגעפאַלן פאַר אַלע דריי צו די פיס און אונז אָנגערופן מלאכים. אויף זיין פראַגע וועגן באָזשעווסקין, אין וועלכנס ליבע צו מאַריניאַן ער האָט שטאַרק געגלויבט, האָט אים זייער פלינק געענטפערט די מומע

פּאָזשעלסקאַ, אַז דווקא דאָס האָט מאַריניאַן אָפּגעשטויסן, ווייל זי האָט זיך דערוואוסט, אַז ער פאַרטראַכט זיך, וועמען צו נעמען זי, צי די גאָלדפעלד.

רדזאַוויטש האָט אַ טופע געטאָן מיטן פוס און אויסגעשריגן מיט פּאַרדרוס:

— און וואָס האָט מאַריאַ געזאָגט אויף די אַלע שקרים און שווינדלערייען ?!

די סטזשעליסקאַ, וועלכע ס'האָט צעהיצט דאָס לאַנגע ריידן אירס, איז אַ ביסל בלאַס געוואָרן און געזאָגט מיט גנעדיקער ווערדע פון אַ מענטש, וואָס איז מער אַנטוויקלט, ווי דער, וואָס האָט זי געקענט באַליידיקן, און באַליידיקט זי דערמיט ניט:

— איר באַנוצט צו שאַרפע אויסדריקן, אָדער איר פאַרשטייט זיי ניט זייער גוט. אין לעבן זיינען דאָס וואָכעדיקע זאַכן.

— אַנטשולדיקט — האָט קאַלט געענטפערט רדזאַוויטש, וואָס האָט זיך געוואָלט דערוויסן פון אָנהייב ביזן סוף. — וואָסזשע האָט אַלזאָ מאַריאַ דערויף געזאָגט?

— מאַרינאַ האָט נאָך קאָלאָליאַסקיס אַוועקגיין אָנגעהויבן האַרציק אַזוי צו לאַכן, אַז עס איז אוממעגלעך געווען זי צו באַרויקן און לסוף האָט זי באַקומען ספּאַזמעס. זי איז צו נערוועז.

— איר וועט זי דערהרגענען, די אָרעמע מאַריניאַ.

— ניין, מיין הער, האַרציק געלעכטער און ספּאַזמעס זיינען גאָר ניט קיין נאַווינע ביי מיידלעך, וואָס זיינען אַזוי געשטימט, ווי זי. זי איז דעמאָלט אַפילו געווען ניט ביים גאַנצן געזונט, איר ווייסט... איר געדענקט דאָך, אַז אַן ערך דעם פינף און צוואַנציקסטן איז זי תמיד אַ ביסל אויפגערעגט... ס'איז נאָכדעם אַנטשטאַנען אַן אַוואַנטורע. פּלוצלונג, שוין נאָך די תּנאים, קומט באָזשעווסקי און זאָגט, אַז ער וועט בשום־אופן ניט מסכים זיין דערויף, אַז ער וועט שיסן קאָלאָליאַסקין, מאַריאַן, די גאָלדפעלד, אַלעמען, ווי אַ ווילדער מענטש. ער האָט אַראָפּגעכאַפּט ביי מאַריאַן איר פינגערל פון די תּנאים, און זי, אויף וועלכער ער מאַכט אַ גוואַלטיקן רושם מיט זיין איינדרוקלעכער נאַטור, וואָס גיט זיך שנעל אונטער, האָט אויף זיין באַפעל שוין גע־

נומען די פּען, כּדי צו שרייבן קאָלאָליאַסקין, אַז זי גיט אים צוריק דאָס וואָרט. דעמאָלט האָב איך זיך ערשט אָנגעזעצט אויף באָזשעווסקין. איך האָב אים געזאָגט, וואָס מיינט ער זיך מיט דעם אַלעם? אפשר וויל ער, מאַרינאַ זאָל זיין זיינס אַ געליבטע און ווערן באַדראָט פון אַ סקאַנדאַל?! אפשר זאָל זי גיין אין אַ קלויסטער אַריין און אַרויסקוקן דורך די גראַטן, ווי הער באָזשעווסקי פאָרט אין אַ קאַרעטע לעבן דער פרוי באָזשעווסקאַ née גאָלדפעלד און קוקט נאָך שיינע מיידלעך? דעמאָלט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ און אָנגעהויבן שרייען, אַז ער וועט גיין צו קאָלאָליאַסקין דינען, אַז אפשר וועט ער אים פאַר זיינס אַ שטיוול-פּוצער נעמען, אָבער דערהרגענען וועט ער אים, אַז ער וועט ניט דערלאָזן מאַריניאַ זאָל ווערן יענעמס ווייב — מילא, וואָס ער האָט אַלץ אויסגערעדט, איז פּשוט שווער איבערצוחזרן, אַן אמתער משוגענער; איבעריקנס, ווי איר אַלע זייט עס. מאַריניאַ ווידער האָט געחלשט; ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און איך האָב אָנגעהויבן אים פּשוט אין די אויגן אַריין פאָרצוּוואַרפן, אַז זי מאַכט פון זיך שוין געוויס אַ קרבן דורך איר שידוך מיט קאָלאַליאַסקין. ביי איר שיינקייט האָט זי געקענט צומגלענצנדסטן אַנדערש חתונה האָבן, נאָר דעמאָלט וואָלט אים שווערער געווען צו געניסן פון איר שיינקייט, און דאָס דאַרף ער קענען אָפּשאַצן און שעצן.

— באַנוצט לכל-הפּחות ניט די ווערטער — האָט איר איבערגעריסן רדזאַוויטש. — איצט וועל איך אייך זאָגן, אַז איר פאַרשטייט זיי מסתמא ניט.

די סטזשעליסקאַ האָט אויף אים אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן, דערנאָך גוטמוטיק זיך צעשמייכלט און געזאָגט:

— הער ראָמאַן, ס'אַר אַ קינד איר זייט.

ער האָט זיך צעמישט: די רואיקייט, דאָס תּקיפות פון סטזשעליסקאַ און דער טאָן פון העכערקייט, וואָס זי באַנוצט בנוגע צו אים, בעת זיי האָבן זיך צונויפגעטראָפן מיט אַ פראַזע, האָבן אים צעטומלט. זי ווידער האָט כּסדר געקוקט אויף אים מיט אַזאַ שמייכל, ווי מען קוקט אויף אַ קינד, וואָס איז שוין אין

דעם עלטער, אַז עס איז מחויב עפּעס צו פאַרשטיין, און פאַר־שטייט דאָך ניט און איז דעריבער אַמוזאַנט.

— ווילסט איר, כ׳זאָל אייך ווייטער דערציילן? — האָט זי אַ פרעג געטאָן אין אַ ווײַלע אַרום — כאָטש די מעשה איז אייגנטלעך שוין געענדיקט.

— און באָזשעווסקי?

— איז אַרויסגעפלויגן ווי אַ משוגענער, דאַכט זיך גלײַך צו דער באַן און אין אַ וואָך אַרום אָנגעשריבן צו מאַריאַן פון קיעוו, אַז בײַ אים האַלט שוין נאָך אַ יאָ־וואָרט מיט פרײַלין באָלד־פעלד, אַז אויף צו רעגולירן די עסקים פון פאַר דער התונה האָט אים דער שווער געגעבן פופצן טויזנט רובל, פון וואָס ער האָט צען תיכף צוגעלייגט צו דער אָנגערירטער סומע פון די מינדעריעריקע און צוואַנציק טויזנט האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו לײַען אַלס גאָלדפעלדס קומענדיקער איידעם, אַזוי, אַז ער איז שוין גאָרניט שולדיק און עס דראָט אים גאָרניט, — ער פילט זיך אָבער אַזוי אומגליקלעך, אַז ער האָט ניט קיין חשק צו לעבן, אַז אין ליבע צו זיך גלויבט ער ניט און דאָס בעסטע וואָלט געווען, ער זאָל זיך נעמען דאָס לעבן. מאַריניאַ האָט זיך אַזוי צעוויינט איבער דעם בריוו, אַז כ׳האָב זי ניט געקענט באַ־רואיקן, און האָט טעלעגראַפירט: גלויב מיר, נאָר פאַר דײַנעט־וועגן, פאַר אונז ביידנסוועגן, טו איך דאָס, וואָס איך טו. — איך האָב איר דיקטירט.

— זי האָט דאָך אים אָבער משוגע ליב — האָט אַ זאָג געטאָן רדזאַוויטש, ווי צו זיך אַליין.

— מאַריניאַ? זי האָט ליב בלויז איר שיינקייט, אייגן פאַר־געניגן און באָזשעווסקיס שיינקייט.

רדזאַוויטש האָט דעמאָלט אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף סטזשעליסקאַ. זי האָט משמעות הנאה געהאַט פון דעם אַלעם, וואָס זי האָט געזאָגט, ווי אַזוי זי האָט געזאָגט, און וואָס זי האָט עס געזאָגט דווקא אים.

— זי האָט קודם־כל קנאה צו מאַריאַן — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, זי איז מקנא איר שיינקייט, איר גליק צו מענטשן, איר

ערפאָלג און טריאומפן, זי וויל אפשר זיך אַליין דעריגען ניט מודה זיין. עס פרייט זי אָבער סוף־כּל־סוף מאַריאַס שרעקלעכע ירידה, איבעריקנס האָט זי דאָך זי געשטויסן דערצו.

— וואָס טראַכט איר? — האָט אַ פרעג געטאָן יאַדוויגאַ, וועלכע ס'האָט משמעות אָפּגעשטעלט רדזאַוויטשעס אופן קוקן אויף איר, און האָט שאַרף אים אַ קוק געטאָן אין די אויגן אַריין.

— איך טראַכט, אַז איר זייט זייער קלוג — האָט ער איר געענטפערט.

— איר האָט מיר דאָס ניט איינמאָל געזאָגט... נאָך אַמאָל.

— יאָ, כ'האָב אייך געזאָגט. קוים האָבן מיר אָבער אָנגע־הויבן ריידן וועגן אַמאָליקע זאַכן, טאָ זאָגט־זשע מיר, וואָס האָבן געהייסן אייערע ווערטער, אַז איך זוך ווייט, ניט זעענדיק, וואָס כ'האָב לעבן זיך—געדענקט איר!

יאַדוויגאַ האָט זיך פאַררויטלט. ניט פאַרלירנדיק אָבער די געוויינלעכע רואיקייט און איר דרייסטקייט, געענטפערט:

— צי האָט איר גערעכנט, אַז מאַריאַ האָט אייך ווען עס איז באַמת ליב געהאַט?

— כ'האָב זיך גענאַרט. כ'ווייס פון לאַנג, אַז זי האָט מיך קיינמאָל ניט ליב געהאַט.

— יאָ, איר האָט זי אינטערעסירט מיט אייער אַרטיסטישער נאַטור אַזוי ווי באָזשעווסקי מיט זיין שיינקייט און רייך. ס'קען אַפילו זיין, אַז ווען איר וואָלט אייך ניט צעגיין און איר זאָלט אייך געפינען על־פּי־נס אין באָזשעווסקיס מעמד, וואָלט זי פאַר אייך געטאָן דאָסזעלבע, וואָס פאַר אים.

— דאָס הייסט?

— זי וואָלט חתונה געהאַט מיט קאָלאָליאַסקין און וואָלט גרייט געווען אייך אָוועקצוגעבן איר נדן.

רדזאַוויטש האָט אַ ציטער געטאָן.

— רעדט אַפילו ניט וועגן דעם! דאָס איז מער ווי עקל־האַפט. און איר מיינט, אַז איך וואָלט זיך אין דעם פאַל אַזוי געפירט, ווי באָזשעווסקי? אַז ראשית וואָלט איך זיך גענומען

צו דער קאַסע פון די מינדעריעריקע און דערנאָך וואָלט איך זיך פאַרקויפט פאַר געלט און לסוף, דער סאַמע עיקר, וואָלט איך מסכּים געווען דערויף, אַז אַ פרוי, וואָס ווערט פון מיר געליבט זאָל חתונה האָבן מיט עפּעס אַ שלימזול, כּדי ס'זאָל מיר קיינער אין די באַציאונגען מיט איר ניט שטערן?! מאַריאַ איז שוואַך און פּאַסיוו; באָזשעווסקי אָבער איז נידערטרעכטיק און דאָס אַלץ איז מיאוס.

— דער שיינער און „אומבאַזיגלעכער" באָזשעווסקי — האָט אַ באַמקע געטאָן מיט אַ האַלבער שטים די סטוזשעליסקאַ.

— באָזשעווסקי איז נידערטרעכטיק — האָט באַשטעטיקט רדזאַוויטש. — קיין איין אָרנטלעכער מענטש טאָר אים די האַנט ניט דערלאַנגען, און פאַר אַזאַ מענטשנוועגן, פאַר אַזאַ אויסוואורף, הייבט אָן מאַריאַ איר לעבן מיט אַ פאַרברעכן!

— דעקלאַמאַציע — האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען די סטוזשעליסקאַ.

— אין אַן אַנדערן פאַל וואָלט איך עס אפשר אָנגערופן אַנז'ערש, אין דעם פאַל רוף איך עס אָן פאַרברעכן, איר הערט?!

— ווייל איר האָט ליב מאַריניאַן.

— באָזשעווסקי וואָלט זיך געווען באַדאַרפט פון איר אָפּזאָגן!

— אַז זי האָט אָבער ניט בדעה געהאַט זיך פון אים אָפּצוזאָגן, הער ראָמאַן, צוליב וועלכע פּרינציפּן, פאָראורטיילן און אָנזיכטן פון מאָראַל זאָל מען זיך אָפּזאָגן פון אַ מענטשן, וואָס מען האָט ליב און וואָס איז כּמעט די איינציקע הנאה פון לעבן? ביין, איר וועט מוזן מודה זיין, אַז דאָס וואָלט שוין געווען צו פיל.

סטוזשעליסקאַס רואיקייט און דרייסטקייט האָבן שטאַרק אַ וואַקל געטאָן רדזאַוויטשן: איבעריקנס, האָט זי אים געזאָגט דאָס, וועגן וואָס ער האָט זיך הונדערט מאָל געשפּאַרט מיט דעם מאָראַליש האַרטן טענזשעלן.

— וואָס-זשע אַלזאָ האָט געזאָלט הייסן דאָס, וואָס איר האָט מיר דעמאָלט געזאָגט? — האָט ער אַ פרעג געטאָן, כּדי

איבערצודרייען דעם שמועס, מחמת ער האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

סטזשעליסקאַ האָט אַ שמייכל געטאָן, קוקנדיק אויף אים פון אויבן אַראָפּ, און געזאָגט:

— אָט דאָס, וואָס איר האָט געזוכט ליבע אין זאַרינינאַן, אין וועלכער איר האָט זי ניט געקענט געפינען. איך האָב שוין דעמאָלט געוואוסט, אַז איר וועט זי ניט געפינען, איר האָט אָבער ניט געוואָלט זען, אַז לעבן אייך איז דאָ אַ פרוי, וואָס פאַרמאָגט פאַר אייך אמתע, ערלעכע פריינדשאַפט.

רדזאַוויטש האָט געהאַט חשק צו זאָגן: און איך ווייס, אַז דער פרוי איז קודם־כל געגאַנגען אין דעם, וואָס איך געפין זיך צופוסנס פון איר קוזינע און ניט ביי אירע—ער האָט זיך אָבער אָפּגעהאַלטן. יאַדוויגאַ וואָלט דעמאָלט גיכער אַוועק, ער האָט נאָך אָבער געוואָלט מיט איר ריידן. ער האָט דעריבער אויסגע־מיטן דעם ענין מיט שווייגן און אַליין אַ פרעג געטאָן:

— פאַרוואָס האָט איר אונז דערנעענטערט צו זיך און לסוף אונז געזאָגט, מיר זאָלן זיך נעמען, אויב מיר האָבן זיך ליב?

— מיר אַליין האָט זיך דעמאָלט געדאַכט אַ קורצע ווײַלע, אַז מאַריאַ האָט אייך ליב. ס'איז געווען אַ פאַלשער שריט.

— זי האָט דאָך אַוודאי געמוזט ריידן מיט אייך וועגן מיר.

— זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט אייך ליב, אָפּטער פאַר אַלץ אָבער, אַז אַזוי לפּחות דאַכט זיך איר אויס.

רדזאַוויטש איז אויף אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן; דערנאָך האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, וואָס איז מיט איר פאָרגעקומען נאָכן אי־בעררייסן מיט מיר?

— איר פרעגט אייך וועגן דעם שוין צום סוף צו? אייגנט־לעך, האָט איר דאָך געוואָלט זיך מיט מיר זען, כּדי וועגן דעם זיך צו דערוויסן, ניט אַזוי? איר זייט שטענדיק די נייגעריקסטע צו וויסן, וואָס ס'איז אונטער אייערע פלייצעס פאָרגעקומען מיט

דער פרוי, וועלכע איר האָט אוועקגעוואָרפן אָדער וואָס האָט אייך אוועקגעוואָרפן. מאַריאַ איז אַ געוויסע צייט געווען שרעק־לעך באַצערט; זי האָט זיך געמאַכט פאָרוואורף, וואָס זי איז אַזוי אומווערדיק מיט אייך זיך באַגאַנגען, אַז איר קענט איר און וועט מיר עס קיינמאָל ניט מוחל זיין.

— פאַרוואָס האָט זי אייגנטלעך טאַקע מיט מיר איבער־געריסן? — האָט איר איבערגעהאַקט רדזאַוויטש.

— קודם־כל און דער עיקר דערפאַר, וואָס ס'האָט זיך איר אויפגעהערט דאַכטן, אַז זי האָט אייך ליב. שפּעטער, אויב איר זייט נייגעריק, האָט זי זיך אָנגעהויבן באַרואיקן און אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט זי זיך בלויז צייטנווייז אָפּגעשטעלט: „וואָס קען נעבעך איצט טאָן דער אָרעמער רדזאַוויטש?" — אין אַ האַלב יאָר אַרום, דאַכט זיך מיר, אַז זי האָט שוין ניט גוט געדענקט אייער פאַמיליע. כ'זע, ס'איז אייך זייער ניט אָנגענעם, כ'זאָג עס אָבער אויפריכטיק אַזוי, ווי איר פאַרלאַנגט עס פון מיר.

— יאָ, כ'דאַנק אייך — האָט געענטפערט רדזאַוויטש, באַ־מיענדיק זיך צו באַהערשן דעם טיפן ווייטאָג. — כ'האָב איבע־ריקנס געוואוסט, אַז אַזוי איז עס געווען, אַז אַנדערש האָט עס ניט געקענט זיין. זאָגט מיר נאָך אָבער, צי האָט זי מיט באַזי־שעווסקין זיך אויך אַזוי געפירט, ווי מיט מיר?

— ניין, ווייל ער איז אַן אַנדערער. איר זייט אַ קינסטלער און ער איז אַ וועלט־מענטש, וואָס האָט ניט דעם מינדסטן באַ־גריף וועגן די אַלע סובטיליטעטן און געפילן, ווי איר, וועלכע קען אָבער אַ סך מער געפעלן אַ פרוי.

— מאַריאַ האָט אים אַלזאָ אַ סך מער ליב געהאַט, ווי זי האָט ווען עס איז מיך ליב געהאַט, אמת?

מאַריאַ האָט באַזשעווסקין ליב אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זי איז בכלל בכוח ליב צו האָבן. אויף איר ווירקט אין אַ מאַנס־ביל קודם־כל די שיינקייט פון זיין פיגור און דאָס פאַרמאָגט ער ביזן העכסטן גראַד. דערביי מוז זי באַהאַנדלט ווערן פון אויבן אַראָפּ און דאָס פאַרמאָגט באַזשעווסקי בנוגע צו פרויען, כאָטש ער פאַלט פאַר זיי אויף די קני. איר ווידער האָט געשטעלט

מאַריניאַן גלײַך מיט זיך, אָדער להיפוך, אַליין זיך איר אונ־טערגעגעבן.

— דאָס האָט מיר פאַרשאַפט פאַרגעניגן, ווייל כ'האָב גע־פילט, אַז זי איז שוואַכער.

פרויען זיינען אָבער שוואַכער און ווילן דאָס פילן אין דער באַציאונג צו מאַנסלייט. זיי הערשן דערמיט, וואָס מען באַ־גייט זיך מיט זיי, ווי מיט שוואַכערע. אַ פרוי האָט ליב צו באַ־פעלן מיט בקשה, אָבער בעטן מיט באַפעל — דאָס איז אייערס אַ זאַך. איר קאָפ דאַרף שטענדיק זיין אַ ביסל נידעריקער. אויב ער איז גלייך, הייבט זי זיך אָן ארומקוקן, ווייל קיין זאַך פאַרשטעלט איר ניט, און אויב העכער, הייבט זי אָן פילן, אַז זי האָט ניט אויף וואָס צו קוקן. אַ פרוי קען קוקן פון אויבן אַראָפּ נאָר דעמאָלט, ווען זי קוקט פון אונטן; וואָס מער זי איז פרוי, אַלץ שטאַרקער איז זי פון אייך, ווייל אונזער פרוילעכקייט איז פאַר אייך דאָס, וואָס ס'איז פאַר אונז אייער מענלעכקייט. די נאַטור אַליין האָט זי באַשאָנקען מיט אַ קלענערן וואוקס. איר זייט אייך שלעכט באַגאַנגען מיט מאַריניאַן: איר זייט געווען דענערווירט און צוגעדריקט פון די סתירות, אויפגעהערט איר צו אימפּאָנירן און פון דער רגע אָן, וואָס איר האָט איר אויפ־געהערט צו אימפּאָנירן, איז דער פסק־דין אויף אייך געווען אונ־טערגעחתמעט, אייער רום האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אויסצופּיקן און חוץ דעם, איז עס אַ זאַך, וואָס ווערט ביי אַזאַ פרוי, ווי מאַריניאַ, שנעל וואָכעדיק: באַזשעוווסקיס געזעלשאַפטלעכער גלאַנץ הערט איר ניט אויף צו אימפּאָנירן קיינמאָל, און וועט קיינמאָל ניט וואָכעדיק ווערן. אַ פרוי, וואָס פאַרמאָגט אין זיך מער לייב ווי זעל, דאַרף מען קודם־כל געפעלן אויסערלעך און דאָס דאַרף מען פאַרשטיין, אַז ביי אונז, פוילינס, שפּילט דער סאַלאָן אַ סך אַ גרעסערע ראָלע, ווי דאָס שלאָפצימער, דאָס עסצימער און דער לייענקאַבינעט; דער גלאַנץ ווידער פון הויז — אַ סך אַ גרעסערע, ווי דאָס גליק אין אים גופא.

— דאַכט זיך מיר, איר זייט גערעכט — האָט אַ זאָג געטאָן רדזאַוויטש, וועלכן די סטזשעליסקאַס שנעל און פיל ריידן האָט

אָנגעהויבן שטאַרק אָפּמאַטערן און די רעיונות וועגן מאַריאַן—נאָך מער פּייניקן און אויפרעגן. — ס׳איז צום בעסטן אַלזאָ זיי אויסצומיידן פאַר מענטשן, וואָס פאַרמאָגן ניט אַזאַ גלאַנץ, ווי באַזשעווסקי.

די סטוזשעליסקאַ האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַ שמייכל, וואָס האָט געהאַט אין זיך עפּעס פרעכקייט פון אַ ציניקער און אַ זאָג געטאָן: ווער=ווער, אָבער אייך דאַרף דאָס אַלץ ניט אַרן. אַ פרוי, וואָס האָט איין געליבטן, האָט מערסטנטייל דערנאָך צוויי און דריי...

זי האָט איבערגעריסן, ווייל רדזאַוויטש האָט אַ בלאַסער מיט צענויפגעצויגענע ברעמען און אַראָפּגעלאָזטע ווינקלען פונם מויל געמאַכט צו איר אַ שריט פאָראויס, דורכנעמענדיק זי מיט זיינע שטאָלענע בליקן.

ווי וואַגט איר אַזוי צו ריידן?! האָט ער זיך אָפּגערופן דורך די צענויפגעדריקטע ציין—ווי וואַגט איר?

ער איז אָבער תּיכּף געוואָרן צוריק קאַלטבלוטיק און טוענדיק אַ צוק מיט די אַקסלען מיט אַן אויסדרוק פון אומאָנגענעמער פאַרוואונדערונג, געענטפערט:

כ׳זע, אַז מען קען זיין אַ גרויסער קינסטלער און קוקן דערביי אויפן לעבן ווי אַ גימנאַזיסטין.

ער האָט זיך אויך באַהערשט: סוף=כּל=סוף איז דאָך די סטוזשעליסקאַ געווען אַ פרוי און זיך געפונען ביי אים אין שטוב. ער האָט אַ נעם געטאָן דאָס ערשטע בענקל, וואָס איז אים אין האַנט געקומען, און אַוועקזעצנדיק זיך דערויף, ווי אַ זייער פאַרמאַטערטער מענטש, אַ זאָג געטאָן:

— אַנטשולדיקט, איר האָט מיר אָבער פאַרשאַפן גרויס עגמת=נפש. איר זאָלט אייך ניט באַליידיקן פון דעם, וואָס כ׳וועל אייך זאָגן, כ׳הייב אָבער אָן האַלטן, אַז איר, פונקט ווי אַלע פאַרדאָרבענע מענטשן, האָט הנאה פון דעמאָראַליזאַציע און דעמאָראַליזירן אַנדערע.

די סטוזשעליסקאַ האָט געמאַכט אַ פּנים פון אַן אומשולדיק באַליידיקטע און אַ זאָג געטאָן:

— איז דאָס, אַלזאָ, וואָס כ׳האָב מציל געווען באָזשעוווסקין פון נעמען זיך דאָס לעבן, אָדער פון שאַנד, און מאַריניאַן פון מאַכן אַ תל פון איר לעבן, אָדער פון אוועקהרגענען איר גוטן שם—רופט איר אָן דעמאָראַליזירן אַנדערע? וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? וואַרטן ביז באָזשעוווסקי וועט זיך לאָזן אַ קויל אין קאָפּ, אָדער ביז מען וועט קענען אים פאַרפירן אַ פּראָצעס פאַר מיסברויכן צוטרוי? שטעלט אייך פאָר, וואָס עס וואָלט דעמאָלט געווען מאַריניאַן, וועלכע האָט, צי מיט האַרץ, צי מיט די נערוון, אים, דעם איינציקן אין דער וועלט, ליב?

— ניין — האָט איבערגעריסן רדזאַוויטש—דאָס, וואָס איר האָט באָזשעוווסקין צוגערעדט צום שידוך מיט דער גאָלדפעלד, קען איך נאָך פאַרשטיין, אָבער דאָס, וואָס איר האָט מאַריניאַן אַ שטויס געטאָן צו קאָלאָליאַסקין...

— וואָס-זשע דען האָב איך געזאָלט טאָן?

— וואַרטן. איר אַליין זאָגט דאָך, אַז מאַריאַ האָט ליב באָזשעוווסקין מער מיט די נערוון, ווי מיטן האַרץ. זי וואָלט געווען אויסגעהאַלטן. און דאָס, וואָס איר רעדט זי איין חתונה צו האָבן כדי איר זאָל לייכט זיין צו פירן אַ ראָמאַן, אין דעם שטעקט טאַקע אייער תאווה צו דעמאָראַליזירן אַנדערע, און אַז די האָפענונג צו דעמאָראַליזירן מאַריאַן ברענגט אייך פאַרגעניגן, זעט מען נאָך אייך שוין צו גוט אָן. כ׳וועל אייך פשוט זאָגן, אַז איך געפין אין אייך גיכער פון אַלץ אַ מאָראַלישע קראַנקהייט און דאָס וואָלט געווען דאָס גלייכסטע; צי איר שטויסט אָבער מאַריאַן אין זומפּ אַריין מחמת אייער קראַנקהייט, צי מחמת רשעות—ווייס איך, אַז אייך וועט זיך דאָס ניט איינגעבן, ווייל זי וועט ניט פאַלן! אָדער זי וועט ניט חתונה האָבן מיט קאָלאָליאַסקין און זיך אָפּטרייסלען פון דעם אַלעם, אָדער, אויב זי וועט אַפילו שוין יאָ חתונה האָבן, איז ניט, כדי צו ווערן באָזשעוווסקיס אַ געליבטע אויפן דריטן טאָג נאָך דער חתונה.

רדזאַוויטש האָט ריידנדיק, געקוקט אויף דער סטזשעליסקאַ און געזען, אַז זי בייסט זיך איינגאַנצן איבער פון כעס, זי האָט אָבער ניט אויפגעבראַוזט, נאָר שמייכלענדיק מיט ציניששער איראָניע

געענטפערט, משמעות שוין, כדי זיך מיט אים צו רייצן:

— אויפן דריטן טאָג ניט, ווייל אויף די ערשטע צוויי וואָכן וועט זי אַוועקפאָרן צו קאַלאָליאַסקין אין דאָרף אַריין, אַזוי אַרום צומשנעלסטן ערשט אויף דער דריטער וואָך. איך בין אַ מאָראַליש פּאַרזעעניש, אמת? אָבער איר זייט אַ קינד — האָט זי פאַרענדיקט, בייטנדיק דעם איראָנישן שמייכל אויף פאַראַכטונגלעכן ביטול. — איצט זע איך, אַז מאַריאַ האָט זייער גוט געטאָן, וואָס זי האָט מיט אייך איבערגעריסן. איר וואָלט איר די וועלט פאַרשטעלט מיט אייער פאַראַפיאַלער מאָראַל. זי וואָלט אויף קיינעם ניט געטאָרט אַ קוק טאָן, אָבער איר, אַז זי וואָלט אייך נמאס געוואָרן, וואָלט געקענט זיך לאָזן וואָילגיין מיט די מאָדעלינס און דאַמען, וואָס וואָלטן ביי אייך באַשטעלט פאַרטרעטן? אַ שיין לעבן וואָלט איר איר איינגעאָרדנט, אמת? פאַר פרויען איין מאָראַל, פאַר מאַנסלייט אַ צווייטע. אַ פרוי איז מחויב צו זיין „אַ ריינער מלאך", און איר דרייט איבער די וועלט מיט דעם קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. הער רדזאַוויטש וואָלט צוליב פריילין טיזשוויעצקאַ פאַרראָטן הונדערט פרויען, ווען זי זאָל אים נאָר וועלן, פריילין טיזשוויעצקאַ אָבער טאָר ניט צוליב איר הנאה וועגן פאַרראָטן אַפילו איין שלימזל, ווי קאַלאָליאַסקי, אמת? ווען עס זאָל אָבער אויף באָזשעווסקיס אָרט זיין הער רדזאַוויטש? ...

דער אופן, מיט וועלכן די סטזשעליסקאַ האָט אונטערגעשטריכן די ווערטער: „ווען זי זאָל אים נאָר וועלן", — האָט רדזאַוויטשן אַ שטאָך געטאָן ביז דער זיבעטער ריפּ; אים האָט זיך געדאַכט, ווי ס'וואָלט אים עמיץ דערלאַנגען אין באַק; אַחוצדעם האָט ער דערפילט, אַז זי איז גערעכט, אַז עס זיינען ניט פאַרהאַן קיין שטריק, וואָס ער וואָלט ניט וועלן איבעררייסן פאַר זיך.

— ווען זי זאָל מיך נאָר וועלן — האָט ער זיך אַליין אַ וואָרף געטאָן אין געדאַנק, פילנדיק אַ ביטערקייט אין מויל. ס'איז אים ניט גוט געוואָרן. פאַר זיינע אָפּגעשוואַכטע נאָך דער קראַנקהייט נערוון איז דאָס אַלץ געוועזן צופיל; אַ קאַלטער שווייס האָט זיך באַוויזן אויף זיין שטערן, די סטזשעליסקאַ האָט געמוזט באַמערקן,

אַז ס'איז אים ניט גוט געוואָרן, ווייל זי האָט אויפגעהערט ריידן און אָנגעהויבן פאַרשנדיק קוקן אויף אים.

ס'איז אייך עפּעס? — האָט זי אַ פרעג געטאָן אין אַ ווײַלע אַרום.

אים ווידער האָט אָנגעהויבן פינסטער ווערן אין די אויגן און ער האָט געפילט, אַז אויב ער וועט מיט אַלע כּוחות זיך ניט איינהאַלטן, וועט ער חלשן. די סטזשעליסקאַ איז אויפגע־שטאַנען, צוגעגאַנגען צו אים, אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין שטערן און אויף די שלייפן, דערנאָך אַ פרעג געטאָן, צי האָט ער ניט קיין עטער אינדערהיים? ער האָט געענטפערט מיטן קאָפּ ניין, מחמת ריידן האָט ער ניט געקענט; דעמאָלט האָט זי אים צוגערוקט אַ שטול, ער זאָל זיך אָנשפּאַרן און אַרויס, און אין אַ מינוט אַרום צוריקגעקומען, זאָגנדיק:

— כ'האָב געשיקט דעם סטרוזש אין אַפּטייק אַריין. כ'האָב אייך פאַרמאַטערט, אַנטשולדיקט. ס'וועט אייך גאָרניט זיין, דאָך איז בעסער, איר זאָלט האָבן מיטלען זיך אָפּצופרישן אין שטוב. איר דאַרפט אויף זיך איצט שטאַרק אַכטונג געבן, כ'האָב פאַר־געסן דערינען. און אויב איר זאָלט ניט געזונט זיין, בעט איך מיר צו וויסן טאָן. איך בין אַ געבוירענע באַרמהאַרציקע שוועסטער און כ'וועל מסתּמא אַזעלכע שטאַרבן.

ניט קוקנדיק אויף זיין גאַנצער אָפּגעשוואַכטקייט, האָט רדזאַוויטש אַ שמייכל געטאָן. דער סטזשעליסקאַס ראָלע אַלס באַרמ־האַרציקע שוועסטער, ביי אירע באַגריפן, איז קודם־כּל אַ געגנוג שטאַרקע און קאָמישע סתירה. ווען ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אָן איר זאָרגזאַמקייט און אָן איר אייביק דערוועלבער האַרציקער גרייט־קייט, מיט וועלכער זי איז אַרום אים אומגעגאַנגען בשעת זיין היץ אין קלענזשאַ, און אָן דער ליבע, מיט וועלכער עס האָבן וועגן איר געריידט די פּויערים, וואָס זי פלעגט אַליין זיי היילן און האָבן השגחה איבער זיי ביי די אָנשטעקנדיקסטע עפּידעמישע קראַנק־הייטן, מיט מסירות־נפש און ממש חידושדיקער דרייסקייט, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז זי האָט דאָך פאָרט אַ גוט און ניט געוויינלעך האַרץ.

— איר וואָלט דעמאָראַליזירט דעם גאַנצן אָרדן — האָט ער זיך אָפּגערופן, פילנדיק, אַז ער קומט צו זיך און אַז זיין כעס אויף יאַדוויגאַן, וואָס האָט אויף אים געקוקט באַאומרואיקט, פאַלט אָפּ. באותו הרגע האָט ער ווידער ניט ווילנדיק דערפילט זיין אַמאָליק סימפּאַטיע צו איר; זי האָט אים געגומען דערמיט, וואָס ער האָט געזען אין איר אַ אמת און אויפריכטיק דאגהן פאַר אים.

— איר קענט זיך אויפהייבן? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— כ׳קען.

— נו, הייבט־זשע זיך אויף.

רדזאַוויטש איז אויפגעשטאַנען און געמאַכט עטלעכע שריט איבערן צימער...

— ס׳איז אייך קיין זאַך ניט, איר זייט בלויז נאָך אָפּגעשוואַכט — האָט אַ זאָג געטאָן די סטושעליסקאַ, מען דאַרף זיך ניט מאַכן אַזוי פון אַלץ און זיך נעמען אַלץ צום האַרץ. איר דאַרפט אַוועקפאָרן. איך וועל שוין גיין, ס׳איז שפּעט. כ׳פריי זיך באמת, וואָס ס׳איז אייך ניט גוט געוואָרן, ווייל ווען ניט, וואָלטן מיר זיך געווען צעגאַנגען אין שלעכטן מוט. געדענקט, אַז אין מיר האָט איר תּמיד אַ פריינדלעכע נשמה. גייט איצט אַרויס אין שטאָט זיך אַ ביסל אָפּפרישן. איר זאָלט זיך נאָר היטן פאַר דער היי־מערט; וואָס ערגער איר וועט אויסזען, אַלץ מער פאַרגאַפט וועט זי אויף אייך קוקן. כ׳ווייס וועגן דעם, ווייל אַלע דערציילן עס נאָך. צום ווידערזען. רבונו של עולם! — האָט רדזאַוויטש אומ־געדולדיק אויסגעשריגן, — איר האָט געפונען פון וואָס צו ריידן? זאָגט מיר נאָך איין זאַך, האָט מאַריאַ אַמאָל גערעדט וועגן מיר מיט באָזשעוווסקין?

— איך אַליין האָב זי וועגן דעם געפרעגט, ווייל כ׳בין געווען נייגעריק. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז געווען אייער כלה, זי ווייס אַליין ניט פאַרוואָס, מחמת ס׳האָט זיך איר אַ קורצע צייט געדאַכט, אַז זי האָט אייך ליב, און דערנאָך, אַז זי האָט מיט אייך ניט איבערגעריסן אַזוי לאַנג דערפאַר, ווייל זי האָט אויף אייך רחמנות געהאַט, אָבער ערנסט האָט זי קיינמאָל ניט גע־

טראַכט מיט אײַך חתונה צו האָבן. ער האָט וועגן דעם אַ באַ=
גריף, אַז דאָס איז געווען אַזוי זיך אַ האַלב קינדיש שפּיל פון
אַ מיידל, וואָס לאַנגווייליקט זיך און וואָס האָט זיך שוין צופיל
ערלויבט, מחמת זי ווייסט, אַז אַלץ וועט איר אָפּגיין גלאַטיק.
ס'איז אין דעם פאַרהאַן אַ סך אמת אויך.

רדזאַוויטש האָט פאַרביסן די ליפּן.

— ער האָט געהאַט פאַר אײַך אַ סך סימפּאַטיע און איר
זייט אים אַ שאָד געווען. ער האָט איינמאָל אין מיין געגנוואַרט
געזאָגט מאַריניאַן, אַז דאָס איז פונדעסטוועגן ניט גוט, וואָס זי
האָט אײַך פאַרדרייט אַ קאָפּ. זי האָט אים אָבער איבערגעריסן,
ווייל זי איז דעמאָלט געווען צופיל צעפּעסטעט, זי זאָל אים ניט
רירן דערמיט, מחמת ביי איר קענט איר פועלן, אַז זי זאָל מיט
אים איבעררייסן און אומקערן זיך צוריק צו אײַך. איר ווייסט
דאָך, ווי זי האָט גוואַלטיק ליב צו איבערראַשן.

רדזאַוויטש האָט דערפילט, אַז ס'האָט אים בנוגע צו מאַ=
ריאַן עפּעס פּלוצלונג אַ קעלט אַרומגענומען און ער וואָלט צו=
פרידן געווען דערוויסן זיך עפּעס אַזוינס, וועגן וואָס ער וואָלט
געקענט קלערן, אַז עס פאַרשאַפט איר עגמת=נפש. האָט ער אַלזאָ
אַ פרעג געטאָן:

— וואָס אָבער זאָגן אויף דעם איבערבייטן דעם פּראָנט
פון הער באָזשעווסקי ביז הער קאָלאָליאַסקי אייער פעטער צי
באָבע און אַנדערע קרובים.

די קרובים? — האָט איבערגעחזרט די סטזשעליסקאַ —
איר זייט אײַך אַוודאי משער, אַז קיינער וועט זיך ניט חידושן,
וואָס מאַריניאַ וויל ניט חתונה האָבן מיט אַ אָנזעצער און אַלע
וועלן זיין צופרידן, אַז זי וועט חתונה האָבן מיט קאָלאָליאַסקין,
וואָס פאַרמאָגט אַן ערך פון דריי=מאָל הונדערט טויזנט און שֶמט
אַלס געזעצטער און זייער ערלעכער מאַן. אחוץ דעם האָבן אַלע
שוין געגנוג געהאַט וואָס אויסצושטיין, זיי האָבן געמוזט זיין אַפּוטרופּסים
איבער מאַריאַן, אַזוי ווי אָבער דער טאַטע מיינער האָט צו גוט
געהיט איר נדן, האָט מען אומזיסט געשאַרפט די ציין, אַז ס'זאָל
עמיץ קענען פון אים עפּעס געניסן.

— איר באַשמוצט דאָך מענטשן.

— יעדער פאַרליבטער מיינט, אַז זיין געליבטערס קרובים זיינען אַנדערש פון אַלע מענטשן, ווייל זיי זיינען קרובים. דאָס בעסטע וואָלט געווען, איר זאָלט אייך מאַריניאַן פון קאָפּ אַרויס־שלאָגן.

— איך האָב זי זיך שוין לאַנג אַרויסגעשלאָגן — האָט געענטפערט רדזאַוויטש, וואָס האָט די רגע געפילט, אַז קיינזאַך בינדט אים מיט מאַריאַן ניט צונויף. — כ'בין בלויז געווען ביי־געריק.

די סטזשעליסקאַ האָט ניט געקענט פאַרבאָרגן איר שמייכל, און האָט אויסציענדיק צו אים די האַנט, האַרציק אַ זאָג געטאָן:

— צום ווידערזען. מאַכט ניט קיין תל פון זיך און זוכט פרויען, וואָס פאַרשטייען אייך אַזוי, ווי איר זייט און שעצן דער־פאַר, וואָס אין אייך איז דאָ. צום ווידערזען.

נאָך יאַדוויגאַס אַוועקגיין, האָט רדזאַוויטש דערפילט זיך אַזוי פאַרמאַטערט, צעבראָכן און חרוב, אַז עס האָט אים אויס־געוויזן, ווי ס'וואָלט ביי אים אין קאָפּ זיך עפּעס קויקלען און איבערדרייען. אויף דעם אַלעם, וואָס זי האָט געזאָגט, האָט ער זיך ניט געוואָלט אָפּשטעלן, ער האָט ניט געוואָלט זיך דערמאָ־נען דערינען, פּשוט מורא געהאַט. ער האָט מורא געהאַט, אַז אויב ער וועט דערלאָזן צו זיך אַ געדאַנק וועגן מאַריאַן, וועט ער משוגע ווערן, אָדער זיך אַ ריס טאָן צו עפּעס אַ משוגעת, און קודם־כל איז ער געווען מיד און געוואָלט זיך אָפּרוען. ער האָט אויף קיינזאַך ניט געהאַט קיין כּוח, אַפילו אויף אַראָפּ פון זינען. — אַן אַנדער לופט, אַן אַנדער אַטמאָספערע! — אַרויס־רייסן זיך! אָפּטרייסלען! — האָט ער אַ זיפץ געטאָן צו זיך אַליין מיט אַ האַלבער שטים, אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אָן דער וואַנט ביי דער טיר, צו וועלכער ער האָט צוגעפירט די סטזשעליסקאַ. און דעמאָלט איז פאַר זיינע אויגן ווידער דורך עליאַ ראָסיענסקאַס געזיכט, עפּעס צווישן גרינס און זון. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם הוט, אַרויס פון אַטעליע און אַריינגעשפּרונגען אין אַ דראָזשקע

אַריין. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער אָנגעקלונגען אין די פּושערוויצעס וואוינונג. פרוי לאַאוראַ איז געווען אינדערהיים.

— מאַדאַם—האָט ער אַ זאָג געטאָן, אַריינגייענדיק שנעל.— אויב איר קלייבט אייך צו די ראָסיענסקיס, און איך קען באמת געניסן פון דער איינלאַדונג, וועל איך פאָרן.

— ס׳וועט מיר פאַרשאַפן אמת פאַרגעניגן, דאָס זיינען אַזעלכע גוטע מענטשן — האָט געענטפערט פרוי לאַאוראַ. — איך ווייס נאָך ניט, ווען מיר וועלן פאָרן, מיר וועלן אָבער וועגן דעם זיך דורכשמועסן מיט יעזשין, וואָס וועט תיכף קומען צו גיין. זעצט אייך, כ׳וועל הייסן פאַר אייך געבן געשיר; איר וועט מיט אונז עסן פרישטיק.

זי איז אַריין אין עס־צימער און רדזאַוויטש האָט קוקנדיק אויף איר, ווי זי איז געגאַנגען אין ווייסן לאַנגן שלאַפראָק, אַ מורמל געטאָן מיט אומגעהייערן, יאָושדיקן צער:

— ווי ריין זי איז! ווי ווייס זי איז!...

זעקסטער קאַפּיטל.

דאָס קליינע, אינגאַנצן ווייסע קעצל, מיט דער ראָזער נאָז און גרינע אויגן, איז געווען אין גרויס פאַרלעגנהייט. הינטער אים אויף דער סטעזשקע האָט זיך געפונען אַ בושל, פאַר וועלכן דאָס קעצל האָט שרעקלעך מורא געהאַט; לעבן אים פון ביידע זייטן סטעזשקע איז געווען נאַס גראָז פון גאַזאָנען, אין וועלכן עס האָט בשום אופן ניט געוואָלט אַריינקריכן, פון פאָרנט ווידער איז געשטאַנען פעסט ביי זיך אַ ריזיקער מוילוואָרף, וואָס האָט פון צייט צו צייט געשאָקלט מיט זיין מוראדיקן קאָפּ. ביים מוילוואָרפס יעדער שאָקל מיטן קאָפּ האָט דאָס קליינע קעצל אויפגעציטערט און זיך אַ ביסל צוריקגעצויגן, דערנאָך זיך ווידער גערוקט פאָראויס, מחמת מורא פאַרן בושל, וואָס איז געווען פון הינטן. לסוף האָט עס זיך צוגעזעצט און, ניט אַראָפּלאָזנדיק קיין אויג פון מוילוואורף, באַלעקט פריער די לינקע, פאָדערשטע לאַפּקע און אָפּגעווישט זיך דאָס פּיסקל, דערנאָך אויפגעהויבן איבערן קאָפּ די רעכטע אונטערשטע לאַפּקע, עטלעכע מאָל זי אַ לעק געטאָן און ווידער געבליבן אין אַ אומבאַהעגלעכער לאַגע קעגנאיבער דעם מוילוואָרף, וואָס האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. לסוף, ווען דער מוילוואָרף האָט אַ לאַנגע צייט ניט באַוואויגן מיטן קאָפּ, איז דאָס קעצל געוואָרן דרייסטער און אויסגעצויגן צו אים פאָרזיכטיק אַ לאַפּקע, ווי עס וואָלט וועלן אים אָפּרוימען פון וועג, אָבער תיכף מיט גרויס שרעק זי צוריקגעצויגן. עס האָט געפּרוווט אַ צווייט און אַ דריט מאָל, אָבער כסדר זייער שנעל זיך צוריקגעצויגן. פּלוצלונג האָט דער בושל געמאַכט צוויי טריט פאָראויס: דאָס קליינע קעצל, וואָס האָט משמעות באַטראַכט דאָס פאַר אַן אָנגריף אויף זיך, האָט דעמאָלט אַ ריזיקן שפּרונג געטאָן אין דער קרים אי-

בערן מוילוואָרף אַריבער, ס׳האָט אין דער לופטן, ווי אַ בויגן, מיט צעטשאַפּעטע לאַפּעס און אויסגעצויגענעם עק, אים אויסגעמיטן און אַראָפּפּאַלנדיק אַן ערך אַ האַלבן מעטר הינטער אים, געגומען מאַכן פּיס איבער דער סטעזשקע. דאָ ווידער האָט זיך געטראָפן דערמיט אַן אַנדער סיבה, מחמת צוויי שטשעניעקלעך פון געיעג־הונט, וואָס איז געלעגן מיט זיי אויפן גראָז, האָבן זיך אָפּגעריסן פון סטאַדע און פאַרשטעלט דעם קעצל דעם וועג, שטעלנדיק זיך קעגנאיבער אים אויף דער סטעזשקע, מיט איין לאַפּקע אויפגע־הויבן פון פאָרנט און מיט אָפענע פּיסקלעך, אויפגעלייגטע, פריי־לעכע, אויף אַלץ נייגעריקע און דרייסטע.

דאָס קליינע קעצל האָט קיין מורא געהאַט פאַרן געיעג־הונט, וועלכן ס׳האָט געקענט פון געבוירנשאַפט אָן. צו די שטשע־ניעקלעך אָבער האָט עס געפילט עפּעס אַן אַריסטאָקראַטישן עקל און אפילו, אמת קעגן אייגענעם ווילן, אָבער אַ שטיקל מורא. זיי זיינען געווען דיק און שוואַרץ מיט אַראָפּגעהאַנגענע אויערן, דאָס קליינע קעצל האָט זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעהויבן טראַכטן ס׳האָט זיך אומגעקוקט: דער בושל איז געווען ווייט און האָט עפּעס געפּיקט אין גראָז; דער מוילוואָרף איז ערגעץ נעלם גע־וואָרן. מעגלעך, אַז דער בושל האָט אפשר אויפגעגעסן דעם מויל־וואָרף. דאָס קליינע קעצל האָט אַ רגע געמאַכט אַ מין מינע: „אָ, זעסט, אויסוואורף איינער!‟ אָבער נאָר אויף אַ ווײַלע, מחמת עס האָט זיך געמוזט פאַרטראַכטן איבער די שטשעניעקלעך. מען האָט איבער זיי געקענט אַריבערשפּרינגען, אָבער הינטער זיי זיי־נען פון גראָז אַרויס, פריער איינס, נאָכדעם אַ צווייטס, נאָכדעם אַ דריטס,—אַזוי, אַז עס איז שוין געווען צוזאַמען גאַנצע פינף, און אַריבערשפּרינגענדיק די ביידע ערשטע, האָט מען געקענט אַריינ־פאַלן צווישן יענע דריי און דווקא אין סאַמע מיטן אַריין. ס׳איז נאָך געווען אַ גליק, וואָס דאָס קליינע קעצל האָט קיין האָר אַפילו ניט מורא געהאַט פאַר דער סוקע, וואָס האָט זיך רואיק געלעקט דאָס זעקסטע שטשעניעקל.

דערווייל האָבן די ערשטע צוויי זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו אים. דעמאָלט האָט דאָס קליינע קעצל אויסגעבויגן דעם רוקן

און געמאַכט אַ בּייז פּנים, כּדי בּלויז מיטן בּליק זיי אָפּצושרעקן. זיי זיינען אָבּער מיט נאַרישע מינעס צוגעגאַנגען נענטער, אַ בּיסל דערשראָקענע, אָבּער נאָכמער נייגעריקע. אַ טריט פאַר אים האָבּן זיי זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעגלאָצט אויף אים זייערע שליפּעס, דעמאָלט איז דעם קליינעם קעצל איינגעפאַלן, אַז מען וואָלט געקענט פּרובּן מאַכן מיט זיי שלום. עס האָט זיי שוין געזען אַן ערך צוויי חדשים און ניט איינמאָל בּאַמערקט, אַז זיי שפּילן זיך זייער פריילעך, הגם פּראָסט, אָן שום פאָרנעמקייט, אָן אַ שום חן, אָבּער ווי דער אמת איז, אָנגענעם. דאָס קליינע קעצל האָט ניט געהאַט קיין שום געהעריקע געזעלשאַפט אין הויף און האָט אָפּטמאָל חשק געהאַט זיך צו חבֿרן; ס'האָט דעם קעצל אַפילו דערצו צוגעגעבּן נאָכמער חשק דער געיעג-הונט אַליין, לעקנדיק עס אַלעמאָל, ווען עס פלעגט דורכגיין לעבּן אים. דאָס קליינע קעצל האָט זיך בּאַטראַכט, אַז איצט וואָלט געקענט זיין די אמתע צייט זיך אָנצוהויבּן חבֿרן און איז אָנשטאָט דעם בּייזן פּנים געוואָרן העפלעך. די שטשעניעקלעך האָבּן זיך דערנענטערט, און אָנגעהויבּן בּאַשמעקן דאָס קעצל, אויסציענדיק דערצו פאָרזיכטיק די קעפּלעך. בּעת איינס האָט אָבּער, שוין מער דרייסט און געפּאַנגען פון דעם קעצלס בּאַנעמען זיך, געוואָלט אַלעק טאָן זיין נאָז, האָט עס תּיכּף דערלאַנגט אים אין פּיסק, דערנאָך אַ שפּרונג אַריבּער געטאָן איבּער זיין משפּחה, נאָכדעם איבּערן נאַסן גראָז, וואָס האָט פון דעם אָרט געפּירט מיט אַ שמאָלן פּאַס צום פענסטער צו און איז דערויף אַרויפגעשפּרונגען. דאָ איז עס געווען זיכער: ס'האָט פון אויבּן אַראָפּ אַ קוק געטאָן אויף די פאַרחידושטע שטשעניעקלעך, וועלכע האָבּן אויפגעהויבּן זייערע קעפּלעך, ווי נאָך אַ פויגל נאָך, וואָס האָט זיך זיי פון אונטער די פיס אַפּער געכאַפּט. דאָס קעצל האָט זיך אָפּגעלעקט די אַ בּיסל פאַרנעצטע לאַפּקעס, און ווערנדיק זייער גוט געשטימט, אָנגעהויבּן אויסערגעוויינלעך קונציק אונטערצוּוואַרפן און צוריק כאַפּן דאָס שנירל פון ראָלעט.

— קיטשו! — האָט אַ רוף געטאָן רדזאַוויטש פון צווייטן פענסטער, פון וועלכן ער האָט זיך צוגעקוקט צום קליינעם קעצל אין גאָרטן; דאָס קעצל האָט אַרויסגערוקט זיין קעפּל פון הינטער

דער פראַמוגע אַפּער, דערזען, אַז עס איז אַן אייגענער, אַ מיאַוטשע געטאָן און אַראָפּשפּרינגענדיק, צוגעגענט צו רדזאַוויטשן. ער האָט עס גענומען אויף דער האַנט, אַרויפגעזעצט אויפן צווייטן פענסטער, אַ גלעט געטאָן און ערלויבט זיך שפּילן מיטן קייטל פון זיין זייגערל.

רדזאַוויטש איז אין זאַגוזשע ביי די ראָסיענסקיס געווען שוין פינף טאָג. ער איז אַרויסגעפאָרן פון וואַרשע מיט די פּושערוויצעס ערשט אין צוויי וואָכן אַרום נאָך זיין שמועס מיט יאַדוויגאַן, מחמת פּושערוויץ האָט פריער געוואָלט ענדיקן עפּעס אַ ליטעראַרישע אַרבעט; אין משך פון דער צייט איז ער זייער זעלטן אַרויס פון שטוב, כּדי ניט צו באַגעגענען מאַריאַן, עמיצן פון איר משפּחה, אָדער קאָלאָליאַסקין. די צוויי וואָכן זיינען געווען פאַר אים שרעקלעך און ער האָט ניט געקענט אויסוואַרטן די מינוט, ווען ער וועט פאַרלאָזן וואַרשע.

ס'האָט אַלץ אין אים געזידט. צייטנווייז פלעגט ער זיך אַ כאַפּ טאָן און געוואָלט לויפן צו מאַריאַן, פאַלן פאַר איר אויף די קני און באַשווערן מיט אַלץ, אַז זי זאָל מיט קאָלאָליאַסקין ניט חתונה האָבן. צייטנווייז פלעגט ער אַריינפאַלן אין אַ פאַרצווייפלטער אַפּאַטיע, אָדער אָנגעהויבן פון זיך אַליין חוזק מאַכן. איז דען ניט דער גרעסטער שטות דאַגהן דערפאַר, וואָס אַ פרוי, וועלכע האָט עמיצן אַנדערש ליב, האָט חתונה מיט עפּעס אַ דריטן? אַזוי, צי אַזוי, וואָס גייט עס אים דען אָן? צי מאַריאַ וועט אַרומנעמעןביים האַלז באָזשעווסקין, צי קאָלאָליאַסקין, צי זי וועט איינס נאָך אַנדערן אַרומנעמעןביידע: אַלנפאַלס, זיין האַלז האָט ער ניט דאַרט וואָס צו רוקן. ער איז אַן אמתער אייזל, וואָס ער פאַרסמט זיך דאָס לעבן מיט דער פראַגע וועגן איר חתונה. סיידן... סיידן די סטזשעליסקאַ איז גערעכט, ווען זי זאָגט, אַז אַ פרוי, וואָס האָט איין געליבטן, האָט שפּעטער מערסטנטייל צוויי און דריי.

ביי דעם געדאַנק פלעגט אים טיילמאָל באַהערשן אַזאַ ווילדער באַסט אויף דער סטזשעליסקאַ און אויף זיך, טיילמאָל עפּעס אַ ציניש הנאה, און טיילמאָל אַ געפיל פון דערנידעריקונג, שאַנד

און קנאה, ווייל דעמאָלט וואָלט מאַריאַ געקענט אים אָפּשטויסן פון זיך. צייטנווייז האָט ער זיך געפּלעגט אַזוי ווייט פאַרגעסן, אַז ער האָט פּשוט זיך געשטעלט אַ פראַגע, צי ער וואָלט אין דעם פאַל געפּרובט זיך דערנענטערן צו מאַריאַן און אויף וואָס פאַר אַן אופן וואָלט ער עס טאָן? פּונקט, ווי זי וואָלט שוין געווען באַרימט דערמיט. און ס'האָט אים ווידער באַהערשט אַ רחמנות אויף איר און אַ כעס אויף זיך און ער וואָלט וועלן איר צו די פיס פאַלן און איבערבעטן און בעטן, זי זאָל אים מוחל זיין.

אין דעם אַלעם איז דאָס הערשנדסטע און ווייטאָגלעכסטע געווען דער געדאַנק, אַז ער אַליין איז פאַר מאַריאַן גאָרניט, אַז איצט, ווען אין דעם מוח מוז אַלץ ממש זידן און קנוילן זיך, רוקט זיך זיין נאָמען, זיין עקסיסטענץ אַפילו ניט אונטער. זיינע געפילן צו איר וואָלט ער אַפילו ניט קענען ביים נאָמען אָנרופן: דאָס איז אַ כסדרדיקער, גרויסער, מאָנאָטאָנער ווייטאָג און אַ איבערצייגונג, אַז ער מוז וועגן דער פרוי טראַכטן—וואָס ס'זאָל ניט געשען, מוז ער עס; אַז זיין געדאַנק איז מיט איר פאַרבונדן אויף אייביק און זיך אָפּרייסן פון איר—ניט ער וואָלט געקענט, ניט ער וואָלט בכוח געווען, ווען ער זאָל עס אַפילו וועלן.

מאַריאַ איז געוואָרן פאַר אים עפּעס אַ טייל פון זיין בלוט, אַ חלק פון זיין אָרגאַניזם. אין דעם פּרט האָט אים אַ יאוש באַהערשט. ער האָט זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז ער צעברעכט זיך זיין לעבן און האָט שלום געמאַכט מיטן דאָזיקן געדאַנק, פּונקט ווי אַ שיכור מאַכט שלום דערמיט, וואָס דער בראַנפן, וועלכן ער הערט ניט אויף אין זיך אַריינצוגיסן, וועט אים אומברענגען.

דאָס געשפּענסט פון אומקומען דורך מאַריאַן האָט זיך אים געשטעלט פאַר די אויגן, און ער האָט געקוקט דערויף, ווי אַ מענטש, וואָס איז פאַרמשפּט צום טויט, קוקט, נאָכן אויפנעמען דעם פּסק־דין, מיט רעזיגנאַציע אויף דער רישטעוואַניע, וועלכע ווערט אויפגעשטעלט פאַר זיינע פענסטער. דאָס וואָס עס וועט מיט אים געשען, וועט זיין שרעקלעך, אָבער — געשען זאָל עס.

ער האָט, צוליב דער נערוועזיטעט זיינער, אָנגעהויבן ווערן פאָראורטיילדיק און אָבערגלויבעריש. עס זיינען אים געקומען

אויפן זכרון די פאַרשיידנסטע פאַלן פון דער צייט פון זיינע באַ־ציאונגען מיט מאַריאַן און אַלץ האָט פאָרגעזאָגט שלעכטס, כאָטש ער האָט דעמאָלט דערפון זיך קיין חשבון ניט אָפּגעגעבן. אפילו שפּעטער נאָכן איבעררייסן, האָט ער געטרונקען פאַרן געזונט פון איר געליבטן און געהייסן טרינקען פאַר אים טענזשעלן, ווי ער וואָלט פאָראויסזען, וואָס עס וועט געשען. פון דער צייט אָן איז שוין אַוועק אַ יאָר און עס גייט שוין דער סוף פון צווייטן האַלבן יאָר... צי מאַכט ער ניט אַ תּל פון זיין לעבן?... צי וועט ער ניט מוזן אַמאָל זאָגן, ווי באַלזאַק, מיט דעמזעלבן צער, וואָס יענער: „דאַכט זיך, איך בין פאַרבײַ מיין לעבן?..." עליאַ ראָסיענסקאַס געזיכט, דאָס שטילע און ריינע, מיט די קאַרשנליפּן, וואָס זיינען ווי צום קושן באַשאַפן, וועלכע האָבן געשריגן: איך גאַר! — האָט צייטנווייז פאַר זיינע אויגן דורכגעשוועבט, ווי אַ דערמאָנונג פון ערגעץ, עפּעס, איינמאָל דורכגעלעבטן יולי־פרימאָרגן, וואָס איז צווישן אַנדערע מינוטן פאַרבליבן ביי אים אין זכרון און קערט זיך צייטנווייז אום.

קודם־כּל אָבער האָט ער געפילט, אַז די אַטמאָספערע, אין וועלכער זיינע מחשבות דרייען זיך אום, איז אַ שמוציקע. אַלץ, וואָס באָזשעווסקי האָט געטאָן און וואָס מענטשן האָבן מיט אים געטאָן, אַלץ, וואָס ס'האָט געזאָלט געשען מיט קאָלאָליאַסקין, מיט באָזשעווסקיס און מאַריאַס משפּחה, די סטזשעליסקאַ, אַלץ איז געווען שמוציק. בנוגע צו מאַריאַן האָט ער דאָס דאָזיקע וואָרט ניט געוואָלט באַנוצן, ניט געקענט און ניט געוואַגט און ווען דאָס איז אים געקומען אויפן רעיון, האָט ער זיך תּיכּף באַמיט וועגן דעם ניט צו טראַכטן. ער האָט אַליין זי פאַר זיך גופא פאַרטיידיקט: קודם־כּל איז זי אומגליקלעך, בפרט, ווען זי פאַר־מאָגט אַלע באַדינגונגען און דערצו אין אַזאַ גרויסער מאָס, צו זיין איינע פון די גליקלעכסטע און אַז דאָס ווייסט זי און פילט עס. בטבע אַ פּאַסיווע, וואָס לאָזט אויף זיך לייכט משפּיע זיין, דערצויגן אונטער די ערגסטע השפּעות פון אַזעלכע מומעס פּאָ־זשעלסקיס און אַזעלכע קוזינעס, ווי יאַדוויגאַ סטזשעליסקאַ, אַ פאַרדאָרבענע פון מענטשן, אַ פאַרשיכּורטע פון ערפאָלג און

אייגענעם רייך, ווייס זי אַליין ניט, וואָס ס'איז שלעכט און וואָס גוט, וואָס עס איז רעכט און וואָס ניט? וואָס פאַר אַ כאַראַקטער זי האָט, ווי זי וואָלט געקענט זיין און ווי זי וואָלט באַדאַרפט זיין, איז די בעסטע ראיה די גרייסקייט, מיט וועלכער זי האָט פאָרגעלייגט באָזשעוווסקין איר נדן אויף צו דעקן דעם דעפיציט פון די מינדעריעריקעס סומע, כמעט דעם גאַנצן, און זי וואָלט געוועז געגעבן אים ביזן לעצטן גראָשן, ווען ער זאָל דאָס געוועזן באַדאַרפן. אַז זי האָט פאַרשטאַנען, וואָס געלט איז אַזוינס, און וואָס פאַר אַ ווערט עס האָט פאַר איר, האָט ער געוואוסט, ווייל ניט איינמאָל, נאָך אַלס כלה, האָט זי אים געזאָגט מיט אַ געוויסער עגמת=נפש, אַז זי פאַרשטייט זייער גוט, אַז איר משפחה קוקט אויף איר ניט מיט ביטול בלויז דערפאַר, ווייל זי פאַרמאָגט עפּעס און קען ווען עס איז עמיצן צו ניץ קומען. זי האָט אַפילו געזאָגט, אַז זי ווייס זייער גוט, אַז די מומע פאָזשעלסקאַ וואָלט געוואָלט זי רייך חתונה מאַכן, כדי איר מאַן זאָל שפּעטער אונטערשרייבן אַ פּעטן וועקסל פאַר איר מאַנס=וועגן אָדער פּשוט אים געבן אַ גמילת=חסד מיד=ליד. פאַרשטייט זיך, אַזוי צי אַזוי, וואָלט דאָס געוועזן אַ מתּנה פון אַ קוזין בתורת הלוואה. „די מומע וואָלט מיך פאַר אַ ליאַדע וועמען חתונה געמאַכט, אַבי יענער זאָל האָבן געלט, און אַבי עס זאָל זיין אַ האָפענונג, אַז ער וועט געבן אַ הלוואה"— האָט זי אים איינמאָל געזאָגט אין אַ מינוט פון צער און טרויער.

צו דער חתונה מיט קאָלאָליאַסקין מוז זי איצט שטויסן איבערגעוואַלט. קאָלאָלאַסקי איז ווי אויסגעטרוימט; אַ נאַרישער, גוטער רייכער און וועט זיך אַליין לאָזן אויסנוצן און היות ער האָט אַ האַרץ=פעלער, קען ער אינגיכן שטאַרבן, דעמאָלט וועלן אייגנטלעך די מומע פאָזשעלסקאַ צוזאַמען מיט איר מאַן און זון בלייבן יתומים און נעמען ירושה נאָך קאָלאָליאַסקין. אַז פרוי פאָזשעלסקאַ טראַכט ביי זיך אַזוי, וואָלט ער געקענט שווערן און ער האָט אַפילו ניט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער באַעוולט דערמיט די פרוי, מאַכנדיק וועגן איר אַזעלכע מיני השערות. צווישן דער גאַנצער כאָפּטע באָזשעוווסקיס, סטזשעליסקיס, פאָזשעלסקיס, מאָיווילס, גאָלדפעלדס ctutti guanti, איז מאַריאַ געוועזן בלויז אַן

עלנט, זייער עלנט מיידל, וואָס איז אַלס קינד פאַריתומט געוואָרן און געוואָרפן געוואָרן אויף דער וועלט, ווי אויפן בּאַראָט פון בּייזע מענטשלעכע אינסטינקטן. ער האָט אויף איר דאַן האַרציק רחמנות געהאַט, אַז עס האָט זיך אים געדאַכט, ער וואָלט פון זיין בּלוט אָפּגעצאַפּט, אַבי זי פון דערדאָזיקער כאָפּטע אַרויס־צורייסן; אַליין אָבער האָט ער געפילט, אַז ער ווערט ממש דער־שטיקט, און אויב ער וועט זיך פון וואַרשע ניט אַרויסרייסן, וועט ער עס ניט אויסהאַלטן. ער האָט, אמת, געקענט ערגעץ־וואו אַוועקפאָרן, קיין אויסלאַנד, צי אין לאַנד גופא, ער האָט אָבער געהאַט גרויס חשק זיך אָפּצורוען אין אַ פּויליש דאָרף, און אַחוצדעם האָט ער אַ געוויסע צייט געוואָלט לעבן אין געזעל־שאַפט פון מענטשן, ווי ער האָט געזאָגט צו זיך, „ריינע". די פּושערוויץ האָט אים פאָרגעשטעלט די פאַמיליע ראָסיענסקיס אין אידעאַלע פאַרבּן און ווען ניט די ניט אויסהיילבּאַרע און שווערע קראַנקהייט פון פרוי ראָסיענסקאַ, וואָלט עס געווען אַן אמת דאָרפישער גן־עדן.

איינס, וואָס האָט אים אַ בּיסל בּאַאומרואיקט, איז געווען דער געדאַנק, אַז ער וועט זיך בּאַגעגענען מיט עליאַן.

אַזאַ עליאַ וועט בּיזן סוף לעבן אירס פילן בּנוגע צו אים עפּעס אַ בושה, און מסתמא אויך תרעומות... — ער האָט מיט איר מיסגעבּרויכט, זי מכניע געווען, גענומען מיט כּוח. עס וואָלט פאַר איר אייבּיק געווען אַ דערמאָנונג פול בושה, אָבער אָנגענעמע, בּלויז דעמאָלט ווען זי זאָל אים די האַנט אירע, פאַר וועלכער ער האָט זי אייגנטלעך גענומען און זי בּאַאָנמעכטיקט, אויף איי־בּיק אַוועקגעבּן. וועגן דעם אָבער קען קיין רייד ניט זיין. ווען זי זאָל אים אפילו ליב קריגן, ווען די עלטערן זאָלן מסכּים זיין, איז ער אַליין איצט ניט בּכּוח געווען כּמעט תּופס זיין, ווי האָט ער עס געקענט אַפילו אויף אַ רגע זיך אונטערגעבּן דער אילוזיע, אַז עס וועקט זיך אין אים עפּעס אַ געפיל צו איר. מאַריאַ האָט פאַר אים ווידער די גאַנצע וועלט פאַרשטעלט; ניט ליכטיק, ווי בּעת זי איז זיין כּלה געווען, ניט בּלוטיק, ווי אין די ערשטע חדשים נאָכן איבּעררייסן, נאָר פינסטער, חושך, בּייז־בּאַשערט.

דער אײַנדרוק, וואָס עליאַ ראָסיענסקאַ האָט אויף אים געמאַכט, איז אַזוי שנעל און פּלוצלונג אָפּגעמעקט געוואָרן, ווי שנעל און פּלוצלונג ער איז געקומען. אויב עס האָט אים באַאומרואיקט דער געדאַנק פון טרעפן זיך מיט איר, איז עס דערפאַר, ווייל ער האָט זיך געפילט שולדיק קעגן דעם מיידל. סוף-כל-סוף האָט ער דאָך איר אַרויסגעוויזן, אַז ער איז ניט גלייכגילטיק צו איר, אָדער... ער איז זיך באַגאַנגען מיט איר, ווי מיט אַ סאַלאָניקע קאָקאָטע. אויב זי וועט זוכן, אויף וואָס זי האָט רעכט, אין זיינע אויגן דאָס, וואָס זי האָט געזוען, בעת ער האָט זי פאַר דער האַנט גענומען, און וועט עס ניט געפינען — וועט זי מוזן דערפילן, אַז ער האָט זי באַהאַנדלט ווי אַ קאָקאָטע, הגם זי מעג וועגן דעם וואָרט אַפילו ניט וויסן. בנוגע צו יעדער אַנדערער וואָלט ער לייכט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט; בנוגע צו עליאַן האָט ער עס ניט נאָר ניט געקענט טאָן, נאָר אַפילו ניט געוואָלט. אַ גענוג דרייסטער, ער זאָל דערזען דאָס ערשטע מאָל דאָס מיידל און תיכף פאַרשטאַנען, וואָס זי איז פאַר איינע, דאָך וואַגן אויף אַזאַ טאַט, — האָט ער איצט זיך געשראָקן פאַר איר קוק, ווען ער וועט זי דערזען. ער האָט געפּרובט אויספאָרשן פרוי לאַאוראַ, וועלכע האָט וועגן קיינזאַך, וואָס איז צווישן זיי פאָרגעקומען, ניט געוואוסט; ער האָט זי פּשוט אַ פרעג געטאָן, צי עליאַ וועט זיין צופרידן פון זיין קומען? די פזשערוויץ האָט געענטפערט, אַז די עלטערן ראָסיענסקי לאַדן אים זייער ליבנסווירדיק איין, אַלס יעזשיס נאָענטן קרוב, וועלכן זיי האָבן זייער ליב; אַז די מיידלעך רופן זיך, נאַטירלעך, דערביי ניט אָפּ, זי פאַרשטייט אָבער ניט, פאַרוואָס עליאַ זאָל זיין אומצופרידן, קוים האָט זי אויפן ראַאוט ניט געמאַכט קיין אײַנדרוק, אַז רדזאַוויטש זאָל זיך איר אויסווייזן אומסימפּאַטיש. וועגן באַגעגענען זיך מיט מאַריאַן אויפן ראַאוט האָט זי איר און אַלעמען געמוזט ערקלערן, אַנדערש וואָלטן זיי ניט געקענט פאַרשטיין זיין האַלטונג. איבעריקנס, האָט זי שפּעטער קיין סך מיט עליאַן ניט גערעדט, מחמת עליאַ איז אויף צו מאָרגנס ניט געזונט געוואָרן און איז אין משך פון צוויי טעג געלעגן אין האָטעל. אויפן דריטן טאָג ווידער איז אָנגעקו-

מען אַ ידיעה, אַז דער מוטער איז געוואָרן ערגער און דעריבער איז דער פּראָיעקט צו פאַרבלייבן עטלעכע וואָכן אין ווארשע בטול געוואָרן. זיי רעכענען צו קומען הארבסט-צייט, ווען די עלטערן זייערע וועלן פאָרן אין דאָרף.

רדזאַוויטש האָט באַמערקט, אַז פרוי לאַאוראַ האָט גערעדט מיט אים וועגן עליאַן ערנסט, אַ ביסל צוריקגעהאַלטן, און אַ סך ווייניקער פריי, ווי דאָס ערשטע מאָל.—„אָדער זי וויל ניט, אַז איך זאָל זיך מיט דעם מיידל, אָדער דעם מיידל מיט זיך דעם קאָפּ פאַרדרייען—האָט ער אַ טראַכט געטאָן—אָדער זי אַליין וויל זיך דערינען ניט מישן און גיט מיר דאָס אָנצוהערן. אָבער, דאַכט זיך, נאָך דעם, וואָס זי האָט צוגעזען, האָט זי מיך ניט וואָס און דאַרף מיך ניט חושד זיין".

פון דער צווייטער זייט אָבער האָט ער געפילט, אַז וואָס נענטער עס ווערט דער טערמין פון פאָרן קיין זאַגוזשע, האָט אים עפּעס אַן אומרו באַהערשט. נאָך ערב דעם פאָרן האָט ער חשק געהאַט אָנצושרייבן דער פּזשערוויצן, אַז ער פאָרט ניט. ווען זיי זיינען אַריינגעפאָרן, האָט אים אָנגעהויבן אַרומנעמען עפּעס אַ לייכטער שווידער און ער האָט געמוזט אָנטאָן זיך אַ כּוח, כּדי זיך צו באַהערשן און ניט אויסווייזן צעמישט. די ערשטע איז זיי אַנטקעגנגעלאָפן רוזשאַ און האָט זיך שיר, נאָך פרוי לאַאוראַ און פּזשערוויצן, אויך אים אויפן האַלז ניט געוואָרפן, דערנאָך איז אַרויסגעגאַנגען הער ראַסיענסקי און אים זייער האַרציק באַגריסט, דאַנקענדיק די פּזשערוויצן, וואָס זיי האָבן אים מיטגעבראַכט און אים, וואָס ער האָט זיך געלאָזט מיטנעמען. פרוי ראַסיענסקאַ, מיט וועלכער מען איז אין אַ פאָטעל אַריינגעפאָרן אין עס-צימער, האָט אים אויך אויפגענומען ליבנסווירדיק און מיט עלעגאַנטער העפ-לעכקייט, בעטנדיק אים, ער זאָל זיך ניט פילן פרעמד. אין דעם אַלעם איז געווען עפּעס אמתדיק האַרציקס און צוטוליענדיקס. עליאַ איז געווען ערגעץ אויפן דאָרף און איז געקומען, ווען מען האָט זיך געזעצט שוין צום טיש. אַריינגייענדיק, איז זי רויט גע-וואָרן, ווי שאַרלאַך, קיינער האָט אָבער דערויף קיין אַכט ניט געלייגט, ווייל יונגע מיידלעך ווערן רויט ביי יעדער געלעגנהייט;

מיט רדזאַוויטשן האָט זי זיך זייער העפלעך באַגריסט, ער האָט געזען אָבער, אַז זי איז אונטער אַ שטאַרקן איינדרוק און באַמיט זיך, מען זאָל עס אויף איר ניט באַמערקן אַחוץ אים, און ווי ס'האָט אים אויסגעוויזן פרוי לאַאוראַ, האָט קיינער ניט באַמערקט; ער אַליין ווידער האָט זיך געפילט צעמישט און בכיוון עטלעכע מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז לאַנג פאָרן מיט דער באַן פאַרמאַטערט, בפרט ווען עס איז נאָך וואַרעם.

מיט עליאַן, לעבן וועלכער הער ראָסיענסקי האָט אים אָנגעוויזן אַן אָרט, האָט ער קיין סך ניט גערעדט; זי ווידער האָט אויך ניט געזוכט מיט אים צו ריידן. ער איז זיכער געווען, אַז זי זעט אויך, ווי ער איז בנוגע צו איר ניט ביי זיך. דער געדאַנק וועגן מאַריאַן האָט אים ניט פאַרלאָזט און ניט אויפגעהערט פייניקן, ס'איז אים בלויז לייכטער געווען, וואָס ער איז געווען ווייטער און וואָס די נאַטור האָט אים אָנגעהויבן באַהערשן און ווירקן אויף אים; ס'האָט זיך אים אָנגעהויבן וועקן אין מוח אַ געדאַנק צו קלעפן אַ מיידל, וואָס האָט געפונען אַ פאַפּראָטשבלום און אַ צווייטע, וועלכע עס ציט אַריין אַ האַלב אַרויפגעקומענער אויפן וואַסער וואַסערמענטש.

די פּשערוויצעס און רוזשאַ האָבן זיך געשפילט, ווי קינדער, עליאַ ווידער איז געווען אַ ביסל פאַרטראַכט און בנוגע צו רדזאַוויטשן, וואָס האָט ניט געקענט צייטנווייז באַהערשן דעם אומעט, אומגעוויינלעך העפלעך, איידל און גוט. זי האָט עפּעס פאָרגעפילט, וואָס ער וויל, און וואָס עס איז אים אומאָנגענעם. וויפל מאָל ס'האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז זיי פלעגן בלייבן ביידע אַליין, האָט זי זיך באַמיט מיט אַן אויסרייד אַוועקצוגיין אויף אַזוי לאַנג, ביז וואַנען זיי האָבן זיך ווידער ניט געפונען אין געזעלשאַפט; אָדער, אַז זי האָט שוין קיין תירוץ ניט געקענט געפינען, האָט זי גערעדט אַ סך וועגן די אַגאַלסטע זאַכן, משמעות איבערגעוואַלט, מחמת ניט דאָס לאַנגע ריידן איז איר געווען איינגעבוירן, ניט דער שמועס וועגן אַגאַלע זאַכן האָבן איר פאַרשאַפן פאַרגעניגן, ווייל אַחוץ אים, האָט זי מיט קיינעם וועגן

זיי ניט גערעדט. ער האָט אָבער געוווּסט און געפילט, אַז לעבן דעם מיידל איז אים גוט. ער האָט ניט איינמאָל חשק געהאַט, אָן אַ שום תאווה, אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אָן אירע ברוסטן און פאַרשטעלן זיך מיט זיי די אויגן. ס'וואָלט דאָך געווען די מחשבה,—וועגן וועלכער ער האָט געשריבן צו טענזשעלן פון איטאַליע, אַז ער וואָלט וועלן אויף דער ברוסט פון עפּעס אַ פילנדיקער און פאַרנינפטיקער פרוי זיך דאָס האַרץ אויסריידן און דעם צער אויס-גיסן...

דאָס געפיל פון ברענענדיקן פאַרלאַנג צו עליאַן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, ווען ער האָט זיך דאָס ערשטע מאָל מיט איר באַגעגנט, האָט אים איצט ניט אָנגעכאַפּט מער; מיט גלייכ-גילטיקער הנאה האָט ער געקוקט אויף איר געזיכט און גע-שטאַלט, ריכטיקער, ווי אַ סקולפּטאָר אויף אַ קונסטווערק, איידער אַ יונגערמאַן אויף אַ יונגער פרוי.

ס'האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז אויפן פינפטן טאָג נאָך זיין קומען, איז עליאַ, וועלכע האָט זיך געקליבן אויף אַ ווייטן שפּאַציר און האָט זיך פאַרגעסן איבערטאָן, איז צוריקגעקומען פון וועג. דערווייל איז דער פּושערוויק, וואָס האָט גוט געקענט זאַ-גוזשע, איינגעפּאַלן צו גיין אין דער פאַרקערטער ריכטונג, ווי מען האָט פריער גערעכנט. מען האָט באַדאַרפט עליאַן מודיע זיין דערפון און רדזאַוויטש איז אַוועק נאָך איר. ער האָט זי באַגעגנט שוין אויפן וועג צו זיי. זי האָט געהאַט אויף זיך אַ ווייס, ווייך קליידל מיט אַ גאָלדענעם פּאַס, אַ ווייס, ווייך טשיפּיקל אויפן קאָפּ און אַ רויטן שירעם, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט. זי איז געגאַנגען שנעל און איז אינגאַנצן געווען ראָז, און ווען זי האָט דערזען רדזאַוויטשן, האָט זיך משמעות ניט-ווילנדיק אַ מאָדנער שמייכל באַוויזן אויף אירע ליפּן, דערנאָך איז זי נאָך מער רויט געוואָרן.

— איר קערט אייך אום — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— נאָך אייך, ווייל פרוי לאַאוראַ האָט געבעטן דעם פּלאַן פון אונזער שפּאַציר. איילט אייך ניט אַזוי, ווייל איר זייט אינ-גאַנצן פאַרמאַטערט.

זיי זיינען אַראָפּ אויף אַ פעלדוועג, צווישן לייַנען און געגאַנגען גאַנץ פּאַמעלעך. פּאַר זיי זיינען געווען בערג און אַ וואַלד, אַרום ווידער תּבואה און תּבואה, אויף וויפל דאָס אויג קען נאָר דערגרייכן. ס׳איז געווען אַ זייגער עלף אינדערפרי און די זון האָט שוין שטאַרק געשיינט און אַרויסגעצויגן פון דער ערד, פון די ווייצענע און קאָרנדיקע לייַנען, און פעלד־בלומען, אַ שאַרפן, נאַרקאָטישן, וואַרעמען ריח. זיי זיינען געגאַנגען איינס לעבן דאָס אַנדערע ניט רײדנדיק קיין וואָרט, בלויז איר ווייס, ווייך טשיפּיקל האָט זיך אַראָפּגערוקט אַביסל אויף די האָר און אַ לייכטער ווינט האָט מאָדעלירט און אָפּגעמעקט די פאָרם פון אירע פיס אינם ווייסן און ווייכן קלייד. אַרום איז געווען פרי־לינג אינמיטן בליען און מיט דעם גאַנצן אַלוועזנדיקן אינסטינקט פון פאַרמערן; רדזאַוויטשס און עליאס קעפּ האָבן זיך דעמאָלט ניט־ווילנדיק צוגעבויגן אויף אַ קורצע ווײלע איינס צו דאָס אַנדערע.

זי האָט תּיכּף אָנגעהויבן רײדן מיט אים וועגן די פּושער־וויצעס, ער ווידער האָט דערפילט, אַז גיט־קוקנדיק אויף אַלעם, וואָס אין אים איז דאָ און וואָס אין אים טוט זיך, פאַרשלינגט אים די גלוסטונג צו דעם מיידל. ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן; ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אָפּגעריסן עטלעכע קאָרנ־בלימלעך און צונויפבינדנדיק אַ בוקעט, איר דערלאַנגט; זי האָט ליבנסווירדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און עס אַרײנגערוקט אין פּאַס.

— איר וועט זיי אַרויסוואַרפן, אַז זיי וועלן פאַרוועלקט ווערן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן, פילנדיק, אַז ער טוט שלעכט און מאַכט איר אָן עגמת־נפש מיט דער פראַגע.

עליאַ האָט טאַקע אַ קוק געטאָן אויף אים עפּעס מיט מורא און רחמנות; זי האָט אָבער געענטפערט דערויף רואיק און כּלאחר־יד.

— ניין. פון אַזעלכע מענטשן, ווי איר, אָדער קוזין יעזשי, וואַרפט מען קיין בלומען ניט אַרויס.

די דאָזיקע תשובה איז אַזוי ניט געווען פון זיין שניט, אַז רדזאַוויטש האָט אַ ביסל אומגעדולדיק אַ ריר געטאָן מיטן קאָפּ און געענטפערט:

— פאַרוואָס זאָלט איר זאָגן דאָס, וואָס עס וואָלט באַדאַרפט זאָגן פרוי היימערט, אָדער אַ ליאַדע אַנדערע פרוי, וועלכע עס קליידט דאָס, אָבער ניט איר?

— ראשית, איז פרוי היימערט, אויף וויפל איך ווייס, ניט אַ ליאַדע פרוי, און ווייטער, פאַרוואָס זאָל מיר ניט קליידן דאָס, וואָס עס קליידט אַזאַ ליאַדע פרוי? — האָט זי געענטפערט.

— ווייל איר זייט ניט אַזעלכע.

— איר קענט מיך צו ווייניק, איר זאָלט קענען וועגן מיר משפטן, גוטס, צי שלעכטס.

— אויף אַזויפיל יאָ. איר וואָלט מיך געקענט פרעגן, פאַרוואָס איך וואָלט וועלן וויסן, צי איר וועט די בלומען אַרויסוואַרפן אָדער ניט, בעת דאָס איז אַזאַ קליינִיקייט, אַז עס איז ניט כדאי דערפון צו ריידן אַפילו. איך ווייס אַפילו אַליין ניט, צו וואָס איך האָב עס אייך געפרעגט.

— לאָמיר־זשע ריידן וועגן עפעס אַנדערש — האָט שנעל אַ זאָג געטאָן עליאַ, ווי זי וואָלט וועלן אויסנוצן זיינע לעצטע ווערטער און איבערדרייען דעם שמועס, — גלויבט מיר אָבער, אַז כ'האָב זייער אויפריכטיק געזאָגט, אַז פון אַזעלכע מענטשן, ווי איר, וועט יעדע פרוי מיט פאַרגעניגן באַהאַלטן אַן אָנדענק, שוין צוליב דעם, זי זאָל זיך באַרימען — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ שמייכל.

ער ווידער, האָט עפעס אונטערן דראַנג פון אינעווייניקסטן אינסטינקט געענטפערט:

— און ווען איך זאָל אייך בעטן, אַז איר זאָלט די בלומען ניט אַרויסוואַרפן, ווייל זיי זיינען פריינדלעך אייך געגעבן.

— וועל איך זיי אַוודאי באַהאַלטן — האָט געענטפערט עליאַ, ווערנדיק לייכט פאַררויטלט און שנעל צוגעוואָרפן:

— זעט איר ניט ערגעץ רוזשאַן מיט די פּושעראָוויצעס?

באותו הרגע האָט רדזאַוויטש, ניט וויסנדיק פאַרוואָס, דער פילט עפּעס אַ באַדערפעניש צו ריידן וועגן דעם, וואָס עס איז צווישן זיי פאָרגעקומען; ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט איר אָנטאָן נאָך מער עגמת־נפש, ער האָט זיך אָבער ניט געקענט איינהאַלטן. ער האָט געפילט עפּעס אַ פאַרלאַנג אויפצוּוועקן אין איר ליידנשאַפט, וואָס האָט אָבער זיך ניט אָפּגערופן אין דער פּשוטער פאָרם פון ווירקן אויף אירע חושים.

— איר מוזט אויף מיר האָבן גרויס תּרעומות? — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— איך? פאַרוואָס? — האָט אַ פרעג געטאָן עליאַ, שטאַרק צעמישט.

ס׳האָט אים אָנגעכאַפּט צו איר ווידער אַ געפיל פון אַ רויב־פויגל: ער האָט אַ קוק געטאָן אויף עליאַן פון אונטער די וויעס אַפּטער שנעל, גלייך אין די אויגן, און געזאָגט, באַנוצנדיק בכיוון דאָס וואָרט:

— דערפאַר, וואָס איך האָב זיך ערלויבט בנוגע צו אייך.

עליאַ איז בלאַס געוואָרן, אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ ווייטאָגלעכן פאָרוואורף.

— פאַרוואָס ענטפערט איר ניט? — האָט ער אַ פרעג גע־טאָן, פילנדיק, אַז עס נעמט אים אַרום עפּעס אַ תּאוות־הדריקער חשק זיך צו פאַסטען איבער איר.

— ווייל כ׳האָב ניט וואָס? —האָט געענטפערט עליאַ, באַ־מיענדיק זיך משמעות צו בלייבן רואיק.

— איר זייט צו העפלעך, אַז איר זאָלט מיר זאָגן אַ גראָב־קייט. אַחוצדעם בין איך אייערס אַ גאַסט. איבעריקנס, זייט איר בכלל זייער גוט און ליבנסווירדיק — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ פרעכן און חוצפּהדיקן אויסדרוק אויפן פּנים און שטים.

עליאַ האָט פאַרשטאַנען; אין איר פּנים האָט אַ שלאָג גע־טאָן דאָס בלוט מיט אַ גאַנצער כוואַליע, ער ווידער האָט געזאָגט מיט אַ גלייכגילט פון חוזק:

— ראשית, קליידט אייך זייער דער פלעק פון כּעס, איר דערמאָנט די דיאַנע פון ביי דעיאַמיר, און אַחוצדעם האָב איך

געמיינט, אַז אַ טייל זאַכן פאַרגעסט מען ניט אַזוי לייכט. עס ווייזט אייך אויס אוודאי שוין צופיל, ניט אמת?

עליאַ האָט ניט געענטפערט, זי האָט בלויז זיך אויסגע־דרייט און אָנגעהויבן שפּאַנען אין דער זייט, פונוואַנען זיי זיינען געקומען: ער האָט געזען, אַז זי וויינט.

אין דער ערשטער מינוט האָט ער ווידער דערפילט עפּעס אַ קרענקלעכע הנאה פון צעמורשטן און חרוב מאַכן, וואָס עס זיינען נוטה צו זוכן מענטשן, וועלכע ווערן אין לעבן אַליין צע־מורשט און חרוב; אָבער דערנאָך האָט ער אויף איר רחמנות געקריגן און דערפילט אַ באַדערפעניש זיך ריינצוּוואַשן און גלייכ־צייטיק די רגע אַליין דערפילט זייער שטאַרק זיין אומגליק. ער איז נאָכגעלאָפן עליאַן און אויסציענדיק צו איר אין אָרעם, אַזוי, אַז ער האָט זי שיר פאַר איר האַנט אָנגענומען, זיך האַרציק אָפּ־גערופן:

— פריילין עליאַ, אַנטשולדיקט, איך בין איצט אין אַזאַ מצב, אַז איך ווייס אַליין ניט, וואָס איך רייד און טו. ווען איר זאָלט וויסן, וואָס אין מיר טוט זיך, וואָלט איר אויף מיר ניט ברוגז געווען, איר וואָלט פאַרשטאַנען, אַז מען הערשט אַמאָל ניט איבער זיך. וויינט ניט, קערט זיך אום...

אַקעגן אַ ווילע האָט עליאַ זיך געשלאָגן מיט דער דעה, דערנאָך האָט זי אָפּגעווישט די אויגן און ניט ענטפערנדיק קיין וואָרט, מיט פאַרביסענע ליפּן, זיך אויסגעדרייט און גענומען שפּאַנען שנעל פאָראויס. רדזאַוויטש האָט געזען, אַז גייענדיק בכיוון שנעל, וויל זי זיך פאַרסאָפּען און רויט ווערן, כדי מען זאָל ניט דערקענען אין איר, אַז זי האָט געוויינט און אַז זי אַנט־לויפט פשוט פון אים און פאַר אים. זי איז אים אַ שאָד געווען. דעם מיידל, אַז עס האָט עפּעס וויי געטאָן, האָט עס ווי געטאָן טיף און אמתדיק. דאָס האָט ער זייער גוט פאַרשטאַנען; ער האָט בלויז ניט געקענט תופס זיין, פאַרוואָס שטעקט אין אים אַזאַ תאווה צו וועלן רייצן און פייניקן, דער אינסטינקט ברוטאַל צו שליידערן אין פנים אַריין דאָס, וואָס עס טוט צומייסטן וויי און אויף אַ גוואַלטיק ברוטאַלן אופן; פאַרוואָס איז ער מיט דער

עליאָן, דער שיינער, ליבער און אַזוי גוטער פּאַר אים, זיך באַ־
גאַנגען אָן שום סיבה אַזוי, אַז דאָס וועט זיך שוין ניט לאָזן
פאַרריכטן? פאַרוואָס שרעקט ער פון זיך אָפּ אַ וועזן, וואָס איז
מיט אַ וואַרעם האַרץ משמעות געגאַנגען אים אַנטקעגן?

— ס׳בלייבט מער קיין אַנדערע זאַך ניט, ווי אַוועקפאָרן —
האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — איך קען דאָך דאָ נאָך דעם לענגער
ניט בלייבן. איך וועל פאָרן קיין וואַרשע און זאָל זיך דאָרטן
טאָן מיט מיר וואָס עס וויל...

פלוצלונג האָט עליאַ דערזען אויף אַ בערגל די פּושער־
וויצס און רוזשאַן, וואָס האָבן געוואַרט אויף זיי; זי האָט אַ מאַך
געטאָן מיטן שירעם און אָנגעהויבן נאָך שנעלער צו לויפן.

— מיר וואַרטן — האָט אויסגערופן פּרוי לאַאוראַ. — לויף
אָבער ניט אַזוי, ס׳וועט דיר פאַרפעלן אָטעם!

עליאַ איז, צוגייענדיק צום בערגל, אַנידערגעפאַלן אויפן
גראָז באמת כמעט אָן אָטעם. פרוי לאַאוראַ האָט זי אָנגעהויבן
מוסרן, אַז עס האָט ניט קיין זינען אַזוי צו לויפן; זי איז רויט
ווי אַ ראַק, די אויגן זיינען איר אַזש רויט געוואָרן.

עליאַ האָט זיך באַמיט צו זיין פריי און פריילעך. רדזאַ־
וויטש אָבער האָט געוואוסט, אַז עס שטרענגט אָן אַלע כוחות,
ניט צו ציען מיט קיינזאַך די אויפמערקזאַמקייט אויף זיך. עט־
לעכע מאָל האָט דאָך איר שטים אויפגעציטערט און ווי זי וואָלט
אַ טרער אַראָפּשלינגען. זיי האָבן ניט גערעדט צו זיך; זיין שטיל־
שווייגן האָט אָבער קיינעם ניט געחידושט; בכלל האָט מען זיך
באַמיט מיט אים תמיד אַזוי זיך צו באַגיין, אַז ער זאָל קיינעמס
אויג אויף זיך ניט פילן.

ס׳איז אים אַ רחמנות געווען אויף דער אָרעמער עליאַ, מיט
וועלכער ער איז זיך אַזוי ווילד באַגאַנגען און ס׳איז אים אַ שאָד
געווען, וואָס ער האָט זי פון זיך אָפּגעשראָקן. פון דער צווייטער
זייט ווידער האָט ער זיך אַליין אַזוי צערייצט, אַז ס׳איז אים
שווער געווען לענגער צו גיין אין געזעלשאַפט און גייענדיק
פאַמעלעך אַלעמאָל פון הינטן, געבליבן ענדלעך אַליין. ער האָט זיך
אַוועקגעלייגט מיטן פּנים צום הימל, אויף וועלכן ס׳איז געשטאַנען

אריזיקע, שטראַלנדיקע זון. ס'איז געווען מיטאָג. איצט זעצט מען זיך ביי פרוי פּאָזשעלסקאַ צו פרישטיק, לעבן מאַריאַן געפינט זיך איר חתן, הער קאָלאָליאַסקי. אָדער זיי זיינען אַלע ביי לורסן, ווייל די מומע פּאָזשעלסקאַ האָט גוואַלדיק ליב געהאַט, אַרום צוועלף, זיך אָנעסן מיט טשאַסטעס. קאָלאָליאַסקי זיצט ביים טישל לעבן מאַריאַן. די באַקאַנטע שמייכלען צו אים און שאָקלען פּיל־דייטיק מיטן קאָפּ; די באַקאַנטע קוקן זיך איין אין דעם הער־לעכן מיידל, ניט קענענדיק פאַרשטיין, ווי אַזוי באַגייט זיך עס מיט איר אַלס חתן דער גראָבער בלאָנדין, וואָס מעג שוין זיין איר טאַטע? ער איז מוז אַוודאי זייער רייך זיין, טראַכטן זיי זיך. ער וועט זיך פילן גרויסאַרטיק — זיינען זיי מוסיף, שמייכלענדיק צו זיך אין די וואָנסן אַריין. איבעריקס, וועט יעדער גאַרסאָן ער־קלערן, אַז דאָס איז פריילין טיזשוויעצקאַ, וואָס האָט חתונה מיט דעם הער; די מומע פּאָזשעלסקאַ האָט אַזוי אָפּט געגומען צוקער־קעס און טשאַסטעס אויף איר קוזינעס חשבון, אָפּטמאָל אָן איר וויסן אַפילו.

— ווייסט מאַרינעטשקאַ, ס'איז דאָרט פאַרהאַן אַ קליין רע־כענונגל ביי לורסן — האָט מען שפּעטער אַ זאָג געטאָן. אַזעלכע רעכענונגלעך זיינען איבעריקנס געווען פון צייט צו צייט, סיי ביי די הוטנמאַכערס, סיי ביי די הענטשקעמאַכערס, איינמאָל אַפילו ביי אַ מענער־שוסטער, „ווייל דעם פעטער האָט ווי געטאָן אַ פוס" און דער פוס האָט אים מסתמא ווי געטאָן שוין אַ לענגערע צייט, מחמת מאַריאַ האָט באַצאָלט דעמאָלט העכער פערציק רובל.

וועגן דעם אַלעם האָט זי איינמאָל פאַר אים אויסגעשאָסן, נאָכדעם ווי זי האָט זיך טאַקע צוליב אים צעוועריטלט מיט דער מומען, וועלכע איז פאַרביסן געווען קעגן דעם שידוך.

דעמאָלט האָט מאַריאַ אַרומגענומען זיין האַלז מיט איר אָרעם, מחמת זיי זיינען געווען אַליין אין צימער און יאַדוויגאַ סטושעליסקאַ האָט זיי געהאַט איבערגעלאָזט אין צווייען, און אים געזאָגט:

— נאָר דו ביסט מיין. איך וועל מיט זיי אַלע איבער־רייסן, כ'וויל קיינעם ניט קענען. איך וועל האָבן דיין משפחה

און דאָס וועט פאַר מיר גענוג זיין. איבעריקס, ווען מען וועל איך דען באַדאַרפן, אַז דו וועסט זיין מיין?

זי האָט געהאַט דעמאָלט אויף זיך אַ ראָז, לייכט קלייד מיט העלע פאַסן, וואָס ער האָט ניט ליב געהאַט.

דערווייל איז איצט די מומע פּאָזשעלסקאַ דאָס גליקלעכסטע מענטש אויף דער וועלט. קאָלאָליאַסקי וועט זיין ווי אַ בינשטאָק, זי — ווי אַ בינענגערטנער. זי וועט מסתמא מאַריאַן בסוד אָן עצה געבן, אַז זי זאָל אויסנאַרן ביי קאָלאָליאַסקין, ער זאָל איר פאַרשרייבן פאַר דער חתונה זיין גאַנץ פאַרמעגן. אויב זי וויל עס אַליין ניט טאָן, זאָל זי איר און איר מאַן געבן דערויף אַ כוח־הרשאה, זיי וועלן שוין דאָס אַלץ דורכפירן. קאָלאָליאַסקי איז ניט זייער קיין יונגער, האָט אַ נטיה צו אַ האַרץ־פעלער, ער קען דערמיט נאָך הונדערט יאָר אָפּלעבן, מען איז אָבער קיינמאָל ניט זיכער, בעסער זיך צו באַוואָרענען.

מאַריאַ וועט וועגן דעם אַלעם, וואָס די מומע פּאָזשעלסקאַ זאָגט, ניט וועלן הערן; זי קען די פרוי און פאַראַכט זי אין דער אמתן, זי איז אָבער בנוגע צו איר אויף פּאַסיוו, בפרט נאָך זי האָט ביי איר אַ סך פון די קינדער־יאָרן פאַרבראַכט.

די באַגעגענישן מיט באָזשעוווסקין וועט איר פאַרלייכטערן יאַדוויגאַ; זי איז ווי דערצו געבאָרן און וועט עס טאָן מיט גרויס הנאה, ראשית, וואָס זי וועט פלינק אונטערפירן אַזאַ שונאה, ווי קאָלאָליאַסקין, שנית, וואָס מאַריאַס יעדער דערנענטערן זיך צו מאַנסלייט ווירקט אויף איר אַליין תאווהדיק און רייצנדיק; אַחוצדעם וועט דאָס זיין אין דער העכסטער מדרגה אַן אומגעווייגטלעך אומנאָרמאַלער fin de siècle, לסוף, אַז זי וועט ווידער זיין דער דריטער צווישן די דריי, פּערזענלעך ניט פאַראינטערעסירטער צד און די באַליבטע, וואָס קוקט אַלזאָ אויף דער זאַך פון אויבן אַראָפּ. און דאָס איז דאָך געווען איר שוואַכקייט. זי האָט ליב געהאַט „זיך צו מאַמלען", ווי זי פלעגט זאָגן.

אַ צוגעדריקטער און צעהרגעטער האָט ער גענומען אַהיים גיין.

ער האָט בײַ זיך געפונען אַ בריוו, וואָס מען האָט אים פון וואַרשע נאָכגעשיקט, פון טענזשעלן, וועלכער האָט פון מינכען בלויז איינמאָל אים מודיע געווען, אַז אַלץ איז פון „זשורי" אָנגענומען געוואָרן אויף דער אויסשטעלונג מיט אומגעהייערער אָנערקענונג, איצט ווידער האָט ער אים געשריבן:

„ליבער ראָמעק! אַ נצחון אויף דער גאַנצער ליניע! פּאַניע לדזאַוויטש, אוי פּאַניע לדזאַוויטש! ניט קוקנדיק אויף דײַן „ווי־דעלשפּעניקעל נאַטול", האָסטו זיך דערוואָרבן אַן ערן־דיפּלאָם, דאָס העכסטע, וואָס די נידערטרעכטיקע שוואַבן קענען דיר געבן, נאָר זאָל זײַ דאָרט — ביסט אָנערקענט להבא hors concours. שיק מיר שנעל דײַן בילד, ווײַל מען וויל געבן דײַן פּאָרטרעט אין די בלעטער; עטלעכע, מחמת מען בעט פון עטלעכע זײַטן. כ'שיק דיר דערווײַל אַ גאַנצן פּאַק גלענצנדע רעצענזיעס. מילא דײַטשן, זײַבען זיך דײַטשן, ס'איז קיין נײַס ניט, אָבער די זאַך קענען זיי. האָסט דאָ אַלעמען צעקלאַפּט. זאָג לאַנאָווסקין, אַז איצט קען ער דיך טיטולירן גרויסער מײַסטער, אָדער גרויסמײַ־סטער, ווײַל גלאַטמײַסטער ביסטו שוין געווען פון לאַנג. איין האָלענדער האָט אויפגעוויזן, אַז זײַט בערניני איז אַזאַ סקולפּטאָר־טאַלענט ניט געווען. דעם דיפּלאָם וועט מען דיר תיכף שיקן, און איך אַליין וועל אײַנגיכן פונדאַנען אָפּפּאָרן, ווײַל כ'האָב שוין קיין געלט ניט. אונזערע היגע מאַלערס וועלן דיר אַלץ צוריק עקספּעדירן. מיר שיקן פון דאַנען אַ דעפּעשע אין קוריער אַרײַן.

איך נעם דיך אַרום און קענסט זיך פאָרשטעלן, אַז איך פריי זיך, ווי אַ הונט מיט אַ דיוואַן. וויוואַט!

טענזשעל.

רדזאַוויטש האָט די ערשטע רגע איבערגעלעבט אַ געפיל פון טריאומף, וואָס האָט אים אינגאַנצן פאַרשיכורט און באַהערשט. איבערלייענענדיק דעם בריוו, האָט ער זיך אויסגעגלייכט, אויפ־געהויבן דעם קאָפּ און אַרויפגעשאַרט די האָר פון שטערן. ער האָט זיך דערפילט באַרימט.

דאָס דאָזיקע געפיל האָט אין אים אָפּגעמעקט אַלע אַנדערע: ער האָט זיך דערמיט אָנגעטרונקען. ער איז געשטאַנען ביים פענסטער און געקוקט אין גאָרטן אַריין, טראַכטנדיק וועגן זיין רום און ניט זעענדיק כמעט ניט קיין ביימער, ניט קיין רעגן, וואָס איז אין משך פון עטלעכע מינוט געדיכט געפאַלן; פון דעם רום האָט ערשט זיין אויפמערקזאַמקייט אָפּגעווענדט דאָס קליינע, ווייסע קעצל, וואָס ער האָט דערזען אויף דער סטעזשקע פאָרזיכטיק אויסמיידן דעם היימישן בושל און איז דערנאָך געווען אין אַ פאַרלעגנהייטלעכער לאַגע צווישן דעם בושל און מוילוואָרף.

גלעטנדיק די קאַץ מיט דער ראָזער נאָז און גרינע אויגן, האָט רדזאַוויטש געפילט. אַז אַלץ מאָלט זיך אים פאַר זיינע אויגן: מאַריאַ מיט אַלץ, וואָס ס׳איז זי נוגע, האָט זיך אים אויסגעוויזן קלענער און וויטער; דער פאַל מיט עליאַן האָט זיך אים אויסגעוויזן פאַר לגמרי גאָרניט... ער איז איצט קודם־כל געווען באַרימט.

בשעת מען האָט אים אַריינגערופן צו מיטאָג, האָט ער די ערשטע רגע חשק געהאַט צו דערציילן וועגן טענזשעלס בריוו. ווען ער איז אָבער אַריין און אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס זיינען דאָך אַלץ פרעמדע מענטשן, מער אָדער ווייניקער פריינדלעכע, אָבער דאָך פרעמדע, האָט אים אַרומגענומען אַ צער און טרויער און ער האָט זיך אוועקגעזעצט שווייגנדיק אויף זיין געוויינטלעך אָרט, צווישן פרוי לאַאוראַן און עליאַ ראָסיענסקאַ.

ער האָט איצט געפילט די באַדערפעניש צו פאַרשפרייטן די ידיעה וועגן זיין טריאומף, פריער אָבער וואָלט ער עס וועלן דערציילן עפּעס עמיצן, וואָס וואָלט אים צומייסטן זיין ליב און וואָס וואָלט אים באַזונדערס הנאה געטאָן דאָס צו זאָגן, נאָך איידער די ידיעה וועט ווערן אַן אייגנטום פון כלל, וועט ווערן וואָכעדיק און פאַרלירן דעם צויבער. ס׳איז איינע פון די טייערסטע זאַכן זיך צו פרייען נאָר מיט די, וואָס מען האָט ליב.

עליאַ?... יאָ, ס׳קען זיין, אַז ער אינטערעסירט עליאַן, זי פאַר אים איז אָבער גאָרניט. דער אומעט און טרויער זיינען פאַר־

וואַנדלט געוואָרן אין אַ ווייטאָגלעכן כעס. ווי הייסט?! אויף דער גאַנצער וועלט, אין דער לענג און אין דער ברייט, האָט ער קיינעם ניט?! צו וואָס־זשע דאַרף ער דעם טאַלענט, אויב ס'איז אַפילו ניטאָ פאַר וועמען צו זאָגן וועגן דעם?! פּושערוויץ האָט זיין לאָראַן, כמעט יעדער קינסטלער האָט זיך זיינס אַ לאָראַ, בלויז ער האָט... פריילין טיזשוויעצקאַ, וואָס האָט חתונה מיט הער קאָלאָליאַסקי, כדי צו האָבן באַציאונגען מיט הער באָזשעווסקין.

דאָס פאַרשאָלטענע לעבן!...

נאָכן מיטאָג, וואָס איז בכלל אינגאַנצן געווען אַ שווייגנדיקס, מחמת די מיידלעך און די פּושערוויצעס זיינען געווען מיד פון שפּאַציר, איז ער אַרויס אין פעלד און לאַנג געגאַנגען, אַזש ביז שקיעה, כאַפּנדיק קליינע גרינע פּרעשעלעך, וואָס זיינען ביי אים געשפּרונגען פון דער האַנט אין וואַסער אַריין. ער האָט זיך געשפּירט מיטן יונגן שפּירהונט, וואָס איז אים נאָכגעלאָפן פון הויף און זיך געיאָגט נאָך די שפּערלען, אָדער געפּרובט אים אַרומבייסן די הויזן און אויפעסן די שטיוול אויפן פוס.

ס'איז געווען זונטאָג: די ראָסיענסקיס האָבן, ווי דער שטייגער איז זונטאָג, זיך געריכט אויף געסט — מען האָט באַדאַרפט זיך אומקערן, איבערטאָן און אַריין צווישן די מענטשן, וואָס וועלן אים באַהאַנדלען, ווי הער רדזאַוויטש, אַ מער אָדער ווייניקער באַוואוסטן קינסטלער, ניט ווויסנדיק, אַז זיין נאָמען וועט אפשר אינגיכן ווערן איבערגעהזרט אין אייראָפּע, ווי דער נאָמען פון קלינגער, אָדער שטוק, ווי דער נאָמען פון אַ „נייעם שטערן".

אויפן גאַנעק האָט ער אָנגעטראָפן רוזשאַן, וואָס האָט אָנגעהויבן שרייען:

— הער ראָמאַן, ווייסט איר, ווער ס'איז דאָ? ס'זיינען געקומען די טוואַרדאָוויעצקיס פון פּענטשין, זיי ביידע, זייערע ביידע זין, אייגער ליבט זיך אין עליאַן און די טאָכטער, פריילין מאַטילדזשאַ. זיי זאָגן, אַז זיי האָבן פונדערווייטנס געזען פרוי עמיליאַ זרעמבסקאַס קאָטש, מסתמא וועט זי אויך אַראָפּפאָרן. טוט מיר צוליב און טוט אָן דעם הערלעכן ווייסן קראַוואַט מיט די סאַפּירענע רעדעלעך, גוט?

— גוט ...

— באמת, איר זייט אַזאַ גוטער. איך וואָלט אייך וועגן איין זאַך זיך געפרעגט...

— נו, וועגן וואָס?

— איר וועט לאַכן. איר האָט סימפּאַטיע צו מיר.

— אַ סך אַפילו.

— איז גוט, ווייל איך צו אייך אויכעט און דאָס איז אַזוי אָנגענעם צו האָבן סימפּאַטיע. טוט=זשע אָן דעם ווייסן קראַוואַט מיט די סאַפּירענע רעדעלעך און קומט שנעל צוגיין. אַלע זיינען אויפן גאַנעק, פון דער גאָרטן=זייט.

רדזאַוויטש איז, אַ ביסל געוויילט פון רוזשאַן, אַריין צו זיך און איבערטועענדיק זיך, אַרויס אויפן גאַנעק.

אויפן גאַנעק, אונטער אַ געפלעכט פון ווילדע וויינטרויבן, וואָס זיינען געווען צעוויקלט אויף די סלופּעס און קראָקוועס, לעבן צוויי לאָמפּן, איז געזעסן פרוי ראָסיענסקאַ אין איר פּאַטעל מיט רעדעלעך, אַ בלאַסע און פאַרקרענקטע, אין ווייסע שפּיצן אויף די פּאַר דער צייט גראָ=ווערנדיקע האָר און גערעדט מיט פרוי טוואַרדאָוויעצקאַ, ניט קיין יונג מענטש, אַ גאַנץ דיקע און אָנגעטאָנענע אַ ביסל פּרעטענסיאָנעל; דערלעבן ווידער זיינען געזעסן די הערן ראָסיענסקי און טוואַרדאָוויעצקי, איינער פּיפּקענדיק אַ לולקע ציביק, דער צווייטער רייכערנדיק אַ ציגאַר, מיט אַ רייפל פון באַגילט, רויט פּאַפּיר. אַ ביסל אין אַ זייט איז געזעסן דאָס יונגוואַרג. עליאַ איז געגאַנגען אין דעם זעלבן ווייסן, ווייכן קלייד מיטן גאָלדענעם פּאַס, מאַטילדאַ טוואַרדאָוויעצקאַ, אַ מיידל פון אַ יאָר אַכט און צוואַנציק, וואָס האָט גרויס חשק געהאַט צו זיין שיין, און איז אין דער אמתן טאַקע ניט קיין מאוסע, באָר פון ערשטן קוק אַ מאָדנע אומגעשמאַקע, איז געזעסן מיט אַ ביסל אויפגעצוואונגענער גראַציע אָנגעלענט אויפן עלנבויגן און געקוקט אויפן עק פון איר שפּיציק שיכל. די צוויי יונגע טוואַרדאָוויעצקיס זיינען געזעסן איןביידע זייטן פון עליאַן. איינער, דער עלטערער, עדוואַרד, זייער אַ שיינער און אָנגעטאָן לויט דער לעצטער מאָדע, האָט פאַרמאָגט די אמתע אייגנשאַפט

פון דעם, וואָס עס הייסט „פּאַניטש״; דער צווייטער, וויקטאָר, אַ סך ווייניקער עלעגאַנט, האָט פון ערשטן בליק אָן געמאַכט אַן איינדרוק פון „דאָרף״. די פּשזערוויצעס זיינען געזעסן איינס לעבן דאָס אַנדערע, זי זייער אַ שיינע אין אַ טונקל גראַנאַטן קלייד מיט אַ קראַגן מיט געלע שפּיצן. רדזאַוויטש האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר.

— איך וואונדער זיך — האָט אַ זאָג געטאָן פרוי טוואַרדאָוויעצקאַ, וועלכע האָט משמעות „געמאַכט דעם אַריינפיר״ — וואָס די זרעמבבסקי איז ניטאָ. מיר האָבן געזען איר קאַטש ביים וועג־אויסבויג לעבן קאָסציאָל, — זי דאַרף שוין דאָ צו זיין פון פינף מינוט אָן?

— יאָ, אויב איר האָט זי דאָרט געזען, איז זי שוין מחויב דאָ צו זיין לאַנג — האָט אַ זאָג געטאָן הער ראָסיענסקי, אַרויסלאָזנדיק אַ גרויסן קנויל רויך און פאַרטרייבנדיק אים מיט דער האַנט צום גאָרטן צו. — איך הער אָבער עמיצן צופאָרן, אפשר טאָקע זי? — ער איז אַרויס און אין אַ ווײַלע אַרום זיך אומגעקערט, פירנדיק פאַר זיך נאָך אַ יונג מענטש, גרויסאַרטיק, אָבער אַ ביסל שרייענדיק אָנגעטאָן; הינטער איר איז געגאַנגען מאָרסקי און אַ מאַנסביל אַרום אַ יאָר דרייסיק, ענלעך צו איר, מיט זייער אַ טרויעריק געזיכט.

— ציאיז דאָס פרוי זרעמבבסקאַ? — האָט אַ מורמל געטאָן רדזאַוויטש צו דער פּשזערוויץ.

— יאָ, און דאָס איז איר ברודער באָלעסלאַוו לוקאָוויטש. ביידע זיינען געבליבן פּאַראַלמנט, זי מיט דריי יאָר צוריק, ער מיט אַ יאָר צוריק, און איצט וואוינען זיי צוזאַמען.

— Ah! cher comte! — האָט אַ זאָג געטאָן פרוי טוואַרדאָוויעצקאַ, באַגריסנדיק מאָרסקין מיט אַ זיסן שמייכל.

פריילין מאַטילדאַ האָט פאַרזונקען אין אים אַ לאַנגן בליק פון אונטער די ברעמען אַפּער און דערלאַנגט אים זייער גוטברודעריש די האַנט און דערצו אַזוי, אַז מען זאָל דאָס באַמערקן.

— שטעלט אייך פאָר—האָט שנעל געזאָגט פרוי זרעמבבסקאַ, איידער זי האָט זיך נאָך באַגריסט מיט אַלע, אַז מאָרסקי, בעת ער איז מיט אונז אַרויסגעפאָרן פון דער היים, האָט ניט געקענט גע־

פונען אין קעשענע עפּעס אַ זאַך, וואָס ער האָט אַהערגעפירט און מיר האָבן זיך געמוזט שטעלן אינמיטן וועג, ביז ער וועט זיך איבערצייגן, צי ער האָט די זאַך מיטגענומען; אַנדערש האָט ער געוואָלט זיך אומקערן דערנאָך קיין ספּלעשעוו.

— די געערטע שכנה וועט זיך ערלויבן פאָרצושטעלן לאָרטשאַס קוזין, וואָס וויילט דאָ ביי אונז — האָט זיך אָפּגערופן הער ראַסיענסקי, צופירנדיק צו איר רדזאַוויטשן.

פרוי זרעמבסקאַ האָט שנעל און ניט־ווילנדיק צוגעלייגט דעם בינאָקל מיט אַ לאַנג הענטל און זילבערנעם ציפער צו די אויגן, מיט אַ באַוועגונג, וואָס עס מאַכן געוויינטלעך קורצזיכ־טיקע, און דערלאַנגענדיק אים די האַנט, אַ זאָג געטאָן:

— אָ! איר קומט דאָך צו גראַטולירן מיט אייער גרויסן טריאומף אין מינכען?

רדזאַוויטש האָט דערפילט, אַז אַלע האָבן אויף אים אַ קוק געטאָן און ס׳האָט אים אַ היץ באַגאָסן. ער האָט זיך פאַרנייגט און קורץ געענטפערט:

— יאָ, איך דאַנק אייך.

— וואָס איז געשען? מיר וויסן גאָרנישט? — האָבן אַ פרעג געטאָן כמעט גלייכצייטיק פרוי ראַסיענסקאַ און פרוי פּזשערוויץ!

— כ׳האָב באַקומען אַ דיפּלאָם — האָט ער געענטפערט.

— אַן ערן־דיפּלאָם מיט פאַרעפנטלעכן hors concours כ׳פריי זיך זייער, וואָס איך באַקען זיך מיט אייך — האָט צוגעגעבן פרוי זרעמבסקאַ, דריקנדיק שטאַרק זיין האַנט — ס׳איז שוין געווען אין „קוריער".

— און אין אונזערע צייטונגען נאָך גאָרניט — האָט אַ זאָג געטאָן פרוי ראַסיענסקאַ.

אַלע, אַ טייל אויס חשק, אַ טייל אויס חוב פון העפלעכ־קייט, האָבן אים אָנגעהויבן זאָגן קאָמפּלימענטן; פרוי ראַסיענסקאַ האָט אים געמאַכט פאָרוואורף, פאַרוואָס ער האָט זיי גאָרניט דערציילט, ס׳איז איר געווען זייער אומאָנגענעם; הער ראַסיענ־סקי ווידער איז זיין באַשיידנקייט זייער געפעלן געוואָרן. פרוי לאָראַ איז משמעות געווען האַלב צופרידן, האַלב פאַראומערט,

וואָס ניט „זויצי", מאַרסקי און פּושערוויץ האָבן אים האַרציק אַרומגענומען. העד עדוואַרד טוואַרדאָוויעצקי ווידער האָט געהאַט אַ מינע:

„גוט איז דאָס אויך, אַז מ'קען ניט זײַן איך", און הער וויקטאָר האָט אויסגעגלאָצט אויף אים די אויגן, מאַכנדיק אַן אײַנדרוק, אַז ער פאַרשטייט ניט זייער גוט אין וואָס עס גייט. עליאַ איז צוגעגאַנגען צו אים די לעצטע, אַ ביסל אומדרייסט, מיט שטאַרקע פלעקן אויף די באַקן און משמעות זייער גערירט.

— איר וועט פון מיר אויך צונעמען אַ גראַטולאַציע? — האָט זי אַ זאָג געטאָן שטיל, האַלב אויסציענדיק צו אים די האַנט.

רדזאַוויטש האָט אַ דריק געטאָן איר קליין הענטל, ענטפערן אָבער האָט ער ניט געקענט, מחמת אַרום זײַנען געשטאַנען עדוואַרד טוואַרדאָוויעצקי און רוזשאַ.

דאָס זײַנען אַלץ געווען פרעמדע מענטשן, אָדער מער נאָך ווי פרעמדע... מאַריאַ ווייס שוין דערפון: זי האָט איבערגעלייענט אין „קוריער", פּונקט ווי זי וואָלט איבערגעלייענט וועגן אַן אויסצייכענונג פון עפעס אַ שוועד, אָדער שפּאַניער.

באותו הרגע האָט פרוי טוואַרדאָוויעצקאַ אַ פרעג געטאָן, פאַרוואָס ער שיקט ניט זײַנע אַרבעטן קיין איטאַליע? ער האָט איר געענטפערט, אַז ניט דאָרט איז איצט דער צענטער פון אייראָפּעאישער קונסט, נאָר אין דײַטשלאַנד און פראַנקרייך.

— אַך! איטאַליע, ס'איז אַזאַ וואונדערלעך לאַנד — האָט אָנגעהויבן צו דעקלאַמירן פרוי טוואַרדאָוויעצקאַ — בעת מיר זײַנען מיט אַ יאָר צוריק פרילינגצײַט געווען אין איטאַליע, האָב איך געמיינט, כ'וועל צעשוואומען ווערן.

— פון התלהבות צי פון היץ? — האָט אַ פרעג געטאָן מאַרסקי.

— איר ווייסט, אַז אייך איז אַלץ ערלויבט — האָט אַ זאָג געטאָן פרוי טוואַרדאָוויעצקאַ, — דראָענדיק אים קאָקעטיש מיטן פעכער.

— צי דערפֿאַר, וואָס איך בין אַ קינסטלער, אָדער צוליב מיינע אַנדערע אייגנשאַפֿטן? — האָט ווידער אַ פֿרעג געטאָן מאָרסקי.

— דערפֿאַר וואָס איר זייט אַזוי, ווי איר זייט — האָט געענטפֿערט פֿרוי טוואַרדאָוויעצקאַ, מאַכנדיק דערביי „אַ גוטע מינע אין אַ שלעכטן שפּיל".

— איטאַליע איז באמת אַ הערלעך לאַנד — האָט זיך אָפּגערופֿן הער טוואַרדאָוויעצקי, אַ דיקער שליאַכטשיטש מיט אַ פֿראָסט פּנים — אָבער די געמיינע איטאַליענער האָבן אַלץ ביי אונז צוגענומען. אָט האָט איר: שפּאַראַגן — asparagi, שפּינאַט — spinace, פֿייגן — figo.

— אַבי נאָר ניט פּיקקאָ — האָט אַריינגעוואָרפֿן מאָרסקי.

— נו, אַז דאָס גאַנצע לאַנד הייסט איטאַליאַ — האָט ווייטער געזאָגט הער טוואַרדאָוויעצקי, — איז אויף פֿראַנצויזיש אויך איטאַלי, ניט נאָר ביי אונז.

— זייער אַ טיפֿע באַמערקונג — האָט אַ זאָג געטאָן מאָרסקי.

— זעט איר שוין, גראַף — האָט זיך אַליין געלויבט הער טוואַרדאָוויעצקי און אַ צי געטאָן דעם ציגאַר מיטן באַגילטן פּאַפּירל.

פֿרוי טוואַרדאָוויעצקאַ, פֿריילין מאַטילדאַ און הער עדוואַרד זיינען געווען רויט איבער די אויערן; הער וויקטאָר ווידער, וואָס האָט אומבאַוועגלעך פֿאַרזונקען זיינע אויגן אין דער פּזשערוויץ, האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער הערט גאָרניט, אָדער פֿאַרשטייט גאָרניט, וואָס דער פֿאָטער רעדט.

— מיר האָבן געהאַט די שענסטע באַקאַנטשאַפֿט — האָט „אַריינגעפֿירט אין שמועס" פֿרוי טוואַרדאָוויעצקאַ — דערהויפּט אויף קאַפּרי, וואו מיר זיינען איינגעשטאַנען אין קיזיזאַן, דער אייגציקער לייטישער האָטעל; ס'האָט אונז אמת געקאָסט אַן ערך פֿופֿצן פֿראַנק טעגלעך אַ מענטש, אָבער ביים טיש לעבן מאַטילדאַן האָט פֿריער געפֿלעגט זיצן דער יונגער לאָרד פּאַלמערסטאָן, און נאָכדעם גראַף סעטשעני, אַן אָבערלייטענאַנט פֿון די אונגאַרישע הוזאַרן.

— אַ לייטענאַנט — האָט פֿאַרריכט פֿריילין מאַטילדאַ.

— גראַף סעטשעני האָט זייער שטאַרק אַסיסטירט מאַטיל־דאַן — האָט ווייטער געזאָגט פרוי טוואַרדאָוויעצקאַ — אָבער זי האָט געצויגן אַהיים. זאָגנדיק דאָס, האָט זי פּילדייטיק אַ קוק געטאָן אויף מאַרסקין, וואָס האָט גאַנץ הויך איינגערוימט פרוי זרעמבסקאַן:

— וואו זיינען דען קיין נאַראָנים ניט פאַרהאַן.

— אמת טאַקע. אין איטאַליע זיינען פאַרהאַן פיינע זאַכן — האָט באַמערקט הער עדוואַרד מיט נאָנשאַלאַנץ פון אַ גרויסן וועלט־מענטש.

— מיר זיינען פון דאָרט געקומען מיט אַ סך איינדרוקן — האָט מוסיף געווען פרוי טוואַרדאָוויעצקאַ.

— די מאַמע געדענקט, איינע פון די מיידן, וואָס האָבן געטאַנצט אַ טאַראַנטולע לעבן טימבאַריוש־סאַלט? — האָט אַ פרעג געטאָן הער וויקטאָר טוואַרדאָוויעצקי.

— וויטשאָ, ווי דריקסטו זיך אויס? — האָט פאַרקלעמט אַ זאָג געטאָן שטילערהייט פרוי טוואַרדאָוויעצקאַ.

— טיבעריוש — האָט אים פאַרריכט פריילין מאַטילדאַ. — אויף קאַפּריש זאָגט מען: salto di Timbero. די טאַראַנטעלע איז באמת זייער אַ אָריגינעלער טאַנץ.

— איינע איז געווען, זאָלן זי די הינער צעפּיק... — האָט אָנגעהויבן הער וויקטאָר און איבערגעהאַקט, דורכגעבערענט פון דער מוטערס, ברודערס און פריילין מאַטילדאַס קוק; הער טוואַר־דאָוויעצקי דער פאָטער ווידער האָט אַרויסגעלאָזט דעם רויך פון ציגאַר און געזאָגט:

— וויטשאָ איז גערעכט, זי איז טאַקע זייער שיין געווען.

— איך מיטן טאַטן קענען זיך דערויף — האָט אַ באַמקע געטאָן וויקטאָר אונטער דער נאָז, באַקומענדיק אַ ביסל מוט דורכן פאָטערס ווערטער.

אָבער הענטשקעס זיינען אין ווענעציע גאָרניט קיין מהודר־דיקע — האָט אַ זאָג געטאָן פריילין מאַטילדאַ, — כ'האָב זיך אַזויפיל אָנגעהערט וועגן זיי. ס'איז קיין דמיון ניט צו די, וואָס כ'האָב געקויפט אין ניצע.

— אין רוים זיינען מיר געווען אויפן "פויפסטלעכן גאָטדינסט, אַדאַנק דער פּראָטעקציע פון איין עסטרייכישער גרעפין, מיט וועלכער מיר האָבן זיך באַקענט דורך סעטשענין און מיר האָבן געזען די קיניגין אויף מאָנטע פּינטשיאָ. ס'איז מיט איר געפאָרן, ווי מען האָט אונז געזאָגט, דער יונגער פירשט קאָלאָננאַ — האָט דערציילט פרוי טוואַרדאָוויעצקאַ.

— דאָריאַ — האָט איר פאַרריכט הער עדוואַרד.

— ניין, די מאַמע איז גערעכט, קאָלאָננאַ — האָט באַשטעטיקט פריילין מאַטילדאַ. — סעטשעני אַליין האָט אַזוי געזאָגט, און ער קען דאָך זיי. אַ! אַ וועלט מיט איינדרוקן האָבן מיר פון דאָרט מיטגעבראַכט!... אַ וועלט...

— זייער אַ ליבער מענטש, דער סעטשעני, ער האָט אַפילו צוגעזאָגט אונז צו באַזוכן — האָט געזאָגט פרוי טוואַרדאָוויעצקאַ, דערנאָך האָבן זיי ביידע, זי מיט פריילין מאַטילדאַ, אַ קוק געטאָן פאָרשנדיק אויף מאָרסקין, וואָס האָט זיך געמאַכט כלא ידע.

כמעט שוין פאַר אָוונטברויט זיינען נאָך געקומען די זאַווילסקיס, אַ פּאָר פּאָלק עטלעכע יאָר נאָך דער חתונה. ער, אַ סימפּאַטישער מענטש און משמעות שטאַרק פאַרליבט אין זיין ווייב, זי, מיט באַוועגלעכע אויגן און אַ ביסל צו שטאַרק דעקאָלטירט. צו אָוונטברויט האָט מען פרוי זאַווילסקאַ אַוועקגעזעצט צווישן רדזאַוויטשן און הער וויקטאָר טוואַרדאָוויעצקי. די זאַווילסקאַ האָט זיך אינגיכן געפונען עפּעס צו נאָענט לעבן רדזאַוויטשן און „טעלעגראַפירט" צו אים מיטן שפּיץ שוך. ער האָט עס דערפילט, ניט געענטפערט, אָבער דעם פוס ניט צוריקגעצויגן. דעמאָלט האָט די זאַווילסקאַ „טעלעגראַפירט" אַ צווייטן מאָל. רדזאַוויטש האָט אַ קוק געטאָן אויף איר, בכיוון זייער שטאַרק פאַרחידושט, און אַצי צוריק געטאָן די פיס. די זאַווילסקאַ איז לייכט פאַררויטלט געוואָרן און האָט זיך איבערגעטראָגן, אויף וויפל ער האָט געקענט משפּטן, צו וויקטאָר טוואַרדאָוויעצקי, וועלכער האָט זי משמעות אויפגענומען מער דאַנקבאַר, ניט אַראָפּלאָזנדיק גלייכצייטיק קיין אויג פון דער פּזשערוויץ. זאַווילסקי, וואָס איז געזעסן לעבן פרוי לאָראַ, האָט כסדר געווענדט זיינע

פאַרליבטע אויגן אויף זיין פרוי, וואָס האָט אַזוי פלינק מאַנעווו־רירט מיט אירע, אַז זי האָט כסדר צו דער צייט באַוויזן צוריק־קומען פונם „אויספלוג", און זיך באַגעגענען מיט זיינע אויגן. מיט רדזאַוויטשן האָט זי גערעדט אַ סך און אומגעהייער ליבנס־ווירדיק, אויסבויגנדיק דערביי צו אים אַלץ מער דעם קאָפּ און דעם לינקן אָרעם, וואָס מער זי האָט אַראָפּגערוקט די רעשט קער־פּער אויף דער צווייטער זייט שטול. לוקאָוויטש האָט זיך איינ־גאַנצן געביטן, קוקנדיק אויף דער פּושערוויק, און פאַרמאַכט די אויגן, ווי אַ מענטש, וועלכן עס באַהערשט אַ יאוש; פרוי זרעמבבסקאַ ווידער, צווישן פּושערוויק און מאַרסקין, האָט אָפּט אויסגעשאָסן מיט אַ פּוסט, פריילעך געלעכטער אָדער דערציילט שטילערהייט עפּעס אַזוינס, פון וואָס זיי האָבן געוואַלטיק געלאַכט. איינמאָל האָט זי זיך ניט געקענט איינהאַלטן, אויפגעשטאַנען און זאָגנדיק: „מיין ליבע מאַדאַם, כ'מוז דאָס אייך אויף דערציילן"— אָנגעהויבן עפּעס איינרוימען פרוי לאַראַ אין אויער אַריין; פרוי לאַראַ האָט זיך דערביי פאַררויטלט ווי אַ פּיאָן, און באַמיט זיך אויף זייער אַן אַמיזאַנטן אופן צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי זשענירט זיך לגמרי ניט. פרוי טוואַרדאָוויעצקאַ האָט געקוקט אויף פרוי זרעמבבסקאַ מיט אמתן עקל, און פריילין מאַטילדאַ — מיט אומגעהייערער שנאה און קנאה. לעבן עליאַן איז געזעסן הער עד־וואַרד טוואַרדאָוויעצקי, פאַרזינקענדיק אין איר פון צייט צו צייט זיינע הערלעכע בלויע אויגן און געוויילט זי מיט אַ מינע פון אַ פאַרליבטן דאָן זשואַן.

פונם גאַנצן געזעלשאַפט האָט רדזאַוויטשן אינטערעסירט בלויז איין לוקאָוויטש. דער ווייבס טויט האָט אים משמעות אויף אייביק צעבראָכן. ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז ער עסט און רעדט גיכער ווי אַן אַוטאָמאַט, איידער ווי אַ לעבעדיקער מענטש; ער האָט מיט זיינע מחשבות געמוזט כסדר זיין ביים ווייבס טויטן בעט, לעבן איר טרומנע אָדער ביי דער ערשטער שעה, ווען ער האָט זי דערזען, ביי דעם ערשטן „כ'האָב ליב", ביי דעם ערשטן קוש. ס'איז שרעקלעך געווען אַ טראַכט צו טאָן, אַז ער וועט שוין קיינמאָל, קיינמאָל די דאָזיקע פרוי ניט זען,

זיך אומקערן אין דער פוסטער דירה אַריין, אַנטשלאָפן ווערן אָן איר, פילן זי פאַרלוירן אויף אייביק,—און לעבן... רדזאַוויטש האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ווען ער זאָל אַזוי פאַרלירן מאַריאַן, וואָלט ער ניט בכוח געווען צו לעבן, ער וואָלט זיך אַריינגעפרעסן אין איר קבר אַריין, ער וואָלט מיטן שטערן די ערד דורכגעלעכערט, ביז דער טרומנע מיט די ברוסטן זי דורכגעבראָכן, מיט די הענט זי צעריסן... ער וואָלט ניט געקענט לעבן... עס וואָלטן געקומען די זומערדיקע לבנה־נעכט און זי איז ניטאָ, זי זאָל זיך אָנשפּאַרן אָן אים, כּדי אַרויסצוגיין מיט אים אין פעלד אַריין; ס׳וואָלט געקומען אַ קאַלטער האַרבסט־אָוונט און זי איז ניטאָ, זי זאָל דאָס קעפּל צו אים צוטוליען... ער וואָלט ניט געקענט לעבן, ווען ער זאָל אַזוי מאַריאַן פאַרלירן...

לוקאָוויטש, ווי ער וואָלט טרעפן, וואָס רדזאַוויטש טראַכט אָדער אפשר פילנדיק אין דעם מענטש אַן אח לצרה, האָט אויפגע־הויבן זיינע טרויריקע אויגן און אַקעגן אַ ווײַלע געקוקט אויף אים.

ביי וויקטאָר טוואַרדאָוויעצקי, וואָס איז געזעסן לעבן דער זאַווילסקאַ, איז שוין צום דריטן מאָל דאָס סערוועטל אַראָפּגעפאַלן אונטערן טיש, און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שמייכל ביי פרוי זרעמבסקאַ און אַ לייכטן פלעק אויפן פּנים פון דער זאַווילסקאַ; דאָס האָט פונדעסטוועגן ניט געשטערט, ער זאָל זיך יעדעס מאָל, בעתן אַראָפּבויגן דעם קאָפּ אונטערן טיש, זיך אַריינקוקן, ווי אין אַ רעגנבויגן, אין פרוי לאַאוראַ, וואָס האָט היינט באמת אויסגעזען צוציענדיק און שיין. די שיינקייט אירע, וואָס בייט זיך גוואַלדיק און הענגט אָפּ פון טאָג, ווי דאָס געשעט מיט אויס־געאיידלטע מענטשן, האָט היינט געהאַט „איר גוטן טאָג".

רדזאַוויטש האָט געזען, אַז פּזשערוויץ האָט באַמערקט, ווי דער יונגער טוואַרדאָוויעצקי קוקט זיך איין, און עס האָבן אים אָנגעהויבן צו ציטערן די ברעמען פון באַהאַלטענעם כעס. וואָס האָט ער אָבער געזאָלט טאָן? זיך אויפהייבן און אַ געשריי טאָן: מיין הער, קוקט ניט אויף מיין פרוי, ווייל כ׳האָב עס ניט ליב!?

זי האָט דאָס אויך זשעניִרט און לחלוטין אָפּגענומען ביי

איר די פרייקייט און דעם גוטן הומאָר: זי האָט אָבער דערצו אויך גאָרניט געקענט העלפן.

רדזאַוויטש ווידער האָט געטראַכט, אַז מאַריאַ זאָל זיין זיין ווייב און עמיצער זאָל זיך איינקוקן אין איר, וואָלט ער עס ניט געקענט פאַרליידן. דערצו נאָך מאַריאַ מיט איר וואונדערלעכער שיינקייט און חשק אַלעמען אַרום זיך צו געפעלן.... יעזשי קען לכל־הפחות מיט לאַראַן זיין זיכער, אָבער...

ער האָט צוגעדריקט די ליפן און ניט געוואָלט וויסן דער־פון, וואָס ער האָט געטראַכט, אַז מיט מאַריאַן קען מען ניט זיין זיכער, ווען זי וואָלט אַפילו חתונה האָבן פון ליבע, מחמת די ליבע וואָלט געקענט אין איר אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַזוי ערגעץ פאַרשווינדן, ווי ס׳איז פאַרשוואונדן געוואָרן „די ווילדע ליבע צו אים.״

ס׳קען זיין, אַז קאָלאָליאַסקי איז אַזאַ טיפש, אַז ער וועט עס ניט באַמערקן, ווי עס באַמערקט ניט זאַווילסקי, וואָס קוקט מיט דער העכסטער יראת־הכבוד אויף זיין פרוי, ער וואָלט עס אָבער באַמערקט און דעמאָלט...

אינמיטן דערינען איז אים פינסטער און בלוטיק געוואָרן אין די אויגן און ס׳האָט אים אַזאַ כעס׳ אַרומגענומען אויף מאַ־ריאַן, ווי זי וואָלט געווען זיין ווייב און ווי זי וואָלט שוין אים אָנגעמאַכט אייפערזוכט. ער וואָלט געווען מיט איר דער אומגליק־לעכסטער מענטש. ער וואָלט צו איר קיינמאָל קיין צוטרוי ניט געהאַט, ניט ער וואָלט עס געקענט צו איר האָבן. זי וואָלט עס ניט פאַרדינט! ס׳וואָלט געווען איין גרויסע פיין. אָך! אפשר איז צוליב דעם גופא בעסער, וואָס זי וועט ניט זיין זיין ווייב. אַ פרוי, וואָס מען האָט ליב, דאַרף זיין ווי אַ ווייסע סטאַטוע פון ריינקייט. נאַטירלעך, אומעטום געפינען זיך אַזעלכע בהמות, ווי וויקטאָר טוואַרדאָוויעצקי, צו דעם איז קיין רפואה ניט פאַראַן; מען דאַרף אָבער אין יעדער געליבטער פרוי אַזוי גלייבן, ווי פּזשערוויץ גלויבט אין לאַאוראַן, אַז דורך איר מוח וועט אַפילו קיין איין מחשבה ניט דורכגיין, זי זאָל עס אים ניט קענען דערציילן. מאַריאַ אָבער...

מאַריאַ גייט שטענדיק נאָכן פּיזישן אימפּולס נאָך. זי ווײלט זיך און הערט אויף צו דאגהן וועגן מענטשן פון דער רגע אָן, וואָס זיי הערן איר אויף צו געפעלן. אין דעם פּרט שטערט איר קיין זאַך ניט, און אין דער שטרעבונג צו הנאה האָבן קלייבט זי ניט אויס קיין מיטלען. די בעסטע ראיה איז איר איצטיק פירן זיך. זי וויל געניסן אַזוי, ווי איר חשק צו געניסן איז דערצו געוויינט...

זי וויל געניסן, דאָס הייסט, זי וויל פאַר זיך דאָס זעלבע, וואָס עס וויל פאַר זיך אויך ער...

פונקט ווי ער, לעבט זי, האָט דאָס זעלבע לייב און בלוט, זי איז פונקט אַזאַ מענטש, ווי ער, האָט פונקט דיזעלבע פאַר־לאַנגען און גלוסטונגען. מיט וואָס פאַר אַ יושר וואָלט ער פאַר־זיך אָנערקענט דאָס רעכט צו געניסן, און פאַר איר ניט?... יאָ, זי שטרעבט אָבער צו דעם געניסן מיט אַן אומווירדיקן וועג... און ער? ווען מאַריאַ זאָל חתונה האָבן מיט קאָלאָליאַסקין, נאָר מיט אים צו האָבן באַציאונגען, וואָלט ער געגאַנגען צו איר און געפּריידיקט מאָראַל?... מסתּמא ניט.

יאָ, מאַריאַ איז אָבער אַ פרוי...

און איז דערזעלבער מענטש, וואָס ער.

איז זי אַלזאָ אומשולדיק?...

זי וויל געניסן פון לעבן פונקט, ווי ער...

פּלוצלונג האָט מאָרסקי, וואָס איז געווען פון אַ לענגערע צייט אָן מיט עפּעס פאַרנומען אונטערן טיש, אַ לאָז געטאָן אויף רוזי־שאַן אַ ריזיקן דריידל, אויף וועלכן ס'איז געזעסן אויף דרעטלעך אַ מאַלפּע פון רויטן פּליוש, און געמאַכט בשעתן פליען קאָמישע העוויות.

— כ'האָב דאָס געבראַכט פאַר דיינעטוועגן פון באָסטאָן — האָט ער אויסגעשריען.

פרוי זרעמבבסקאַ האָט, קיינבדיק פון געלעכטער, דערציילט, ווי מאָרסקין האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט עס פאַרגעסן ביי איר און דער משוגענער איז גרייט געווען זיך אומקערן דערנאָך. דאָס דריידל האָט געזשומעט, געדרייט זיך, ביז עס האָט

זיך איינמאָל און נאָכאַמאָל אָנגעשטויסן אָן דער סאַלאַט־וואַזע, און געפאַלן אויף אַ זייט.

פרוי טוואַרדאָוויעצקאַ און פריילין מאַטילדאַ האָבן געלאַכט מיט אַ האַלב מויל, הער וויקטאָר ווידער איז אינגאַנצן אַרויס פון די כלים, און געשריען:

— אוי, איז דאָס אַ קאָמישע כלי, אויף מיינע נאמנות! ס'איז אַ לעכערלעכע חיה! כ'מוז זיך אַזוינס מאַכן! אַז כ'וועל עס אַ לאָז טאָן צווישן די שיקס...

אַדורכגענומען פון דער מוטערס, שוועסטערס און ברודערס בליקן, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן.

רוזשאַ האָט זיך אָבער באַליידיקט: טרערן האָבן זיך איר באַוויזן אויף די אויגן און זי האָט אַ זאָג געטאָן צו מאַרסקין, אַז זי איז נישט קיין קינד פאַר אים, וואָס זאָל זיך שפּילן מיט באָנקעס און אַז ער זאָל זיך אַליין דערמיט שפּילן, אויב דאָס ווילט אים. זי האָט זיך כמעט צעוויינט. מאַרסקי ווידער, אַ גליקלעכער פונם עפעקט, וואָס ער האָט געמאַכט, האָט זיך פאַרענטפערט, אַז דער דאָזיקער באָנק דרייט זיך נישט בלויז, נאָר מען קען אויף אים אויך פייפן און שפּילן, ווי אויף אַ האַרמאָניקל. און איז אינגאַנצן ענלעך צו דעם, וואָס עס האָט באַקומען איינער פון די וואַנדערבילדטס ייגנסטער זונדל. די דאָזיקע לעצטע ידיעה האָט צו דער רעשט שוין דערהרגעט רוזשאַן, וואָס האָט מיט באַסט אָנגעהויבן ערקלערן מאַרסקין, אַז זי איז פריילין רוזשאַ ראָסיענסקאַ און נישט עפעס וואַנדערבילדטס אַ יינגסט זונדל.

מאַרסקי איז צעשיט געוואָרן פון געלעכטער.

דער שפּאַציר איבערן פאַרק נאָכן אָוונטברויט האָט לאַנג נישט געדויערט, מחמת די צייט און דאָס אָרט האָבן געשאַפן אַ שטימונג צו ריידן דאָס, וואָס מען פילט,—אין דער צייט, ווען אַ טייל אָדער זיי האָבן גאָרנישט געפילט צו די אַנדערע, אָדער נישט געוועזן נאָענט צו זיי.

פאַרן אָפּפאָר האָט מאַרסקי, וואָס האָט ליב געהאַט צו שפּילן אויף די ראָסיענסקיס קלאַוויר, זיך געזעצט לעבן אים און אָנגעהויבן דרימפּלען אין די קלאַווישן מיט איין פינגער,

דערנאָך אויספּויקן עפּעס מעלאָדיעלעך. ביסלעכווייז האָט זיך זיין פּנים אָנגעהויבן בייטן, ער איז אַ ביסל בלאַס געוואָרן און פאַרלאָרן זיין געוויינטלעכן אויסדרוק פון אַ נאַכלעסיקן, אומצערעמאָניאַלן און פריילעכן וועלט־מענטש. פון זיינע מעלאָדיעלעך איז ער אַריבער אויף מעלאָדיעס און אָנגעהויבן שפּילן. פרוי טוואַרדאָוויעצקאַ האָט געוויזן אויף די ליפּן צייכנס, מען זאָל שטיל ווערן.

פלוצלונג האָט מאָרסקי גענומען אַן אַקאָרד, דערנאָך אַ צווייטן אַ שטאַרקערן און פון אונטער די פינגער האָבן אָנגעהויבן אַפּערלויפן טענער, ווי ליכט און ריחות. ער האָט צעקלונגען און צעוויגט די קלאַווישן און אָנגעהויבן וואַרפן אין רוים ריזיקע בויגנס מוזיק, וואָס ער האָט צונויפגעפלאָכטן אין ראָזעטן און גירלאַנדעס, צונויפגעוויקלט אין סטענגעס און צעשפּריצט ווי גירליאַנדעס. פלוצלונג האָט ער אַ קלאַפּ אויס געטאָן אַ לאַנגן אַקאָרד, אַ שטאַרקן, ווי אַ דונער.

— אַ שטורעם — האָט אַ מורמל געטאָן פרוי טוואַרדאָוויעצקאַ.

— ניין, דאָס שיט מען איבער אַרבעס — האָט געענטפערט מאָרסקי, ניט אויפהערנדיק צו שפּילן. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן עפענען גוואַלטיקע תהומות. עפּעס געהיימניספולס און שרעקנדיקס האָט זיך אַנטהוילן פון קלאַוויר אַרויס. ער האָט געעפנט עפּעס היילן און גרונטן פון אָזיערעס, אויף וועלכע ס'האָבן זיך געוויגט אונטערוואַסער־בלומען. פלוצלונג האָט זיך געדאַכט, אַז וויאָסלעס האָבן אַ פּלעסקע געטאָן און ס'האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף אַ כוואַליע אַ שיפל, און דערנאָך האָט זיך פאַרשפּרייט אַ געזאַנג, פול מיט מתיקות, מיט תאווה און בענקשאַפט.

— דאָס איז ליבע — האָט אַ מורמל געטאָן מיט אַ האַלבער שטים פריילין מאַטילדאַ.

— אַ פלייט — האָט געענטפערט מאָרסקי, אַ קלאַפּ טוענדיק וואָס אַמאָל אין די העכערע טענער, אַזוי, אַז ס'האָט זיך געדאַכט עס שפּילט אַ באַרג־ווינט אויף אַ אייז טאָוול און אין די פעלזן־שפּאַלטן.

— אַ! אַ! האָבן אַ זיפֿץ געטאָן מיטאַמאָל פֿרוי טוואַר־דאָוויעצקאַ און פֿריילין מאַטילדאַ. מאַרסקי האָט שוין אָבער גאָר־ניט געענטפֿערט; ס'האָט אים פֿאַרכאַפּט די מוזיק און געטראָגן אין דער הויך. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער וואַרפֿט שטערן און צעשפּריצט זיי אין רעגנבויגנס אויפֿן ים־פּלאַך, עפּעס געזאַנגען, וועגן אַנטוישטע סירענעס פֿון מעשהלעך אַרויס, און איבער דעם קוים־קוים ריזלדיקן ים ווי אַ וואָלקן זיי צעהאַנגען.

— שאָפּען — האָט אַ מורמל געטאָן פֿרוי טוואַרדאָ־וויעצקאַ.

— מאָצאַרט — האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ האַלבער שטים פֿריילין מאַטילדאַ.

מאַרסקי האָט אָבער ניט געהערט. ער האָט צעגאָסן אַן אומגעהייערע מעלאָדיע, ווי אַ העלקייט פֿון דער זון, וואָס לייכט אין מיטן טאָג. וואָס אַמאָל ווייטער און ווייטער, וואָס אַמאָל ברייטער איז זי אַוועק אין אין־סוף און אין־קץ אַריין, ביז זי ערגעץ אין אומענדלעכער העכסטער שלווה דערטרונקען געוואָרן, און זיך ווידער אָפּגעריסן אין עפּעס אַ ווידער־קול.

— געטלעך! — האָט אַ געשריי געטאָן פֿרוי טוואַרדאָ־וויעצקאַ, פֿריילין מאַטילדאַ ווידער האָט אויסגעווישט מיט אַ באַ־טיסטן טיכל די טרערן, כּלומרשט שנעל, אַז ס'זאָל קיינער ניט באַמערקן, אין דעראָמתן אָבער זייער פֿאַמעלעך.

מאַרסקיס פּנים האָט זיך אין דער מינוט געביטן און ער האָט אַ מורמל געטאָן צו רדזאַוויטשן, וואָס איז געשטאַנען דערלעבן:

— זעט נאָר, צי זי ווײנט מיט גומעראַביקע אַמאָל, אַז עס וועט זיך ניט לאָזן אָפּקלעפּן דערנאָך?

אינמיטן דערינען איז פֿרוי טוואַרדאָוויעצקאַ, אין פּלוצלונגן פּאַראָקסיזם פֿון התלהבֿות, צוגעשפּרונגען צו אים און אָנכאַפּנ־דיק אים פֿאַר די הענט, אויסגעשריען:

— זשעני!

מאַרסקי האָט זיך העפֿלעך פֿאַרנייגט.

— לויבן טאָר מען אָבער ניט, ווייל תּמיד זייט איר farceur. וואָס האָט איר מיר געענטפערט עפּעס וועגן אַרבעס?

— ניין, אויף מיין וואָרט, כ׳האָב געוואָלט אויסשפּילן מיין ווירטשאַפט אין פּושיכוווּעק — האָט געענטפערט מאַרסקי, כּלומרשט גאַנץ פּשוט און בתּמימות.

פרוי טוואַרדאָוויעצקאַ האָט זיך אָנגעטאָן אַ כּוח זיך צו צעלאַכן און געזאָגט מיט אַ מאַניער פון אַ גרויסוועלטיש מענטש:

— שיט אונז נאָר אַזוי כּסדר אַרבעס איבער, וועלן מיר אייך דעם קאָפּ מיט לאָרבער באַשיטן. אונזער קלאַוויר בענקט שוין לאַנג נאָך אייך, אַ שלעכטער איר זייט — האָט זי פאַרענ־דיקט מיט אַ מילדער מינע.

— איך פאָר אָפּ די וואָך — האָט געענטפערט מאַרסקי.

פרוי טוואַרדאָוויעצקאַ האָט זיך דאָס פּנים פאַרכמאַרעט, זי האָט אָבער נאָך באַוויזן אַ שמייכל צו טאָן:

— אייך פאַרהאַלטן קיינמאָל ניט קיין פריינדלעכע הערצער?

מאַרסקי האָט עפּעס אַ טראַכט געטאָן, פרוי טוואַרדאָ־וויעצקאַ ווידער האָט געוואָרפן אויף מאַטילדאַן אַ בליץ־שנעלן פילדייטיקן בליק, און עדוואַרד טוואַרדאָוויעצקי האָט זיך אַ דריי אויס געטאָן מיט אַ באַוועגונג פון אַ נערוועזן מענטש, וועמען עמיץ גיט אים אַ קראַץ מיטן נאָגל אין מאַנזשעט.

אַרום צוועלף זיינען פאַרבליבן אין זאַגושע בלויז היימי־שע. די נאַכט איז געווען וואַרעם און שטיל, פול מיט ריחות פון בלומען אוןביימער, אַ ביסל אַ נעפּלדיקע, אַזוי אַז די שטערן האָבן וואו־ניט־וואו מאַט און אָן שטראַלן געלויכטן. די לבנה האָט געשלייכט אינם נעפּל, ווי אַ סערפּ.

רדזאַוויטש איז, אַן אויפגערעגטער פון אַ גאַנצן טאָג, פון דעם איינדרוק, וואָס לוקאָוויטש האָט אויף אים געמאַכט און פון מאַרסקיס שפּילן, אַרויס אין פּאַרק.

ס׳האָט אים אַן אומגעהייערער טרויער אַרומגענומען. ער האָט געפילט אַליין, און דאָס געפיל האָט אים אָנגעהויבן מיט

כוח דריקן, ווי כמעט קיינמאָל ניט. אַרום איז נאָך געווען די צייט
פון ליבע. איבעריקנס, די ליבע איז אייביק, זי האָט בלויז אירע
קענטיקע פאָרמען. די ליבע איז אַ ריזיקע, אייביקע ווירוואַר=
באַוועגונג. סיי אין ים, סיי אויף דער ערד דויערט זי כסדר און
פאַרשלינגט אַלץ. רדזאַוויטש האָט געהאַט עפּעס אַ ריזיקע ליבע=
וויזיע. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז פּונקט, ווי אונטער דער
ווירקונג פון מאָרסקיס מוזיק, עפענען זיך פאַר אים די ים=אָפּ=
גרונטן און די ערד=שטחים און אַז ער זעט פאַר זיך דעם אַל=
וועלטלעכן משונהדיקן כאַאָס פון פאַרלאַנגען, תאוות און ליבע=
גאַרונגען. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז די ליבע, וואָס נעמט
אַרום די גאַנצע וועלט, האָט אין זיך אַ פאַרשיכּורנדיקן ריח. ער
האָט תּופס געווען די אייביקייט. זי דויערט מששת ימי בראשית,
יעדער דור איז בלויז איין שיכט אירער, איין כוואַליע.

די ריזיקע אידעע ווערט פאַרקערפּערט אין מיליאַרדן גע=
שטאַלטן און פיגורן. מען האָט ליב די אידעע, פאַרקערפּערטע אין דעם
געשטאַלט, וואָס שטעלט זי צום בעסטן פאָר. אַ ליבע=אָרעם=דרוק —
איז אַן אומענדלעכער קאָסמישער תוהו=ובוהו=נעפּל, וואָס ווערט
מגולגל אין נייע און נייע פאָרמען, וואָס גייען לאיבוד און ווערן
נעלם, כּדי פאַר אַנדערע אָרט צו מאַכן. ליבע איז אייביקע ירושה,
אייביקער אַרב, אייביקע אַלגעמיינע אידעע אין דעם אומענד=
לעכן סכום אמתדיקע דערשיינונגען.

טראַכטנדיק אַזוי, האָט ער זיך געפילט וואָס אַמאָל טרויע=
ריקער. ער איז אין דער גאַנצער וועלט געווען עפּעס פרעמדס —
געווען אַליין...

ער האָט זיך געזעצט אין אַלטאַנע, וועלכע רוזשאַ האָט
אָנגערופן דער מומע לאָרטשאַס אַלטאַנע, און אַראָפּהענגענדיק
דעם קאָפּ איבער דעם אָנלען פון באַנק, פאַרמאַכט די אויגן.
אינגיכן האָבן זיך אין דער אַקאַציע=אַלעע באַוויזן צוויי שאָטנס,
וועלכע ער האָט דערקענט נאָך זייערע סילועטן נאָך. ס'זיינען
געווען די פּזשערוויצעס, ער האָט קלאָר געקענט זיי הערן ריידן.
— הער, זיוציו — האָט זי געזאָגט — האָסט עפּעס אַ סך
געלט?

— אָן ערך זעקס הונדערט רובל — האָט געענטפערט פּושערוויץ.

— און מיר האָט מען אייערנעכטן געשיקט פיר הונדערט פּופּציק, האָבן מיר צוזאַמען טויזנט פּופּציק. הער, איצט וועסטו ניט אַרבעטן לכל־הפחות צוויי חדשים, ווייל דו ביסט מיד.

— גוט, מיין קינד, כ'וועל פריער אָבער מוזן נאָך אַ צוויי וואָכן אַרבעטן אין וואַרשע. כ'וויל זיין אינגאַנצן פריי.

— נו, גוט, מיר וועלן זיך אומקערן פון דאַנען, און דער־נאָך וועלן מיר פאָרן קיין זאַקאָפּאַנע.

— גוט.

— פאַרטשעפּע דעם פינגער אָן וועסטל, כ'זאָל זיך קענען פעסט אָנשפּאַרן, ווייל די פיס טוען מיר וויי. ווי גוט עס איז, וואָס מיר זיינען שוין אַליין. גיב אַ קוש דערפאַר. דער היינטיקער טאָג האָט מיך פאַרמאַטערט.

— נו, לאָמיר גיין אַהיים, קינד־לעבן.

— אַז דאָ איז אָבער אַזוי שיין און אַזוי גוט מיט דיר. זאָג עפּעס. ווי אַזוי גייט עס דאָרט געטעס ליד, אַזאַ שיינס? ...Über allen Wipfeln

— ניין, .Über allen Gipfeln ist Ruh’

— זאָג עס אינגאַנצן:

— Über allen Gipfeln ist Ruh‘,
Auf allen Wipfeln spürest du
Kaum einem Hauch,
Die Vöglein schlafen im Walde,
Warte nur, balde
Ruhest du auch.

— דו זאָגסט עס אַזוי שיין... לאָמיר זיך אָפּשטעלן... ס'איז אַזוי שטיל...

רדזאַוויטש האָט געזען פון דער אַלטאַנע, ווי זי האָט אָנ־געלענט איר קאָפּ אויפן מאַנס אָרעם, אָנגעהאַנגען אויף אים מיטביידע פאַרוואָרפענע דלאָניעס פון די הענט.

„אין אזאַ זומערדיקער נאַכט איז די שיינע יעסיקאַ"... וואָס קומט אַרויס, אַז איך געדענק ניט ווייטער — האָט אַ זאָג געטאָן שפּאַסיק פּושערוויץ.

— ווייסט, דאָס לעבן איז זייער שיין—האָט זי זיך אָפּגע־רופן.—מיר זיינען אונזער און אַליין. אין גאַנצן פּאַרק איז קיינער, אַחוץ אונז, ניטאָ. ווייסט מיך ערגעץ פירן אין זאַקאָפּאַנע? איצט בין איך אַ סך שטאַרקער, כ'וועל קענען גיין. מיין טייערער, גיב נאָר ניט אויס קיין געלט, כדי מיר זאָלן קענען מאַכן אַ סך אויס־פלוגן. מיר וועלן גיין נאָר באַנאַנד, ניט אמת? ס'ווילט זיך מיר שלאָפן — האָט זי אַ געניץ געטאָן, פאַרשטעלנדיק דאָס מויל מיט דער האַנט.

— נו, לאָמיר זיך אומקערן — האָט געזאָגט פּושערוויץ. — כ'געדענק ניט, צי האָסטו נאָך די אַמאָליקע זאַקאָפּאַנער פּעלע־רינע? זי וואָלט דיר צו נוץ געקומען, קום.

זיי זיינען אַוועק, זי כסדר אָנגעלענט אָן מאַנס אָרעם, און אינגאַנצן אויף אים אָנגעהאַנגען, אַז ער האָט גיכער זי געטראָגן, איידער זי איז געגאַנגען אַליין.

אין רדזאַוויטשן האָט געזידט דער ווי און צער; ער איז געווען אַליין. ער האָט זיך אַריס געטאָן און אַוועק דורך אַן אַנדער אַלעע צום הויז, כדי צו נעמען דעם שטעקן און אַנטלויפן ערגעץ פון זיך אין פעלד און אין וואַלד אַריין. אויפן גאַנעק, וואָס איז געווען פינסטער פון ווילדע וויינטרויבן, האָט ער דער־זען אַ סילועט פון אַ פרוי, וואָס איז געזעסן אויף אַ באַנק.

— פרוי לאָראַ? — האָט ער אַ פרעג געטאָן, מיינענדיק, אַז די פּושערוויצעס האָבן זיך דאָ צוגעזעצט.

— ניין, דאָס בין איך — האָט געענטפערט עליאַ ראָ־סיענסקאַ, טוענדיק אַ ציטער, ווי זי וואָלט זיך דערשראָקן.

— כ'האָב געמיינט, אַז יעזשי מיטן ווייב זיינען געווען אין פּאַרק.

— זיי זיינען שוין אַוועק צו זיך אין דער צווייטער זייט אַריין.

אַ גוטע נאַכט אייך—האָט זי אַ זאָג געטאָן, אויפשטייענדיק.

אָבער אין דער מינוט, וואָס ער האָט דערקענט עליאַן, האָט אים באַהערשט עפּעס אַ ווילדע תּאווה, וואָס האָט אים גע־מאַכט אָן אַלץ פאַרגעסן. ס׳איז געווען אַ פרוי, אַ פרוי אַ יונגע און אַ שיינע, אַ פרוי, וועלכע איז צו אים ניט געווען גלייכגיל־טיק, ער האָט דאָס געקענט דערקענען שוין בלויז אין איר שטים, בעת זי האָט זיך צו אים אָפּגערופן, גראַטולירנדיק אים צוליב דעם דיפּלאָם — ער ווידער האָט געהאַט אין זיך אַזויפיל צער, אַזויפיל בענקשאַפט און אַזאַ פאַרלאַנג... אין ברוסט האָט ביי אים עפּעס אויפגעברויזט און די קני האָבן אונטער אים לייכט אַ ציטער געטאָן.

— פריילין עליאַ, — האָט ער זיך אָפּגערופן מיט אַ האַל־בער שטים, צוגייענדיק צו איר — פאַרוואָס האָט איר מיך גע־פרעגט, צי כ׳וועל פון אייך אָננעמען די גראַטולאַציע?

— כ׳האָב געמיינט, אַז איר זייט אין כּעס אויף מיר—האָט זי אַ זאָג געטאָן פּשוט און טרויעריק. — אַחוצדעם דאַכט זיך מיר, אַז איך בין אייך אומסימפּאַטיש, און פון אַזעלכע מענטשן איז אַלץ ניט ליב. מיר קענען אָבער דאָ לענגער ניט ריידן. אַ גוטע נאַכט.

זי האָט אויסגעצויגן צו אים די האַנט; ער האָט אָבער, האַלטנדיק איר האַנט אין זיינער, ניט געקענט זיך באַהערשן און אויפהייבנדיק צו די ליפּן, זי אַ קוש געטאָן.

— וואָס טוט איר?! — האָט אַ געשריי געטאָן עליאַ, צי־ענדיק זיך אײַנגאַנצן צוריק און וועלנדיק זיך אַרויסרייסן. אין אים ווידער האָט דער קוש פאַרגרעסערט די ליידנשאַפט און גלייכצייטיק דערוועקט אַ מאָדנע און גרויסע האַרציקייט צו עליאַן. די האַנט אירע האָט ער פאַרהאַלטן אין זיינע און אַ זאָג געטאָן מיט געבעט און ווייך:

— אַנטשולדיקט.

— פאַרוואָס? — האָט געפרעגט עליאַ, אויף וועלכער דער טאָן האָט משמעות געמאַכט אַ רושם.

— איר קענט אַפילו ניט, און דאַרפט מיר ניט מוחל זיין.

— אַלץ פֿאַרשטיין, הייסט אַלץ פֿאַרגעבן, ווייסט איר; איך מוז אָבער שוין גיין. לאָזט מיך אָפּ — האָט זי פֿאַרענדיקט שטיל, שעמענדיק זיך פֿאַר די ווערטער, וואָס זי האָט זיך אַוודאי קיינ־מאָל ניט פֿאָרגעשטעלט, אַז זי וועט זיי אין דעם מצב און אין דער באַדערפֿעניש אַמאָל אַרויסזאָגן. ער האָט אָבער דערפֿילט, אַז איר האַנט ווערט פֿאַרחלשט און אָנמעכטיק אין זיין דרוק, ווי דעמאָלט אויפֿן ראַאוט.

— זי וועט בלייבן! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן און געפֿרעגט הויך: — פֿאַרוואָס ווילט איר אַוועקגיין?

— מיר קענען דאָך ניט ריידן אַליין אַזוי שפּעט.

דעמאָלט האָט ער זי אָנגענומען פֿאַר דער צווייטער האַנט און ווידער אַ זאָג געטאָן ווייך און מיט געבעט:

— פֿריילין עליאַ... — ער האָט ניט געקענט זען אירע אויגן און איר פּנים,—ס׳האָט זיך אים אָבער געדאַכט, אַז ער זעט כּמעט, ווי די אויגן פֿאַרמאַכן זיך, אַזעלכע טיפֿע, גרויסע אונטער אירע לאַנגע וויעס און ווי עס עפֿענען זיך אַ ביסל אויף, מיט אַ פֿאַרשיכּורנדיקן אויסדרוק פֿון פֿאַרלאַנג אירע קאַרשענע, פֿראַכטפֿולע ליפּן, וואָס זיינען צום קושן באַשאַפֿן. ער האָט זיך צו איר צוגעבויגן און מיט אַ האַלבער שטים אַ זאָג געטאָן:

— פֿריילין עליאַ, בלייבט נאָך אַ ווײַלע; ס׳איז מיר אַזוי אומעטיק און אומאָנגענעם.

ער האָט קיין ליגן ניט געזאָגט: ס׳איז אים אומעטיק גע־ווען ביז דער דעק פֿון זיין נשמה.

— איר דאַרפֿט דאָך היינט זיין זייער גליקלעך — האָט געענטפֿערט עליאַ, ווי זי וואָלט ניט וואַגן רירן מיט די הענט, כּדי לכל הפּחות אויסערלעך ניט צו דערמאָנען זיך און אים, אַז זיי געפֿינען זיך אין זיין האַנט־דרוק.

— גלויבט מיר, כ׳וואָלט כּמעט ליבער וועלן דעם דיפּלאָם ניט באַקומען, כ׳האָב אַפֿילו ניט געהאַט קיין מענטש, וואָס איז מיר טייער, אים דערפֿון צו דערציילן. פֿאַרוואָס האָט איר אָבער געהאַלטן, אַז איך בין אויף אייך אין כּעס, אָדער, אַז איר זייט מיר אומסימפּאַטיש?

עליאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און גיכער אַרויסגע־מורמלט, איידער אַרויסגעזאָגט הויך:

— ס׳קען זיין, כ׳האָב אייך דעמאָלט אָנגעטאָן אזא עגמת־נפש...

— אין איר שטים, אין איר פיגור, אין איר אינגאַנצן איז געווען דאָס אַבסאָלוטע אונטערגעבן זיך, וואָס עס פאַרמאָגט אַ פרוי, ווען זי האָט זייער ליב. ביי רדזאַוויטשן איז אַ פייער דורכגעלאָפן דורך די אָדערן; ער האָט זיך אַליין קיין חשבון דערפון ניט אָפּגעגעבן, פאַרוואָס ער האָט אַנידערגעקניט פאַר עליאַן און צוגעדריקט אירע ביידע הענט צו די ליפּן.

זי האָט אַ ציטער געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער און געפּרובט זיך ווידער די הענט אַרויסרייסן, בעת ער האָט אָבער אַוועקגע־נומען פון די ליפּן און צוגעדריקט דעם שטערן, זיינען זיי ווי פאַרחלשט געוואָרן אין זיינע הענט.

ער האָט געקניט, ניט טראַכטנדיק וועגן קיין זאַך, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אויף גאָרניט, בלויז מיט דעם איינעם געפיל, אַז ער האָט געקניט פאַר אַ פרוי. ער האָט געפילט, אַז ווער די דאָזיקע פרוי זאָל ניט זיין, וואָלט ער דאָס לעבן זיינס פאַר איר אָפּגעגעבן אין דער מינוט, בלויז דערפאַר, וואָס זי איז דאָ און לעבן אים.

אירע הענט ווידער זיינען אין זיינע געוואָרן וואָס אַמאָל אָנמעכטיקער און ווי איינגעשלאָפן; ער האָט זיי טיפער אָנגע־נומען—זיי האָבן זיך ניט געוועלט.

דעמאָלט האָט ער זיך אויפגעהויבן, אָפּגעלאָזט איינע פון זיי און אַרומגענומען עליאַס ביידע אָרעמס: זי האָט אַ ציטער געטאָן ווי אַ דערמינטערטע און אָנלענענדיק איר האַנט אויף זיין ברוסט, משמעות מיט אַ אינטענסיווער באַוועגונג, וואָס האָט נאָך מקדים געווען איר ווילן, געוואָלט אים אָפּשטופּן; ער האָט אָבער צוגעדריקט זיינע ליפּן צו איר האַנט, וואָס ער האָט געהאַלטן, דערנאָך ווידער צוגעדריקט צו איר דעם שטערן, ווי פריער, ווען ער האָט געקניט—און עליאַ האָט, מיט דער האַנט, וואָס איז גע־

ווען אָנגעשפּאַרט אָן זיין ברוסט, ווי אונטער אַ כשוף זיך אויס־געבויגן אַ ביסל צוריק.

רדזאַוויטש האָט זיך פאַרלאָרן אינגאַנצן: דאָס בלוט האָט אין אים אויפגעזידט, ער האָט עליאַן צוגעצויגן צו זיך און זיך איבער איר איינגעבויגן. זי איז הענגען געבליבן אָנמעכטיק אויף זיין האַנט, ווי זי וואָלט דאָס באַוואוסטזיין פאַרלאָרן.

ער האָט אָפּגעזוכט אירע קליינע, פייכטע ליפּן און צוגע־לייגט צו זיי זיינע, אין וועלכע ער האָט געפילט אַ פלאַם, דער־נאָך האָט ער זי אַן אָנמעכטיקע אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק פון גאַנעקל, אַנידערגעקניט פאַר איר און אָנגעהויבן קושן אירע הענט און איר קלייד. עליאַס קערפּער האָט אָנגעהויבן וואַרפן אַ שוידער און די פינגער אירע, משמעות אָן באַוואוסטזיין, וואָס זיי טוען, האָבן גענומען בלאָנזשען איבער זיין פּנים, האַלז און האָר.

רדזאַוויטש האָט, ניט קוקנדיק אויף זיין גאַנצער אויפרע־גונג, זיך געשראָקן פאַר דער מינוט, ווען עליאַ וועט אויפוואַכן פון דער אָנמאַכט: ער האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן איר, ארומ־גענומען איר קאָפּ, צוגעדריקט צו זיך און אָנגעהויבן גלעטן איבער די באַקן, ווי אַ קינד, וואָס ער וויל באַרואיקן און איינ־נעמען. פּלוצלונג האָט עליאַ אויסגעשאָסן מיט אַ ווילד געוויין, וואָס האָט זיך ערגעץ פון האַרץ אַרויסגעריסן.

זי האָט זיך פון די אָרעמס אַרויסגערוקט, איינגעבויגן דעם קאָפּ צו די קני און געכליפּעט אויפן קול; ס׳איז געווען כמעט אַ קרעכץ, פול מיט יאוש, ווייטאָג און פאַרגעסן זיך.

— עליאַ, עליאַ—האָט געשעפּטשעט רדזאַוויטש, אַ צעשראָ־קענער פון דעם געוויין, וואָס האָט לאַנג געדויערט, און זיך ניט געלאָזט איינשטילן.

לסוף האָט עליאַ אָפּגעווישט די טרערן און איז אויפגעשטאַנען פון דער באַנק: ער האָט ניט געוואַגט ניט צו פאַרהאַלטן, ניט אָנצורירן זי. זי האָט געוואָלט אַוועקגיין, פּלוצלונג אָבער, ווי עס וואָלט זי עפּעס אַ ריזיקע און אומבאַזיגלעכע קראַפט געשטופּט דערצו, האָט זי זיך צו אים צוריק אויסגעדרייט, געפאַלן מיטן

פנים אויף זיין ברוסט און ווידער אויסגעשאָסן מיט אַ געוויין. ער האָט געפילט, אַז אין אים אַליין זוכט זי פאַר זיך אַ רעטונג.

— האָסט מיך ליב? — האָט ער אַ מורמל געטאָן.

— דאָס גאַנצע לעבן — האָט זי געענטפערט פון מיטן כליפּ אַרויס.

דעמאָלט האָט ער דערפילט אַ מאָדנעם איינדרוק פון ווייטאָג־לעכער עגמת־נפש; ער האָט אין דער מינוט פאַרמאָגט פאַר אירעט־וועגן אַלץ, וואָס מען קען פאַר אַ פרוי אין זיך האָבן, אחוץ ליבע. קיין איין נערוו פון ליבע האָט אין זיין האַרץ קיין ציטער ניט געטאָן.

ער האָט זיך געפילט שולדיק, דערביי האָט ער ממש ניט געוואוסט, וואָס ער האָט צו טאָן.

— האָב מיך ניט ליב! — האָט ער אַ מורמל געטאָן. — כ׳בין עס ניט ווערט און דיך ליב האָבן בין איך ניט בכוח.

— אויב אַזוי, וויל איך ניט לעבן — האָט אַ קרעכץ געטאָן עליאַ.

— קינד איינס — האָט ער איר איבערגעריסן, פילנדיק, אַז עס דריקט אים אין גאָרגל. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט ער זיך געפילט באמת געליבט פון אַ פרוי און געפילט, אַז די ליבע איז דאָ אַזוי געוואַלטיק, אַז זי דריקט אים צו און בויגט אים כמעט איין. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דער קראַפט, וואָס האָט אים פּלוצלונג באַהערשט ווי אַ ים, פּונקט אַזאַ סטיכיע, ווי זיינע. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז די כוואַליע פון דער דאָזיקער ליבע הויבט זיך אויף גאַרנווייז, פאַרגיסט אים איבערן קאָפּ, פאַרשלינגט אים, שווענקט אונטער דעם באָדן אונטער זיינע פיס, דערטרינקט אים און שלעפּט מיט זיך מיט, אַ צעיושעטע, ברענעדיקע, ווילדע... לעבן אים איז געווען בלויז אַ שלאַנק און שטאַלט מיידל, מיטן פּנים פאַרבאָרגן אויף זיין ברוסט, אַ ווייגענדיקע, שוואַכע און אָנ־מעכטיקע, וועלכע ער האָט געקענט אויף די הענט נעמען, ווי אַ קינד, אָדער לייגן פאַר זיינע פיס, ווען ער זאָל דאָס וועלן.

עליאַ האָט גאָרניט גערעדט, ניט געדריקט אים צו זיך,

און דאָך האָט ער געפילט, אַז אַלץ אין איר איז ליבע און נאָר ליבע. אַזוי האָט ער אַמאָל ליב געהאַט מאַריאַן.

אָט איז ער ביים ציל פון זיין לעבן, ביים ציל, וועגן וועלכן ער טרוימט, זינט ער האָט אָנגעהויבן טרוימען, צו וועלכן ער שטרעבט, זינט ער איז צום שכל געקומען: ער איז באמת געליבט, אָבער ניט פון דער, וואָס ער אַליין האָט ליב...

ער האָט געפילט, אַז ער צעטרעט, אַז ער באַצווינגט, מורשטנדיק, און צעמורשט אַן אומשולדיק וועזן. ס׳אַר אַ בייז מזל!

ווען מאַריאַ זאָל אים באמת געווען אַזוי ליב האָבן, וואָלט ער געווען דערגאַנגען ביזן העכסטן גליק דורכן העכסטן גליק; דערווייל איז ער אָבער איצט פונקט אַזוי אומגליקלעך, ווי ער איז געווען, און צו דעם אומגליק קען צוקומען אַ נייס, פון דעם אָרעמען מיידל, פון דער עליאַן.

— עליאַ—האָט ער זיך אָפּגערופן—זאָג, ביסט מיר מוחל?

זי האָט אַוועקגענומען דאָס פּנים פון ברוסט און אויפגעהויבן עס צו אים.

זי האָט פאַרשטאַנען: זי איז לעבן אים געשטאַנען, ווי עפּעס נאָך אַ האָפענונג, וואָס נאַרט, אַזאַ ריינע, אַ ווייסע, אַ צנועה־דיקע כּלה צו די קידושין פון הערצער. אַ צער האָט אים גענומען שטיקן, ער האָט זיך איינגעבויגן און צוגעדריקט אירע הענט צו זיינע ליפּן.

איצט האָט זי פאַרשטאַנען: זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, צעעפנט די דלאָניעס פון די פלוצלונג אויפגעבויגענע הענט און וואָלט געווען בשעת־מעשה אַנידערגעפאַלן, ווען ער זאָל צו דער צייט ניט געווען באַוויזן זי אַרומצונעמען מיט זיין אָרעם.

ס׳האָט אים אַ פּחד באַהערשט, אַז ער האָט עפּעס שלעכטס געטאָן, ער האָט געוואָלט וואָס גיכער שוין, ווי אַזוי עס איז, אַ סוף מאַכן צו דער דראַמע. איבערלאָזן די פאַרחלשטע עליאַ האָט ער ניט געקענט, האָט ער ניט פאַרטראַכנדיק זיך אויפגעהויבן זי אויף די הענט, געעפנט מיטן פוס די ניט אינגאַנצן צוגעמאַכטע טיר פון פירהויז, אין וועלכן ס׳האָט געברענט אַ נאַכט־

לעמפּל, אָנגעהויבן זי טראָגן אין שטוב אויפן שטאָק. פון פירהויז איז ער אַרויס אויף די טרעפּ; תּחילת האָט ער ניט געפילט די משא, שפּעטער אָבער האָט ער אָנגעהויבן גיין שווער, בפרט נאָך אַז ער איז געגאַנגען אינגאַנצן אין דער פינסטער און געמוזט זיך באַוועגן וואָס שטילער, כּדי ניט אויפצוּוועקן עמיצן אינם הילצערנעם און דעריבער אָפּהילכיקן הויז. ביי דער העלפט טרעפּ האָט ער זיך אָנגעלענט אָן דער פּאַרענטשע — ווייטער גיין האָט ער ניט געקענט, דערביי איז געווען שטאָק פינסטער. אויפן גאָרן האָבן געוואוינט פון איין זייט קאָרידאָר עליאַ און רוזשאַ, פון דער צווייטער — די פּזשערוויצעס אין צוויי צימערן, און נאָך יע־זשיס צימער איז געווען זיינער. מען האָט באַדאַרפט נעמען אַ ליכט. ער וואָלט געקענט ווי עס איז אָנשפּאַרן די פּאַרהלשטע און שטייפע עליאַ אויף די טרעפּ, אַריינגיין צו זיך נאָך פייער און צוריקקומען נאָך איר; זי וואָלט אָבער דערוויל געקענט אַראָפּ־פאַלן, און דערצו מיט אַ ליכט אין איין האַנט, וואָלט ער אפשר געקענט זי אַרויפטראָגן בלויז אויף דער צווייטער, — נאָר דעמאָלט, ווען זי זאָל זיך האַלטן אָן זיין האַלז. ס'האָט אים דעמאָלט אַ ווילדע נער־ווע׳זע אויפרעגונג אַרומגענומען, ער האָט פאַרביסן מיט די ציין און ווי ער וואָלט ניט פילן עליאַן אויף די הענט, נאָר געזען זי בלויז אין דער פינסטער, האָט ער אָנגעהויבן שנעל און פעסט גיין פאַראויס. צום גליק איז די לבנה אַפּערגעשוואומען פון אונטער די כמאַרעס און גאַנץ בלאַס, אָבער דאָך אַ ביסל באַלויכטן דעם קאָרידאָר. רדזאַוויטש האָט געעפנט די טיר אין עליאַס צימער אַריין; דאָ איז אָבער געווען לחלוטין פינסטער, די ראָלעטן זיינען געווען אַראָפּגעלאָזט, ער האָט ניט געקענט דעם פּלאַן פון צימער און האָט מורא געהאַט אָן עפּעס ניט אַ קלאַפּ צו טאָן עליאַן. ס'איז אים קיין אַנדערע עצה ניט פאַרבליבן, ווי אויפצוּוועקן רוזשאַן, וואָס איז געשלאָפן דערלעבן. ער האָט זיך וועגן דעם ניט פאַר־טראַכט, ער איז געווען צו פאַרמאַטערט און אויפגערעגט; ער האָט אַ רוף געטאָן.

— עליאַ, דאָס ביסטו? — האָט אַ פרעג געטאָן רוזשאַ, ניט דערקענענדיק פון שלאָף די שטים.

— ניין, דאָס בין איך; הייבט אייך אויף און ברענגט אַריין אַ ליכט, אָדער לייכט לכל הפחות אַריין פון אייך דורך דער טיר — האָט ער געענטפערט.

— מיין גאָט! וואָס איז געשען!... — האָט אַ געשריי געטאָן רוזשאַ אַ דערשראָקענע.

— גאָרניט מען דאַרף נאָר אַ ליכט. לייכט אַריין דורך דער טיר.

— וואו־זשע איז עליאַ? — האָט אַ פרעג געטאָן רוזשאַ אום־רואיק.

— פריילין עליאַ איז עפּעס ניט געזונט: לייכט אַ ביסל צו.

רוזשאַ האָט אָפּגעלענט די טיר און אַרויסגערוקט אַ האַנט מיט אַ ליכט: ער האָט דערזען עליאַס בעט און זי דאָרט אַנידער־געלייגט. אירע אויגן און ליפּן זיינען געווען צו, און אַ בלאַסע האָט זי געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ געשטאָרבענער.

— אָרעמע נעבעך — האָט ער אַ מורמל געטאָן, קוקנדיק אויף איר.

— כ׳קען שוין אַריינגיין? — האָט אַ זונג געטאָן פון אונטער דער טיר אַפער רוזשאַ.

— תּיכּף. איצט טוט אייך אָן — האָט געענטפערט רדזאַוויטש, וועלנדיק זי צוגרייטן, אַז דער איינדרוק זאָל ניט זיין צו שטאַרק. —

פריילין עליאַ איז עפּעס ניט גוט געוואָרן. וואַרט צו, וועל איך אָנצינדן דאָס ליכט אָן אייער ליכט.

— זי איז דאָרט? — האָט אַ פרעג געטאָן רוזשאַ מיט אַ דער־שראָקענער שטים.

מען האָט באַדאַרפט דעם גאַנצן פאָרפאַל מאַכן וואָס לייכ־טער און דערביי צוגרייטן רוזשאַ, זי זאָל זיך ניט איבערשרעקן און ניט אויפוועקן דאָס גאַנצע הויז; רדזאַוויטש האָט דעריבער געענטפערט, ווי ווייט ער האָט געקענט, מיט אַ געוויינטלע־כער שטים:

— קודם־כל זייט רואיק. ס׳איז קיין שום שרעקלעכע זאַך ניט געשען, פריילין עליאַ האָט זיך צופיל פאַרמאַטערט.

— צי איז זי אָבער דאָרט? — האָט איבערגעחזרט רוזשאַ, וואָס האָט זיך שיר ניט צעוויינט.

— זי איז דאָ, אָבער זייער אָנמעכטיק, טוט אייך אָן און קומט אַריין אַהער.

— פאַרוואָס־זשע רעדט עליאַ גאָרניט? — האָט זיך אַלץ נאָכגעפרעגט רוזשאַ.

— זעט איר, פריילין עליאַ האָט עפּעס געחלשט, אָבער —

ער האָט ניט געענדיקט, ווייל תּוך כּדי דבור איז רוזשע אין אַ ראָז שלאָפראָקל און ראָזע פאַנטאָפעלעך, מיט צעלאָזטע האָר אַריינגעפאַלן אין צימער אַריין; ניט קוקנדיק אויף דער גאַנצער דראַמאַטישקייט פון דער לאַגע און כאָטש ס'איז אים איצט עפּעס אַנדערש גאָר געלעגן אין זינען, האָט רדזאַוויטש כמעט אַ מורמל געטאָן: ווי שיין זי איז!

— עליאַ! מאַמע! — האָט אַ געשריי געטאָן רוזשאַ, צופאַלנדיק צו דער שוועסטערס בעט.

— שרייט ניט! — האָט אַ זאָג געטאָן רדזאַוויטש, נעמענדיק זי פעסט פאַר דער האַנט. — די מאַמע קען דאָך אַהער ניט קומען און מען דאַרף ניט שרעקן אומזיסט ניט זי, ניט דעם פאָטער, ניט עמיצן אַנדערש אין הויז. גיט אַ הער קעלניש וואַסער, וועלן מיר איינרייבן איר די שלייפן, און קודם־כּל קנעפּלט איר אויף דעם סטאַניק.

רוזשאַ האָט צעקנעפּלט עליאַס סטאַניק, דערנאָך האָט זי, שטיקנדיק דאָס געוויין, באַמיט זיך, לויט רדזאַוויטשעס אָנווייזונגען, זי צו דערמינטערן דורך קעלניש און געווייַנטלעך וואַסער. עליאַ האָט אָבער אַלץ ניט געעפנט די אויגן. דעמאָלט האָט רדזאַוויטש זיך דערמאָנט, אַז ווען ער האָט פאַרלאָרן דעם באַוואוסטזיין, בשעת דעם שמועס מיט יאַדוויגאַ סטזשעליסקאַ, האָט זי גערעדט וועגן עטער, ווי וועגן אַ מיטל צו דערפרישן.

— עטער איז פאַרהאַן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן רוזשאַן.

— פאַרהאַן אין אַפּטייקל.

— די שליסלען זיינען ביי פריילין עליאַ, ניט אמת?

— יאָ, אין טישל.

— נעמט־זשע זיי אַרויס און ברענגט אַריין עטער. מאַכט עס אָבער שטילערהייט, איר זאָלט קיינעם ניט אויפוועקן, ווייל די מאַמע וואָלט זיך איבערגעשראָקן. און פּאַרזיכטיק, איר זאָלט עפּעס ניט אונטערצינדן.

רוזשאַ האָט גענומען די שליסלען און דאָס ליכט און איז אַרויס; דאָס הויז־אַפּטייקל אין זאַגוזשע האָט זיך געפונען אונטן.

רדזאַוויטש האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט לעבן עליאַן: זי האָט אויסגעזען ווי אַ בלום, וואָס איז אָפּגעשניטן מיטן שניידמעסער. זי איז געלעגן אויף איר מיידלעריש געלעגער, מיט צעלאָזענע האָר, אויף וועלכע ס׳האָבן געפינקלט טראָפּנס וואַסער, מיטן קאָפּ אַביסל אַראָפּגעבויגן צום אָרעם צו, אַ בלאַסע, אומבאַוועגלעכע, האַלב־טויטע.

— אָרעמע נעבעך — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן, פילנ־דיק דעם גרויסן צער פון דער מיידל.

ער האָט זיך איבער איר איינגעבויגן און געקוקט אויף איר, ווי אויף עפּעס אָרעמס, שוואַכס, אומגליקלעכס, וואָס ער האָט זייער און אוממענטשלעך באַוועלט.

דערנאָך האָט ער אַוועקגעשאַרט אירע דינע האָר פון דער שלייף, זיך איינגעבויגן און צוגערירט מיט די ליפּן צו איר שטערן. עפּעס אַ מאָדנע האַרציקייט און גערירטקייט האָט אים באַהערשט, עפּעס אַ מאָדנער, איידל און הויך געפיל, וואָס איז אים געווען אומבאַקאַנט: דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט ער אַ קוש געטאָן די נשמה פון אַ פרוי און ניט דעם קערפּער.

— דאַכט זיך מיר — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — אַז דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָב איך געקענט אַ קוש טאָן די נשמה פון אַ פרוי...

עס האָט זיך אים געדאַכט, ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר עפּעס אַ ריזיקן אוצר. ער האָט איצט לחלוטין פאַרגעסן, צי עליאַ איז שיין און צי ס׳זיינען פאַרהאַן שע־נערע פאַר איר; ס׳האָט זיך פאַר אים עפּעס אַ וועלט גע־עפנט, אין וועלכער ער איז ביז איצט קיינמאָל ניט געווען, פון

וועלכן מען האָט אים אָנטהוילן אַ זוים. מיט ניט געוואוינטע בליקן האָט ער געקוקט אויף דער זוים, ווי דורך אַ נעפּל. געפילט אָבער, אַז ער וואָלט געקענט אַריינקוקן אין אים אינגאַנצן קלאָר און ס׳האָט אים געצויגן אין דער טיף, פון וועלכער ער האָט אַ ברעג דערזען.

— ביסטו עס? — האָט ער אַ מורמל געטאָן, קוקנדיק אויף עליאַן.

פלוצלונג האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אירע וויעס האָבן אַ ציטער געטאָן; דערנאָך האָבן זיך אַ ריר געטאָן אירע ליפּן און זי האָט אינגאַנצן אויפגעדריבעט. זי האָט געעפנט די אויגן. אירע בליקן האָבן זיך געטראָפן מיט זיינע: תחילת, ווי עפּעס נאָך אומבאַוואוסטזיניק און ניט דערקענענדיק, האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים מיט ליבע און עפּעס אומענדלעכע זיסקייט. די אותו רגע אָבער האָט זיך עליאַ מסתמא דערמאָנט, וואָס עס איז צווישן זיי פאָרגעקומען, מחמת זי האָט פאַרמאַכט די וויעס און איר פּנים האָט זיך צונויפגעדריקט, ווי פון יסורים. רדזאַוויטש האָט זיך אַראָפּגערוקט פון איר בעט און שטעלנדיק זיך אויף די קני, צוגעדריקט זיינע ליפּן צו איר כמעט קאַלטע האַנט.

— זיי מיר מוחל — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ האַלבער שטים.

— כ׳בין מוחל — האָט זי שטיל אַרויסגעשעפּטשעט.

רדזאַוויטש האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צום פענסטער, פון וועלכן ער האָט אַוועקגעבויגן דעם ראָלעט; ער האָט געפילט, אַז די אויגן זיינען אים פייכט.

— נו, וואָס?!—האָט אַ פרעג געטאָן מיט אַ האַלבער שטים רוזשאַ, צוריקקומענדיק מיט אַ פלעשעלע עטער.

— פריילין עליאַ איז צו זיך געקומען — האָט געענטפערט רדזאַוויטש.

— און איך האָב אויפגעוועקט די מומע לאָרטשאַ. זי וועט באַלד אהערקומען.

— פענדראַק אומדערטרעגלעכער! — האָט זיך ביי רדזאַוויטשן פאַרהאַלטן אויף די ליפּן.

ער איז אַוועק פון פענסטער און זיך אַוואַקל געטאָן. בשעת מעשה האָט ער געוואָלט אַרויסגיין פון שטוב, דערנאָך אָבער האָט ער דערפילט, ווי ער וואָלט האָבן געטאָן עפּעס אַ שלעכטע זאַך און וואַגט ניט צו טראָגן די לאַסט פון זיין שולד, — איז ער פאַרבליבן.

פרוי לאַאורא, אַרויפוואַרפנדיק אויף זיך בחפזון דאָס קלייד און דעם לאַנגן ענגלישן מאַנטל ביז צו די קנעכל, איז אַריין שנעל: זייערע בליקן האָבן זיך געטראָפן. זי איז געווען דערשראָקן און האָט אויף אים אומרואיק אַ קוק געטאָן, אָבער דערביי פריינדלעך, און דאָס האָט אים גוואַלדיק פאַרחידושט.

— וואָס קען זי זיך טראַכטן? — האָט ער זיך אַליין אַ פרעג געטאָן.

— ווי־זשע פילסטו זיך? — האָט די פּושערוויץ געפרעגט עליאַן, צוגייענדיק צו איר און זעענדיק, אַז זי איז שוין ביים זינען.

— שוין גוט — האָט זי געענטפערט מיט אַ שוואַכער שטים.

— כ׳וועל דיך אויסטאָן, ווייל אַזוי איז דיר אומבאַקוועם — האָט זי אַ זאָג געטאָן, מאַכנדיק רדזאַוויטשן אַ צייכן, ער זאָל אַרויסגיין. צום אַוועקגיין האָט זי אים דערלאַנגט די האַנט און דריקנדיק זי האַרציק, אַ קוק געטאָן אויף אים אַזוי, ווי איינער רעדט: איך פאַרשטיי.

אין זיין צימער האָט זיך רדזאַוויטש אַנידערגעשטעלט לעבן פענסטער און ברייטער אָפּגעעטעמט: ס׳האָט אים געפעלט לופט, אָטעם. אין פענסטער אַריין האָט אָנגעהויבן שלאָגן אַ ריח פון בעז און יאַדלעס. דער הימל האָט זיך דערוויל אויסגעלייטערט פון די נעפּלען און איז געווען פול מיט שטערן, כמעט שוואַרץ און גאָלדלעך. אַ גרויסע סאָווע איז דורך לעבן פענסטער אויף אירע פּוכיקע פליגל, שנעל און אָן אַ שאָרך, די נאַכט איז געווען אַ שטילע און וואַרעמע, פון פעלד בלויז האָבן זיך געהערט פון צייט צו צייט עפּעס מאָדנע, געהיימניספולע, ווייטע אָפּקלאַנגען.

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער פראַמוגע פון פענסטער און געקוקט. פון דער מינוט אָן, וואָס ער האָט זיך געפונען אַליין

בײַ זיך, האָט ער געפּילט אין מוח אַ װירװאַר און כאַאָס. קודם־כּל האָט ער געהערט אין זיך װי אַ װידערקול: כ'בין געליבט. כ'בין געליבט... יאָ, ער איז באמת געליבט, מיטן גאַנצן כּוח פון פרויען־ליבע; ער פילט עס דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן, ער פילט עס, אַז ער איז געליבט, ער װאָלט קענען דערויף שװערן. עפּעס אַ גרויסע הנאה און באַפרידיקונג, עפּעס אַ גרויסער שטאָלץ האָבן זײַן ברוסט צעשפּאַרט, ס'האָט זיך אים אויסגעװיזן, אַז אין דער היעראַרכיע פון לעבן האָט ער זיך אַ רוק געטאָן מיט אַ ריזיקן שטאַפּל העכער. ער איז געליבט, באמת, זייער, ביז צום פאַרגעסן זיך...

ערשט אין אַ מינוט אַרום האָט דורכגעשװעבט פאַר אים עליאַ ראָסיענסקאַס בלאַס און ריין געזיכט.

ס'האָט אים אַ טיף רחמנות צו איר באַהערשט, און אין דער זעלבער מאָס האָט אָנגעהויבן װאַקסן אין אים דאָס געפיל פון דער עװלה, װאָס ער האָט איר געטאָן. דאָס דאָזיקע געפיל האָט שנעל מנצח געװען אַלע אַנדערע. אַזוי איז עס, ער האָט זי באַעװלט, זיך שלעכט באַגאַנגען מיט איר און די עװלה איז נאָך גרעסער דערמיט, װאָס זי מוז עס שטאַרקער פילן.

ער מיסבּרויכט מיט איר, זינט ער האָט זי דערקענט. און װאָס זאָל זי טאָן? אויפן ראַאוט האָט זי ניט געקענט מיט גװאַלד אַרויסרייסן איר האַנט און ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון עולם; הײַנט װידער, װאָס האָט זי געזאָלט טאָן? ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן, אַװעקגעטראָגן, אָפּגערויבט דעם באַװאוסטזיין — — בפרט, װען זי האָט ליב...

און ליב האָט זי...

אָבער, װאָס זאָל ער איצט טאָן? ער פילט צו איר אַלץ; קיין ליבע ניט...

ער װאָלט זי פאַר דער האַנט גענומען און געטראָגן און געפּעסטעט, געטוליעט זי און געקושט, ער װאָלט געגעבן איר אַלץ, אָבער ליב האָט ער זי ניט...

און דאָך האָט ער זי באַוועלט. די דאָזיקע עוולה מוז אויפ־הערן צו זיין אַן עוולה — — ער וועט עס טאָן לפי די כּוחות זיינע. אויב עליאַ וועט וועלן קושן, פאַררייבן מיט קושן, אַלס ווייב זיינס, וועט ער בעטן איר האַנט, תּיכּף מאָרגן. אָפּציען טאָר מען ניט אַרגע אַפילו.

ער האָט זי ניט ליב. ער וועט זי קיינמאָל ניט ליב האָבן, ער וועט אָבער זיין פאַר איר דער בעסטער, פאַרשטענדיקסטער, האַרציקסטער. אויב דאָס זאָל אַפילו זיין אַ קרבן פון זיין זייט, זאָל עס זיין אַ קרבן פון זיין חוב־געפיל, אָבער זאָל ער ניט זיין קיין מענטש, וואָס האָט מיסגעברויכט מיט אַזאַ פרוי, ווי עליאַ.

בפרט, אַז זי האָט אים ליב.

ער האָט שלעכט געטאָן און ער וועט עס פאַרגיטיקן.

ער האָט דערפילט אַזאַ באַפרידיקונג, וואָס מען האָט, בעת מען זעט די אייגענע איידלקייט, הגם מען זאָגט דאָס וואָרט פאַר זיך ניט אַרויס.

מאַריאַ?... מאַריאַ וועט חתונה האָבן מיט קאָלאָליאַסקין, פירן אַ ראָמאַן מיט באַזשעוואָסקין — — און וועט בלייבן זיין אייביקע ליבע. די קללה פון זיין לעבן, דער מלאך־המות זיי־נער — — אויף דעם האָט ער שוין מיט דער האַנט אַ מאַך גע־טאָן. כּל־זמן ער וועט ניט אומקומען דורך מאַריאַן, וועט ער וועדליק די כּוחות זיינע וועלן עליאַן גליקלעך מאַכן. זי איז עס אַזוי ווערט. בלויז צוליב דעם גליקלעך מאַכן אַזאַ פרוי, ווי עליאַ, איז שוין כּדאי צו לעבן.

ער וועט עס איר מאָרגן זאָגן.

ער איז געוועזן מיד און די אויגן האָבן זיך אים אָנגעהויבן קלעפּן. אין מוח איז אים געוואָרן אַזוי פינסטער, ווי פינסטער ס׳איז געווען פאַר זיינע אויגן.

ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער האַנט. ס׳האָט אַ לייכטער באַגינען־ווינט אַ רויש געטאָן און דערמאָנט אים אָן ים. זי איז דאָרט ערגעץ ווייט, אויך אַ שוואַרצע און פינסטערע. אין משך פון מיליאָנען יאָרן האָט עס געקענט אַמאָל אויך דאָ זיין

און ווען, קען זיין, אויפדאָסניי אמאָל אַהערקומען. ס'איז קיין זכר ניט געבליבן פון דעם, וואָס עס האָט אַמאָל עקסיסטירט און ס'וועט קיין זכר ניט בלייבן פון דעם, וואָס עס עקסיסטירט דאָ איצט...

און צוליב דעם איז דאָס לעבן און אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אין אים, אַזוי קליין, אַזוי נישטיק, אַזוי גאָרניט... ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

זיבעטער קאַפּיטל.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אונטערן גוואַלטיקן רושם פון זיין חלום. ס׳האָט זיך אים געחלומט, אַז ער איז געגאַנגען מיטן אַלטן טוואַרדאָוויעצקין אויף דער נייער וועלט און געשמועסט מיט אים, צי פיש איז בעסער צו האַלטן אין אַ אַקוואַריום, אָדער אין דאָניטשקעס, דערביי איז פון צייט צו צייט פאַרביי זיי דורכגעגאַנגען קעפּלער; פּלוצלונג אָבער איז טוואַרדאָוויעצקי און די גאַנצע שטאָט פאַרשוואונדן און ער האָט זיך דערזען אין קלענוש אין צימער פון סטזשעליסקאַס באָבע, זיצנדיק איבער דאָראָס ביבל. אין אַ ווײַלע אַרום איז אַריין מאַריאַ, זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים, אַרומגענומען מיט די הענט זיין האַלז און אָנגעהויבן גלעטן אים דאָס פּנים, זאָגנדיק: מיין אָרעמער קליינער, מיין אָרעם קינד! ער האָט וואָס אַמאָל מער אַראָפּגע-לאָזט דעם קאָפּ צו איר ברוסט, זי האָט אים געגלעט איבערן פּנים און האָר וואָס אַמאָל האַרציקער, ביז לסוף האָט ער זיך אַראָפּגערוקט צו אירע קני און טרערן האָבן אים אָנגעהויבן אַראָפּרינען; דעמאָלט האָט אים מאַריאַ אַ זאָג געטאָן: מיין טײַ-ערער, מיין קליינער, הייב זיך אויף, ס׳וועט אַלץ גוט זיין. כ׳האָב דיך ליב.

די לאַגע האָט זיך געביטן: ער האָט זי אָנגענומען פאַר די קני און זי האָט זיך אָנגעהויבן צו אים צוצודריקן און צוטוליען. אין דער רגע האָט ער זיך אויפגעכאַפּט.

בשעת מעשה איז ער געווען אַזוי דורכגענומען פון חלום, אַז ער האָט וועגן קיינזאַך ניט געטראַכט און גאָרניט געדענקט. אַ געריירטער און דורכגענומענער האָט ער געשעפּטשעט: מיין

טייערע, מיין איינציקע, ליבסטע ריסיאַ... ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, זיך אָן אַלעם דערמאָנט און גלייכצייטיק איז אים אויפן רעיון געקומען די סצענע מיט עליאַ ראָסיענסקאַ און דאָס וואָס ער האָט באַשלאָסן היינט זיך איר ערקלערן אין ליבע.

ער האָט אויפגעציטערט: ער האָט נאָך געפילט מאַריאַס אָרעם־דרוק, נאָך געפילט דאָס וואַרימקייט פון איר אָטעם, נאָך געפילט די באַרירונג פון זיינע האָר, הענט און פנים און געזען נאָך אַזוי נאָענט אירע טונקל־סאַפּירענע מיט גאָלד באַגלאַנצטע אויגן. דאָס איז געווען זי. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם, וואָס ער האָט געזאָלט היינט טאָן.

ווען ניט זי, ווען ניט מאַריאַ, וואָס איר שאָטן איז אים נאָכגעגאַנגען טאָג און נאַכט... ווען ניט זי... ווען ניט זי, איז אויב ער וואָלט געקענט און געוואָלט ליב האָבן עפּעס אַ פרוי, איז עס נאָר עליאַ ראָסיענסקאַ; ווען ער זאָל וועלן חתונה האָבן, איז נאָר מיט איר... ס׳איז אים נעכטן אָבער איין זאַך אויפן רעיון ניט געקומען: דאָס וואָס עליאַ וועט אים ניט אָננעמען, מחמת ער האָט איר בפירוש געזאָגט, אַז ער האָט זי ניט ליב און וועט זי ניט ליב האָבן. אַזאַ מיידל, ווי עליאַ, וואָלט ליבער שטאַרבן, איידער חתונה האָבן ניט ליבהאָבנדיק אָדער ניט זייענדיק געליבט. היינט־זשע דאָס, וואָס זי האָט געענטפערט, אַז זי וויל ניט לעבן, האָט דאָך אין זיך עפּעס אַזוי פיל טיפן אמת...

ס׳איז אַ לאַגע אָן אַ אויסוועג. געגוג טאָן דעם אויסערלעכן גע־פיל פון ערלעכקייט און בעטן ביי עליאַן די האַנט, וויסנדיק פאָר־אויס, אַז זי וועט אים אָפּזאָגן,—האָט זיך אים אויסגעוויזן נידעריק און ניט ווערדיק. וואָס־זשע דען זאָל ער טאָן?

שפּעטער אָבער האָט ער אָנגעהויבן באַטראַכטן, אַז אפשר מאַכט ער גאָר פון דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען, צופיל וועזן. סוף־כל־סוף האָט ער דאָך איר גאָרניט געזאָגט, ניט געזאָגט איר, אַז ער האָט זי ליב, ניט גערעדט מיט איר קיין שום ווערטער, וואָס צעבּרעכן די מיידלערישע צניעות. איי—זי האָט זיך געלאָזט קושן, איז עס שוין איר זאַך. זי איז צו שיין און צו צוציענדיק, אַז מען זאָל איר קיין קוש ניט טאָן ביי דער ערשטער געלעגנ־

הייט, אַז מען זאָל אַפּילו ווענן דערדאָזיקער געלעגנהייט ניט טרוימען. איבעריקנס, אַזאַ מיידל, וואָס לאָזט, אין אַ שעה אַרום נאָכן באַקענען זיך, זיך דריקן די האַנט, און אין פינף טאָג אַרום נאָכן זיין צוזאַמען, אַזוי זיך קושן, אַז זי חלשט אַוועק...

בעת ער האָט אָבער אַזוי געטראַכט, האָט אים אַן אינעווייניקסטע שטים געזאָגט: ביסט אין דער מינוט נידעריקער, ווי דער געמיינסטער מענטש. דו ווייסט אַליין, אַז דו טראַכסט וועגן איר געמיין און נידערטרעכטיק.

— ס׳קען זיין, אָבער, וואָס קען ער טאָן? ער האָט זי ניט ליב, ער וויל זי ניט ליב האָבן. ער קען זי ניט ליב האָבן, ער האָט ליב מאַריאַן, בלויז זי איין און איינציק, און אויף אייביק, וואָס־זשע זאָל ער טאָן?...

אַנטלויפן פון דאַנען... יאָ: ער וועט פון דאַנען אַנטלויפן, ניט געזעגענען זיך מיט קיינעם, ניט פרעגן זיך וועגן קיינזאַך, אַנטלויפן און אַוועק קיין אויסלאַנד. ער האָט נאָך אויף אַזויפיל געלט צו קענען פריי אַוועק, קיין אַמעריקע אַפילו; מיט זיין נאָמען ווידער, וועט ער זיך איצט אומעטום אַן עצה געבן. ער וועט אַוועק.

דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים פיבערדיק באַהערשט, פּלוצלונג אָבער האָט זיך די אינעווייניקסטע שטים אין אים אָפּגערופן: און אויב עליאַ וועט זיך סמען אָדער דערטרינקען... אין אירע ווערטער, אַז זי וויל ניט לעבן, איז דאָך געווען אַזוי פיל אמת...

— ע, זי וועט עס ניט טאָן — האָט ער זיך אַליין אָפּגעווענדט מיט אַפּאַטיע, וואָס מען פילט, בעת מען איז אים מגזם.

זי זאָל עס אַפילו ניט טאָן, פּאַסט עס דען פאַר אַן ערלעכן און ערן־מענטש אַזוי זיך צו באַגיין מיט אַזאַ פרוי, ווי זי — און אַנטלויפן?

ער האָט דאָך זי פאַר מענטשן ניט קאָמפּראָמעטירט...

יאָ, ער האָט מיט איר אָבער מיסגעברויכט לגבי זיך אַליין...

ע!

ס׳איז דאָך אָבער אומערלעך...

איז ער אומערלעך.

זיין רום און דער ערן־דיפלאָם האָבן זיך אים אין דער מינוט אויסגעוויזן עפּעס גוואַלטיק קליין און נישטיק.

קודם־כל איז ער אָבער לעכערלעך! — האָט ער אויסגעשריען כמעט אויפן קול, אַרויסשפּרינגענדיק פון בעט, אין וועלכן ער האָט שוין לענגער ניט געקענט איינליגן.

דער רוח האָט מיך גענומען פאַרטראָגן אויף דעם גאַניק מען קושט הונדערט מיידלעך און גאָרניט. אָבער דאָ...

ער האָט געפילט, אַז דאָ קען מען זיך ניט אַזוי באַגיין ווי אין הונדערט אַנדערע ענלעכע פאַלן.

ס'האָט אים עפּעס אַ מורא פאַר די ראָסיענסקיס אַרומגענומען. אויב עליאַ וועט דערציילן דער מוטער אָדער דער פּושערוויץ און זי וועט עס איבערדערציילן פרוי ראָסיענסקאַ... ער האָט אויך געשראָקן זיך צו באַגעגענען מיט דער פּושערוויץ: זי איז ביי איר גאַנצער צעפּעסטעטקייט געווען זייער אַ באַשיידענע.

וואָס קען אָבער געשען, אויב די מעשה האָט זיך שוין פאַרשפּרייט? עס קען אים אַרויסרופן אויף אַ דועל הער ראָסיענסקי, אָדער עליאַס עפּעס אַ קוזין, אפשר עדוואַרד טוואַרדאָוויעצקי — ווען ער, ראָמאַן רדזאַוויטש, זאָל אומקומען פון אַזאַ שוטהס האַנט, וואָלט עס קודם־כל געווען אַמיזאַנט — דאָס וועט אָבער ניט געשען, מחמת, אויב די ראָסיענסקיס זאָלן זיך אַפילו דערוויסן וועגן אַלץ, וואָלטן זיי די זאַך געוואָלט, אויף וויפל ס'וועט זיך לאָזן, פאַררייבן, כדי דאָס מיידל ניט אַריינצולייגן אין אַ שלעכטן שם אַריין. סוף־כל־סוף וואָלט מען דאָך זי געענומען אויף דער צונג און אַ סך מער ווי אים. יעדער וואָלט געזאָגט: ווער וואָלט עס ניט אויסגעקושט, אַז זי האָט זיך געלאָזט? ! קודם־כל וואָלטן פרויען אַזוי געזאָגט.

סוף־כל־סוף, וואָס איז דאָ אַזוי שרעקלעך? — האָט ער זיך אַליין געפּרובט איינריידן.

דו ווייסט אויסגעצייכנט, אַז אין דעם פאַל מיט עליאַן, איז עס ניט קיין שפּילעכל — האָט אים געענטפערט אַן אינווייניקסטע שטים.

דער רוח האָט מיך אַהערגעטראָגן! — האָט ער ווידער געטראַכט!

דאָך, דאָך איז עס געווען אַ חיות... עליאַס פלאַטערן, איר בלאָנדזשען מיט די הענט אָן זינען איבער זיין קאָפּ און פנים — ס'זיינען אים אין חלום געקומען אויפן זכרון מאַריאַס הענט — אירע ליפּן, וואָס עפענען זיך אויף ביים קושן, זי, אינגאַנצן אַ פאַרחלשטע, אונטערגעביקע, וואָס פאַרלירט דעם ווילן, דעם געדאַנק, דעם באַוואוסטזיין — — ס'איז אָבער געווען אַ חיות, ס'איז געווען דערינען אַזוי פיל חיות, אַז כדי צו באַנייען דעם דאָזיקן תענוג מעג מען אויף אַ סך זאַכן וואַגן. ווען ער זאָל זי נאָך האָבן אַזוי לעבן זיך אינגאַנצן אַ פלאַטערנדיקע און מיט די צעעפנטע ביים קושן ליפּן... זי איז דאָך אַ שיינהייט... האָט הערלעכע אויגן, האָר און ליפּן, הערלעכע ווייסע און קליינע הענט. אַ הערלעכע פיגור! אַ! אַ פיגור האָט זי—אַ הערלעכע! זי איז אינגאַנצן אַ ביסל קלענער פון מאַריאַן, אָבער אַ שיינהייט. זי איז אינגאַנצן אַ שיינהייט...

און ער האָט זי געהאַט אין זיינע אָרעמס, זיינע ליפּן געהאַט אויף אירע ליפּן, זיין ברוסט ביי איר ברוסט, געהאַלטן זי פאַר די הענט, געפּעסטעט...

די דערמאָנונג האָט אים פאַרשיכורט... ער האָט זיך געלייגט אין דער ברייט פון בעט, פאַרמאַכט די אויגן און, ניט־וועלנדיק טראַכטן וועגן קיין אַנדער זאַך, נאָכאַמאָל גענאָסן דורך פאָרשטעלן זיך אין זכרון דאָס, וואָס ער האָט באמת גענאָסן, און זיין כוח הדמיון האָט זיך אָנגעהויבן צעפלאַמען און די ליידנשאַפטן צעשפּילן, אַז עס האָט אים אַזש פאַרכאַפּט און אַוועקגעטראָגן. ווי פון דער אורערד, אונטער דער שׂרפה פון דער זון, האָבן אין זיין מוח אָנגעהויבן שאַרלאַך־רויטע און פּור־פּורנע בלומען זיך אַנטוויקלען און זיינע צעווילדעטע פאַרלאַנגען צו פלאַצן אין די בעכערס אַריין. ס'דרייען זיך אַמאָל און פינקלען, קריכן און דראַפּן זיך פלאַמען פון אַ שייטער לעבן אַ יונגער סאָסנע פּונקט אַזוי, ווי זיינע מחשבות האָבן זיך גע־דרייט אַרום עליאַן.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגערל: ס'איז שוין געווען אַ זייגער צען. ער האָט פאַרשלאָפן דעם ערשטן פרישטיק, צוועלף אָבער איז פאַרגעקומען אַ קליין אָנבייסן, אויף וועלכן מען האָט באַדאַרפט אַריינגיין. ער האָט דערפילט אַן אומאָנגענעם און דע־נערווירנדיק געפיל פון אומרו. אויב די מעשה האָט זיך אַמאָל פאַרשפּרייט, האָט ער זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, וואָס עס וועט זיין.

דער טונקעלער און פינסטערער טאָג האָט נאָך מער גע־ווירקט אויף זיין שלעכטער שטימונג. ער איז געווען אַזוי אויפ־געגערעגט, אַז ער האָט זיך ניט געקענט באַהערשן. ער וואָלט וועלן עמיצן זען פון הויז, כדי זיך וועגן עפּעס צו דערוויסן; פון דער צווייטער זייט ווידער האָט אים באַאומרואיקט דער געדאַנק זיך מיט עמיצן צו טרעפן.

אויב אָבער עס ווייס אַפילו ניט קיינער אין הויז, האָט עליאַ מסתמא אַלץ דערציילט דער פּושערוויץ. צי וואָלט דען ניט די פּשוטסטע זאַך געווען אַריבערגיין צו איר און זיך דער־וויסן, ווי עס האַלט? לאָראַ איז אַזאַ ווייכע, אַז, ווען זי זאָל אַפילו זיין צומשטאַרקסטן אין כעס, איז זי קיינמאָל ניט מסוגל צו זיין האַרט, און נעכטן, בעת ער איז אַרויס פון עליאַס צימער, האָט זי זיך דאָך מיט אים אָפּגעזעגנט אויסערגעוויינלעך האַרציק.

לאָראַ איז ביי איר גאַנצער קינדישקייט קלוג און פאַר־שטענדיק; זי קען עס האַלטן פאַר שלעכטס, זי איז אָבער מסוגל צו פאַרשטיין, אַז מען קען זיך פאַרגעסן. ביי איר גאַנצער ערלעכ־קייט, באַשיידנקייט און עטיק, האָט זי ניט אין זיך אויף קיין האָר נאַרישע, געמאַכטע צניעות און גוזמא. דאָס בעסטע וועט זיין גיין צו איר און פשוט אַלץ דערציילן,—אויב אַפילו זי אַליין ווייס עס ניט פון עליאַן; זי ווייס עס אָבער זיכער.

ער האָט פאָרזיכטיק געעפנט די טיר פון קאָרידאָר און אַרויסגעקוקט, צי ס'איז קיינער ניטאָ, דערנאָך איז ער אים שנעל אַדורך און אָנגעקלאַפּט אין פרוי לאַאוראַס צימער. זי האָט גע־בעטן אַריינגיין.

זי איז געזעסן אין אַ רױזן שלאָפראָק מיט אַ װײַסער רױז בײַם ביוסט, האַלטנדיק אױף די קני אַ ביכל, װאָס זי האָט משמעות ניט געלייענט. דערזען רדזאַװיטשן, איז זי רױט געװאָרן איבער די אױערן. ער איז אַרײַן אַ צעמישטער און ניט זיכערער, פּרױ לאַאוראַס צעמישונג האָט אים תּיכּף געמאַכט קאַלטבלוטיק.

— איר װײסט װעגן אַלעם? — האָט ער אַ זאָג געטאָן, קושנדיק זי אין דער האַנט.

— כ'װײס — האָט זי געענטפערט — ביטע, זעצט אײַך.

— רװשאַ װײסט אױך?

— ניין, זי װײס פון גאָרניט. זי איז געגאַנגען שלאָפן און עליאַ האָט מיר דעמאָלט אַלץ דערציילט.

— װאָס־זשע זאָגט איר דערױף?

— און איר? — האָט אַ פרעג געטאָן לאַראַ, אַרײַנקוקנדיק אים טיף אין די אױגן אַרײַן.

— איך? כ'בין זיך טאַקע געקומען אַן עצה האַלטן, װאָס כ'האָב צו טאָן.

— ס'איז געשען זײער אַ שלעכטע זאַך.

— זאָגט בעסער, אַז איך האָב אָפּגעטאָן אַ שלעכטע זאַך. װאָס ס'איז ניט געשען, האָב איך עס אַלץ געמאַכט. װי אַזױ זשע זאָל איך עס פאַרריכטן.

— איר האָט זי ניט ליב?

— ניין.

פרױ לאַאוראַ האָט אַראָפּגעלאָזט די װיעס און אַנטשװיגן געװאָרן. זי האָט משמעות געהאַט עגמת־נפש, אַזױ, אַז זי האָט באַדאַרפט האָבן צײַט עס אין זיך גובר צו זײַן; איר שטים האָט אָבער נאָך געציטערט, בעת זי האָט אָנגעהױבן רײדן.

איר האָט עס איר געזאָגט, ניט אמת? איך האָב אָבער געמײנט, אַז איר אַלײן האָט אײַך נעכטן ניט פאַרשטאַנען און ניט תּופס געװען.

זי איז אױף אַ רגע װידער אַנטשװיגן געװאָרן און געמאַכט אַן אײַנדרוק, װי זי װאָלט װעלן עפּעס זאָגן, זי קען זיך אָבער

ניט אַנטשליסן צו ריידן בכלל, אָדער זי ווייס ניט, ווי אַזוי אָנצוהויבן? לסוף האָט זי זיך אָפּגערופן:

— זעט איר, נאָך דעם, וואָס עס איז געשען, קענען מיר שוין, דאַכט זיך, וועגן אַלץ אויפריכטיק און פראַנק און פריי ריידן; איך וועל אייך פשוט זאָגן, אַז כ׳האָב געטרויעט, איר זאָלט חתונה האָבן מיט עליאָן, ווייל איך בין אייך אַ גוטער פריינד און ווייס, וואָס פאַר אַ ווייב איר וואָלט געקריגן. עליאָן ווידער האָב איך זייער ליב און ווייס, אַז מיט אייך וואָלט איר גוט געווען. איר ווייסט דאָך, וואָס זי פילט צו אייך, קענען מיר דעריבער ריידן גאַנץ אָפן: איר האָט זי תיכף פאַראינטערעסירט, נאָך אויף יענעם ראַאוט. כ׳בין זיך מודה ומתוודה, אַז איך האָב זי געבייגט דערצו. כ׳האָב געמיינט, כ׳בין זיכער געווען, אַז אייערע הערצער וועלן אײנס צו דאָס אַנדערע אַ רייד טאָן, פונקט, ווי כ׳בין זיכער געווען, אַז איר האָט זיך איר נעכטן ערקלערט אין ליבע און זי האָט געחלשט, מחמת זי איז אומגעהייער פילבאַר און איינדרוקלעך. דער עיקר שולדיק פיל איך זיך. אין דעם, וואָס איך פיל זיך דאָ דער עיקר שולדיק, אין דעם, וואָס עליאַ האָט זיך אַזוי שטאַרק און אַזוי שנעל מיט אייך פאַראינטערעסירט, זיינען פאַרהאַן פאַרשיי־דענע סיבות: וואָס פאַר אַ כאַראַקטער עליאַ האָט, ווייסט איר דאָך, אויסערדעם האָט זי כמעט קיין אַנדער יונגעלייט, אַחוץ אַזעלכע ליאַלעס, ווי עדוואַרד טוואַרדאָוויעצקי, און אַזעלכע שוטים, ווי וויקטאָר, ניט געזען. דער עיקר אָבער האָט איר ביי איר אויס־געשפּילט דערמיט, וואָס זי האָט געוואוסט... וועגן אייער איבער־לעבעניש — האָט זי פאַרענדיקט, ניט קאָנענדיק משמעות געפינען קיין אויסדרוק, וואָס זאָל פאַר רדזאַוויטשן זיין צומווייניקסטן אומ־אָנגענעם. אויף פרויען מאַכט בטבע תמיד אַן איינדרוק אַ פרעמד — — אויב עמיצן איז ניט גוט.

— פאַרוואָס זאָלט איר ניט זאָגן פשוט: אַ פרעמד אומ־גליק? — האָט איר איבערגעריסן רדזאַוויטש.

— וועגן די זאַכן איז אַזוי שווער צו ריידן — האָט געענט־פערט פרוי לאַאורא. — עס דאַכט זיך תמיד, אַז מען איז צו ווייניק דעליקאַט.

רדזאַוויטש האָט אָנגענומען איר האַנט און זי אַ קוש געטאָן.

— וואָס שייך אייך — האָט ווייטער געזאָגט פרוי לאַאורא — בין איך זיכער געווען, אַז איר וועט זיך אונטערגעבן עליאַס צווי־בער. זי איז ניט קיין שיינהייט, זי איז אָבער כמעט הערלעך און דערצו איז זי אַזאַ ליבע, אַזאַ גוטע, אַזאַ ערלעכע און ריינע נשמה, אָן אַ שאָטן פון קאָקעטעריי, ניט קיין קאַלטע, ניט קיין קילע, — וואָס איר טראַכט תמיד אויס אויף אונזערע פרויען. אפילו אויפן ראַאוט, נאָך דער באַגעגעניש, בין איך ניט מסופק געווען, אַז עס איז בלויז אַ מינוטלעכער איינדרוק און אַז איר וועט זיך אומקערן צו עליאַן. צי פאַרשאַף איך אייך ניט עגמת־נפש?

— בכל אופן ניט מער, ווי כ׳האָב עס אין זיך גופא.

— איצט איז ניטאָ וועגן וואָס צו ריידן. מען דאַרף בלויז זיך באַמיען ווי אַזוי עס איז דאָס בידנע מיידל נעבעך צו באַרו־איקן.

— און פאַרגיטיקן די עוולה, וואָס כ׳בין בנוגע צו איר באַ־גאַנגען. כ׳בין טאַקע געקומען, איר זאָלט מיר זאָגן, ווי אַזוי?

— ווייס איך? ווען איר זאָלט זי ליב האָבן.

— כ׳קען טאָן אַלץ אַזוי, ווי כ׳וואָלט זי ליב געהאַט.

— יאָ, זי ווייס אָבער, אַז איר האָט זי ניט ליב.

פרוי לאַאורא האָט טרויעריק אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן און פאַרבראָכן די הענט אויף די קני.

— און וואָס זאָגט זי? האָט אַ פרעג געטאָן רדזאַוויטש, פילנדיק זיך זייער שולדיק.

— זי? דאָסזעלבע, וואָס זי האָט אייך געזאָגט: אַז זי וויל ניט לעבן. איך פאַרשטיי ליבע; כ׳בין אַליין אויך געווען איינ־דריקלעך, כ׳האָב אָבער קיין באַגריף ניט געהאַט וועגן אַזאַ שטאַר־קער פיליקייט, ווי עליאַס. די מומע, הגם זי איז קראַנק, קען אויסגעצייכנט אירע קינדער. זי האָט ניט איינמאָל מיט מיר גע־רעדט וועגן איר און תמיד געזאָגט, אַז זי פרייט זיך זייער מיט עליאַס כאַראַקטער, — עס באַאומרואיקט זי נאָר איר שטימונג. זי האָפט אָבער, אַז ביי איר וועט גובר זיין דער כאַראַקטער. די מומע זאָגט פשוט, אַז עליאַ איז זייער... — פרוי לאַאורא האָט זיך

פאַרוויטלט, ווי אַ פּיאַן און אַ מורמל געטאָן מיט אַ האַלבער שטים — אַ אויפגערייצטע...

אַרויסריידנדיק דאָס וואָרט, האָט זי געהאַט אַזאַ אַמיזאַנט שעמעוודיקע מינע, אַז רדזאַוויטש האָט ניט ווילנדיק אַ שמייכל געטאָן.

— לאָמיר אָנגעמען — האָט זי ווייטער געזאָגט, — אַז עליאַ פילט די ערשטע רגע צו שטאַרק, — ס׳איז אָבער זיכער, אַז פּונקט ווי איר זייט איר ערשטע, זייט איר אויך איר גוואַלדיקע ליבע און אויך דאָס, וואָס איז נעכטן צווישן אייך פאָרגעקומען, — זי האָט מיר נעכטן אַלץ נעכטן אויסדערציילט, איז... איר ווייסט כ׳האָב געקענט אַ מיידל, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין אַ באַוואוסטן מענטש און האָט זיך פאַרגעסן אויף אַזוי פיל, אויף וויפל אַ פרוי קען זיך בכלל פאַרגעסן; איר ווייסט, אַז זי איז ווייניקער געווען פאַרצווייפלט, ווי עליאַ, נאָך דעם, וואָס ס׳איז צווישן אייך נעכטן פאָרגעקומען...

— וואָס־זשע זאָל איך איצט טאָן? כ׳בין גרייט אויף אַלץ? האָט אַ זאָג געטאָן רדזאַוויטש.

— איך ווייס, אַז איר וואָלט מסוגל געווען זי ליב צו קריגן, אַז איר וואָלט זי ליב געהאַט — האָט אויסגעשאָסן מיט צער פרוי לאַאורא — ווען ניט... איך פיל עס, אַז איר זייט באַשאַפן אײנס פאַר דאָס אַנדערע, אַז דאָס איז מן השמים און אייערס אַ מזל־זאַך. דעריבער האָט עליאַ אַזוי לייכט זיך אונטערגעגעבן דעם איינדרוק, וואָס איר האָט אויף איר געמאַכט, און אייך האָט אויך עפּעס צוגעצויגן צו איר...

— יאָ, איך בין אָבער אויף אַ שלעכטן וועג; אומקערן זיך קען איך שוין ניט.

— די פרוי צעבּרעכט אייך דאָס לעבן!

— יאָ, ס׳איז אָבער זי.

זיי האָבן זיך ביידע אַ קוק געטאָן אין די אויגן אַריין. רדזאַוויטש האָט תיכף געטראָפן, וואָס פרוי לאַאורא מיינט. ווען דאָס זאָל זיין אַן אַנדער פרוי, וואָלט ער זיך אויפגעהויבן, אַוועק און אויפגעהערט זי צו קענען.

כ׳בעט אײַך—האָט ער זיך אָפּגערופן אין אַ ווײַלע אַרום.— פרײַלין עליאַ האָט דאָך געוואוסט, אַז איך קען מיט קײנעם זיך ניט פּאַראײנטערעסירן, און מיט קײנעם ניט װעלן חתונה האָבן?

פרוי לאַוראַ האָט אַ ביסל אומגעדולדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— שטעלט אײַך גאָרניט פאָר, אַז איך אָדער עמיץ אַנדערש זאָל האָבן גערעדט מיט עליאַן װעגן אַ שידוך מיט אײַך. עליאַ האָט געוואוסט, אַז איר זײַט געװען פרײַלין טיזשװיעצקאַס חתן, אַז זי האָט מיט אײַך איבערגעריסן און אַז איר האָט שטאַרק געליטן. איך האָב געמײנט, אַז עליאַ װעט קודם־כּל אײַך אויסהײלן און דערנאָך מיט אײַך זיך פּאַראינטערעסירן. איר װעט דאָך מודה זײַן, אַז נאָך אײַער באַגײן זיך מיט איר אויפן ראַאוט האָט זי געקענט האַלטן, אַז זי האָט אויף אײַך לכל הפּחות געמאַכט ניט קײן קלענערן רושם, װי איר. זי האָט דאָך גיכער געקענט און באַדאַרפט אַזוי האַלטן, װי דאָס, אַז איר באַהאַנדלט זי, װי אַ פרוי פון שלעכטער געזעלשאַפט, װעגן װעלכע זי האָט אַגב קײן באַגריף ניט.

— נו, אָבער שפּעטער?

— שפּעטער? שפּעטער איז זי געװען זײער אומגליקלעך און צום אומגליק אירן שװאַך, אַז זי זאָל קענען בײַשטײן דעם געפיל, װאָס איז אין איר װאָס אַמאָל מער געװאַקסן. איך װײס איצט ניט, װאָס עס װעט זײַן מיט איר? פאַר אַזאַ מײדל, װי עליאַ, איז לאָזן זיך קושן פון אַ מענטש, װאָס זי האָט ניט ליב און װעט ניט זײַן איר מאַן, דאָסזעלבע, װאָס פאַר אַן אָרנטלעך װײַבל זיך פאַרגעסן — האָט שנעל געזאָגט לאַוראַ און אויפגערעגט. — איר פאַרשטײט עס דאָך.

— איך פאַרשטײ, אָבער שװער, װײַל די פּראַקטיק האָט מיר געגעבן בלויז אַנדערע בײַשפּילן.

— אפשר אין אויסלאַנד, אין דײַטשלאַנד, װאו פרויען, זאָגט מען, זײַנען לײַכט, אָבער ניט בײַ אונז.

— טאַקע בײַ אונז.

— און װאָס פאַר אַ געזעלשאַפט?

— פון אויבן ביז אַראָפּ.

פרוי לאַאוראַ האָט פאַרחידושט אַ קוק געטאָן אויף דזאַווישען:

— איך ווייס, אַז איר זאָגט ניט קיין ליגן, כ'האָב אָבער וועגן דעם קיין באַגריף ניט געהאַט. איצט ווערט מיר אייער באַגיין זיך מיט עליאַן קלערער. אויב אַזוי, האָט איר אָבער ניט באַמערקט, אַז עליאַ, איז אַנדערש, ווי אַלע?

— אַדרבא, מאַדאַם, כ'האָב באַמערקט און דעריבער טאַקע בין איך אַן אַנדערער.

— דאַרף אַזאַ ערלעך, צניעותדיק, ריין באַשעפעניש פאַלן אַ קרבן פאַר אַנדערע סאַלאָן־קאָקאָטעס? — האָט פרוי לאַאוראַ אויסגעשאָסן מיט כּעס, טופּענדיק מיטן פוס אין פאַנטאָפעלע.

— פאַרוואָס רופט איר זיי אַזוי? צי האָבן פרויען, ווייל זיי זיינען מיידלעך, ניט קיין רעכט צו זוכן פאַרגעניגן אין לעבן דאָרט, וואו זיי געפינען עס?

— אָבער אַ מיידל, וואָס ערלויבט דערנענטערן צו זיך אַ מענטש, וואָס זי האָט ניט ליב — און וואָס זי ווייסט, אַז ער האָט זי ניט ליב, איז אַ פּשוטע גאַסן...

— ניין, זי איז בלויז אַ פרוי, וואָס גייט נאָך די אינסטינקטן נאָך.

— איר פאַרגעסט, אַז דערצו זיינען פאַרהאַן אַ חילן און פּרינציפּן, מען זאָל ניט גיין נאָך די אינסטינקטן נאָך, ווי אַ חיה.

— ס'זיינען פאַרהאַן פאַרשיידענע באַגריפן און פאַרשיידענע פּרינציפּן.

— וואָס־זשע פאַר אַ מיידל איז אייך ליבער? אַזעלכע, וועגן וועלכע איר רעדט, צי עליאַ?

— אַזעלכע, וועגן וועלכע איך רייד.

— און פאַר אַ ווייב.

— עליאַ.

— אויב אַזוי, וואָלט מען באַדאַרפט טיילן די מיידלעך אויף אַזעלכע, וואָס זיינען ראוי צו האָבן מענער און אַזעלכע, וואָס זיינען עס ניט ראוי.

— מען וואָלט טאַקע באַדאַרפט אַזוי איינטיילן.

— פאַרוואָס-זשע זייט איר זיך מיט איר באַגאַנגען ווי מיט אַזעלכע? בעת איר האָט געוואוסט, אַז עליאַ איז ניט פון די מיידלעך, וועגן וועלכע איר רעדט?

— אין דעם שטעקט דאָך טאַקע די גאַנצע רעה, מיין גאַנצע שולד, אין וועלכער איך בין זיך מודה און וואָס איך וויל מתקן זיין.

— ווי אַזוי אָבער?

— כ'ווייס ניט, כ'קען אָפּפאָרן.

— דאָס וואָלט אפשר געווען דאָס בעסטע. זי וועט עס איבערווייטאָגן און פאַרגעסן.

— כ'וועל אָוועקפאָרן היינט, תיכף, ניט געזעגענענדיק זיך.

— עליאַן וועט איר ניט זען, מחמת זי זעט אַזוי אויס, אַז כ'האָב זי פאַרהאַלטן אין בעט. כדי ניט איבערצושרעקן די מומען, וואָס פילט זיך אַזוי אויך ניט גוט, האָב איך איר געזאָגט, אַז עליאַ האָט מיגרענע.

— אַגב, עס ווייס קיינער פון גאָרניט?

— קיינער.

— און יעזשי?

— יעזשי מוז עפּעס יאָ משער זיין, ער קען אָבער האַלטן סוד ביי אַזעלכע זאַכן און היות איך זאָג אים גאָרניט, פרעגט ער זיך קיינזאַך ניט נאָך. ער האָט דאָך געוואוסט, אַז כ'בין נעכטן ביינאַכט אַרויסגעגאַנגען צו עליאַן, און רוזשאַ—האָט עס מיר געזאָגט אַזוי הויך, אַז ער האָט אַלץ געהערט. וואָס שייך רוזשאַן, איז זי זיכער, אַז איר האָט עליאַן געפונען אויפן גאַנעק. מען וואָלט בלויז באַדאַרפט עפּעס אויסזוכן אַ תירוץ פאַר אייער אָפּפאָר-וועגן.

— כ'וועל זאָגן, אַז איך מוז פאָרן קיין מינכען זיך פאַרשטענדיקן וועגן עטלעכע קינסטלערישע ענינים, וועלכע איך קען בלויז פערזענלעך באַזאָרגן.

פרוי לאַאורא האָט אויף אים אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן און געזאָגט:

— איר ווייסט, ס׳קען זיין, כ׳וואָלט עס אייך ניט באַדאַרפט זאָגן, ניט קיין סך מענטשן אויף דער וועלט זיינען אָבער אַזוי געליבט, ווי איר פון עליאַן; דער אייבערשטער וואָלט אייך נאָך געגעבן גייסטיקע כּוחות איר זאָלט נאָך קענען פון דעם אוצר געניסן. ווייל איר שטויסט אָפּ פון זיך אַן אוצר, וואָס האָט זיך ממש אייך צו די פיס צוגעקויקלט. ווען איך זאָל זיין אַ מאַנסביל און אַ פרוי זאָל מיך אַזוי ליב האָבן...

— וואָלט איר דאָס זעלבע געטאָן, וואָס איך, ווען ס׳זאָל דורך אייער וועג דורכגיין אַזאַ מין קללה פון לעבן, ווי מיר — האָט איבערגעריסן רדזאַוויטש.

— רופט איר עס אַלזאָ אַליין אָן די קללה פון אייער לעבן! פאַרוואָס־זשע זאָלט איר אייך ניט אָפּטרייסלען?

— ניט איך קען, ניט איך וויל.

— איר וואָלט געקענט; ווען איר זאָלט וועלן, וואָלט איר געקענט!

— ווען כ׳זאָל אפילו קענען, וואָלט איך ניט וועלן.

— משוגעת.

— ניין, מאַדאַם, ס׳איז בלויז ליבע.

פרוי לאַאוראַ האָט ווידער פאַרבראָכן די הענט אויף די קני און אויסגעשריען מיט צער:

— נו, זאָגט אַליין, זייט איר ניט באַשאַפן איינס פאַר דאָס אַנדערע?! ביידע זייט איר פּעאיק צו ליבע, וואָס זעלטן טרעפט מען עס. דאַרף מען האָבן אַן אומגליק! דער רבונו של עולם זאָל אייך נאָך אַריינגעבן גייסט. איר מאַכט אייך אַליין אַ תּל פון לעבן, און איר קענט חלילה אַ תּל מאַכן פון אַזאַ הערלעך ווען, ווי עליאַ. אין דער צייט, ווען איר וואָלט ביידע געקענט זיין גליקלעך און איך וואָלט געקענט זאָגן, אַז דאָס איז לכל הפּחות אין אַ געוויסער מאָס מיינס אַ ווערק, און אַז ניט אומזיסט האָט מען מיך געבערענגט אויף דער וועלט, קוים האָב איך כאָטש אַ ביסל גליק מענטשן פאַרשאַפט. און דאָ גייט אַלץ אַזוי גוט צו, ווייל כ׳ווייס, אַז דער פעטער מיט דער מומע וואָלטן געווען זייער צופרידן. זיי האָבן מיר בפירוש געזאָגט, אַז ווען איר

זאָלט אײַך בײדע געפֿעלן, וואָלטן זײ גאָרניט געהאַט קעגן דעם. זײ וואָלטן די מײדלעך װעלן וואָס גיכער אױסגעבן צוליב דער מומעס מצב און דאָ אין דער געגנט זײנען פֿאַרהאַן בלױז עד־וואַרדס און וויקטאָרס טוואַרדאָוויעצקי. איר זײט דעם פּעטער מיט דער מומען זײער געפֿעלן, דער עיקר דער מומען, וואָס אין די יונגע יאָרן, װען זי איז נאָך מײדלװײז געװען אין פּאַריז, האָט זיך אין איר געליבט אַ גרױסער פֿראַנצױזישער מאָלער, און פֿון דער צײַט אָן האָט זי אַ שוואַכקײט צו קינסטלער. מען דאַרף האָבן אַן אומגליק...

— פֿאַרפֿאַלן, מאַדאַם, כ׳וועל זאָגן דאָס אַלטע ווערטל וועגן די קוילן און דעם רבונו של עולם. איך בין בײ אײַך אין דער האַנט און כ׳בין גרײט אױף אַלץ. זאָגט עליאַן, אַז עס איז ניט פֿאַרהאַן קײן זאַך, וואָס כ׳זאָל פֿאַר איר ניט טאָן. אין אַ שעה אַרום קום איך זיך געזעגענען.

די ראָסיענסקיס האָט רדזאַוויטשס באַשלוס משמעות פֿאַר־שאַפֿן אמתדיק עגמת־נפש; רוזשאַן האָבן זיך טרערן באַוויזן אין די אויגן, און פּושערוויץ האָט זיך באַמיט צו מאַכן אַ מינע פֿון אַ מענטש, וואָס זעט בלויז דאָס, אויף וואָס מען הייסט אים קוקן.

— נו, וואָס? האָט אַ פֿרעג געטאָן רדזאַוויטש בײ פּרוי לאַאוראַ, אויסנוצנדיק די מינוט, ווען קײנער איז לעבן זײ ניט געווען.

— מען האָט שטאַרק מורא פֿאַר איר. זי האָט ניט געגעסן פֿון דער פֿרי אָן, זי איז בלאַס, ווי נאָך אַ שווערער קראַנקהייט און ס׳איז שווער פֿון איר אַ וואָרט אַרויסצובאַקומען. דאָס מײדל ליידט שרעקלעך.

רדזאַוויטש האָט פֿאַרמאַכט די אויגן און צוגעדריקט די האַנט צום שטערן: ער האָט דערפֿילט, אַז עס פֿאַרכאַפּט אים עפּעס און ציט, ווי מיט געוואַלט אין עליאַס צימערל אַרײַן, צו איר בעט, צו אירע האַנט און פֿיס. ס׳איז געווען אַ געפֿיל פֿון גרויס רחמנות אויף אַ שוואַך וועזן, וואָס ליידט און וואָס מען וואָלט פֿון די יסורים געקענט אויסהיילן. דערצו וואָלט מען אָבער באַדאַרפֿט זיך נײטן, די נשמה זאָל שאַפֿן דאָס, וואָס ס׳איז

ניטאָ: נייטן אַ מושל, וואָס האָט דערצו ניט קיין באַדינגונגען, אַז זי זאָל שאַפן אַ פערל.

— וואָס־זשע זאָל איך טאָן? — האָט ער זיך געווענדט צו פרוי לאַאורא. — וואָס־זשע זאָל איך טאָן? כאָטש שיסט מיר אין קאָפּ אריין, בין איך גאָרניט בכוח אויסצוטראַכטן.

— אָרעם קינד נעבעך — האָט אַ שעפּטשע געטאָן פרוי לאַאורא מיט טרערן אויף די אויגן.

— איין אומגליק מאַכט געבוירן דאָס צווייטע. Das ist der Fluch der bösen That, dass sie fortzeugend Böses muss gebären. צום ווידערזען, ליבע מאַדאַם. איר זאָלט מיר ניט פאַראורטיילן.

— אומגליק פאַרענטפערט אַ סך זאַכן.

— בלויז ביי גוטע מענטשן. צום ווידערזען.

— מיר וועלן זען, וואָס די צייט וועט מיטברענגען, האָט אַ זאָג געטאָן פרוי לאַאורא, אָפּווישנדיק די אויגן מיטן פינגער, מיט אַ געוויסער האָפענונג אין איר שטים.

— גלייבט, אַז דאָס גאַנצע גוטס, וואָס זי קען מיר נאָך ברענגען, וואָלט איך אָפּגעבן, אַבי עס זאָל איר גוט זיין. צום ווידערזען.

פרוי לאַאורא האָט אים האַרציק דערלאַנגט די האַנט.

בשעת ער איז איינגעשטיגן אין קאָטש אַריין, און זיך אויסגעדרייט דאָס לעצטע מאָל זיך נאָך צו פאַרנייגן פאַר די הערן ראָסיענסקיס, האָט ער דערזען, ווי לאַאורא, אָנגעשפּאַרט אָן יעזשין, האָט אים אין דערלופטן איבערגעצלמט אויפן וועג.

פון זאַגורזשע צו דער באַן־סטאַנציע איז געווען דריי מײַל וועגס און די קאָטש איז שוין לאַנג געפאָרן צווישן פעלדער און לאָנקעס. איידער רדזאַוויטש האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט. ס'איז אים אַ שאָד געווען דאָס הויז, וואו ס'זיינען געווען בלויז גוטע און ערלעכע מענטשן און וואָס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַ אָאַזיס אין לעבן, וועלכעס האָט אים אַרומגערינגלט. זינט ער איז אָבער איבערגעטראָטן די שוועל פון דעם שטילן הויז, האָט ער אין אים

אַריינגעבראַכט אומגליק און עגמת=נפש. Das ist der Fluch der bösen That, dass sie fortzeugend Böses muss Gebären — האָט ער איבערגעחזרט.

די וועלט האָט זיך אים איצט אויסגעוויזן נאָך מער פוסט. עטלעכע חדשים האָט ער געפילט, אַז ער האָט דאָך ערגעץ עפּעס אַן אָפן מענטשלעך הויז; איצט אָבער האָט זיך דאָס הויז פאַרמאַכט און איז אַוועקגעקומען. ער האָט זיך שוין געהאַט צוגעוויינט צום געדאַנק: „כ'וועל פאָרן קיין זאַגוזשע", און דאָס באַוואוסטזיין, אַז ער וועט שוין אַזוי ניט קענען טראַכטן, האָט אים פאַרשאַפט גרויס עגמת=נפש. ס'האָט אים געצויגן אין דעם זאַגוזשע. פונדאַנען איז אַזוי ווייט צו באָזשעווסקין, קאָלאָליאַסקין, יאַדוויגאַ סטזשעליסקאַ און פרוי פּאָזשעלסקאַ, צו דעם אַלעם, וואָס האָט אים פאַרסמט דאָס לעבן; ס'איז געווען דאָרט שטיל און רואיק. און ער האָט דאָרט באמת געקענט זיין געליבט, שטאַרק, ביז פאַרגעסן זיך... ער האָט געקענט זיך לאָזן ליב האָבן, געקענט הנאה האָבן פון דעם ליבן מיטן גאַנצן עגאָאיזם און סיבאַריטיזם, וואָס איז איינגעבוירן די נאַטורן, וועלכע גאַרן צו געניסן. ער האָט אויך געקענט זיך אויסרוען, ממש זיך אויסשלאָפן נאָך אַ מין שרעקלעכער נאַכט, וואָס ער האָט איבערגעלעבט. ניין אָבער, די נאַכט האָט זיך ניט געענדיקט, זי דויערט נאָך אַלץ און וועט דויערן ביזן סוף פון זיין לעבן. ס'איז ניטאָ פאַר אים ניט קיין רו, ניט קיין אָפּרו. און דאָך איז לאָראַ מסתמא גערעכט געווען, ס'איז שוין אַוודאי מער משוגעת, ווי ליבע...

און ווידער וואַרט אויף אים דאָס זעלבע לעבן אין פיבער, אין אומרו, צערייצטקייט, וואָס הייבט זיך און ענדיקט זיך מיט זיין אַטעליע, רעסטאָראַנען און קאָנדיטאָריען. ער האָט מיט עקל זיך אָפּגעשאָקלט.

דערצו נאָך די עקלהאַפטע שטאָט מיט איר שטויב, גערויש און געפילדער, מיט איר ענגשאַפט, מיט דער שלעכטער לופט און אַנטיפּאַטישן גאַסן=המון... דאָ איז געווען אַזויפיל בלומען, אַזויפיל לאָנקעס, אַזויפיל שטח און אַזויפיל פרייע וועלט. אַלע ערטער אין זאַגוזשע, וואו ער איז אויסגעוועזן, האָבן זיך אים

אָנגעהויבן בולט מאָלן אין זיין זכרון. ער האָט פון אַלעם צו ווייניק געגנאָסן: פון די שטראָמען און געדיכטעניש און פון די וואַסער־ליליען און וועלדער, און פון די פּאַשעס און טייכער. ווען ער זאָל זיך איצט אומקערן, וואָלט ער זיך איינגעטוקט אין דער נאַטור, ער וואָלט אין איר דערטרונקען געוואָרן אַזוי, אַז ער זאָל וועגן אַלץ פאַרגעסן.

לאָראַ איז באמת גערעכט געווען, אַז ער מיט עליאַן זיינען באַשאַפן איינס פאַר דאָס אַנדערע. ער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אין וואָס ער וואָלט מיט איר ניט געקענט מסכּים זיין, אין וואָס פאַר אַ פראַגן ס׳וואָלטן געקענט זיין צווישן זיי חלוקי־דעות? ער מיט מאַריאַן האָבן געקוקט אַנדערש אויף אַ סך זאַכן, אַחוצדעם האָט מאַריאַ עפּעס געהאַט אין זיך תמיד אַזוינס, וואָס ער האָט קלאָר ניט געקענט באַמערקן, וואָס ער האָט ניט געקענט דורכזען; ס׳איז געווען אין איר נשמה עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט מיט דער האַנט ניט געקענט אָנכאַפּן, ניט געקענט דערגרייכן און זיך פאַר די אויגן פאָרשטעלן; אין איר ליבע, אין דעם, וואָס זי האָט אָנגערופן ליבע, איז אויך געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געררייצט דעם בליק און ניט געלאָזט אויף זיך אַ קוק טאָן און דערקענען. עליאַס נשמה איז געווען, ווי קרישטאָל, אין וועלכן מען האָט באַדאַרפט קענען קוקן און קוקן טיף, מען האָט אָבער דאָרט אַלץ געזען; איר געפיל האָט אויפגעבליט אַזוי, ווי אַ קאָרנבלום, וואָס מען קען צובויגן צו זיך און באַטראַכטן יעדער בלעטל באַזונדער, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין פעלד, ווייל דער ווינט האָט זי פאַרזייט.

יאָ, אויב דער גורל באַשטימט מענטשן איינס פאַר דאָס אַנדערע, האָט ער זי פאַר אים באַשטימט; ער האָט זי בלויז שפּעט צו אים געבראַכט.

און זי איז צו אים צוגעקלעפּט געוואָרן אַזוי שנעל, ניט געוואַקלט זיך, ווי זי וואָלט די גאַנצע אַכטצן יאָר אירע פאַר אים וואַקסן. ניט געקוקט אויף קיין זאַך איז זי געגאַנגען צו אים, ווי ס׳וואָלט זי עפּעס אַן אויסערלעכע באַפעלערישע קראַפט געשטויסן, ווי די

דאָזיקע קראַפט וואָלט איר זאָגן: ווי ס'זאָל ניט זיין, איז דאָס דער מענטש, וועמענס פרוי דו מוזט זיין.

דאָס דאָזיקע מיידל, אַ פּשוטע, ווי אַ עלעמענט, ווי די נאַטור, האָט געהאַט זיכערע, פעסטע, און געזעצטע אינסטינקטן: די שטים פון געשלעכט האָט זיך ביי איר אָפּגערופן בלויז מיט איין נאָמען און אַחוץ דעם מאַנסביל, וואָס דאָס איז ער, האָט פאַר איר אָן שום ספק די גאַנצע וועלט ניט עקסיסטירט. דאָסזעלבע איז געווען מיט אים בנוגע מאַריאַן, ס'איז אָבער זיכער ניט געווען און וועט ניט זיין מיט מאַריאַן בנוגע וועמען עס איז, הגם אויסערלעך זאָל עס אַזאַ איינדרוק מאַכן. מיט מאַריאַן קען דאָס קיינמאָל ניט זיין: וואָס עליאַ וואָלט איצט אויף איר אָרט געטאָן, איז שווער פאָראויסצוזען,—זיכער איז אָבער איינס, אַז זי וואָלט ניט געטאָן דאָס, וואָס עס טוט יענע. זי וואָלט בעסער ניט לעבן.

דאָך — דיזעלבע אויסערלעכע באַפעלערישע קראַפט בינדט אים מיט מאַריאַן און ווערט אַ צוים צווישן אים און עליאַן. ביי פיר מענטשן איז דער צוקלויב פון געשלעכט אַוועק אין דריי ריכטונגען, פון וועלכע איינע איז אַ פאַלשע. ס'האָבן באַדאַרפט שאַפן זיווגים: באָזשעווסקי מיט מאַריאַן, ער מיט עליאַ ראָסיענסקאַ. ווייל אָבער דאָס מזל, אַז קיינס פון די דאָזיקע געפילן זאָל ניט באַפרידיקט ווערן. אויב מען זאָל נאָך נעמען קאָלאָליאַסקין, שאַפט זיך גאָר אַ כאַאָס, וואו דריי מאַנסלייט ווילן האָבן איין און דיזעלבע פרוי,—זי ווידער גאַרט זיך אָפּגעבן בלויז איינעם פון זיי, און די צווייטע פרוי האָט ליב אומזיסט. צווישן פינף מענטשן קומען בלויז צוויי ווילנס זיך צונויף אויף איין ליניע; דריי ווידער גייען אין אַ פאַלשער ריכטונג. קיינעם פון די פינף האָט דער גורל קיין גליק ניט באַשערט, און דער צענטער, די אַקס פון דעם כאַאָס און אומגליק איז מאַריאַ, די וואונדערלעכע קללה פון זיין לעבן...

רדזאַוויטש האָט באמת געוואָלט פאָרן קיין מינכן, זיך געוואָלט וואַרפן אין ווירוואַר פון קינסטלערישן לעבן, צווישן די מאָלערישע ציגיינער פון דער גאַנצער וועלט, צווישן מאָדעלינס

און קעלנעריננס, און גלייכצייטיק געוואָלט אָנקניפּן קונסט־הענד־לערישע באַציאונגען, פעסטשטעלן פאַר זיך הכנסות און זיך באַזעצן אויף שטענדיק אין אויסלאַנד, אין איטאַליע אָדער פאַריז. ער האָט געוואָלט איבעררייסן מיט אַלעם, וואָס איז געווען הינטער אים, זיך פאַרטומלען און פאַרטייבן. בשעת ער האָט זיך אָבער אָפּגעשטעלט אין וואַרשע, האָט ער ניט געקענט זיך אָנטשליסן, צי זאָל ער פאָרן קיין מינכן, צו אין די בערג אין דער שווייץ, צי ערגעץ אויפן דייטשן ים, מחמת קיין איטאַליע איז שוין געווען צו הייס. סוף־כל־סוף האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף נאָרדערניי, וואוהין עס האָט אים געצויגן דער פאַרנעפּלטער און פאַנטאַסטישער ים. ער איז שוין כמעט גרייט געווען אין וועג אַריין, ווי אויפן דריטן טאָג נאָך זיין קומען האָט ער באַגעגנט אין שטאָט יאַדוויגאַ סטושעליסקאַ, וועלכער די דינסט האָט נאָכגעטראָגן אַ גרויסע פּודלע פון מאַגאַזין. ער האָט זיך פאַרנייגט און געוואָלט פאַרבייגיין, האָט אים די סטושעליסקאַ אָבער פאַרהאַלטן, אויסרופנדיק: — ווי הייסט, איר זייט גאָר דאָ? כ׳האָב דאָך געהערט, אַז אייך האָבן די פּושערוויצעס מיטגענומען צו די ראָסיענסקיס. וואָס־זשע מאַכט איר?

— אַדאַנק—האָט ער געענטפערט, אָפּשטעלנדיק זיך, מחמת יאַדוויגאַ איז צוגעגאַנגען צו אים מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט.

— איר ווילט אַ ביסל ריידן מיט מיר? זאָל וויקטשאַ אַוועקטראָגן דאָס אַהיים און זאָגן, אַז כ׳וועל באַלד קומען. מיר האָבן איצט איינגעקויפט אַ וועלט.

— וואָס איז דען?

— דאָס איז איינס פון מאַריניאַס קליידער צום אויסשטייער. כ׳האָב עס געגעבן פאַרריכטן, ווייל ס׳איז שלעכט געלעגן ביים גאַרטל.

— ווען איז די חתונה?—האָט אַ פרעג געטאָן רדזאַוויטש, וועלכן ס׳איז פּלוצלונג אויף אַ מינוט פינסטער געוואָרן אין די אויגן.

— אין דריי וואָכן אַרום.

— מיט קאָלאָליאַסקין?

— ווי דען? באָזשעוווסקי האָט חתונה אין סעפּטעמבער.

— און דערנאָך?

— אַ סך געשיקטקייט.

— און מענטשנס הילף, אויב זי וועט זיין נייטיק, ניט אמת? — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ ניט פאַרבאָרגענער אַפּאַטישער פאַראַכטונג אין דער שטים.

יאַדוויגאַ האָט אים אַ קוק געטאָן אין די אויגן אַריין און געזאָגט, ניט פאַרלירנדיק זיך:

— איך בין תמיד גרייט דערויף, אַז מענטשן זאָלן אָפּטמאָל אין לעבן צו מיר ריידן מיט אַן ענלעכן טאָן. יעדער, ווער ס'האָט זיינע באַזונדערע, אייגענע באַגריפן, און באַהאַלט זיי ניט, פאַלט ניט אַרונטער אונטערן שאַבלאָן און דאגהט ניט וועגן דער דורכשניטלעכער, ביליקער מאָראַל, בפרט ווען דאָס איז נאָך אַ פרוי, — ווערט געשטעלט פאַר דער מעגלעכקייט פון אַזאַ טאָן, מיט וועלכן איר האָט צו מיר דאָ גערעדט. ס'איז מיר בלויז אַ שאָד, וואָס כ'מוז אייך אויך אין דעם כלל אַריינרעכענען.

פונקט, ווי בשעת דעם שמועס אין אַטעליע, האָט יאַדוויגאַ איצט אויך אימפּאָנירט רדזאַוויטשן: אַ גוטע, צי אַ שלעכטע, אָבער דאָס איז געווען אַ נאַטור „אינגאַנצן פון איין שטיק", אַליין פאַר זיך באַשאַפן און באַאַרבעט. זי האָט אימפּאָנירט, ווי עס אימפּאָנירט יעדע שטאַרקע, ענערגישע אינדיווידואַליטעט, אָן שום חלוק, צי זי איז אַ פּאָזיטיווע, צי אַ נעגאַטיווע.

— אין דריי וואָכן אַרום אַלזאָ איז קאָלאָליאַסקיס חתונה? — האָט ער איבערגעחזרט.

— יאָ.

— וואו?

— אין הייליקן קרייץ.

— אינאָוונט?

— זעקס אַ זייגער.

— זי איז הי?

— ניין, זי איז ביי לעשטשיצקיס. דער דאָקטאָר האָט איר געהייסן פאַר דער חתונה אַרויספאָרן זיך אַ ביסל שטאַרקן.

— זי איז ניט געזונט?

— אייגנטלעך ניט, זי האָט אָבער כסדר היץ. איר פאַרשטייט דאָך, אַז מען גייט טאָן, ווי די מעשה זאָל ניט זיין, אַזאַ אומדערהערטע זאַך — —

— כ'פאַרשטיי.

— כ'בין מודה, אַז דאָס איז פאַר איר אַ שרעקלעך איבערלעבעניש — האָט געזאָגט יאַדוויגאַ. — חתונה האָבן מיט אַזאַ קאַלאַליאַסקין — — ברירה!

רדזאַוויטש האָט פאַרביסן די ליפּן.

— זעט איר, אויב עמיצן דראָט בלינד צו ווערן אויףביידע אויגן און מען וועט אים זאָגן, אַז ער וועט ראַטעווען דאָס רעכטע, אויב ער וועט דאָס לינקע זיך לאָזן אַרויסנעמען, וועט ער זיך לאָזן. — האָט ווייטער געזאָגט יאַדוויגאַ, — לאָמיר אָבער וועגן דעם ניט ריידן, ווייל דאָס רעגט אייך אויף. וואָסזשע האָט איר געטאָן אין דאָרף ביי די ראָסיענסקיס? האָט זיך ניט פאַרליבט אַמאָל אין אייך איינע פון די צוויי געגזלעך?

רדזאַוויטש האָט ניט געלייגט אַפילו קיין אַכט אויפן ביטול, מיט וועלכן יאַדוויגאַ האָט זיך אָפּגערופן וועגן עליאַן.

— ס'וועט זיין אַ ידיעה אין „קוריער" וועגן טאָג פון דער חתונה? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— מסתמא. כ'מיין, קאַלאַליאַסקי וועט וועלן זיך באַרימען פאַר דער וועלט, אַז ער נעמט איינע פון די שענסטע מיידלעך אין שטאָט. ער וואָלט געהייסן דורך אַפישן אויף די ראָגן וועגן דעם מודיע זיין, ווען מאַריניאַ זאָל עס נאָר ערלויבן; איר וועט דאָך אָבער אויף דער חתונה ניט קומען?

— אדרבא, כ'וועל קומען.

— זאָל איך עס איר זאָגן?

— ווי איר ווילט. איבעריקנס, איז עס איר מסתמא אַלצאיינס.

— דאָס איז אויך אמת. טרייסט זיך כאָטש דערמיט, וואָס מאַריניאַן איז באמת אַלץ אַלצאיינס. זי וויל בלויז געניסן פון לעבן, און דאָס געניסן פאַרקערפּערט זיך אין באָזשעוווסקין, איצט לכל-הפּחות. וואָס עס וועט זיין שפּעטער, קען מען ניט וויסן. דאַכט זיך, זי וועט זייער ליב האָבן אירע קינדער — — וועלכע ס׳איז ניט, צי פון רעכטס, צי פון לינקס...

דעם דאָזיקן ברוטאַלן ציניזם האָט סטזשעליסקאַ אַ שפּריץ געטאָן רדזאַוויטשן אין די אויגן אַריין, משמעות מיט גרויס הנאה פון דער זאַך.

— וואָס-זשע טוט איר איצט? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— כ׳האָב געוואָלט פאָרן קיין נאָרדערניי, כ׳וועל אָבער פאָרן ערשט נאָך מאַריאַס חתונה.

— אַהין אַלץ?

— מן הסתם. איבעריקנס, איז עס אַלץ איינס, אומעטום וועט מיט מיר מיטפאָרן מיין — — גן-עדן.

סטזשעליסקאַ האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט מיטלייד, וואָס האָט ניט געהאַט אין זיך קיין שום געמאַכטס און אַ זאָג געטאָן אויפריכטיק מיט אַ גערירטער און איינגעמענדיקער שטים:

— האַלט דאָס נאָך איבער. אפשר איז עס דער שווערסטער קלאַפּ, אָבער דער לעצטער. געדענקט דערינען.

אין דער מינוט האָט זי זיך אויסגעוויזן רדזאַוויטשן אמתדיק און ווירקלעך אַ גוטע.

— איך וואָלט אייך געראַטן אַוועקפאָרן פאַר מאַריניאַס חתונה — האָט זי צוגעגעבן.

ער ווידער האָט געענטפערט:

— איר זאָגט, אַז דאָס איז דער שווערסטער, אָבער דער לעצטער קלאַפּ? כ׳וואָלט ליבער וועלן, זי זאָל שטאַרבן, איידער עס זאָל געשען דאָס, וואָס עס וועט זיין.

די סטזשעליסקאַ האָט זיך צעלאַכט.

— מיין הער, מיין הער, לאָמיר-זשע ניט זיין קיין קינדער. גיט איר אייך דען קיינמאָל ניט קיין חשבון, אַז דאָס לעבן איז אַ טראַגישער פאַרס און אַז עס איז באמת ניט כדאי זיך

דערינגען אַזוי צו פייניקן. וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? און וואָס פאַר אַ שלעכטס אייגנטלעך איז אין דעם דאָ? איר זייט אַ קרבן פון פאָראורטיילן, וואָס זיינען איינגעוואָרצלט פון דור דורות. אַ ביסל מער היידנישקייט, הער רדזאַוויטש, מער היידנישקייט, מער דרייסטקייט אין באַטראַכטן דאָס לעבן אַזוי, ווי עס איז. גאָט מיין טייערער! וואָס איז דאָ פאַרהאַן זיך דאָס לעבן צו פאַראומערן!

יאַדוויגאַס גוואַלטיק רואיקער, לייכטער און ביי זיך זיכערער טאָן האָט אויף רדזאַוויטשן געמאַכט דעם געוויינטלעכן רושם: ער האָט אים געצוואונגען זיך פאַרטראַכטן. יאַדוויגאַ האָט עס באַמערקט און מוסיף געווען מיט איר מילדן שמייכל:

— מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב אויף אייך אַ גוטע השפעה. איר דאַרפט צו מיר פון צייט צו צייט קומען אויף אַ באַראַטונג, ווי די אַריסטאָקראַטישע דאַמען צום פּאָטער נאַרציז. איך וואָלט אייך אויסגעהיילט פון אַ סך זאַכן. איר פילט די גריכישע קולטור אַזוי, ווי קיין איינער ניט, און דאָך האָט איר אין דער נשמה אַזוי ווייניק גריכנלאַנד. מאַכט אייך, כלעבן, גאָרניט פון דעם אַלעם און באַמיט זיך קודם־כל צו האָבן הנאה פון לעבן. פירט איר עפּעס אַ ראָמאַן?

די דאָזיקע פראַגע איז געשטעלט געוואָרן מיט אַזאַ פשטות, ווי עס וואָלט עס געקענט בלויז שטעלן רוזשאַ ראָסיענסקאַ; רדזאַוויטש אָבער האָט ביי דער נאַטירלעכקייט, מיט וועלכער יאַדוויגאַ האָט געפרעגט, קודם־כל, גאָר ניט־ווילנדיק זיך דערפילט פאַרשעמט, אַז ער האָט ניט געקענט ענטפערן דערויף — יאָ.

— ווי הייסט? גאָרניט? קיין שום באַציאונגען? — האָט ווייטער געזאָגט יאַדוויגאַ, שטאַרק פאַרחידושט: — גאָרניט? ווי אַזוי־זשע קענט איר אַזוי לעבן? און אַזוי אַ תל מאַכן פון לעבן? מען דאַרף דאָך דערפון הנאה האָבן, אויב עס לאָזט זיך נאָר.

רדזאַוויטש איז שטיין געבליבן פאַר יאַדוויגאַן פאַרחידושט: דאָס דאָזיקע יונג, אפשר איינס אָדער צוויי און צוואַנציקיעריק מיידל האָט גערעדט מיט אים וועגן לעבן, ווי אַ רייפער

מאַנסביל. ער וואָלט עס ניט גלויבן, ווען מען זאָל אים דער־ציילן פון איר. ער האָט אָבער יאַדוויגאַן געהאַט פאַר די אויגן.

פון דער צווייטער זייט האָט ער זיך אָנגעהויבן אונטער־געבן איר סוגעסטיע. באמת טאַקע, איז כדאי זיך אַזוי צו פּייניקן: וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? איז דען ניט דאָס לעבן קודם־כל אַ טראַגישער פאַרס? ער איז געגאַנגען נאָך ווייטער: ער האָט ביי זיך אַליין אויסגעוויזן לעכערלעך. אומדערהערט, אומענדלעך לעכערלעך. פּונקט, ווי אַ קאַרפּ, וואָס שפּרינגט פון דער הויט אַרויס, ווען ער קוקט זיך צו, וואָס די שפּערלען טוען אויף די ביימער, אָדער פּאַרקערט, דער שפּערל וואָס טשיריקעט אַ באַצערטער צוליב די קאַרפּן. ער איז אַזוי געווען אויסגעטאָן פון דעם שפּיל, ווי אַ פּאָסט־פערד, וואָס מען שפּאַנט אויס און מען לאָזט עס איבער אין שטאַל; דער וואָגן פאָרט, אָבער מיט אַנדערע פערד. צו וואָס־זשע זאָל ער שוויצן, ווי ער וואָלט אים געשלעפּט בעת ער שלעפּט אים ניט? איז דען ניט בעסער רואיק קייען דעם האָ־בער, וואָס ליגט אין זשלויב? איז דען ניט בעסער ניט אַ תל צו מאַכן פון לעבן?

— דאַכט זיך — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו יאַדוויגאַן — איך בין געווען זייער נאַריש. אין תוך גענומען, זייט איר גערעכט. כ׳וועל אויפהערן צו מאַכן אַ תל פון לעבן. און אַלס ראיה דער־צו, אויב איר וועט נאָר ערלויבן...

די סטזשעליסקאַ האָט אַמיזאַנט אַ שמייכל געטאָן און גע־ענטפערט:

— איר מיינט, כ׳וועל אַ געשריי טאָן מיט כעס: איר זייט משוגע געוואָרן, צי וואָס? פאַרגעסט אין דעם. איך קען זייער גוט פּרעוואָס Demi viergucs. אַלזאָ, דעם קאָפּ אינדערהויך און צום ווידערזען, ווייל איצט האָב איך אַזוי פיל אַרבעט, אַז איך קען זיך ממש קיין עצה ניט געבן. כ׳פריי זיך זייער, ווייל עס דאַכט זיך מיר, כ׳האָב אייך אַ ביסל פאַרריכט. אַדיע.

זי איז אַוועק.

— מען דאַרף באמת ניט זיין קיין אייזל—האָט אַ טראַכט געטאָן רדזאַוויטש, — איך מאַך צופיל ווערן פון דעם אַלעם. און

וואָס זאָל איך זיין בעסער פון זיי? איבעריקנס, אפשר זיינען זיי גאָר קלוג. וואָס איז דען מאָראַל?—דאָס, וואָס עס האָט זיך דעם אָדער יענעם פאַרגלוסט אָנצורופן מאָראַל. די וועלט איז אַזוי איינגעאָרדנט, ווי יעדער איינער וואָלט אין אַ טאָג באַדאַרפט אויפעסן אַ פונט פלייש. דערווייל דאַרף איינער אַ האַלב פונט און דער אַנדערער צוויי: איינער בלייבט הונגעריק, דער צווייטער קראַנק פון שלעכט פאַרדייען. מענטשן קענען ניט תּופס זיין איין און די זעלבע זאַך, דאָס איז אינדיווידואַליטעט. אַזאַ יאַדוויגאַ: אַלץ וואָס זי טוט, איז געצילט צו באַפרידיקן אַנדערע. אויב קאָלאָליאַסקי וועט קיין זאַך ניט באַמערקן, וועט ער אויך זיין צופרידן, בכל אופן איז עס נאַטירלעך, וואָס זי וואַקלט זיך ניט מקריב צו זיין אַזאַ שוטה פאַר מאַריאַס וועגן. ווער ווייס, אויב ניט צו די יאַדוויגאַס סטזשעליסקי געהערט דער מאָרגן פון געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, כּל-זמן עס וועט איבערמאָרגן פון דעם יוירונג זיך עפּעס אויסקריסטאַליזירן און אויסבילדן? יאָ, ווי אַזוי ס'איז איצט, איז אומבאַדינגט שלעכט און ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס מען זוכט אַ נייע פאָרם פון לעבן. אַז עס שניידט זיך אויף עפּעס, זעט מען שוין צו גוט אָן. אין אים ווידער, האָט ער געפילט, האָט זיך עפּעס איבערגעבראָכן: דער קאָנקרעטער, קלאָרער, בולטער פאַקט פון מאַריאַס חתונה איז געווען פאַר אים אַ קריטישער מאָמענט. איצט האָט זיך באמת פאַרמאַכט די טיר, ס'האָט זיך איבערגעדרייט דער בלאַט.

אין דריי וואָכן אַרום ענדיקט זיך דער ערשטער טייל פון מיין לעבן—האָט ער געטראַכט.—אַ טרויעריקער סך-הכול. כ'האָב אַלץ דערגרייכט — אַחוץ גליק. און דאָך איז אַ האַלב לעבן פאַרביי...

גליק איז בלויז איינס: אין גרויסער שטילקייט פון גרויסער ליבע — — און דאָס איז פאַר אים ניט צוטריטלעך.

ס'איז פאַרהאַן בלויז איין צוטריטלעכע זאַך: הנאה פון די חושים...

אויף צומאָרגנס האָט ער זיך אויפגעכאַפּט שפּעטער, מיט קאָפּ-ווייטאָג און ביטערניש אין מויל. ווי אַזוי און ווען ער איז

אַהיימגעקומען האָט ער ניט געדענקט, — אויפן טיש איז געלעגן אַ שטיקל ראָזע באַנד און אַ צעקנייטשטע בוקעטל טיי־רויזן — דאָס האָט אים צוגעטשעפּעט צום ראָק זאָסיאַ פּאָליעװסקאַ. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זיי זיינען צוזאַמען געפאָרן אין בעלוועדער, דאַכט זיך, אַז זיינען אַפילו געווען אונטער ווילאַנאָוו.

ער האָט זיך אויסגעצויגן און אַ גענעץ געטאָן. ער האָט געפונען אויף זיך אַ לאַנגע, דינע, גאָלדענע האָר. זאָסיאַ פּאָליעוו־סקאַ האָט געהאַט פּראַכטפולע האָר.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגערל. ס׳איז געווען איינס בייטאָג. לעבן זייגערל אויפן טיש זיינען געלעגן צוויי בריוו, ריכטיקער איין בריוו און אַ צווייטס אַ צעטעלע אין אַ קאָנווערט. דער באַדינער האָט זיי אוודאי איבערגעלאָזן, קומענ־דיק נאָך די זאַכן. דער בריוו איז געווען פון פרוי לאַאורא. דאָס צעטעלע פון דער באַראָנין היימערט. ס׳האָט אים עפּעס אַ אומרו באַהערשט: וואָס קען אים פרוי לאַאורא שרייבן? צי האָט זיך ניט עפּעס געטראָפן אין זאַגוזשע?

ער האָט אויפגעריסן דעם קאָנווערט. פרוי לאַאורא האָט געשריבן: „הער ראָמאַן! אויב איר זייט נאָך ניט אַוועקגעפאָרן פון וואַרשע, בין איך אייך מודיע, אַז אין עטלעכע טאָג אַרום וועלן מיר קומען צוזאַמען מיט די מיידלעך, מחמת דער מומען איז געוואָרן ערגער און מען שיקט זי תיכף־ומיד אין די בעדער. אין וואַרשע וועלן מיר זיין אַזוי לאַנג, כל־זמן יעזשי וועט ניט קענען זיך מיט אונז אויסקלויבן קיין זאַקאָפּאַנע. כ׳וואָלט וועלן, אַז עליאַ זאָל אייך שוין ניט טרעפן, הגם כ׳ווייס אַליין ניט, וואָס כ׳זאָל פּאַר אירעטוועגן וועלן און וואָס עס וואָלט געווען דאָס בעסטע? כ׳קען זיך גאָר קיין עצה ניט געבן, ווייל כ׳פיל, אַז אַלץ איז דורך מיר. ס׳וואָלט אייך דאָס האַרץ אויסגע־שניטן, ווען איר זאָלט אויף איר אַ קוק טאָן. מען זעט בחוש, ווי דאָס מיידל צאַנקט. זי בייט זיך צום עסן און ריידן, כדי די מו־מען ניט אָנצוטאָן קיין עגמת־נפש, די מומע האָט עס שוין אָבער באַמערקט און איז אָבער ניט מסופק, אַז עליאַ האָט זיך מיט אייך פאַראינטערעסירט. איך מייד אויס, אויף וויפל דאָס לאָזט

זיך וועגן דעם צו ריידן, וואָרעם, וואָס האָב איך דען צו ענט־פערן? ס'איז מיר נאָר אַ רחמנות, אַ האַרציק רחמנות אויף עליאַ. די מומע ברעכט איבער איר די הענט און זאָגט: זעסט, דאָס איז עליאַ. וואָס פאַר אַ מיידל אין אירע יאָרן ליבט זיך עס ניט, ביי איר אָבער דערגייט אַלץ תיכף ביז משוגעת. רוזשאַ וואָלט אַ צוויי טאָג זיך אויסגעוויינט און פטור, אָבער עליאַ וועט זיך פייניקן און פייניקן.—וואָס שייך אייך, האָט די מומע געוואוסט, אַז איר זייט צו עליאַן לחלוטין גלייכגילטיק. וואָס צווישן אייך איז פאָרגעקומען, ווייסט זי, פאַרשטייט זיך ניט. מיט עליאַן רעדט די מומע ניט דערפון, ווייל זי האַלט זיך ביי איר גאַנג, און וואַרט תמיד, ביז די טעכ־טער וועלן אַליין צו איר מיט עפּעס קומען. מיט מיר האָט עליאַ אַחוץ דעם איין מאָל קיין וואָרט ניט איבערגערעדט, איך אַליין וויל זיך אויך ניט אָנבאָטן; איינמאָל בלויז, אייערנעכטן אין אָוונט, איז זי אַריינגעקומען צו מיר אין צימער, זיך אָנגעשפּאַרט אָן מיין אָרעם און זיך צעוויינט. מיר האָבן ביידע געוויינט. אָבער קיינזאַך ניט גערעדט; און וואָס האָב איך אייגנטלעך געקענט העלפן? וואָלט כאָטש בישאַ הי געווען! הער ראָמאַן—איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, אַז איר שטויסט אָפּ פון זיך אַן אוצר, וואָס האָט זיך אייך אַליין צו די פיס צוגעקויקלט. אַזאַ ליבע, און אַזאַ פרוי וועט איר קיינמאָל מער ניט געפינען. ס'איז ניט אמת, אַז ליבע פאָדערט אַ סך צייט: ליבע קען געבוירן ווערן אין איין רגע און דאָס, וואָס פאָדערט באַקענען און גריבלען זיך, דאָס איז פריינדשאַפט, ליבשאַפט, אַכטונג, סימפּאַטיע, אַלץ, וואָס ס'איז נייטיק ביי אמתע ליבע, אָבער אין דער צווייטער ריי. זי אַליין, די ליבע גופא, ווערט געבוירן, ווי אַ פונק. עליאַ קען אייך ניט און האָט אייך ליב.

איך פאַרליר נאָך ניט די האָפענונגען און אויב דער בריוו זאָל על־פּי־מקרה אייך אין וואַרשע שוין ניט טרעפן, ווייס איך אַליין ניט, צי כ'זאָל וועלן, אַז איר זאָלט אַוועקפאָרן, צי איר זאָלט בלייבן.

אמתדיק פריינדלעכע און זייער צוגעדריקטע

„לאַאורא פּזשערוויץ".

רדזאַוויטש, אַ אָפּגעקילטער פון דער ערשטער אומ־ רואיקייט, האָט פרוי לאַאוראַס בריוו איבערגעלייענט מיט אַ שמייכל פון ביטול, און ניט אָן הנאה, אַז עס גייט וועגן אים אַזוי אין לעבן. תחילת האָט ער זיך איבערגעשראָקן, אָבער דאָס, וואָס עליאַ עסט ניט און רעדט ווייניק, איז שרעקלעך און הימלשריי־ ענדיק ניט געווען. אַז עליאַ וועט זיך אויסהונגערן, וועט זי עסן— האָט ער אַ טראַכט געטאָן — דאָס בעסטע וואָלט געווען מען זאָל איר געבן Cascara sagrada, אויב זי פאַרטראָגט ניט קיין ריצנ־ אייל. לאָראַ איז גוט, ווי אַ מלאך, אָבער אַ קינד און קוקט אויף אַלץ דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז. איבעריקנס, אפשר וואָלט ער טאַקע אַוועקפאָרן, ער וויל אָבער זיין ביי מאַריאַס חתונה, וועט ער דעריבער ניט אַוועקפאָרן און וואָס עס דאַרף געשען, זאָל געשען. ער קען זיך אַפילו בעטן די האַנט ביי דעם מיידל... ער וואָלט באַקומען במזומנים אַכציק טויזנט אויפן טיש און, ווי די מעשה זאָל ניט זיין, געהאַט עטלעכע אָנגענעמע חדשים; אַחוצדעם וואָלט ער געהאַט, ווער ס'זאָל פון אים אַראָפּנעמען די לאַנגע דינע האָר, ווען ער וואָלט זיי אַהיימגעברענגט.

ער האָט נאָכדעם אויפגעשניטן דעם שטייפן קאָנווערט פון דער באַראָנין היימערט, וואָס איז אַדרעסירט געווען מיט ריזיקע אותיות, וועלכע עס באַנוצן אין ענגלאַנד ביוראַליסטן, און אין פוילן—די אַריסטאָקראַטיע. די היימערט האָט געשריבן: „מייסטער ראָמאַן! ס'זיינען פאַרהאַן זאַכן, וואָס עס טאָרן אַפילו ניט אַזעלכע, וואָס מעגן אַלץ. כ'האָב באַקומען אַ ידיעה, אַז איר זייט שוין עטלעכע טאָג אין וואַרשע, און איך האָב נאָך ניט גע־ קענט אַדריק טאָן די האַנט, וואָס האָט אויסגעהאַקט און אויס־ געמאָלט פאַר זיך אַן ערן־דיפּלאָם. דאָס טאָרט איר ניט. כ'בין אינדערהיים יעדן טאָג פון ניין ביז...

. . . .

פריינדין, פאַרערערין און באַרמ־
האַרציקע שוועסטער אין דעמיסיע

„העלענע היימערט".

— רדזאַוויטש האָט ווידער דערפּילט אַ הנאה. ער האָט זיך פֿאַמעלעך אויפגעהויבן און אַ קוק געטאָן אין שפּיגל: ער האָט געהאַט עפּעס אַן אַנדער אויסדרוק, ווי געוויינלעך, עפּעס אַ ציניש ביטולדיקן חוזק אין די אויגן און אויף די ליפּן. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער איז ענלעך צו יאַדוויגאַ סטושעליסקאַ און צום מאַלער סאָביעסקי, וועלכן ער האָט געקענט אין אויס־לאַנד און וואָס האָט וועגן זיך געזאָגט, אַז זיין גאַנץ פֿאַרמעגן אַחוץ דעם, וואָס ער האָט אויף זיך, איז „אַ בלעכענע מידניצע, אַן עלנטירענער פּעלץ און קיין שום הייליקייט". — סאָביעסקי האָט נאָך פֿאַרגעסן — האָט אַ טראַכט געטאָן רדזאַוויטש — צוצו־געבן: אַחוצדעם, וואָס כ'האָב אויף זיך און וואָס כ'האָב ניט קיין טאַלענט, אָבער איך האָב עס יאָ.

— Vogue la galère!

ער איז אַראָפּגעלאָפֿן אין אַטעליע, וואו ער איז, כמעט זינט ער איז געקומען, ניט געהאַט געווען. ער איז געווען פּוסט, מחמת אַלץ האָט זיך געפֿונען אין מינכען,—ס'איז בלויז געשטאַנען אין דער מיט דער גוט אַרומגעטעסעטער מאַרמאָר צום „מלאך המות", וואָס האָט אין דעם חלל פֿון אַרום אויסגעוויזן אומגעהייער גרויס. רדזאַוויטש האָט זיך גענומען צו אים צוקוקן: העכסטנס אין צוויי וואָכן אַרום האָט מען געקענט ענדיקן ניט בלויז די גאַנצע גרופּע, נאָר דאָס פּנים אַפּילו. ער האָט געעפֿנט דעם שופֿלאָד און אַרויסגענומען פֿון דאָרט מאַריאַס פּאָרטרעט. ער האָט אַ רגע אים באַטראַכט, דערנאָך אויפגעהאַנגען אויף דער וואַנט און ווידער אָנגעהויבן קוקן אויף אים.

— פרוי קאָלאָליאַסקאַ, באָזשעווסקיס געליבטע — האָט ער אַ זאָג געטאָן אויפן קול.

דערנאָך, ווי ער וואָלט ניט וועלן אָדער ניט קענען לענגער בלייבן אין דעם צימער, איז ער שנעל אַרויס, פֿאַרהאַקנדיק הינ־טער זיך די טיר.

— פריילין פּאָליעווסקאַ! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צום ערשטן דראָשקאַר, וואָס ער האָט אָנגעטראָפֿן, אַריינזעצנדיק זיך אין קאָטש.

— כ׳ווייס — האָט געענטפערט דער דראָזשקאַר, דערלאַנגענדיק אַ שמיץ דעם פערד.

— צו זאָסיאַ פּאָליעווסקאַ, צו זאָסיאַ פּאָליעווסקאַ — האָט ער זיך איבערגעחזרט במחשבה, — צו זאָסיאַ פּאָליעווסקאַ, ווי אַמאָל... ס׳האָט זיך קיין זאַך ניט געביטן... ווי אַמאָל פאָרט ער צו קאָקאָטעס און ברענגט אַהיים זייערע האָר, וואָס ער געפינט אויף צומאָרגנס אויף זיך... ס׳האָט זיך קיין זאַך ניט געביטן... בלויז —- — ער האָט געזאָלט האָבן אַ ווייבֿ, אַ פרוי, צו וועלכער מען זאָגט: ווייבֿ און וועלכע מען האָט ליבֿ, ווי אַ ווייבֿ... ס׳האָט זיך קיינזאַך ניט געביטן ... זאָסיאַ פּאָליעווסקאַ האָט דיזעלבֿע דירה מיטן באַלקאָן, דעמזעלבֿן פּערסישן טעפּעך, דעמזעלבֿן סאַפירשטיין אויפן פינגער, דיזעלבֿע פולע ליטקעס, דיזעלבֿע הערלעכע ליפּן און דעמזעלבֿן ליבֿן און נאַרישן שמייכל. זי זאָגט נאָך דעמזעלבֿן: „קעצל״... ס׳האָט זיך קיינזאַך ניט געביטן פאַר דער צייט, וואָס ער האָט דערקענט מאַריאַן אין קלענזש — — זאָסיאַס פּאָפּוגאַי איז בלויז געפּגרט. אַ גרין־געלער פּאָפּוגאַי, וואָס האָט געקענט זאָגן: „קאָקאָ״. דיזעלבֿע דינסט עפנט די טיר. אַלץ דאָסזעלבֿע. אַלץ, אַלץ דאָסזעלבֿע ...

אַכטער קאַפּיטל.

דער מלאך־המות האָט געהאַלטן ביי ווערן פאַרענדיקט. פון מאַרמאָר, וועלכן טענזשעל און לאַנאָווסקי האָבן אַרומגעטע־סעט, האָט רדזאַוויטש געהאַקט דאָס געזיכט, וואָס איז ביז אַהער נאָך ניט געווען געמאַכט. ער האָט געהאַקט מאַריאַס געזיכט.

אויף צומאָרגנס נאָכן טרעפן זיך מיט יאַדוויגאַ סטושטע־ליסקאַ, איז ער באַלד אין דער פרי אַוועק אין אַטעליע, אַרויס־גענומען מאַריאַס פּאָרטרעט אויפן געשטעל, געקוקט דערויף אַ ווייַלע און, אויסקריצנדיק אויפן פּאָסטאַמענט פון דער סטאַ־טוע מיט גרויסע אותיות דעם אויפשריפט Vogue la galére, אַוועקגעלייגט אויפן שטערן דעם ערשטן שיכט. ער האָט געאַר־בעט פון פּאָרטרעט אַראָפּ און פון איבער אַ צענדליק פאָטאָגראַ־פיעס, וואָס ער האָט באַקומען, מחמת מאַריאַ פלעגט אויף זיי אַרויסקומען גלענצנד, און האָט געוואַלטיק ליב געהאַט זיך אַרונ־טערצונעמען. קיין בילד צוזאַמען מיטן חתן איז ביי איר שטענ־דיקן פאָטאָגראַף ניט געווען.

רדזאַוויטש האָט געהאַט איר קאָפּ אין פּראָפיל, en trois quarts, אין en face, אין גרויסע פאָרמאַטן; צוויי ווידער אין דער נאַטירלעכער גרייס וואָס פאָטאָגראַף האָט פאַר זיך דערפון אַראָפּגענומען און מאַריאַ האָט ערלויבט פון זיי צו מאַכן בסך־הכל דריי עקזעמפּלאַרן, צונעמענדיק צוויי פאַר זיך. דער פאָטאָ־גראַף האָט אים זיי אויסגעליען פון זיין קאַבינעט אַרויס.

מיט דער הילף פון פּאָרטרעט, פאָטאָגראַפיעס און זיין קאָלאָסאַלן מוזיקאַלישן זכרון פון מאַצאַרטן, האָט רדזאַוויטש גע־פילט, אַז ער מאַכט דעם קאָפּ, ווי פון אַ לעבעדיקן מאָדעל

אַראָפּ. פון דעם דאָזיקן געדאַנק האָט ער געהאַט עפּעס אַ מאָדנע הנאה, אַ מאָדנע, ווייל ס׳איז געווען בלויז אַ ווייטאָג, אָבער דער ווייטאָג האָט געהאַט אין זיך עפּעס רייצנדיקס און פיבערדיקס, ווי משוגענע יאַגדעס. דאָס דאָזיקע געפיל וואָלט ער ניט בכוח געווען אָנצורופן ביים נאָמען. ער האָט געזען, אַז ער שאַפט עפּעס אויסטערלישס קעגן מאַריאַן; עפּעס אַ קראַפט, אַ שטאַרקערע ווי די מעגלעכקייט זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון פון ישוב=הדעת, האָט אים באַהערשט און געשטויסן פאָראויס. ער איז געווען דער האַר פון דער אָל, פון העמערל און פון דער באַוועגונג פון זיין האַנט, אָבער דער שטויס צו דער דאָזיקער באַוועגונג איז געקומען עפּעס פון אויסנווייניק און ווי אומאָפּהענגיק פון אים אַליין. ער האָט געפילט די קראַפט, וואָס האָט אים געשטויסן כמעט ווי אין משוגעת. צי דאָס איז געווען אַן אומאויפהערלעכע, מאָדנע קרעפטיקע, שאַפונגס=באַגייסטערונג, אָדער פשוט פיבער, עפּעס אַ מין שאַפונגס=שגעון,—האָט ער ניט געוואוסט. ער האָט געפילט זיך מיטגעריסן פון שטראָם און זיך געלאָזט אַוועקטראָגן.

ער האָט אַזוי שנעל געאַרבעט, אַז ער האָט זיך אַליין געחידושט: אין משך פון עטלעכע טעג זיינען מאַריאַס שטריכן אויסגעוואַקסן פון שטיין, אינגאַנצן נאַטירלעכע. איר לענגלעך דאַר געזיכט, די גרויסע שמאָלע אויגן, די דינע גלייכע און דעליקאַטע, פלאַלעכטע נאָז, ווי ביי די גריכישע סטאַטועס, דאָס קליינע, שמאָלע, מאָדנע גלייך געשניטענע מויל, מיט דער אויבערשטער אַ ביסל העכערער ליפּ, די גאַנץ קורצע און קלאַסיש קיילעכדיקע גאָמבע:—דאָס אַלץ האָט ער געשאַפן פון דעם בלאָק מאַרמאָר, וואָס ער האָט אין אים ווי אַ נשמה אַריינגעבלאָזן. די האָר אירע זיינען געווען ביז די אַקסלען אַראָפּגעלאָזט אין לאָקן, ווי אויפן פּאָרטרעט, פּונקט ווי זי פלעגט זיי מערסטנטייל גיין אין קלענוש. בעת ער פלעגט זיך דערווייטערן אַ ביסל, כדי זיך צוצוקוקן, האָט אים ניט ווילנדיק אַ שוידער דורכגענומען; דאָס איז געווען זי, מאַריאַ, אַריינגעפּאַסט אין מאַרמאָר, געצוואונגען צו זיין און צו בלייבן.

ער האָט זי געצוואונגען. ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט, האָט ער זי באַשאַפן נאָך אַמאָל; ער האָט באַפוילן און זי איז אַנטשטאַנען. ער האָט אַנטבלויזט איר מיידלעריש לייב, געגעבן איר אַ באַוועגונג, מיט וועלכער זי וואָלט פּאַר קיינעם זיך ניט געוויזן, ער האָט זי צעקנייטשט אין דער האַנט ווי וואַקס...

אָבער די רגע פון נחת און טריאומף פון זיין שאַפערישער מאַכט, האָט זיך געענדיקט תּיכּף ביים געדאַנק, אַז דאָס ליגט ער דאָך גופא דאָרט אין דעם בלאָשטש מיט אַ פּאַרשטעלט געזיכט; אַז דאָס האָט אים דאָך די דאָזיקע פרוי אומגעוואָרפן און שטויסט אים אָפּ מיטן פוס, ווי אַ ניט לעבעדיקע זאַך; דאָס טרעט זי דאָך אים, — און די די דאָזיקע סקולפּטור איז דער סימבאָל פון זיין לעבנס־קללה, פון זיין בייזן גורלס טריאומף איבער אים, פון בייזן מזל... אין דעם דאָזיקן שטיק מאַרמאָר, אין דעם געשטאַלט, וואָס איז אָפּגעמעקט דורך דער דראַפּעריע, האָט ער אַזוי שטאַרק זיך געפילט, אַז מאַריאַס פוס אויף זיין ברוסט האָט אים כמעט ווי געטאָן...

דערנאָך האָט ער דעם דאָזיקן געזיכט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פון שטיין, געגעבן אַן אויסדרוק פון מעלאַנכאָליע און מוטוויליקייט, דרייסטקייט און טרויער, קינדישקייט און ערנסט, סענטימענטאַליטעט און תּאווה, אומבאַשרייבלעך חן און אומאויסדריקלעכן צויבער און געוואָרפן אויף דעם אַלעם, אויף די אויגן און ליפּן אַ גלאַנץ פון עפּעס פרעכס, וואָס האָט האַרמאָניש געמאַכט דאָס געזיכט מיט דער פרעכער באַוועגונג פונם קערפּער.

דאָס בילד פון זיין אייגן ווערק האָט אים פאַרשיכּורט. די דאָזיקע וואונדערלעכע פרוי איז געווען שרעקלעך, איר פּנים איז געווען, ווי אַ גיפטיקע בלום, אירע אויגן, ווי סטילעטן, איינגעוויקלט אין סאַמעט, אירע ליפּן, ווי גליענדיקע קוילן אונטערן ווייכן מאָך. דאָס איז ניט געווען קיין העטערע, וואָס שטויסט אָפּ מענטשן ווי אַ ניט־לעבעדיקע זאַך מיט אַ פרעכער באַוועגונג: אַוועק! אַוועק! — נאָר עפּעס אַ פאַרקערפּערונג פון גוטס, וואָס ווערט מגולגל אין שלעכטס, אַ סימבאָל פון שיינקייט, וואָס ווערט אַ פאַרזעניש, אַ מלאך, אָבער פון טויט!...

אַ פאַרגאַפטער איז ער געשטאַנען פאַר זיין אייגן ווערק, ווייל ער האָט כמעט מער געשאַפן, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער וועט בכלל מסוגל זיין צו שאַפן.

דערווייל האָט מען אים צוגעשיקט אַ גיפסענעם אָפגוס פון מינכען און ער האָט מיט דערזעלבער איילעניש, ווי ער האָט געמאַכט דעם קאָפ, אָנגעהויבן פאַרענדיקן דעם קערפער: די דראַפעריע און די ליגנדיקע פיגור זיינען געווען אינגאַנצן פאַרטיק. און ער האָט ווידער אין פראָצעס פון דער אַרבעט דערפילט עטלעכע מאָל אַזאַ פינסטערניש אין מוח, ווי בעת ער האָט אָנגעוואָרפן דעם עסקיז אויף דער טאָוול, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון ראַאוט. ער האָט אמת געוואוסט וועגן די דאָקטוירימס התראה, אַז ער קען דערפירן ביז שרעקלעכע רעזולטאַטן, אויב ער וועט נאָך דער לעצטער קראַנקהייט זיך לאַנג און אינגאַנצן ניט אויסרוען און וועגן פאַרבאָטן הזהר והזהר, ווען עס איז בכלל זיך אָנצושטרענגען. ער האָט אָבער געהאַקט מיט אַזאַ שפאַנונג און אין איין אָטעם, ווי נאָך קיינמאָל ניט, און דער ווייטאָג און דאָס איינברעכן זיך אינם מוח, וואָס ער האָט געפילט, האָבן אים פאַרשאַפן עפעס אַ מין טרויעריקן און ביטערן תענוג. אין זיין פאַרמאַטערטער און צעהיצטער פאַנטאַזיע האָט דער געדאַנק, אַז ער מוז אומקומען דורך מאַריאַן, זיך איינגעפרעסן און איינגעגראָבן, וואָס אַמאָל טיפער. ער האָט געפילט אַ פחד און צער און דאָך ווי ער וואָלט בכיוון וועלן זיך אַליין אומברענגען, האָט ער געאַרבעט צום סוף צו, שוין ניט מיט די כוחות, וואָס זיינען געווען לחלוטין אויסגעשעפט און וואָס ער האָט מיסגעברויכט ביזן לעצטן גבול, נאָר מיטן ווילן, ענערגיע און פיבער. שפעטער האָט ער דעם ווייטאָג און דאָס איינברעכן זיך אינם מוח געפילט, ווי עפעס אַ חלל אונטערן שאַרבן. בעת דער אַרבעט האָט ער אָנגעהויבן פאַרגעסן, וואָס מ'טוט און אָפטמאָל געפלעגט אויף אַ ווײַלע שטיין בלייבן אָן באַוועגונג מיט דעם אויפגעהויבענעם העמערל אינדערהויך און מיט דער אָל אין מאַרמאָר, ביז ער פלעגט ווידער צו זיך קומען. פון צייט צו צייט האָט ער זיך געמוזט אָנטאָן אַ כוח, כדי זיך צו דערמאָנען, וואָס ער טוט

אייגנטלעך און וואו ער דאַרף איצט האַקן? עס האָבן אויף אַ ווײַלע אָנגעהויבן פאַרשווינדן פון זיין זכרון נעמען פון ער־טער און מענטשן. עס פלעגט אים גוואַלטיק שווער זיין צו מאַכן דעם קלענסטן חשבון. דער שלאָף און אַפּעטיט, ווי תּמיד ביי מענטשן, וואָס זיינען גייסטיק איבערגעמאַטערט, האָבן אים אינגאַנצן פאַרלאָזן. ער האָט געלעבט אין אַ קרענקלעכער אויפ־רעגונג, עפּעס דורך איר, און געשפּייזט זיך דורך אויסשעפּן זיך אַליין. ער האָט זיך געפּייניקט—אָבער ניט ער האָט געוואָלט, ניט ער האָט געקענט אויפהערן אַרבעטן; וויפל מאָל ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט שוין זיין ווערק פאַרענדיקט, האָבן זיך באַוויזן נייע פעלערן און נייע אומפינקטלעכקייטן. ס'האָט אים דערגאַנגען, צוליב זיין נערוועזיטעט, אַ אימה פאַרן טויט באַהערשט, וואָס האָט אים טאָג און נאַכט געפּייניקט, און צוזאַמען דערמיט איז צוגעקומען די מורא, אַז ער וועט שטאַרבן, איידער ער וועט דאָס ווערק ענדיקן. ער האָט זיך אַליין קיין חשבון ניט אָפּגעגעבן, צי ער שרעקט זיך מער צו פאַרלירן דאָס לעבן, אָדער פאַרן טויט, ווייל ער וועט ניט איבערלאָזן דעם מלאך המות אַזעלכן, ווי ער וויל.

די אָוונטן פלעגט ער איצט פאַרברענגען ביי דער היי־מערט, וואָס האָט, פּונקט ווי פריער, אַרויסגעוויזן צו אים אַלץ מער אינטערעס, וואָס מער זי האָט אים געזען אַ צעהיצטן און אויסגעשעפּטן. זייערע באַציאונגען זיינען איבעריקנס נאָר באַשטאַנען דערינען, וואָס די היימערט, וועלכערס מאַן ס'איז כּסדר געווען אין אויסלאַנד, האָט אין אירע פּראַכטפולע סאַלאָנען, פול מיט הערלעכע בילדער, מאַרמאָרן, בראָנזן און עקזאָטישע בלומען, אים געשפּילט בעטהאָווענען, מאָצאַרטן, שומאַנען און שאָפּענען, אָדער געפירט מיט אים אַ שמועס פון אַ אינטעליגענטער, געביל־דעטער מיט אייראָפּעאישע באַגריפן און פיינער, הגם צייטנווייז אַ ביסל מעלאָדראַמאַטישער, פרוי.

זי פלעגט אים אויפנעמען אין אירע לאַנגע, ווייכע און אויסגערעכנטע אויף עפעקט, עלעגאַנטע היימישע קאָסטיומען, וואָס מאָדעלירן יעדער אויסבויג. צי האָט אָבער די פרוי זיך אַליין זשענירט, צי האָט זי פּשוט קיין טעמפּעראַמענט ניט גע־

האַט אין זיך—האָט רדזאַוויטש ניט געקענט דערגיין. זי פלעגט זיך אַוועקזעצן אויף דער קושעטקע, אַז ס׳איז אויסקומען לעבן איר צו זיצן אויף אַ פּערסיש קישעלע, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד. זי האָט גערעדט אַזוי, אַז מען האָט געמוזט בלייבן זיצן אין פאָ־טעל; זי פלעגט אַזוי אַ מאָל אַ קוק טאָן, אַז עס האָט זיך געגלוסט אַריינרוקן דעם קאָפּ אין דעם אַראָפּפאַלנדיקן ברייטן אַרבל פון דער נאַקעטער האַנט און אַ קוש טאָן העכער פונם עלנבויגן; דער אופן אָבער, ווי זי פלעגט האַלטן דעם קאָפּ, האָט דערצו ניט באַרעכטיקט. אַז עס האָט איר הנאה געטאָן דאָס רייצן זיך מיט אים, האָט ער געזען, צי זי האָט אָבער אַליין זיך אויך גע־רייצט, האָט ער ניט געקענט דערקענען. מינוטנוויייז האָט זיך אים געדאַכט, אַז יאָ, מינוטנוויייז, אַז ניין.

די היימערט איז נאָך געווען שיין, און איר באַגיין זיך מיט מענטש, האָט געהאַט אין זיך אַ סך חן. דאָס שענסטע איז ביי איר געווען אָבער דאָס, וואָס זי האָט מענטשן געפילט און פאַרשטאַנען, ווי קיין אחד ניט. דאָס איז געווען אַזאַ מין סוב־טיל אַריינדרינגען אין אַ פרעמד וועזן, אויף וואָס עס איז מסוגל בלויז אַ אומגעהייער אינטעליגענטע פרוי.

רדזאַוויטש, וואָס איז בטבע געווען אַ היציקער, און וועלכן זיין איבערלעבעניש און פאַרמאַטערטקייט פון דער אַרבעט, האָבן דענערווירט ביזן לעצטן גראַד און דערפירט ביי דער קלענסטער סיבה צו וואָס אַמאָל שטאַרקערער אויפרעגונג,—האָט געפילט, אַז מיט דער פרוי וואָלט ער זיך קיינמאָל ניט געקענט פאַרגעסן, אַזוי למשל, ווי מיט עליאַן בעתן שפּאַציר. ס׳האָט אים איצט וואָס אַ מאָל מער אָנגעהויבן שמעקן איר הויז.

— פאַרשטייט זיך — האָט ער געטראַכט מיט איראָניע — זי איז ניט אַזוי תמימותדיק, אַזוי גוט, איידל, ערלעך און מלאכישדיק ווי לאָראַ פּזשערוויץ, אָדער פריילין ראַסיענסקאַ; זי פאַרמאָגט אָבער מער אין איין נאָגל, וואָס זיי ביידע אין זייערע קעפּ; ס׳האָבן מיר שוין דערעסן די אידעאַלן מיט דעם צופּאַסן זיך צו זיי.

וועגן פרויען בכלל האָט זיך די היימערט געפּלעגט אויס־דריקן מיט לייכטער לייטזעליקייט, אַ ביסל פון אויבן אַראָפּ, מיט אַ געפיל פון איר אומבאַדינגטער אינטעלעקטועלער העכערקייט. רדזאַוויטשן האָט דאָס, ווי יעדן שוואַכן און ליידנדיקן מענטש, וועלכער גיט זיך אונטער דעם איינדרוק פון דעם צווייטנס קראַפט, אימפּאָנירט, פונקט אַזוי ווי יאַדוויגאַ סטזשעליסקאַס אויסגע־שפּראָכענער קוק אויפן לעבן. די היימערט האָט דיסקרעט און בשתיקה חוזק געמאַכט אַ ביסל פון אַזעלכע פרויען, ווי לאַאוראַ אָדער עליאַ ראָסיענסקאַ, אָבער חוכא וטלולא האָט זי געמאַכט פון די גרעפינס וויטשעווסקי. פירשטינס זאַסלאַווסקי, פרויען פּאָסיאַנאָוו־סקי, בראַאונבערגער וכדומה. זי האָט אויפגעשטאָכן אויף איר חוזק, ווי פלאַטערלעך אויף שפּילקעס, די אַלע גרויסע דאַמען מיט זייערע אַלע קאָמיזמען, וועלכע זיינען צומקאָמישסטן דער־מיט, וואָס זיי זיינען ניט קאָמיש; אַלע מגושמדיקע פרויען פון רייכע אינדוסטריעלער און זייערע נאָכשלעפּענישן אינם קרייז פון אַדל און בורזשואַזיע, מחמת געקענט האָט זי זיי אַלע, ווייל זי פלעגט קומען אומעטום, אָנהייבנדיק פון דער העכסטער הייך ביז דער נידער פון מיטעלן שטאַנד.

— צו וועמען־זשע פאַררעכנט איר אייך אַליין — האָט זי איינמאָל אַ פרעג געטאָן רדזאַוויטש, וואָס האָט אַ ביסל געשטימטער פון אויפרעגונג צו מייסטן ליב געהאַט, ווען די היימערט האָט זיך „אַ לאָז געטאָן מיט דער נעץ", ווי ער פלעגט זאָגן.

— איך? צו די איירעפּעערינס. לויט דער אָפּשטאַמונג וואָלט איך באַדאַרפט געהערן צו דער האַלב־אַריסטאָקראַטיע: וואָס נוגע מיין מאַן, האָט הן דעם אַדל־טיטל, הן דעם טיטל באַראָן באַקומען ערשט זיין זיידע, אָבער עס האָט זיך שוין אין זיי איינ־געזאַפּט; לויטן שטאַנד — צו אינדוסטריעלער; לויטן כאַראַק־טער — — וואָלט איך געקענט זיין עפּעס אַ מין אַספּאַזיע, נאָר אַספּאַזיע איז דאַכט זיך ניט געוועזן קיין גלע.

— און האָט געהאַט אַ ביסל אַן אַנדערן טעמפּעראַמענט — האָט צוגעגעבן רדזאַוויטש.

— ווייסט איר דען, וואָס פאַר אַ טעמפּעראַמענט איך האָב? — האָט זי אַ פרעג געטאָן מיט אַ שמייכל.

— ניין.

— אפשר האָב איך אַ שווארצן, אפשר אַ ווייסן, אפשר אַ רויטן, אפשר אַ בלאָען. אַז מען ווייסט ניט, דאַרף מען ניט ריידן.

— און איר אַליין ווייסט עס יאָ?

די היימערט האָט ניט געענטפערט, נאָר אויפגעהויבן די אויגן צום סופית, אויף וועלכן ס'איז געווען אויסגעמאָלט גאַלאַטעאַ, אַ קאָפּיע פון ראַפאַעלס, און ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— ס'איז דען אייך ניט גוט מיט מיר אַזוי, ווי כ'בין. אויב ס'איז אויף דער וועלט שוין יאָ גוט, איז עס אַזוי גוט, אַז ס'איז בעסער דעם טייוול ניט צו רייצן.

בעת רדזאַוויטש האָט זיך באַקענט מיט איר, איז ער געווען איבערצייגט, אַז זי וועט אַוודאי פאַר אים צעוויקלען אַ צענדליק ווייערס אַפּאַריזמען, צייכענונגען, געמעלן און אונטערשריפטן פון אַנשי השם; זי וועט עפענען פאַר אים אַ צענדליק אַזעלכע מינים אַלבאָ־מען און שטאַמביכער און אַגב־אורחא הייסן אים משער זיין, אַז אַ צענדליק פוילישע ווירטואָזן, אַ צענדליק איטאַליענישע קאָמפּאָ־זיטאָרן און אַ צענדליק פּאָעטן און שרייבער פון דער גאַנצער וועלט — וואָס שייך זינגער האָט מען תיכף געקענט באַמערקן, אַז זי האָט אַ צו גוטן געשמאַק — האָבן געקניט, זיינען געלעגן און געדרייט זיך ביי אירע פיס.

אָבער די היימערט האָט אים ניט געוויזן קיין איין מאָל אַפילו ניט קיין שיכלעך, וואָס זיינען אויסגעריבן פון דאָניאַ בוּ־ווערעטס שטערן, פאַרשטויבט פון פאַדערעווסקיס האָר און האָבן שפּורן פון מאַסקאַניס באָרד; ניט קיין קויש פון. וועש מיט פאַפּירענע זיפּצן פון ד'אַנונציאָ אָדער אַנדערע קלע־נערע און גרעסערע מאָדערנע ד'אַנונציאָס; זי האָט אויך ניט געבעטן אים קיין „איין אות", אַפילו קיין „איין שטרעכעלע", ניט איבערגעלאָזט „צופעליק" אויפן טיש קיין בייגעלע בריוו־פּאַפּיר. איינמאָל אין אָוונט האָט ער מיט דער בלייפעדער פון זייגערל

אויסגעמאָלט כמעט אין דער וועלט אַריין אויפן מאַרמאָרנעם טישל אַ גריכיש מיידל, וואָס נעמט אַרום מיט די אָרעמס אַפּאָלאָנען און אויף צומאָרגנס האָט ער עס געפונען פאַרפעסטיקט, אַז ער האָט עס ניט געקענט אָפּרייבן, אָבער קיין פּירוש דערפון האָט זי ניט געמאַכט. ער האָט דעמאָלט אויסגעמאָלט ווענוס פון קאַליפּיגאָס און אויף צומאָרגנס אָוונט האָט ער עס ווידער געפונען פאַרשטייפט. דאָס האָט אים פאַרשאַפן נחת־רוח. דעמאָלט האָט ער אויסגעמאָלט דעם גאַנצן טיש מיט סצענעס און פיגורן פון דער מיטאָלאָגיע אַרויס און אונטערגעשריבן זיינע איניציאַלן מיט דער דאַטע, בעת זי ווידער האָט געשפּילט תחילת עפּעס מאָצאַרטס אַ געזאַנג פון שרפים און שפּעטער גריגס סואיטע פון פּער גינט.

דערזעענדיק, אַז דאָס גאַנצע טישל איז באַמאָלט, האָט זי זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט און געזאָגט, אַז עס איז שיין און אַז ער האָט איר פאַרשאַפן אַן אמתדיק פאַרגעניגן; ס'איז אָבער קיין רייד ניט געווען וועגן דעם, אַז איצט וועט זי האָבן אַ שטיקל מעבל „וואָס האָט גאָר קיין פּרייז ניט", זיי האָבן בלויז אַ ווײַלע נאָך גערעדט דערפון, ווי אַזוי זי האָט פאַרשטייפט די צייכענונגען.

די היימערט, וואָס האָט געקענט אַלע גרעסערע שטעט פון אייראָפּע, איז אויך געווען באַקאַנט כמעט מיט אַלע באַרימטע קינסטלער; זי האָט וועגן דעם מיט פאַרגעניגן דערמאָנט און ניט פאַרבאָרגן, אַז זי פלעגט זיי פאַנגען אָפּטמאָל אויף אַ גאָר משוגענעם אופן.

— איך ווייס ניט, וואָס באַרימטע מענטשן איז ניט ערלויבט און וואָס מען טאָר ניט טאָן פאַר זייערטוועגן? — האָט זי אַ זאָג געטאָן. — באַרימטע מענטשן דאָס איז מיין קולט.

צי ס'האָט זי אָבער ערגעץ, ווען, מיט עמיצן געהאַט אַ נאָענטע שייכות—האָט מען ניט געקענט דערגיין. וועגן אַלע, וואָס זי האָט אַלץ געקענט, האָט זי גערעדט מיט דערזעלבער רואיקייט, מער אָדער ווייניקער מיט התלהבות, ווי פאַר קינסטלער. רדזאַוויטש האָט באַמערקט, אַז זי אינטערעסירן אַ סך מער די שאַפער, ווי זייערע ווערק.

זי האָט אַ ביסל אַרומגערייזט מיטן מאַן, דער עיקר אָבער אין דער באַגלייטונג פון איר dame de compagnie, אַמאָל אַפילו איינגאַנצן אַליין, זי איז אָבער געווען בטבע אָדער אַ באַהאַלטענע, אָדער ניט פעאיק צו דערציילן.

— איר זייט ווי אַ ספינקס — האָט איר איינמאָל אַ זאָג געטאָן רדזאַוויטש.

— און איר ווי אַ גריף, וואָס וויל תּיכף אַלץ מיט די נעגל צעפליקן — האָט זי געענטפערט.

גריפן האָבן פליגלען און זיינען דורכדעם עפּעס ווערט.

— און ספינקסן זיינען אומבאַוועגלעך און דעריבער קען מען זיך אָן זיי אָנשפּאַרן.

— יעדער ספינקס האָט דאָך אָבער עפּעס אַ געהיימעניש.

— אפשר טאַקע די, וואָס ער האָט קיין איינע ניט — האָט זי לאַכנדיק געענטפערט.

— ווי אַזוי־זשע דערקענט מען?

— דערויף איז ער דאָך אַ ספינקס? — ער וואָלט דאָך אויפגעהערט צו זיין ער.

רדזאַוויטש איז כּמעט זיכער געווען, אַז די היימערט איז, ניט קוקנדיק אויפן סעזאָן, ניט אַוועקגעפאָרן פון וואַרשע, ווייל ער איז דאָ; זי האָט אמת איר זיין אין שטאָט באַטראַכט, ווי די נאַטירלעכסטע זאַך, — רדזאַוויטש אָבער האָט דורך דער הויט אירער געפילט, אַז זי זיצט הי צוליב אים, און געפילט האָט ער עס, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס זי האָט קיינמאָל ניט געגעבן דערויף דעם קלענסטן רמז.

אין אַן ערך זעקס טאָג אַרום נאָך רדזאַוויטשעס אָפּפאָר פון זאַגוזשע, איז צוריקגעקומען פון מינכען טענושעל. די ערשטע ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, אַריינגייענדיק אין אַטעליע, זיינען געווען: יעזוס־מאַריאַ, ראַמעק, ווי דו זעסט אויס?! דאָס צווייטע: אום גאָטס ווילן, ראַמעק, וואָס טוסטו!?... ער איז שטיין געבליבן, ווי אַ פאַרשטיינערטער.

פאַר זיין גראַב געטעסעטן, פשוטן קאָפּ איז דאָס אַלץ מיט־אַמאָל געווען צו פיל. ער האָט געטראָפן רדזאַוויטשן מיט אַ באַ־

מערקלעכער היץ, וואָס האָט אים געפּייניקט, מיט פאַרבאַקענע און פאַרטריקנטע ליפּן, מיט פינקלדיקע אויגן, פאַרן מייסטער־ווערק, פאַר וועלכנס אויסטערלישקייט ער האָט זיך אַזש דערשראָקן.

— דו דערהרגעסט זיך! — האָט ער אַ זאָג געטאָן אַן אויפגערעגטער, קוקנדיק אויף אים. — און דו דערהרגעסט זי — האָט ער צוגעגעבן, קוקנדיק אויף דער סקולפּטור.

— וואָס פאַר אַ איינדרוק מאַכט עס אויף דיר? — האָט אַ פרעג געטאָן רדזאַוויטש, ניט וועלנדיק מאַכן קיין ווען פון טענזשעלס רייד.

— קאָלאָסאַל און שרעקלעך. דו טאָרסט עס ניט אויסשטעלן.

— צעקלאַפּן עס? — האָט רדזאַוויטש אַ פרעג געטאָן מיט אַ שמייכל, אויפהייבנדיק דעם האַמער אינדערהויך.

— ניין! — האָט אויסגעשריען טענזשעל, צושפּרינגענדיק צו אים און אָנכאַפּנדיק פאַר דער האַנט.

— וואָס זשע דען ווילסטו?

— נאָר דער טייוול האָט געקענט אַזוינס מאַכן!

ביי דעם וואָרט האָט זיך אין רדזאַוויטשן דאָס בלוט אַ הייב געטאָן.

— אַזוי איז עס! — האָט ער זיך אָפּגערופן מיט אַ צע־רודערטער שטים — דער טייוול האָט דורך מיינע הענט גע־האַקט, ביסט גערעכט, דאָס איז שרעקלעך, אָבער אַזעלכער מוז זיין דער מלאך המות.

— דו געדענקסט דעם מלאך פון לעבן? — האָט אַ זאָג געטאָן טרויעריק טענזשעל. — דעמאָלט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַ ביסל אַ ליכטיקער גייסט שטראָמט פון דיר אויף דער וועלט אַרויס...

רדזאַוויטש האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: געדענקסט מיין צוריקקער פון ווין? מיר האָבן זיך דעמאָלט אַנדערש באַ־גריסט, ווי איצט. געדענקסט דעם בריוו, וואָס האָסט מיר אָפּ־געגעבן?

— אָך! — האָט שיר ניט אַ קרעכץ געטאָן טענזשעל. — צו וואָס ביסטו געפאָרן אין דעם קלענזש!?

— כדי צו ווערן אַ גרויסער קינסטלער. כ׳האָב זיך דאָרט אויס־געהאַקט אַ גרויסן סאַרקאָפאַג אויף דער מיטה פון גליק פאַר מיין גאַנץ לעבן. עס וועט אָבער לאַנג ניט דויערן.

— וואָס רעדסטו? — האָט אַ געשריי געטאָן טענושעל.— ביסט משוגע געוואָרן, צי וואָס?

— מיין טייערער!—האָט רויק געענטפערט רדזאַוויטש,— דער מלאך המות איז דאָך קודם כל מיין טויט. רוחות, מיין טיי־ערער, אַרבעטן ניט בחנם, זיי מוזן זיך שפייזן, זיי זויגן מענטש־לעך בלוט, עסן דאָס לעבן. דו זעסט דאָך, אַז איך בין שוין האַלב ניטאָ.

טענושעל האָט זיך געוואָרפן אויף דער שטול, צוגעדריקט די אויערן מיט די פויסטן און אָנגעהויבן קרעכצן: רבונו של עולם! רבונו של עולם! זאָלן דאָס קלענוש די רוחות נעמען! זאָל דער אַ מיתה משונה איינגעמען, וואָס האָט אויסגעטראַכט פרויען. ער וועט משוגע ווערן, אָדער ווער ווייס וואָס? רבונו של עולם! רבונו של עולם!

רדזאַוויטש האָט דערווייל געשליפט מאַריאַס רעכט נאָזלעכל, און הנאה געהאַט אין זיך פון וואָרט „טייוול״, מחמת ער איז צו יונג געווען, אַז דאָס אָנווענדן בנוגע אים דאָס דאָזיקע וואָרט, אַפילו מצד טענושעלן, זאָל אים ניט פאַרשאַפן קיין נחת־רוח.

ער האָט וועגן דעם געטראַכט, ער האָט אָבער געפילט, אַז דאָס לעצטע מאָל וועט ער מיט דער אָל זיך צורירן צום מלאך המות אין טאָג פון מאַריאַס חתונה. דערנאָך?... אויף דער פראַגע האָט אים געגעבן אַ תשובה דער אויפשריפט, וואָס איז געווען אויסגעקריצט אויפן פּאָסטאַמענט פון דער סטאַטוע, אונ־טער וועלכן ער האָט אונטערגעשריבן זיין נאָמען: דערנאָך?...

Vogue la galére!...

איין זאַך בלויז האָט ער ניט געקענט תופס זיין: פאַרוואָס קען ער מאַריאַן ניט משפטן אַזוי, ווי אַנדערע; פאַרוואָס קען ער בנוגע צו איר ניט אָנווענדן די אַלגעמיינע כללים פון משפט: „מילא, אַ מענטש איז דאָך נאָר אַ מענטש״. פאַרוואָס שטעלט ער

מאַריאַן עפּעס אַנדערע און גרעסערע פּאָדערונגען ווי אַנדערע, פאַרוואָס וואָלט ער וועלן זי קענען מעסטן מיט אַן אַנדערן מאַסשטאַב, ווי די רעשט פרויען? פאַרוואָס ניט ווילנדיק, אַקעגן זיין ווילן אַפילו, וויל ער זי אידעאַליזירן און וואָלט געוואָלט אידעאַליזירן אַלץ, וואָס איז זי נוגע? פאַרוואָס ווייזט זיך אים ביי מאַריאַן דער חשק צו געניסן אויס עפּעס אומווערדיק, עפּעס שלעכט און מיאוס? פאַרוואָס אַרט אים אויף אירע ליפּן דער איינציקער, נאָך זיין דעה נאָך, ריכטיקער לאָזונג פון דער מענטשהייט: „געניסן??!“ פאַרוואָס צעשטערט זי זיין גאַנצע שיטה פון לעבנס־פילאָזאָפיע, וואָס זאָגט, אַז לגבי דעם דלות פון לעבן און דעם פּחד פון טויט, איז כמעט אַלץ באַרעכטיקט? פאַרוואָס וואָלט ער פּשוט וועלן, אַז זי זאָל ניט זיין קיין מענטש, נאָר עפּעס העכערס, שענערס, איידעלערס? צי דערדאָזיקער חשק צו אידעאַליזירן זי איז ביי אים איינגעוואַקסן אין האַרצן פון דער צייט אָן, וואָס די ליבע האָט זי פאַר אים אידעאַליזירט, און ווען ער האָט אין דער פרוי, ניט קוקנדיק אויף דעם באַוואוסטזיין, אַז ער זעט זי, געזען אַ גאָט?

בנוגע מאַריאַן האָט ער כמעט אין יעדן פּרט זיך אַליין סותר געווען. די וועלט איז געווען פאַר אים אין איין זייט, זי אין דער אַנדער זייט, און דידאָזיקע אַנדערע זייט האָט זיך געהאַלטן מחוץ פון יעדער געזעץ, וואָס האָט זיין פילאָזאָפישע סיסטעם אָדער אומסיסטעם פון דער וועלט געשאַפן און באַגרינדעט. דאָס תּמצית פון זיין ספּעקולאַטיוון שכל, וואָס איז באַשטאַנען אינם וואָרט „געניסן“, איז בנוגע צו מאַריאַן צעשפּריצט געוואָרן, ווי אַ גלאָז אָן אַ שטיין.

אויף שאַפן זיך ווידער עפּעס נייע געזעצן בנוגע מאַריאַן האָט ער ניט געהאַט ניט גענוג כּוח ניט גענוג אינטעליגענץ. דער בנין פון זיינע באַגריפן איז איינגעפאַלן און פאַרשיט אים מיט זיינע חורבות: ער האָט זיך געשטיקט אונטער זיי.

דער פּועל־יוצא פון דעם אַלעם איז געווען די מאָראַלישע צעפאַלונג פון זיין אינערלעכן מהות, וואָס האָט זיך כּסדר פאַרגרעסערט. ער האָט געפילט, אַז איצט דאַרף ער שוין באמת גאָר

ניט וועלן אפילו, אז עס זאָל ניט זיין פאַר איר „קיין שום היי־ליקס, „מחמת עס איז שוין ממילא ניטאָ". ער האָט ניט געזען קיין שום שטריק, וואָס וואָלטן אים געקענט, אָדער באַדאַרפט בינדן; ער האָט זיך ניט באַמיט זיי צו האָבן. — ער האָט אָבער פאַרמאָגט בנוגע דער אַלגעמיינער עטיק גלייכגילט פון אייזן, וואָס ליגט אין וואַסער, הגם ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז אינם קאַמף מיט דער קאָנאָניזירטער און פאַרפעסטיקטער דורך דער טראַדיציע עטיק, מוז ער סוף כּל סוף זיך אונטערגעבן, פּונקט, ווי אייזן מוז לסוף זיך אונטערגעבן דער כּסדרדיקער צעלייגנדיקער כעמישער ווירקונג.

מיט דער היימערט האָט ער וועגן מאַריאַן און וועגן מלאך המות קיינמאָל ניט גערעדט. ער האָט געוואוסט, אַז זי קען אַ ביסל מאַריאַן פון די געזעלשאַפטן און ווייס וועגן זיין פאַר־גאַנגנהייט, די דאָזיקע פראַגע איז אָבער צווישן זיי קיינמאָל ניט באַרירט געוואָרן. איינמאָל פאַר מיטאָג, בעת ער איז גע־ווען פאַרנומען אין זיין טונקל־גראַנאַטענער בלוזע, אין טענזשלס אָנוועזנהייט מיט פאַרענדיקן די סקולפּטור, האָט די היימערט לייכט אָנגעקלאַפּט, געעפנט די טיר אין אַטעליע און ניט אַריינ־שטעקנדיק דעם קאָפּ, אויסגעשריען:—אַ גוט מאָרגן אייך! אויב איר וועט מיך ניט אַריינלאָזן, וועל איך ניט גיין,—כ׳בין אָבער שרעקלעך נייגעריק. פון דאַנען זע איך קיינזאַך ניט!

רדזאַוויטש האָט זיך צעלאַכט און פאַרקנעפּלענדיק די בלוזע אונטער דער גאָמבע, איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר, ברייט זי צעעפנט, און טיף און פריינדלעך זיך פאַרנייגט:

די היימערט האָט ליבנסווירדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו טענזשעלן, וועלכן רדזאַוויטש האָט איר פאָרגע־שטעלט און זי איז צוגעגאַנגען נענטער צו דער גרופּע. משמעות, פון פּלוצלונגן און אומגעווייגלעכן רושם, איז זי כמעט בלאַס געוואָרן.

— וואָס איז דאָס? — האָט זי אַ זאָג געטאָן כמעט צו זיך אַליין.

— דער מלאך המות—האָט געענטפערט רדזאַוויטש.

— אָך, עס גייט מיר ניט אין נאָמען! ס׳מאַכט אויף מיר אַן איינדרוק, ווי דער שטן אַליין וואָלט עס אין כעס אָנגעהויבן און געמאַכט.

— איר ווייסט — האָט זי אַ זאָג געטאָן נאָך אַ לאַנג שווייגנדיק איינקוקן זיך אין דער סטאַטוע — דאָס איז אַ מייסטערווערק, איז עס דען אָבער ניט קיין ווענדעטע?

זי האָט משמעות זיך געפונען אונטער אַזאַ שטאַרקן רושם, אַז זי האָט אוממיטלבאַר אַרויסגעזאָגט אירע געדאַנקען, און דאָס האָט געווירקט אויף רדזאַוויטשן; ער האָט דעריבער שנעל אָפּגעענטפערט: צעברעכן עס אַלזאָ?

די היימערט האָט אויסגעשריען:

— צעברעכן?! דאָס צעברעכן! ס׳וואָלט געווען אַ חילול־הקודש! וואָס איז זי דען לגבי דעם מאַרמאָר?! פאַרשטייט איר דען ניט, פילט איר ניט, האָט אייך קיינער ניט געזאָגט דען, אַז איר מעגט אַלץ, אַז פאַר שאַפערישע טאַלענטן איז ניט פאַראַן קיין ג ר י נ ץ?! ס׳האָט קיינמאָל אייך עס קיינער ניט געזאָגט? איך אַליין האָב זיך אין דער ערשטער רגע אָפּגערופן ווי אַ קליינשטעטלדיקע בירגערין. ווען דאָס זאָל אפילו זיין אַ ווענדעטע, איז וואָס גייט זי אונז אָן?! פילט און געדענקט דאָס, אַז איר מעגט אַלץ און אַז פאַר קינסטלער עקסיסטירן ניט קיין פּאַראַגראַפן, „מעג אָדער טאָר ניט", „רעכט אָדער ניט רעכט": טאַלענטן מעגן אַלץ. געדענקט איר, וואָס געטע האָט געזאָגט: Je prends mon bien, où je le trouve, וואו איר האָט אייער גוטס געפונען, האָט איר עס גענומען און פטור. בין איך ניט גערעכט? איר זייט דאָך אַוודאי אויך מיט מיר מסכּים? — האָט זי זיך געווענדט צו טענזשעלן.

טענזשעל פלעגט ווערן געפּלעפט פון פרוי לאַאוראַס קליידער און פרוי בישאַס בריליאַנטענע אוירינג; איצט אָבער, פאַר דער דאַמע, וואָס רוישט ביי יעדער באַוועגונג מיט זיידנס, מיט שמאַראַגדן אונטער דער גאָמבע אַ פּויסט די גרייס, מיט בריליאַנטן אין די אויערן דריי מאָל די גרויס, ווי ביי פרוי בישאַ און אויף דער האַנט מיט אַ שלאַנג פון עמאַלירט גאָלד, וואָס האָט אין פּיסק

געהאַט דימענטענע צײַנדלעך און געהאַלטן אין זיי אַ רובין, אויך אַ פּויסט די גרייס, — האָט ער אײַנגאַנצן פאַרלאָרן דעם דיל פון אונטער די פּאַדעשוועס אָפּער און אויף דער היימערטס פּראַגע האָט ער געענטפערט, ווי ווייט שנעל:

— נאַטירלעך, מאַדאַם.

בעת רדזאַוויטש איז אָבער, אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך די בלוזע, אַרויס מיט דער היימערט, וואָס האָט געוואַרט אויף אים אונטן אין אַ עקיפּאַזש, ער זאָל זיך אַ ביסל „דורכלופטערן" מיט איר, — האָט טענזשעל אָנגעהויבן אַנדערש טראַכטן.

אַלץ, וואָס עס איז די לעצטע צייט געשען, איז אויף אים אַראָפּגעפאַלן ווי איין דונער נאָכן אַנדערן. עס זײַנען געווען שעהן, בעת ער האָט, מחמת מורא פאַר רדזאַוויטשעס טאַלענט אָדער פאַר זײַן לעבן אפילו, פאַרשאָלטן די מינוט, וואָס ער האָט דער־קענט מאַריאַן און די גאַנצע וועלט אין דער לענג און אין דער ברייט. ער האָט אָבער קיינמאָל ניט געשאָלטן מאַריאַן גופא. ער האָט געדענקט דעם בליק, וואָס זי האָט אויף אים געוואָרפן פון דער לאָזשע און די בלום, וואָס זי האָט געשיקט „איר חתנס פריינד", און וואָס ער האָט פאַרברענט און געוואָרפן אין וואַסער אַריין. ניט קוקנדיק אויף אַלץ, וואָס עס איז דורך איר געשען, האָט ער געהאַט פאַר פריילין טיזשוויעצקאַ עפּעס יראת־הכבוד, אַן אויסגעשפּראָכענעם, אומבאַרירלעכן, ענלעך צו דעם יראת־הכבוד, וואָס מען גיט אָפּ אַ אָפּגאָט, וואָס עס קען האָבן דער משרת פון דער אונטערשטער געווירצקראָם צו דער פּירשטין פון ערשטן שטאָק. רדזאַוויטש איז געווען ווי אַ ריטער, פאַר וועלכן עס זײַנען ניטאָ—ניט קיין צו הויכע פענסטער, ניט קיין שיינקייט, ניט קיין עשירות, ניט קיין נאָמען——אָבער, ער, טענ־זשעל, אַזאַ טענזשעל... דער זשעני—טענזשעל איז געווען זיכער אין טענזשעלס זשעני — עפּנט אַלע טויערן. פאַר רדזאַוויטשן איז מאַריאַ ניט געווען צו שיין.

ער האָט זיך געהאַלטן אָן אַ זייט, ער האָט דאָס מיידל ניט געקענט, כמעט קיין זאַך וועגן איר ניט געוואוסט, פון דער צייט אָן, וואָס רדזאַוויטש האָט אויפגעהערט מיט אים וועגן איר

צו רייִרן; ער האָט זי ניט געזען: דאָס געפיל פון יראת הכבוד וואָס זי האָט אין אים אויפגעוועקט, איז אין אים פאַרבליבן און איז ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ניט דורך דער צייט, ניט דורך די אומשטאַנדן. מענטשן האָבן זיך זייערע פּעטישן, זיין פּעטיש איז געווען פריילין טיזשוויעצקאַ.

קיין זאַך האָט אים מיט איר ניט געבונדן, ער איז זיכער געווען, זי געדענקט אַפילו ניט, אַז ער איז דאָ אויף דער וועלט, און דאָך האָט ער געפילט, אַז ער טראָגט איר הענטשקע ביים הוט, און באותו הרגע—יאָ אַן אַרויסגערופּענער, ניט אַרויסגערופּענער, מיט איר וויסן, צי אָן איר וויסן, אָן אַ מחשבה וועגן וועלכן ס'איז ניט שכר, בלויז נאָר לשם זיין פּעטישיזם,—וואָלט ער גרייט געווען צו שטעלן זיך אין איר שוץ. אַז ער זאָל זי אָבער ווען עס איז דאַרפן באַשיצן פון רדזאַוויטשן, דאָס איז אים אַפילו קיינמאָל אויפן רעיון ניט געקומען. אָבער איצט שטייט ער פאַר אַזאַ שווערן נסיון.

ער איז געווען אין אַטעליע איינער אַליין מיטן מלאך המות. וואָס מער ער האָט געקוקט, אַלץ מער האָט ער געזען די אויסטערלישקייט און די אוממעגלעכקייט פּשוט די זאַך זאָל עקסיסטירן. מאַכן אַ העטערע און געבן איר מאַריאַס קאָפּ — — ניין, דאָס איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט איבערגעשטיגן דעם מענטשלעכן געדאַנק. רדזאַוויטש משמעות האָט אַליין ניט געפילט, ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געטאָן און ווייס ניט, און פאַרשטייט ניט, וואָס ער האָט געמאַכט. ביי טענזשעלן האָבן די האָר אויפן קאָפּ זיך כמעט אָנגעהויבן קאַפּויר צו שטעלן. אַרויסשטעלן דאָס עפּנטלעך וואָלט דאָך געווען עפּעס אַ שרעקלעכע זאַך, וואָס מען קען זיך אַפילו די רעזולטאַטן ניט פאָרשטעלן. רדזאַוויטש איז געווען חסר דעה, ווען ער האָט דאָס קאָמפּאָנירט. וואָס פאַר אַ לעבעדיקע פּרוי דאָס זאָל ניט זיין, — — אָבער מאַריאַ, די מאַריאַ, וואָס דער מענטש האָט אַזוי ליב געהאַט, אַזוי פאַרגעטערט, פאַר וועלכער עס האָט אים ממש אויסגעפּעלט זיסע נעמען, געגנוג שיינע ווערטער, מיט וועלכער ער האָט זיך אַזוי געפרייט, פאַרשיכורט, מיט וועלכער ער האָט אַזוי אינגאַנצן געלעבט. די מאַריאַ דיזעלבע?!...

רדזאַוויטש איז עפּעס משוגע; עפּעס חסר־דעה. אויב ער וועט חס וחלילה דאָס אַ וויז טאָן פּאַר מענטשן און וועט דער־נאָך זיך אָפּקילן און פאַרשטיין, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן — רבונו של עולם, וואָס וועט מען אים געשען?! ער וועט גרייט זיין זיך דאָס לעבן צו נעמען... דאָס הייסט דאָך וואַרפן מענטשן צו די פּיס אַ פּרוי, וואָס מען האָט ליב געהאַט, וואָס מען האָט געאַכט, פּאַר וועלכער מען וואָלט מיט פאַרגעניגן אַמאָל דאָס לעצטע ביסל בלוט אַוועקגעגעבן, און אַזעלכע זאַכן, ניט קוקנדיק אויף טויזנטער איבעררייסונגען, פאַרגעסט מען ניט, זיי וואַקסן אין האַרצן אַריין... און אַזאַ באַראָנין היימערט רעדט אים איין, אַז אַלץ מעג ער און אַז מאַריאַ איז לגבי זיין מאַרמאָר גאָרניט... זי זאָל פון גהינום ניט אַרויס, אַזאַ נידערטרעכטיקע געלע מכשפה!

אמת, אַ מייסטערווערק איז עס, אָבער אַזעלכע מייסטער־ווערק קען רדזאַוויטש נאָך מאַכן צען, פופצן, צוואַנציק. ביי דער פרוכטבאַרקייט פון זיין כוח הדמיון, ביי זיין ענערגיע אין דער אַרבעט און ממש רעטענישפולער שנעלקייט ביים אויספירן, האָט ער נאָך ביי זיינע קנאַפּע דרייסיק יאָר אַזוי פיל צייט! זאָל ער נאָר געזונט זיין, קען ער נאָך אַ גאַנצן זאַל מייסטערווערק נאָך זיך איבערלאָזן. און דאָס... דאָס טאָר ניט עקסיסטירן...

רדזאַוויטש אַליין וועט עס ניט צעברעכן, ער איז ניט ביים זינען, אָבער צעברעכן וועט עס ער, טענזשעל. ער וועט זי און אים מציל זיין. זי וואָלט נאָכן אויסשטעלן די סקולפּטור זיך מסתמא פאַרסמט, און רדזאַוויטש וואָלט זיך געלאָזט אַ קויל אין קאָפּ. אויב רדזאַוויטש, דערזעענדיק זיין ווערק צעבראָכן, וועט אים וועלן מיטן האַמער דעם קאָפּ צעפּלעטן, וועט ער זיך ניט ווערן. אַז ער וועט אָבער צו זיך קומען, דאַרף ער זיך אים פון דאַנקבאַרקייט אויפן האַלז וואַרפן.

אין נאָמען פון גאָט!

טענזשעל האָט אויפגעהויבן פון דער ערד אַ שווערן שטיי־נערקלאָפּערישן האַמער, מיט וועלכן ער האָט דעם מאַרמאָר אַרומגעהאַקט, זיך איבערגעצלמט און אויפגעהויבן אין דער הויך. דאָס וואָרט „חילול־הקודש", וואָס די היימערט האָט באַנוצט, איז

אים דורך פאַרבײַ די אויגן אַ רויטס און פינסטערס. אַזאַ געפיל האָט געמוזט האָבן אַ נאַר־וואָס געטויפטער רוימער, וועלכן מען האָט געהייסן צעשמעטערן די וואונדערלעכע מירמלשטיינערנע געטער, אין וועלכע ער האָט נאָך האַלב געגלויבט, וואָס ער האָט זיך נאָך ניט געקענט אָפּגעוויינען צו פאַרערן און וואָס זייער שיינקייט האָט ער ליב געהאַט און געשעצט.

און דאָך האָט מען באַדאַרפט דאָס דאָזיקע מייסטערווערק צעשמעטערן, דעם משונהדיקן וואונדער, די מאָנסטרועלע המצאה אין דער געניאַלער פּלאַסטיק. זיין עקסיסטענץ האָט געקענט גורם זיין קאַטאַסטראָפעס. צוליב וועלכע טענזשעל וואָלט זיך ניט אָפּגע־שטעלט פון צעברעכן דעם פאַרטענעזישן פּריז אַפילו, די מע־לישע אַפּראָדיטע און זעווס פון אָרטיקאָלאַ. זאָל נאָכדעם רדזאַ־וויטש טאָן מיט אים וואָס ער וויל.

— אין נאָמען פון גאָט! — האָט ער איבערגעחזרט און זיך פאַרמאָסטן.

די האַנט האָט אָבער אים אַ ציטער געטאָן, זיך צוריקגע־צויגן און אַראָפּגעפאַלן; אויפהייבנדיק זי, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ — און די בליקן זיינע זיינען געפאַלן אויף מאַריאַס פּנים, אויף איר פאָרטרעט, וואָס איז געהאַנגען הינטער אים אויף דער וואַנט מיט גרויסע, שמאָלע, טונקל־סאַפּירענע מיט גאָלד־באַגלאַנצטע אויגן, וועלכע האָבן געקוקט אויף אים פון פאָר־טרעט אַראָפּ. די האַנט האָט אים אַ ציטער געטאָן און אַראָפּ־געפאַלן.

ער האָט אַרויסגענומען פון הויזן־קעשענע אַ טיכל אין ראָזע קראַטן מיט אַ בלאָ שלעקל, אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן, אַוועקגעשטעלט דעם האַמער אין אַ ווינקל, פאַרמאַכט דעם אַטעליע, אַרויס אויף דער גאַס און אינם נאָענטן רעסטאָ־ראַן געהייטן זיך דערלאַנגען איינס נאָכן אַנדערן דריי פלעשלעך דראָזדאָווסקיס ביר און דערנאָך איין פלעשל האַבערבוש.

אין אָוונט האָט רדזאַוויטש באַקומען דורך אַ שליח פון טענזשעלן אַזאַ צעטעלע:

כ׳האָב געוואָלט היינט אין דיין אָפּוועזנהייט צעברעכן דעם מלאך המות; צי וועסטו, ניט קוקנדיק דערויף, ניט וועלן איבעררייסן מיט מיר די באַציאונגען.

יענדזשיי טענזשעל.

איבערגעלייענט, האָט ער אַ לאָז אַרויס געטאָן דאָס וואָרט „בהמה״ און אָפּגעענטפערט טענזשעלן: „שמיר ניט קיין שטותים און קום תיכּף צו גיין״.

דער שליח איז אַוועק. רדזאַוויטש האָט אָנגעהויבן נערווען זיך צו דרייען אויף און צוריק איבערן אַטעליע. זיין ברוסט האָט זיך געהויבן פון כּעס, יעדער מאָל, ווען ער פלעגט זיך דערמאָנען, וואָס טענזשעל האָט געשריבן. ס׳האָט אים אָבער אויפגערעגט ניט בלויז טענזשעלס צעטעלע; פאָרנדיק מיט דער היימערט אין עקיפאַזש דורך דער עריוואַנער גאַס האָט ער באַגעגנט פרוי לאַאוראַ, וואָס איז געגאַנגען מיטביידע פריילינס ראָסיענסקי. עליאַ איז געווען טונקל אָנגעטאָן און געמאַכט זייער אַ טרויעריקן איינדרוק; לאַאוראַ און רוזשאַ האָבן אויך אויסגעוויזן צו זיין פאַרכמורעט. זיי וואָלטן אים אפשר ניט געווען באַמערקט, די היימערט אָבער האָט זיך אַרויסגעבויגן פון עקיפאַזש און אַ געשריי געטאָן צו פרוי לאַאוראַ: „גוט מאָרגן״! אַלע דריי האָבן זיך אויסגעדרייט און עליאַ איז אַזוי בלאַס געוואָרן, אַז איר פּנים האָט כּמעט באַקומען אַ קאָליר פון גיפּס. פרוי לאַאוראַ האָט זיך פאַרנייגט, אַ קוק געטאָן אויף אים פאַרחידושט און ווי ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן מיט אַ פראַגע אין די אויגן און מיט עפּעס אַ מין פאָרוואורף; עליאַ האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַוועקדרייענדיק שנעל די אויגן, און ער האָט דערפילט אין איר עפּעס אַזאַ ווייטאָג, אַז אַ קאָרטש האָט זיין גאָרגל אויף אַ רגע אָנגעכאַפּט.

ער האָט פאַרשטאַנען פרוי לאַאוראַס בליק און אינדערזעלבער צייט זיך פאָרגעשטעלט, וואָס זיי ביידע, זי מיט עליאַן, טראַכטן אַוודאי. ער האָט ליב געהאַט פריילין טיזשוויעצקאַ, די דאָזיקע ליבע אָבער שטערט אים ניט צו פאָרן tête à tète מיט פרוי היימערט, וואָס איר מאַן איז מסתּמא, ווי תּמיד, אין האַמ-

בורג צו בערלין. וואָס פאַר אַ באַציאונגען עס הערשן צווישן אים און דער היימערט קענען זיי זיך, פאַרשטייט זיך, ניט פאָר־שטעלן און זיי וועלן זיך עס פאָרשטעלן אַזוי, ווי דאָס וואָלט זיך יעדן איינעם צום פשוטסטן און צומגלייכסטן אויסגעוויזן.

לאַאוראַס קוק און עליאַס אויסזען זיינען אים געווען גוואַלטיק אומאָנגענעם, אָבער קודם־כל האָט אים באַאומרואיקט דאָס, וואָס זיי טראַכטן וועגן זיינע באַציאונגען מיט דער היי־מערט. תחילת האָט ער זי געוואָלט איבערבעטן, אויסשטייגן, נאָכיאָגן די פּזשערוויץ מיט עליאַן און ערקלערן זיי, אַז זיי משפטן פאַלש; בכל אופן האָט ער באַשלאָסן אַריבערצוגיין צו דער פּזשערוויץ און לכל הפחות איר עס זאָגן. פרוי לאַאוראַ האָט געהאַט די מעלה, וואָס עס האָבן אַלע ערלעכע און ריינע מענטשן: אַז ניט קוקנדיק אויף קיין זאַך, ניט קוקנדיק אויפן ביטול צו דער אַלגעמיינער מיינונג, איז וועגן זייער מיינונג דאגהט מען. אַזאַ איינער קען אַמאָל אָפּהאַלטן ביים ראַנד פון אָפּגרונט שוין צוליב דעם אַליין, וואָס מען קען אים.

די היימערט האָט פּלוצלונג באַמערקט דעם שינוי אין רדזאַוויטשעס שטימונג און אַ פרעג געטאָן, צי ער האָט אפשר חשק די דאַמען מקבל פנים צו זיין.

ער האָט געענטפערט, אַז ניין, אַז אים דאַכט זיך, ווי ער וואָלט געווען אַ קוימענקערער און מען הייסט אים נעמען אין דער האַנט אַריין אַ פריש אויסגעפּרעסטן מאַנזשעט.

— כ׳פאַרשטיי ניט — האָט אַ זאָג געטאָן די היימערט — פאַר־וואָס זאָלט איר זיין אַ קוימענקערער און וואָס זאָל עס זיין דער מאַנזשעט?

— זעט איר — האָט געענטפערט רדזאַוויטש — כ׳האָב גע־טאָן אַזוינס, צוליב וואָס כ׳בין בנוגע צו לאָראַ פּזשערוויץ, פּונקט ווי אַ קוימענקערער צו אַ פריש אויסגעפּרעסטן מאַנזשעט.

— צו איר — האָט זיך פאַרחידושט די היימערט, — וואָס האָט איר דען געקענט טאָן? אַזאַ גוט באַשעפעניש.

— איר פערזענלעך אייגנטלעך גאָרניט, אָבער נאָענט צו

איר. איר וועט אָבער דאָס מאָל מיר ערלויבן צו זיין דער ספינקס.

— וואָס האָט ערגעץ אריינגעזעצט זיינע גריפישע נעגעלעך. מילא, ווי איר ווילט.

אין ערך אַ צוואַנציק מינוט אַרום נאָכן שליחס אוועקגיין, איז טענזשעל, וואָס האָט געוואוינט ניט ווייט פון אים, געקומען אין אַטעליע אַריין. ער איז אַריין ניט דרייסט און אומגעלומפּערט און אויסגעוויזן רדזאַוויטשן גראָב און אַ ביסל קאָמיש. ער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, ווי ער וואָלט אים דאָס ערשטע מאָל דערזען און ס'האָט אַלץ פון אים אָפּגעשטויסן: זיין גראָב ארומגעטעסעטער קאָפּ מיט פּראָסטע טריוויאַלע שטריכן אויף די קיילעכדיקע צו ברייטע פּלייצעס; די שווערקייט, קלאָציקייט פון זיין גאַנצן געבוי און דער אויסדרוק פון זיין געזיכט, וואָס האָט פינף מאָל גיכער געקענט זיין אַ פּנים פון אַ גערטנער, אָדער אַ פישער, איידער אַ פּנים פון אַ קינסטלער און זיין פריינד. ס'האָט אים אַ קעלט אַרומגענומען צו טענזשעלן.

— וואָס מאַכסטו? — האָט ער זיך ניט־ווילנדיק אָפּגערופן, אַ ביסל פון אויבן אַראָפּ און פּראָטעקציאָנעל.

— איך דאַנק דיר און בעט דיך איבער — האָט אָנגעהויבן טענזשעל, אָבער ער האָט אים איבערגעריסן:

— ניטאָ פאַרוואָס. האָסט ניט צעבראָכן, מילא, איז אַלץ געענדיקט.

זעענדיק אָבער פאַר זיך כּסדר טענזשעלס אומדרייסט און פאַרדאגהט אויסזען, האָט אים אָנגענומען אַ חשק צו רייצן אים, וואָס איז מסתּמא ענלעך געווען צום חשק פון דאָגן, וועלכע יאָגן זיך מיט רשעות און ביטול אין די אויגן און מיט אַ ביסל אָנגעיאָזשעטן רוקן נאָך אַ דאָרפישן הונט, וואָס וואָיעט פון שרעק. ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט קעגנאיבער טענזשעלן, און קוקנדיק אים אין די אויגן, אַ פרעג געטאָן:

— זאָג־זשע מיר פונדעסטוועגן, פאַרוואָס האָסטו געוואָלט צעברעכן דעם מלאך־המות, האָסט דאָך צוזאַמען מיט טשעמפּענסקין און לאַנאָווסקין אים אַרומגעטעסעט?

— כ׳האָב ניט געוואוסט, אַז חעסט די פרוי מאַכן מיט פריילין טיזשוויעצקאַס געזיכט — האָט געענטפערט טענזשעל.

— בלויז אין דעם גייט עס דיר?

— דו ווייסט דאָך, ווייל כ׳האָב עס דיר פריער געזאָגט.

— וואָס שאַדט עס דען דיר?

רדזאַוויטש האָט זיך אַליין אַ ביסל צעמישט: דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט ער טענזשעלן געגעבן צו פילן דעם גאַנצן חילוק צווישן זיי ביידע דורך באַטאָנען דאָס וואָרט „דיר". טענזשעל האָט עס פאַרשטאַנען און אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, רויט ווי אַ פּיאָן און אינגאַנצן צעמישט, האָט ער אַרויסגעבאַמקעט:

— מיר גאָרניט, אָבער דיר און איר...

ווען טענזשעל זאָל אויף דעם באַליידיקנדיקן טאָן האָבן געענטפערט ווי רדזאַוויטש האָט געפּילט, אַז ער איז עס ווערט, וואָלט מסתּמא געווען זיך געענדיקט אַזוי, ווי עס ענדיקט זיך מיטן דאָג, וועלכער פאַלט אָן אויפן דאָרפישן הונט, בעת דער גיט זיך פלוצלונג אַ דריי אויס און באַווייזט זיינע ציינער: דאָס הייסט, דער דאָג שטעלט זיך, גיט אַ ביל, פאַרהאַלט זיך און טרעט אָפּ, און אין פינף מינוט אַרום קענען זיי שוין ביידע צוזאַמען אַרומטאַנצן און אַרומוואַרטשען לעבן אַ בוים, אויף וועלכן עס זיצט אַ קאַץ; טענזשעלס צעמישונג האָט אים אָבער נאָכמער צעררייצט און ער האָט אַ זאָג געטאָן, באַהאַלטנדיק כּלומרשט די לייכטע איראָניע:

— זאָג־זשע מיר, פאַרוואָס האָסטו ניט צעבראָכן?

טענזשעל איז נאָך רויטער געוואָרן און געשוויגן.

— נו, זאָג־זשע, פאַרוואָס האָסטו ניט צעבראָכן? — האָט זיך איינגעעקשנט רדזאַוויטש.

— כ׳ווייס ניט — האָט ענדלעך אַ באַמקע געטאָן טענזשעל.

— נו, דאָס איז ווייניק אויף אָפּצוהאַלטן זיך פון אַזאַ הערבאָסטראַטיזם. פאַררויכער דערוויל אַ פּאַפּיראָס. אויף להבא וועל איך דיך מסתּמא קענען רואיק לאָזן אין אַטעליע?

טענזשעל האָט שנעל אַ נעם געטאָן אַ פּאַפּיראָס פון פּודעלע,

וואָס רדזאַוויטש האָט אים דערלאַנגט, און כמעט מיט תחנוגים אַ זאָג געטאָן:

— מײַן טײַערער, זעסט דען ניט, פילסטו עס ניט, אַז דו שטעלסט פרײַלין טיזשוויעצקאַ דורך דערדאָזיקער סקולפּטור ממש צום שאַנד־סלופּ? זאָג, האָסטו דערויף רעכט? וואָרעם אויב דו האָסט רעכט...

רדזאַוויטש האָט זיך אומגעדולדיק אײַנגערונצלט.

אויפן שפּאַציר האָט די היימערט נאָך אַ סך געהאַט גערעדט וועגן דער פרײַקייט אין אויסוואַל פון טעמעס, וועגן דער פּריווילעגיר־טער לאַגע פון קינסטלער, וועגן די רעכט פון זײַער כּוח הדמיון, און וועגן דעם, אַז ביים קינסטלער האָט קודם־כּל די בכורה די קונסט. אַ קינסטלער, וואָס שטעלט זיך אָפּ אויף דעם, וואָס עס איז מאָראַליש און וואָס ניט, וואָס עס איז גוט, און וואָס שלעכט, וואָס נוצלעך, און וואָס שעדלעך, האָט זי געזאָגט—הערט אויף צו זײַן אַ קינסטלער. דאָס איז דער חילוק צווישן אײַך און אונז, וואָס מיר מוזן קודם־כּל זײַן מענטשן, און איר—קודם־כּל איר. אין קונסט איז פאַרהאַן איין אופן פון משפּטן: עס געפעלט, אָדער עס געפעלט ניט — און איר זײַט אויך מחויב צו האָבן איין און איינציקן געזעץ: עס געפעלט, אָדער עס געפעלט ניט. טוט, וואָס איר ווילט, ווי אַזוי איר ווילט, אַבי עס זאָל זײַן שיין, אַבי עס זאָל זײַן גרויס, אַבי עס זאָל זײַן קונסט, די גרויסע, אמתע, הייליקע קונסט, „וואָס איז נאַקעט, אומפאַרשעמט, אייביק, פון גאָרניט בעקלעמט!"

רדזאַוויטש האָט געהערט און האָט זיך געלאָזט פאַרשיכּורן פון דער היימעטס ווערטער. דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט, איז גע־ווען אַ באַרעכטיקונג פאַר אים אַליין, אַ פאַרענטפערונג פאַר דער וועלט, אַ באַרואיקונג; טענזשעל האָט אים דערבייזערט, ער האָט אויף אים פרעך אַ קוק געטאָן און געענטפערט שטאַרק באַטאָנט:

— און אויב מיר געפעלט אַזוי?

טענזשעל איז פאַרשטיינערט געוואָרן.

— אויב מיר געפעלט אַזוי?—האָט איבערגעחזרט רדזאַוויטש.

טענושעל איז כסדר געשטאַנען אַ פאַרשטיינערטער, ווי ער וואָלט תּופס געווען, אָבער ניט געוואָלט גלויבן, אַז ער הערט דאָס, וואָס ער הערט.

— וואָס האָסטו געזאָגט? — האָט ער אַ פרעג געטאָן עפּעס רעפלעקסיוו.

— דאָס, וואָס האָסט געהערט.

דעמאָלט האָט טענושעלס שווערע, פאַמעלעכע, פויערישע בלוט ענדלעך זיך צעקאָכט; ער האָט ניט געקענט אויסהאַלטן און אַ זאָג געטאָן גאַנץ שטאַרק:

— וואָלסטו געטאָן אַ זאַך, וואָס כ'וויל ביים נאָמען ניט אָנרופן.

רדזאַוויטש האָט זיך פאַררויטלט, און די ווינקלען פון מויל האָבן זיך אים אָנגעהויבן אַראָפּציען אונטן אַראָפּ. טענושעל ווידער האָט געזאָגט.

— איך ווייס דעם גאַנצן חילוק, וואָס איז צווישן אונז, איך ווייס, וואָס דו ביסט ווערט, און וואָס איך בין ווערט לעבן דיר. איך בין אַן איקס און לעבן דיר באַדייט איך גאָרניט; כ'האָב עס אָבער געמוזט דיר זאָגן, ווייל כ'בין דיינס אַ גוטער פריינד און אַלס גוטער פריינד האָב איך רעכט דערויף.

רדזאַוויטש האָט געפילט, אַז עפּעס אַ משוגעת באַהערשט אים; ער איז צוגעגאַנגען צו טענושעלן און אַ פרעג געטאָן פון דער נאָענט:

— פאַרוואָס־זשע האָסטו עס ניט צעבראָכן? ביסט געווען אַליין, האָסט געקענט. האָסט ניט באַדאַרפט פאַר מיר מורא האָבן, וואָס וואָלט איך דיר געטאָן?

— ניט פאַר דיר האָב איך מורא געהאַט, נאָר פאַר איר, דאָרט אויפן פאָרטרעט.

רדזאַוויטש האָט זיך צעלאַכט:

— ווייסטו, טענושעל, פאַרוואָס האָסט עס ניט צעבראָכן? דערפאַר, ווייל עס איז צו גוט געמאַכט, ס'איז אַ פרישע ראיה, אַז איינמאָל אין לעבן האָב איך דאָך געמאַכט אַ זאַך, וואָס איז באמת עפּעס ווערט. פון אַלע מיינע אַנדערע אַרבעטן, צוזאַמען

מיטן ערן־דיפּלאָם, מעג זיך אַהונט הייסן שטיוול אויפּנייען אָבער, מיין טייערער, ניט בחינם פֿאָדערט קונסט אירע קרבנות; פון גרויסע יסורים ווערן די בעסטע ווערק געבוירן. שולדיק, ציי אומשולדיק, דאָס איז אַן אַנדער פֿראַגע; זי האָט מיך אַ קאָפּע געטאָן און איך ליג דאָרט; זי ווידער שטייט דאָ אַזוי, ווי זי איז, ווי יענע אַרלעזישע ווענוס „אין מאַיעסטעט פון פראַכט". פון מיין מאָראַלישן טויט, פון איר גרויס עגמת־נפש, ווען זי וועט עס דערזען, איז געבוירן געוואָרן אָט דער מלאך המות, וואָס דו אָנערקענסט, אַז ער איז עפּעס ווערט, אויב האָסט געוואָגט זיך אויף אים צו פֿאַרמעסטן.

— וועסטו אים אַלזאָ אויסשטעלן?

— ווילסט, כ'זאָל מיין בעסטן מאַרמאָר באַהאַלטן?

— און אויב דו וועסט זי דערמיט טויטן?

— און זי האָט זיך געפרעגט, צי איך וועל לעבן?! זי האָט זיך אויסגעדרייט, ווי פון דער וואַנט—און אַוועק.

— און אויב דו וועסט זי טויטן?

— שרעק זיך ניט — האָט רדזאַוויטש זיך ביטער צע־לאַכט. זי וועט פון דעם ניט שטאַרבן. זי וועט נאָך זיין צופרידן: אַ נייע רעקלאַמע.

טענזשעל האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און אָנגע־הויבן ריידן:

— ראָמעק, הער, דו ביסט ניט ביים זינען, ביסט קראַנק, ווייסט ניט, וואָס דו רעדסט, איך ווייס, אַז דו גיסט זיך ניט אָפּ קיין חשבון פון דעם, וואָס דו זאָגסט איצט צו מיר — —

רדזאַוויטש אָבער האָט אויסגעריסן די האַנט און געענט־פערט מיט כעס:

— אין טאָג פון מאַריאַס חתונה וועל איך עס הייסן אויס־שטעלן, און אויב מען זאָל, צוליב דער ענלעכקייט און מעגלעכן סקאַנדאַל, עס ניט וועלן אויף קיין שום אויסשטעלונג צונעמען, וועל איך איינאָרדענען אַ באַזונדערן פּאַוויליאָן אין שטאָט. איך ווייס, וואָס דו האָסט געטראַכט, בעת האָסט מיר ניט געוואָלט זאָגן, וואָס דו טראַכסט: אַז נקמה איז אַן אומווערדיקע זאַך, אָדער

אפשר נאָך ערגער; דאָס איז אָבער שטאַרקער פאַר מיר. אפשר איז דאָס דער ערשטער טריט צו מיין משוגעת—אפשר בין איך שוין משוגע, כ׳מוז אָבער! זי וועט זיך דערזען.

— האָסט זי אַמאָל ליב געהאַט — האָט טענזשעל אַזאָג געטאָן טרויעריק.

— ווען כ׳וואָלט זי ניט ליב געהאַט, וואָלט איך ניט געמאַכט אַזוי, ווי כ׳האָב עס געמאַכט. בלויז איינמאָל אין לעבן האָקט מען אַזוי, גיב אַ קוק. איצט וואָלט איך שוין מער קיינמאָל ניט בכּוח געווען אויסצוהאַקן. פאַרשטייסטו דען ניט, אַז עס איז פאַרהאַן אַ געוויסע באַפרידיקונג אינם פאַסטען זיך איבער די, וואָס מען האָט ליב און מען הערט ניט אויף ליב צו האָבן? דו ווייסט דאָך, אַז ליבע און רציחה קומען זיך ערגעץ צונויף אין מוח. וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר?

רדזאַוויטש האָט באַמערקט, אַז טענזשעל קוקט אויף אים עפּעס באַאומרואיקט און דערשראָקן:

— זעסט אין מיר עפּעס אומגעוויינלעכס, צי וואָס? — האָט ער איבערגעחזרט.

טענזשעל האָט אויף אים נאָך אַ ווײַלע געקוקט און געזאָגט:

— ניין, דו ביסט אויפגערעגט, צעהיצט, אָבער ניט קראַנק. באַרעכן זיך: ווי קען מען וועלן אַזוי זיך באַגיין מיט אַ פרוי, וואָס מען האָט ליב געהאַט? דו וועסט דאָך שפּעטער זיך קיינמאָל ניט מוחל זיין. איין רגע עפּעס מאָדנע, פאַרקריפּלטע באַפרידיקונג און דו קענסט דאָס גאַנצע לעבן חרטה האָבן. באַטראַכט זיך נאָר: דאָס איז זי, דאָס איז פריילין מאַריאַ...

רדזאַוויטשן זיינען די אויגן פלוצלונג פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן: אַזוי האָט טענזשעל תּמיד אַמאָל גערופן מאַריאַן. שוין לאַנג, ווען ער האָט וועגן איר געזאָגט „ריסיאַ״, אָדער „מיין כּלה״; אָבער אין דערזעלבער צייט האָט ער זיך דערמאָנט אָן איר אויפן ראַאוט אין געזעלשאַפט פון קאָלאָליאַסקין און באָזשעווסקי, ווי זי האָט קאָקעטירט אַ יונגן בלאָנדין, און פאַר אים האָט זי קיין איין בליק ניט געהאַט, שוין ניט קיין מיטגע-

פיל, עפּעס פריינדשאַפט, נאָר ממש קיין איין בליק ניט געהאַט, און ער האָט דאָך זי אַזוי ליב געהאַט און אַזוי פיל געליטן און זי האָט דאָך דערפון געוואוסט... אַזוי אַוועקצוגיין, אַזוי אַ קאָפּע צו טאָן, אַזוי זיך אַפילו ניט אומצוקוקן און אַוועקגיין ווי אַ שטיין...

— ווען זאָלסט לכל־הפחות אָפּמעקן די ענלעכקייט — האָט ווייטער געבעטן טענזשעל, — דו קענסט נאָך, דו אַליין זעסט, אַז דו קענסט נאָך. ווען זאָלסט אָפּמעקן?

— ניין — האָט געענטפערט רדזאַוויטש.

טענזשעל איז אויפגעשטאַנען פון שטול, אויף וועלכן ער האָט זיך געהאַט אַוועקגעזעצט, צוגעגאַנגען צו רדזאַוויטשן און אָנגעהויבן ריידן:

— צוליב דיין אַמאָליקער ליבע צו איר, צוליב אונזער פריינדשאַפט, אַזוי פיל יאָרן געמיינזאַמע ליידן און פריידן, בעט איך דיך, בייט עס איבער, די ענלעכקייט, לכל־הפחות,—דו זעסט, אַז מען קען עס נאָך טאָן. ווען די זאַך ניט קאַליע מאַכן, דער טיפּ פון קאָפּ קען בלייבן דערזעלבער, באַזייטיק בלויז די שטריכן, וואָס כאַראַקטעריזירן פריילין מאַריאַ. און ווען זאָלסט אַפילו אַ ביסל קאַליע מאַכן, איז וואָס פאַר אַ באַטרעף איז עס לגבי דעם, וואָס עס קען געשען? וועסט עס טאָן, ראָמאַן?

פאַר רדזאַוויטשעס אויגן איז אָבער כסדר געשטאַנען מאַריאַ וואָס קאָקעטירט דעם יונגן בלאָנדין, מיט קאַלאַליאַסקין און באַ־זשעוווסקין הינטער זיך, אָן איין בליק אַפילו פאַר אים, אָן איין רגע, אָן איין רעפלעקס פון מיטגעפיל; מאַריאַ, וואָס האָט חתונה מיט קאַלאַליאַסקין, כדי צו פירן אַ ראָמאַן מיט באָזשעוווסקין — און ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

דעמאָלט האָט טענזשעל גענומען דעם הוט פון טיש און אַ זאָג געטאָן שטיל, אָבער דייטלעך:

— עמיצן אַנדערש וואָלט איך געזאָגט דאָס, וואָס דיר וויל איך עס ניט זאָגן. באַטראַכט זיך, צי כ׳וואָלט גערעכט געווען. כ׳האָב זיך צו שטאַרק צוגעבונדן צו דיר, אַז כ׳זאָל קענען און ווען דערפון זיך אָפּזאָגן, אָבער בלייבן לענגער צוזאַמען קענען מיר

ניט. ס'וואָלט תּמיד געשטאַנען צווישן אונז דער מלאך־המות און דיין — — פאַרגעסן זיך.

מיטן הוט אין דער האַנט איז טענזשעל נאָך אַ ווײַלע גע־שטאַנען און געקוקט רדזאַוויטשן אין די אויגן אַרײַן, משמעות מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט זיך באַדענקען, און גלײַכצײַטיק מיט גרויס צער און טרויער — — רדזאַוויטש אָבער האָט געהאַט פאַר די אויגן מאַריאַן אַן אײַנגעבויגענע פאַר אַ פרעמדן מענטש, וואָס זי האָט אפשר דאָס ערשטע מאָל אין לעבן באַגעגנט, און צו אים איז זי געווען גלײַכגילטיק, ווי ער וואָלט אַפילו קיין שאָטן פון קיין מענטשן ניט געווען... טענזשעל האָט געוואַרט, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט, אַראָפּגעהאַנגען דעם קאָפּ און צוגעגאַנגען מיט שווערע טריט צו דער טיר. ער האָט אָנגענומען די קליאַמקע און איז נאָך געשטאַנען אַ ווײַלע — — ס'איז אים משמעות שווער געווען אַוועקצוגיין; לסוף האָט ער אַ באַמקע גע־טאָן: — זײַ געזונט, ראָמעק — און איז אַוועק.

נאָך טענזשעלס אַוועקגיין איז רדזאַוויטשן געוואָרן עפּעס מאָדנע: ס'האָט זיך אים געדאַכט, ווי צוזאַמען מיט טענזשעלן איז אַוועק פון אַטעליע אַ שטיק ער אַליין. און דאָ איז אַוועק בלויז אַ לעבעדיקע, פאַרקערפּערטע געדעכעניש פון זײַנס אַ גרויסער טייל לעבן.

ער איז געשטאַנען אַן איבערראַשטער פון דעם, וואָס עס איז געשען. דורך זײַן לעבן האָט זיך געדרייט אַ שנור מיט מענטשן, זיי זײַנען געקומען, געווען לענגער אָדער קירצער און אַוועק ווײַטער, זיך באַגעגנט אַמאָל אָדער קיינמאָל ניט, — אָבער ער, טענזשעל, האָט זיי אַלע אויפגענומען, געווען צוזאַמען מיט זיי און געבליבן נאָך זיי אַלע. ער איז ניט געקומען, ניט אַוועק, געווען כּסדר מיט אים און ס'איז רדזאַוויטשן אַפילו אויפן רעיון ניט געקומען, אַז ער זאָל אַמאָל קענען ניט זײַן. ער איז געווען ווי אַ זייגערל, וואָס צעדרט זיך ניט, רייבט זיך ניט אויס, און ווערט ניט פאַרפלעקט; ער איז געווען אַ מין אייגנטום און נחלה, וועגן וועלכע מען טראַכט שוין אַפילו ניט, ווײַל זי איז כּסדר און דויערהאַפט.

און אַחוצדעם האָבן זיי אַזויפיל איבערגעלעבט צוזאַמען... קרוב צען יאָר. ס'איז אַ יונג ייִנגל ער איז נאָך דעמאָלט געווען, ווען ער האָט זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט מיט טענזשעלן פאַר זיין קאַפּיע פון יונאָנע... ער האָט נאָך דעמאָלט ערשט געהאַט אַ פּוך אויפן פּנים, ביי טענזשעלן ווידער האָבן ערשט אָנגעהויבן וואַקסן די בערשטיקע, בלאָנדע וואָנסן אונטער דער נאָז. ווי די וועלט איז דעמאָלט געווען עפּעס אַן אַנדערע, עפּעס אַ ווייניקער טריבע און נעפּלדיקע... דאָס איז געווען די ערשטע יוגנט, וואָס וועט שוין קיינמאָל זיך ניט אומקערן.

וויפל מענטשן זיינען פאַר די צען יאָר אויסגעשטאָרבן, קרובים, באַקאַנטע... ווי אַנדערש עס ווערט דער געדאַנק, בעת עס קומען אַוועק מענטשן, מיט וועלכע מען האָט זיך באַגעגנט. יעדער איינער מאַכט אויף אונז עפּעס אַן איינדרוק, רופט אַרויס אין אונז אַן אָפּקלאַנג פון זיין געדאַנק. צייטנווייז, נאָך אַ סך יאָרן דערמאָנט מען זיך, אַז מען האָט שוין לאַנג ווען אַ זאַך ניט געטראַכט, אַז זי האָט אויפגעהערט צו לעבן אין מות צוזאַמען מיטן טויט פון דעם, וואָס האָט דעם געדאַנק אָנגערעגט. עס בענקט זיך אַזוי דערנאָך, מחמת דידאָזיקע דערמאָנונג וועקט אויף אַ ווילדע אַנדערע זכרונות, און נאָך זאַכן, וואָס זיינען אַוועק, בלייבט תמיד אַ טרויעריקע בענקשאַפט; אפשר דערפאַר, וואָס דעמאָלט איז מען געווען ווייטער פון טויט.

טענזשעל איז אַוועק, ניט דערלאַנגענדיק די האַנט צום געזעגענען... וואָס ער האָט געטראַכט און ניט געוואָלט זאָגן, איז זיך לייכט משער צו זיין; ער האָט געטראַכט, אַז דאָס אויסשטעלן דעם מלאך המות איז אַ נידערטרעכטיקע זאַך...

דאָס בלוט האָט אין רדזאַוויטשן אויפגעזידט: טענזשעל, טענזשעל, דער פאַרקערפּערטער, פּראָסטער, גלייכער, אומבאַדינגטער יושר...

רדזאַוויטש האָט ניט געמאַכט קיין גרויסן ווען פון טענזשעלס טאַלענט, ניט פון זיין אינטעליגענץ, — אין זיין מיינונג אָבער בנוגע פראַגן פון ערלעכקייט האָט ער אַזוי געגלויבט ווי אין דער מיינונג פון לאַאוראַ פּושערוויץ. קוים האָט טענזשעל

געזאָגט אַ „שווײַנערײַ", איז עמעץ מסתמא באַגאַנגען אַ געמײנ־הײט. און איצט איז טענזשעל אַוועק, ניט דערלאַנגענדיק אים די האַנט?!...

טוט ער באמת אַ נידערטרעכטיקע זאַך?

איז דער מלאך המות ניט קײן שאַנד־סלופּ פאַר מאַריאַן?

און פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס זי האָט ניט ליב, ניט מער און ניט פאַר עפּעס אַנדערש. די אײנציקע עוולה, דער אײנציקער פאַרברעכן בנוגע אים איז נאָר און בלויז דאָס, וואָס זי האָט אים ניט ליב. וואָס זי זאָל ניט טאָן עפּעס אַנדערש און ווי זי איז בנוגע צו מענטשן — האָט ער ניט קײן רעכט צו משפּטן.

אַזוי איז עס. ער האָט קײן שום רעכט ניט!

פון דער מינוט אָן, וואָס מאַריאַ האָט אים אומגעקערט זײַן וואָרט, איז זי אַוועק פון אונטער זײַן רעכט.

אַזוי איז עס: ער האָט זיך נוקם געווען. און פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס מאַריאַ האָט קאָקעטירט אויפן ראַאוט? דערפאַר האָט ער זי געשטעלט פאַרן שאַנד־סלופּ פון דער גזעלשאַפט־לעכע מײנונג?... נײן—בלויז דערפאַר, וואָס זי האָט אים אויפגע־הערט ליב האָבן. און ווער עס איז זיך פאַר אַזאַ זאַך נוקם אין אַ פרוי, באַגײט אַ געמײנהײט. אויב טענזשעל האָט אַלזאָ ניט אויס אויפרעגונג, ניט אויס צעמישונג, ניט אויס פאַרגעסן צוליב אומ־שטענדן, וואָס זײ האָבן זיך אין לעבן קײנמאָל ניט געריכט דע־רויף, ניט צופעליק אים די האַנט ניט דערלאַנגט, — נאָר בכיוון מיט דעת און באַטראַכטרהײט: איז ער געווען גערעכט, געווען גערעכט!...

ס'אַר אַ ריטערישע אינסטינקטן עס האָט אין זיך דערדאָ־זיקער גראָב געטעסעטער מענטש, מיט ווײניק טאַלענט, ווײניק קולטור און ווײניק אינטעליגענץ! טענזשעל איז אַ סך מער ווערט ווי ער גײט און שטײט, אָן דעם ערן־דיפּלאָם, אָן דעם פאַר־עפנטלעכן hors concours אויף דײטשלאַנד, אָן דער קופּע לוי־ביקע רעצענזיעס, אָן דעם פאַרהימלען פון דער הײמערט און אָן דעם פאַרגעטערן פון לאַנאָווסקין... און דעם אָרעאָל... ער איז אַ סך מער ווערט! און בלויז דערפאַר, וואָס ער איז ערלעכער.

טענזשעל האָט ניט דערלאַנגט אים די האַנט ניט בכוונה: אַזוי גייט ניט אַוועק אַמענטש וואָס פאַראַכט. זיי ביידע האָט דאָס, וואָס עס איז געשען, אַזוי איבערראַשט, אַז זיי האָבן זיך קיין חשבון ניט אָפּגעגעבן פון דעם, וואָס זיי טוען, ווען ער זאָל אָבער געוועןן וועלן ניט דערלאַנגען אים די האַנט, האָט ער גע־האָט רעכט דערויף!

און דאָך — — איז ער זיך דען נוקם?! „תענוג פון גע־טער" רופט מען אָן נקמה — — איז ער זיך דען נוקם? ליידט ער דען ניט ביז משוגעת? כדי זיך נוקם צו זיין, דאַרף מען פיינט האָבן — — האָט ער דען פיינט? וואָלט ער דען ניט געפאַלן מאַריאַן צו די פיס און זיינע ליפּן צו די טריט ניט צו־געגעבנט און געחזרט ביז פאַלן אין חלשות: „כ'האָב דיך ליב, כ'האָב דיך ליב?..." דאָס איז דען נקמה?

אין אַ פאַרשאָלטענער רגע פון אויפרעגונג, אין שיגעון פון יסורים, בעת אַלע עקלהאַפטע עלעמענטן פון דער מענטשלעכער נאַטור האָבן זיך אין אים צעשפּילט, האָט ער אָנגעהויבן זיין מלאך המות. דעמאָלט האָט ער געוואָלט זיך נוקם זיין, דעמאָלט האָט ער פיינט געהאַט, דעמאָלט האָט אים באַהערשט אַ משוגעת פון זיין געטראָטענעם „איך" און דער חשק זיך אקעגנצושטעלן, זיך אָפּצורעכענען, אַ ווילדער, שרעקלעכער, אומברחמנותדיקער. דערנאָך?... טענזשעל וועט דאָס ניט פאַרשטיין, ניט תופס זיין. ער פאַרשטייט ניט די אייבערשאַפערישע קראַפט, וואָס אַן אויפ־געוועקטע און צום לעבן געדופענע פון שלעכטס, אָדער גוטס, צווינגט זי צום שאַפן, ווי די לבנה צווינגט דעם ים צו לויפן, און זיך דערווייטערן פון ברעג.

ס'איז פאַרהאַן אָבער ווילן...

אויף צעשמעטערן דעם מלאך־המות, אויף בייטן אַפילו איין שטריך זיינעם, האָט רדזאַוויטש אין זיך קיין כוח ניט גע־האַט; אַדרבא, ער האָט געפילט, אַז ער וועט נאָך שלייפן דאָס דאָזיקע געזיכט און וועט דערפון אַרויסבאַקומען די פינקטלע־כערע ענלעכקייט. דאָס איז געוועזן שטאַרקער פאַר אים. ס'זאָל אים דראָען סכנות נפשות — וואָלט ער אַזוי ווייטער געקלעפּט.

ווי די מעשה זאָל ניט זיין, וועט דער מלאך המות האָבן אויף זיך דעם צייכן פון נקמה... אָבער צעשמעטערן אים קען בלויז דער טויט... ווען ער זאָל שטאַרבן... פאַרן טויט, אין דער־זעלבער רגע, וואָלט ער דעם מאַרמאָר צעשמעטערט. פריער קען ער ניט, ער קען ניט! דאָס איז שטאַרקער פאַר אים! דערדאָ־זיקער מאַרמאָר, דער ווייסער שטיין, האָט אים אין זיך אַריינגע־זאַפּט. ער מוז האַקן, ער מוז טעסען, מוז פיילן און קלעפּן, ער מוז שאַפן! דאָס איז שטאַרקער פון אים! דער ים לויפט און דערוויי̈טערט זיך פון ברעג, ווייל ער מוז.

ער האָט קיין ווילן ניט!

ס'איז אַ ים...

ס'זיינען פאַרהאַן ווילנס שטאַרקערע פונם מענטשלעכן רצון...

אין דער פאַנטאַזיע פון עגאָאיזם...

ניין! ס'זיינען פאַרהאַן ווילנס העכערע!

אין כוח הדמיון פון עגאָאיזם...

און אַרום און אַרום זיינען פוסטע, הוילע ווענט און אינ־דערהויך אין האַלבשאָטן, אַ ווייסע סטאַטוע — אַ ריזיקע, אַ טרוי־מיקע, אַ! ביזן טויט אַ טרויעריקע...

און דאָס איז לעבן, לעבן פון אַ מענטש, וועגן וועלכנס מוטער, ווען זי זאָל לעבן, מען וואָלט געזאָגט, אַז זי דאַרף זיין שטאָלץ און דאַרף הייסן די גליקלעכע מוטער...

ער איז אַרויס אין גאַס.

זיין פּערזענלעכער טרויער האָט זיך פאַרברייטערט אין עפּעס אַן אַלגעמיינעם צער איבער דער וועלט: פילנדיק זיין אייגן אומגליק שטאַרקער, ווי ווען עס איז אין דער וועלט, האָט ער אָנגעהויבן שטאַרקער פילן אויך דאָס פרעמדע. אַן אויסער־געוויינלעכער צער האָט אים אַרומגענומען אויף די פאַרחושכטע פערד פון די דראָזשקאַרעס און אויף די דאַרע הינט און ער האָט רחמנות געקראָגן אויפן גאַנצן ריזיקן דלות פון זיין. אין יעדן פון דידאָזיקע הייזער האָט געקענט זיין עפּעס אַ שווערע קראַנקהייט, עפּעס אַ גרויסער צער, אַ קריפּל, אַ מפּלה... קיינער

ווייסט ניט, וויפל האַרצרייסנדיקע, פיזישע און מאָראַלישע טראַ־
געדיעס ער האָט כּסדר אַרום זיך, וויפל יסורים און ווייטאָג,
וויפל קרעכצן און טרערן...

אינם דאָזיקן ריזיקן קאַמף מיט שלעכטס, אין דערדאָזי־
קער העצע, וואו מענטשן, ברעכנדיק רוק און לענד, אַנטלויפן
פון אומגליק, וואָס איז פלינקער, געשיקטער און אומדערמידלע־
כער פון זיי: זיי שפּאַרן זיך איינס צום אַנדערן, גייען פאַרוייז
אָדער גאַנצע מחנות, כּדי זיך לייכטער דעם שלעכטס אַקעגנצו־
שטעלן, אָדער דרייסטער אים אין די אויגן אַריינקוקן, מחמת עס
איז ניט פאַרהאַן קיין ערגערער חבר פון פחד, ווי איינזאַמקייט.

די העצע דויערט און דויערט, דאָס אומגליק דרייט זיך
צווישן מענטשן, ווי אַ געאיבטער ענגלישער fox terrier צווישן
עכברים, וואָס כאַפּט זיי אָן פאַרן נאַקן און שליידערט זיי אַוועק
דערשטיקטע אויף דער ערד, בעת זיי לויפן אום אין ווילדער
שרעק אַהין און אַהער צווישן ברעטער, כאַפּן זיך אַרויף און פאַלן
אַראָפּ — און איבער דער אומזיסטער פליטה פון מענטשן פאַרן
אומגליק, קיניגט די רואיקע, ריזיקע, קאַלטע, ניט גערירטע
איראָניע.

אין אָנהייב איז ניט געווען — ניט דאָס וואָרט, ניט די
קראַפט, ניט דער טאַט, ניט קיינזאַך, וואָס עס וויל פאַאוסט:
ס׳איז געווען די איראָניע, די איראָניע, בנוגע צו וועלכער
מען קען אָנווענדן מעפיסטאָס ווערטער בלויז מיט דעם שינוי:

«Ich bin die Kraft,
Die stets das Gute will und stets das Boese schaft».

די איראָניע די ריזיקע, ווי גאָט, און טרויעריקע, ווי דער טויט.

אין דערדאָזיקער העצע אָבער, אין וועלכער דאָס אומגליק
איז פלינקער, געשיקטער און אומדערמידלעכער פון מענטשן —
קומען זיי זיך צונויף, ווי וועלף, בעת אַ פאַרפלייצונג פאַרגיסט
דעם וואַלד און זיי קראַפּירן מיט די ציין איבערן וואַסער...

אין דעם קאַמף פון לעבן, וואו מענטשן, ווי פאַרוואונדע־
טע אויפן שלאַכט־פעלד, דריקן זיך איינס צום אַנדערן, כּדי זיך
צו העלפן, איז ער אַליין, איינער אַליין, מיט יאוש פון אַ סאָל־

דאַט, וואָס איז פאַרוואונדעט אויף אַ ווייטן פאָסטן, אויף אַ פאַרלאָרענער פאָזיציע—ער איז אַליין...

האַ, ניין! האַ, ניין! ס׳זיינען דאָך געווען הענט, וואָס האָבן געבלאָנזשעט אין עקסטאַז איבער זיינע האָר, האַלז און געזיכט, ס׳איז דאָך געווען אַ האַרץ, וואָס האָט זיך צו אים געדריקט אַ קלאַפנדיקס, ס׳זיינען געווען דאָך ליפן, וואָס האָבן אים געזאָגט, אַז זיי האָבן אים ליב „דאָס לעבן“, ס׳איז געווען אַ פרוי, וואָס האָט אים געזאָגט, אַז אָן אים „וויל זי ניט לעבן“...

ער איז אַלזאָ ניט אַליין און דאַרף ניט שרייען בהינם „אַ קיניגרייך פאַר אַ מענטשלעך האַרץ!“ — — ער האָט עס. ער האָט אַ יונג, ריין, גוט און שיין האַרץ — — עס פעלט דאָ בלויז איין זאַך — — גליק. און דאָס דאָזיקע אומבאַוואוסטזיניקע, צנועהדיקע, רייניע און הייליקע מיידל מיט דעם דרעמלענדיקן פייער אין איר בלוט...

בעת עס בלייבט שוין קיינזאַך ניט, בלייבט נאָך די הנאה פון די חושים... אַראָפרייסן פון דערדאָזיקער סטאַטוע פון פלאַמענדיקן זילבער דעם ווייסן שלייער, וואָס איז פון אייז־פעדים געמערעזשעט, מיטרייסן זי, ווי לערמאָנטאָווס דעמאָן און אַוועקטראָגן, אַוועקטראָגן אין אָפגרונד, אין פינסטערן, מיט שטערן פאַרזייטן אָפגרונט פון תענוג. זען אין פייערן דידאָזיקע וועסטאַלקע מיט נימפיש בלוט, וואָס פאַרשיכורן מיט זון, מיט מירטן־ריחות און געקלאַנג פון אַפאָלאָנס פיילן...

האַ! ס׳אַר אַ פראַכטפול שפיל! ווי אין האָרן פון חרוב מאַכנדיקן טריאומף אַ בלאָז טאָן מיטן מלאך המות, און פון עליאַ ראָסיענסקאָס נשמה־האַרפע אַרויסרייסן טענער, ווי פלאַמען, אַרומפלעכטן זיך מיט אירע מחשבות, ווי מיט סטענגעס פייער, שאַפן אַרום זיך פון איר ליבע אַ ווילדן ווירוואַר, ווי פון בלאָ־גאָלדערנע פונקען, טאַנצנדיק, פינקלענדיקן, אין פראַכטפולן ווירוואַר, וואָס פאַרבלענדט די אויגן, פאַרטונקלט דעם מוח, פאַרכאַפּט דעם אָטעם און נעמט אַרום פון השתוממות און אימה... און פאַרגעסן אָן אַלעם!

און דערנאָך?...

Vogue la galère!

הינטער אים אָבער איז געשטאַנען די ווייסע מאַרמאָרנע סטאַטוע פון מלאך המות, אַ בולטער אויסדרוק פון דער איראָניע פון זיין לעבן, דער קאַלטער, רואיקער, ניט גערירטער אויסדרוק פון איראָניע, וואָס האָט קאָנסעקווענט ארויסגעריסן מיטן וואָרצל אין אים אַלץ, וואָס עס איז געווען גוט און אַזוי אים אַ דריק געטאָן — אַז ער זאָל זיך פייניקן מאָראַליש און פיזיש. דאָס, וואָס עס האָט געזאָלט זיין דער אָנהייב פון זיין לעבנס־גליק, איז געוואָרן דער אָנהייב פון זיין אומגליק: די ליבע, דידאָזיקע קראַפט, וואָס דאַרף מאַכן גע־בוירן בלויז גוטס, האָט פאַר אים געבוירן בלויז שלעכטס, מיט דער גאַנצער מוטוויליקער און שרעקלעכער קאָנסעקווענץ פון שלעכטע מעשים, וואָס מוז אַלס פועל־יוצא ברענגען שלעכטס און ער איז אומגעקומען, ווי נעראָנס אַ קרבן צווישן בלומען, ווייל ליבע איז די בלום פון לעבן.

שלוס.

דרעווסקיס ווייס געוואָרן, שטייף געזיכט האָט אָנגעהויבן אַלץ אָפּטער זיך וואַרפן רדזאַוויטשן אין די אויגן אַריין. דעם מענטש איז שלעכט געווען, האָט ער זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל באַפרייט פון יעדן בייז. מיט די הענט אין די טאַשן, מיט אַן אַראָפּגע־האַנגענעם קאָפּ איבער דער שטול, איז ער געזעסן אַ רואיקער, אומבאַוועגלעכער, העכער פון אַלץ אָדער גאָרניט לגבי אַלץ, אָבער פאַר קיין זאַך ניט צוטריטלעך, אומדערגרייכלעך; אויף די ליפּן האָט ער געהאַט אַ ביסל שוים, אויפן שטערן קאַלטע און פאַרגליווערטע הויט, וואָס מאַכט אַן איינדרוק פון אַ גלי־טשיקן ביין. ער איז אַוועק...

עס זיינען אים ניט נאָכגעגאַנגען, ניט זיין דלות, ניט זיינע דערנידעריקונגען, ניט קיין שום שלעכטע פאָרגעפילן, ניט קיין אינערלעכע בושה, ניט קיין מורא פאַרן עתיד. ער איז אַוועק און זיך באַפרייט, זיך אַרויסגעריסן פונם לעבן, ווי פון די אָרעמס פון אַן אַכטפוס, מיט וועלכע ער כאַפּט אַריין, בינדט, זויגט זיך איין, שטיקט, טויט אַוועק, איידער ער דערלאַנגט דעם לעצטן קלאַפּ מיט זיין שאַרפן שנאָבל. ער האָט זיך באַפרייט...

ווען דרעווסקין האָט אָבער גוט געזאָגט טענזשעל, אַז עס איז לחלוטין קיין קונץ ניט זיך צו נעמען דאָס לעבן, בשעת איינער האָט פאַרן טויט ניט קיין מורא. דרעווסקי האָט באמת דערפאַר ניט מורא געהאַט. דער טויט, ווען מען קוקט אים פון דער נאָענט אין די אויגן אַריין, איז ניט שרעקלעך. מען דאַרף בלויז האָבן אַ רגע צייט אַריינצוגיין אַהין, און דאָרט איז דאָ עפּעס אַזוי אומגעהייער פרעמדס...

און דערפֿאַר האָט רדזאַוויטש אַוועקגעלייגט דעם רעוואָלווער און אַפֿילו בעת ער פֿלעגט זיין שטאַרק צערייצט, האָט ער אים באַהאַלטן אונטערן שליסל, און דעם שליסל האָט ער נאָך באַהאַלטן אונטער אַ צווייטן. ער האָט געפּרובט זיך צוגעוויינען, צוגעלייגט פֿון צייט צו צייט אויף גאַנץ לאַנג די לופּע צום שטערן, ער האָט זיך אָבער בלויז צוגעוויינט צו איר קאַלטער און קאַנטיקער פֿאָרם; צו דעם, וואָס האָט געדרעמלט דאָרט אינעווייניק—ניט. אינם דאָזיקן שמאָלן, שוואַרצן, רערפֿאָרמיקן חלל, האָט געדרעמלט דער שטילער, באַהאַלטענער טויט, וועלכער איז ענלעך געווען צו אַ קליין מיידעלע, וואָס שלאָפֿט אונטערגעשפּאַרט די האַנט צוקאָפּנס, צווישן בלומען און גרויסע בלעטער. דער טויט איז אין דעמדאָזיקן שטאָלענעם רערל געווען אַזאַ שטילער, אַזאַ באַהאַלטענער, אַזאַ אומשולדיקער — — אַז ס'איז כמעט שווער געווען צו גלויבן, אַז אַזוי איז עס... און דאָך איז גענוג געווען בלויז איין דרוק צו טאָן מיטן פֿינגער, אַז דאָס שמאָלע, שוואַרצע, רערנפֿאָרמיקע לאָך זאָל אַנטהאַלטן אין זיך די אימה פֿונם וואָרט: דזשומע אָדער מלחמה — און דאָס קליינע מיידעלע, וואָס שלאָפֿט צווישן בלומען און בלעטער, זאָל מגולגל ווערן אין אַ קאָלאָסאַל שרעקלעכסט געשפּענסט, וואָס צעטרעט די וועלט משׁשׁת ימי בראשית, און איז פֿאַר איר אַ סכּנה עד סוף כּל הימים.

רדזאַוויטשן איז וואָס אַ טאָג דאָס לעבן געוואָרן אַלץ שווערער. מאַריאַס חתונה האָט געזאָלט פֿאָרקומען אין אַ שעה אַרום.

אין אַ שעה אַרום האָבן טרעגערס געזאָלט קומען נאָך דעם מלאך המות; וואוהין אים צו טראָגן, האָבן זיי נאָך ניט געוואוסט. זיי האָבן געזאָלט אים אַוועקטראָגן צום טויער פֿון הויז, אין וועלכן ס'האָט געוואוינט די פּאָזשעלסקאַ, וואו מאַריאַ האָט באַדאַרפֿט זיך אומקערן פֿון קאָסציאָל. די סטאַטוע אין טויער האָט געזאָלט זי באַגריסן, בעת זי וועט זיך אומקערן פֿון דער חתונה, האָט באַדאַרפֿט איר ווייזן זיך אַזוי, ווי זי איז... דערנאָך?...

ביי דער פראַגע איז רדזאַוויטשן פינסטער געוואָרן אין די אויגן.

דערנאָך — אָדער עס וועט געשען עפּעס שרעקלעכס, וואָס ער האָט בולט זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלן, אָדער ער וועט ניט קוקן אויף קיין זאַך, ניט אויף קיין עלטערן, ניט אויף איר אַליין, ניט אויף פרוי לאַאורא, און זיך באַמיען צו מאַכן עליאַ ראָסיענסקאַ פאַר זיין געליבטע. מיט אירע ברוסטן וועט ער זיך פאַרשטעלן דאָס לעבן, אין איר ליבע וועט ער זיך פאַרזינקען ווי אין אַ חלום. אַ פרוי קען אין לעבן זיין די גרעסטע לאַקונג, זי קען אָבער אויך זיין דער לעצטער מקום מקלט. דעמאָלט, ווען ס׳בלייבט שוין גאָרניט, בלייבן נאָך די חושים; דעמאָלט איז אַ פרוי, ווי בראַנפן. מען זוכט זי ניט לשם תענוג, מען פאַרטויבט בלויז מיט איר דעם באַוואוסטזיין. פאַר אַ אינערלעך חרובן מענטש איז אַ פרוי ניט קיין גליק, ניט קיין הנאה: זי איז שיכרות. ראַלאַ פאַרשיכורט זיך מיט איר פאַרן נעמען זיך דאָס לעבן; העליאָגאַבאַל האָט אַרויסגעכאַפּט פריסטערינס פון די טעמפּלען אַרויס, הגם ס׳זיינען אין רוים געווען שענערע פרויען.

און דערנאָך?

דערנאָך אָדער עס וועט ווידער געשען עפּעס אַ קאַטאַ־סטראָפע, וואָס מ׳קען זיך בולט ניט פאָרשטעלן, אָדער — —

Vogue la galére!...

און דערנאָך?...

דאָס שוואַרצע, שמאָלע רערפאָרמיקע לאָך פון דער רע־וואָלווער־לופע האָט תמיד געהאַט אין זיך אַ שרעקלעך שווייגן. דאָס פאַרשאָלטענע דרעמלען פון טויט. דער שרעקלעכער חלום פון טויט! ווען עס זאָל ניט געווען זיין אַזאַ שטילע, אַזאַ פינס־טערע, אַזאַ רואיקע און טויבע, ווען ס׳זאָל געווען גיין מיט אַ גערודער, אַ געשריי, אַ געפּילדער, אין אָרגיע פון פייער־ליכט, פון קאָלירן, מיט געקאַך און גערויש, אַ ווילדע, אַן אַכזריותדיקע, אַ בלוטיקע, אַ אומברחמנותדיקע, אַ שטאַרקע און נייטיקע — און ניט זי זאָל דרעמלען שטיל אין דער לופע פון רעוואָלווער, ווי אַ קליין מיידעלע די האַנט אונטערשפּאַרט צוקאָפּנס, צווישן

בלומען און גרויסע בלעטער, — וואָלט מען געקענט זי ניט וועקן.

רדזאַוויטשן איז אָבער וואָס אַ מאָל שווערער געוואָרן צו לעבן ...

ווען ער זאָל קענען אָפּט צו זיך קומען, אָפּשטופּן פון זיך אַלץ, אַנטלויפן אין דער וועלט אַריין... מיט עטלעכע טאָג צוריק האָט ער אָפּגענומען אַ בריוו פון סטאַסלאַווסקין, וואָס האָט אים געבעטן קומען צו זיך אין דאָרף אַריין אין גאַליציע, קלעפּן אַ מאַדאָנע פאַר דער קאַפּליצע, וואָס מישיאַ, וועלכע איז שוין איצט געווען זיין פרוי, האָט מנדב געווען,—און דערביי אויפן האַרציקסטן אופן אים פאַרבעטן צו זיך אויף אַ גאַנצן זומער. רדזאַוויטש האָט ניט געוואוסט, אַז דאָס איז געשען דורך לאַאוראַ פּושערוויץ, וואָס האָט געשריבן צו סטאַסלאַווסקין, אַז רדזאַוויטש איז אין אַזאַ מצב, אַז מען מוז אים ראַטעווען און דער איינ־ציקער וועג דערצו איז, סטאַסלאַווסקי זאָל דורך אַן אויסרייד כלומרשט מאַכן אַ באַשטעלונג, אים אַראָפּנעמען צו זיך און פאַרהאַלטן ווי לאַנג ס'וועט זיך לאָזן. פרוי לאַאוראַ האָט דידאָזיקע זאַך געטאָן גאַנץ פריי, מחמת סטאַסלאַווסקי האָט שוין מיט עטלעכע וואָכן צוריק אין לעמבערג חתונה געהאַט מיט מישיאַן.

ער האָט עס געטאָן צוליב די פּויערים, צווישן וועלכע ער האָט זיך באַזעצט, און וועלכע זיין לעבן מיט איר אויף וואָרט וואָלט געווען פאַרדראָסן און עס וואָלט אים באַשווערט צו פאַרווירקלעכן זיינע כוונות. סטאַסלאַווסקי איז נאָך זיין פעטערס טויט גע־וואָרן דער יורש פון אַ קאָלאָסאַל פאַרמעגן און איז אַוועק קיין גאַליציע עס איבערנעמען. אין וואַגאָן איז געשען אַ פאַקט, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן אויף אַ נייעם וועג אַ שטויס געטאָן. אַחוץ אים האָבן זיך אין קופּע געפונען עטלעכע עלטערע און יונגערע גאַליציאַנער ערד־באַזיצער, וואָס האָבן גערעדט וועגן דער פּוי־ערים־פראַגע און סוף־כל־סוף געקומען צו אַ הסכם, אַז צוליב דער טבע פונם פּוילישן פּויער, הייסט יעדע מי, יעדע אַרבעט און קרבן, וואָס ווערט לטובת אים געבערענגט, פּשוט אַרויסוואַרפן דורכן פענסטער צייט, געזונט און געלט; ס'איז אַן אומדאַנקבאַ־

רער מאַטעריאַל, וואָס גיט זיך ניט אונטער, פון וועלכן עס לאָזט זיך גאָר־ניט מאַכן, אָן וועלכן עס ווערן אַלע גוטע כּוונות צע־קלאַפּט און וועלכן מען קען בלויז מיט איין זאַך נאָך האַלטן אין צוים: מיט דער בייטש. וועגן דעם, אַז די באַציִאונג צווישן הויף און פּויער זאָל זיך ווען עס איז לאָזן פאַרריכטן, האָבן די פּריצים אַפילו ניט דערמאָנט. דער ניט גלויבן און שלעכטער ווילן פון די פּויערים, דער אומצוטרוי צו דער שליאַכטע, די שנאה צו איר, דאָס אויער, וואָס לאָזט זיך לייכט אָנריידן מצד דעמאָקראַטישע אַגיטאַטאָרן און קודם כּל די איבערגעכאַפּטע אין דער מאָס אַבסורדאַלע תּביעות און שטרעבונגען זייערע, מאַכן אוממעגלעך יעדע טעטיקייט אויפן דאָזיקן געביט. דער פּויער וויל שוין מער ניט זיין אַזאַ פּויער, ווי ער איז געווען פון דור דורות, ווי גאָט האָט אים באַשאַפן און ווי דאָס טראַדיציאָנעלע און רעגירונגס־רעכט וואָלט אים וועלן זען: ער רייסט זיך אַפּער פון אונטער די תּקנות, פון אונטער דעם status quo. ער וויל שאַפן אַ נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג און נאַטירלעך אום־ברענגען די איצטיקע. אַלע גוטע פּרובן מצד דער שליאַכטע ווערן צעקלאַפּט אָן דער אומדאַנקבאַרקייט און עקשנות פון דעם מאַטעריאַל; אַז עס לאָזט זיך גאָרניט מאַכן... ער איז אַ היצעל...

סטאָסלאַווסקי האָט אין דעם שמועס קיין אָנטייל ניט גע־נומען; ס׳האָט אָבער געמאַכט אויף אים אַ גוואַלטיקן רושם און ער האָט באַשלאָסן צו איבערצייגן די שליאַכטע, בשכנות מיט וועלכער ס׳האָבן זיך געפונען זיינע געירשנטע נאָכן פעטער גי־טער, אַז דער פּוילישער פּויער איז אַ דאַנקבאַרער און אונטער־געביקער מאַטעריאַל, מען דאַרף בלויז האָבן אַ האַרץ בעת מען נעמט זיך פאַר דעם חומר און אַז עס וועט זיך אַ סך לאָזן אויפטאָן, מען דאַרף בלויז צו דער אַרבעט צוגיין מיט שׂכל.

אין צוויי וואָכן אַרום האָט סטאָסלאַווסקי חתונה געהאַט מיט מישיאַן און ער האָט זיין זעקסוואָכיק זינדעלע געחזרט איבערן וויגל: „אויב איך וועל זיך די הענט ביז די עלנבויגן אויסאַרבעטן, זאָלסט דו זיי דיר אויסאַרבעטן ביז די אַקסל! — אויף וואָס זיין זינדל האָט אים כּסדר געענטפערט „בלואַ״

רדזאַוויטש האָט סטאָסלאַווסקין אויף זיין בריוו קיין תשובה ניט געגעבן, ער האָט אים כמעט ניט פאַרשטאַנען; פאַר די אויגן זיינע האָט זיך פון טאָג צו טאָג אַלץ אָפטער דורכגערוקט דרעווסקיס ווייסגעוואָרן און שטייף געזיכט און אינעווייניק אין דער נשמה האָט ער וואָס אַמאָל קלאָרער געפילט, אַז ס׳איז אים שווער צו לעבן.

וואָס וועט געשען, ווען מאַריאַ וועט דערזען דעם מלאך המות! דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט טענזשעלן, אַז זי וועט דערפון ניט שטאַרבן, און וועט נאָך זיין צופרידן, ווייל ס׳איז אַ נייע „רעקלאַמע״, האָט ער געוואוסט אַז איז בלויז ווערטער.— וואָס וועט געשען?... וואָס נענטער עס איז געוואָרן די רגע, ווען דידאָזיקע צוויי פרויען, איינע אַ מאַרמאָרנע האַלב־נאַקעטע, וועלכע טרעט מיט אַ באַוועגונג פון אַ העטערע אַ מענטש, וואָס איז פאַרדעקט מיט אַ פלאַשטש; די צווייטע, וואָס קערט זיך אום פון איר חתונה, אָנגעשפאַרט אויף קאָלאָליאַסקיס אָרעם, האָבן זיך געזאָלט טרעפן פנים אל פנים,—אַלץ אַ גרעסערע אומרו האָט אים באַהערשט. וואָס וועט געשען? וואָס וועט זיין?...

מילא, וואָס עס וועט מיט אים געשען, איז אַ קלייניקייט. דער ברייטער עולם איז אים אַזוי פיל אָנגעגאַנגען, וויפל אַ שטיק גראָ ליים. בפרט, ווען ער איז טיף געווען איבערצייגט, אַז ער איז מער ניט ווערט. די מיינונג פון איין לאַוראַ פזשערוויץ האָט אים געשראָקן. ווי וועט זי עס באַנעמען, אַז עפעס אַ בייזע קראַפט האָט פון זיין נשמה אַרויסגעריסן דעמדאָזיקן מאַרמאָרנעם געשריי? אָבער ניין, זי דאַרף דאָס בעסער פאַרשטיין. זי האָט דאָך אויך אַמאָל אָפגעשטויסן פזשערוויצן און ער איז אויך געווען משוגע פון יסורים, און דאָך איז ביי אים בלויז איבערן קבר פון גלויבן און האָפענונג די ליבע געבליבן פאַרגליווערט שטיין. פזשערוויץ איז פונקט ווי ער געפאַלן, ווי ער מיטן פוס פון אַ פרוי אויף זיין ברוסט, און פונקט אַזוי אָן שום תקוה אויפצושטיין, נאָר פריילין לאַוראַ אַרקאָווסקאַ האָט זיך נאָכדעם אָפגערוקט אָן אַ זייט פון דער וועלט מיט איר גאַנצער יונגקייט און פרישקייט, מיט אַ ווייטאָג אין האַרץ, אַז זי האָט עמיצנס לעבן

צעבראָכן — און פריילין מאַריאַ טיזשעוויעצקאַ וואָס... איז זי דען ניט אַזוי, ווי דער מלאך המות, איז עס דען ניט זי?! און ער מוז וועלן, זי זאָל זיך זען, ער מוז, ער מוז, ער מוז!

ס׳איז אַזוי, ווי עפּעס אַן אומבאַגרייפלעכע, שרעקלעכע תּאווה אַריינצושטעכן אַ מעסער אין דער שוועסטערס אָדער ברו־דערס האַרץ וואָלט אים געשטויסן...

מענטשן וועלן קומען באַשיצן מאַריאַן, מ ע נ ט ש ן וועלן זי פון אים באַשיצן, זיי וועלן פילן זייער רעכט, זייער ח ו ב עס צו טאָן! מ ע נ ט ש ן! אָ, איראָניע פון לעבן!... אירע פּאַרע־רער, איר לייבגוואַרדיע און די אַלע, וואָס האָבן געזיפצט צו איר פון דער וויַיטנס אויפן געיעג־פּלאַץ, וועלן מסתּמא אַרויס־ציען ניט זייערע שווערדן, ווייל דאָס איז אַ צווייזייטיקער קאַמף, נאָר לכל הפּחות זייערע אייגענע פעדערס אָדער פון זייערע פריינד, כּדי „צו שטעמפּלען דעם טאַט, וואָס ברענגט אומכּבֿוד דער קינסטלערישער וועלט!" זיי, די כּנופיה, זיי, וואָס וואָלטן אַלע צוזאַמען ניט מסוגל געווען זי אַזוי ליב צו האָבן, ווי ער איינער, און פּאַר וועלכע זי וועט תּמיד זיין בלויז און איז גע־ווען אַ זאַך פאַר זיפצן אין סאַלאָן אָדער אויפן געיעג־פּלאַץ! — אין זייערע אויגן וועט דער מלאך המות קודם כּל זיין „אַ סקאַנ־דאַל"! אַ המונדל, פאַר וועלכן מאַריאַ איז געווען, איז און וועט זיין אַ שטערן אויפן הויכן הימל.

ווי די מעשה זאָל ניט זיין, וועט ער אין לאַנד ניט קענען בלייבן. מאַריאַס גאַנצע משפּחה, אַלע זייערע באַקענטע און באַקענט־סטע וועלן זיין אויסער זיך פון דעם אומדערהערטן פאַקט, און זיי וועט נאָכגיין דער גאַנצער ווייטער און ווייטסטער כּלל פּרויען, ראשית כּדי בכלל נאָכצוגיין נאָך פּרויען, שנית, ווייל צו יעדן מענטש, וואָס הייבט זיך מיט עפּעס אויף העכער פון זיי, פילן זיי אַ קנאה־שׂנאה, וואָס וואַרט בלויז אויף אַ געלעגנהייט צו קענען אויסשיסן.

איבערטראָגן דאָס, וואָס עס האָט געקאָנט אַרויסרופן דאָס עפנטלעכע באַווייזן זיך פון מלאך המות, האָט רדזאַוויטש פּשוט קיין כּוח ניט געהאַט: ער איז צו קראַנק געווען.

צו וואָס עס איז שוין דערגאַנגען!...

פון זיין גאַנץ גלויבן, פון אַלע זיינע האָפענונגען, פון אַלע זיינע ליבעס איז געוואָרן אַש און רויך. דאָס לעבן קען אים שוין קיין זאַך ניט געבן, ער פאָדערט דערפון קיינזאַך ניט, ער וואַרט דערפון קיינזאַך ניט, און ער האָט קיינזאַך ניט ליב. ער האָט שוין מאַריאַן אויך ניט ליב. זיין האַרץ איז ווי אַן אָפּגעברענטער סטעפּ. זיין נשמה, ווי אַ צעשמעטערט הויז—ער איז אַ געשטאָרבענער.

ער איז געשטאָרבן בעת ער האָט דאָס לעצטע מאָל אַוועקגענומען די האַנט פון מלאך המות. כּל־זמן ער האָט אַרום אים געאַרבעט, האָט ער געלעבט מיט דער היץ. ער האָט וועגן קיינזאַך זיך קיין חשבון ניט אָפּגעגעבן, און וואָס נעענטער ס׳איז געוואָרן צום סוף פון זיין אַרבעט, אַלץ פינסטערער איז אים געוואָרן אין די צעפּלאָמטע אויגן. בעת די לעצטע שאָל מאַרמאָר איז אָבער אַראָפּגעפאַלן און זיין ווערק איז געווען פאַרענדיקט, זיינען רדזאַוויטשעס הענט הענגען געבליבן און ער איז עפּעס אין אַ טיפעניש אַריינגעפאַלן. איצט האָט ער אַליין שוין ניט געהאַט וואָס צו טאָן, ער האָט זיך בלויז געקענט לאָזן אַוועקטראָגן אויף דער כוואַליע פון לעבן, אָדער זיך פון איר אַרויסרייסן, ווי דרעווסקי.

ער האָט דעמאָלט אויך פאַרשטאַנען, אַז עס זיינען פאַראַן צושטאַנדן פון דער נשמה, בעת דער מענטש אַליין שרעקט זיך אין זיי אַריינצוקוקן. אַ טייל קענען אָפּשרעקן פאַרברעכנס, אַנדערע מפּלות, אַנדערע ווידער פאָרגעפילן; אים האָט געשראָקן דאָס בילד פון שרעקלעכער חורבה, וואָס איז געוואָרן אין זיין נשמה. אין וואָס זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן זיינע שעפערישע אויפברויזן, זיינע שטרעבונגען און זיין מאַכט! פון דער רגע אָן, וואָס ער האָט דאָס לעצטע מאָל אַוועקגעלייגט די אָל, האָט ער דערפילט, ווי זיין שאַפונגס־קראַפט איז אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן און ער האָט געקוקט אויף זיין מאַרמאָר, ווי אַ פרעמדער מענטש, געוואוסט, אַז דאָס האָט ער אויסגעהאַקט, אָבער ניט אָפּגעגעבן זיך קיין חשבון, ווי אַזוי, ווי ער וואָלט ממש פאַרגעסן דעריבער. ער וואָלט איצט ניט בכּוח געווען אַפילו קיין איין שיכט אָפּטעסען,

קיין איין קאַליר־פלעק אויף דער לייוונט צו מאַכן. אין איין רגע האָט ער זיך איינגאַנצן אויסגעוועפּט.

צוזאַמען מיטן געפיל, אַז זיין שאַפונגס־מאַכט האָט אים פאַרלאָזן, האָט ער דערפילט, אַז זיינע לעבנס־כּוחות האָבן זיך לחלוטין אויסגעלאָזט. איצט, בעת ס׳איז אים פּשוט שווער געווען אַראָפּצוגיין פון זיין דירה אין גאַס אַריין, האָט ער ניט געקענט פאַרשטיין, ווי איז ער בכּוח געווען צו האַלטן דאָס העמערל און די אָל אין האַנט, ווי האָט ער געקענט, אַן אויסגעשעפּטער און כּמעט פאַרחלשטער, איבערשאַפן זיך אַליין אין כּוח־הדמיון, די רגע, ווען ער האָט מיט איין קלאַפּ אויפגעוואָרפן אויף דער טאָוול ריזיקע קאָמפּאָזיציעס און פון שטיינערנע בלאָקן אַרויסבאַ־קומען געשטאַלטן, אַ מעכטיקער ווי אַ גאָט.

ווי אַטילאַס פערד, וואָס נאָך די טריט פון זיינע טלאָען ווען עס פלעגט פלעגט דורך פעלדער איז קיין גראָז ניט גע־וואַקסן, — איז דורך דורך זיין לעבן דער מלאך המות.

און דאָס איז זי, דאָס איז זי, מאַריאַ, מאַריאַ.

ער האָט זי פאַרלאָרן, פאַרלאָרן מענטשן, פאַרלאָרן זיך אַליין, ס׳איז אים קיינזאַך ניט געבליבן, קיינזאַך ניט, אַחוץ דער פינסטער געדעכעניש פון עבר און דער מאָרגן, אַ כּאמת שוואַרצער, ווי דער קבר.

און דאָס אַלץ דורך איר, אַלץ דורך איר.

דאַרף זי דען איצט ניט קומען, זיך שטעלן פאַר אים אויף די קני, אַ קוק טאָן אים מיטן גאַנצן צער אין די אויגן, מיט דער גאַנצער ליבע און אַ מורמל טאָן: „קליינער", ווי אַמאָל, ווי דעמאָלט, ווען זי האָט געוואָלט אים איבערבעטן, מפּצה זיין? דאַרף זי דען ניט? ווי דערשראָקן זי וואָלט זיך, ווען זי זאָל אים איצט דערזען, די חורבה און שאָטן פון דעם, וואָס ער איז געווען און וואָס ער האָט געזאָלט זיין! אַ, ווען זי זאָל אים דערזען אַזעלכן... דאָס איז דאָך געווען איר אַרבעט, שולדיק צי אומשולדיק. אָבער אירע... מענטשן זיינען באמת ווי זאַכן אויף אַ שיף, שלאָגן זיך איינס אָן דעם אַנדערן, ווען עס געוועלטיקט דער שטורעם, און ער הוליעט און ברעכט אַ שרעקלעכער, גלייכ־

גילטיקער, אַנדערש פון אַלץ, וואָס ער נעמט אַרום, אַ פרעמדער, אומברחמנותדיקער עלעמענט, וואָס איז מיט קיינזאַך ניט פאַרבונדן און ניט נאָענט.

נאָך טענזשעלס אַוועקגיין האָט רדזאַוויטש מיט קיינעם זיך ניט געזען. ביי דער היימערט האָט ער אויפגעהערט צו זיין; דער איינציקער מענטש, מיט וועלכן ער האָט זיך געטראָפן, איז געווען לאַנאָווסקי. זיין געזעלשאַפט האָט ער געקענט פאַרטראָגן צוליב דעם גרויסן טרויער, וואָס דאָס ייִנגל האָט געהאַט אין זיך. איינמאָל ביינאַכט האָט לאַנאָווסקי זיך פאַרטרויט פאַר אים וועגן דער סיבה פון זיין מרה־שחורה: ער האָט געליטן אויף אַן אומאויסהיילבאַרע קראַנקהייט און די דזשאָנסלעס, מיט וועלכער ער האָט זיך געהיטן און וואָס האָט אים דערפירט ביז יאוש. ער האָט אַלץ געהאַט: פאַרמעגן, טאַלאַנט, אַלע באַדינגונגען צו זיין גליקלעך און דערביי געווען אַזוי אומגליקלעך ביזן מאַרך פון די ביינער. און בעת לאַנאָווסקי האָט גערעדט, האָט אים רדזאַוויטש אַוועקגעשטעלט אין דער גאַלעריי פון די לעבנס־קרבנות לעבן דרעווסקין און זיך, און פון דעמאָלט אָן דערפילט צו דעם בחורל עפּעס אַ קרובהשאַפט פון בלוט. זיי האָבן געהערט צו אַ ריזיקער געמיינזאַמער משפחה אומגליקלעכע, צו די, פון וועלכע עס באַשטייט דער גרעסטער טייל וועלט.

זיי האָבן אַ סך גערעדט וועגן טויט: לאַנאָווסקין איז דאָס לעבן קודם־כל אַ שאָד געווען דערפאַר, ווייל ער האָט געוואָלט ליב האָבן. דערווייל איז קיינזאַך ניט געווען פאַר אים אַזוי אומצוטריטלעך, ווי דווקא אַ פרוי. לאַנאָווסקי האָט קיינמאָל אַ פרוי קיין קוש ניט געטאָן. ער האָט פאַר קיין פעסט אַזוי ניט קיין מורא געהאַט, ווי פאַרן געפיל פון עקל און מיאוס, וואָס ער האָט געקענט אַרויסרופן ביי אַ פרוי. ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט קיינמאָל ניט קענען צולייגן זיינע ליפּן צו די ליפּן פון אַ פרוי— און מיט דער טראַגעדיע איז ער געגאַנגען אין לעבן, גאַרנדיק פון יאָר צו יאָר אַלץ מער אַ קוש און ליידנדיק אַלץ מער, אַזאַ יונגער, צוויי־און־צוואַנציקיעריקער מענטש.

דאָס ווידער, וואָס האָט אים פאַרמשפּט אויף דער קרענק, עפּעס העכערס ווי די מענטשלעכע קראַפט, האָט זיך אויפגעהויבן איבער אים הויך, ווי איבער רדזאַוויטשן אויף זיין פּאָסטאַמענט דער מלאך המות.

מאַריאַס חתונה האָט געזאָלט פאָרקומען אין אַ שעה אַרום. רדזאַוויטש איז געזעסן אין זיין אַטעליע, פילנדיק, אַז מיט דעם לעצטן כּוח זיינעם וועט ער געבן דעם באַפעל אַרויסצוטראָגן די סטאַטוע פון אַטעליע אַרויס, ווען די מענטשן וועלן נאָך איר קומען. דערנאָך...

ער איז געזעסן ביים טיש און געדרייט דעם רעוואָלווער אין האַנט, מאַשינאַל, ניט טראַכטנדיק וועגן טויט, ניט וועגן מאַריאַן, ניט וועגן זיך, אַ פאַרמאַטערטער און אָנמעכטיקער אַזש ביז אָן זינען; פּלוצלונג האָט עמיץ אָן אַ קלאַפּ געעפנט די טיר. רדזאַוויטש האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ — — אין דער טיר איז געשטאַנען עליאַ ראָסיענסקאַ.

— איר?! — האָט ער אויסגעשריען אַ פאַרחידושטער, אַ ריס טוענדיק זיך פון שטול.

— יאָ, איך — האָט זי געענטפערט שטיל, אָבער קלאָר.

די פאַרוואונדערונג האָט ביי רדזאַוויטשן אָפּגענומען דאָס לשון. זי ווידער איז געשטאַנען פאַר אים אין דער ניט פאַרמאַכטער טיר, אַ בלאַסע, ווי לייוונט, און עפּעס פאַרגליווערט.

— איר?! — האָט ער איבערגעחזרט אין אַ רגע אַרום. — איר?

— יאָ, איך.

דעמאָלט איז רדזאַוויטש צוגעגאַנגען צו איר, גענומען זי פאַר דער האַנט, צוגעלענט די טיר און אַריינגעפירט זי אין מיטן אַטעליע.

— פריילין עליאַ, ווייסט איר, וואָס איר האָט געטאָן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן, באַרואיקנדיק זיך נאָך דער פאַרוואונ-דערונג.

— איך ווייס.

— צו וואָס זייט איר געקומען?

אויף עליאַ ראַסיענסקאַס בלאַס, כמעט ווייס געזיכט האָט זיך באַוויזן אַ שאַרלאַך פלעק. זי האָט זיך אַ ביסל אַ וואַקל גע־טאָן, שטאַרקער אַריינגעאָטעמט לופט און געענטפערט:

— כ׳האָב באַדאַרפט קומען.

רדזאַוויטש האָט פאַרשטאַנען. ס׳האָט אים דער גאָרגל אַ דריק געטאָן, ס׳איז אים אין די אויגן פינסטער געוואָרן און ער איז אַנידערגעפאַלן צופוסנס ביי עליאַ, אָנשפאַרנדיק די ליפן אויף אירע שיכלעך. ס׳איז געווען די ווייטערדיקע כוואַליע פון דער פרויען־ליבע, וואָס איז אַזוי גרויס, אַז זי דריקט צו און בייגט איין, נעמט אַרום, ווי אַ ים, פאַרגיסט, פאַרשלינגט, שווענקט אונטער דעם באָדן אונטער די פיס, דערטרינקט און רייסט מיט, אַן אָפּגעלאָזטע פון דער צוים, אַ ברענענדיקע, ווילדע און הייליקע...

און ער האָט געקושט עליאַס קליינע שיכלעך, פילנדיק, אַז אַלץ אין אים ווערט פאַרוואַנדלט אין איין ריזיקער טרער פון צער, ווייטאָג און געריריטקייט. פלוצלונג האָט ער אויף זיינע אַקסלען דערפילט עליאַס הענט, וואָס האָבן באַמיט זיך אים אויפ־צוהויבן פון דער ערד און ער האָט דערהערט איר שטילע, אָבער קלאָרע שטים.

— הייבט אייך אויף.

און אירע קליינע הענט האָבן אים אויפגעהויבן, ווי זיי וואָלטן האָבן אין זיך די קראַפט פון אַ עלעמענט: רדזאַוויטש האָט ניט געפילט, אַז דאָס האָבן ניט זיי אים אויפגעהויבן, נאָר ער אַליין איז צו זיי צוגעקלעפּט געוואָרן מיט די אַקסלען, אַ מאַגנע־טיזירטער דורך דער קראַפט פון דער ליבע, וואָס איז גרויס, ווי דער ים און פונקט ווי ער סטיכעאיש.

— איר... — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן כמעט אַ פאַר־שיכורטער, אויפהייבנדיק זיין בליק אויף עליאַן — זי איז ווידער בלאַס געווען, ווי פריער: די אויגן אירע זיינען געווען טרוקן און געקוקט קלאָר און זיכער.

זי איז צוגעגאַנגען צום טיש, גענומען פון דאָרט דעם

רעוואָלווער, דערנאָך גענומען רדזאַוויטשן פאַר דער האַנט און זיך אָפּגערופן צו אים:

— קומט מיט מיר.

— וואוהין?

— כ׳ווייס ניט, קומט אַרויס.

רדזאַוויטש האָט זיך געוואַקלט: אין עליאַ ראַסיענסקאַס שטילער, רואיקער און געשטיקטער אָבער קלאָרער שטים איז געווען עפּעס אַ קראַפט, וואָס האָט אים באַהערשט.

— וואוהין? — האָט ער איבערגעחזרט.

— כ׳ווייס ניט, אַבי פונדאַנען. פון דעם טויט און פון דער סקולפּטור.

— ווער האָט אייך וועגן מיר געזאָגט? ווער האָט אייך געזאָגט וועגן דער סקולפּטור.

— קיינער ניט. כ׳ווייס גאָרניט. קומט מיט מיר אַוועק.

רדזאַוויטש האָט געמאַכט אַ שריט פאָראויס. עפּעס אַ מאָדנע געפיל האָט אים באַהערשט: ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פאַר־לירט דעם באַוואוסטזיין און אַז עפּעס אַ בלאָקייט הילט אַרום זיין קאָפּ.

— עליאַ — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן — וואוהין גייען מיר? אויף אַ ניי לעבן?

איר פּנים ווידער איז געוואָרן ווי אַ וואונדערלעכע מיס־טישע בלום, וואָס איז צו קיין ערדישע זאַך ניט ענלעך און זי איז געשטאַנען פאַר אים אַ שטילע און ווייסע. רדזאַוויטש האָט זיך דערמאָנט אָן מאַריאַס חלום; ער איז מקוים געוואָרן: צום שטאַרבנדיקן איז געקומען אַ פרוי און רייסט אים אַרויס פון טויט, אָבער די פרוי איז ניט מאַריאַ, ניט דער מלאך המות, וואָס ברענגט אום מיט זיין שיינקייט, נאָר דאָס שטילע און ווייסע מיידל.

ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן: דאָרט איז געשטאַנען יענע, אַ נאַקעטע, אַ טריאומפאַלע, אַ בלענדיקע, אָבער דער קאַמף צווישן דידאָזיקע פרויען איז שוין געווען פאַרענדיקט. רדזאַ־וויטש האָט זיך איינגעבויגן צו עליאַן און די ליפּן זייערע האָבן

זיך פאַראייניקט אין אַ שטילן, לאַנגן, אומבאַוואוסטזיניקן קוש, אין וועלכן הערצער און נשמות קושן זיך און פאַראייניקן זיך דורך די ליפּן. עפּעס אַ מין פרילינג־ריח און פרישקייט איז אַריינגע־שוואומען אין רדזאַוויטשס האַרץ און נשמה; דאָס צונויפגיסן זיך פון זיינע ליפּן מיט עליאַס ליפּן האָט אים עפּעס באַנייט, ווי מחיה מתים געווען?

— כ'האָב דיך ליב — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן.

זי ווידער האָט אים צוגעפירט צו דער טיר, זאָגנדיק: גיי, גיי...

— אויף אַ ניי לעבן... ווייט פון דאַנען...

פּלוצלונג האָבן זיך אויף די טרעפּ דערהערט שווערע טריט און עמיץ האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

— וואָס איז דאָס? — האָט אַ פרעג געטאָן עליאַ.

די טיר האָט זיך געעפנט און ס'האָבן זיך באַוויזן עטלעכע טרעגער אין בלאָע בלוזעס, צווישן זיי ווידער טענזשעל מיט אַ שטאַרק אויפגערעגט געזיכט. רדזאַוויטש האָט תּופס געווען דעם אויסדרוק פון טענזשעלס פּנים: ער האָט אַ שמייכל געטאָן און אויסגעצויגן צו אים די הענט. דערנאָך האָט ער זיך אויס־געדרייט, גענומען דעם שווערן שטיינערקלאַפּערישן האַמער, מיט וועלכן טענזשעל האָט אַרומגעהאַקט דעם מאַרמאָר און מיטן גאַנצן כּוח אַ זעץ געטאָן אין מלאך המותס קאָפּ: ער איז צע־שפּריצט געוואָרן אויף פּיץ־פּיצלעך. אין דערזעלבער רגע אָבער האָט ער דערפילט, ווי עמיץ וואָלט אים מיט אַ שווערד דעם מוח דורכגעשניטן, און ווי דערנאָך וואָלט אין אים אַ שטראָם פלאַמענדיקער לאַווע אַריינגעשוואומען. ער האָט זיך אַ דריי גע־טאָן, צעשפּרייט די הענט, זיך צוריקגעצויגן און אַנידערפאַלנ־דיק הינטערווייַלעכטס אויף דער סטאַטוע, זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ טויבן הילך מיטן שאַרבן אָן די מאַרמאָרנע פיס פון דער פרוי, וואָס אַנטבלויזט זיך.

אויף צומאָרגנס האָט די גאַנצע שטאָט גערעדט וועגן דעם פאַל און סקאַנדאַל. דער טאַלענטירטער סקולפּטאָר ראָמאַן רדזאַ־

וויטש, וואָס האָט באַקומען אַן ערן־דיפּלאָם אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג אין מינכן און איז אָנערקענט געוואָרן hors concours אויף דייטשלאַנד, האָט צעקלאַפּט מיט אַ האַמער דעם קאָפּ פון זיין לעצטער סקולפּטור, וואָס זאָל האָבן פאָרגעשטעלט זיין אַמאָליקע כלה, פריילין מאַריאַ טיזשוויעצקאַ, אין אַ סקאַנדאַליעזער פּאָזע. דערנאָך האָט ער געקראָגן אַ אָנפאַל פון משוגעת, אַזוי, אַז די טרעגער, וואָס זיינען באַשטעלט געוואָרן אויף אַוועקצוטראָגן די סקולפּטור אויף אַן אָרט, וואָס איז זיי נאָך ניט געווען אָנגעוויזן, האָבן אים געמוזט בינדן מיט שטריק, און דעם אומגליקלעכנס פריינד, אויך אַ סקולפּטאָר, אַ געוויסער טענזשעל, האָט אים אָפּגעפירט אין משוגעים־הויז, וואו ער איז פון נעכטן אָן כסדר אין פוריאָזן מצב. גלייכצייטיק האָט מען פונם אַטעליע אַראָפּגעטראָגן אַהיים אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד פריילין עליזאַ ראָסיענסקאַ, אַ טאָכטער פון אַ ערד־באַזיצער פון קרוין־פוילן. אין אַ שעה אַרום ווידער האָט אין קאָסציאָל פון הייליקן קרייץ פריילין מאַריאַ טיזשוויעצקאַ, וואָס איז באַרימט מיט איר שיינקייט און רייץ, אָפּגעגעבן די חתונה־שבועה דעם קניענדיקן לעבן איר חתן, הער קאָלאָליאַסקי פון אונטער קעלצק.

אומקערנדיק זיך פון אַלטאַר, האָט די יונגע אויסדערוויילטע צויבערדיק געשמייכלט צו די אַרומיקע באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, אַז פרויען האָבן אַזש פאַרביסן די ליפּן און מאַנסלייט האָבן מיט איין פוס געטראָטן אויפן אַנדערן. מען האָט געטאַנצט ביז טאָג. מאַריאַ האָט זיך אויפגעפירט ממש ווילד: איינער ביים אַנדערן האָט זי געריסן פון די הענט, און זי האָט זיך אָנגעלענט די טענצער אויף דער ברוסט מיט איר קלאַסישן ביוסט און געלאָזט זיך אַוועקטראָגן אַ חלשנדיקע.

— באָזשעווסקי?! — האָט איר איינמאָל אַ רוים אַיין געטאָן יאַדוויגאַ, אויסמיידנדיק זיך אין קאָנטרדאַנס.

— ער איז ניטאָ דאָ — האָט שנעל געענטפערט מאַריאַ. יאַדוויגאַ האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן.

אויף צומאָרגנס, בין השמשות, פאַרן אָפּפאָרן אין דאָרף אַריין, בעת מאַריאַ איז אַ פאַרמאַטערטע און מיט אַ געפיל פון

גרויס אומעט, געלעגן אויף דער קושעטקע מיט די הענט צו־קאָפּנס, האָט זיך פּלוצלונג געעפנט די טיר און יאַדוויגאַ איז אַרייַנגעפאַלן, שרייַענדיק: ווייסט וואָס ס׳איז געשען?!

— וואָס? — האָט מאַריאַ אַ פרעג געטאָן אַ באַאומרו־איקטע, ווערדנדיק אַביסל אויפגערעגט.

די סטושעליסקאַ האָט איר אָנגעהויבן לייענען אין „קו־ריער" די באַשרייבונג פון צופאַל מיט רדזאַוויטשן; זי האָט ניט געקענט ענדיקן — און זיך צעוויינט.

מאַריאַ האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט זי זיך קאַלט און גאַווהדיק אָפּגערופן: ער האָט מיך טאַקע משוגע ליב געהאַט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעגעבן, ווי פון זיך: ער האָט געהאַט אין זיך אַ געשטיקטע, אָבער עפּעס ווילדע לייַדנשאַפט... ער האָט דאָך געקענט זיין זייער באַרימט...

דערווייל האָט יאַדוויגאַ זיך אײַנגעהאַלטן פון גע־וויין און איבערגעחזרט, וואָס מען זאָגט וועגן מלאך המות, וועגן וואָס עס איז אין צייטונג בלויז געוועזן אַ קורצע נאָטיץ. מאַריאַ האָט זיך אַ ריס געטאָן פון קושעטקע, זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבן שרייַען:

— אַזאַ אויסוואורף! ווי האָט ער געוואַגט! מען זאָל אים שוין קיינמאָל פון משוגעים־הויז ניט אַרויסלאָזן! כלומרשט מיך ליב געהאַט! רעכט אויף אים! אַזאַ לומפּ!

— ער האָט דאָך דיך שוין ניט ליב געהאַט — האָט איר איבערגעריסן יאַדוויגאַ קאַלט, מען האָט ביי אים געטראָפן פרייליין ראָסיענסקאַ, וועגן וואָס מען שרייבט ניט, ווייל מען מאַכט דער־פון אַ סוד, ווי דער טענזשעל דערציילט, האָט ער געזאָלט מיט איר אַוועקגיין מיט זייער אַ גליקלעכער מינע פון אַטעליע און וועגן ניט די מעשה, וואָלטן די עלטערן —

— און דאָך בין איך געוועזן די לעצטע — האָט אַ זאָג גע־טאָן מאַריאַ שוין רואיק און מיט הנאה, און זיך ווידער געלייגט אויף דער קושעטקע מיט די הענט צוקאָפּנס.

און פאַר גווידאָ רעניס יסורימפולן קריסטוס, וואָס איז געהאַנגען איבער איר בעט, האָט פרוי לאַאוראַ פּושערוויץ, קניענדיק מיט אויפגעהויבענע אויגן צום בילד, געשעפּטשעט „קריסטוס! קריסטוס!” — ווייל ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אין עליאַ ראָסיענסקאַ, וואָס איז אין צווייטן צימער געזעסן ביים טיש, אָנגעלענט דעם קאָפּ אָן די הענט, איז די נשמה אָפּגעשטאָרבן.